STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03734

DRAY SHTET

Sholem Asch

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

וואַרשע

(צווייטער בוך פון „פאַרן מבול")

ראָמאַן

משה שמואל שקלאַרסקי

ניו־יאָרק, 1952

WARSHE
(Warsaw)

BOOK TWO

דאָס איז אַ פאָטאָגראַפישער־אָפדרוק פון דער אויסגאַבע,
וואָס איז אַרויסגעגעבן דורכ'ן „צענטראַל־פאַרבאַנד פון
פוילישע יידן אין אַרגענטינע", בוענאָס־איירעס, 1949

ערשטער טייל

קאַפּיטל 1

אַ פרימאָרגן

די האַרבסט־נעכט אין פּוילן זענען טינט־שוואַרץ. הימל און ערד ליגן אין דרויסן אין די אָרעמס צוזאַמענגעקנוילט און טוען־אָפּ פאַרבאָרגענע זאַכן, סודות פון דער יצירה...

אַז עס הייבט־אָן צו גראָען, שטייגט דער הימל פון דער ערד אַרויף און לאָזט־איבער אַ פרישן נישט־באַרירטן ווייסן פראָסט איבער ערד און פעלדער. פון די ביימער הייבן־אָן צו קאַפּען אומפאַרשטענדלעכע טראָפּנס. די וועלט שווייגט נאָך, — עס הערט זיך נאָך נישט קיין מרוק פון אַ בהמה. זי באַלאַנגט נאָך צו קיינעם נישט. זי איז ערשט נאָר־וואָס געבוירן געוואָרן אונטער דעם אויפשטייגנדיקן הימל און זי ליגט אויסגע־שפּרייט אַ געפונענע, באַהויכט מיט פרישן טוי, ווי אַן אונטערגעוואָרפן ניי געבוירן קינד...

עס הערן זיך פון די פעלדער אייזערנע קלימפּערן, ווי איינזאַמע וואַכער־טראָפּנס וואָלטן זיך פון פאַרוואָרפענע רינעס געגאָסן: דאָס פאָרן פון נאַכט־טאָג־גראָקייט אַרויס די ערשטע מילך־וועגן איבער די שטיי־נערנע ברוקן פון דער פראַגער פאָרשטאָט. עס קלאַפּן די מילך־קאַנען אי־נעם פרישן חלל און וועקן די שלאָפנדיקע וועלט אויף...

באַלד קומען פון נאַכט־טאָג־גראָקייט אַנדערע וועגן אַרויסצופאָרן אויף דעם שטיינערנעם ברוק. פורן מיט קעפּלעך קרויט, פורן אָנגעלאָדן מיט קאַרטאָפּלעס, וועגן מיט קאַסטנס אייער, וועגן מיט הינער־שטייגן, פעסלעך פלוימען, קוישן באַרנעס, באַליעס מיט לעזעלקעס, וואָס יידן און פויערן פירן פון דערפער און קליינע שטעטלעך צו דער גרויסער שטאָט

צו. עס ליגט נאָך דער פייכטער טוי פון די נאַכט-פעלדער איבער די פורן. פון די שטויסן היי, פון די שטרויענע געזעסן קוקן פליישיקע, גע־זונטע פּראָווינץ-מוידן ארויס, ווינטיקע רויטע פּויערשע פּנימער פון קאָ־לירטע טיכער. געפרוירענע יידן מיט פאַרבונדענע אויערן, דורכגעווייקטע פּויערים אין פאַרענדיקע שעפּסן-פּעלצן.

מידע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, באַגאַסן אין געפרוירענע אַנגסטן, קלאַפּן פערד מיט פּאַדקאָוועס אָן די האַרטע שטיינער פון ברוק. דאָס שלעפּט מען זיך איבער די פּראַגער גאַסן צו דער אייזערנער בריק, וואָס וואַרפט זיך מיט איר קערפּער אויפן וואַרשעווער ברעג אַריבער.

דורך די אייזערנע נעצן פון דער פּראַגער בריק דערזעט זיך שוין דער ווייסער מאָרגן-טוי, וואָס איז אויסגעשפּרייט ווי אַ פלאַכטע איבער הייזער-דעכער, אויף קירכן-שפּיצן אויף יענער זייט הויכן ווייסל-ברעג.

דאָס איז די שטאָט וואַרשע.

**
*

ביי הורוויצן, דעם לערער, איז נאָך נאַכט איבער דער וועלט. עס שרעקן ווי שדים די שטיקער מענטשלעכע קליידער, צעהאָנגען איבער די שטולן. אַ כאָר פון שלאָף-אָטעמס אין אַלע גאָמען הערן זיך פון די ווינק־לען ארויס. אַ וואַרימע שווערע נאַכט-לופט שטייט אין הויז פון אויס־געוואַרימטע לייבער און בעטגעוואַנט. די ערשטע, וואָס שטעקט די פּיס ארויס פון בעט מיט אַ פאַרשלאָפן פּנים נאָך, איז די באַלעבאָסטע. זי טוט דאָס מיט נישט-געהערטע און נישט-געזעענע באַוועגונגען, זוכט אויס אירע קליידער אין דער פינצטער, מיט זיך נישט אויפצוועקן דאָס הויז־געזינט. דער מאַן אָבער איז שוין אויף. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן צינדט ער אָן דאָס ליכט אויפן נאַכט-שענקל.

— צו וואָס? איך וועל אַזוי אויך זען.

— נאָך וואָס עפּעס אַזוי פרי? — בייזערט זיך דער מאַן אַ פאַר־שלאָפענער.

— ס'גייט צו ווינטער, מ'רייסט פון די הענט.

און איידער וואָס-און-ווען, פון דעם וואַסער-קראַן אין קיך הערט זיך אַ שטראָמל גיסן...

די פּאָר גילדן זענען אָנגעגרייט פון נעכטן. אַ גאַנצן טאָג ארומגע־

לאָפן צו די עלטערן פון די תּלמידים, פאַרלענגערן שכר־לימוד אויפמאָנען פאַרן מאַרק־טאָג. די טאָכטער האָט אויך בײַגעשטײַערט דאָס לערן־געלט פון איר שעה. עס האָט געזאָלט זײַן אַן אַנהײב אויף אַ װינטער־מאַנטל, נאָר עס האָט אַלץ נישט געקלעקט. מײלער זענען אַן עין־הרע דאָ אַ סך, און עס גײט אַ װינטער אַ לאַנגער און אַן אומברחמנותדיקער, כאָטש מיט קאַרטאָפּלעס זײַן באַזאָרגט; מיט אַ פּאָר פּעסלעך אײַנגעלײגט קרױט און מיט אַ קעסעלע פּאָװידלע.

אָנגעטון זיך אויף שנעל, האָט זי װי אַ דערפאַרענער מלחמה־מאַן, געװאָרפן אַן אױג אויף די קופּקעס שלאָפנדע אין די װינקלען. פלינק אין קאָפּ באַרעכנט װיפל נפשות זי האָט צו דערנערן, נישט װילנדיק געװאָרפן אַן אומפרײַנטלעכן בליק אויף דער טיר פון „בית־מדרש". „בית־מדרש" האָט זי אָנגערופן די שטוב, װעלכע זי האָט אָפּגעגעבן פאַר די בחורים, װאָס קומען פון דער פּראָװינץ צו איר מאַן, און װױנען פאַר אַ קלײני־קײט בײַ זײ. „װאָס זענען זײ שולדיק, אַז זײ װילן עסן?"

קײן סך צו קלערן האָט זי קײן צײַט נישט. עס ברענט אויף איר די הױט. „דאָרטן, אויפן מאַרק, מוזן שױן די װײַבער אױסקרײַסן די זעק פון די פורן. די געװעלבלעך־סוחרים קױפן אַלצדינג אויף". געכאַפּט דאָס טוך איבערן קאָפּ, אַ נעכטיקע זעמל אין מויל אַרײַן, די צװײ גרױסע קױבערס אויף די אָרעמס, און געלאָזט זיך פון די שטיגן אַראָפּ.

איר מאַן האָט דערװײַל צוריק נאָכט געמאַכט, אױסגעלאָשן דאָס ליכט און איבערגעצױגן איבער זיך די װאַרימע דעק.

אַ שלעפער געװען אַ שרעק, דער לערער הורװיץ. אָפּגעהיט זאָל מען װערן, אַז מ׳האָט אים אױפגעװעקט װען ער האָט געכאַפּט אַ דרעמל אין מיטן טאָג פון לעקציע צו לעקציע! נעכטן זיך אויך שפּעט געלײגט. אַרײַנ־געלאָזט זיך אין אַ װכּוח מיטן „זשאַבלינער" װעגן דער צוקונפט פון פּױלן. אַז עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן אַ װכּוח און נאָך דערצו איבער פּױלן — האָט שלמה הורװיץ שטענדיק געמוזט אַרױס דער זיגער און האָבן דאָס לעצטע װאָרט. אַז נישט װאָלט די װעלט אונטערגעגאַנגען...

דער „זשאַבלינער" (די יונגעלײַט האָט מען גערופן אויף די נעמען פון די שטעט, פון װאַנען זײ זענען געװען) האָט אים נעכטן גוט דאָס בלוט אױפגעקאָכט מיט זײַן אומװיסנהײט װעגן פּױלן, און װי תּמיד, װען מ׳קאָכט אים אויף מיט דער אומװיסנהײט װעגן פּױלן — זוכט ער טרײסט

אין מיצקעוויטשעס נביאישע ווערטער, אינעם דריטן טייל פון „דזשאדי״, וואָס א גאַליציאַנער אויסגאַבע האַלט זיך אויף ביי אים אין געהיים (צו־ליב דער געפאַר ביי א רעוויזיע די קאָנצעסיע אויף דער שולע צו פאַר־לירן). דאָס געשפּרעך האָט געדויערט ביז צוויי אזייגער ביינאַכט. און היינט שטייט־פאַר א שווערער טאָג. קיין איין מינוט נישט קיין צייט, פון לעקציע צו לעקציע, טרעפּ־ארויף, טרעפּ־אראָפּ, אָבער דער שלאָף איז שוין מער נישט געקומען. דער חוב האָט געמאָנט...

דער „חוב״ איז באַשטאַנען אין דעם פאַרשטייענדיקן עקזאַמען, וואָס ער האָט צו באַלייגן פאַר פיר קלאַסן רוסישע גימנאַזיע, אז ער זאָל האָבן דאָס רעכט צו האַלטן א פאָלקס־שול, אזוי ווי עס איז לעצטנס ארויס א גזרה אויף אַלע לערער. נאָך שווערער מי און גרויס פּראָטעקציע האָט מען אים דערוויי־ל דעם פּאַטענט נישט צוגענומען ביז צום עקזאַמען. ער, שלמה הורוויץ, וואָס האָט צו אכצן יאָר געהאַט היתר־הוראה פון די באַ־דייטנדסטע רבנים, געשמט אַלס עלוי איבער האַלב פּוילן; ער, וואָס ווען ער איז שוין געווען א פאָטער פון א קינד און נאָך נישט געקענט דעם „פּוילישן״ א. ב. צ. און דאָך אין א קורצער צייט אויסגעלערנט זיך דריי שפּראַכן, אָנגעהויבן מיט דעם, וואָס ער האָט זיך גאַנצע ווערטער־ביכער אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק; ער, וואָס פאַרמאָגט א גרויס וויסן אין פילאָזאָפיע, קאָן א מאַסע ווערטער פון פרעמדע שפּראַכן און ווייסט אַלע באַדייטנדע דאַטן פון דער וועלט־געשיכטע אויפן קאָפּ — דאַרף זיך איצט אָנהייבן לערנען אויפדאַסניי, ווי א ייִנגל.

וואָלט עס אָבער גאָרנישט אויסגעמאַכט. אילאָווייסקיס „רוסישע געשיכטע״ האָט ער אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. פאַר פיזיק, געאָ־גראַפיע, נאַטור־געשיכטע, מאַטעמאַטיק — פאַר דעם אַלעם האָט ער קיין מורא נישט. פאַרוואָס ער האָט יאָ מורא, איז פאַר א נאַריש קינדער־ליד. ער קאָן נישט ארויסברענגען די „יערי״ און די „אי״, ווען מ'באַנוצט דעם הארטן צייכן און ווען דעם ווייכן. אַלס פּוילישער פּאַטריאָט האָט ער, פאַרשטייט זיך, געפילט א שנאה צו דער ארויפגעצוווּנגענער רוסישער שפּראַך; ווי ער האָט נישט גערן געהאַט איר ליטעראַטור — האָט ער זיך דאָך באַין אופן נישט געקאָנט, צי נישט געוואָלט, געוווינען צו איר. זיין צונג האָט זיך אנטזאָגט ריכטיק ארויסצוגעבן א רוסיש וואָרט. די שפּראַך איז געוואָרן אויסגעקנאָטן צווישן זיין צונג און זיינע ציין. א פּלאַטשיק

טייגל. ער קאָן זי בשום אופן נישט איינבייסן. ער ווייסט אָבער, אַז דער אינספּעקטאָר וועט אים אויפן עקזאַמען גאָרנישט פרעגן: נישט וועגן געשיכטע, נישט וועגן מאַטעמאַטיק, נאָר דווקא דאָס פאַרשאָלטענע קינדער־ליד, וואָס ער קייעט יעדן פרימאָרגן פון דער האַלב־צעריסענער כרעסטאָמאַטיע אַרויס.

שלמה הורוויץ איז אָבער נישט געוווינט צו זאָרגן. פון דעם האָט אים אָפּגעוווינט זיין פרוי נאָך פון דער צייט פון קעסט אָן. ווי אַ יידיש ווייבל, האָט זי גענומען אויף זיך די דאגות פון דער וועלט, און האָט איבערגעלאָזט פאַר איר מאַן די באַזאָרגונג פון יענער וועלט. דאָס איז נאָך געווען פון די צייטן, ווען ער איז געזעסן אין בית־מדרש און האָט אָנגעגרייט אוצרות חלק עולם הבא. דאָס האָט זיך נישט געענדערט דערנאָך, ווען ער איז געוואָרן אַן „אפיקורס" און האָט זיך גענומען פאַר די טריף־פּסולע ביכלעך. ביזן היינטיקן טאָג נאָך קאָן רחל־לאה נישט זיין גאַנץ גלייכגילטיק, ווען זי הערט איר מאַנס שטימע אַרויסזינגען מיט אַ גמרא־ניגון פון דעם קליינעם אַלקערל — זייער שלאָפּצימער, — איבערחזרנדיק פאַר זיך אַ שווער שטיקל פילאָזאָפיע. דעם נייעם למוד האָט זי באַצייכנט מיט איין וואָרט „פילאָזאָפיע". זי הייבט דענסטמאָל אָן צו גיין אויף די שפּיץ־פינגער און מאַכט שטיל די קינדער מיט אַ „שאַ".
שלמה הורוויץ ווייסט נאָר פון איין עבודה — צו לערנען. אַנומלט האָט ער געלערנט גמרא — איצט, לערנט ער פילאָזאָפיע. אַלעם איבעריקעם האָט ער איבערגעלאָזן אויפן ווייב צו באַזאָרגן. אַזוי דענסטמאָל, אַזוי היינט.

נאָכן ווייבס אַוועקגיין האָט ער אָבער מער נישט געקאָנט שלאָפן. דער עול האָט דאָך געפּיקט. ווי אַמאָל האָט דער „תכלית" געפאָדערט אויפצוהייבן זיך פרי און צו גיין אין בית־מדרש אַריין, אַזוי איצט האָט ער גערופן אויפצוהייבן זיך און אַריינצוכאַפּן די צוויי־דריי שעה — איידער ער האָט באַדאַרפט אין שולע גיין — פאַר זיך. ער האָט זיך גענומען אָנטון מיט אַ סדר, ווי ער איז געוווינט געווען צו טון אַלצדינג אין לעבן. איין שטיק אָנטועכץ נאָך דעם אַנדערן איז געלעגן צוזאַמענגעלייגט גלייך מיטן קנייטש און איז געגאַנגען איינס נאָכן אַנדערן. אָפּגעהיט זאָל מען ווערן, אַז ס'האָט ווער געזאָלט די שטיקער אָנטועכץ צונויפמישן, די הויזן פריער אַוועקלייגן פאַרן העמד. ער האָט זיך געקאָנט אָנטון אין דער

פינצטער. אריינגעגאַנגען אין קיך, זיך וואַשן אויף די שפּיץ־נעגל, כדי נישט אויפצווועקן די קינדער. דערביי אָבער האָט ער נישט פאַרגעסן אַ טרייסל צו געבן ביי דער טשופרינע זיין זון, דעם גימנאַזיסט, וואָס האָט זיין קאָפּ אַרויסגעשטאַרצט פון בעט אַרויס. אָפּגעוואַשן זיך מיט אַ סדר, אָפּגעווישט זיך מיט אַ סדר, אָנגעטון זיך מיט אַ סדר, — און אַז ער איז שוין אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן, האָט ער איבערגעווישט דיברילן אויף זיין און גענומען זיך לערנען.

די כרעסטאָמאַטיע מיט דעם קינדישן ליד איז געלעגן אָפן פאַר אים און האָט געמאָנט דעם „חוב". עס איז אים אָבער אַ שאָד געווען צו פטרן אַזאַ פרישן פרימאָרגן אויף אויסצוברעכן די צונג אַרויסצוזאָגן ריכטיק די רוסישע ווערטער. וויפיל ס'איז נישט פאַר זיין פּעדאַנטישער נאַטור וויכטיק געווען אַ פּאַנעטיש ריכטיק אַרויסגעזאָגט וואָרט, דאָך האָט ער געפונען די אַרבעט פאַר צופיל שפּילעריש, אַז ער זאָל פאַר איר פּטרן די גוטע פרימאָרגן־שעהען, ווען דער מוח איז פריש און קאָן בעסער פאַר־נעמען. ער האָט געהאַט אַ גרויסן יצר־הרע צו נעמען זיך צו זיין באַליב־טער אַרבעט. און דאָס איז געווען: צו זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר זיין וויסנשאַפטלעכן ספר, וואָס ער קלייבט זיך צו שרייבן, בסוד־סודות, וועגן די יידיש־פּוילישע נעמען, וואָס קומען פאָר אין דער יידישער געשיכטע אין פּוילן. ער האָט געהאַט אַ פּאָר „מקורים" אינדערהיים און געמאַכט זיך פון זיי זיינע נאָטיצן.

און די כרעסטאָמאַטיע מיט דעם פאַרשטייענדיקן עקזאַמען האָט ער אָפּגעלייגט — ווי ער איז געוווינט געווען מיט אַלע אַנדערע וועלטיקע זאָרגן (ווי דירה־געלט צאָלן, קוילן אויפן ווינטער באַזאָרגן, חיונה איינ־צושאַפן) — אויפן ווייבס פּלייצעס. רחל־לאה וועט שוין אַן עצה געפי־נען...

דערווייל האָט זיך דערהערט פון דער עס־שטוב, ווו די קינדער זע־נען געשלאָפן, אַ יינגלשע שטימע, וואָס האָט איבערגעחזרט אויף אויסנ־ווייניק פרעמדע ווערטער, פון אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. דאָס איז געווען זיין זון, דער גימנאַזיע־תלמיד פונעם זעקסטן קלאַס, וואָס איז איבערגעגאַנגען זיין גריכישע לעקציע, אויסגעלערנט זיך פון אויסנווייניק גאַנצע שטיקער „אָדיסעאַ". דער פאָטער האָט אויף אַ ווייל איינגעהאַלטן זיין לערנען און צוגעהערט זיך צום זונס, פאַר אים אומפאַרשטענדלעכע

זווערטער. דאָס יינגל איז געווען זיין ליבלינג. נאָך דעם עלטערן זון, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש צוליב זיין געהיימער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט (וואָס אגב דער פאָטער איז נישט געווען דערפאַר), איז דאָס זעכצן־יאָריקע יינגל געוואָרן דער איינציקער טרעגער פון זיינע האָפענונגען. שלמה הורוויץ איז געווען אַ משכיל, און גאַרנישט מער. ער האָט געבראַכט מיט זיך פון בית־מדרש אַ גרויסן דורשט נאָך לערנען. פונקט ווי זיינע זיידעס האָבן ליב געהאַט אַרומצושווימען אין די טיפענישן פון תלמוד, אַזוי האָט ער ליב געהאַט אַרומצושווימען אין בילדונג. ער האָט געהאָלפן אַלעמען, וואָס האָבן זיך געוואָלט בילדן. אָבער ער האָט ליב געהאַט די בילדונג לשם בילדונג, און גאַרנישט מער. אין זיין יינגל האָט ער געזען די פאַרווירקלעכונג פון זיין אידעאַל. מיט דעם זעלבן נחת, וואָס זיין אייגענער פאָטער האָט אַמאָל צוגעהערט זיך צו זיין גמרא־לערנען, ווען ער איז אַ יינגל געווען, אַזוי האָט זיך איצט שלמה הורוויץ צוגעהערט צו זיין יינגלס גריכיש. און מען מוז זאָגן, אַז נישט אָן קנאה. יאָ, ער האָט מקנא געווען זיין זון, וואָס ער וועט האָבן די מעגלעכקייט צו לייענען די גריכישע און לאַטייניש קלאַסיקער אין אָריגינאַל. אַ זאַך, אויף וועלכער שלמה הורוויץ האָט געקוקט ווי אויף אַ גליק, וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט גרענעץ פון זיין לאַנד, ווי אַן אָרימאַן קוקט אויף די רייכע פעלדער פון נגיד. ער האָט מקנא געווען זיין יינגל, זיין יוגנט, נישט צוליב דער יוגנט (וואָס שלמה הורוויץ האָט קיינמאָל נישט געהאַט), נאָר צוליב דער מעגלעכקייט פון לערנען זיך. יעדע שעה פון אייגענער זעלבסט־בילדונג האָט זיך דער לערער געמוזט קויפן מיט אַ גאַנצן טאָג פאַרשקלאַפונג צו אַנדערע. פון זיין קינדהייט אָן האָט ער געמוזט זיך דערנערן פון דעם, וואָס ער האָט זיין דערוואָרבט וויסן פאַרקויפט צו אַנדערע. אַזוי איז עס געווען אין די פרומע יאָרן אין בית־מדרש, ווו נאָך אַלס יינגל האָט ער געלערנט מיט יינגלעך, און אַזוי אויך אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער האָט זיך גענומען צו אַנדערע למודים. און כאָטש זיין לערערשע נאַטור האָט געפאָדערט דאָס אייריקע, צו טיילן זיך מיט אַנדערע די רייכטימער, וואָס ער האָט דערוואָרבן (פון וואָס ער האָט אגב אַ גרויסע גייסטיקע הנאה געהאַט), האָט ער דאָך געקוקט מיט גרויס צער אויף די לאַנגע טעג פון זיין לעבן, אויף די לאַנגע נעכט, וואָס ער גיט אוועק פאַר אַנדערע. ער האָט זיך געטראַכט: ווען

ער וואָלט געהאַט די לאַנגע זומערדיקע טעג און די לאַנגע ווינטער־נעכט פאַר זיך אַליין, וויפיל בילדונג וואָלט ער זיך געקאָנט איינשאַפן. און ווי אַן אָרימאַן, וואָס גאַרט נאָך רייכטום, האָט שלמה הורוויץ געגאַרט נאָך צייט, וואָס מער צייט האָבן פאַר זיך אויף לערנען. צוליב דעם האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אַ מערקווירדיקע געשיקלעכקייט איינצושפּאָרן צייט. קיינער האָט זיך נישט געקאָנט אַזוי פלינק אַנטון ווי שלמה הור־וויץ, קיינער האָט נישט געקאָנט נאָכשפּרינגען זיינע טריט איבער דער גאַס, ווען ער איז געגאַנגען אויף זיינע לעקציעס. קיינער האָט נישט גע־קאָנט אַזוי פלינק שטייגן טרעפּן־אַרויף און אַראָפּ, ווי דער מיטל־יאָריקער לערער. קיינער האָט נישט געקאָנט אַזוי זיך קאָנצענטרירן אין אַ בוך בשעת אַ רייזע אין אַ טראַמוויי, ווו צווישן איין שטיקל שפּינאָזאַ און אַן אַנדערן האָט ער געקאָנט אַן ווערטער, נישט אַרויסטוענדיק זיינע אויגן פון בוך, באַצאָלן דעם קאָנדוקטאָר זיין פאָר־געלט, אָפּענטפערנדיק מיט אַ שטופּ פון אַ פּלייצע אויף אַ שטופּ פון אַ פּלייצע, נישט צו שענקען אַ בליק אפילו דעם שכן, וואָס האָט אים געוואָלט צורויבן זיין שטיקל אָרט בשעת אַ געדראַנג. ער האָט שוין דערפילט ווען זיין סטאַנציע קומט אָן און אָן אָפּצוהייבן זיין בליק פון זיין בוך, מיט פאַרנומענע אויגן האָט ער געקאָנט זען דעם נומער פון הויז, ווו ער האָט באַדאַרפט, און נישט מיט געזעענע טריט דורכשלייכן זיך דורך אַ געדראַנג פון מענטשן, נישט אָפּצושטעלן זיך אויף קיין געשעעניש פון דער גאַס. דאָס שטענדיקע לויפן און איילן זיך האָט איינגעהאַלטן אין זיינע באַוועגונגען אַ בחורשע יוגנט־קייט און פרישקייט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון בית־המדרש אַרויס.

ווען ער האָט איינגעהערט זיך צו זיין זונס גריכיש לערנען, האָט זיך אין אים געוועקט זיין פאָטערשער חשק אַריינצוגיין צום יינגל און זאָגן אים אַ גוט וואָרט. נאָר שלמה הורוויץ האָט זיך דאָס נישט פאַרגונען. ווי אַ פרומער ייד האָט שלמה הורוויץ „אָפּגעהיט" די מצוות פון בילדונג. ווי אַ פרומער ייד היט זיך אויס פאַר אַן עבירה, אַזוי האָט זיך שלמה הור־וויץ אויסגעהיט עפּעס צו באַגיין קעגן די אָנגענומענע געזעצן און כללים פון בילדונג און פּראָגרעס. אַ מינוט נאָך האָט זיין פאָטער־אינסטינקט געצאַפּלט און געוואָרט זיך קעגן דער „פּעדאַגאָגיק" אַרויסצווייזן אַן איבריק סענטימענטאַל געפיל צו אַ דערוואַקסן יינגל, — באַלד האָט די־

„לאָגיק" (שלמה הורוויץ האָט שטענדיק ליב געהאַט צו באַנוצן דאָס וואָרט „לאָגיק") געזיגט. שלמה הורוויץ אָבער האָט געהאַט אַ שוואַכ־קייט צו דעם ייִנגל זייַנעם. ניִשט נאָר האָט אים געפּרייט דעם ייִנגלס גוטער קאָפּ, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אַרייַנצוקומען אין גימנאַזיע, נאָר נאָך מער האָט אים געפּרייט זייַן זונס התמדה. כאָטש די גריכישע לעקציע איז באַשטימט אויף מאָרגן, לערנט ער זי שוין הייַנט אויס. אין דעם זון איז ער זיכער געווען, אַז ער וועט זיך ניִשט לאָזן אָפּ־נייגן פון זייַן וועג אויף פּאָליטישער אַרבעט. זייַן וועג וועט אים פירן צו אַ קאַריערע פון אַ געלערנטן, און וועלכן שלמה הורוויץ האָט געזען דאָס העכסטע גליק פון מענטשלעכן לעבן. דאָס געפיל צום ייִנגל האָט אים ניִשט צורו געלאָזט און באַזיגט ווידער זייַן „לאָגיק". כדי אָבער ניִשט צו זינדיקן קעגן דער פּעדאַגאָגיק, האָט ער אָנשטאָט אַ גוט וואָרט, וואָס איז רייף געוואָרן אין זייַן האַרץ צו זייַן קינד, אָנגעהויבן זיך צו בייזערן אויף אים און אַרייַנגערופן דורך דער טיר:

— דוד, דוד (שלמה הורוויץ האָט נאָר געגעבן זייַנע קינדער ביבלי־שע נעמען), וואָס שלינגסטו די ווערטער ווי זיי וואָלטן געווען קליסקעס? „אָדיסעאַ" עסט מען ניִשט — „אָדיסעאַ" טרינקט מען ווי גוטן ווייַן!

מיט דער דאָזיקער באַמערקונג איז אי זייַן פּאַטער־ליבע, אי זייַן לערערשער אינסטינקט געוואָרן געשטילט (דערבייַ ניִשט צו פאַרזינדיקן זיך קעגן די געזעצן פון דער פּעדאַגאָגיק).

דאָס ייִנגל האָט אייַנגעהאַלטן זייַן אימפּעט, און האָט אָנגעהויבן אַרויסצוזאָגן די האָמערישע סטראָפן מיט מער ריטם, דעקלאַמירנדיק, און ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט מיט דעם דעם פּאַטער געפעלן.

דערבייַ אָבער האָט זיך דאָס ייִנגל געטראַכט: „אים איז עס לייַכט צו זאָגן: שלינג ניִשט. הונדערט סטראָפן אַראָפּצוזאָגן פון אויסנווייניק, כדי דעם חזיר, דעם פּאָרזיצער פון לערער־ראַט, וואַסיל אַנדרייעוויטש (וועלכער איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער הומאַניסטישער בילדונג), צו געפעלן". דורך דעם וואָס ער, דוד, קאָן פינף מאָל מער סטראָפן פון דער „אָדיסעאַ" אויף אויסנווייניק, וויפיל מ'באַדאַרף, איז נאָך מעגלעך, אַז דאָס ייִנגל זאָל אָנהאַלטן זייַן זשורנאַל אויף שטענדיקע פינפן, וואָס אָן זיי טאָר ער זיך ניִשט אינדערהיים ווייַזן, ווייל די פינפן גיבן אים

די מעגלעכקייט צו באַקומען די נויטיקע סטיפּענדיע פון אַ רייכן מעצע־נאַט פאַרן באַצאָלן אין קלאַס.

נאָר באַלד האָבן זיך דערהערט שטימען פון אַלע ווינקלען פון דער וווינונג. קינדישע שטימען, און שטימען פון דערוואַקסענע, נידריקע און העכערע, פאַרשטענדלעכע ווערטער און אומפאַרשטענדלעכע ווערטער; ווערטער, וואָס האָבן אַ זין, און ווערטער, וואָס האָבן גאָר קיין זין נישט: ציפערן, רוסישע גראַמאַטיק, פיזיקאַלישע כללים, געאָגראַפישע נעמען, נעמען פון אַפריקאַנישע טייכן, פון פּאַציפישע אינדזלען, וועלכע וועלן קיינמאָל נישט ווערן באַטראָטן; אַסטראָנאָמישע ציפערן, וועלכע וועלן קיינמאָל נישט ווערן געברויכט; פיזיקאַלישע געזעצן, וועלכע וועלן קיינ־מאָל נישט ווערן אויסגעפירט, און גראַמאַטיקאַלישע כללים, וועלכע וועלן קיינמאָל נישט ווערן באַנוצט און זענען נאָר באַשאַפן געוואָרן, כדי קינ־דער צו פּייניקן און זייערע יונגע טעג צו „פאַרביטערן" — דאָס האָט זיך דאָס „בית־המדרש" אָנגערופן, וואָס האָט געהויזט ביי הורוויצן אין שטוב.

אַז עס איז טאָג געוואָרן און מען האָט שוין דעם גראָען מאָרגנשיין געקאָנט באַנוצן אָנשטאָט די אָנגעצונדענע גאַז־ליכט, איז פון מאַרק צו־ריקגעקומען רחל־לאה. זי איז געווען איינגאַנצן באַגאָסן פון אַנגסטן. די אַנגסטן האָבן נישט אַרויסגערופן אויף איר פּנים די צוויי פולע קויבערס מיט גרינוואַרג, ערד־פּרוכטן, מילכיקס און אַנדערע עסנוואַרג, וואָס זי האָט געטראָגן אויףביידע הענט, נאָר די אַנגסט נישט צו פאַרשפּעטיקן זיך מיטן אָנבייסן פאַרן מאַן מיט די קינדער, איידער זיי גייען אין שולע. נאָך איר האָט אַ הויכער פויער נאָכגעטראָגן אַ זאַק מיט קאַרטאָפלעס און אַ קויש מיט פלוימען אויף פּאָווידלע צו מאַכן. הינטער איר האָט זיך נאָכ־געשלעפּט אַ דערשראָקענער יונגערמאַן. אַזוי באַלאָדן, איז רחל־לאה געקו־מען פון מאַרק אַהיים!

— ווער איז דאָס? — האָט איר מאַן געפרעגט אויפן פרעמדן בחור, ווען ער איז אַריינגעקומען צו רחל־לאהן אין קיך, זי אונטערצוטרייבן די קאַווע צו קאָכן, ווען ער האָט פלוצלינג אַנטדעקט דעם יונגנמאַן.

— איך ווייס? — ענטפערט רחל־לאה. — געפונען אים אויף די טרעפּ. דאָרט אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן.

דער בחור, וואָס איז געזעסן אַ שווייגנדיקער און אַ פאַרשעמטער,

ווי באַהאַלטנדיק זיך אינעם שאָטן פון רחל־לאהס שירעם, האָט זיך אויפֿ־געהויבן ביים לערערס אריינקומען. זיינע פּאות האָבן געציטערט און ער האָט געהאַלטן די אויגן איינגעגראָבן אין אַ ווינקל און געפרעגט: — דאָס איז אפשר דער הער הורוויץ?

— וואָס ווילט איר? — האָט דער לערער געפרעגט.

— איך וויל זיך לערנען. איך האָב אַ גרויסן חשק זיך צו לערנען. — שטאַמלט דער יונגערמאַן אַ דערשראָקענער.

— זייער ווויל, זייער פיין, אַז איר ווילט זיך לערנען. אָבער וואָס זאָל איך פאַר אייך טון?

— מ'האָט געזאָגט ביי אונדז אין קראַסנישין (איך קום פון קראַס־נישין), אַז דער, וואָס וויל זיך לערנען, פאָרט קיין וואַרשע צו דעם לערער שלמה הורוויץ. ער העלפט אין דעם אַלעמען אַרויס, — און איך האָב גרויס חשק זיך צו לערנען, גרויס חשק.

— איך האָב אויך חשק זיך צו לערנען. צו וועמען זאָל איך פאָרן? אפשר קאָנט איר מיר אויך געבן אַן אַדרעס, צו וועמען זיך צו ווענדן?

— פרעגט דער לערער.

דער יונגערמאַן בלייבט שטיין אָן לשון. זיינע פּאות ציטערן נאָך מער, און אַליין שאָקלט ער זיך אויך און רעדט ווי פאַר זיך:

— און וואָס זאָל איך טון?

— איך ווייס וואָס איר זאָלט? — וואָס פרעגט איר מיך? וואָס בין איך, אַ בילדונגס־מיניסטער? וואָס האָב איך, אַן אַקאַדעמיע? איך וואָלט געוועזן אַ בילדונגס־מיניסטער, איך וואָלט געהאַט אַן אייגענע אַקאַדעמיע, וואָלט איך אוודאי געהאָלפן אַזעלכע יונגעלייט. אָבער וואָס קאָן איך טון, — וואָס קומט איר צו מיר?

— צו וועמען דען? צו וועמען דען? — פרעגט דער יונגערמאַן פאַר זיך.

רחל־לאה, וועלכע האָט אויס דרך־ארץ פאַר איר מאַן, נישט דער־וועגט אַריינצומישן זיך אין אַ געשפרעך, קאָן עס אָבער שוין נישט אויס־האַלטן. איר גאַנצער וואַרימער טעמפּעראַמענט גיט זיך אַ וועק־אויף, זי ווערט רויט איבער די אויערן און רעדט־אויס:

— וואָס האָסטו זיך אָוועקגעשטעלט בייזערן אויף אים? וואָס זאָל ער טון, אַז ער וויל זיך לערנען? וואָס, גנבענען וויל ער, גזלענען וויל ער?

וואָס בייזערסטו זיך? זעצט אייך, יונגערמאַן. הונגעריק זענט איר דאָך אוודאי. לאָז אים כאָטש אָפּפּאָטעמען. אַ גאַנצע נאַכט געזעסן אין דרויסן.

— ווו ווערסטו אים באַהאַלטן? דאָס גאַנצע הויז איז דאָך שוין פול? וואָס קומען זיי צו מיר?

דערהווייל האָט דעם יונגנמאַנס דערשיינונג אַרויסגערופן נייגעריקייט ביי די הויז־מענטשן. אין דער טיר פון קיך האָט זיך באַוויזן אַן איינ־ווינער פון „בית־המדרש״, וועלכער איז אַרויסגעקומען באַטראַכטן זיין נייעם קאָלעגע.

— פאַניע הורוויץ — איר האָט זייער רעכט. יונגערמאַן, וואָס זענט איר זיך געקומען לערנען? — אַרבעטן באַדאַרף מען, — רופט זיך אָן אַ פאַרשוין אין דער טיר פון שטוב, אַריינשטעקנדיק צוערשט זיין לאָם־הענטל.

— אהאַ, דער שמדניק איז שוין דאָ, אַזוי ווי עס וואָלט אים ווער געוועזן געפרעגט. אַזאַ לייט ווי איר, וועט ער נאָך שטענדיק זיין, — רופט זיך אָן די באַלעבאָסטע, און באַרואיקט דעם צעשראָקענעם בחור מיט אַ גוטן בליק. — איר הערט זיי נישט. זעצט אייך. וואַרט, איך וועל באַלד קאַווע מאַכן.

און זי נעמט דעם יונגנמאַנס פעקל, וואָס באַשטייט אין אַן איינ־וויקלעכטס אין אַ צייטונג, וואָס ער לאָזט נישט די גאַנצע צייט אַרויס פון אונטערן אָרעם, און לייגט עס אַוועק, ווי זי וואָלט דורך דעם אָפּגעפסקנט. אַז ער בלייבט דאָ.

דער לערער פרוווט נאָך עפּעס צו רעדן. נאָר דאָס ווייב פאַרמאַכט אים באַלד דאָס מויל.

— וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט! אפשר וועט איר שוין אַרויסגיין פון קיך. איך באַדאַרף אָפּקאָכן קאַווע, אָדער נישט! — זאָגט רחל־לאה און נעמט זיך אַזוי ענערגיש צו דרייען מיט איר קאַווע־מילעכל, אַז זי פאַריאָגט מיט דעם איר מאַן און דעם אַנדערן.

קאַפּיטל 2

רחל-לאהס טאָג האָט זיך אָנגעהויבן

באַלד האָט זיך דערהערט פון הויף דאָס ספּעציפישע זינגען פון די וואַרשעווער הויף-פייגל:

— האנדל! האנדל! האנדל!

האָט רחל-לאה געוווסט, אַז דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי זיך גענומען מיטן גאַנצן אימפּעט צו רייבן די קאַווע. ווען זי האָט געהאַלטן דאָס קאַווע-מילעכל צווישן אירע קני, האָט זי געצויגן די ווערטער ביים שעמעוודיקן ישיבה-בחור, וועלכער האָט זיך מיט זיין גאַנצער אַפּי-קורסות געפילט פאַרלעגן צו זיצן אַליין מיט אַ נקבה. זי האָט געוווסט זיין גאַנץ לעבן, איידער ער האָט נאָך דאָס מויל געעפנט. עס איז איר געווען גענוי באַוווסט די „היסטאָריעס" פון די יונגעלייט פון אירע פריערדיקע באַקאַנטשאַפטן. זיי זענען מער אָדער ווייניקער געווען ענלעך איינער צום אַנדערן. „אַוודאי שוין אַ באַווייבטער אויך!", וואַרפט זי אים צו פון קאַווע-מילעכל אַרויס. „ניין, קיין באַווייבטער איז ער נאָך נישט", זאָגט ער אַ רויט-ווערנדיקער. „נאָך גוט. און ווי קומט דאָס?" וווּנדערט זי זיך כמעט. „דער טאַטע אוודאי געכאַפּט ביי די טריפה-פּסו-לע, אויסגעפּאַטשט. אַרויסגעוואָרפן פון שטוב, העי?" „שיעור מיך געמזיקט צום טויט", זאָגט דער יונגערמאַן, ווידער אַמאָל רויט ווערנדיק. „פון שטוב אַרויסגעטריבן, ביי חברים זיך אַרומגעוואַלגערט, ווו איין נאַכט גענעכטיקט, נישט די אַנדערע. וואָס טון אין קליינעם שטעטל? כיבאַ אַ גנב ווערן. מיט שלעכטע יונגען זיך אַרומדרייען. און אַז מען האָט איינס אָוועקגעוואָרפן, מוז מען זיך דאָך צו עפּעס אַנדערש נעמען. מ'מוז דאָך האָבן מיט וואָס צו לעבן?" — פאַרענדיקט דער אויפגעמוטיקטער יונ-גערמאַן און קוקט אין אַ זייט. — „און זיי פרעגן, פאַרוואָס זיי קומען אין אַ גרויסער שטאָט? ווו דען זאָלן זיי גיין?" ברומט די פרוי פאַר זיך „און מ'וועט שוין זען וואָס מ'קאָן טון". נאָכן אָנבייסן וועט זי אַראָפּגיין צום לעדער-סוחר, אפשר וועט ער האָבן נאָך אַ פּלאַץ אין זיין לעדער-קעלער, כאָטש אויף די פעלן צו נעכטיקן; אַז נישט, אפשר ביים בעקער אויף די זעק מעל, — טראַכט זי זיך. נאָך אַלעם האָט ער גוט געטון,

וואָס ער איז אין דער גרויסער שטאָט געקומען. און זי נעמט און גיט אַ שיט־אַריין די אָפּגעמאָלענע קאַווע אין זודיקן טאָפּ.

דאָס הויזגעזינט האָט שוין אומגעדולדיק, מיט האַלבע פּרעטענזיעס, געוואַרט אויפן אָנבייסן. דער מאַן מיט דעם ביכל אין האַנט, ווי תמיד ביים קאַרגן גראָען מאָרגנליכט, שטייט ביים פענצטער. ער האָט נאָך אַ לעקציע, איידער עס הייבט זיך אָ די שולע. דער זון — מיטן ביכער־ראַניעץ אין האַנט.

— רחל־לאה, עס איז שפּעט, — פאָדערט מען פון איר. אין אַ מינוט האָט זי שוין געגרייט צום טיש, מיט דער פרישער פּוטער, וואָס זי האָט פון מאַרק אַהיימגעבראַכט, און שניידט שוין אָפּ די גרויסע המור־ציאָס מיט פאָווידלע פאַרן זון אין שולע מיטצונעמען. דערווייל וואַרפט זי צו אַ טעפּעלע קאַווע דעם זיך־פאַרלוירן־זיצן געבליבענעם יונגנמאַן, מיט אַ גוט וואָרט: „ווי עס זאָל נישט זיין, — זאָל ער זיך דערוואַרי־מען, אַ גאַנצע נאַכט אינדרויסן געשטאַנען, — און ווענן תכלית וועלן מיר שפּעטער קלערן".

אַז די מענער זענען אַוועק, קומט די צייט אויף די מיידלעך. אין דער „בלינדער שטוב" (אַן אָפּגעטיילטע דורך אַ שפּאַניש ווענטל פון עס־צימער) שלאָפן די טעכטער. עס הערט זיך שוין פון דאָרט אַ נאַקעט מיידליש שאַרן מיט הענט און פיס, זינגענדיקע מיידלשע שטימען, און אָן אָמפּערן זיך. דאָס רייסט מען זיך אַרום איבער דער פרימאָרגנדיקער צייטונג, וועלכע פון זיי זאָל פריער דורכלעזן די פאָרזעצונג פון זשע־ראָמסקים ראָמאַן, וואָס דרוקט זיך אין צייטונג. „אַהאַ, עס הייבט זיך שוין אָן: פאַניע זשאַבלינער" (אַז זי וויל עפּעס פון איר סובלאָקאַטאָר, רופט זי אים נישט „שמדניק", נאָר מיטן פאַרווייַנטן נאָמען „זשאַב־לינער") — רופט פרוי הורוויץ דורכן פאַפּיר־ווענטל אין „בית־המדרש" אַריין — נעמט אים דערווייל אַריין צו זיך; העלענקע באַדאַרף זיך וואַשן", שטופּט זי אין די אָרעמס פון סובלאָקאַטאָר דעם פרעמדן יונ־גנמאַן און קלאַפּט צו די טיר נאָך ביידע. פון דער „בלינדער שטוב" הערט זיך שוין טאַקע זאַשעס, דער יינגערער טאָכטערס, שטימע: „מען קאָן, מאַמעשי?" די יינגערע, כאָטש קוים זעכצן, איז שוין מער פרוי פון דער עלטערער, און זי האָט עס ליב אונטערצושטרייכן ביי יעדער געלעגנהייט. אין גאַנצן הויז איז דאָ איין־איינציק אָרט זיך צו וואַשן,

כיי דעם קראַן אין קיך. לויפט זי טאַקע אַרום אַ גאַנצן פרימאָרגן, האַלב אַן אויסגעטועטע, פון איין שטוב אין דער אַנדערער, און צעיאָגט די מאַנספאַרשוינען, די אייגענע און די פרעמדע, מיטן געשריי: „מען קאָן נישט, מען קאָן נישט". „מען קאָן, מען קאָן", ענטפערט אָפּ די מאַמע. און צוויי האַלב־נאַקעטע מיידלעך קומען זיך אינאייגעם אַריינצושטופּן. זיי פאַרענדיקן דאָס לעזן די פאַרזעצונג פון זשעראָמסקיס ראָמאַן אין דער טעגלעכער ציימונג אויפן וועג ביז צום וואַסער־קראַן.

די עלטערע איז צירלעך־מאַנירלעך. אַ שלאַנקע, אַ דינע, אַ ווייכע און אַ מיידלשע. זי האָט זיך ליב צו פּוצן און נאָך מער האָט די מאַמע ליב זי צו סטראָיען — כאָטש אין סאַמעט און אין זיידנס. עס איז נאָר, נעבעך, נישטאָ פאַרוואָס. אַרויסגענומען זי פון פינפטן קלאַס פּענסיאָן מיט געוויין, אַז זי זאָל צוהעלפן דעם טאַטן אין שולע. די איבריקע צייט מוז זי לויפן אויף לעקציעס פאַר זיך אויף אַ קליידל צו פאַרדינען. ווינ־טער האָט עס געהייסן אויף אַ מאַנטל. נאָר שטענדיק איז דאָ אַן אַנדער לאָך צו פאַרשטופּן: דירה־געלט, קוילן, צי פאַר עפּעס אַנדערש. אָבער דאָך, ווי ווייט זי קאָן, רחל־לאה, שפּאָרט זי אָפּ פון מויל, שפּאָרט זי אָפּ פון איר צייט פאַר דער עלטערער. אויך אַצינד האָט די מאַמע אַרויס־גענומען פון טאָפּ אַרויס דעם מיידלשן קאָרסעט, איבער וועלכן זי איז נעכטן שפּעט אין אָוונט געזעסן און אים פאַרריכט, באַהאַלטן אין אַ טאָפּ, כדי דער טאַטע זאָל אים נישט זען. אָפּגעהיט זאָל מען ווערן, אַז איר וועט אויסזאָגן דעם לערער, אַז זיין טאָכטער טראָגט אַ קאָרסעט און אַז דאָס האָט אים די מאַמע אַליין, שפּעט אין אָוונט, אויסגעוואַשן און אויסגעריכט פאַר דער טאָכטער. וואָרים פּונקט אַזוי ווי די פּעדאַגאָגיק רעקאָמענדירט צו וואַשן זיך איבערן האַלבן לייב יעדן פרימאָרגן מיט קאַלט פריש וואַסער (וואָס די עלטסטע טוט טאַקע איצט ביים קראַן), פּונקט אַזוי פאַרווערט די פּעדאַגאָגיק צו טראָגן אַ קאָרסעט. אַ בפירו־שער דין. רחל־לאה גייט נעבעך אַראָפּ פון פרומען וועג און הינטער דעם מאַנס רוקן זינדיקט זי אַביסל אונטער קעגן די דינים פון פּראָגרעס... זי קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ מיידל קאָן זיך אָנטון אָן אַ קאָרסעט. אַלע אויפקלערונגען פון לאַנגע ווינטער־נעכט, אַז אַ קאָרסעט שטאַמט פון יענע ווילדע באַרבאַרישע צייטן פונעם באַרימטן „כינעזישן צוואַנג־שיכל", העלפן נישט, און איצט גלעט זי אים אַליין אויס, נישט אָן ליבע

(ער דערמאָנט אירע אייגענע מיידלשע יאָרן) און פּאַרציט אין אים די שנורן.

שטייט די עלטערע, דאָס העמד אַראָפּגעלאָזט. איר איידעלע מיידלשע הויט, וואָס טראָגט אין זיך שטראַלן פון דאָרפישער זון, וואָס זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט דורך דעם זומער אויף איר וואַקאַציע, גערטעוועט פון קאַלטע סטאַוון און טייכן, אין וועלכע זי האָט זיך געבאָדן, רויטלט זיך פון שטראָם אייז־קאַלטן וואַסער, וואָס זי לאָזט איבער זיך. די ייִנגערע, אין דער האַלקע, וואַרט אויף איר ריי צום וואַסערקראַן, לעזט דערווייל פאַר פאַר דער זיך־וואַשנדיקער שוועסטער די לעצטע ענד פון פאַרזעצונג פונעם ראָמאַן. דערביי מוז זי דערהויבן איר שטימע ביז צו דער העכסטער אָקטאַווע. וואָרים, צוליב דעם וואַסערגיסן, דערהערט נישט די שוועסטער איינצלנע ווערטער. דאָס אָרט פונעם ראָמאַן מוז זיין זייער אויפרעגנדיק, וואָרים די זיך־וואַשנדיקע שוועסטער שטעלט זיך יעדן אויגנבליק אָפּ און מיט פאַרמאַכטע אויגן פון בייסנדיקע זייף־מולענעס פרעגט זי איבער יעדעס נישט־דערהערטע וואָרט. די מאַמע דערווייל, אַן אומגעדולדיקע מיטן קאָרסעט אין האַנט, טרייבט־אונטער די טעכטער. זי האָט מורא, אַז עס זאָל ווער נישט פּלוצים אַריינקומען און זי כאַפּן מיט דער קאָנטראַבאַנדע אין האַנט — מיטן קאָרסעט...

גאָט צו דאַנקען, דאָס „טרפה־פּסולנע" שוין פאַרשטעקט אונטערן קליידל און דאָס קליידל מיטן מיידל שוין אויך פאַרשוווּנדן. די עלטסטע אַריין אין שולע אויף די לעקציעס, די ייִנגערע אין פּענסיאָן. ערשט דעמאָלט דערלויבט זיך רחל־לאה עפּעס צו עסן. מיט דער זעמל און מיט אַ טעפּל קאַווע צווישן די קני, מאַכט זי אַ חשבון פון אַלע אירע זאָרגן. גיט אַ קרעכץ אויפן זון, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט צו זיין אייגענעם גורל אין פּעטערבורג. זי האָט אויך עפּעס צו קרעכצן אויפן ייִנגערן זון, דוד. די מאַמע ווייסט עפּעס וועגן אַזעלכעס, וואָס דער טאַטע טאָר נישט וויסן. ער איז געכאַפּט אויף דער זעלבער קרענק. וואָס דער עלטערער ברודער און ברענגט אַהיים עפּעס אַזעלכעס וואָס די מאַמע פאַרשטעקט אין אירע טעפּ... אחוץ די זאָרג וועגן איר אייגן הויזגעזינט; וועגן דעם שווערן ווינטער, וואָס שטייט הינטער דער טיר ווי אַ וואָלף; וועגן דעם אינספּעקטאָר, וואָס ליגט אויף איר קאָפּ, יאָגט־אַרום מיטן עקזאַמען

און יעדעס מאָל וואָס ער באַווייזט זיך אַנטלויפט דאָס בלוט פון פּנים, און וועגן דער רייכער אַריסטאָקראַטישער דאָקטאָראָווע זילבערשטיי־נאָווע, וואָס האָט אָנגעזאָגט איר וויזיט אין דער שול אויף היינט — איז איר צוגעקומען איצט אַ נייע זאָרג וועגן איינאָרדענען דעם יונגנ־מאַן, וואָס זי האָט געפונען היינט אינדערפרי הינטער איר טיר.

נאָר יעדעס מאָל, ווען עס מאַכט זיך אַן עקסטראַ־שטיקל אַרבעט און זי קאָן זיך נישט קיין עצה געבן, רופט זי צו הילף דעם „זשאַבלינער". דער „זשאַבלינער" איז איר עלטסטער אַרויסהעלפער. ער איז דער עלטס־טער סובלאָקאַטאָר אין „בית־המדרש" און ער — מער ווי אַן אַנדערער — ווייסט פון רחל־לאַהס זאָרגן, און העלפט איר צו לייזן די פאַרשידענע שווערע פראַגן, וואָס שווימען־אַרויף אין איר טאָג־טעגלעכן לעבן. ווי זי זידלט אים נישט און רופט אים נישט אָן מיט יתרום צונעמען — איז ער, דער „זשאַבלינער", דער איינציקער בן־בית, וואָס זי רופט צו הילף אין אירע נויטן.

— מרדכי־חיים, מרדכי־חיים! — רופט זי אים דאָס מאָל ביי זיין ריכטיקן נאָמען, — וואָס קומט נאָר פאָר אין זייער זעלטענע פאַלן, ווען זי באַדאַרף אָנקומען צו זיין הילף, — מרדכי־חיים, קומט נאָר אַריין, — רופט זי צו אים דורך דער טיר.

אין דער טיר פונעם „בית־המדרש" באַווייזט זיך וויינבערג, דאָס שוואַרצע שטעכיקע קאָזע־בערדל אַרויסשטאַרצנדיק פאַראויס פאַר זיך, מיט די צוויי אומרואיקע, שפּיציקע, שוואַרצע מייזל־אויגן. ער דערוועגט זיך נישט אַריינצוטרעטן אין קיך. ער ווייסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און האָט מורא צו נעמען אַ נייע זאָרג אויף זיך. ער שמאַרט־אַרוים דאָס רויטע צינגל ווי אַ הינטל צווישן די צוויי פאַרטריקנטע ליפּן, און פרעגט אין דער טיר:

— פאַני הורוויץ, וואָס ווילט איר?

— וואָס האָט איר מורא, אַז איך וועל פון אייך אַ שטיקל אָפּבייסן? קומט נאָר אַריין דאָ, — זאָגט זי צו אים מיט אַ גוט־מוטערשן ווונק און אַ וויל־ווייבערישן שמייכל.

ער ווייסט, דער „זשאַבלינער", אַז עס וועט אים טייער קאָסטן. ער וויל זיך דערפון אַרויסמאַכן. אָבער דער וויל־ווייבערישער איינלאַדונג

פון פרוי הורוויץ קאָן ער דאָך נישט ביישטיין. זאָגט ער עפּעס אונטער דער נאָז מיט א ברום, און קומט אריין.

— נאַט, טרינקט א טעצל קאווע, — שטעלט זי פאַר אים אוועק א טעצל.

— מוחל, שוין געגעסן אָנבייסן, — רוקט ער כמעט אָפּ דאָס טעצל.

— געהאַט א פונט ברויט מיט מילך פון נעכטן. צו וואָס האָט איר מיך אריינגערופן?

— מרדכי־חיים, גיט אַן עצה, וואָס טוט מען מיטן יונגנמאַן? — זאָגט זי, ארויפלייגנדיק איר האַנט אויף זיינע אקסל.

— אהיימפאָרן. מ'באַדאַרף זיי דאָ נישט האָבן. אַז זיי ווילן עפּעס טון, קאָנען זיי עס בעסער טון אויף דער פּראָווינץ. אינדערהיים קאָן מען זיך אויך לערנען. און מ'באַדאַרף זיי גיכער האָבן דאָרט, אין די קליינע שטעטלעך, ווי דאָ. זאָלן זיי קעמפן מיט דער פינצטערניש, זאָלן זיי אַנדערע אויפמוטיקן. וואָס וועט דאָ פון אים ווערן? אַן עקסטערן? — מיר האָבן זיי גענוג, גענוג, דאָרטן זאָלן זיי זיצן.

— און פאַרוואָס זענט איר נישט דאָרט געבליבן, אין קליינעם שטעטל, נאָר זענט אַהער געקומען צו לויפן? אַנדערע הייסט איר!

— וואָס מיינט איר, בין איך טאַקע אויך א פאַרך. געוויס וואָלט איך אין שטעטל פיל מער נוצן געקאָנט ברענגען. מיר ווילן עס זיך אַלע לייכטער מאַכן — און מ'אַנטלויפט פון זיך. נישטאָ פון וואַנען צו אַנטלויפן. דאָרט ווו מען איז — דאָרט דאַרף מען זיך מאַכן נוצלעך.

— איר הערט דאָך, אַז ער האָט א פאָטער, וואָס שלאָגט אים. ווי האָט ער געקאָנט בלייבן?

— מ'האָט מיך אויך געשלאָגן, אַ קאַליקע מיך געמאַכט — שלאָגט מען צוריק. קעמפן איז נישט אַזוי לייכט.

— אַלזאָ, וועט איר מיר נישט העלפן איינאָרדענען דעם יונגנמאַן?

— נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער. צו וואָס, צו ווען? אַז מ'זאָל האָבן נאָך אַן אינטעליגענט? מיר האָבן זיי גענוג. דאָס לעבט דאָך נישט פאַר קיין אַנדערע, נאָר פאַר זיך, כדי אַ קאַריערע צו מאַכן. דערנאָך, אַז עס דערשלאָגט זיך צו וואָס, פאַרגעסט עס אָן אונדז און גייט נאָך אַריבער צו אונדזערע שונאים, צום שטאַרקן צד. אבי עס האָט זיך נאָר זיינס

דערגרייכט, שטיצט עס די גזועלשאַפט, וואָס שטיצט אים. א האַנט וואַשט א האַנט.

— וואָס דען זאָל ער טון?

— אהיימפאָרן. דאָרט זאָל ער זיצן אין פינצטערן לאַך, און דאָרט זאָל ער קעמפן מיט דעם פאַנאַטיזם, מיט דער רעאַקציע. נישקשה, ביכער קאָן מען אויך אינדערהיים קריגן, אז מ'וויל זיך לערנען. און אַרבעטן דאַרף מען, פאַרדינען זיך אַליין דאָס שטיקל ברויט מיט אייגענע הענט. דאָס איז די ערשטע זאַך, און אז מ'האָט צייט, לערנט מען זיך, און אז נישט — נישט. נישט זיצן ווי א קעסט־קינד אויפן קאַרק פון גוטע מענטשן, ביז מ'וועט ווערן א דאָקטאָרל, אַן אדוואָקאַטל. מיר האָבן זיי גע־נוג, גענוג; אַרבעטער דאַרף מען — עס איז היינט נישט מער די צייט פון דער השכלה.

ער האָט גערעדט מיט איבערצייגונג און, ווי תמיד, געשפּריצט מיט די ווערטער, פאַרציענדיק די אויגן און באַוועגט מיטן קאָזע־בערדל. דערצו האָט ער זיין קראַנק הענטל געקאַנט מאָדנע ברענגען אין באַוועגונג. פרוי הורוויץ האָט נישט געהאַט וואָס אים צו ענטפערן, זי האָט דערפילט, אז מרדכי־חיים האָט רעכט. איר רעספּעקט אָבער צו בילדונג, אין וועלכן זי איז דערצויגן געוואָרן דורכן מאַן, האָט באַין אופן נישט געוואָלט נאָכ־געבן. און, ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, אז זי האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, איז זי בייז געוואָרן און האָט אים גענומען זידלען.

— היינט זענט איר א קנאַקער, איר האָט אַזוי נישט גערעדט, ווען אַנדערע האָבן אייך געהאָלפן צו בלייבן דאָ אין דער גרויסער שטאָט. איצט שיקט איר אַנדערע צוריק אַהיים אין די קליינע שטעטלעך...

— וואָס טו איך דאָ, איך גיי אויף בעלער? איך לערן זיך אויף אוני־ווערזיטעטן? איך אַרבעט אויף מיין שטיקל ברויט, און אז איך האָב צייט — לעז איך א ביכל, און אז נישט — איז נישט.

פרוי הורוויץ איז אומגעדולדיק געוואָרן.

— אַלזאָ, וועט איר מיר גאָרנישט העלפן עפּעס צו טון פאַר דעם יונגנמאַן?

— נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער. פאַר פּאַראַזיטן טו איך נישט.

— איר זענט אַליין א פּאַראַזיט, און איר זענט אַליין א דאָקטאָרל

און אַן אַדוואָקאַטל. און זענט איר עס נאָך נישט — ווילט איר עס ווערן. איר אַליין האַלט מיט די שטאַרקערע קעגן די שוואַכע. איר זענט אַ „ליט־וואַק" (דאָס איז געווען דאָס גרעסטע זידל־וואָרט ביי די הורוויצעס אין שטוב). איר האָט גאָר קיין האַרץ נישט, אַז איר קאָנט אַזאַ יונגנמאַן הייסן צוריק אהיימפאָרן. די הון געדענקט נישט, ווען זי איז אַליין אַן איי געווען. איך דאַרף אייך אויף טויזנט שאָק כּפּרות. איך אַליין וועל זיך נעמען צו טון.

און זי האָט געכאַפּט דאָס טוך איבער די פּלייצעס און האָט גענומען אַרויסגיין.

נאָר איידער זי האָט די טיר פון קאָרידאָר אויפגעעפנט, האָט זי צו וויינ,בערגן צוגעשריגן:

— הערט נאָר, „זשאַבּלינער", אַז איר ווילט ברויט צו דער קאַווע, נעמט אייך. די פּוטער שטייט אין שענקל.

און זי איז אַרויס פון קיך מיט אַ קנאַק פון טיר.

קאַפּיטל 3

שכנים

נאָך דעם ווי זי האָט אַרויסגעפּטרט איר הויזגעזינט פון דער שטוב אַרויס, האָט רחל־לאה גענומען דעם שאַל איבערן קאָפּ און האָט זיך גע־לאָזט צו די שכנים צו געפינען אַ קוואַרטיר פאַר דעם יונגנמאַן, וואָס איז געקומען זוכן שוץ הינטער איר טיר.

עס איז נישט געווען קיין „דזשיקער" אָדער „גענשער" האַנדלס־הויף. נישט קיין „נאַלעווקער" אָדער „פראַנציסקאַנער" געוועלבער־הויף, אויך נישט קיין „נאָוואָליפּיער" קאַסטן־הויף. עס איז געווען „באָניפראַ־טער" אַרבעטס־הויף. אַ לאַבירינט מיט הויפן. אָפיצינעס צוגעמויערט צו אָפיצינעס. ווו ס'איז נאָר געווען אַ נאָדל־פרייער פּלאַץ, — אַריינגע־קוועטשט אַ דעכל מיט אַ שטוב. און אַלע לעבער פון די אומהיימלעכע טונקעלע אָפיצינעס און הייזער זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן־גופים, וואָס האָבן געאַרבעט פון פרימאָרגן־לאָמפּ ביז צו דער נאַכט־לאָמפּ

ביי מאַשינען און וואַרקשטאַטן. טריקאָטן־פאַבריקלעך און זאָקן־פאַבריקלעך, בייטל־נייערס און שלייקע־מאַכערס. זומער האָבן זיך פון די אָפענע פענצטער אַרויסגעגאָסן די טרויעריקע געזאַנגען פון די אויסהעלפּערינס. וואָס האָבן סיי דורך די לאַנגע זומער־טעג און סיי דורך די אומענדלעכע ווינטער־נעכט פאַר גראָשנס אויסגעשטאָכן די ראיה פון זייערע יונגע אויגן. בלומען־מאַכערינס האָבן אין פּאַפּירענע און קאַרטאָנענע טויטע בלומען אַריינגעגאָסן פאַר גראָשנס די רויטלעכע מיידלשע קאָלירן פון זייערע באַקן און די פרישקייט פון זייערע יונגטלעכע ליפּן... אין אַנדערע לעכער זענען געזעסן בערשטן־פלעכטערינס, וואָס האָבן אין זייערע לונגען אַריינגעשלונגען דעם שטויב פון חזיר־האָר. געהיימע פּאַפּיראָסן־דרייערינס, וואָס האָבן זיך דורך גאַנצע טעג אָנגעטרונקען מיט ניקאָטין, קאָנדיטאַטקעס אויף די אָטוואָצקער וועלדער... אַ חוץ די טראַדיציאָנעלע שניידערינס, וואָס האָבן זיך געפונען כמעט אין יעדער שטוב. די קעלערס פון די אָפיצינעס זענען פול געווען מיט סקלאַדן לעדער, פאַרבן, הערינג, בענזינען, נאַפטן, צוזאַמען מיט בעקערייען און ווורשטן־מאַכעריי.

אַ גאַנצן טאָג האָט עס געדעשט און געליאַרעמט אין הויף פון מענטשן־פערד, איינגעשפּאַנט צו גרויסע וועגן, וואָס האָבן צוגעפירט די מאַטעריאַלן צו דער אַרבעט און אַרויסגעפירט פּיראַמידן מיט שאַכטלען אויסגעפּערטיקטע אַרבעט.

די „לערערין" האָבן די שכנים פון הויף גוט געקענט. זי איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביי זיי. האָט אַ יידענע באַדאַרפט אין קימפּעט ליגן, איז ביי אַ מאַמען אַ קינד קראַנק געוואָרן, ווען אַ בעט אין יידישן שפּיטאָל צו פאַרשאַפן — האָט מען זיך געווענדעט צו דער „לערערין".

אַ ריח פון לעדער, פאַרעדיקע וווּרשטן, מיט אַ זיסלעכן פאַרלענגענעם טעם, אויסגעמישט פון האָניג און הייוון, פון דער בעקעריי, זענען געווען די שטענדיקע ריחות פון הויף. גאָר זיי האָט פאַרטריבן פון צייט צו צייט און באַהערשט דער געשמאַק פון הערינג און פאַרפוילטע אוגערקעס פון סקלאַד. דאָס איז אַלץ געווען אין ווינטער, ווען די פענצטער פון הויז זענען געווען פאַרקלאַפּט. זומער אָבער פלעגן די אַלע ריחות פאַריאָגן די אָנגעוואַרימטע פייכטקייט פון נאַסע מאַטראַצן, וואָס האָבן זיך געלופטערט אין די פענצטער. היינט איז אָבער האַרבסט, און דער געשמאַק פון די פאַרפוילטע גרינסן, פון די אָנגעזייערטע אוגערקעס פילט

מען ארויס פון „סקלאַד״. פאַרן סקלאַד זיצט די אַלטע פּעסיע, אַליין אָנגעשוואָלן ווי אַן אוגערקע, אַ פאַרפּאַנצערטע פון הערינג־שופּן און אָפּגעשטאַנעכץ, וואָס בלישטשען אויף איר שירץ. זי האַלט די געשוואָלענע פינגער פאַרשטעקט אין איר אויסגעקראַכענער, אַלטמאָדישער מופטע, און כאַטש די האַרבסט־זון וואַרימט נאָך מיט די לעצטע כוחות די ביינער, האָט די אַלטע פּעסיע שוין ווינטער געמאַכט און פאַרבונדן זיך די אויערן מיט אַ וואָלענעם שאַל.

דערזען די לערערקע דורכלויפן, האָט די אַלטע פּעסיע פאַרשטאַנען, אַז דאָס גייט זי אוודאי אָרום אַ נדבה קלייבן פאַר אַן אָרימער שכנה; האָט זי צוגערופן צו זיך די לערערקע מיט אַ באַוועגונג פון דער מופטע; נישט אַ וואָרט אויסצורעדן, נעמט זי אַרויס, די אַלטע פּעסיע, אַ פאַרפּעצטן, פאַרזשאַווערטן פּירער, און שטעקט אַריין רחל־לאהן אין האַנט אַריין.

— ניין, פּעסיע, איך באַדאַרף נישט קיין נדבה! — שרייט צו איר דורכן שאַל אין די אויערן אַריין רחל־לאה, אפשר האָט איר אַ קוואַרטיר פאַר אַן אָרימען יונגנמאַן, וואָס איז געקומען פון דער פּראָווינץ זיך לערנען?

— וואָס האָב איך? וואָס האָב איך? — פרעגט איבער די אַלטע פּעסיע, אוועקרוקנדיק דעם שאַל פון איר אויער און אַרויסשלעפּנדיק פון דאָרט אַ שטיק וואַטע, מיט וועלכער זי האָט געהאַט פאַרשטעקט די אויערן־לעכער.

— קוואַרטיר — איבערצונעכטיקן!

— אַ קוואַרטיר — איבערצונעכטיקן? — ניין, טייערע, — גיט די אַלטע פּעסיע אַ הויב די פּלייצעס, ווי עס וואָלט איר דערויף אַ שאָד געווען אַ וואָרט אויסצוגעבן, און אַלס אַ ראיה צו איר פּלייצע־באַוועגונג, באַווייזט זי מיט דער מופטע (נישט אַרויסגענומען פון איר די האַנט) אויף די טינען הערינג מיט די אָנגעזייערטע אוגערקעס.

ביים לעדער־סוחר האָט זיך קיין פּלאַץ נישט געפונען. ערשטנס, איז אים די לערערקע לעצטנס פאַרגעקומען פאַרדעכטיק, און צווייטנס, האָט די ישיבה, וואָס געפינט זיך אין דער אָפּיצינע אויפן צווייטן שטאָק, ביי אים צוגענומען דעם גאַנצן קעלער־סקלאַד. אויף די יוכטן האָבן זיך ביי־

נאַכט אויסגעצויגן די ישיבה־בחורים און זיי געהיטן פאַר גנבים, דורך דעם וואָס זיי האָבן זיי באַדעקט מיט זייערע לייבער...

דער בעקער, בנימין, איז געווען אַ פריילעכער יונג. שטענדיק אַ באַ־וויסטער פון מעל, האָט ער תמיד געשמייכלט, און ווער רעדט נאָך צו „דאַמען". אַ „קאַוואַליער אין ווייסן".

און צו דער „לערערקע" האָט ער שוין פון לענגסט אַ שוואַכקייט... (אַ שיינער יונג געווען, בנימין דער בעקער). נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז מען זעט אים שטענדיק אין ווייסן און עס שוואַרצט אַרויס אַ שוואַרצע באָרד פון ווייסן ווי אַ טייוול.

— אַ, פאַני הורוויץ, וואָס וועט איר זאָגן גוטס? — שטעלט ער זיך מיט איין פוס פאַרלייגט אויפן אַנדערן.

— נעם נאָר צו דאָס טייג, מאַך פלאַץ! — גיט ער אַ געשריי צו אַ יונג, אַן אַרויסהעלפער, און מיטן ווייסן באַמעלטן כאַלאַט אַ שאַר אַרי־בער איבער דער שטול, אויף וועלכער ס'איז פאַר אַ מינוט געלעגן דאָס טייג.

— בנימין־לעבן, אפשר האָט איר אַ נאַכטלעגער פאַר אַן אָרנטלעכן יונגנמאַן — געקומען פון דער פּראָווינץ, האָט ער נישט ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן, — זאָגט זי צו אים מיט אַ שמייכעלע, איינס פון אירע שמייכלען, מיט וועלכע זי ווייסט אַרויסצוקריגן אַלץ פון אים, ווען מען דאַרף.

— פאַר אייך, פאַני הורוויץ, וועל איך אַלצדינג טון, — זאָגט בני־מין, און גיט זיך אַ צי־אויס דאָס שוואַרצע בערדל מיט דער פאַרמעלטער האַנט.

— זאָגט, ווו ווילט איר אים לייגן, דאָ אויף די זעק מעל? פראַ־שעו! עס שלאָפן שוין אַ דריי פאַרשוינען — צוויי לער־יינגלעך און דעם שכנס אַ יינגל, וואָס ער האָט אים נישט ווו צו „פּאָמיעשטשען" ביי זיך.
— זאָל פון מיינעטוועגן ליגן נאָך אַ פערטער אויף די זעק. אַ מולטער טייג קאָן ער צוקריגן פאַר אַ קישן — זאָגט דער שיינער פראַנט בנימין דער בעקער, און מאַכט זיך בשעת מעשה גלייך מיט די באַמעלטע פינגער די שיינע שוואַרצע וואָנסעלעך, און קוקט אַפּעטיטלעך אויף פרוי הורוויץ מיט בלישטשענדיקע שוואַרצע אייגעלעך פונעם פאַרמעלטן פנים אַרויס.

פרוי הורוויץ קוקט זיך אַרום אויף די זעק מעל, צווישן וועלכע עס

וואַלגערן זיך אַרום פאַרדעכטיקע שטיקער קאַלדרעס, שאָקלט מיטן קאָפּ און פאַרלאָזט די בעקעריי. פאַרגינט נישט אפילו דעם שיינעם בנימין אַ שמייכעלע. דערפאַר לאַכט הויך הינטער איר דער בעקער־יונג און קראַצט זיך פאַר הנאה מיט די ווייס באַמעלטע פינגער צווישן די שוואַרצע קוד־לעס פון קאָפּ.

טיר אין טיר מיט דער בעקעריי האָט וועלוול קאַלבאַס געהאַט זיין ווורשטן־פאַבריק. דער גאַנצער הויף האָט געציטערט פאַר וועלוול קאַל־באַס. שטענדיק אַ פאַרכמורעטער, מיט אַראָפּהענגענדיקע ברעמען און ברייטע אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, פון וועלכע עס האָבן שטענדיס גע־טריפט טראָפּנס. ער האָט נישט געקאָנט אַ מענטשן קוקן גלייך אין די אויגן אריין. שטענדיק אין אַ זייט, און שטענדיק עפּעס געמורמלט פאַר זיך, ווי דאָס געווויסן וואָלט אים געפייניקט פאַר פאַרבאָרגענע זינד. עפּעס איגעם פאַרפּעצטן, פאַרבלוטיקטן שפּענצער מיט אַ גרויסן האַק־מעסער אין דער האַנט האָט ער אויסגעקוקט ווי אַ גזלן, ווי אַ קוילער, — נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון וואַלד. די קינדער זיינע זענען פרי אַנטלאָפן פון אים. די יונגען האָט ער אַרויסגעיאָגט, די מוידן זענען אַליין אוועק. (שיי־נע מוידן געהאַט, וועלוול קאַלבאַס, מיט געדיכטע שוואַרצע צעפּ האָר, מיט שטאַרקע בריסטן און ברייטע היפטן — האָבן זיי די „שוואַרצע יאָר" אַרויסגעכאַפּט ערגעץ־ווו אין אַרגענטינע...) שוין אַ צייט ווי ער קריגט צוגעשיקט אויף יעדן יום־טוב געלט פון אַרגענטינע, מיט ראש־השנה־קאַרטן. נעמט ער דאָס געלט מיט די ווונטש־קאַרטן, — (וואָס ער מיינט, אַז עס איז אויך געלט — אַלץ וואָס עס קומט מיט דער פּאָסט איז געלט), — און שטעקט עס אין שעניק אריין. קאַלבאַס באַדאַרף נישט קיין געלט. גאָרנישט דאַרף ער, נאָר זיין אַרבעט, ביי וועלכער ער שטייט פון זעקס אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט — צעהאַקט די גרויסע ריפּן פלייש, וואָס דער קצב ברענגט אים אריין געטרייבערטע, שוין מיט דעם שטעמפּל „כשר", פון ראַבינאַט. גרויסע סקאַנדאַלן שוין געווען מיט וועלוול קאַל־באַס, נישט איינמאָל האָט אים שוין דער ראַבינאַט געטרפהט די ווורשטן (נישט קיין צוטרויען געהאַט צו זיין כשר) — איז ער זיך געגאַנגען אין גמינע שלאָגן. יעדעס מאָל ווען מען ברענגט אים אַ געטרייבערט שטיק פלייש מיטן שטעמפּל „כשר", גייט ער אַרוים אין הויף, האַלטנדיק דאָס

שטיק פלייש אויף זיינע אָרעמס, און שרייט אויפן הויכן קול: „נאַט, זעט דעם שטעמפּל „כשר״, אַ כאָליערע זאָל אייך פּאַקן!״

פון קיין אַנבייסן, פון קיין מיטאָג ווייסט ער נישט. קאָלבאַס פרעסט־אויף דאָס אָפּפאַל פון די פליישן, וואָס ער קאָן נישט איינבראָקן אין די וורשטן. אזוי ארבעט ער פון שבת ביז שבת. זיין איינציק פארגעניגן איז שבת נאָכמיטאָג צו שלאָפן. זומער־צייט טוט ער זיך אָן די שטיוול מיט די גרויסע כאָלעוועס און גייט מיטן ווייב — אַ ברייט־פליישיקע יידענע ווי אַ פאַס — (דער איינציקער פארשוין, פאַר וועמען ער האָט מורא, זי קאָן אים אמאָל אַ פּאַטש דערלאַנגען אויך) — גייט ער צוזאַמען מיטן ווייב אַרויס פון שטאָט אויף מאָקאָטאָווער „ציטאַדעל״, ביים יידישן שפּיטאָל, כאָליעט זיך אַוועק אין אויסגעברענטן גראָז, לייגט־אַוועק דעם קאָפּ אויף נעכעס אַ פוס און שלאָפט-דורך צווישן גוואַלטן און געשרייען פון אין „פּאַלאַנט״ שפּילנדע יונגען, פון זיך־קריגנדיקע מוידן, אַ גאַנצן זומערדיקן טאָג ביז עס ווערט פארנאַכט. כאַפּט ער זיך אויף און זאָגט אַ פּאַרקרימטער: „נעכע, קום אַהיים. עס איז מיר עפּעס פּאַסקודנע אין מויל״.

ווינטער לייגט ער זיך אַוועק מיטן ווייב אויפן טאַפּטשאַן. נעכע, וועלכע קאָן לייענען עברי-טייטש, מישט־אויף דעם „צאינה וראינה״, און צווישן גרעפּסן, וואָס וועלוול גיט פון זיך אַרויס, לייענט אים די יידענע פאַר וועגן „נחן מיט דער תיבה״. ביז נעכע זאָגט אים מוסר: „וועלוול קאָלבאַס, וואָלסט כאָטש דרך־ארץ געהאַט פאַרן הייליקן נחן״. „האָסט טאַקע רעכט מיין ווייב — קרעכצט נעבעך וועלוול אָפּ אויף דעם, וואָס ער איז שוין אַ פארפאַלענער און גאָרנישט וועט אים שוין העלפן. גראָבט ער איין דעם הארטן קאָפּ אין נעכעס אַ שמאַלץ-גרוב, און הייבט־אָן צו פייפן מיט דער נאָז. עס געדויערט נישט לאַנג, און נעכע טוט אים נאָך...

פאַר וועלוול קאָלבאַס ציטערט דער הויף. די איינציקע, וואָס האָט נישט קיין מורא פאַר אים, איז פרוי הורוויץ. פאַר פרוי הורוויץ האָט אפי־לו וועלוול דרך־ארץ. ער ווייסט, אַז עס איז עפּעס אַן אנדער סאָרט פאַר־שוין, פאַר וועלכן מען באַדאַרף האָבן רעספּעקט, און נישט איינמאָל, ווען פרוי הורוויץ גייט־אַרום צווישן די שכנים צונויפנעמען אַ פּאָר גילדן פאַרן סוכאָטשניטשע ווייבל, די פּאַפּיראָסן-מאַכערין, וואָס ווױנט אויפן פערטן שטאָק, טראָגט איר וועלוול אַנטקעגן אַ שטיק פלייש פון סאַמע ביליק

ארויס, וואָס ער וואָלט אַליין זיך נישט פאַרגינען אפילו אויף שבת. דער־זען, אַז די פרוי הורוויץ איז פון בעקער ארויסגעלאָפן א צעמישטע, האָט זי וועלוול אָפגעוואַרט אויפן שוועל פון זיין וווּרשט־פאַבריקל. די טיר פונעם „פאַבריקל" איז שטענדיק געשטאַנען אָפן, און עס האָט זיך געטראָגן פון דאָרט א פּאַרע ווי פון אַן אונטערגעהייצטער מקוה. צוליב דער פּאַרע האָט מען נישט ארויסגעזען וואָס דרינען טוט זיך. מיט דעם פאַרפּעצטן שפּעגצער און פאַרטוך, ארויפגעשאַרצטע אַרבל און א האַקמעסער אין דער האַנט, וואַרט וועלוול אָפּ די פרוי הורוויץ און רופט איר צו מיט א געבייזער, ווען יענע איילט זיך און באַמערקט אים נישט.

— וואָס, איך בין שוין קיין ייד נישט? מיין הויז איז טרפה? — וואָס לאָזט זי מיך פאַרביי, ווען זי גייט נאָך א נדבה? — בייזערט זיך וועלוול. — קומט־אריין, וועל איך אייך געבן א שטיקל פלייש.

— ניין, וועלוול, — זאָגט צו אים די פרוי הורוויץ, — איך באַדאַרף א נאַכטלעגער פאַר אַן אָרימען יונגנמאַן, ווו ער זאָל קאָנען איבערנעכטיקן.

— וואָס, פאַר א לערנער?

— אוודאי פאַר א לערנער, וואָס דען, פאַר א לײדיקגייער וועל איך די טירן אָפּהאַקן?

וועלוול קראַצט זיך אין קאָפּ צווישן די קודלעס, און רופט אין דער פּאַרע אריין:

— נעכע, נעכע, קום נאָר ארויס!

פון דער פּאַרע שטייגט־ארויס א באַוועגלעכע מאַסע: אין קאַרגן שיין פון קאָרידאָר, וואָס פאַלט־אריין דורך אַן אָפענער טיר, זעט מען א יידענע אין א געבלימלטער וואַטאַווקע, מיט א פּאָר רויטע זאָקן אויף די דיק־אָנגעשוואָלענע פיס, דעם קאָפּטן אויסגעטון, נאָר אָנשטאָט דעם א האַנטוך ארומגעוויקלט ארום באַהעמדטן האַלדז. זי האָט אויסגעזען אַזוי ווי זי וואָלט געקומען פון וואַשן וועש. זי איז געקומען פון אויבן, ווו זי האָט געהאָלפן דעם מאַן רויכערן די וווּרשטן, וועלכע זיי האָבן אויסגע־אַרבעט פאַר די ביליקע וואַרשעווער שענקען.

— וואָס ווילסטו? — פרעגט נעכע, און ווישט זיך אָפּ מיטן האַנטוך דעם שווייס פון דעם אומגעהויער גרויסן פּנים.

— ווילסט דיר פאַרדינען א מצוה — נעם אריין אַן אָרימען ישיבה־

בחור צו נעכטיקן. די „לערערקע" זאָגט, — ווייזט וועלוול אויף דער פרוי הורוויץ.

נעכע קוקט אויף איר מאַן מיט די אויגן פון אַנגעשוואָלענעם פּנים אַרויס און זאָגט מיט אַ פאַרוואונדערטער מינע:

— נו, וועלוול קאַלבאַס, באַדאַרפסט האָבן מצוות? פון ווען אָן איז דאָס?

— וואָס, איך טאָר נישט? אַלע מצוות מעג האָבן דער לעדער־סוחר, איך וויל מיר אויך עפּעס פאַרדינען אויף יענער וועלט, — זאָגט וועלוול מיט געבייזער.

— אויף יענער וועלט וועסטו דיר פאַרדינען דאָס פייערדיקע גיהנום, ווייל דו פרעסט אומגעדאַוונט און אומגעוואַשן, — זאָגט נעכע, און ווענדעט זיך צו דער פרוי הורוויץ: — נו, גייט שוין גייט, ווו וועלן מיר אים לייגן, — אין אויוון אריין, אַ כיבע, מיט די וואָרשטן, אַז מיר שלאָפן אַליין אין רויך.

— און איך וועל דיר ווייזן, אַז איך וועל מיר יאָ פאַרדינען אַ מצוה. פאַני הורוויץ, וואַרט נאָר אַ מינוט, — שרייט־אויס וועלוול, וועלכער איז געוואָרן אַריינגעיאָגט דורכן ווייב אין אַמביציע, — וואַרט נאָר אַ מינוט, דאָ האָט איר אַ וווּרשט פון „ביילקיס" אַרויס. נאַט אייך, טראָגט דאָס אַרויף צו דעם סוכאָטשעווסקיס ווייבל. זאָל זי אויך לעבן אַ גוטן טאָג. די יונגען מיט די מוידן שמעקן דאָ אַרום ווי די הינט נאָך אַ ביין צו דערכאַפּן אַ שטיקל „אַכלאַפּ".

— וועלוול קאַלבאַס, וואָס ביסטו משוגע געוואָרן: אַ גאַנצע קישקע? און אַ פּאָר ביינער וואָלט נישט גענוג געווען אַ זופּ אָפּצוקאָכן?

— ניין, אַ גאַנצע קישקע מיט אַ שטיק ביילקיס דערצו. איך וויל אויך זיין אַ ייד. איך וויל זיך אויך אַמאָל אַ מצוה פאַרדינען! — שרייט וועלוול קאַלבאַס אויפן קול, ווי עס וואָלט אים ווער געשאָכטן.

דאָס גאַנצע הויז האָט געקענט דאָס סוכאָטשעווסקיס ווייבל. דאָס איז די פּאַפּיראָסן־מאַכערין פון דעם פערטן שטאָק. אַלע ווײַלע ווערט אַ געשריי פון קינדערשע קולות: „די מאַמע שטאַרבט אוועק!" נאָר אַזוי ווי דאָס געשריי האַלט שוין אָן אַ פּאָר יאָר, האָט מען זיך צו אים צוגעוווינט. אַ פּאָר מאָל האָט שוין דער הויף צונויפגעזאַמלט געלט און זי אַרויסגעשיקט קיין אָטוואָצק. נאָר קיין לעבעדיקן זאַק קאָן מען נישט

אַנפּילן. זי שטאַרבט און שטאַרבט — און יעדעס יאָר האָט זי אַ קינד. ליגט אין בעט און שפּייט מיט בלוט, און האָט אַ גרויסן בויך... אַ מאַן אַ שלימזל, אַ וואוויל־לערנער, זאָגט מען. אַ זייגער־מאַכער אָן אַ שטעלע, אַרבעט ער אויס פּאַפּיראָסן, וואָס די קינדער פּאַרקויפן אין געהיים אָן אַ באַנדעראָל. פרוי הורוויץ קען זי גוט. אַז עס ווערט גאָר שלעכט, קומט מען אַראָפּצולויפן אויפן ערשטן שטאָק צו דער לערערקע: „די מאַמע פאַלט אוועק". נעמט די לערערקע דאָס טוך איבער די פּלייצעס און גייט־אַרום צו שכנים.

געקראָגן מיטאַמאָל אַזאַ מתנה דערפאַר, וואָס וועלוול קאַלבאַס איז משוגע געוואָרן און האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז עס איז דאָ אַ יענע וועלט אויך, איז די לערערקע מיט אימפּעט אַרויף אויף די צווייטע טרעפּ צו ברענגען דעם סובאָטניטשע ווייבל די וואורשט מיטן שטיק פלייש. אָנגע־טראָפן האָט זי דאָס ווייבל, ווי שטענדיק, אין בעט מיטן אויסגעהאַפּטע־נעם הייבל פון כלה־צייט אויפן קאָפּ און מיט די רויטע באַקן. פון בעט אַרויס האָט זי געקאָמאַנדעוועט מיט די קינדער. איינס קלענער פון אַנ־דערן, טייל אינגאַנצן נאַקעט, אַנדערע האַלב־נאַקעט, וואָס האָבן אָנגע־פילט די ענגע שטוב. די שטוב איז נאָך ענגער געוואָרן דורך דעם, וואָס אַ האַלבע וואַנט האָט פאַרנומען אַ ברייט־בייכיקער אָנגעשוואָלענער גע־שניצטער שראַנק, וואָס איז איבערגעבליבן פון די גוטע צייטן נאָך פון חתונה־אויסשטייער (די סובאָטניצע איז געקומען פון אַ גוט הויז און געהאַט נדן צו דער חתונה).

דער מאַן איז נישט געווען. אַרומגעדרייט זיך ערגעץ אין גאַס. דער־פאַר אָבער האָט מען אָנגעזען זיין מלאכה. דער איינציקער טיש, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, איז געווען באַלייגט מיט אַ שטויס טאַבאַק. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט די קינדער צו עסן פון דעם טיש. אין טאַבאַק האָבן זיי געטונקט די רעשטן ברויט. אין טאַבאַק האָט זיך אויך אַריינגענאָסן די רעשטן קאַווע פון די טעפּלעך. אַנדערע האָבן זיך אין טאַבאַק אויפגעשטעלט זייער שפּילצייג, זייערע שמוציקע היימיש־גע־מאַכטע ליאַלקעס.

דאָס סובאָטניטשע ווייבל איז געלעגן אין בעט און דערבאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט שאַלעכץ פון אַ פּאָמעראַנץ, וואָס זי האָט נישט אויפגע־הערט צו נאָגן. ביי דער פרוי הורוויצעס אַריינגקומען האָבן זיך די קינ־

דער איינגעשטילט, און דער רעש און דער ליאַרעם האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון די ווינקלען האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן וואָס מער קעפּלעך, און ווי הונגעריקע מייזלעך האָבן זיי פונדערווייטנס שוין דערשפּירט די ווורשט, וואָס פרוי הורוויץ האָט געהאַלטן אין אָרעם.

— נאָט אייך, דאָ האָט איר. שטעלט אייך פאָר, דאָס האָט אייך אַרויפגעשיקט דער ווורשטן־מאַכער, וועלוול פון דער אַפּיצינע. נו, וואָס מאַכט איר, גיטעלע?

— לאַנג לעבן זאָלט איר טאַקע, פאַני הורוויץ, פאַר אייער גוט האַרץ. וואָס וואָלט איך געטון אָן אייך? — ציט די סוכאַטשניצע אַרויס אַ האַנט ווי אַ דין בלייך שטעקעלע און נעמט צו די ווורשט און באַהאַלט זי אונטער איר דעק.

— וואָס באַהאַלט איר זי? גיט די קינדער צו שטיקלעך, — זאָגט די פרוי הורוויץ (זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פון די הונגעריקע, דער־שטוינטע און אויפגעריסענע בליקן פון די קינדער־אויגעלעך, וואָס זענען צוגעצויגן געוואָרן, דורכן געשמאַק פון דער ווורשט, צו דער מוטערס בעט).

— שוין, באַלד, איצטער... מ׳באַדאַרף באַהאַלטן אויף שפּעטער, — זאָגט די סוכאַטשניצע. — גייט אייך, קינדערלעך, שפּילן, גייט קינדערלעך, — זאָגט די מוטער שוואַך פון בעט אַרויס.

די קינדער אָבער ווילן נישט פון בעט אָפּטרעטן. קאָנען זיי נישט עסן — שמעקן זיי כאָטש די ווורשט פון אונטער דער מאַמעס דעק.

— גיט זיי איצט צו שטיקלעך. גיי, ייִנגעלע, ברענג אַ מעסער, — זאָגט די פרוי הורוויץ.

זי נעמט די ווורשט און טיילט־איין שטיקער די קינדער, צום פאַר־דרוס פון דער מאַמען, וואָס זעט ווי דאָס „פּאַרמעגנס" צערינט מיט־אַמאָל.

— זיי האָבן דאָך ערשט געגעסן, זאָל איך אַזאַ גוט יאָר האָבן, ווי זיי האָבן געגעסן. זיי זענען דאָך גאָרנישט הונגעריק. נישט וואָר, קינדער־לעך? — זאָגט די מאַמע און שטרעקט־אויס די האַנט נאָך דער איבער־געבליבענער ווורשט. און פאַר גרויס עגמת־נפש צעהוסט זי זיך אַזוי, אַז מען מיינט די נשמה גייט פון איר אַרויס.

די קינדער זענען שוין צוגעוווינט צו דעם. דער מאַמעס הוסט שטערט זיי נישט צו פרייען זיך מיט דעם זעלטענעם ביסן, וואָס זיי האָבן

געקראָגן. פרוי הורוויץ מיט זיך זי צו בּאַרואיקן. דער הוסט פון דער סו־באָטניצע נעמט אָבער אָן אַזאַ מוראַדיקע פאָרם, אַז די פרוי דערשרעקט זיך. דענסטמאָל קומט איר צוהילף שיינדעלע, דאָס עלטסטע מיידל. נישט שטערנדיק זיך אין איר געשמאַקן ביסן פון דער באַטעמטער וווּרשט — גייט זי מיט גלייכגילטיקע טריט, ווי עס וואָלט ביי איר געווען אַ נאַ־טירלעכע זאַך, צו דעם וואַסער־קראַן, גיסט־אָן אַ שעפּ וואַסער, עסט ווײַ־טער די וווּרשט מיט איין האַנט, און מיט דער צווייטער האַנט דערלאַנגט זי דער פאַרהוסטער, פאַרפּייניקטער מאַמען די שעפּ וואַסער אין מויל.

פרוי הורוויץ האָט געמיינט, אַז עס איז עפּעס געשען. אָבער די סו־באָטניצע אַליין האָט זיך פון דעם הוסטן גאָרנישט געמאַכט. קוים האָט איר דער הוסט אָפּגעלאָזט, ווענדעט זי זיך מיט אַ גלייכגילטיקער מינע, ווי זי וואָלט נעוואָלט עפּעס דערציילן גאַנץ גלייכגילטיקס:

— גוט, וואָס איר זענט אַרויפגעקומען, פּאַני הורוויץ. איך האָב טאַקע שוין געוואָלט שיקן נאָך אייך (און אַביסל דערנידערנדיק איר שטי־מע זאָגט זי צו דער לעצטער אין אויער אַריין מיט אַ פריילעך פאַרשעמט שמייכעלע אויף אירע קרענקלעכע באַקן): — איר ווייסט, איך רעכט זיך דאָך שוין באַלד ווידער אין קימפּעט, אוודאי אַ ליאַדע טאָג.

פרוי הורוויץ בלייבט זיצן אַ פאַרשטיינערטע.

— וואָס, אין אייער צושטאַנד? און וויפיל איז דער שיעור?

— וואָס זאָל מען טון, מען איז דאָך נאָר אַ זינדיקער מענטש. — זאָגט די סובאָטניצע און שמייכלט דערביי צו מיט אַ קאָקעטיש ווייבע־ריש חנדל. אָבער צוליב דעם שמייכעלע שניידט זיך פון איר פּנים אַרויס דער סקעלעט פון איר קאָפּ דורך דער דינער הויט...

קאַפּיטל 4

פאַן קוויאַטקאָווסקי

פרוי הורוויץ איז נישט פון די מענטשן, וואָס זאָל זיך אָפּשרעקן פאַר שטרויכלונגען. איינמאָל זיך אונטערגענומען אַ זאַך, מוז זי עס דורכפירן. דער יונגערמאַן, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער פּראָווינץ און געשטעלט זיך הינטער איר טיר, וועט בּלייבן אין וואַרשע.

א מינוט שטעלט זי זיך אָפּ אויף די טרעפּ, לאָזט דורכגיין אין איר מחשבה די אַלע באַקאַנטע, שכנים, פריינט, ביי וועלכע זי פלעגט אַמאָל איינאָרדענען דעם אָדער יענעם יונגנמאַן, וואָס איז געקומען פון דער פּראָווינץ. פיל זענען איר נישט איבערגעבליבן. כמעט אומעטום, ווו זי האָט געקאָנט, האָט זי שוין דאָרט געהאַט ווען עמען עס איז.

צוריק־צו־וועגס האָט זי אָפּגעריכט א וויזיט הענעך דעם סטאָליאַר. נישט דערפאַר, וואָס זי האָט זיך גערעכט, אַז זי וועט דאָרט קאָנען איינ־אָרדענען איר שוצלינג, נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט עפּעס אַנדערש גע־זוכט. הענעך סטאָליאַר איז איר א גוט־באַקאַנטער, א מענטש, צו וועלכן זי האָט פיל סימפּאַטיעס, און ער פלעגט אַמאָל צוהעלפן אין זאַכן, וועגן וועלכע מיר ווילן נאָך נישט אויסזאָגן.

עס איז איר געלעגן אויפן וועג אויך. דער סטאָליאַר האָט געוווינט אין טיר־געוועלב, וואָס איז געלעגן אין דעם פליגל, ווו עס האָט געוווינט דאָס סוכאָטשניטשע ווייבל.

אריינגעקומען אין שטוב אריין, האָט פרוי הורוויץ אָנגעטראָפן אַזא בילד:

הענעך סטאָליאַר איז געשטאַנען א פאַרטרונקענער אין א ים פון הובלעכץ און זעג־שטויב און האָט עפּעס דאָרט געקלאַפּט. דאָס קלאַפּעריי פון געהילץ אָבער איז פאַרלוירן געוואָרן אין א ליאַרם, אין א געשריי פון קינדער און קינדערלעך, וואָס האָבן זיך געטומלט אין האַלץ־אָפּפאַלעכץ. אין דער נאָענט פון די אָפּעגע טירן איז געשטאַנען א וויג. איבער דער וויג איז געווען אריבערגעבויגן יוכבד, הענעכס ווייב, און האָט געלאָזט אריינפאַלן אירע צוויי נאַקעטע בריסטן, ווי טאָרבעס, אין דער וויג אריין, פון וועלכער עס האָט דאָרטן ווער געזויגן.

זויגנדיק דאָס קינד, האָט אָבער יוכבד זיך נישט געלאָזט שטערן אין איר געשפּרעך מיט א פּאָר, וואָס זענען געזעסן אויף א צעוואָרפן בעט אין א ווינקל ביי דער וואַנט. דאָס איז געווען יוכבדס שוועסטער, מיט וועלכער הענעך האָט זיך געשעמט, ווייל ער האָט זי פאַרדעכטיקט, אַז זי גיט זיך אָפּ מיט זאַכן, וועגן וועלכע אירע ביליקע פּערפומען און שמעקנ־דיקע זייפן, וואָס האָבן זיך פון איר געפילט, האָבן עדות געזאָגט... נעבן איר איז געזעסן א יונגערמאַן אין א וואַרשעווער קאַשקעטל, מיט א לע־דערנעם גלאַנציקן דאַשעק. ביידע, דאָס מיידל און דער יונגערמאַן, האָבן

פון איין שקאַרמוץ געקנאַקט באַניע־קערנדלעך, פון וועלכע די שויטן זע־נען געפלויגן פאַרשפּרייט אַרום זיי. זיי האָבן געמוזט רעדן וועגן חתונה־האָבן. וואָרים ביי פרוי הורוויצעס אַריינקומען, האָט יוכבד, אַריבער־בויגנדיק זיך איבער דער וויג מיט אירע בריסטן, געמאַכט אַ באַמערקונג צו דעם געשפּרעך, וואָס די יונגע מענטשן האָבן געפירט צווישן זיך:

— זי האָט דען נישט רעכט, מיין שוועסטער, וואָס זי וויל נישט חתונה־האָבן? וואָס, אַ נאַר איז זי, וואָס האָט מען, משטיינס געזאָגט, פונעם גאַנצן חתונה־האָבן? אָט דאָס, — ווייזט זי אויף דער וויג.

— און אַז נישט, ווייס איך דען נישט, וואָס ער וויל? — זאָגט דאָס מיידל, וואָס זיצט אויפן בעט, צו דער שוועסטער און ווייזט דערביי מיטן פינגער אויפן יונגנמאַן. — ער רעדט פון חתונה־האָבן, און מיינט עפּעס אַנדערש. איך האָב פיינט געגאַרטע זאַכן; אַז דו ווילסט דעם...

— זאָג און פאַרדריי מיר נישט קיין קאָפּ מיט חתונה האָבן.

דער שוואָגער הענעך האָט זיך גאַרנישט אַנגערופן. ער האָט פיינט געהאַט דער ווייבס שוועסטער מיט אירע טמאדיקע געשמאַקן און דעם יונגנמאַן, וואָס דרייט זיך אַרום איר. ער האָט זיי חושד געווען אין אומ־אָנשטענדיקע זאַכן, האָט ער זיך איינגעטונקט אין זיינע הובלעס און גע־אַרבעט מיט התמדה.

— גיב נאָר אַ קוק ווי ער יאָגט פון זיך דעם כוח אַרויס, — זאָגט דאָס ווייב איבערגעבויגן מיט אירע בריסטן איבער דער וויג, — עס וואָלט ווער געזען, וואָלט מען כאָטש געמיינט, אַז ער מאַכט מיך רייך, אַז ער גיט מיר יעדן טאָג זעמל צו עסן. פון דעם אַלעם וועט נישט זיין אויף שבת צו מאַכן.

הענעך רופט זיך גאַרנישט אָן. אַ שמיר מיט דער האַנט איבער דעם פאַרברודיקטן באַגאָסענעם שטערן, גיט ער אַ פיר־איבער מיט דעם הובעל איבערן ברעט, פון הינטער וועלכן עס הערט זיך אַ פייף.

ביי פרוי הורוויצעס אַריינקומען איז דאָס געשפּרעך געוואָרן איבער־געריסן. יוכבד האָט זיך אויפגעבויגן פון דער וויג און אַריינגעלאָזט אירע בריסטן אין קאַפּטאַן אַריין. דאָס יונגע פּאָר, וואָס זענען געזעסן צו נאָענט איינער צום אַנדערן אויפן בעט, האָבן זיך אָפּגערוקט, און אפילו הענעך האָט אויפגעהערט צו פייפן מיט דעם הובעל איבערן ברעט און איז אוועק

פון זיין ווערקשטעל צו דער וויג, צום איינציקן ליכטיקן ווינקל אין שטוב, ווו עס איז געשטאַנען פרוי הורוויץ.

— אָ, די לערערקע, — זאָגט הענעך נישט אָן פרייד און מאַכט זיך אַרויס די שטיקער געהיבלעכץ פון זיינע האָר און באָרד.

— יאָ, הענעך, — איך בין דורכגעגאַנגען, בין איך אַריינגעגאַנגען. וואָס הערט מען?

— וואָס זאָל מען הערן? — אַלדאָס גוטס. אַבי עס איז נאָר דאָ וואָס צו אַרבעטן און צו קייען. וואָס באַדאַרף מען מער?

פרוי הורוויץ האָט גערן הענעכן. הענעך איז דער איינציקער שכן, וואָס קלאָגט זיך קיינמאָל נישט. שטענדיק איז ער אַ שמייכלענדיקער, אַ באַשיינטער, אַן אויפגערוימטער.

— כאָטש איינער, וואָס איז צופרידן. אייך פעלט קיינמאָל נישט, הענעך.

— וואָס זאָל מיר פעלן, וואָס? און אַז ס'פעלט — וואָס איז? קאָן מען נישט לעבן? — אַט לעבט מען דאָך! וואָס איז זיך צו קלאָגן?

— אַ הונט אויף דער גאַס לעבט אויך! — רופט זיך דאָס ווייב אָן. — אוודאי, אים פעלט גאָרנישט, אַבי ער האָט זיין הובעל מיטן שטיק ברויט און אַ ביכל דאָרט, וואָס די חברה „אחדות"-לייט גיבן אים צו לייענען. ווען ער לאָזט זיך אַריין דערינען, קאָן מען נישט אויסרעדן צו אים אַ וואָרט. און די שוואַרצע יאָר ווייסן, וואָס עס שטייט דאָרט געשריבן. וואָס אַרט עס אים, אַז די קינדער פרעסן אין זיך אַריין קאַרטאָפלעס, פון וועלכע זיי קריגן געשוואָלענע בייכער, און אַז עס גייט אַ ווינטער איבערן לאַנד און עס איז נישטאָ מיט וואָס דעם... צו באַדעקן.

— האָסטו שוין, מיין ווייב, פאַרגעלייענט אַ גאַנצע מגילה, און מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז — עס עקט זיך די וועלט. דערווייל האָסטו ווו דעם קאָפּ אָנידערצולייגן, און אויף אַ לעבל ברויט האָסטו אויך. און וויפיל געפינען זיך אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס אויך נישט?

— אַבי אים איז גוט. אַבי ער דערציילט מיר נאָר פון לייט, וואָס האָבן דאָס אויך נישט. פאַרוואָס דערציילסטו מיר ליבער נישט פון לייט, וואָס וווינען אין הייזער, וואָס מ'גייט ביי זיי אויף דיוואַנעס אַרום און מ'פרעסט יעדן טאָג פלייש?

נאָר הענעך לאַכט, שיט־אַרויס די שפּענער האָלץ פון דעם געדיכטן

שווארצן בערדל און שמייכלט אויף דער ווייבס אלע רייד, און זאגט מיט א געלעכטערל:

—'נו, שוויג, שוויג, מיין ווייב. עס וועלן שוין זיין פאלאצן מיט דיוואנעס, מיט זאיכלעך. לאז רעדן די פאני. אז די פאני (אנווייזנדיק אויף פרוי הורוויץ) איז געקומען, איז דאך מן הסתם צוליב וואס...

— ניין, גארנישט, גלאט אזוי. דורכגעגאנגען, אריינגעשמעקט. איבע־ריקנס, זאגט מיר נאר, הענעך, ווייסט איר אפשר נישט, ווו איך קאן דא איינקווארטירן אן ארימען יונגנמאן, וואס איז געקומען פון דער פראָ־ווינץ זיך לערנען?

— איינקווארטירן אן ארימען יונגנמאן, — חזרט איבער הענעך, — כאטש דא, ביי אונדז, פארוואס נישט? ביינאכט שארן מיר אוועק די שפענער און מ'שטעלט־אויף נאך א בעטל אונטער דעם ווערקשטעל. וואס איז נאך א בעט? נישט וואר, יוכבד?

— און ווו וועסטו לייגן שרהלען, אברהמלען און משהלען און די צוויי קליינע? ווו וועסטו צושטעלן א בעטל? אויף דיין קאפ?

— ניין, ביי אייך, הענעך, איז טאקע צו ענג. איך מיין נישט ביי אייך, איך מיין ביי א באקאנטן. אפשר האט איר וועמען, וואס וויל פאר־דינגען א פלאץ אויף ביינאכט אויפצושטעלן א בעטל? — זאגט פרוי הור־וויץ, — פאר ביליק געלט, קיין סך האט ער נישט, וועלן מיר זען צו־שטייער צו געבן.

— ווארט נאר א מינוט, ווארט נאר, איך האב אן עצה, פאני הור־וויץ. ווייסט איר וואס, איך וועל ארויפלויפן צו מרדכין אין פאבריק. מן הסתם, אז איר באדארפט א בעטל פאר א יונגנמאן, באדארפט איר דאך, מוז מען דאך טון, — זאגט הענעך און לויפט ארויס.

— גיב נאר א קוק, ווי ער רייסט זיך דעם ספאדעק איין. הלוואי וואלט ער פאר זיין ווייב און קינדער אזוי פלינק געלאפן, ווי ער לויפט פאר א פרעמדן! — רופט אים נאך דאס ווייב.

נאר נישט פרוי הורוויץ און נישט הענעך האבן זי שוין געהערט און זיי זענען שוין געווען אין דרויסן.

— מן הסתם פאר א טרפהנעם? — זאגט דער יונגערמאן, וואס האט זיך נענטער צוריקגערוקט צו דער שוועסטער. — אז ער וועט זיך איינ־רייסן, — איר וועט מען גארנישט טון. די רייכע טוט מען גארנישט, נאר

אים װעט מען אין פּיעקעליק אַריינזעצן. איך װעל זען, װער עס װעט זיך דערנסטמאָל פאַר אים אָננעמען?

— און פאַרװאָס לאָזטו? — פרעגט די שװעסטער.

— װאָס׳זאָל איך טון, אַז מיין בייזער מזל איז שוין אַזױ, — ענט־פערט אָפּ די שװעסטער.

אױפן ערשטן שטאָק איבערן סטאָליאַר האָט זיך געפונען די „פאַב־ריק" פון װייבערשע בייטלען. דער הױפּט־צושניידער פון די בייטלען איז געװען מרדכי בייטלמאַכער, אָדער דער „הױקער". „גאָלדענע הענט" האָט מען אים גערופן. ער האָט געקאָנט אױסרעכענען װי אַזױ אױסצונוצן יע־דעם שטיקל לעדער, אַז ס׳זאָל גאָרנישט גיין לאַבוד. געקאָנט עפּעס װוּנ־דער באַװייזן אין זיין פאַך. צוליב דעם איז ער געװען אַ חשוב ביים מייס־טער, ביים פאַבריקאַנט, װאָרים מ׳האָט דעם יונגנמאַן געװאָלט אַרױס־רופן אין אַנדערע פאַבריקן. מרדכי בייטלמאַכער איז נישט געװען קיין שיינער פאַרשױן. אױפגעצױגן אין אָרימקייט, האָט ער דורך אַ פאַל בעת זיין קינדהייט באַקומען אַ געשװאָלענע פּלייצע, װאָס איז פאַרנאַכלעסיקט געװאָרן דורך זיינע עלטערן, און מען רופט אים שוין „דער הױקער". מרדכי האָט אָבער געהאַט אַ שרעקלעכע ליידנשאַפט צו כװאַטסקע פרױען, „ציגאַנקעס", װי ער האָט זײ גערופן. שװאַרץ־האָריקע מיט גרױסע אױערן־רינגען און שװאַרצע גרױסע אױגן. אַזױ װי אין לעבן אָבער איז אים װייניק־װאָס אױסגעקומען צו האָבן צו טון מיט אַזעלכע פרױען, האָט ער זיך אױסגעשניטן פון אילוסטרירטע צייטונגען, פון אַפישן, פאָ־טאָגראַפיעס פון צירק־אַמאַזאָנקעס, טענצערקעס, לייבן־קעמפערינס, און די אױסשניטן אָנגעשטאָכן אױף דער װאַנט פאַר זיין שנייד־ברעט און פון צייט־צו־צייט געקוקט אױף זײ בשעת דער אַרבעט און געקרעכצט אין דער שטיל. ער האָט געהאַט אַ באַגער, צוליב זיין פיזישן פעלער, אױס־צוצייכענען זיך מיט כאַראַקטער און שטאַרקייט. און אַלץ, װאָס האָט גע־שמעקט מיט לעבנס־געפאַר, האָט אים גערייצט. ער האָט באַלאַנגט צו אַ געהיימער פּאָליטישער פּאַרטײ און גענומען אױף זיך (װען מען האָט אים נאָר צוגעלאָזט) שליחותן, ביי װעלכע ער האָט מיט זיין לעבן ריזיקירט. ער פלעגט פראַנק און פרײ אַריבערפירן פּראָקלאַמאַציעס פון איין אָרט אױפן אַנדערן. אין זיין װױנונג פלעגט ער באַהאַלטן די פאַרדעכטיקסטע פאַרשױנען אָדער קאָמפּראָמיטירנדיקע דאָקומענטן. טאַרקערט, װאָס מער

נעפערלעכער עס איז געווען, אלץ מער האט עס אים געררייצט, ווי ער וואלט דורך דעם געוואלט באווייזן זיין גבורה. זיין געוואגטקייט האט אים פארשאפט א נאמען צווישן פארטיי־מיטגלידער און ארבעטער. מען האט אים געקענט. און אז מ׳האט עפעס באדארפט — האט מען זיך געווענדעט צו מרדכין; ער פלעגט עס טון גאנץ אפן, פראנק און פריי. נישט איין מאל האט ער דורך דעם געשטעלט אין געפאר חברים און פארטיי.

דערהערט פון הענעך סטאליאר, אז עס איז עפעס דא ארבעט (אין זיין נאאיוועקייט האט הענעך סטאליאר, וואס איז געווען אין דער פארטיי־ארבעט א געוועזענער סאלדאט, געמיינט ווער ווייסט וועגן וואס פארא געוואלטיקער פערזענלעכקייט עס האנדלט זיך — פאר וועמען די לערער־קע, וועלכע איז באקאנט געווען אין די קרייזן אלס סימפאטיקערין, איז געקומען זוכן א קווארטיר), געהערט, אז מ׳דארף אים — האט מרדכי געווארפן די ארבעט, און איז אראפ פון די טרעפ, ווו עס האט שוין גע־ווארט אויף אים פרוי הורוויץ. מרדכי האט מיט גרוים וואזשנעקייט אויסגעהערט פרוי הורוויץ און געוויר ווערנדיק, אז דא האנדלט זיך נארנישט וועגן קאנספיראציע, און דער, פאר וועמען זי זוכט א קוואר־טיר, איז גארנישט קיין פאליטישער, האט זיך מרדכי אנטוישט. יא, א וווינונג האט ער. נאר מ׳באדארף זי פאר אונדז. ער באדויערט זייער, וואס ער קאן אין דעם פאל נישט העלפן. — כ׳קאן גארנישט טון, — האט ער געזאגט מיט אן ערנסטקייט.

— איבריקנס, — דער „זשאכלינער" האט געהייסן? — פרעגט מרדכי.

— ניין, — דער „זשאכלינער" האט נישט געהייסן (ווארים דאס אלעם מוז דער „זשאכלינער" הייסן).

פרוי הורוויץ האט שוין אנגעהויבן זיך מיאש צו זיין און איינגעזען, אז דער „זשאכלינער" וועט איבער איר טריאומפירן. זי האט באשטימט באין אופן נישט נאכצוגעבן. דער יונגערמאן מוז בלייבן אין ווארשע, זאל דער „זשאכלינער" צעזעצט ווערן. אבער ווו וועט זי אים אהינטון? זי איז נאכאמאל איבערגעגאנגען איר הויז אין איר מחשבה און האט זיך דערמאנט יעדעס ווינקל. אין איר אייגן הויז איז אוממעגלעך. יעדעס ווינקל איז טאקע שוין געווען באזעצט. נאר זי וועט דאך נישט נאכגעבן. זי מוז אים איינארדענען.

און מיט לעקציעס אויך באַזאָרגן, און מיט אַ העמד אויך.

נאָר די ישועה איז געקומען אומגעריכט. און פון אַ זייט, אויף וועלכער זי האָט זיך קיינמאָל נישט געריכט.

ווען זי איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ אין איר שטוב אַריין, פאַרקלערט אין די פּלענער ווי אַזוי איינצוואָרדענען דעם יונגנמאַן, איז איר אַנטקעגנגעקומען אויף די טרעפּ „פּאַן קוויאַטקאָווסקי" פון צווייטן שטאָק, וואָס איז איבער דער שולע. פּאַן קוויאַטקאָווסקי איז געווען דער איינ-ציקער קריסטלעכער שכן אין דעם גרויסן הויז. פון וואַנען ער האָט זיך דאָ גענומען און פאַרוואָס ער זיצט דאָ אין אַ יידישן הויף, וואָס האָט זיך נישט זייער אויסגעצייכנט מיט זיין ריינקייט, ווייסט קיינער נישט דעם טעם דערפון. עס איז געווען די איינציקע טיר אין גאַנצן הויז, אי-בער וועלכער עס האָט געהאָנגען אַ הייליק בילדל און מיט קרייד אָנגע-שריבן פון איין יאָר צום אַנדערן דריי בוכשטאַבן: .K. - M. - B די נעמען פון דריי הייליקע קעניגן. אותיות, וואָס האָבן אויף יידישע הערצער, ווען זיי האָבן זיי דערזען, אָנגעוואָרפן אַ שרעק, ווי די מיט קרייד אָנגעשרי-בענע אותיות וואָלטן דערמאָנט אָן דער אינקוויזיציע. פּאַן קוויאַטקאָווסקי איז געווען אַ געהיימער „דאָקטאָר", וואָס האָט געהיילט מיט גראָזן. עס פלעגן זיך ציען צו אים איבער די טרעפּ גאַנצע שורות מיט פויערטעס פון דאָרף, אין פויערשע קאָלירטע קליידער אָנגעטון, וועלכע פלעגן טראָגן אויף די הענט קוישן מיט די פּראָדוקטן פון דאָרף: אייער, פּוטער, הינער, מיט וועלכע זיי האָבן באַצאָלט דעם „פּאַן" פאַר זיינע דאָקטאָרשע עצות און רפואות. יידן האָבן גרויס חשק געהאַט אַריינצוקוקן אין די פאַרמאַכ-טע ריינע פויערשע קוישן און פרעגן מיט נייגעריקייט: „צו פאַרקויפן?" נאָר שטענדיק פלעגן זיי אָנטרעפן אויף אַן אָפּזאָג. אויף וואָס די יידן האָבן אָפּגעקרעכצט, און מקנא געווען דעם דאָקטאָר... נאַטירלעך פלעגן די יידישע שכנים גרויס רעספּעקט האָבן צום איינציקן גויאישן שכן. און מאַמעס האָבן געהייסן די טעכטער אויסקערן די טרעפּ, נישט צוליב זיך, נאָר צוליב דעם פּאַן קוויאַטקאָווסקי, „דער גוי וועט באַלד דורכגיין"... פּאַן קוויאַטקאָווסקי אַליין פלעגט זיך מאָדנע פאַרהאַלטן צו זיינע יידי-שע שכנים. אָפטמאָל און מערסטנס איז ער געווען גוט ביז גאָר, געענט-פערט אויף גרוסן און אָוועקגעשטעלט זיך אויסטענהן מיט די יידישע שכנים אויף יידיש, מיט וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט צו גרויסן זיך.

ער פלעגט מישן דאָס יידיש מיט איבערגעטריבענע לשון קודשדיקע ווערטער, וואָס האָבן זיך גאַרנישט אַריינגעפּאַסט אין ענין. נאָר סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין: „וואָס מאַכסטו יקום פּורקן?" — האָט ער זיך געווענדט צו אַ ייד. „האָסט שוין געכאַפּט די אַפּותיקי?" און ווען וועט זיין „שמע קעליינע?" „מלך אביון?" — האָט ער ליב געהאַט צו שפּאַסן מיט די שכנים. נאָר אָפּטמאָל פלעגט זיך מאַכן, אָן אַ שום באַזונדערע סיבה, אַז פּאַן קוויאַטקאָווסקי פלעגט ברוגז ווערן אויף זיינע יידישע שכנים. אַרויף און אַראָפּגיין אויף די טרעפּ אָן אָנגעלאָדענער, מיט אַראָפּגעהאָנגענע גרויסע ברעמען און לאַנגע וואָנצעס און נישט נאָר נישט אָפּענטפערן אויף די יידישע גרוסן, נאָר בורטשען אין זיין שטעכעדיקער באָרד אַריין: זשידי „פּאַרכי", זשידי „פּאַרכי".

אַז עס פלעגט אויף אים אָנפאַלן די „מרה־שחורה" (ווי די יידישע שכנים האָבן עס גערופן), האָבן אים יידן אויסגעמיטן, ביז ער פלעגט פון דער העלער הויט בעסער ווערן. פּונקט אַזוי ווי ער פלעגט אָן אַ באַזונדערן טעם ברוגז ווערן אויף זיינע יידישע שכנים, אַזוי פלעגט ער זיך מיט זיי, אָן אַ באַזונדערער סיבה, איבערבעטן.

יידן האָבן דעם גוים מרה־שחורה גערופן: „דער וואָרים נאָגט אים".

כאָטש צו פּרוי הורוויץ האָט זיך דער פּאַן קוויאַטקאָווסקי באַצויגן מיט מער רעספּעקט ווי צו אַנדערע יידישע שכנים (פון אַלע יידישע איינוווינער פלעגט ער נאָר מיט דער לערערקע רעדן פּויליש — וואָס דאָס איז שוין געווען אַ צייכן פון גלייכהייט), דאָך האָט די פּרוי הורוויץ נישט געוווּסט, צי דער פּאַן קוויאַטקאָווסקי איז חבר מיט יידן אָדער ברוגז מיט יידן. זי האָט דערפאַר נישט געוווּסט, צי זי זאָל אים גריסן אָדער זי זאָל זיך מאַכן אים נישט זען. נאָר פּאַן קוויאַטקאָווסקי האָט זיך אַליין אָפּגעשטעלט. אַראָפּגענומען דעם הוט פון זיין באַגרויטן קאָפּ, האָט ער געפּרעגט מיט אַ שמייכל:

— וואָס גייט דאָס די שכנטע אַרום אַזאַ באַזאָרגטע? — עפּעס געטראָפן?

— גאָרנישט האָט געטראָפן, נאָר אַזוי פיל אָרימקייט אין הויף, פּאַניע קוויאַטקאָווסקי.

— אַזוי, אַזוי. יאָ, אָרימקייט איז דאָ אַ סך, אי ביי אייך, אי ביי אונדז. פאַרוואָס ווענדעט איר זיך נישט אַמאָל צו מיר? איר ווענדעט

זיך בלויז צו אייערע, ווען איר באַדאַרפט עפּעס. וואָס, איך בין נישט קיין שכן? איך וויל לעבן מיט מיינע שכנים גוט.

— אדרבה, אדרבה, — ווער ווענדעט זיך דען נישט? אפשר האָט ער טאַקע, דער פּאַן קוויאַטקאָווסקי, אַ קוואַרטיר פאַר אַן אָרימען יונגג־מאַן, וואָס איז געקומען פון דער פּראָווינץ זיך לערנען און האָט נישט זוו צו נעכטיקן? זאָגט פרוי הורוויץ אין האַלבן שפּאַס.

— פאַרוואָס נישט? — געווים האָב איך אַ קוואַרטיר. זאָל אים די שכנטע אַרויפפירן צו מיר, ער קאָן ביי מיר שלאָפן, עסן. מיר זענען אײנגאַנצן צוויי מענטשן — איך און די גאַספּאַדיניע — און אַ קוואַרטיר איז דאָ אַ גרויסע. פאַרוואָס נישט?

פרוי הורוויץ איז דערשטוינט געבליבן.

— דער פּאַן לאַכט נישט?

— פאַרוואָס לאַכן? — זאָגט פּאַן קוויאַטקאָווסקי, רויט־ווערנדיק פון באַליידיקונג. — ווי אַזוי וועל איך זיך דערוועגן צו לאַכן? איר זוכט אַ קוואַרטיר פאַר אַן אָרימען בחור, וואָס וויל זיך לערנען. און איך וועל לאַכן? וואָס בין איך, וואָס? —׳ וואָס, איך פאַרשטיי עס נישט? נאָר שטענדיק זענט איר אַזוי, יידן. איר מיינט, אַז איר אַליין קאָנט נאָר פילן, איר אַליין קאָנט נאָר העלפן — קיין אַנדערער טאָר נישט. דאָס איז נישט רעכט. העלפן, באַדאַרפן מיר אַלע העלפן, איינער דעם אַנדערן העלפן, נישט אַזוי ווי איר טוט. איר ווענדעט זיך נאָר צו אייערע, קיין אַנדערע ווילט איר נישט קענען.

— ווער זאָגט דאָס? — אדרבה. איך האָב דעם פּאַן איבערגע־פרעגט. אַז דער פּאַן באַשטייט — דאַנק איך האַרציק. אַן אָרנטלעכער יונגערמאַן, אַנטלאָפן פון פאַנאַטישע פרומע עלטערן און וויל זיך לער־נען אין וואַרשע.

— פירט אים, שכנטע, גלייך אַרויף צו מיר. איך גיי אַ ווינקל פאַר אים אָנגרייטן, און עסן קאָן ער אויך ביי מיר, דאָס לאַנד באַדאַרף האָבן געבילדעטע מענטשן. וואָס מער בילדונג, אַלץ שטאַרקער וועלן מיר זיין. און איר, יידעלעך, האָט גוטע קעפּלעך — לייגט ער צו אויף יידיש. איך וועל אים אַליין געבן לעקציעס אין פּויליש. זאָל אים די שכנטע גלייך אַרויפברענגען. איך גיי דער גאָספּאָדיניע אָנזאָגן, — זאָגט דער שכן פּאַן קוויאַטקאָווסקי און לויפט־אַרויף צו זיך אין וווינונג.

פרוי הורוויץ בלייבט נאָך פאַר איבערראַשונג אַ מינוט שטיין אויף די טרעפּ, גלויבט זיך אַלײן נישט וואָס דאָ איז געשען און פאַר פרייד גיט זי מיט גדולה אַ לויף־אַריין צו זיך אין קיך.

פונעם „בית־מדרש" האָט שוין דער „זשאַכלינער" אַרויסגע־שטאַרצט זיין קאָזע־פּנים און מיט להכעיס געפינקלט מיט די אייגעלעך.

— נו, וואָס הערט מען, פּאַני הורוויץ? שוין געפונען אַ קוואַרטיר פאַר אייער יונגנמאַן?

— אייך אויף צעפּיקעניש, „ליטוואַק", נישט נאָר אַ קוואַרטיר, נאָר עסן אויך. און לעקציעס אויך. — קומט, יונגערמאַן, מיט מיר, — זאָגט די פרוי און נעמט אָן דעם יונגנמאַן ווי אַ קינד ביי דער האַנט און שלעפּט אים נאָך זיך, מיט דעם פּעקל אין ציטונגס־פּאַפּיר איינגעוויקלט, אויפן צווייטן שטאָק צום פּאַן קוויאַטקאָווסקי.

קאַפּיטל 5

ווי אַזוי רחל־לאה קאָכט־אָפּ פּראָקלאַמאַציעס

נאָכדעם ווי רחל־לאה האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט קהלשע עניִ־נים, איינצואָרדענען דעם פרעמדן יונגנמאַן, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז עס וואַרט אויף איר אינדערהיים איר אייגן פּעקל. זי דאַרף זיך נעמען דעם מיטאָג אָפּצוקאָכן. און זי האָט זיך גענומען צו אירע טעפּ מיט דער ענערגיע און חשק, וואָס איז געווען באַקאַנט ביי איר, נאָך דערצו נאָך אַזאַ געלונגענעם טאָג ווי דער הייַנטיקער, נאָכדעם ווי עס איז איר גע־לונגען איינצואָרדענען דעם פרעמדן יונגנמאַן.

אין אַ פאַר שעה אַרום איז שוין די גאַנצע משפּחה געזעסן אַרום טיש, און דער מאַן שלמה הורוויץ האָט געקאָנט לערנען די קינדער, וואָס זיי זאָלן יאָ עסן און וואָס זיי זאָלן נישט עסן. שלמה הורוויץ האָט שטענדיק געלערנט. און אַזוי ווי ס'איז אין שטוב איצט צו טונקל געווען צו לערנען ביים עסן, האָט ער אויסגענוצט די צייט די קינדער צו לאָזן ווּיסן, וויפיל אייזן עס האָבן אין זיך מערלעך און וויפיל איי־ווייסל עס האָבן אין זיך אַרבעס. דער לערער האָט זייער גערן געטיילט זיך מיט

זיין ווייסן מיט אַנדערע. נישט קיין חילוק צי דאָס זענען זיינע תּלמי־דים, זיינע קינדער אָדער ווילד־פרעמדע, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך צום ערשטן מאָל. אין שטוב איז געווען טונקל, פריער אָוונט פון די קור־צע האַרבסט־טעג. אין דרויסן איז דאָס וועטער קאַליע געוואָרן און די קינדער, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען אין פריען מאָרגן, באַגלייט פון דער הערלעכער האַרבסט־זון, זענען צוריק אַהיימגעקומען פייכטע, באַ־שנייטע און באַבלאָטיקטע. אייניקע פון זיי, ווי דער גימנאַזיע־תּלמיד, דוד, און די יינגערע טאָכטער האָבן געמוזט די שיך אויסטון און ביים טיש זיצן אין די זאָקן. עס איז געוואָרן אַ גערייד וועגן קאַלאָשן, אַ גע־רייד, וואָס וואַרפט שטענדיק אַרויף אַ מרה־שחורה, ווייל עס דערמאָנט אָן ווינטער. דער טאַטע האָט זיך נישט געמאַכט הערן, די מאַמע אָבער האָט שוין וועגן דעם געהאַט אירע פּלענער...

רחל־לאהס טיש איז קיינמאָל נישט נאַקעט, שטענדיק געפינט זיך ווער עס איז ביי איר צום מיטאָג, און עס איז איר אייגענע געשיקטקייט, ווי אַזוי איינצוטיילן, אַז עס זאָל פאַר אַלעמען קלעקן. זיצט טאַקע רחל־לאה ביים גרויסן טעלער אַ פאַרזאָרגטע און איז שטאַרק פאַרנומען מיט איינטיילן חלקים. דעם לייגט זי צו, דעם נעמט זי אַראָפּ, לויט די יאָרן און לויט זיינע כּוחות. זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט זיך געפונען ביים טיש דער ניי־אָנגעקומענער בחור. דעם ערשטן מיטאָג האָבן זיי אַלע גע־מוזט עסן ביי דער לערערקע. דער ניי־אָנגעקומענער יונגערמאַן האָט אי־בערהויפּט געהאַט מזל. ער איז פונעם ערשטן אויגנבליק אָן געפעלן גע־וואָרן דער לערערקע, און דאָס, וואָס זי האָט באַקומען פאַר אים אַזוי אומדערוואַרטעט און אַזאַ אויסטערלישע קוואַרטיר, האָט דעם יונגנמאַן דערהויבן נישט נאָר אין רחלס אויגן, נאָר ביי אַלעמען. אַזוי ווי דאָס וואָלטן געווען זיינע ספּעציעלע פאַרדינסטן, וואָס פאַן קוויאַטקאָווסקי איז משוגע געוואָרן און נעמט־אַריין צו זיך אַ יידישן בחור. אַחוץ דעם איז טאַקע דער ניי־אָנגעקומענער געווען אַ גאַנץ שיינער יונגערמאַן. נישט אַזאַ פּאַרקרימטער, קליינגעוויקסיקער ווי די אַלע, וואָס האָבן זיך ביז איצט געוויזן. אַ שיין געבויטער און אַ הויך־געוויקסיקער מיט אַ ריין נאַיוו־פּראָווינציאַלן פּנים. שיינע גרויסע שוואַרצע אויגן און קוים שפּראָצנדיקע באַקן־בערד, וואָס זענען געווען אַ המשך צו זיינע פּאות און האָבן אים צוגעגעבן אַ בחורשן חן. און מער פאַר אַלץ האָט ער

אויסגענומען אין דער לערערקעס אויגן דערפאר, וואס ער איז פארהעלט־נישמעסיק געגאנגען ריינער און אנשטענדיקער אנגעטון, ווי אלע אנדערע יונגעלייט, וואס זענען געקומען צו איר הויז פון דער פראווינץ. טאקע א לאנגע קאפאטע נאך, אבער די קאפאטע איז געווען ריין. א געפרעסט פראווינץ־העמד, פון וועלכן עס האט זיך ארויסגעוויזן דער ארויסשטארצנ־דיקער קראק פון זיין האלדז. אפילו דער חסידישער אטלעסענער באנד, וואס ער האט געטראגן פאר א שניפס, האט געהאט א חסידישן חן און מען האט אנגעזען אין דעם יונגנמאן, אז ער קומט נישט פון קיין ארימער היים, און דאס האט אויסגענומען אפילו אין אזא דעמאקראטיש הויז, ווי דעם לערערס איז געווען. די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט ביים טיש קאנצענטרירט זיך ארום דעם פרעמדן אנגעקומענעם. איצט, נאכדעם ווי די לערערקע האט אויף אזא זעלטענעם אופן באקומען פאר אים א קוואר־טיר מיט אלעם גוטן, האט זיך נישט נאר איר מאן, נאר אפילו דער „זשאכלינער״ שוין אויך איבערגעבעטן מיט דער אידעע פון זיין בלייבן דא. אלע זענען געווען נייגעריק אויסצוגעפינען נענטערס וועגן אים.

— צוליב וואס ווילט איר זיך נעמען צו לערנען? — פרעגט אים דער לערער פאר אלע אנוועזנדיקע ביים טיש.

דער יונגערמאן, וואס האט זיך — ווי ס'זעט אוים — צום ערשטן מאל אין לעבן געפונען אין אזא געזעלשאפט, נאך דערצו מיט פרעמדע מיידלעך ביי איין טיש, האט זיך געררויטלט און נישט געוווסט ווו די אויגן אהינצוטון. די צוויי שוועסטער, וואס האבן דאס באמערקט, האבן זיך געשטופט מיט די פים אונטערן טיש און געלאכט אין די טעלער אריין. ער האט זיך אבער נישט פארלוירן. פארקערט, ער האט אפגעענט־פערט מיט א געוויסער זיכערקייט, קוקנדיק בחורמעסיק אין שיסל אריין.

— איך וויל ווערן א שרייבער.

דאס האט ארויסגערופן דערשטוינונג און אויפמערקזאמקייט. דער באלעבאס האט אוועקגעלייגט דעם גאפל, אראפגענומען די ברילן פון זיי־נע אויערן, איבערגעווישט זיי מיטן טיכל, ווי ער וואלט אים געוואלט גוט אנקוקן און איבערגעפרעגט:

— א שרייבער?

— יא, איך וויל שרייבן, — האט דער יונגערמאן אפגעענט־פערט א זיכערער.

— וואָס ווילט איר דאָס שרייבן? — האָט דער לערער אים גע-פרעגט.

— איך האָב שוין אָנגעשריבן אַ דראַמע, וואָס איך האָב געבראַכט מיט מיר פאַרצולייענען פאַר שרייבער.

— אַ דראַמע? וווּנדערן זיך אַלע.

— יאָ, אַ דראַמע אין פיר אַקטן.

— האָט איר געלערנט די כּללים ווי אַזוי צו שרייבן אַ דראַמע? — פרעגט אים דער לערער.

— די כּללים? וואָס פאַר אַ כּללים? ניין, איך האָב נישט געלערנט.

— איר האָט נישט געלערנט די כּללים, און איר האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע?

— איר זעט דאָך, — זאָגט דער יונגערמאַן, ווי ער וואָלט געוועזן אָנגעוויזן אויף אַן אָקס, וואָס שטייט פאַר אים.

— און די דראַמאַטישע קלאַסישע ליטעראַטור האָט איר געלייענט? — פרעגט אים דער לערער שוין ווי אַ תּלמיד אויף אַן עקזאַמען.

— דראַמאַטישע קלאַסישע ליטעראַטור? וואָס איז עס? פרעגט אי-בער דער יונגערמאַן און ווערט רויט.

אַלע שמייכלען מיט. די מיידלעך, איבערהויפּט זאָשקע, די יינגערע, קאָן זיך שוין נישט איינהאַלטן און פּלאַצט־אַרויס אין אַ געלעכטער, וואָס דער פאָטער האַקט באַלד אָפּ מיט אַ בליק.

— איך מיין שעקספּיר. איר האָט געלייענט שעקספּיר? — פרעגט־איבער דער לערער.

איך האָב אַפילו געהערט וועגן אים, — זאָגט דער יונגערמאַן, — נאָר געלייענט האָב איך אים נישט.

— און מאָליער? — מאָליער האָט איר געלייענט?

— מאָליער, מאָליער, ווער איז דאָס? איך פאַרשטיי נישט, כּדי אָנצושרייבן אַ דראַמע מוז איך זיי דען לייענען? ווי קומט איינס צום אַנדערן? — וווּנדערט זיך דער יונגערמאַן.

ווידער קאָן זיך זאָשקע נישט איינהאַלטן. די עלטערע קנייפּט זי אונטערן טיש אין די נאַקעטע הענט. דער לערער הערט אים אויף צו פרעגן. ער ווערט עפּעס זייער ערנסט און טרויעריק. דער יונגערמאַן פאַר־שטייט, אַז ער האָט גערעדט נאַרישקייטן, און פאַרשעמט זיך און רויטלט.

זיך נאָך מער, וואָס מאַכט אים ביי זיין גאַנצער פאַרלוירנקייט — סימפּאַ־טיש.

— זאָגט נאָר, יונגערמאַן, אין אַ טעאַטער זענט איר שוין אַמאָל געווען? האָט איר איבערהויפּט אין אייער לעבן שוין געזען אַ טעאַטער? — פרעגט אים אַלץ דער לערער.

— יאָ, געווען ביי אונדז אין שטאָט אַ יידישע טרופּע, האָב איך אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַרע פון דער פּלאַכטע.

זאָשקע קאָן זיך ווידער נישט איינהאַלטן. און דער יונגערמאַן זיצט ווי אויף הייסע שפּילקעס און ווייסט נישט ווו די אויגן אַהינצוטון. נאָר דאָ קומט אים צו הילף זיין שוץ־מלאך:

— הערט נאָר, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף אים? צוליב דעם איז ער דאָך טאַקע געקומען קיין וואַרשע זיך לערנען. אדרבה, העלפט אים, — זאָגט די לערערקע, און כדי אים איבערצובעטן פאַר אַלע פאַר־שעמטקייטן ביים טיש, נעמט זי אויפן גאָפּל אַ שטיקל פלייש פון איר טעלער און דערלאַנגט אים אויף זיינעם.

— עסט, עסט, יונגערמאַן. איר וועט נאָך פון זיי אַלעמען לאַכן.

נאָר דער באַלעבאָס מאַכט אַן ענד צו אַלעם.

— עס איז נישטאָ וואָס צו לאַכן. אַלע אונדזערע טאַלאַנטן האָבן אַזוי אָנגעהויבן. מיר האָבן נישט קיין שולע. דאָס בית־המדרש איז אונ־דזער אוניווערזיטעט. מיך אינטערעסירט זייער, וואָס איר האָט אָנגע־שריבן, יונגערמאַן. איך וועל אייך זייער בעטן, אַז איר זאָלט מיר אַמאָל פאַרלעזן אייער דראַמע.

די רייד האָבן דעם פרעמדן יונגנמאַן רעהאַביליטירט ביי דער גע־זעלשאַפט ביים טיש, און רחל־לאה האָט שוין געקאָנט טריאומפירנדיק אויסרופן: „אהא, זעט איר שוין!“

דאָס עסן האָט זיך נישט געקאָנט לאַנג פאַרציען, און דער עולם איז זיך באַלד צעגאַנגען. דער לערער איז אַוועק אויף זיינע נאָכמיטאָגדיקע לעקציעס, וואָס ער האָט געגעבן אין פריוואַטע הייזער. אַזוי אויך די עלטסטע טאָכטער העלענע, וועלכע האָט אויך געהאַט אירע נאָכמיטאָג־דיקע שטונדן, איבער וואָס פרוי הורוויץ האָט זיך געקרענקט, ווייל דאָס מיידל האָט שוין קיין איין מינוט נישט קיין צייט פאַר זיך. דאָס לעבן איז געווען טייער, אַ משפּחה אַ גרויסע. די שולע האָט ווינציק־וואָס אַריינ־

געבראַכט. די תלמידים זענען מייסטנס באַשטאַנען פון קינדער פון די אָרימע שכנים, וואָס האָבן האַלב געצאָלט, האַלב אויסגעבעטן, און דאָס געצאָלטע איז אויך אויסגעקומען איינצומאָנען מיט גרוים מאַטערניש און נאָכלויפעניש. די שולע האָבן טאַקע געשטיצט אין געהיים אַ פּאָר רייכע אַסימילירטע דאַמען דערפאַר, וואָס זי איז געווען די איינציקע פון דעם מין, וואָס האָט פאַרשפּרייט די פאַרווערטע פּוילישע שפּראַך צווישן דער אָרימער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע מ׳האָט געלערנט אין געהיים. אָבער די הילף פון דעם „קאָמיטעט" איז געווען פּונקט אַזוי ווי אַלע געזעלשאַפטלעכע חברות — מער אַ מאָראַלישע שטיצע איידער אַ מאַטעריעלע. מען איז געקומען און מ׳האָט געגעבן עצות. די דאָקטאָראָווע זילבערשטיינאָווע, די באַשיצערין פון דער שולע, פלעגט אַריינפאַלן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און עקזאַמינירן די קינדער אין פּויליש. און עס פלעגט אָפטמאָל זיך מאַכן, אַז בשעת איר וויזיט פלעגט אַריינפאַלן פּונקט דער רוסישער אינספּעקטאָר, וואָס האָט געהאַט אַן אויג אויף דער שולע צוליב אירע פּוילישע טענדענצן און מאַכן אַ רעוויזיע צווישן די בענק, זוכנדיק פּוילישע ביכער און אויספרעגן די קינדער, צי מען לערנט פּויליש. דערפאַר אָבער, אַז עס זענען געקומען די אמתע זאָרגן פון דער שולע: דירה־געלט צו באַצאָלן, אויפן ווינטער קוילן איינצושאַפן, — איז קיינער נישט געווען צו העלפן. איין דאַמע האָט אָפּגעשיקט צו דער אַנדערער און די גאַנצע זאָרג פלעגט פאַלן, ווי תמיד, אויף דער לערערקעס פּלייצעס.

און מ׳זאָל נישט מיינען, אַז די זאָרגן, וואָס פרוי הורוויץ האָט געטראָגן אויף זיך, סיי אירע אייגענע, סיי פרעמדע, האָבן איבערגעלאָזט שפּורן אויף איר פּנים און אָפּגערופן זיך אויף איר עלטער. דאָס איז נישט געווען דער פאַל. פאַרקערט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז וואָס מער די פרוי האָט גענומען אויף זיך, אַלץ מער זענען אירע גלידער אָנגעגאָסן געוואָרן מיט ענערגיע, קראַפט און אַ חשק צו טון. די אומאויסגעשעפּטע ענערגיע, וואָס האָט זיך געהאַט איינגעשפּייכלערט אין איר, אַ ירושה פון עלטערן און אור־עלטערן פון פראָסטע פאָלקס־מענטשן, פון וועלכע פרוי הורוויץ האָט געשטאַמט, האָט פאַריונגט אירע טעג, אויפגעהאַלטן אַ לייכטיקייט אין אירע באַוועגונגען און אַ מיידלש־דאָרפישע פרישקייט אין איר גאַנצער האַלטונג. אַז זי איז געגאַנגען אויף די גרעס, האָט

דאָס גאַנצע הויז געוווסט, אַז פרוי הורוויץ גייט. זי האָט געהאַט איר באַזונדערן גאַנג. די טרעפּ האָבן געציטערט אונטער אירע טריט. דערביי איז זי כמעט געשפּרונגען. אַ פרוי אין די פערציקער, וואָס האָט אויסגעזען אין די דרייסיקער; קיין זאָרגן, קיינע צרות זענען נישט אימשטאַנד געווען צו ברעכן איר שטאָלצע האַלטונג. מיט דער שטאַרקער, רייף־אַנטוויקלטער ברוסט, פאָראויס אויסגעשטרעקט פאַר זיך, איז זי געגאַנגען ווי אַ מ ו ט ע ר - ז ע ל נ ע ר, וואָס ווייסט איר פליכט און איר ווערט. פון איר גאַנצער פּערזאָן האָט געשפּראָצט מוט, ענערגיע און גלויבן. עס איז געווען אַזוי ווי זי וואָלט איינגעגאַנגען אויף אַ קאַמף־געווינט מיט איר מזל. וואָס שווערער עס איז געווען איר לעבן, אַלץ מעכטיקער איז זי געוואָרן און אַלץ לייכטער האָט זי עס גענומען. ביי דעם אומגליק פון איר עלטסטן זון, וואָס איז געווען די האָפענונג פון דער משפּחה, האָט מען געמיינט, אַז דאָס וועט זי צעברעכן. אין אָנהייב האָט זיך טאַקע דאָס אומגליק אָפּגערופן אויף איר געזונט. פרוי הורוויץ, וואָס איז קיינמאָל נישט קראַנק געווען, האָט זיך אָנגעהויבן צו קלאָגן אויף קאָפּ־ווייטיקן און אויף פוס־ברעכעניש. נאָר דאָס איז נאָך געווען אין אָנהייב, ווען זי האָט געקעמפט פאַר זיין באַפרייאונג. קוים אָבער האָט זי זיך איבערצייגט, אַז זי קאָן גאָרנישט טון, איז זי צוריקגעגאַנגען צו אירע טאָג־טעגלעכע זאָרגן, וואָס האָבן זי באַלד געגעבן אַ נעם־אריין אין זייער קלעם. זי האָט באַלד צוריקגעפונען איר פריערדיקע יוגנט און פרישקייט. עס איז טאַקע אמת, אַז זינט דעם אומגליק מיט איר זון, האָט איר שטאַרק־אויסגעמוסקולירט פּנים אָנגענומען מער קנייטשן. דריי טיפע רינגען האָבן זיך געגעבן אַ שנייד אריין אין איר הויכן שטאָלצן האַלדז, אָבער די קנייטשן האָבן נאָר ווייכער געמאַכט, לײדנדיקער, די שטאַרקע מוסקולן פון איר פּנים, און אירע גרויע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געקוקט, וועלפיש־גערייצט, ווי גרייט אַנטשלאָסן אויף עפּעס, האָבן איצט באַקומען אַ מילדערן בליק, אַן איבערגעגליינטן און ספקדיקן. דאָס איז געווען דער שטענדיקער טרער־גלאַנץ, וואָס האָט זיך געפייכט אין ווייסאַפּל. איבעריקנס, איז דער חרטהדיקער בליק פון אירע אויגן און די מוטער־קנייטשן פון איר האַלדז גאָרנישט געווען אין איינקלאַנג מיט איר גאַנצער גלייך־האַלטנדיקער שטאָלצער פיגור. עס איז געווען אַזוי ווי איר קערפּער ביז צום האַלדז וואָלט געלעבט באַזונדער פאַר זיך. ער איז איינ־

גאַנצן געווען אָנגעגאָסן מיט איין ווילן, וואָס ווייסט יעדן אויגנבליק וואָס צו טון...

פרוי הורוויץ האָט געוווּסט, וואָס צו טון יעדן אויגנבליק פון איר לעבן. יעדע ווײַלע האָט געוואַרט אויף איר אַן אַנדערע אַרבעט. נאָכדעם ווי דער מאַן און די קינדער האָבן פאַרלאָזט די שטוב, האָט זיך פרוי הורוויץ אַרויפגעשאַרצט די אַרבל פון איר קלייד, אָנגעטון אַ פאַרטוך און גענומען זיך דאָס געפעס וואַשן. אַרײַנגעגאָסן אַ טאָפּ הייסע וואַסער אין דער גרויסער וואַש־שיסל, אַרײַנגעשאָטן זייף און סאָדע, האָט זי אָנגעהויבן צו שייערן אירע געפעס, די גאָפּל, מעסער מיט יענער ענערגיע און חשק, וואָס האָט אַרויסגעקוואָלן פון איר געזונטן קערפּער ווי אַ לעבנס־זאַפט פון אַ שטאַרקן בוים.

נאָר רחל־לאה קאָן נישט גלאַט אַזוי וואַשן טעפּ און טעלער. זי מוז דערבײַ פאַנטאַזירן.

און איצט ווי זי שטייט אַזוי אַרויפגעשאַרצט די אַרבל, בײַ דער גרויסער וואַש־שיסל און לאָזט אירע הענט דורכשווענקען אין סאָדע און זייף, איז איר קאָפּ ערגעץ אַנדערש־ווו. זי האָט געהאַט פאַנטאַזיע, און איר פאַנטאַזיע האָט איר געמאָלן הערלעכע בילדער. דאָרט, ווו אַן אַנדערער וואָלט גאָרנישט געווען געזען, האָט פאַר אירע אויגן געשוועבט אַ ליכט, וואָס האָט באַגאָסן מיט גאָלדענע שטראַלן יעדע זאַך, אויף וועלכער זי האָט געקוקט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען געטראָגן ברילן. דער אומבאַפלעקטער און נישט אָנגערירטער פאָלקס־גלויבן, וואָס זי האָט געטראָגן אין זיך, האָט איר געגעבן אַ זעאונגס־כוח צו קוקן אויף געשעענישן און זאַכן נישט אַזוי ווי זיי זענען אין דער אמתן, נאָר פון אַ העכערן אמת. אין איר פאַנטאַזיע האָט זי שוין געזען ווי פון דעם יונגנמאַן, וועלכן זי האָט געפונען הינטער איר טיר, וואַקסט אַרויס אַ וויכטיקער מענטש און דאָס האָט זי אים צוגעהאָלפן דערצו, און זי איז דערפון שטאָלץ געוואָרן. פונקט אַזוי ווי זי איז געווען איבערצייגט, אַז איר מאַן איז דער גרעסטער געלערנטער, וואָס געפינט זיך אויף גאָטס ערד; אירע קינדער וועלן אויסוואַקסן פאַר גרויסע מענטשן, און איר „זשאַכלינגער", כאָטש זי זידלט אים מיט „שמדניק" און „ליטוואַק גנב", גלויבט זי דאָך, אַז ער טוט עפּעס אויף אַ זייער וויכטיקע זאַך און די וועלט וועט באַלד הערן פון אים, — אַזוי האָט זי שוין אויך אָנגעהויבן צו גלויבן אינעם פרעמדן

יונגנמאַן. (איר פאַנטאַזיע האָט נישט געמאַכט קיין חילוק צי ס'איז איר אייגן קינד, צי אַ פרעמדער.) און אַצינד, ווי זי איז געשטאַנען איבער דער וואַש־שיסל און געריבן מיט אירע שטאַרקע נאַקעטע הענט אירע טעפּ און טעלער, איז איר גאַנץ פּנים באַגאָסן געוואָרן מיט פרייד. אַן אומפאַר־שטענדלעך און אומבאַגרענעצט גליק האָט זי אַרומגענומען דערפאַר, וואָס זי האָט דעם יונגנמאַן געהאָלפן.

זי האָט מיטגעבראַכט פון אירע מוטערס אַ שטאַרקן גלויבן אין מאַן, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן פאַר העכערע זאַכן, וואָס האָבן גאָר־נישט צו טון מיט די קלייניקייטן פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן. מיט דעם דאַרף זיך אָפּגעבן דאָס ווייב. דער מאַן איז דערצו דאָ, כּדי צו שאַפן די גייסטיקע וועלטן און גיטער, וואָס הויבן דאָס אייביקע לעבן און דעם אייביקן תּכלית. אַמאָל איז דאָס געווען די תּורה און דער גן־עדן. זינט זי איז געוואָרן אַן אַפּיקורסטע, צוזאַמען און דורך דעם מאַן, האָט זי אַריבערגעטראָגן איר גלויבן צו די נייע זאַכן: צו בילדונג, צו פּראָגרעס, צו דעם גערעכטן מאָרגן, וואָס דאַרף אַמאָל קומען, ווען די מענטשן וועלן נישט זיין אַזעלכע נאַראָנים און זיך נישט לאָזן מער פאַרשקלאַפן. זי האָט זיך אָנגעהערט אַזוי פיל דערפון פון „זשאַכלינער" און פון אַנדערע יונגעלייט, וואָס קומען צו איר אין די פּריוואַטיק־צו־נאַכטן. און דאָס ווייב איז באַשאַפן געוואָרן, כּדי דעם מאַן צו העלפן דערצו... ווי אירע מו־טערס האָבן געהאָלפן זייערע מענער אָנצוגרייטן זיך חלק לעולם הבא און אַ פּלאַץ אין גן־עדן.

אין דער קיך, ווי זי איז געשטאַנען און געוואַשן דאָס געפעס, איז שוין געווען טונקל. אַ טריבע ראָסע האָט זיך געזעצט אויפן קיך־פענצ־טער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. די צווייטע שטוב, וועלכע איז געווען די „עס־שטוב", דאָס „שטודיר־צימער" און דאָס „וווין־צימער" בייטאָג און ביינאַכט, דאָס גרויסע שלאָף־צימער פון די קינדער, איז איצט געווען האַלב באַלויכטן פון דער גרויסער מילך־שיין, ביי וועלכער דער גימנאַזיסט האָט געמאַכט זיין נאָכמיטאָגדיקע לעקציע, איידער ער איז געגאַנגען אויף זיין שעה. דער גימנאַזיסט האָט אויך געמוזט פאַר־דינען אויף זיין עסן און מונדיר. פון פינף ביז זיבן האָט ער פאַרגעלערנט פאַר אַ בלינדן מאַן צייטונגען און ביכער. אין קיך איז וואָס אַמאָל מער טונקעלער געוואָרן אַזוי, אַז רחל־לאה האָט נישט מער געזען דאָס געפעס

צו וואַשן — האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אין דער צווייטער שטוב ברענט זיך אַ לאָמפּ. אַזוי ווי ס'איז אַ שאָד געווען אָנצוצינדן נאָך אַ ליכט, האָט זי אַריינגערופן צו דעם ייִנגל:

— דוד, דוד, קום אַריין מיט דעם לאָמפּ, וועסט דאָ מאַכן די לעקציע אויפן קיך־טיש, איך האָב אים שוין אָפּגערייניקט.

דאָס ייִנגל האָט אַריינגעבראַכט דעם לאָמפּ מיט זיין בוך. דערזען די מאַמע וואַשט דאָס געפּעס אין דער פינצטער, האָט ער זיך פאַרוווּנדערט:

— די מאַמע וואַשט אַליין דאָס געפּעס? און וווּ איז די סטרוזשקע (הויז־היטערין), וואָס קומט אַרויף יעדן טאָג?

— ווידער אַ נייעס — די סטרוזשקע. וואָס? אַליין קאָן מען נישט? ס'וועלן צונויפקומען די פּאָר גילדן אויף עפּעס אַנדערש. זאָג נישט אויס דעם טאַטן.

— און פאַרוואָס העלפט דיר נישט זאָשקע? זי איז דאָך אינדערהיים.

— איך וויל נישט, אַז זי זאָל די הענט קאַליע מאַכן. איך האָב זי עקסטרע אָוועקגעשיקט צו אַ חברטע.

— זאָל מיך די מאַמע לאָזן, איך וועל פּרוּוון.

— גיי, דו דאַרפסט מאַכן לעקציעס.

— נאָר אַ שטיקל „יוליוס צעזאַר" אויסנווייניק צו לערנען, איך וועל עס קאָנען זאָגן סיי־ווי־סיי.

— וואַשן וועל איך, דו וועסט בלויז איבערווישן. נאַ, דאָ האָסטו אַ האַנטוך.

איבערווישנדיק די טעלער, האָט דאָס ייִנגל דערווייל אויף אויסנווייניק אויסגערעכנט די מלחמות, וואָס עס האָט געפירט און געוווּנען דער העלד און גרויסער רוימישער מלוכה־מאַן.

אָבער וואַשנדיק די טעלער, האָט רחל־לאה עפּעס באַמערקט.

— ווי איז מיר, די הויזן זענען דאָך ווידער ביי דיר צעריסן. ערשט נאָר־וואָס אַ פּאָר נייע הויזן געקויפט, — האָט זי אָנגעוויזן אויפן ייִנגלס הינטערטייל.

דוד איז געבליבן שטיין אין דער מיט פון אַ צעזאַרישער שורה. אַ

שטאמלדיקער, האט ער געוואלט אויסטראכטן עפעס א נישט-געשטויגע־נע מעשה וועגן א פאל. צום סוף איז ער גאר בייז געווארן, און האט אויסגערופן:

— וואס זאל איך טון, אז זיי צערייסן זיך? הויזן זענען פאר דעם געמאכט, אז זיי זאלן זיך רייסן. הויזן, אויסגעגאסן פון אייזן, האט מען נאך נישט אויסגעפונען.

— וואלסט טאקע באדארפט האבן א פאר אייזערנע. טוכענע הויזן, זעט זיך אויס, זענען נישט פאר דיר. קום שוין אהער, גימנאזיסט מיי־נער, וועל איך עס צונייען.

די מאמע האט איבערגעלאזט דאס געפעס אין מיטן וואשן, ארויס־גענומען פון שופלאד א שעפ מיט נאדלען און גארן, איינגעפעדעמט דעם דיקסטן פאדעם, וואס זי האט נאר געקאנט געפינען אין איר ניי-מלוכה, און ארופקניענדיק אויף איין פוס, האט זי פארריכט די הויזן אויף דעם אנגעטוענעם גימנאזיסט, וועלכער האט נישט געפונען קיין אורזאך, אז צוליב דעם, וואס די מאמע נייט אים צו די הויזן, זאל ער אויפהערן אויס־צורעכענען די גרויסע מעשים פון רוימישן העלד. רחל-לאהן, וועלכע האט ערשט פריער געשיינט פאר נחת פון איר קינדס אומפארשטענדלעכע ווערטער, איז שוין איצט נישט געלעגן אין קאפ דער צעזאר. זי האט גע־קלערט וועגן דעם: אלעס געפינט מען אויס. פארוואס אבער האט מען נאך נישט אויסגעפונען אזא שטאף אויף הויזן, וואס זאל זיך נישט צע־רייסן? נאר בשעת זי איז געווען אזוי פארנומען אין איר געדאנק, האט זי באמערקט ווי דעם יונגס טאשן זענען אנגעשטאפט מיט עפעס.

— וואס האסטו אין די קעשענעס? — פרעגט די מאמע, טאפנדיק איבער זיי.

— דאס איז גארנישט, די מאמע דארף עס נישט וויסן, — זאגט דאס יינגל, רויט־ווערנדיק.

נאר דער מאמעס האנט האט שוין געשטעקט אין דער קעשענע און פון דארט ארויסגעשלעפט א גאנצן פאק אומלעגאלע ליטעראטור, גע־דרוקט אויף ביבולע.

— נאך דאס האט מיר געפעלט! — שרייט־אויס די מאמע, — דו אויך? וואס האט איך זיך אנגעזעצט אויף מיר? וואס ווילט איר פון מיר? — רופט רחל-לאה אויס פארצווייפלט.

— מאַמע, זאָל די מאַמע נישט זאָגן דעם טאַטן. אַהיימגענומען נאָר איבער נאַכט. מאָרגן גיב איך עס ווייטער.

— נישט זאָגן וועל איך? — געגנוג, איינער פוילט אין תּפיסה — און דו שוין אויך. אפשר וועסטו איבערוואַרטן, ביז דו וועסט די גימנאַזיע פאַרענדיקן? — זאָגט רחל־לאה שוין בארואיקט.

— איך האָב עס גענומען פאַר אַ חבר, איך זאָג דער מאַמען, מאָרגן וועל איך עס אָפּגעבן.

— דו ווייסט דאָך אפילו נישט, ווי מיט דעם אומצוגיין — דו ראָצער איינער. ווו וועסטו עס טראָגן — אין די צעריסענע הויזן? — נאַ, זע, עס שטאַרצט דאָך אַרויס פון די קעשענעס, אַ בלינדער קאָן עס דערזען, גיב עס אַהער, איך באַדאַרף נאָך, אַז מ׳זאָל דיך כאַפּן אויף דער גאַס. איצט ווען פּאַטרולן שטייען אין אַלע ווינקלען.

זי שלעפּט אַרויס די פּראָקלאַמאַציעס פון טאַש, און נעמט איינעם פון אירע טעפּ, אין וועלכן זי האָט היינט מיטאָג אָפּגעקאָכט און נאָר־וואָס געהאַט אויסגעוואַשן — און אַ פּאַק אַריין אין אים די פּראָקלאַמאַציעס. ליינט איבער זיי אַ שטיק פּאַפּיר און נעמט אַ שיסל מיט רויע, נאָר־וואָס אָפּגעשיילטע קאַרטאָפּלעס, וועלכע זי האָט זיך אָנגעגרייט אויף די מאָרגנ־דיקע זופּ — און אַ שיט אַרויף די קאַרטאָפּלעס אויפן פּאַפּיר מיט די פּראָקלאַמאַציעס, און שטעלט אַוועק דעם טאָפּ מיט די פּראָקלאַמאַציעס אויף דער קיך.

— וואָס טוט דאָס די מאַמע? — די מאַמע גייט זיי אָפּקאָכן? — לאַכט דאָס ייִנגל.

— נישט נאָר קאָכן — איך וועל זיי בראָטן, פאַרברענען וועל איך זיי. זאָלסט מיר דאָס אויפהערן צו ברענגען אין שטוב אַריין, דו ראָצער איינער — נאָך צייט פאַר דיר, אַז נישט, וועל איך דעם טאַטן דערציילן — איך זאָל אַזוי זיין געזונט — שווערט זי זיך, — ווי איך וועל עס דעם טאַטן דערציילן.

— אויב אַזוי, וועל איך דערציילן דעם טאַטן, אַז די מאַמע האָט זיך ווידער געשווירן. (דער לערער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין לער־נען זיין ווייב — האָט זי געוואָלט אַלץ אָפּגעווינען פון אירע שטענדיקע שבועות.) און איך וועל דערציילן, אַז די מאַמע האָט אַליין דאָס געפּעם געוואַשן.

— ווערסט שוויינגן, דו ראַצער איינער?

— אז די מאַמע וועט שוויינגן וועגן די פּראָקלאַמאַציעס, וועל איך אויך שוויינגן. אַ טובה פאַר אַ טובה, — לאַכט דאָס יינגל און לויפט ארוים אין קאָרידאָר אויף זיין לערן־שעה.

— הער נאָר, דו, וואָס לויפסטו ארוים אָן קאַלאָשן, ווילסט זיך ווידער צוקילן, עס רעגנט דאָך אין דרויסן, און די ש ך זענען צעריסן.

— קאַלאָשן? — פון וואַנען וועל איך זיי נעמען? — די פריערדיקע זענען דאָך צעריסן.

— קום צוריק אריין. נאַ, — געקויפט אויפן מארק אַ פּאָר געניצטע, — זאָגט די מוטער און וואַרפט אים צו אַ פּעקל.

— קאַלאָשן? — פון וואַנען האָט די מאַמע געלט גענומען?

— נישט דיין עסק, ראַצער — טו־אָן און גיי.

קאַפּיטל 6

דער שבת און דער אינדערוואָכנס

ס'איז געווען איר שעה, די אוונט־שעהען צווישן פינף און זיבן, ווען דער מאַן און די קינדער זענען אוועק אין גאַס, יעדער צו זיין באַשעפטי־קונג. דאָס מיטאָג שוין אָפּגעפּטרט, דאָס געפעס שוין איבערגעוואַשן. ס'איז געווען איר אָפּרו, איר חלום־שעה. דענסטמאָל האָט זי גערן גע־וואָלט בלייבן אומגעשטערט. זי האָט זיך גענומען איינס פון די ביידע זאַכן צו טון: אָדער די פּאָדלאָגע אָפּוואַשן, אָדער זיך אליין צו וואַשן. היינט האָט זי געטון ביידע זאַכן. זי האָט ליב געהאַט ריינקייט ארום זיך. און אזוי ווי זי איז געווען געוווינט אין אירע מיידלשע יאָרן, דאָרט אין דרויסן אין דאָרף ביי איר פאָטער, צו זען אַלצדינג ציכטיק און פּינקלדיק אין איר ווינקל — האָט זי עס ליב געהאַט נאָכצוטון ביזן היינטיקן טאָג. גיין, היינט נאָך מער ווי דענסטמאָל. די פּאָדלאָגע וואַשן אָדער די האָר זיך וואַשן איז ביי איר אַן אָפּרו, אַ פאַרוויילונג, אַ פאַרשפּיל פון אירע טעגלעכע זאָרגן. ווען רחל־לאה האָט צופיל אויפן קאָפּ, ווען די נויט

דריקט שוין גאָר נאָענט — דענסטמאָל נעמט זי זיך צו איר ליבער באַ־שעפטיקונג.

אויסגעטון שיך און זאָקן, מיט אַ דורכגעווייקטער פּלאַכטע, וואָס זי טונקט־איין און דרענגט יעדעס מאָל אויס אין אַן עמער מיט איינגע־זייפט וואסער, קריכט זי ארום אויף אלע פיר, ווישט די פּאָדלאָגע מיט אַ חשק, וואָס ווייזט ארויס פארגעניגן, שאַרט ארום מיט דער איינגעזייפּ־טער פּלאַכטע אלע ווינקלען פון גרויסן עסצימער. אין אלע עקן, אונטער אלע בעטן, אונטער אלע שענק — אומעטום וווּ עס איז נאָר דאָ אַ פאַר־שטעקט ווינקעלע, שטעקט זי אריין איר נאָז. אַפּגעהיט זאָל מען ווערן, אז מ׳זאָל איר דענסטמאָל שטערן. עס איז אזוי ווי זי וואָלט געטון אַ הייליקע אַרבעט. קיינער קאָן נישט און טאָר נישט אין שטוב אריינקו־מען. מעג משיח אליין קלאַפּן אין טיר, וועט זי אים נישט עפענען, ביז זי איז נישט איבערגעגאַנגען מיט איר פייכטער שמאַטע די גאַנצע אויי־בערפלאַך פון הויז. סיי זומער און סיי ווינטער פּראַלט זי אויף דאָס פענצ־טער, אז ס׳זאָל זיך אויסטריקענען פון דער לופט. איבערגעשאַטן די אָפּ־געוואַשענע פּאָדלאָגע מיטן געלן זאַמד, מוזן שוין דענסטמאָל אלע פאַר־בלייבן אין קיך. אין קיך מוזן אלע לעקציעס ווערן פארענדיקט, אלע דע־באַטן אויסגעקריגט צווישן דעם לערער און זשאַכלינער, ביים גלעזל טיי, ביז דאָס עסצימער איז טרוקן און קאָן אויפנעמען יום־טובדיק זיינע געסט.

אָפּגעפאַרטיקט מיט דער פּאָדלאָגע, גיט זיך דענסטמאָל רחל־לאה אַ נעם צו זיך. גאָרנישט האָט זי אזוי גערן אין איר לעבן ווי וואסער און זייף, נישט נאָר זיך אליין צו טונקען, נאָר אלעמען, ווער עס פאַלט־ארונ־טער אונטער אירע הענט. פון קדמונים אָן איז אַ געזעץ איינגעפירט, אז יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג מוז דאָס גאַנצע הויזגעזינט דורכגיין דורך אירע פינגער אין אַ שיסל וואסער מיט זייף. זי טיילט איין יעדן מיטגליד פון איר משפחה אין צוויי חלקים: איין מאָל פון קאָפּ ביזן האַלבן לייב, און דאָס צווייטע מאָל די אַנדערע העלפט. דערביי איז איר נישט קיין חי־לוק, אין וואָס פאַר אַן עלטער עס געפינט זיך איר משפחה־מיטגליד און צו וואָס פאַרא מין ער באַלאַנגט. פרייטיק איז שוין אַ מוז־זאַך. אָבער אין מיטן דער וואָך קאָן רחל־לאהן אויך איינפאַלן אונטערנעמען אַן עקספּע־דיציע אין אירע קינדערס אויערן און אַנדערע טיילן פון זייערע קערפּערס.

נישט נאָר מיט אירע אייגענע משפּחה־מיטגלידער באַגייט זי זיך אַזוי, נאָר עס איז שווין אַן אָנגענומענער כּלל, אַז יעדער בחור, וואָס קומט צולויפן פון דער פּראָווינץ נאָך בילדונג צו איר מאַן, מוז קודם־כּל, דורכגיין דורך דער שיסל וואַסער און זייף פון רחל־לאהס הענט, שוין אָפּ־גערעדט פון די יונגעלייט, וואָס וווינען ביי איר. זיי טוט זי גאָר אַן דעם טויט. פון דער העלער הויט קאָן רחל־לאה נעמען איר שיסל מיט קאָכע־דיק וואַסער, מיט אַ שטיק גרעלער וואַש־זייף און אַריינשטעלן אין „בית־מדרש" אריין: „געוואַשן זאָל ווערן! אַז נישט, וועל איך זיך אַליין נעמען צו אייך!" אָפּטמאָל זעצט זי זיך אָן אויפן זשאַכלינער. אַ ליאַדע־וואָס, אַז דער זשאַכלינער געפעלט איר עפּעס נישט, אָדער ער זאָגט עפּעס, וואָס איז נישט אין איר גוסט, קאָן זי זיך אָנרופן צו אים (נישט שעמענ־דיק זיך אפילו פאַר מענטשן): „פּאַניע ליטוואַק — אפשר וועט איר נע־מען אַ וואַש? כ'לעבן, ס'איז דאָ אַ פולער קעסל קאָכעדיק וואַסער."

אַממיינסטן אָבער האָט פרוי הורוויץ ליב אויסצוגיסן וואַסער מיט זייף אויף איר אייגן לייב. דאָס וואַשן איז אַ באַלוינונג פאַר אַ גאַנצן טאָג מי און וועקט אויף אין איר נייע קוואַלן פון ענערגיע און מוט. צוגע־שלאָסן די טיר אויף אַלע ריגלען, וואַרפט רחל־לאה אַראָפּ פון זיך דאָס קלייד, די אונטער־וועש, דאָס העמד און בלייבט שטיין חוה־נאַקעט אין דער גרויסער וואַש־שיסל, און גיסט אויף איר קנאָכנדיקן, אויסגעקנאָ־טענעם לייב וואַסער פון אַ שעפּ. און פּונקט אַזוי ווי זי האָט ערשט פריער מיט דער פייכטער שמאַטע איינגעטונקט אין סאָדע און זייף, גע־ריבן אירע טעפּ, די שיסלען, די האַרטע פּאָדלאָגע, — אַזוי רייבט זי און וואַשט מיט אַ האַרטער שוואָם, איינגעטונקט אין סאָדע און זייף, יעדן ווינקל פון איר שטאַרקן מוסקולירטן קערפּער. עס בייגט זיך אוים ווי אַן אָנגעשפּאַנטער פייל־בויגן איר אויסמאָדערירטער רוקן מיט אַלע זיינע גריבעלעך און ווינקעלעך, פון וועלכן ס'שניידט זיך אַרוים זיין רוקן־ביין, צו וועמענס מיטן רחל־לאהס האַנט מיט דער פייכטער שוואָם וויל דורכ־אויס דערגרייכן. מיט אַן ענערגישער לוסט פירט זי איבער מיט אירע שטאַרקע הענט איבער איר געפּאָלדעוועטן בויך פון אונטער די בריסטן, ביז צו די ברייטע היפטן, נישט פאַרגעסנדיק אויסצומאַנגלען מיט זייף אירע שטאַרקע קני. נאָך יעדן רייב שלאָגט אַרוים פלאַמען רויטלעכקייט אויף איר קערפּער, ווי איר בלוט, אויפגעוועקט פון מאַסאַזש און באַווע־

גונג, וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, צוזאַמענגעלאָפן זיך פון אַלע באַהאַלטענע ווינקלען און געוואָלט אַרויסזעצן דורך דער דורכזעעוודיקער ווייסער ווייבערשער הויט...

היינט אָבער איז געווען אַ טאָג פון גרויסן וואַשן: נאָכן קערפּער האָט זיך רחל־לאה גענומען צו אירע האָר. נאָך אַזאַ טאָג פון פיל זאָרגן און אַרומלויפעניש געפינט רחל־לאה נישט קיין אַנדער מיטל פון באַרואי־קונג און אָפּרו ווי צו וואַשן זיך דעם קאָפּ. חוה־נאַקעט, מיט אַ געגדזן־הויט־איבערגעצויגן לייב, שטייט זי איבער אַ שיסל אויפגעוואַרימט רעגן־וואַסער, און וועלכן זי ווייקט אירע איינגעזייפטע לאַנגע האָר. איינגע־קנאָטן, צוזאַמענגעפּלאָכטן פון בלישטשענדיקע, געבלעזלטע מוליענעס — האָט די פרוי מיט אַ פרייד געגאָסן איבער איר קאָפּ דאָס לעבלעכע רעגן־וואַסער. אַ קינדישע אויסגעלייטערטקייט קומט דענסטמאָל איבער איר פּנים און איבער איר גאַנצן קערפּער, ווי עס וואָלט ווער געגאָסן איבער איר קאָפּ מיט ברכות און לייטזעליקייט. חלומות פון יונגע טעג שטייען אויף, חלומות פון גרינע לאָנקעס, פון פרישע וואַסערן, אין וועלכע זי האָט זיך געבאָדן מיידלווייז; חלומות פון באַהאַלטענע פרילינגס־וועלדער, — אַלץ ווערט לעבעדיק, ווען דאָס לעבלעכע וואַסער גיסט זיך איבערן קאָפּ. די גאַנצע זינד פון אַלע יאָרן וואַשט־אָפּ דאָס רעגן־וואַסער: די זינד, די צרות און די עלטער — און רחל־לאה גייט אַרויס פון דער זייף־שיסל אַ געלייטערטע און ניי־געבוירענע.

אַרומגעהילט אין איר גרינעם שלאָף־ראָק, איבערגענייט פון אַ פּאַר־צייטיק חופּה־קלייד, טריקנט זיך רחל־לאה ביים איינגעהייצטן קאַכל־אויוון אין ווין־שטוב אירע געוואַשענע האָר. אַלע טישן און אַלע בענק טראָגן אויף זיך שפּורן פון די קינדערס לעקציעס. די שטוב איז איצט צוגערוימט, אָפּגעוואַשן און מיט זאַמד באַשאָטן. און ביים קאַכל־אויוון זיצט רחל־לאה און טרינקט לאַנגזאַם, מיט צוגעלאָזענעם פאַרגעניגן, איר טעפּל טיי.

אַ ניי־געבוירענע, אַ געלייטערטע און אַ געטרייסטע. עס איז דער איינציקער מאָמענט פונעם גאַנצן טאָג, וואָס רחל־לאה הערט איר אייגן האַרץ קלאַפּן. דער איינציקער מאָמענט, וואָס זי איז באַוווסטזיניק פון איר אייגן לעבן. עס איז דער שבת אין איר טאָג, ווען רחל־לאה זיצט אַזוי באַלויכטן אין מילך־שיין פון טיש־לאָמפּ, טריקנט אירע האָר און זופּט

די טיי. ווי אַ פּאַסטוך לאָזט פאַרביי פאַר זיך זיינע געוואַשענע שעפּסן, אַזוי לאָזט זי פאַרבייגיין פאַר זיך אירע פאַרגאַנגענע טעג, פאַרגאַנגענע חלומות... מיידלשע, שוין לאַנג באַגראָבענע און פאַרגעסענע חלומות, אין טיפן נעפּל פון לאַנגער פאַרגאַנגענהייט פאַרטרונקען — שטייען אויף און שלייכן דורך זייער זוניק שיינען פאַר אירע אויגן: גרינע לאָנקעס אין זומער, וואַסער ביים באָדן, באַהאַלטענע געפילן, שאָטנס פון בענקשאַפטן, איינגעוויקלט ווי עמבריאָנען אין מוטער־הויט, אָן־קאָנטיקע, בלוטלאָזע, וואָגלאָזע שווימענדיקע און שוועבנדיקע — שלייכן זיי און פלאַטערן. דערנאָך קומען שוין באַשטימטע טעג און מעשים.

זי באַדויערט נישט איר מזל. אדרבה, זי איז צופרידן פון איר גורל. וואָלט מען באַדאַרפט אָנהייבן אויפסניי, וואָלט זי ווידער אַזוי אָנגעהויבן. דעם מאַן זעט זי כמעט נישט די ערשטע טעג פון איר חתונה־האָבן. די קינדער? זי שטעלט זיך אָפּ ביים עלטסטן. איר געליבט, אויסגעוויינטיקט קינד איז עס. זי דערמאָנט זיך ווען זי האָט אים געזויגן. געוויינט האָט זי דענסטמאָל ביי איר שווער, אויף קעסט געזעסן, און עס האָט זיך איר נעבענקט אַהיים. נישט איבעריקס גערן האָט זי געהאַט דאָס נייע הויז, אין וועלכן זי איז אריינגעפאַלן, מיט שווער און שוויגער און מיט די נייע געוווינהייטן. מ׳האָט געקוקט אויף איר מיט חשד. זי האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו זייער פרומקייט. געוויינט געוועזן אַרויסצולאָזן לאָקן האָר פון איר שייטל, פון איר הייבל, גרינג געוועזן מיט אַנדערע מצוות. די שוויגער האָט געהאַלטן אין איין מוסר זאָגן. דער שוועהר האָט געבור־טשעט אין דער שטיל, און אַפילו דער מאַן איז דענסטמאָל פרעמד גע־ווען. זי האָט געבענקט נאָך דער היים, נאָכן דאָרף, פון וואַנען זי איז גע־קומען, נאָך דער שענק, וואָס זיי האָבן געהאַט, נאָך די שקצים מיט די שיקסעס — איז די איינציקע טרייסט געוועזן ביי איר דאָס קינד, וואָס זי האָט דענסטמאָל געזויגן. זיין גאַנץ לעבן גייט דורך פאַרביי איר. זי זעט אים דערנאָך אין גימנאַזיע, אין די קליידער, אַזאַ יינגל געוועזן אין די לאַנגע הויזן מיט דעם פּולן ראַניעץ ביכער. וויפל מי און מאַטערניש יעדע אָפּצאָלונג אין גימנאַזיע דאָט געקאָסט! וויפל האַרץ־קלאַפּן ביי יעדן עקזאַמען, אַז ער זאָל דאָס „פינפטל" אַהיימברענגען. זי זעט די טעג ווי ער וואַקסט. גאָט! פאַרוואָס וואַקסט ער אַזוי פלינק? ער איז דאָך נאָך אַ קינד. וואָס העכער ער ווערט, אַלץ מער וואַקסט ער אַרויס פון איר. זי

וויל נישט, ער זאָל אַזוי פרי גרויס ווערן. זי וויל, ער זאָל אַ קינד נאָך בלייבן — אַ קליין קינד ווי ער איז געווען, ווען זי האָט אים געזויגן...

זי זוכט מיט אירע בליקן זיין געשטאַלט. ווו איז ער איצט? ווו געפינט ער זיך? ער דרייט זיך אַליין אַרום אין אַן ענגער פאַרמאַכטער צעל, אָדער אפשר שוין ערגעץ פאַרשיקט. קיינער איז נישט מיט אים. בענקט ער נאָך איר, ווי זי נאָך אים? גאָט, פאַרוואָס האָבן זיי אים צוגענומען? פאַרוואָס האַלטן זיי אים דאָרט? ווי וואָלט זי געוואָלט, אַז עס זאָל זיך איצט די טיר עפענען און ער זאָל אַריינקומען. נישט אַזאַ הויכער, דערוואַקסענער, אַ פרעמדער און אַ פאַרטראַכטער אין אַן אַנדער וועלט, ווי ער איז געווען לעצטנס, נאָר נאָך אַלס קינד, אַזוי ווי ער איז געווען אַמאָל, אין די ערשטע יאָרן, ווען זי האָט אים די ערשטע שיכלעך געקויפט. זי דערמאָנט זיך אין זיינע שיכלעך, ווי עס איז איר אַ שאָד געווען זיי אַוועקצוּוואַרפן נאָכדעם ווי ער האָט זיי שוין געהאַט אויסגעטראָגן. זיי האָבן געהאַט אויסגעקנאַטן אין זיך די פאָרם פון זיינע פיסלעך; זי דערמאָנט זיך, ווען זי האָט אים געהאַלטן אַ נאַקעט קינד, זיין גלאַטיק קינדיש לייב, און האָט אים געבאָדן, געטראָגן אים צו איר לייב, געזויגן אים פון איר ברוסט. אַ מוטערלעכע פריידן־פּיין נעמט זי אַרום. ווי וואָלט זי אים געוואָלט איצט אין אירע הענט האַלטן, צוטראָגן זיין לייב צו איר לייב, זיין פּנימל, זיין אָפּן, לעבעדיק מיילעכל צו איר נאַקעטער ברוסט...

זי באַמערקט נישט ווי טרערן רינען איבער אירע באַקן, ווען זי טראַכט אַזוי, אין האַרץ פילט זי אַ ווייטיק, אין דער נשמה — אַ פּוסטקייט. עפּעס־וואָס פעלט; וואָס, ווייסט זי אַליין נישט. נישט דער מאַן, פאַר וועלכן זי האָט דאָס גאַנצע לעבן געהאַט מורא, רעספּעקט, און אויף וועלכן זי האָט געקוקט ווי צו אַן אומדערגרייכבאַרן אידעאַל. אַ מאַן איז אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. זי פילט קיינמאָל נישט אין אים קיין באַדערפעניש, ווייל זי שפּירט אים שטענדיק איבער זיך, ווי דעם באַלקן איבערן קאָפּ. זי בענקט נאָך עפּעס, וואָס זי האָט פאַרלוירן און האָט עס שוין נישט און ס'וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען...

נאָר באַלד קלאַפּט מען אין טיר. אַהאַ, זיי זענען שוין דאָ, — טראַכט זיך רחל־לאה, נאָך פאַרוועבט אין איר חלום. אומבאַוווּסט קלערט זי, ווער ס'קאָן זיין: דער מאַן, די קינדער, אפשר די עלטסטע — העלענע?

מען קלאפּט ווידער אין טיר.

— באלד, באלד, — בעט זיך רחל-לאה, אזוי ווי זי וואָלט נישט גע־וואָלט ארויסגיין פון איר חלום, אויף דער וואָר, און הייבט זיך אויף פויל, גייט־צו צו דער פראָנט־טיר, און פאַר איר בלייבט ווער שטיין. אַ פרעמ־דער־באַקאַנטער, ווּעמען זי קאָן גוט, גאָר אַ נאָענטער דאַכט זיך און קאָן זיך נישט דערמאָנען ווער דאָס איז.

— איר דערקענט מיך נישט, מאַדאַם הורוויץ? איך בין מירקין, — זאָגט דער פרעמדער יונגערמאַן פאַרלעגן, האַלטנדיק אין האַנט דאָס קאַ־ראַקולענע היטל. — איך האָב אייך געשטערט?

— מירקין, מירקין? — זאָגט זי צו זיך אַליין פאַרוואונדערט.

— יאָ, איך האָב דאָך אייך נישט געשטערט? — פרעגט דער לעצ־טער. — איך פאָר דורך ווארשע, האָב איך מיר דערלויבט אייך צו באַ־זוכן. איר זענט אזוי פריינטלעך געווען מיך צו בעטן, — זאָגט מירקין אביסל פאַרפרעמדט פון איר האַלטן זיך.

— מירקין, מירקין? — זאָגט זי ווייטער ווי אין חלום. זי וואונדערט זיך גאָרנישט, וואָס זי זעט אים אזוי פּלוצלינג. עס דאַכט זיך איר, אַז עס חלומט איר און זי טוט שוין אַלץ אזוי.

— קומט נאָר אריין, זעצט זיך דאָ נעבן מיר, איך בין איינע אַליין אין שטוב: דער מאַן איז אויף לעקציעס, די קינדער זענען נישטאָ.

זי בעט אים אריין אין שטוב, זעצט אים אוועק נעבן זיך ביים טיש. זי פאַרגעסט, אַז זי איז אין שלאָף־ראָק מיט צעלאָזענע, געוואַשענע האָר. מירקין ווערט אויך פאַרפרעמדט. ער פילט, אַז ער איז עפּעס נישט געקו־מען אין דער ריכטיקער צייט. עפּעס־וואָס טוט זיך מיט דער פרוי. זי איז פאַרשלאָפן, צי וואָס? און ער פילט זיך נישט גוט.

— אפשר קומען אַן אַנדערש מאָל? — זאָגט ער. — איך שטער?

— ניין, ניין, פאַרקערט, איך פריי זיך זייער, וואָס איר זענט גע־קומען. איך פריי זיך זייער. אפשר וועט איר טרינקען מיט מיר אַ טע־פּעלע טיי?

ווי אין חלום הייבט זי זיך אויף, גייט אין קיך אריין, גיסט אָן מירקינען טיי אין אַן איינפאַך טעפּעלע, אזוי ווי זי וואָלט עס געטון פאַר אירם אַ קינד, און שטעלט עס אוועק פאַר אים.

מירקין האַלט דאָס טעפּעלע אין האַנט און ווייסט נישט צי טרינ־קען, צי ניין.

— נו, דערציילט מיר, וואָס טוט זיך מיט אייך? וווּ זענט איר דאָס געווען די גאַנצע צייט? גוט, וואָס איר זענט געקומען. שוין לאַנג צייט געווען — רעדט זי צו זיך, ווי נישט אַ מענטש וואָלט געזעסן פאַר איר, נאָר עפּעס אַן אילוזיע.

מירקינען פאַרפרעמדט נאָך מער איר האַלטן זיך און ער זאָגט אין אַן אומזיכערן טאָן:

— איך פאָר דורך וואַרשע אויף מיין וועג קיין אויסלאַנד, האָב איך מיר דערלויבט אייך צו באַזוכן.

— איר פאָרט דורך וואַרשע? פאַרוואָס פאָרט איר אַוועק? איינער איז אַוועקגעפאָרן, איצט פאָרט אַ צווייטער. פאַרוואָס פאָרט איר? בלייבט דאָ מיט אונדז. וווּ וועט איר לויפן איינער אַליין איבער דער וועלט? עס איז דאָך אַ רחמנות אויף אייך. איר זענט דאָך נאָך גאָר אַ קינד.

זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים איר האַנט בשעת זי האָט גערעדט די רייד, און ווי עפּעס טוענדיק אונטער אַ היפּנאָז, האָט זי אים אָנגע־הויבן צו גלעטן, ווי אַ מוטער אַ פאַרלוירן קינד איבער די האָר.

מירקין איז שטיין געבליבן, בלייך ווי די וואַנט. נישט געוווּסט, צי לעבט ער דורך די סצענע אין חלום, צי אויף דער וואָר. ער האָט געזען, אַז די פרוי, וואָס זיצט נעבן אים, טוט דאָס נישט אין באַוווּסטזיין, נאָר ווי אין כשוף, און ער האָט מורא געהאַט, אַז זי זאָל זיך דערנאָך נישט פאַרשעמען, ווען זי וועט זיך אויפוועקן. ער האָט בדעה געהאַט שטיל זיך אויפצוהייבן און צו פאַרלאָזן די שטוב, אַזוי שטיל ווי ער איז אריינגע־קומען. דערוויל אָבער האָבן אירע ווערטער, איר וויינענדיקער שמייכל, די אָנרירונג פון איר האַנט איבער זיין קאָפּ, אַזוי אים פאַרטויבט, אַז באַלד ווערט ער אַליין פאַרכשופט פון אירע ווערטער. עס דאַכט זיך אים אויך, אַז ער חלומט, בייגט־אַראָפּ דעם קאָפּ וואָס נידעריקער, נידעריקער.

ווי לאַנג געדויערט דאָס, אַ מינוט צי אַן אייביקייט? — ווער קאָן עס וויסן? מיטאַמאָל, — און פרוי הורוויץ כאַפּט זיך אויף ווי פון חלום:

— ווער איז דאָס? — און זי הייבט אויף זיין קאָפּ פון איר שויס, קוקט אים אין די אויגן אריין פאַרוווּנדערט.

— פאַן מירקין? אַך, דאָס זענט איר, דעם אַדוואָקאַטס אַסיסטענט?

איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז איר זענט דאָ. ווו בין איך דאָס געווען? גאָט מײַנער, וואָס טו איך? צי האָב איך געחלומט, צי וואָס? — שמייכלט זי אין פאַרלעגנהייט. — דאָס זענט איר געווען, וואָס איז איצט אַרייַנגעקומען? אין וואָס פאַרא הולך איך גיי דאָס אַרום! איך בעט אײַך איבער, איך וועל נאָר אַ קליידל אויף מיר אַרויפוואַרפן. וואַרט דאָ אַ מינוט. מײַן מאַן מיט די קינדער קומען באַלד צוגיין.

זי לאָזט איבער דעם שטיין־געבליבענעם, בלייך־דערשראָקענעם מירקין זיצן אויף זײַן פּלאַץ און לויפט אַרײַן אין דעם שכנותדיקן שלאָף־צימער זיך איבערצוטון.

קאַפּיטל 7

גענומען אין חדר אַרײַן

נאָר באַלד קומט־אָן דער מאַן אַהיים פון די לעקציעס. עס קומען־אָן די קינדער. דער לערער באַקענט זיך מיט מירקינען. דער לערער האָט זיך שוין אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן אים פון זײַן ווייב. אגב, איז אים אויך אינטערעסאַנט, וואָס דער יונגערמאַן קומט פון פּעטערבורג. אין פּעטערבורג איז ער קיינמאָל נישט געווען, נאָר געהאַט אַ פאָרשטעלונג וועגן דער שטאָט פון דעם, וואָס ער האָט געלייענט, ווי וועגן אַ נײַעם בבל, אין וועלכן עס זיצט נבוכדנצר. דער לערער האָט אָנגעקוקט מירקינען מיט פאַרווונדערונג און אויספאָרשנדיקע בליקן, ווי ער וואָלט אין זײַנע קליידער געוואָלט געפינען דעם רעשט פון דער זינדיקער שטאָט. עס איז אויך אַרײַנגעקומען פון „בית־המדרש” דער „זשאַבלינער”. דער „זשאַבלינער” איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען ביי עפּעס, וואָס קיינער האָט נישט געוווסט; ער האָט זיך באַקענט מיטן פרעמדן און גלייך פאַרפירט מיט אים אַ שמועס.

מירקין, זינט ער איז אַוועק פון דער היים, האָט זיך געהאַט אויפגעהאַלטן אַ פּאָר וואָכן אין ווילנע, פאַרבראַכט דאָרטן די ימים־טובים. ווי יעדער „צוריקגעקומענער”, וואָס האָט געלעבט זײַן גאַנץ לעבן אין אַן אַנדערער אַטמאָספערע, נישט געזען, נישט געקענט קיין יידן, איז ער גע־

וואָרן פאַרכאַפּט פון דער יידישער אמונה, מיט וועמענס מנהגים ער האָט זיך ערשט רעכט באַקענט און איז אַריינגעפאַלן אין נאַציאָנאַל־ציוניס־טישע שטימונגען, וועלכע האָבן געשטילט דעם ערשטן דורשט פון זיין זוכנדיקער נשמה. ווי אַלע, וועלכע קומען אין באַרירונג צום ערשטן מאָל מיט די נאַציאָנאַלע שטימונגען, איז ער געוואָרן זייער ענטוזיאַסטיש. ער האָט אַפילו געהאַט אַ פאַרנעפּלטן פּלאַן אַוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרטן ווערן אַ חלוץ אָדער עפּעס ענלעכעס.

מירקין האָט געהאַט גרויס חשק צו רעדן וועגן זיינע נייע איבערלע־בענישן אין ווילנע. אָנגעטראָפן זיך דאָ, ביי די הורוויצעס, מיט יידן, וואָס קומען פון דער טיפעניש פון די יידישע מאַסן, האָט ער פאַר זיי אויסגעדריקט מיט פלאַמענדיקע ווערטער זיינע איבערלעבונגען און זיינע נייע איבערצייגונגען, זייענדיק אין גוטן גלויבן, אַז אַלע, וואָס קומען, אָדער וואָס האָבן עפּעס צו טון מיט די יידישע מאַסן, זענען פול מיט די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע שטימונגען, וועלכע ער האָט אַזוי אויפגעשעפּט אין זיין ערשטער באַרירונג מיט די יידישע מאַסן. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַ אמתער ייד קאָן זיין אַנדערש.

ער האָט דערציילט פאַר דעם לערער הורוויץ און פאַר דעם „זשאַבלי־נער", מיט גרויס ענטוזיאַזם, וועגן ווילנע, וועגן די ימים־טובים, וועלכע ער האָט דאָרט פאַרבראַכט. ער האָט צום ערשטן מאָל געזען ווי יידן לעבן ביי זיך אינדערהיים, ווי יידן בעטן צו גאָט. ער האָט נישט געקאָנט גענוג רימען די אַלטע ווילנער שול און די יידישע ימים־טובים, ספּעציעל די ימים־נוראים. די אמונה איז דאָס איינציקע, וואָס האָט יידן דערהאַלטן ביז איצט, און וועט זיי אויפהאַלטן אין דער צוקונפט. די אמונה איז דאָס איינציקע, וואָס יידן פאַרמאָגן. דאָס איז דאָס אמתע יידישע פאַטער־לאַנד. ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס יידן ווייסן נישט ווי דאָס אָפּצו־שאַצן. ער איז געשטאַנען יום־כפור אין דער ווילנער שול, און אַ יראת־הכבוד האָט אים אַרומגענומען פאַר די ערנסטע זאַכן, וואָס זענען דאָרטן פאָרגעקומען. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַן עדות פון אַ גרויסן אַקט, ווי מענטשן גיסן זיך צוזאַמען מיט אַ העכערן, אומגעזעענעם וועזן. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די יידישע געשיכטע און איז אויפגע־ציטערט געוואָרן פאַר די דורות און דורות, וואָס האָבן דערטראָגן די רי־טואַלן, דעם גייסט, און אפשר אויך די לעבעדיקע ווערטער פון יענע ערש־

טע צייטן אָן, פון אברהם ביז צו אונדז. אז ער האָט געהערט פאָרלייענען פון ספר־תורה די סדרה פון דער תורה, וואָס מ'לייענט פאַר אום יום־כפור, איז ער שוין דערציטערט געוואָרן בלויז פונעם קלאַנג פון די העברעאישע ווערטער, די ווערטער, וואָס זענען געווען אין מויל פון די אבות, אין הייליקן לאַנד פון די נביאים. דערנאָך, אז ער האָט זיך פאראינטערעסירט מיטן אינהאַלט פון דעם לייענען, און האָט געלעזן אין א רוסישער איבערזעצונג (וואָס א ייד האָט פאַר אים בשעת־מעשה אויסגעזוכט אין שול) דעם אינהאַלט, אז עס האנדלט זיך וועגן דעם ברית, וואָס אברהם האָט געשלאָסן מיט גאָט, האָט זיך אים געדאכט, אז דורך דעם וואָס אברהם האָט געבראַכט זיין איינציקן זון צו דער עקדה, האָט ער זיך געפילט, אז ער איז איינער פון די, פאַר וועלכע דער אַלטער פאטריארך האָט דעם בונד געשלאָסן מיט יהוהן פאַר אַלע אייביקייטן...

זאכאַרי האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג, מיט פלאַם. ער האָט נאָר געוואָרט אויף א געלעגנהייט, פאַר וועמען זיך אַרויסצורעדן דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע פאַר וואָכן, און די ענדערונגען, וואָס זענען אין אים פאָרגעקומען. און כאָטש ער האָט געזען די מענטשן צום ערשטן מאָל, זענען זיי אים, דורך פרוי הורוויץ, וועלכע איז געזעסן דערביי, אַזוי נאָענט און באַקאַנט פאָרגעקומען, ווי ער וואָלט זיי געקענט שוין פון לאַנגע יאָרן. ערשט איצט זעט ער איין, ווי טעותדיק און נאַריש זיין גאַנצע דערציאונג איז געווען. אַלץ האָט ער געלערנט, נאָר זיך אַליין קענען — נישט.

דאָס ערשטע, צו וואָס ער האָט זיך גענומען, איז געווען צו לערנען די העברעאישע שפּראַך. יידיש קאָן ער שוין אביסל רעדן — האָט ער זיך באַרימט. שוין בלויז פון קלאַנג פון דעם אלף־בית ווערט ער יעדעס מאָל פאַרכאַפּט און פאַרציטערט. היינט האָט ער זיך שוין צוגעוווינט דערצו. נאָר אין אָנהייב, ווען ער האָט זיך גענומען לערנען די העברעאישע וואָקאַלן, די ערשטע ווערטער, און ער האָט זיך דערמאָנט, אז אזוי, צי ענלעך, האָבן געקלונגען די ווערטער אינעם מויל פון די אבות, האָט ער נישט געקאָנט רואיק דאָס אַרויסרעדן. שוין פאַרן בלויזן אָנבליק פון די העברעאישע אותיות נעמט אים אַרום א יראת־הכבוד. איבריקנס טראָגט ער זיך אַרום מיט דעם געדאַנק אַראָפּצופאָרן קיין ארץ־ישראל (האָט ער זיך מודה געווען), און דאַרט זיך באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט. ער

פאַרשטייט נישט פאַרוואָס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק טוט נישט אַזוי, און פאַרוואָס די באַוועגונג פאַר ארץ ישראל האָט נישט אַרומגעכאַפּט אַלעמען. און ווי קאָן מען איבערהויפּט זיין קעגן אַזאַ אידעאַל? פאַר אונדז איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה. עס איז אַן אויסלייזונג פאַרן יחיד און פאַרן כלל. עס איז אַ געפינען זיך אַליין. און זייט ער האָט דעם אידעאַל, איז ער גאָר אַן אַנדערער מענטש געוואָרן. ער פאַרשטייט און זעט זיין צוקונפטיק לעבן.

דער לערער הורוויץ איז ערנסט געוואָרן, גאָרנישט געענטפערט. מירקינס יעדעס וואָרט האָט אים געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס אין זיין לייב אַריין. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין: „אַלע, וואָס קומען צו אונדז פון דרויסן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוויייטיקט אונדזער ווייטיק, שטעלן זיך אונדז נישט פאָר ווי אַן אמתע רעאַליטעט, מיט די מיאוסע און שיינע זייטן, נאָר עפּעס ווי אַן אויסגעטראַכטער חלום, וואָס ווילט זיך זיי חלומען". דער לערער האָט ביטער געשמייכלט, געוואָלט עפּעס אָפּענטפערן דעם יונגנמאַן. ער האָט זיך אָבער געמיט צו פאַרשווייגן צוליב גאַסטפריינטלעכקייט און אויך צוליב רחמנות אויף דעם יונגנמאַן, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן ווי פון די הימלען. נאָר דער „זשאַבלינער" האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט איבער־האַקן מירקינען. נאָר אויס רעספּעקט צו אַ פרעמדן, האָט ער עס נישט געטאָן. ער האָט קוים דערלעבט, אַז יענער זאָל אויפהערן רעדן. דערנאָך איז ער אַרויס מיט לשון:

— די אמונה, וואָס איר רימט, איז נישט קיין ראָמאַנטישע פאַר־גאַנגענהייט, וואָס זיצט ווי אַן אומשולדיקע באָבע, באַהאַנגען מיט איר שטערנטיכל, שבת נאָכמיטיק, און לייענט זיך אומשולדיק די צאינה וראינה, — האָט ער כמעט געשריגן, — זי איז אַ לעבעדיקע, בייזע פרוי, וואָס קעמפט און שטערט אונדז אויף שריט און טריט. זי איז אַ כינעזיש שיכל, וואָס האַלט אונדז איינגעצוימט ווי אין אַ קלעם, ווי אין אַ צוואַנג, און לאָזט אונדז נישט פריי אָטעמען. איר זעט דאָס לאָמע הענטל. — הויבט ער אויף זיין לאָם הענטל מיט דער געזונטער האַנט און ווייזט זי פאַר מירקינען, — דאָס האָט זי מיר אַ געשענק געגעבן, די יידישע אמונה, דערפאַר וואָס איך האָב אַ ביכל געלעזן. מיין טאַטע, אַ פרומער ייד, אַ מענטש מיט מאָראַל, נאָר אַן אכזר און אַ קנאי, ווי יעדער ווילדער

פאנאטיקער, האט מיך געכאפט ערב יום-כפור לעזגדיק א לשון־קודשדיק ביכל, האט ער מיך אזוי לאנג געשלאגן אין האנט אריין, ביז ער האט מיר די האנט צעבראכן. דער פעלדשער אין אונדזער שטעטל האט דאס איבריקע שוין צורעכט געמאכט, און איך בין געווארן א קאליקע אויף מיין גאנץ לעבן. איר האט קיינמאל נישט געלעבט אין די „פאלאצן", וואס די יידישע אמונה האט אויסגעבויט, נאר געלעבט אין פרייע, אין אמתע פאלאצן, געגאסן פון אלץ, וואס איז אייך געקומען אונטער דער האנט. איז, אז מ'ווערט מיד אדער ווען מען ווערט פון די פאלאצן ארויסגעשטופט, נעמט־אן א בענקשאפט נאך עפעס אייגנס. קומט נאר אריין צו אונדז, לעבט מיט אונדז אונדזער אייגן לעבן, וועלן מיר דעמאלט זען, וואס איר וועט זאגן. טובלט זיך אין מקוואות, פארברענגט זעבצן־אכצן שעה אין א בית־המדרש, מיט אזעלכע הויכע ענינים ווען אן איי, וואס איז געבוירן געווארן אום יום-טוב, אדער ווי אזוי מ'גט אפ א ווייב און ווי מ'נעמט א ווייב (אפגעמן צוערשט און דערנאך ווענן נעמען) מיט די אלע פישטלעך און דריידלעך פון די אלע קלוגע יידן, וואס יעדער איינער האט געפונען פאר נויטיק צוצוגעבן פון זיין אייגענעם שכל א געשענק פון זיינע חריפות פאר די צוקונפטיקע דורות; טוט נאר אן דאס שמעקעדיקע קאפל אויף אייער קאפ, וועלן מיר דעמאלט זען, וואס איר וועט זאגן. ווו האט איר פארבראכט אייער קינדהייט? אייער יוגנט? אוודאי ווינטער אויפן גליטש, זומער צווישן פעלדער און וועלדער, מיט חברים און חברטעם, לערער און לערערינס. וואס האט איר געלערנט אין אייערע שולן אין אייער קינדהייט? וועגן די לענדער און וואסערן, וואס פילן אן אונדזער ערד, וועגן די גרויסע מעשים, וואס זענען געשען פאר אונדז, וועגן דעם לעבן פון די חיות און בלומען, וואס רינגלען אונדז ארום, וועגן די געזעצן פון דער נאטור, אין וועלכער מיר לעבן; וועגן זאכן, וואס האבן באריי־כערט אינדזער וויסן. יעדע נייע ידיעה האט פאר אייך אויפגעדעקט א נייע וועלט. איר האט יעדעס מאל געמאכט א רייזע אין א ניי, אומבאקאנט לאנד, באקענט זיך מיט פעלקער, מיט זיטן, מיט מענטשן-לעבן. שוין אפגערעדט פון די נוצן, וואס איר האט געהאט דערפון. וויפיל פארגעניגן, וויפיל פרייד און זונענשיין האט איר איינגעזאפט אין זיך, נישט ווייסנדיק אפילו דערפון? געגומען ווי א זעלבסטפארשטענדלעכע זאך. נעמט כאטש די פאעזיע פון די פאעטן, וואס איר האט געלערנט אין די

שולן, פון אַ פּושקין, פון אַ לערמאָנטאָוו, אָדער ווער עס זאָל דאָרטן נישט זיין: ווי זיי באַזינגען דעם ווינטער, דעם זומער, די בלומען, דיביימער, די מענטשן. גאָט, גאָט, וויפיל האָט איר געגאָסן אין אייער יוגנט! יעדער טאָג איז דורך אייך דורכגעגאַנגען ווי אַן אַנדערער יום־טוב, — האָט דער „זשאַבלינער" אויסגערופן, און די קנאה האָט געשאָסן פון זיינע אויגן, — צי ווייסט איר אָבער, ווי מיר האָבן פאַרבראַכט אונדזער יוגנט? אָט מיט די אותיות, אָט מיט דעם א"ב, וואָס דערציטערט אייך און טרייבט אייך אַריין אין קעלבערנע התפעלות. אָ, ווי האָב איך זיי פיינט! יאָ, פיינט, ווייל זיי האָבן ביי מיר אַלץ גערויבט: מיין יוגנט, מיין לעבן, מיין פרייד. פון זעקס אַזייגער אינדערפרי — זעקס אַזייגער פרימאָרגנס, — ווען עס איז נאָך שטאַרק פינצטער געווען — האָט מיך דער טאַטע געוועקט, געמוזט מיטן האַקמעסער דאָס אייז פון דעם פאַס אויפהאַקן אויף נעגל־וואַסער, און אָפּגעזעסן דעם גאַנצן פרימאָרגן מיט איבערקייען זאַכן, וואָס גייען מיך נישט אָן, וואָס זענען ווילד און פרעמד. טיילמאָל האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַזעלכע ענינים, וואָס איז אַ חרפּה אויסצו־זאָגן. נאָך גוט, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען דעם טעם דערפון. דער־נאָך, אַז איך האָב עס יאָ פאַרשטאַנען, איז עס כאָטש געווען אַ מין קיצ־לען די בחורישע געפילן. גוט, וואָס מ'איז אַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ שטיקעלע אגדה, אָפּגערוט זיך אַ ווײַלע. אָבער דאָס איז נישט געווען געלערנט. מ'האָט באַדאַרפט דעם מוח שאַרפן, און שאַרפן וועגן אַ לאַנג־ווייליקן, פאַר קיינעם קיין נוצן נישט ברענגנדן ענין וועגן זאַכן, וואָס זענען גאָרנישט צוגעפּאַסט צו אונדזער לעבן. אַזוי גאַנצע ווינטערס און זומערס. ווי האָב איך געבענקט אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן נאָכן דרויסן... ווי האָב איך מקנא געווען די גימנאַזיע־תלמידים פון אונדזער שטאָט, ווען איך האָב זיי געזען ווינטער גיין מיט די שליטלעך אויפן גליטש... יאָר־איין, יאָר־אויס, ביז אַכצן-ניינצן יאָר פון מיין לעבן, האָבן מיך די אותיות געהאַלטן אין געפענג. אַלץ האָבן זיי ביי מיר גערויבט: מיין קינדהייט, מיין צייט. איך האָב געזען ווי מיינע יונגע טעג רינען־אַוועק ווי וואַסער און איך טו גאָרנישט. מיין גאַנצע פרייד פון מיין קינד־הייט האָבן זיי ביי מיר אַוועקגערויבט, — און איר קומט מיר צוגיין מיט אייערע ראָמאַנטישע חלומות וועגן די אותיות און וועגן דעם קלאַנג פון די ווערטער און וועגן דער קייט פון דער יידישער אמונה. איר גיט

זיי דאָך דורך דעם מוט און קראַפט צו קעמפן קעגן אונדז. איר גיט אַליין ארויס א נייעם ציוויליזירטן פּאַטענט — מיט אייער מאָדערנעם ראָמאַנ־טיזם — אויף דער באַרבאַרישער, ווילדער, פאַנאַטישער וועלט, אין וועל־כער אונדזער גאַנצע יוגנט, הונדערטער טויזנטער לעבנס, פּלאָגן זיך, מאַטערן זיך, און פון וועלכער זיי רייסן זיך צו פרייהייט. שמירט נישט אָן די קייטן מיט אייער ראָמאַנטישער זייף, כדי זיי זאָלן זיך לייכטער ארויפגליטשן אויף אונדזערע הענט. אהא — זאָגן זיי — זעט, אפילו זיי, דאָקטוירים מיט אוניווערזיטעט־בילדונג, קומען צוריק צו אונדז. קאָנט איר אונדז נישט העלפן אין אונדזער קאַמף, שטייט כאָטש פון דערוויי־טנס, ווו איר זענט ביז איצט געשטאַנען! — שרייט דער „זשאַבלינער" אויס, אָן אויפגערעגטער, מיט פאַרשווימטע ליפּן.

אַלע האָבן געשוויגן נאָך דעם „זשאַבלינערס" פלאַמענדיקע רייד. דער לערער איז נאָך מער טרויעריק געוואָרן און שווייגנדיקער. זיין איי־גענע קינדהייט, זיין אייגענע יוגנט האָט זיך אים געשטעלט פאַר די אויגן. און פון זיין יוגנט ביז היינט זענען דורכגעפלאָסן צוויי צענדליק יאָר. אינדרויסן האָט זיך ווייניק וואָס איבערגעביטן. אינדרויסן, אין די שטעט און אין די שטעטלעך, פּלאָגן זיך טויזנטער און הונדערטער טויזנ־טער יונגע לעבנס אונטער די זעלבע באַדינגונגען, פון וועלכע דער „זשאַב־לינער" האָט גערעדט, און עס קומט פון ערגעץ קיין הילף נישט. און קומט שוין ווער פון דרויסן, געשטויסן פון אויסערלעכע אָדער פון אינערלעכע סיבות, קומט ער צו אונדז מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט מורא גע־האַט צו קוקן דער ווירקלעכקייט אין פּנים אריין. עס איז אים געוועזן א רחמנות אויף דעם פרעמדן יונגנמאַן, וואָס קומט א דורשטיקער פון אַנ־דערע וועלטן און שלינגט זיינע אייגענע שפּייעכץ. אָבער וואָס פריער ער וועט דערזען די ווירקלעכקייט, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר אים.

מירקין, דער שוואַרץ־בערדיקער יונגערמאַן, מיטן ליידנדן בלייכן פּנים, מיט דעם שמייכל פון פאַרלעגנהייט אויף זיינע דינע ליפּן, איז געבליבן זיצן ווי א פאַרלוירן קינד. זיינע אויגן, וואָס האָבן ביז איצט רואיק געלויכטן, ווי אויסגעלייטערט, האָבן אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען. ער האָט זיך אָנגעהויבן ארומצוקוקן, ווי א פרעמדער, אויף די אַנוועזנדע, און ער האָט געטראַכט: „נאָך אַלעמען, איז אַלץ נישט אזוי איינפאַך, ווי איך האָב געמיינט". און א שרעק האָט אים ארומגענומען פאַר דעם אומ־

באַוווסטן, וואָס דער „זשאַבלינער" האָט אויפגעעפנט פאַר אים. ער איז פאַרצווייפלט געוואָרן און געזאָגט צו זיך: „איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרשטיין, איך בין אַ פרעמדער". און ער האָט געפילט, אַז די שנור, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, גליטשט זיך אַרויס. אַן אומבאַוווסטע שרעק האָט אים אַרומגענומען, ביז זיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט פּרוי הורוויץ. אין איר בליק האָט ער דערפילט נישט נאָר מוט און האָפענונג, נאָר אויך אַן אויסטערלישע היימישקייט. איר בליק האָט אים ווידער געמאַכט היימיש מיט דער משפּחה.

— נאָך אַלעמען בין איך אַ פרעמדער, און איך קאָן נישט דאָס יידישע לעבן, — האָט ער געזאָגט, — אָבער איך האָב געהערט זאָגן, און אַזוי האָב איך אויך געלעזן, אַז אַפילו אין דער פינצטערניש פון דער יידיש־רעליגיעזער דערציאונג — ווי הער וויינבערג האָט אונדז דערקלערט — געפינען זיך נישט ווייניק ליכטיקע מאָמענטן: די יידישע יום־טובים. יעדעס לעבן, ווי אָפּגעשלאָסן עס זאָל נישט זיין, באַשאַפט איר אייגענע פרייד. האָט איר גאָר אין אייער קינדהייט קיין פרייד נישט געהאַט, הער וויינבערג?

— אמתע פרייד האָב איך ערשט גענאָסן פון מיין „אפּיקורסות", נישט פון מיין גלויבן, נאָר פון דעם גלויבן, וואָס איך האָב באַקומען דורך די ביכלעך, אין אַ בעסערער, גערעכטערער וועלט, אין איך, ווי יעדער אַנדערער מענטש אויף דער ערד, בין אַ באַרעכטיקטער מיטגליד אין דעם גלויבן. איך וועל גערופן צוזאַמען מיט אַלע מענטשן־קינדער צו קעמפן פאַר דעם בעסערן מאָרגן. די ערשטע קלעפּ, וואָס איך האָב געקראָגן פאַר דעם גלויבן, דאָס איז געווען מיין פרייד. מיין לאָם הענטל, וואָס דער מאַטע האָט מיר געמאַכט פאַר דעם ביכל, וואָס איך האָב געלייענט, דאָס איז געווען מיין גרויסע פרייד.

— אויך נישט, ווען איר זענט געווען אַ קליין קינד?

נאָר איצט האָט שוין אויך דער לערער גענומען רעדן. דער „זשאַבלינער" האָט אים געגעבן לשון:

— איך מיין, אַז וויינבערג האָט רעכט, — האָט הורוויץ געזאָגט נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן. — עס איז נישטאָ קיין גלויבן, וואָס מען ירשנט. מיר רופן גלויבן דאָס, וואָס מיר שאַפן זיך אַליין פון אייגענער דערפאַרונג. ביי אונדז איז יעדער ישיבה־בחור, וואָס מאַכט־דורך אויף זיין

אייגן לייב די אַפּעראַציע פון אַפּיקורסות, זיין אייגענער „משה רבינו", גיכער זיין אייגענער „אברהם". יעדער איינער פון אונדז האָט זיך זיין גלייבן אליין געפונען, נישט געקראָגן. דורך דעם זענען די ריכטיקע גלוי־ביקע מענטשן ביי אונדז די „אַפּיקורסים". די השכּלה איז געווען די אמונה, וואָס די משכּילים האָבן געווונען, און פאַר איר זענען זיי געגאַנגען אויף קידוש השם. צו פרי האָט מען ביי אונדז דעם חשבון געמאַכט מיט די משכּילים. קיינמאָל האָבן מיר זיך נישט אַזוי געגויטיקט אין אַ השכּלהשע באַוועגונג ביי אונדז, ווי איצט. אינדרויסן ליגט אַ מאַסע אין אומוויסנהייט און אַפּגעלאָזנקייט, און עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל זיך פאַר איר אָננעמען. ביי אונדז אַרבעטן אַלע פּאָליטיש, קיינער נישט קולטורעל. אַלע פּאַרטייען ווילן געווינען אויף זייער זייט די מאַסן, כּדי צו געווינען כּוח און אָנזען. אָבער קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיטן אייגענעם מזל פון דער מאַסע. אַלע לייגן עס אָפּ אויף מאָרגן, אַלע זאָגן צו „חלק לעולם הבא", ווען זייער אידעאַל וועט אויסגעפירט ווערן. פון די ציוניסטן ביז צו זיי (אָנווייזנדיק אויפן „זשאַבאָטינער"), אָבער קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיטן עולם הזה. די איינציקע, וואָס האָבן געאַרבעט אַביסל קולטורעל ביי די מאַסן, זענען געווען אַסימילאַטאָרן. האָט מען זיי פאַרשריגן, פאַרטריבן פון דער יידישער גאַס. און איך זאָג אייך. אַז די אַסימילאַטאָרן, ווי שלעכט זיי זענען נישט געווען, זענען די איינציקע יורשים פון די משכּילים. זיי זענען, נאָך אַלעמען, די איינציקע, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַביסל ליכט אין דער פינצטערניש, און געטון האָבן זיי דאָס נישט צוליב עגאָאיסטישע פּאַרטיי־צוועקן, נאָר אויס ריי־נער מענטשן־ליבע.

— זאַכאַרי האָט צוזאַמענגענומען מוט און זיך אָנגערופן:

— איך האָב געמיינט, אַז דער ציוניזם, בעסער געזאָגט, דער אי־דעאַל פון אַן אייגן לאַנד, קאָנצענטרירט פון דעם אייגענעם ווילן איז, אַזוי צו זאָגן, דער צענטער, וווּ עס לויפן זיך צוזאַמען אַלע נויטן פון יידן, סיי מאַטעריעלע, סיי גייסטיקע. ווי קאָן דאָ גערעדט ווערן פון עפּעס אויפטון פאַר די יידישע מאַסן, אַז מ'איז שטענדיק געצוווּנגען אָנצושלאָגן זיך אָן פרעמדע ווילנס, אָן אַנדערע אינטערעסן, אָן ווענט פון אַלע זייטן. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס די ראַדיקאַלע יידן שטעלן זיך אַנטקעגן דעם אידעאַל? איז דען דאָס נישט אַ פאַרקערפּערונג

פון אַלע אונדזערע װוּנטשן צוריקצושטעלן דעם ייִדישן קערפּער און דעם ייִדישן גייסט אין זיין ריין־מענטשלעכן באַשטאַנד, פון װעלכן זיי זענען דורך פרעמדע אַרויסגעשלאָגן געװאָרן? פאַרקערט, איך האָב תמיד גע־מיינט, אַז די אַלע ייִדישע גויטן, װאָס איר האָט אויסגערעכנט, װעלן פאַרענטפערט װערן אויף אַ נאַטירלעכן אופן, װען מיר װעלן האָבן אַן אייגן לעבן, — האָט זיך מירקין געװענדעט צום „זשאַבאַטינער". — גע־װיס פאַרשטיי איך אייער נויט און אויך די בענקשאַפט נאָך אייער פאַר־גאַנגענער קינדהייט. אָבער װי אַזוי קאָנט איר עפּעס אויפטון פאַר אַ פינצטערער מאַסע, װען איר האָט נישט די מעגלעכקייט פון אַ קאָנטראָל איבער איר? נאָר די אינסטיטוציעס, װאָס װעלן געשאַפן װערן דורך ייִדן, אין אַ פריי ייִדיש לאַנד, קאָנען מאַכן אַ סוף צו די װילדקייטן, װאָס זע־נען אויסגעװאַקסן ביי אונדז. איך גלויב, אַז אַלע אונדזערע אידעאַלן, אפילו אונדזער אמונה, װעט געזונט װערן ערשט דעמאָלט, װען זי װעט געריייניקט װערן דורך דעם פילטער פון אַן אייגן לאַנד, — האָט זאַכאַרי מיט אײַין אָטעם-כאַפּ פאַרענדיקט.

עס איז געװען אַ װוּנדער, װאָס הורװיץ, דער לערער, האָט מירקי־נען געלאָזט אַזוי פיל רעדן. קיין זאַך האָט דעם לערער נישט געקאָנט אַזוי אַרויסברענגען פון געדולד, װי דװקא דער אידעאַל, פון װעלכן זאַכאַרי האָט גערעדט. עס זענען פאַראַן מענטשן, װאָס האָבן אַ פיזישן אָפּשיי צו ראַסן, צו געװיסע חיות. זיי קאָנען נישט פאַרטראָגן דעם געשמאַק פון אַ נעגער. עס זענען פאַראַן מענטשן, װאָס פאַרמאָגן אַ קראַנקהאַפטע שׂנאה צו אידעען. דער לערער האָט באַלאַנגט צו די לעצטע. ער האָט זיך נישט געקאָנט קאָנטראָלירן ביי דעם אומשולדיקסטן דערמאָנען פון דעם ציור־ניסטישן אידעאַל, װען ער איז געװען דערביי. ער האָט דערפילט אַ פּי־זישן װייטיק און ער האָט גלייך געמוזט רעאַגירן אויפן אָרט. אומזיסט האָט פרוי הורװיץ זיך געמיט מיט די אויגן, מיט די באַװעגונגען פון איר מויל, אויפמערקזאַם צו מאַכן זאַכאַרין, אַז ער זאָל אָװעקװאַרפן די טע־מע. זי אַליין האָט שוין געװאָלט זיך אַריינמישן, װאָס זי טוט עס קיינ־מאָל נישט, אויס דרך־ארץ פאַרן מאַן, כדי צו מאַכן אַ סוף צו דעם גע־פערלעכן געשפּרעך. נאָר דער לערער איז שוין אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, װי עס װאָלט אים װער געביסן די פּיאַטעס פון די פיס, און, נישט געקוקט אויף זיין גאַסטפריינטלעכקייט, װאָס ער, אַלס באַלעבאָס, איז

שולדיק דעם גאסט, איז ער צוגעגאנגען צו זאכארין, אים אָנגענומען ביי די הענט (זאכארי איז פארוואונדערט און דערשטוינט געוואָרן דערפון), צוגעפירט אים צו די פענצטער פון שטוב, וואָס זענען ארויסגעגאנגען אין הויף אריין, אויפגעפראַלט א פענצטער, כאָטש ס'איז הערבסטלעך קאַלט געווען, ארויסגעטייט מיט דער האַנט אויפן הויף, וווהין די פענצטער זענען ארויסגעגאנגען, און געזאָגט, אויסערגעוויינלעך באַלעבט:

— איר זעט דאָ דעם הויף, די קליינע ליכטעלעך, וואָס שיינען ארויס פון די פענצטער? אין דעם הויף זיצט א געפּלאָגטע און פארפּאָלגטע מאסע אין שמוץ, אין אומווויסנהייט, אין שאנד און שפּאָט, פארלאָזן פון אַלעמען, צו צען, צו צוועלף, צו פופצן נפשות אין א שטוב. און אַזוי ווי איר זעט דעם הויף, אַזוי ציען זיך גאסן און גאסן, שטעט גאנצע. מיליאָנען פּלאָגן זיך אַזוי, עס איז נישטאָ קיין אנדער יידיש פאָלק, ווי דאָס. דאָס איז אונדזער אָרימקייט און אונדזער רייכקייט. פון דאנען באַדאַרף מען אָנהייבן. אָט די מענטשן מוז מען העלפן. פאר זיי באַדאַרף מען דאָס לעבן אוועקגעבן. און וואָס הייסט איר טון? איר הייסט אָנהייבן פון איידעאַל, פון א טעאָריע. ווי לאַנג וועלן מיר נאָך זיין צוגעשמידט צו דער עבודה־זרה? דאָס איז אפשר גוט פאר איינצלנע, וואָס ווילן אַנטלויפן פון אונדזערע גויטן, פוןווירקלעכן לעבן, פון זייער אייגן פּנים. זאָלן זיי זיך אָנכאַפּן אָן די פּאַפּירענע בריק. יונגערמאַן, ווען איר ווילט עפּעס טון, ווען איר ווילט נוצן ברענגען, — אָט דאָ איז דאָס אָרט. עס איז נישטאָ קיין אַנדער יידיש פאָלק, ווי דאָס, און עס איז נישטאָ, וווהין צו אַנטלויפן. אונדזערע עלטערן זענען געגאנגען ארומגעלאָפן איבער דער וועלט. אויף די ערטער באַדאַרף מען זיצן — און דאָ אויסקעמפן אונדזער לעבן.

ווער ווייסט, מיט וואָס די סצענע וואָלט זיך געווען געענדיקט, ווען נישט רחל־לאה, וואָס האָט שוין אָפּגעוואַרט די גאנצע צייט אויף א געלעגנהייט זיך אריינצומישן און אויפצולאָזן די אָנגעצויגענע שנורן פונעם געשפּרעך דורך א געלעכטער:

— אפשר וועט שוין גענוג זיין אים צו לערנען פאר איין אָוונט?

— האָט זי געזאָגט. — ווי זיי האָבן אים דאָס גענומען אין חדר אריין! איר וועט נאָך האָבן אַן אַנדערע געלעגנהייט. הער מירקין פאָרט דאָך נישט אוועק, וועלן מיר נאָך האָבן גענוג צייט וועגן דעם אַלעמען צו רעדן. און אפשר איז שוין אויך צייט צו נעמען עפּעס אין מויל אריין?

— האָט רחל־לאה פאַרענדיקט. — איר בלייבט מיט אונדז אויף אָוונט־עסן? — האָט זי זיך געווענדעט צו מירקינען מיט אַן איינלאַדנדיקער פראַגע.

***

פרוי הורוויץ האָט זיך געפּאָרעט אין קיך און געפּאָרעט זיך אין שטוב. געגרייט צום טיש, אויסגעזוכט אַ ריין טישטוך לכבוד דעם גאַסט. אויף קיין גרויסע זאַכן האָט ער זיך נישט וואָס צו ריכטן: דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט מיט דער ווינטערדיקער פּאָווידלע. לכבוד דעם גאַסט האָט זי אַראָפּגעשיקט דעם זון, דעם גימנאַזיסט, ער זאָל אַרויפברענגען אַ שאַכטל שפּראָטן, וואָס ווערט געגעבן אויפן טיש ביי זייער אַ ספּעציעלן פאַל, אַ פונט צוקער און אַ האַלב פונט פּוטער, אויך לכבוד דעם גאַסט. דערווייל הערט זיך שוין פון די טרעפּ די אויסערגעוויינלעכע באַלעבאַט־קייט און דאָס לאַכן פון זאָשקען. און באַלד גיט אַ פלי־אַריין אַ מיידל מיט הויכע שטייענדיקע האָר און מיט אַ בלאַנקנדיקן ווייסן האַלדז פון אַן אויסגעשניטן שוואַרץ קליידל, וואַרפט דעם שטוים ביכער אויפן טיש, און איידער וואָס־און־ווען, איז זי שוין אין אַ געשפּרעך מיטן גאַסט וועגן פּעטערבורג, וועגן טעאַטער, וועגן איר ברודערס פּראָצעס, און וועגן וואָס נישט? אין אַ ווײַלע אַרום קומט פון דער גאַס אַן די צווייטע שוועסטער — אַ קעגנזאַץ צו איר, אַ שטילע, זאַכאַרי זעט נאָר אַ שוואַרץ־ווייס גע־קעסטלט קליידל אויף אַ דינעם מיידלשן רוקן. דאָס קליידל איז פון אַזאַ שטאָף, וואָס אים דאַכט זיך, אַז ער האָט אים ערגעץ געזען. ער געדענקט, אַז ס'האָט ווער געטראָגן אַמאָל אַזאַ קליידל פון זעלבן שטאָף. שוואַר־צע און ווייסע קעסטעלעך, נאָר ער קאָן זיך נישט דערמאָנען ווען און ווו ער האָט עס געזען — אין דעם לעבן, צי אין אַן אַנדערן. זי האַלט אַ בלומען־טאָפּ מיט איר אָרעם אָנגעלענט צו איר יונגער ברוסט, ווי מען האַלט אַ קליין קינד צאַרט, און האָט עס מורא אַרויסצוגעבן פון דער האַנט. די מאַמע בייזערט זיך: „ווי לאַנג וועסטו זיך אַזוי אַרומדרייען מיטן בלומען־טאָפּ אין האַנט? און צו וואָס נאָך בלומען־טעפּ? אַ האַלבע שטוב האָט זי שוין פאַרנומען מיט אירע געוויקסן. ווו וועסטו עס שטעלן?"

דער טיש איז שוין געדעקט, די מאַמע לייגט שוין אַרויף דאָס ברויט,

די פוטער, די שפּראָטן, אַ טאָפּ פּאָווידלע און דעם זודיקן טיי. די יינ־גערע טאָכטער, זאָשקע, העלפט צו דער מאַמען שיין־מאַכן דעם טיש. דער מאַמעס געדאַנק פאַרשטאַנען אין אַ ווונק, און שלעפּט־אַרויס פונעם שענקל די געפּרעסטע קאָלירטע סערוועטקעס, וואָס ליגן דאָרט פון איין פּסח צום אַנדערן; וויל זיך באַווייזן פאַרן גאַסט, שלעפּט זי אויך אַרויס דאָס זילבערנע צוקער־פּושקעלע. דאָס צוקער־פּושקעלע איז אַ גלגול פון אַן אתרוג-שאַכטעלע, וואָס מ'האָט געקראָגן פון אַ רייכן פעטער אַ חתו־נה־מתנה. דאָס צוקער-פּושקעלע ראַטעוועט־אַרויס פון די גרעסטע נויטן. עס איז דער שפּייזער פון האָפענונגען. ביי יעדער צרה רעדט מען וועגן פאַרזעצן דאָס צוקער־פּושקעלע. עס וואַנדערט טאַקע אָפט אַרום אין די לאָמבאַרדן, און נאָר צוליב אַ פאַרזען, געפינט עס זיך היינט צופעליק אינדערהיים, נישט דאָרט, וווהין עס באַלאַנגט — אין לאָמבאַרד... דעם טאַטן געפעלט נישט דער טאַראַראַם, וואָס מען מאַכט דאָ לכבוד דעם פרעמדן — דאָס זילבערנע פּושקעלע אָנשטאָט דאָס טיי־טעפּעלע און די באַזונדערע סערוועטקעס. רחל־לאה פאַרשטייט עס שוין פון זיין אַראָפּ־געניזערטן בליק אין דער באָרד אַריין און פון די גליענדיקע אויערן.

ביים עסן פירט דער פאָטער אַ געשפּרעך מיט מירקינען: וואָס ער דענקט צו טון? — ער ווייסט נאָך נישט. לעת־עתה וויל ער זיך אַרומ־קוקן און וויל זיך אַליין געפינען. ער מיינט, אַז די ערשטע אויפגאַבע פון אַ מענטש איז זיך אַליין צו געפינען, זיך אַליין אויסצוזוכן אין דעם ים, וואָס רינגלט אים אַרום. „מיר ווערן פאַרלוירן אין אַ מבול פון באַ־וועגונגען און געשעעניש, וואָס דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן וואַרפט אויף אונדז".

— און ווי אַזוי ווילט איר דאָס זיך אויסגעפינען? — פרעגט דער „זשאַכלינער".

— דורך דעם, וואָס איך וויל זיין אַליין מיט מיר.

— ווו? אין אַ וואַלד? אין אַ וויסטעניש? ווי אַן אינדישער פרוש אויף אַ בוים זיצן? — שמייכלט דער „זשאַכלינער" סאַרקאַסטיש.

— כאָטש אין אַ פאַרוואָרפן שווייצער־ווינקל, אין אַ דאָרף ערגעץ־ווו אַ יאָר, צוויי, כדי אויסצוגעפינען זיך אַליין.

— פאַרשטייט זיך, מיט ביכער, אפשר אויך אין אַן אויסגעקליבע־נער געזעלשאַפט, וואָס ווייסן אַליין נישט ווי זייערע אידעען ווערן דיק־

טירט פון זייערע אינטערעסן, און נישט-ווילנדיק און נישט ווייסנדיק פּאַסן זיי צו זייער אַרט דענקען, ווי אַנאַרכיסטיש, אינדיווידואַליסטיש זיי זאָלן נישט זיין, צו פּאַרטיידיקן זייער אייגן פּויליק, פּאַראַזיטיש לעבן. ניין, איך גלויב נישט, אַז עס איז דאָ אין אונדזער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג אַן אומשולדיק, קיינעם גאָרנישט קיין עוולה-טוענדיק אינדיווידועל לעבן. דאָס איז אפשר מעגלעך נאָר אין אַזאַ אָפּגעשטאַנען. רעליגיעז לאַנד, ווי אין אינדיע. ביי אונדז ווערן מענטשן צעטיילט, צי זיי ווילן יאָ, צי זיי ווילן נישט, נאָר אין צוויי קאַטעגאָריעס: די, וואָס אַרבעטן, און די, וואָס לעבן פון יענעמס פּראַצע. די, וואָס העלפן די אונטערדריקטע, און די, וואָס העלפן די אונטערדריקער. קיין אַנדערער אויסוועג איז נישטאָ, און רעדט אייך נישט איין, אַז איר שטייט פון דערווייטנס. עס זענען נישטאָ קיין גרעסערע שונאים פון אונטערדריקטן קלאַס ווי דווקא די נייטראַלע, די, וואָס שטייען פון דערווייטנס. זיי זענען משרתים ביי די אויסזויגערס. זייער אַרט לעבן מוז באַרעכטיקן די געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר געפינען זיך, וואָרים אין אַן אַנדערער געזעלשאַפט וואָלט פאַר זיי קיין פּלאַץ נישט געווען.

אַלע האָבן געמוזט שמייכלען ביים טיש, קענענדיק ווייַנבערגן, וואָס וועט, ווי אַ מגיד מיט „ציון גואל" שטענדיק מוזן אַרויפפירן יעדעס געשפּרעך, ווען וואָס עס זאָל זיך נישט האַנדלען, צו איין-איינציקן אויספיר — אויפן קלאַסן-קאַמף. מירקין האָט זיך אַביסל פאַרלוירן פון די דאָזיקע רייד, זעענדיק זיך מיט איין מאָל אינעם ליכט, מיט וועלכן דער „זשאַבלינער" האָט אים באַלויכטן.

נאָכדעם ווי זאַכאַרי און דער „זשאַבלינער" זענען אוועק, האָט זיך רחל-לאהס טאָג געהאַט געענדיקט. זי האָט אַרויסגענומען פון איר שופלאַד אַ שטוים וועש צו פאַרריכטן, און אַוועקגעזעצט זיך אין איר ווינקל ביים קאַלך-אויוון, צו וועלכן מען האָט ווי:טער-צייט צוגערוקט דעם טיש. ביים זעלבן טיש זענען אויך געזעסן אירע קינדער און געמאַכט זייערע לעקציעס און איר מאַן, וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין אַ ספר. אויף אַלעמען איז געפאַלן דער מילך-שיין פונעם גרויסן טיש-לאָמפּ. ווען זי האָט געהאַלטן אַן עק פון אַ פאָדים צווישן אירע שטאַרקע ציין, רופט זיך רחל-לאה אָן צו איר מאַן:

— מיינסט נישט, שלמה, אַז עס איז אַ רחמנות אויף אַזאַ יונגנמאַן?

ווו וועט ער זיך אַרומוואַלגערן איבער דער וועלט? ווען ער וואָלט אפשר דאָ געבליבן, וואָלט ער עפּעס געפונען, וואָס וואָלט אים גליקלעך געמאַכט?

— איך רעד קיינעם נישט צו, יעדער איינער טוט וואָס ער האַלט פאַר נויטיק, — ענטפערט־אָפּ דער מאַן, נישט אויפהייבנדיק זיין בליק פונעם ספר.

קאַפּיטל 8

די שרעק פאַר זיך אַליין

די נאַכט נאָך דעם וויזיט ביי פרוי הורוויץ איז זאַכאַרי מירקין נישט גוט געשלאָפן. עס האָט זיך אים געפּלאָנטערט אַ חלום ווי ער, מירקין, שטייט ביי אַ טיר פון אַן אומהיימלעכן פינצטערן קעלער. אויף יענער זייט קעלער וווינען אַרימעליים, וועלכע זענען אויסגעמישט געוואָרן אין חלום מיט די שוואַרצע, שאָטנדיקע אומבאַקאַנטע רוחות, וואָס וווינען אין אים אַליין. די אַרימעליים רייסן זיך צו דער טיר און ווילן אַרויס אין דרויסן. מירקין שטייט מיט אַנדערע; זיי וואַרפן זיך מיט זייערע לייבער אויף דער טיר פון קעלער און לאָזן זיי נישט אַרויס אין דרויסן. מיטאַמאָל פאַרלאָזן אים אַלע. ער געפינט זיך אַליין ביי דער טיר קעגן די אַרימעליים, וועלכע ער דריקט־צו מיט אַלע זיינע כוחות, מיט זיין גאַנצן ווילן. זיי אָבער, אויף יענער זייט, זענען שטאַרקער. שוין עפענען זיי אַ שפּאַלט פון דער טיר און מירקין דערזעט אין הינטערגרונט, וואָס ליגט הינטער איר: עס איז אַן אומהיימלעכער געראַנטער געוועלב מיט שוואַרצע באַלקנס באַבאַלקנט, די ערד — מיט געלן זאַמד אויסגעשאָטן פון די ווינקלען הייבן זיך אָן צו באַוועגן פון זייערע פאַרגליווערטע פּאָזיציעס די אַרימעליים, אידיאָטישע פאַרמרה־שחורהדיקע, קריכנדיק און אויסשטרעקנדיק צו אים זייערע הענט מיט צעדרייטע פינגער. עס זענען נישט קיין אַרימעליים עס זענען די שוואַרצע אומבאַוווסטע שאָטנס, וואָס לעבן אין די פאַרבאָרגנישן פון זיין נשמה. פאַר וועלכע ער שרעקט זיך אַזוי, וואָס שטרעקן עס אויס צו אים זייערע סקעלעטנדיקע הענט. זיי

קריכן דאָס אַרויס פֿון קעלער צו אים. ער זעט זיי באַשײנפּערלעך אײ־נעם און אײנעם, װי זײ באַװעגן זיך קריכעריש, מיט אידיאָטישע פּני־מער, מיט װילדע העװיות, מיט שרעק־דערװעקנדיקע אבֿרים. אײנצלנע פֿון זײ זיצן נאָך אין די װינקלען און װאַרטן אויף עפּעס, שטאַרצן־אַרויס שלעכטס־אָנזאָגנדיקע בליקן. מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון זײַן מאַסיװן קערפּער װאַרפֿט ער זיך אויף דער טיר צו פֿאַרהאַקן דעם קעלער, אָבער זײ דאָרט, אויף יענער זײַט, זענען שטאַרקער און דריקן אים אַװעק. און ער איז אײנער אַלײן צו היטן די טיר פֿון די שװאַרצע גײַסטער. אַלע האָבן אים פֿאַרלאָזט. ער רופֿט נאָך הילף, הילף, הילף — און אַרבעט זיך מיט אַלע כּוחות אַרויס פֿון דעם צושטאַנד, אין װעלכן ער געפֿינט זיך. ער װײסט שױן, אַז ער חלומט, נאָר ער קאָן זיך נישט אויפֿװעקן. ער װיל בײַסן זײַנע פֿינגער, כּדי אויפֿצוכאַפּן זיך. די הענט הערן נישט זײַן װילן, ביז ענדלעך — מיט אַ שטאַרקער באַװעגונג פֿון זײַן קאָפּ — ער כאַפּט זיך אויף אײַנגעגאַנצן אַ באַגאָסענער מיט קאַלטן שװײס.

— װוּ בין איך? — ביסלעכװײַז קומט זײַן באַװוּסטזײַן צוריק צו אים. ער דערמאָנט זיך און װײסט שױן, אַז ער געפֿינט זיך אין זײַן האָ־טעל־צימער אין װאַרשע און נעכטן אָװנט האָט ער פֿאַרבראַכט אין פּרוי הורװיצעס הויז.

פֿון שלאָפֿן האָט שױן קײן רײד נישט געקאָנט זײַן. ער איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און האָט זיך צוגעהערט צו דעם אָטעמען פֿון דער װעלט, צו דעם בלײַך־באַװעגלעכן גאַנג פֿון דער װעלט, װאָס יעדער הערט אין זיך אַלײן אין דער שטילקײט פֿון דער נאַכט. ער האָט זיך געװאָלט דערמאָנען װעגן װאָס ער האָט געחלומט. די אײנצלהײטן האָבן אָנגעהויבן אויסצורינען פֿון געדעכניש װי צעלאָזענע פּאַרע. איבערגעבליבן איז אַן אַלגעמײנער אײַנדרוק פֿון שרעק.

ער האָט געמאַכט ליכט און איז געבליבן ליגן אין זײַן בעט מיט אָפֿענע אויגן.

דערפֿאַר זענען אים פֿיל קלאָרער געװען זײַנע איבערלעבענישן אין פּרוי הורװיצעס הויז. ער האָט מיט אַן אויסערגעװײנלעך בולטער קלאָר־קײט געזען יעדן דעטאַל פֿון אַלץ װאָס ער האָט נעכטן איבערגעלעבט, אָנ־געזען און אָנגעהערט זיך. עמפּפֿינדונגען, װעלכע זענען געװען פֿאַרנעפּלט, זענען איצט אין דער שטילקײט פֿון דער נאַכט אויפֿגעשטאַנען אין אים

מיט זייער גאנצער באַלעבטקייט און מיט זייער גאַנצער נויטווענדיקער אבזוריותדיקער רעאַלקייט. גאָרנישט איז אים געוואָרן געשאָנקען, גאָר־נישט איז פון אים פארהוילן געוואָרן. מיט זייער גאַנצער אומדערבאַרים־דיקער נאַקעטקייט זענען זיי געשטאַנען פאַר אים... ער האָט פארשטאַנען און קלאָר איינגעזען, פארוואָס ער האָט נישט געקאָנט או כפירן זיין באַ־שלום, גלייך פון דער היים ערגעץ־ווו אוועקצופאָרן, אויסצומיידן וואַר־שע...

— גאָט, וואָס פאַר א שווארצע כוחות לעבן אין מיר! און וואוהין וועלן זיי מיך דערפירן? איך בין דאָך א קראַנקער מענטש, מיט קראַנקע אילוזיעס. מיין ליבע איז אָנגעזאָפּט ווי א שוואָם מיט קראַנקלעכע עמ־פינדונגען... אין מיר וווינען נישט קיין געזונטע אינסטינקטן. ווער בין איך? א שוואַכער, קראַנקלעכער, פון אומבאַוווסטע אבות געירשנט נישט קיין געזונטע אינסטינקטן פאַר אַלעם קראַנקלעכן און שווידערלעכן...

איך בין אַנטלאָפן פון איין נעץ, כדי אַריינצופאַלן אין אַן אַנדערער, ווי אַן אָפּגעהעשעטער געיאָגטער הונט, פון זיין אייגענעם אינסטינקט. וואָס האָב איך געהאַט צו זוכן אין וואַרשע?

**
*

מירקין איז איבערגעבליבן אין וואַרשע. צו די הורוויצעס איז ער מער נישט געגאַנגען. ער האָט זיך נישט געטרויט אַליין. נישט איינמאָל האָט ער זיך געפונען נאָענט ביים הויז. און דווקא אין די פארנאַכטן, ווי דענסטמאָל, ווען ער האָט פרוי הורוויץ אָנגעטראָפן אַליין. ער האָט געפּר־נען אין זיך גענוג שטאַרקייט נישט אַרויפצוגיין... ער איז אָבער נישט געווען גענוג שטאַרק צו פאַרלאָזן וואַרשע. זיינע קראַנקלעכע עמפינדונ־גען צו פרוי הורוויץ (ווי ער האָט אָנגערופן זיין שוואַכקייט צו איר) — האָט ער ווי ס'איז מיטן קראַפט פון זיין ווילן קאָנטראָלירט. אָבער ער האָט געוווסט, אַז עס איז נאָר אויבן־אויף — אָפּגעשראָקן פון זיין גע־וויסן, האָבן זיך די געפילן באַהאַלטן. אָבער עס איז גענוג איין באַרירונג, און זיי וועלן זיך ווידער אַרויסרייסן פון זייערע באַהעלטענישן. דער איינציקער פּלאַן איז צו פאַרלאָזן וואַרשע אויף שטענדיק, אָבער אויס־פירן האָט ער אים נישט געקאָנט. אַן אַנגסטיקע שרעק האָט אים אַרומגע־

גומען פאַר דער גרויסער וועלט, אין וועלכער ער געפינט זיך אַליין. וואָס וועט זיין ערגעץ אַנדערש-ווו? זיין גאַנצע קינדישע פאַרלוירנקייט האָט זיך אויפגעוועקט אין אים ביים געדאַנק וועגן פאַרלאָזן וואַרשע. די שרעק פון זיין אומבאַהאָלפנקייט האָט שוואַך געמאַכט זייַנע הענט, און ער איז געבליבן זיצן דאָרט, וווּ ער איז געווען.

דערווייל זענען די טעג געגאַנגען פּוסט-און-פּאַס, אָן גאָרנישט. קיין מענטש האָט אים נישט געקענט און מיט קיין מענטש האָט ער זיך נישט באַקענט, אַ חוץ זיין פּאַטערס אַגענט, צו וועלכן ער האָט זיך געווענדעט נאָך געלט יעדעס מאָל, ווען ער האָט באַדאַרפט.

בייטאָג האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די יידישע גאַסן, צוגע־קוקט זיך צום האַנדל און וואַנדל, וואָס יידן טרייבן. אַמאָל זיך אָפּגע־שטעלט ביי אַ קראָם, אַריינגעקראָכן אין אַ גאַלעווקער הויף. יידן האָבן געזען זיין קאַראַקולן היטל און זיין קאַראַקולענעם קאָלנער פון פעלץ, האָבן זיי אים אָנגענומען פאַר אַ רוסישן „קופּיעץ" און אָנגעהויבן אים שלעפּן אין געשעפטן אַריין, אין פאַבריקלעך, פאָרגעלייגט אים פאַרשי־דענע סחורות: גאַלאַנטעריע, לעדער און אַנדערע סחורות אים געוואָלט פאַרקויפן, געריסן זיך איבער אים, געקריגט זיך און געמאַכט מיט די הענט. אַמאָל האָט מען אים אַריינגעשלעפּט אין אַ שטוב אַריין און פאָר־געלייגט „לינקע" סחורה. אַן אַנדערשמאָל האָט אַ פּיפּיקער ייד אים גאָר פאַרפירט אין אַן אומאָנשטענדיק אָרט... ער האָט געהערט זייערע רייד און נישט פאַרשטאַנען. איבעריקנס, האָט זיין רוסיש רעדן אים פיל גע־שטערט צו דערנענטערן זיך צו זיי. האָט ער געפּרוווט רעדן זיין שלעכטן יידיש, האָט מען אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט, ווי מ'וואָלט פאַר אים מו־רא געהאַט, ווי פאַר אַ גוי, וואָס רעדט יידיש...

ווילנע מיט אירע אַלטע קרומע געסלעך, מיט איר אָרימער יידיש־קייט און די פייערדיקייט פון די ימים־נוראים, האָט געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק — מ'קאָן דאָס אָבער נישט זאָגן אויף וואַרשע. די יידן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס, אין די שמאָלע היטעלעך מיט די קורצע דעניקלעך, וואָס זעען-אויס, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַלע געווען געטראָגן איין אוניפאָרם, ווי אַ „פאָלק", זענען אים אומאָנגענעם. ער האָט געוווּסט, אַז ער זעט זיי נאָר פון אויבן־אויף; ער קאָן נישט אַריינקוקן אין זיי. אָבער אויסער־לעך זענען זיי געווען ווייט פון עסטעטישקייט... שטענדיק פאַרטראָגן,

פאַריאָגט אין אַ הו־האַ פון געוואַלדן און געשרייען. האָט ער געפּרוווט פאַרפירן מיט וועמען אַ געשפּרעך, האָט מען אים קיינמאָל נישט אָפּגע־ענטפערט צו דער זאַך. שטענדיק מיט אַ הינטער־שפּיצל, ווי מ׳וואָלט גע־וואָלט פון אים עפּעס אַרויסקריגן, מיט אומצוטרוי, מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע. געווים האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אינערלעך איז עפּעס דאָרט ביי זיי אַן אַנדער לעבן, אַ סימפּאַטיש, אַ שענערס. אָבער ער קען עס נישט, פאַר אים זענען זיי אַזוי ווי ער זעט זיי. „און דאָס איז דאָס יידישע פאָלק, קיין אַנדערס איז נישטאָ" — האָט ער זיך דערמאָנט דעם לערער הורוויצעס ווערטער. דאָס איז זיין בלוט און פלייש, זיין אייגנס — אָרים צי רייך, גוט צי שלעכט — דאָס איז עס די יידישע אָרימקייט, און זיין רעטונג ליגט צווישן זיי...

אָבער ער האָט זיך געפילט אַזוי ווייט און פרעמד פון זיי. זיי זענען געווען פאַרחתמעט פאַר אים מיט זיבן שלעסער. „איך בין דאָך אַ פרעמ־דער צו זיי" — האָט ער זיך געזאָגט. ער האָט פאַרשאָלטן זיין דערצי־אונג, זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין אָפּגעריסנקייט. עס איז אים פאַרגעקומען, אַז ער איז אַליין, ער, זאַכאַרי מירקין, איז אַ פאָלק, אַ ראַסע אַליין, אַן אייגענער מין, ער האָט קיינעם נישט. זיין וועלט האָט ער פאַרלוירן, און די וועלט אין וועלכער ער וויל אַריינגיין, איז פאַרשלאָסן פאַר אים.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אויף אייביק פאַראורטיילט צו זיין אַליין, אַ הענגענדיקער אין דער לופטן, צו קיינעם נישט אָנצוגע־הערן, צו קיינעם נישט צו באַלאַנגען.

דערווייל איז זיין מוטיק אַנטלויפן פון דער היים פאַרגעקומען אים אומפאַרשטענדלעך. ס׳איז אויסגעוועפּט געוואָרן דער אינהאַלט דערפון און דער טעם דערפון. זיין פוסט־און־פּאַס אַרומגיין איז אים געוואָרן דער־ווידער. ער איז זיך אַליין פאָרגעקומען ווי אַ חדר־יינגל, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ ברוגז, און איז אַנטלאָפן פון חדר. איין וואָך, צוויי וואָכן. וואָס ווייטער? עס בענקט זיך אים נאָך דעם רבינס קאַנטשיק.

דאָרט, אינדערהיים, איז געווען אַ בייטש איבערן קאָפּ: דער פאָטער, אַלגע מיכאַילאָווגע, ניגאָטשקע זיין כלה. וואָס ער האָט געטון, צי מיט חשק, צי אָן חשק — איז געווען דיקטירט פון אַ ווילן. פאַר זיינע פיס איז געווען אָנגעצייכנט אַ ליניע פון קרייד און ער האָט נאָר באַדאַרפט געטריי טרעטן אויף דעם קרייד־שניט... און איז זיין לעבן אין ברייטן

האָריזאָנט געווען פאַרוואָלקנט, די טריט פאַר דער נאָז זענען אָבער געווען קלאָר. די טאָג־טעגלעכע באַשעפטיקונג האָט געוואַרט אויף אים. דאָ וואָס? און ביז ווי לאַנג איז דער שיעור?

ער האָט צו קיינעם נישט גערעדט, נאָר צו זיך אַליין; ער האָט זיך אָפּגעוווינט דאָס צו טון דורך ווערטער, נאָר דירעקט דורך זיינע געפילן און געדאַנקען. די ווילדסטע און קרענקלעכסטע געדאַנקען זענען אים געקומען אין זינען, ווען ער איז געלעגן דורך די שלאָפלאָזע נעכט אויף זיין געלעגער. אָפטמאָל פלעגט ער אויפשטיין ביינאַכט, מאַכן ליכטיק און באַקוקן זיין אייגן ליייב. אָפטמאָל האָט ער געהאַט דאָס מאָדנע געפיל, אַז זיין לייב איז ווער אַנדערש און ער איז ווער אַנדערש. האָט ער גערעדט צו זיין קערפּער, ווי צו אַ פרעמדן, געגלעט זיך אַליין, געטרייסט זיך אַליין, ביז ער האָט זיך דערמאָנט ווי קינדיש עס איז...

עס זענען אויך צוריקגעקומען די זעלבסטמאָרד־שטימונגען, וואָס האָבן זיך געדאַכט, אַז זיי זענען שוין אַריינגעגאָסן געוואָרן אין אַ פינצטערן כף־הקלע אַריין, נאָך יענעם זעלבסטמאָרד־פאַרזוך אין פּעטערבורג. ער האָט זיך גערופן צום משפּט ביינאַכט פאַר די מעשים פון טאָג. און מיטן אָפּגעהאַקטן קאָפּ אין האַנט האָט ער זיך געשטעלט יעדע נאַכט פאַר זיין ריכטער־שטול. — „פאַרוואָס קלאַמערט ער זיך אַזוי קראַמפּהאַפטיק אין לעבן? פאַרוואָס קאָן ער זיך נישט אויסמישן און ווערן איינס מיט יענער אַלצקייט און אייביקער אומענדלעכקייט, וואָס עס שטעלט פאַר דער טויט? פאַרוואָס קאָן ער נישט אַריינגעבוירן ווערן אין טויט אַריין, אַזוי ווי זיין מוטער האָט אים געבוירן אין לעבן אַריין? זיין געבורט אין לעבן איז אויסגערופן געוואָרן דורך אַ פרעמדן ווילן; זיין געבורט אין טויט קאָן דאָך שוין זיין דורך זיין אייגענעם. פאַרוואָס הענגט ער אין לעבן ווי אַ פוילער בלאַט און וואַרט ביז דער טויט וועט קומען אַן אומגערופענער און וועט אים אונטערגריזשען? פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין דער געביטער פון זיין אייגענעם ווילן — ווען נישט אין לעבן, איז כאָטש אין טויט?"

און האָט ער ווידער קיין מוט נישט געהאַט אַריינצושווימען אין דער אייביקער נאַכט ווי אַ פרייער נאַכט־בירגער מיט זיין אייגענעם ווילן, — וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו אַנטלויפן פונעם פוילן שטרויזאַק, וואָס דאָס לעבן האָט אים צוגעוואָרפן? פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן

פון דער היים, פון זיין פאטער, פון זיין כלה, פון אלגע מיכאילאווגע מיטן שטאלצן ווארט, אז ער „קאן נישט לעבן מיט א לאך אין הארצן" דערנסט־מאל, ווען זיין הארץ איז ווי א זיפ דורכגעלעכערט מיט קרענקלעכע זינ־דיקע עמפינדונגען און פארלאנגען? צוריקצוקערן באדארף ער ווי א נא־ריש יינגל, און פארשעמט זיך צו ווארפן צו די פיס און מחילה צו בעטן, אז מ'זאל אים אנווייזן דעם ארימסטן פלאץ צווישן זיי, ווען זיי וועלן אים נאר וועלן צונעמען.

אזוי א געמשפטער פלעגט ער זיך אויפהייבן יעדן פרימארגן, נישט וויסנדיק צו וואס און פארוואס, געווארפן און געשלאגן ווי א ברעט אן די כוואליעס פון זיינע אייגענע וועלן.

אין די פרימארגנס, באפרייט פון נאכט־רוחות, פלעגט זיין געדאנק ליכטיקער ווערן. ער האט ארויפגעווארפן די שולד פון זיין אומרו, פון זיין קינדישער פארלוירנקייט אויף זיין דערציאונג, אויף זיין מוטערלאזע קינדהייט, אויף דער נאקעטער אפגעריסנקייט פון א צוגעהעריקייט. דאס פלעגט אים אפילו נישט קיין סך האפענונג צוגעבן, אבער עס האט גע־ווירקט; ער האט זיך געטרייסט מיט דעם, וואס ער האט, ווי יעדער שוואכער, ארויפגעווארפן די פאראנטווארטלעכקייט פון זיך און ארויפ־געלייגט אויף אנדערע רוקנס. אבער קיין אויסוועג איז נישט געווען, סיידן נאר צוריקצוקערן א פארשעמטער אהין, פון וואנען ער איז אנטלאפן און זיך לאזן אריינוועבן אין א געוועב, וואס דער גורל האט געשפונען פאר אים.

„וואס איז דער חילוק? — האט ער זיך געזאגט. — נישט אויסגע־האמערט לעבן דורך אייגענעם ווילן, נאר געפונענעם דורך א צופאל און מזל — איז דער זעלבער באטרעף ווי דער טויט.

„ווער וועט באשיצן מיך פון זיך אליין? באשיצן פון יענע פאר־באָרגענע פרעמדע אינסטינקטן, וואס וווינען אין מיר און לויערן אויף מיר ווי גזלנים, צו פארשלעפן מיך ערגעץ אין א כף־הקלע אריין? ווו זע־נען די גרענעצן. וווהין זיי וועלן מיך פארפירן? און ווער וועט מיר ביי־שטיין צו באקעמפן זיי?"

ער האט זיך ארומגעקוקט און געפונען זיך איינער אליין אויף א ווילדן סכנהדיקן וועג. ארומגערינגלט פון שווארצע שאטנס, וואס לויערן אויף אים פון טונקעלע ווינקלען ארויס. אט באלד וועלן זיי ארויסקומען,

צוקריכן פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, נאָר זיכער, קומענדיק נענטער צו אים, נענטער, און וועלן אים אַרומרינגלען ווי שאָטנס פון קעלער, וואָס ער האָט געזען אין חלום?

װאָס זאָל ער טון?

אַנטלויפן, קיין אַנדערער אויסוועג איז נישט געווען. אָבער וווהין וועט ער אַנטלויפן? ווער זאָגט אים, אַז ערגעץ־ווו דאָרטן וואַרט נישט אויף אים דער זעלבער גורל? — אַנטלויפן פון זיך, ווען די נאַכט און די שוואַרצע רוחות וווינען אין דיר.

צו קוקן אין פּנים אַריין דער נאַכט און מיט מוט צו קעמפן קעגן דער נאַכט, איבערצובלייבן אין וואַרשע און צו קעמפן מיט זיך?

וועט ער דאָסמאָל שטאַרקער זיין ווי אַן אַנדערשמאָל?

ער האָט שוין איינגעזען, אַז אַליין מיט זיינע אייגענע כוחות וועט ער זיך נישט אַרויסראַטעווען פון דער נעץ, פון די נעגל פון זיינע בייזע גייסטער. ער האָט געוואָלט גלויבן, ער האָט געמוזט גלויבן אין אַ העכע־רער מאַכט, וואָס קאָן אים העלפן פון זיך אַליין. און ער האָט זי אין דער פינצטערער נאַכט געזוכט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אַלטן ייד פון פּעטערבורג, וואָס דאָט אַמאָל אין אַ ליכטיקער נאַכט גערעדט צו אים וועגן דעם אָנבינדן זיין אייגענעם „איך" אָן דעם געדאַנק פון דער וועלט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די געשפּרעכן, צו וועלכע ער האָט זיך צוגע־הערט ביים לערער. ער האָט ערשט איצט דערפילט, אַז אייגנטלעך האָט דער לערער הורוויץ און דער יונגערמאַן, וואָס זיי רופן דאָרט „זשאַכלי־נער", דאָך אויך גערעדט פון דעם זעלבן כוח, פון דעם וועלט־און־מענטש־שכל, וואָס דער אַלטער ייד אין פּעטערבורג. יאָ, זי איז דאָ, די העכערע קראַפט, צי אין דער, צי אין אַן אַנדערער פאָרם, און באַוווינט די אָרימע הייזער פון די געדרעכטע. זי שיינט און רעגירט אין די הערצער פון די מענטשן. ער האָט איצט אַזוי קלאָר געזען, אַז די לאָגיק, ווי דער לערער הורוויץ רופט עס אַ , שטראַלט־אויס פון זיך שנורן און בינדט זיך אָן אין אַלע הערצער און מוחות פון אַזעלכע מענטשן, ווי עס איז דער לערער הורוויץ דער „זשאַכלינער", דער אַלטער ייד, און אוודאי פיל, פיל נאָך, און טרייבט זיי צו טון איר רצון, כדי צוצוקומען צום גרויסן תכלית, וואָס איז איך. דער העכערער קראַפט, נאָר אַליין באַוווסט...

„עס איז דאָ דער העכערער ווילן, אין וועלכן מיר אַלע דאַרפן זיין

איינגעשפּאַנט צו זיינע פינגער, און די, וועלכע פאַרלירן זיך אַרויס פון זיין רשות, ווערן פאַרפאַלן אינעם כּף־הקלע פון זייער אייגענער נאַכט, — פאַרשלונגען דורך די שאָטנס, וואָס לויערן אויף זיי אַליין אין זיי אַליין, און ווייל ער זיך ראַטעווען פון זיך, מוז ער ווערן ווי אַ קליין שרייפל, אַריינגעדרייט אין גאַנצן כּלל אַריין, — ווי אַ פעדעמל, אַריינגעוועבט אין דעם גרויסן געוועבעכטס. דער געדאַנק פון דער וועלט איז דער האַר פון יחיד.

נאָר די ווייסן, וואָס צו טון און האָבן פאַר קיין זאַך נישט קיין מורא, וואָס זענען אָנגעבונדן מיט זייערע הערצער אָן די שנירן פונעם וועלט־רצון און ווערן געשלעפּט דורכן גרויסן כּוח אויף די גלייכע וועגן — צום וועלט־תּכלית...

זאָל ער פּרוּוון זיך איינשפּאַנען אין ראָד, בלייבן אין וואַרשע, סוקן דער געפּאַר טאָג־טעגלעך אין די אויגן אַריין? וועט ער קאָנען? וועט ער ביישטיין דעם נסיון?

ער האָט אויסגעצויגן די הענט אין דער נאַכט אַריין און געבעטן, ווי מען בעט צו אַ גרויסן גאָט:

— ראַטעווע מיך, ראַטעווע מיך פון זיך אַליין און נעם מיך אויף אין דיין ווילן, אַזוי ווי דו האָסט צו אַנדערע געטון...

קאַפּיטל 9

פרייטיק אָוונט

איינמאָל, פאַרנאַכט, האָט ער זיך ווידער געפונען הינטער דעם הויז פון פּרוי הורוויץ, אויף אַ בלאָטיקן טראָטואַר, צווישן וואָכנדיקע געוועלב־בלעך און איילנדיקע מענטשן. אַ רעגנדיקער הימל, אַ רעגנדיקע גאַס. ער איז דאָרט געשטאַנען, ווייל ער האָט נישט געהאַט ערגעץ אַנדערש־ווו צו שטיין. פון דער גאַנצער ברייטער וועלט איז דאָס הויז אים געווען דאָס איינציקע באַקאַנטע, און די פרעמדע מענטשן, וואָס וווינען דאָרט, וואָס ער האָט איינמאָל אין זיין לעבן געזען — די איינציקע אָנגעהעריקע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. נאָענט צום געדאַנק צוריקצופאָרן אַהין, פון וואַנען

ער איז געקומען, האָט אים זײַן געוויסן שוין נישט אָפּגעהאַלטן, און ער האָט, ווי אַ שכור, ווען ער גיט זיך איבער צו שכרות, געפונען אַ תירוץ: „געזעגענען זיך״ — און איז אַרויף אויף די קאַרג־באַלויכטענע טרעפּ מיט האַרץ־קלאַפּעניש, אַנגעריירט דעם גלאָק. מ׳האָט אים נישט אַזוי באַלד געעפנט. דערנאָך האָט אים ווער אויפגעעפנט די טיר. אין קאַרג־באַלויכטענעם קאָרידאָר איז געפאַלן אויף אים אַ שאָטן פון אַ מיידל און באַריירט אים וואַרים.

אַז ער איז אַריינגעקומען אין דער אַלגעמיינער שטוב, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט פון פריער, האָט אים אַרומגענומען אַ וואַרימקייט און אַ יום־טובדיקייט. דאָס מיידל, וואָס האָט אים אויפגעעפנט די טיר, איז געווען די עלטסטע טאָכטער העלענקע. זעט זיך אויס, אַז ער האָט איר געשטערט. וואָרום זי האָט געהאַלטן אַ בוך אין האַנט, פאַרלייגט מיט אַ פינגער צווישן די בלעטער, האָט געקוקט אויף אים פאַרוואונדערט און איבערראַשט, ווי אויפגעוועקט פון אַ חלום. מיט איינמאָל, ווי זי וואָלט אים דערקענט, האָט זי געשמייכלט, און ס׳האָט זיך זאַכאַרין געדאַכט, אַז דער שמייכל קומט פון אירע האָר איבער די אויערן, נישט פון די אויגן, וועלכע ער, אין דער טונקלקייט, האָט נישט געזען.

— כ׳בעט, זעצט אייך. די מאַמע וועט באַלד אַריינקומען, אַנטשולדיקט. — און זי איז ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן מיט איר בוך אין אַן אַנדערער שטוב.

זאַכאַרי איז געזעסן ביים באַקאַנטן טיש, זיך אַרומגעקוקט דערשטוינט איבער דער שטוב. עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט, אַלץ איז געווען אַזוי ווי פריער. דאָס גלעזערנע שענקל, פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעקיקט ביכער־רוקנס, די ברייטע בלאָע פּלושענע קאַנאַפּע, איינגעפּאַסט אין אַ רויטער מאַהאָגאַנער ראַם, אין וועלכער מ׳האָט אַנגעזען, אַז זי האָט אָפּגעדינט איר צייט. שטולן און בענק, געבעטע און נישט געבעטע, פון פאַרשידענע גאַרניטורן, איינגעשאַפט אין פאַרשידענע צייטן. אַ טייל פון זיי האָבן יאָ דערוועקט צוטרוי צו זיך — אַנדערע נישט. די רעפּראָדוקציעס פון בילדער, אין רעמלעך, הענגען אויף די ווענט. אַלץ איז געווען אַזוי ווי פריער, נאָר אַן אומבאַקאַנטע יום־טובדיקייט און וואַרימקייט הערשט אין שטוב, וואָס האָט אים אַנגענעם איבערראַשט. איז עס געווען דער קאָנטראַסט פון דער וואַרימער היים פון שטוב צו דער היים־

לאַזיקייט פון זיין נשמה, וואָס האָט אים אַזוי באַרירט? ער האָט זיך נישט געקאָנט דערקענען די יום־טובדיקייט. די פּאָדלאָגע געוואַשן, אויס־געשאָטן מיט געלן זאַמד, ווי דאָס פריערדיקע מאָל. נאָר דאָסמאָל האָט אַלץ אויסגעזען מער פייערלעך, באַגאָסן געווען מיט אַן אַנדער ליכט, ווי די זאַכן אין שטוב וואָלטן דורך עפּעס דערהויבן געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און עס איז אים אויפגעפאַלן דער ווייס־באַדעקטער טיש און די אָנגעצונדענע ליכט אין די צוויי אָפּגעפּוצטע מעשענע לייכטער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן טיש; חלות פאַרדעקט מיט אַ טיכל, און דאָס זילבערנע פּושקעלע איז אויך געשטאַנען אויפן טיש. דאָס האָבן די ליכט אַזוי באַלויכטן די שטוב מיט אַזאַ פייערלעכן שבתדיקן גלאַנץ.

וואָרום כאָטש פרוי הורוויץ האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פאָרשריט־לעכע, און איר מאַן איז דאָך געווען באַרימט אין שטאָט פאַר אַן „אפּי־קורס", וואָס פירט־אָראָפּ פרומע חסידישע יונגעלייט פון וועג, דאָך האָט זיך רחל־לאה נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון איר דערציאונג צו האַלטן די יידישע יום־טובים. און וויפל עס איז נישט אָפּטמאָל אַרויסגעקומען דורך דעם אַ קאָנפליקט מיטן פּראָגרעס־געוויסן — פרייטיק־צו־נאַכטס אָבער איז ביי רחל־לאהן געווען שבת. אָפּזאָגן זיך דערפון וואָלט געהייסן ביי איר אָפּזאָגן זיך פון אַ שטיק בעסער לעבן.

באַלד האָט זי זיך אַליין באַוויזן. זאַכאַרי האָט שוין דערהערט דעם גאַנג פון אירע טריט אין איר פריילעכע האָפענונג־דערוועקנדיקע שטימע:

— וווּ זענט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן די גאַנצע צייט? געמיינט, אַז איר האָט אונדז שוין פאַרלאָזט אין אַ „זייט־געזונט".

אַזוי ווי איר שטוב, אַזוי איז אויך פרוי הורוויץ היינט אָונט געווען איינגאַנצן פאַרענדערט. איר פיגור האָט אויסגעקוקט נאָך שטאַרקער, שטאָלצער און מוטערלעכער. אָנגעטון — אין עפּעס בלישטשענדיקס שוואַרצעס ווי סאַמעט.

מירקין האָט גלייך ווידער באַמערקט דאָס געוואַשענע שפּיצן־קאָל־נערל, וואָס האָט אָפּגעזיימט איר ווייסן האַלדז. — רויטע קרעלן האָט ער דערזען. איר פּנים איז פולער געווען, פריילעכער, ליכטיקער, אירע אויגן אָפענער און שוואַרץ־גלאַנצנדיק. אפילו אירע האָר, האָט זיך גע־דאַכט זיינען היינט שטאַרקער מיט די וואָרצלען אין איר שייטל־קאָפּ; איר בוזעם איז היינט געווען פולער, רייפער. זאַכאַרי האָט געקוקט אויף

איר מיט זינדיקייט־באַהאַלטענע בליקן, דערביי האָט זיך זיין אויבער־שטע באַוואַקסענע ליפּ פאַרקרימט אין אַ צערדיקער גרימאַסע, ווי אַ ליידנדיק, קראַנק קינד...

ער האָט נישט אָפּגעענטפערט אויף איר פראַגע, נאָר געזאָגט, קוקנ־דיק אָן אַ זייט, מיט אַ באַהאַלטענעם געדאַנק, וואָס מ'האָט געקאָנט דעם מיין אַראָפּלייענען פון זיין פּנים:

— עס זעט אויס ביי אייך היינט אַזוי יום־טובדיק.

— איר ווייסט נישט, וואָס מיר האָבן היינט? — פרייטיק אָוונט. מיר זענען נישט קיין פרומע, נאָר פרייטיק־צו־נאַכטס צינדן מיר ליכט. אַ געוווינהייט שוין אַזעלכע, — לייגט זי צו פאַרשעמט, ווי פאַרענט־פערנדיק זיך. — גוט, וואָס איר זענט געקומען. איר וועט בלייבן מיט אונדז אויף פיש.

— איך דאַנק אייך. איך בין קיינמאָל נישט געווען אין אַ יידישער שטוב פרייטיק אָוונט. פון מיין קינדהייט געדענק איך נאָר די קריסטלעכע יום־טובים, וואָס אונדזער דינסט האָט געפּראַוועט.

— ווו זענט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן די גאַנצע צייט? פאַרוואָס האָט מען אייך נישט געזען?

— איך האָב זיך נישט געפילט גוט.

— פאַרוואָס האָט איר נישט געלאָזט וויסן?

זאַכאַרי האָט נישט אָפּגעענטפערט אויף איר פראַגע. ער האָט נישט אויף איין מינוט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון איר בוזעם, פון איר האַלדז. זיינע אויערן האָבן געגליט, און זיינע באַקן, אַרום פון זיין שוואַרץ־באַ־וואַקסן באַקן־בערדל, האָבן געגליט, און מען האָט געקאָנט הערן זיין שווער אָטעמען. זיינע פאַרשעמטע בליקן און זיין פאַרלוירנקייט האָבן אויך אָנ־געשטעקט פרוי הורוויץ. זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינען זיינע בליקן. אירע אויערן האָבן אויך אָנגעהויבן צו גליען און איר בוזעם האָט זיך הויך געהויבן, און זי האָט געזאָגט האַלב אין געלעכטער, דאָך האָט מען דערביי געהערט דאָס ציטערן פון איר האַרץ אין איר שטימע:

— איר קוקט היינט אויף מיר אַזוי מאָדנע.

זאַכאַרי האָט אויפגעעפנט קראַמפּהאַפטיק זיינע ליפּן און געזאָגט מיט אַן אידיאָטישן שמייכל:

— איר זעט היינט אַזוי אַנדערש אויס, פרוי הורוויץ.

— ווי זעט איך דאָס אויס? — האָט פרוי הורוויץ געפרעגט, אַליין עפּעס שרעקנדיק זיך פאַר וואָס.

— איך ווייס נישט, — האָט ער געזאָגט פאַרלוירן, — נאָר אַזוי ווייבעריש, מוטערלעך.

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, פאַניע מירקין? מיט אייער שוואַרץ בערדל, דאַכט זיך מיר, אַז איר זענט נאָך גאָר אַ קינד און מ׳באַדאַרף אייך געבן זויגן.

זי האָט זיך דערשראָקן אַליין פאַר איר וואָרט און איז דערביי אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט רויטקייט. זאַכאַרי איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטיינערטער.

— שעמט איר זיך נישט? — זאָגט זי. — איך בין אַן אַלטע יידענע. אַ יונגערמאַן קוקט נישט אויף אַלטע ווייבער; עס זענען דאָ יינגערע.

זאַכאַרי האָט די נעגל געביסן, און נישט געוווסט ווו זיך אַהינצוטון.

— זייט מוחל, זייט מוחל, — האָט ער געברומט אַ פאַרשטיינטער און אַ פאַרלוירענער. פאַר די אויגן האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען, און ער האָט נישט געוווסט ווו אַהינצוטון זיך. אַ מינוט האָט געדויערט דאָס שווייגן.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט רחמנות, ווי זי וואָלט אַלעס שוין געוווסט וועגן אים, און אָנגערופן זיך מיט אַ מוטערלעכער פאַרטרויטער שטימע:

— וואָלט איר זיך צו עפּעס גענומען, וואָלט איר אַן אַלע נאַרישקייטן געוווען פאַרגעסן, דאָס קומט פון לייידיק גיין. דאָרט, ביי אייך אין דער היים, האָט מען, זעט זיך אויס, פיל צייט געהאַט אָפּצוגעבן זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן.

— וואָס זאָל איך טון?

— וואָס איר זאָלט טון? צו עפּעס זיך נעמען און גלייך אויפן אָרט. איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר ווילט קומען צוליב דעם קיין וואַרשע.

— איך בין אַזוי אומגליקלעך.

— איר זענט נישט אומגליקלעך, איר רעדט זיך נאָר איין. איר זענט נאָר צעפּיעשטשעט. זיי האָבן אייך צופיל געפּיעשטשעט אינדערהיים, די ניאַנקעס אייערע... מ׳באַדאַרף אייך אָפּגעוווינען, ווי מ׳געוווינט־אָפּ אַ קליין קינד פון דער ברוסט, אַז נישט, וועט מען אייך באַ־

דאַרפֿן פּאַטשן איבער די הענט, — גיט זי אַ מוטערלעכן שמייכל צו אים.

— פֿאַריאָגט מיך נישט, — בעט זיך זאַכאַרי מיט פֿאַרחלשטע אויגן, וואָס האָבן געקאָנט אויף אַזאַ הארצברעכנדיקן אופֿן אַרויסבליקן פֿון זיין אויסגעבלייכט געזיכט, און וואָס עס האָט אַזוי געווירקט אויף פּרויען.

— פֿאַרוואָס זאָל איך אייך פֿאַריאָגן? — זאָגט זי שוין מיט אַ וואַרים־ווייכער שטימע, צוגעצויגן פֿון זיין קינדיש־אומבאַהאָלפֿענעם בליק, — איר האָט מיר נישט קיין שלעכטס געטון.

— איך האָב קיינעם נישט אין דער וועלט, — פּיעשטשעט ער זיך פֿאַר איר. — און עס איז מיר נישט גוט...

— איר זענט נישט קיין בן־יחיד. אַזוי פֿיל קינדער, וואָס האָבן קיין מוטער נישט געהאַט ווי איר. וואָס זענט איר מער מורנו פֿאַר זיי? דערפֿאַר, וואָס איר זענט אויפֿגעצויגן אין אַ רייך הויז און אַלע האָבן אייך נאָכגעגעבן?

— איר האָט רעכט, איר האָט רעכט, — שעפּטשעט זאַכאַרי.

זיי זענען ביידע שטיל געבליבן, וואָס האָט געדויערט אַ היבשע ווייל.

דאָס געשפּרעך צווישן זיי איז פֿאָרגעקומען אין דער שטיל; זיי האָבן קוים געשעפּטשעט די ווערטער ביי די שבת־לייכטנדיקע ליכטלעך, ביים ווינקל פֿון אויוון.

זאַכאַרי האָט נישט געוווּסט וואָס צו רעדן. ער איז געזעסן איינגעבויגן און געפֿילט ווי עס באַלן אויף אים שמיץ. נאָר די שמיץ זענען זיס געווען, ווייל עס איז געקומען פֿון אַ מוטערס אַ האַנט...

פּלוצים האָט זיך פֿרוי הורוויץ אויפֿגעהויבן פֿון איר אָרט, און שוין שטייענדיק האָט זי געזאָגט:

— איר זענט דאָך נישט בייז אויף מיר?

— פֿאַרקערט, פֿאַרקערט, — איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך, — איז ער געשטאַנען ווי אַ געשטראָפֿט קינד.

— פֿאַרוואָס דאַנקט איר מיר? דערפֿאַר, וואָס איך האָב אייך אויסגעזידלט? — שמייכלט פֿרוי הורוויץ.

— פֿאַר אַלעס, — און ער האָט זיך טיף פֿאַרבויגן פֿאַר איר.

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, פֿאַניע מירקין? — ווענדט

זי זיך צו אים, נישט אָן אַ קאָקעטיש ווייבעריש שמייכעלע, — אַז איר זענט זייער אַ געפּערלעכער יונגערמאַן, איבערהויפּט פאַר עלטערע פרויען. איר באַדאַרפט פאָרזיכטיק זיין מיט אייערע קינדישע העוויות, איך בין נאָר אַ שוואַכע יידענע, — און זי גיט אים אַ שנעלן גלעט מיט דער פלאַכער האַנט איבער זיינע האָר, פאַרלאָזט אים, און גייט אַריין אין קיך.

מירקין האָט זיך אויפגעכאַפּט, געקליבן זיך אַוועקצוגיין. אָנגעטון זיך דעם מאַנטל און געגאַנגען נאָך איר אין קיך אַריין זיך געזעגענען.

— וווהין? — פרעגט זי אים פאַרוווּנדערט, באַשעפטיקט ביי אירע פיש.

— איך מיין, אַז איך וועל איצט גיין, פאַר היינט וועט עס גענוג זיין, — זאָגט ער, נאָך פלאַמענדיק פאַר רויטקייט.

— איר בלייבט מיט אונדז איבער אויף פיש. שפּעטער וועלן מיר איבעררעדן מיטן „זשאַכלינער". טוט אויס דעם מאַנטל און בלייבט, — האָט זי אים גערעדט.

ער האָט זי געהאָרכט ווי אַ קליין קינד, אויף וועלכן מ'האָט ערשט נאָר־וואָס גוט אָנגעשריגן.

קאַפּיטל 10

שבת-זמירות

דער לערער הורוויץ, כאָטש ער איז געווען אַ פרייַדענקער, באַרימט אין יידישע שטעטלעך, אַז ער פירט־אָראָפּ חסידישע יונגעלייט פון גלייכן וועג — דאָך אַז עס איז געקומען פרייטיק פאַרנאַכט, האָט ער געפילט אַ באַדערפעניש צו גיין אין מקוה און איבערצובייטן אַ העמד, ווי ער איז געוווינט געווען פון קינדהייט אָן. דאָס בלוט פון די פאַרגאַנגענע דורות האָט נישט געלאָזט רוען און געפאָדערט דאָס זייניקע. און האָט ער זיך געמעגט נאָכאַמאָל איבערחזרן די ראַציאָנעלע אויפקלערונגען וועגן דעם אַנטשטיין פון די יידישע יום־טובים און שבתים און צוריקרופן אין זיין זכרון די אַלע פאַרגלייכענישן פון די יידישע מנהגים מיט די מנהגים פון

אַנדערע אַלטע סעמיטישע פעלקער, — עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. קוים איז אָנגעקומען אַ יידישער יום־טוב, אַזוי האָט זיך זיין בלוט און געמיט אַרונטערגעוואָרפן אונטער דעם יאָך פון דורותדיקער געוווינהייט, און ער האָט אין זיין גאַנץ וועזן דורכגעפילט די מיסטישע און אומדער־קלערלעכע שטימונגען, וואָס דער באַטרעפנדער יום־טוב האָט ביי אים אַרויסגערופן און געפאַנגען גענומען זיין געמיט.

קוים איז שלמה הורוויץ אַריינגעקומען אין זיין שטוב אַריין דעם פרייטיק־צו־נאַכטס נאָך דער לעצטער לעקציע, האָט ער דערפילט דעם שבת, וואָס זיין ווייב האָט אויסגעשפרייט, ווי אַ טישטוך איבער זיין שטוב. אַ באַגייסטערונג איז אויף אים געקומען, כאָטש צו נעמען אַרויפ־צוואַרפן אויף זיך צוריק די אַטלעסענע קאַפּאָטע מיטן שטריימל, וואָס ער האָט אַמאָל געטראָגן, און צו זינגען דעם „שלום עליכם" פאַר די מלא־כים, וואָס האָבן אָנגעפילט זיין שטוב. ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן פון זיינע אויגן, איבערגעווישט זיי פונעם טוי פון דער גאַס און אָנגע־הויבן זיך אַרומצודרייען איבער דער שטוב און ביסלעכווייז איז ער אַריינ־געפאַלן — מיט אייגענעם ווילן צי קעגן אים — אין אַ „רזין־דרזין"־שטימונג. ער איז געווען דורכאויס אַ גלייביקער מענטש, דער לערער הור־וויץ. ער איז איבערגעגאַנגען פון איין גלויבן אין דעם אַנדערן, נישט פאַר־לירנדיק קיין טראָפּן פון זיין אומשולדיקייט און נאַאיווקייט. פונקט אַזוי ווי ער איז אין זיין יוגנט טיף דורכגענומען געוואָרן פון דער יידישער אמונה און כוח פון רבין, אַזוי האָט ער דערנאָך איבערגעטראָגן זיין אמונה צו דער השכלה און כוח פון דער וויסנשאַפט. ער איז געווען איבער־צייגט, אַז אַלץ איז פעסט און וואָר־געשטעלט געוואָרן דורך דער וויסנ־שאַפט און דורך די געלערנטע. עס זענען נישטאָ קיין ספקות און אָפּגיי־גונגען. דאָס, וואָס עס איז נאָך נישט קלאָר, שטייט נאָך פאָר אויפגע־קלערט און אויסגעפונען צו ווערן דורך דער אַנטוויקלונג פון די באַזונ־דערע צווייגן פון דער וויסנשאַפט. דער לעצטער סך־הכל קאָן נאָך נישט געמאַכט ווערן, כל־זמן דער מענטשלעכער געדאַנק איז נאָך נישט צוגע־קומען צו יענער שלימות, וואָס וועט זיין „באחרית הימים", נאָכדעם, ווי אַלע קוואַלן פון וויסן וועלן ווערן אויסגעגרונטעוועט. ביז דענסטמאָל איז דער חוב פון יעדן איינעם איינצושפּאַנען זיך אין וואָגן און צו דינען בלבֿ שלם דעם פּראָגרעס, אַזוי ווי מען האָט געדינט גאָט. קיין העברעע

זאך פון בילדונג איז נישטאָ פאַרן מענטש. בילדונג פירט דעם מענטש צום לייטער פון פערזענלעכער אויסלייטערונג. ער ווערט דורך איר נישט נאָר צוגעפירט צו די אור־קוואַלן פון שאַפונג, נאָר ער ווערט אויך אַ שותף פון „ימי בראשית”. ער העלפט מיטשאַפן און אַרויסרופן די כּוחות, וואָס זענען באַהאַלטן אין דער נאַטור. דורך דעם איז דער מענטש־לעכער שׂכל — דאָס הייליקע, דאָס איינציקע, וואָס ער פאַרמאָגט, — זיין צווייטע וועלט. ער פאַרבינדט זיך דורך אים מיטן אַל־לעבן, מיט דער נאַטור. צוליב דעם איז דער ערשטער חוב פון מענטש צו ווידמען זיך, זיין שׂכל צו בילדונג, צו אַנטוויקלונג.

יעדעס מאָל, ווען דער לערער הורוויץ פאַלט־אַריין אין אַזעלכע הויכע געדאַנקען, נעמט ער זיך צו זיין ספרים־שענקל דורכצולופטערן די ביכער. ער האָט געהאַט ווייניק צייט אויף אָפּצוגעבן זיך צו זיינע ביכער אינ־דערוואָכנס, פלעגט ער האָבן אַ גרויס בענקשאַפט נאָך זיי. פרייטיק פאַר־נאַכט, איידער מ׳גייט צום טיש, האָט ער ליב, ווי אַ פרומער ייד, צו פאַר־טראַכטן זיך אַ ווײַלע אין דעם אָדער אין יענעם ספר, וואָס ער נעמט־אַרויס פון דער שראַנק. זיין ליבע צו ביכער איז געווען אומדערהערט. נישט איין פאָר שיך פאַר אַ קינד, נישט איין קערץ קאַרטאָפּל אָדער קוילן האָבן זיי שוין פון זיין משפּחה אוועקגערויבט. לערער הורוויץ גלייבט אין די ביכער און האָט נישט קיין צייט, צוליב פּרנסה, זיך אָפּצוגעבן מיט זיי, ווי ער וואָלט געוואָלט. איז כאָטש יעדע פרייע מינוט צו געבן אַ גלעט, אַ טאַפּ, אַ נאַש, אַ כאַפּ פון דעם און פון יענעם. נאָר לאַנג לאָזט מען אים נישט דאָס פאַרגעניגן אינדערוואָכנס. דער ווייזער אויפן שטוב־זייגער־ציפערבלאַט דערקוטשעט, און עס מאָנט די פאַרשטייענדיקע לעקציע. דאָס מאָל איז עס רחל־לאה.

זי שטייט שוין אַ לאַנגע ווײַלע און דערוועגט נישט צו דערמאָנען איר מאַן, אַז די קינדער וואַרטן שוין מיטן עסן. די „כאַליאַסטרע” וועט באַלד אָנקומען. קיינמאָל האָט רחל־לאה נישט אַזאַ דרך־ארץ פאַרן מאַן, ווי ווען ער זיצט איבער זיין ספרים־שענקל. עס דאַכט זיך איר אויס, אַז ער טוט דענסטמאָל אַ הייליקע אַרבעט, אין וועלכער זי טאָר אים נישט שטערן. איר שבת איז אָבער ביי איר טייער, און די פיש זענען אויך אַ שאָד.

— שלמה־לעבן, די פיש שטייען אויפן טיש. די קינדער וואַרטן

שוין. איך האָב דיר אָנגעגאָסן וואַרים וואַסער אין דער וואַש־שיסל: גיי, וואַש זיך אָפּ, — זאָגט זי צו אים אין אַזאַ ווייכן טאָן, וואָס נאָר זי קאָן פון זיך אַרויסברענגען.

אָפּגעוואַשן פון זיך די זאָרג און די אַרבעט פון דער וואָך, איבער־געטון די פרישע וועש, ביי וועלכע רחל־לאה האָט די דאָנערשטיקע נאַכט ביים מילך־שיין פאַרבראַכט זיי אויסצופּאַריכטן, פילט זיך דער לערער נאָך מער שבתדיק. עס גלוסט זיך אים כאָטש זמירות זינגען. אין אַזעל־כע אָוונטן האָט ער שטאַרק ליב הויך פאָרצולעזן פאַר דער משפחה פּאָעזיע פון מיצקעוויטש, סלאָוואַצקין. לעצטנס אויך אַמאָל פון אַ יידישן שרייבער: פּרץ, ביאַליק, וואָס ער זעצט־איבער פון העברעאיש אָדער לייענט פּראָסט יידיש און דערביי, פאַרשטייט זיך, פאַרפעלט ער נישט צו געבן זיינע אייגענע קאָמענטאַרן.

די משפחה זיצט שוין אַרום דעם וויים־באַדעקטן טיש. אַלע זענען זיי פריער דורכגעגאַנגען רחל־לאהס וואַש־שיסל לכבוד שבת. די מיידלעך — אָפּגעצוואָגן די קעפּ, — וואָס עס איז שוין אַ פעסטגעשטעלטער מנהג יעדן פרייטיק. דאָס מאָל איז אויך פאַרבעטן מירקין צו די פיש. דער „זשאַבלינער" האָט פיינט די שבתדיקע צערעמאָניעס, וואָס דער לערער פירט־איין. ער רופט עס אָן רעאַקציע, קליינבירגערלעכקייט. „מיר קעמפן נאָר מיט פרעמדן פאַנאַטיזם — פון אייגענעם האַלטן מיר", — וואַרפט ער פאַר דעם לערער. ער זאָגט זיך אָפּ ביי צוּוווינען די שבתדיקע צערע־מאָניע, כאָטש ער קומט אַריין נאָך די פיש, צוזאַמען מיט דער „כאַ־ליאַסטרע".

די „כאַליאַסטרע" באַשטייט פון אינטעליגענטע יונגעלייט, וואָס זאַמלען זיך אַרום דעם לערער. מייסטנס זענען דאָס אַזעלכע, וואָס זענען אַנטלאָפן בחוריווייז פון בית־המדרש; אַנדערע האָבן איבערגעלאָזט עגו־נות אינדערהיים און געקומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין און האָבן מיט דער הילף פון לערער הורוויץ, מער אָבער נאָך מיט דער הילף פון רחל־לאה, דערשלאָגן זיך צו עפּעס. טייל פון זיי האָבן אויסגעהאַלטן עק־זאַמענס און זענען געוואָרן אַליין הויז־לערער, אָדער געלערנט אין פאַר־שידענע חדרים־מתוקנים, וואָס האָבן זיך דענסטמאָל געבילדעט. אַנדערע זענען געגאַנגען ווייטער. מוטשענדיק זיך, האָבן זיי זיך צוגעגרייט צו עפּעס העכערס. די מיינסטע אָבער פון זיי זענען ערגעץ שטעקן־געבליבן,

ווי דער „זשאַכלינער" און אַנדערע, אַרייַנגעצויגן געוואָרן אין פּאַרטייען, אין פּאָליטישן קאַמף, צו וואָס זיי האָבן געשאָנקען זייער קאַריערע און זייער לעבן. דער לערער הורוויץ האָט פון תמיד אָן נישט איבעריק גערן געהאַט דעם פּאָליטישן קאַמף, און זייט זיין זונס אַרעסט, האָט ער אים באַטראַכט ווי אַ צעשטערטער און פאַרניכטער פונעם מענטשלעכן אידעאַל פון בילדונג. נישט קוקנדיק אויף דעם גאַנצן אידעאַליזם און פּערזענלעכע אָפּפערונג פאַרן מענטשלעכן ווילן, וואָס דער פּאָליטישער קאַמף האָט מיט זיך געבראַכט, האָט אָבער לערער הורוויץ געטראַכט, אַז די איינציקע באַפרייאונג פון דער מענטשהייט קאָן קומען נישט דורך קאַמף, נאָר דורך בילדונג. ווען דער מענטשלעכער שכל וועט ווערן אויסגעשליפט, וועט ממילא אַלעס שלעכטס פון זיך אַליין אַנטרינען. דער רעטער פון דער מענטשהייט איז די וויסנשאַפט. דערפאַר באַדאַרף זיך יעדערער איר ווידמען. „נישט קיין סיסטעמען זענען גוט אָדער שלעכט, — פלעגט ער זאָגן, — נאָר מענטשן, און אַזאַ זאַך ווי „גוט" אָדער „שלעכט" איז נישטאָ. עס איז דאָ וויסן און אומוויסן. יעדער וויסנדער מענטש איז ממילא שוין דורך דעם אַליין אַ נאָבעלער מענטש. ער קאָן אַמאָל טון שלעכטס אויס נויטווענדיקייט, אָבער קיינמאָל נישט אויס שלעכטקייט. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט געהאַט די קלענסטע ידיעה וועגן דעם, וואָס עס קומט-פאָר צווישן זיינע אייגענע משפחה-מיטגלידער מיט זיין ווייב אין דער שפּיץ.

אין די פרייטיקדיקע אָוונטן האָט ער נישט צוגעלאָזט צו קיין פּאָליטישער דיסקוסיע. זיי זענען געווען רעזערווירט פאַר „זמירות" זאָגן, ווי זיין ווייב רחל-לאה האָט אָנגערופן די דעקלאַמאַציעס און די פאָרלעזונגען פון פּאָעזיע און שיינער ליטעראַטור, וואָס דער לערער פלעגט גערן האָבן אין די אָוונטן פאַרצולעזן פאַר זיינע משפחה-מיטגלידער און פריינט. די פרייטיקדיקע אָוונטן זענען דורכדעם ביים לערער הורוויץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ריכטיקע פאַמיליע-אָוונטן, ווו די היימלאָזע יונגעלייט האָבן איין אָוונט אין דער וואָך פאַרבראַכט אין אַ פאַמיליען-אַטמאָספערע, אין אַ וואַרימער היים. נאָך אַלעמען זענען אַלע, וואָס זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען, געווען פאַרבונדן צווישן זיך דורך איין גורל, ווי אין איין משפחה-גורל. און אַלעמען האָט עס געצויגן צו דער שטוב, אין וועלכער זיי האָבן געגאָסן דאָס ערשטע לעפל זופּ און דער-

הערט דאָס ערשטע מענטשלעכע וואָרט, ווען זיי האָבן געשטעלט זייערע טריט אין דער גרויסער פרעמדער שטאָט...

שוין ביים עסן האָט דער לערער הורוויץ גרוים חשק געהאַט פאַר־צולעזן פאַר זיינע שטוב־מענטשן צום הונדערטן מאָל די גרויסע אימפּראָ־וויזאַציע פון מיצקעוויטשעס „דזשאַדי", וואָס ער פלעגט עס טון יעדעס מאָל, ווען ער האָט געפילט אַ באַזונדערע עלית נשמה. דאָס ביכל איז פאַרוועלט געווען אין די צאַרישע צייטן אין קאָנגרעס־פּוילן. עס האָט זיך ביי אים אויפגעהאַלטן, מיט נאָך אַנדערע אַזעלכע ביכלעך ווי „קאָנראַד" פון מיצקעוויטשן, „ליסטאָפּאַדאָווע נאָכט" פון וויספּיאַנסקין, וואָס באַ־וויינען די פּוילישע טראַגעדיע און וועקן די פּוילישע „טאַט", — בחדרי־חדרים, אין די טיפסטע פאַרבאָרגענישן. אַ פרומער ייד היט נישט אָפּ מיט אַזאַ יראת־הכבוד אַ ספר־תורה, ווי דער לערער האָט אָפּגעהיט די ביכלעך, וואָס זענען געווען געדרוקט אויף ביבולע און אַריינגעגנבעט קיין פּוילן. פון זיי פלעגט ער שעפּן באַגייסטערונג, מוט און גלויבן אין שווערע מינוטן, און פון זיי פלעגט ער פאַרלעזן זיין משפחה אין די יום־טובדיקע נעכט, אין די דערהויבנסטע מאָמענטן. ער האָט אָבער אַביסל זיך גע־פילט אומבאַקוועם פאַר דעם פרעמדן יונגמאַן, וואָס איז געזעסן ביים טיש, און פאַרשטייט נישט קיין פּויליש. אָבער צום סוף איז זיין חשק צום פאַרלעזן אַזוי געשטיגן, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין געפיל פאַר גאַסט־פריינטלעכקייט, האָט ער אַרויסגענומען דאָס ביכל, וואָס ער האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט אין זיין טאַש. איבריקנס איז דאָס געווען די איינציקע געלעגנהייט פאַרצולעזן פון „דזשאַדי" פאַר זיין משפּחה ביים טיש. די „כאַליאַסטרע" האָט שוין געזונגען אַנדערע לידער...

ער האָט אַרויסגענומען דאָס ביכל און אָנגעהויבן פאַרצולעזן. צו־ערשט שטיל, שטיל, דערנאָך וואָס אַמאָל שטאַרקער, מיט אַ שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך געהערט טרערן:

—

„...גאָט, גאַנץ פּוילן, דאָס יונגע
איבערגעגעבן אין די הענט פון הורדוס!
וואָס זע איך? — לאַנגע ווייסע וועגן, פאַרקרייצטע לויפן
לאַנגע וועגן, נישט דערזעענע, דורך מדבריות, דורך שנייען.
אַלץ ציט צום צפון. דאָרט — דאָרט אין ווייטע לענדער

פליסן ווי טייכן,
פליסן וועגן גלייך צו דעם אייזערנעם טויער,
ווי שטראָמען, וואָס פאַלן פון שטיינער אין אָפּגרונטן —
דאָרט, צום אויסגאַנג צום ים, זע, זע, איבער די וועגן לויפן
מחנות פורן, ווי וואָלקנס, געיאָגטע פון ווינט.
אַלין דאָרט — אין איין זייט.
אַך, גאָט? דאָס זענען אונדזערע קינדער,
דאָרט, אויפן צפון, גאָט, גאָט —
צי דאָס זאָל זייער גורל זיין? פאַרטריבענע
וועסטו זיי לאָזן אַלע אונטערגיין יונג —
אונדזערע דורות פאַרטיליקן ביז צום ענד!"

ער האָט אויפגעהערט צו לעזן. עס האָט אים עפּעס געשטיקט און נישט געוואָלט זיך אַרויסגעבן פאַר אַ פרעמדן, האָט ער זיך אָנגערופן צו מירקינען אין אַ שפּאַס:

— דאָס מיינט מען דאָס לאַנד, פון וואַנען איר קומט, — פּאַניע מירקין, — סיביר.

מירקין איז רויט געוואָרן, געפונען זיך שולדיק, כאָטש פאַר רוס־לאַנדס מעשים, — מיט אַזאַ טאָן און שטאָף־אָנצוהערעניש זענען דעם לערערס ווערטער געזאָגט געוואָרן.

— אָבער, שלמה, הער מירקין פאַרשטייט דאָך נישט קיין פּויליש,

— וויל רחל־לאה גוט מאַכן איר מאַנס אָנצוהערעניש.

— יאָ, איך פאַרשטיי. כאָטש נישט יעדעס וואָרט.

— פון וואַנען?

— אַזוי ווי כ'בין נאָר געקומען קיין פּוילן, האָב איך געפונען מיין פליכט צו לערנען זיך די פּוילישע שפּראַך.

— דאָס איז ריכטיק, — אַנדערע טוען עס לײדער נישט, העלפן צו אונדזערע שונאים, — זאָגט דער לערער.

מירקין איז דורך דעם, וואָס ער לערנט זיך פּויליש, דערהויבן גע־וואָרן אין לערערס אויגן. ווי אַ מיסיאָנער, וואָס וויל געווינען אַ נשמה פאַר זיין גלויבן, אַזוי האָט דער לערער מיט אַמאָל גענומען זיך אַ נעם צו מירקינען, אויפצוקלערן אים, און געבן אים צו פאַרשטיין וועגן וואָס

עס האַנדלט זיך. מיט אַ באַגייסטערונג, וואָס ווייזט אַרויס פּיזיש פאַר־גענינגן, האָט דער לערער פונאַנדערגעוויקלט פאַר מירקינען די גאַנצע טראַגעדיע פון דער פּוילישער נאַציע. דעם קאַמף פאַר פרייהייט פון די „זעכציקער״ — דעם גורל פון די אויפשטאַנדלער, זייער פאַרשיקונג אין סיביר, די באַדייטונג פון מיצקעוויטשעס ווערטער און דאָס וואָס מיר־קין איז אַ נייער מענטש, איז פאַר דעם לערער געווען אַ גינסטיקער באָדן איבערצוחזרן זיינע געפילן וועגן פּוילנס טראַגעדיע, וועגן איר גורל און וועגן אירע האָפענונגען.

די קינדער, וואָס האָבן שוין געהערט די ווערטער צענדליקער מאָל, זענען אומגעדולדיק געוואָרן, מיען זיך איינצוזיצן אויף די ערטער, וואָס זיי טוען עס מיט אָנגעשטרענגטקייט, נאָר פאַר מורא און אַכטונג צום טאַטן. און דענסטמאָל, ווען דער טאַטע איז אין מיטן בעסטן פלאַם וועגן דעם אידעאַל פון די פאַרטריבענע, וואָס האָבן געבראַכט דעם גרעסטן קרבן פאַרן פאָטערלאַנד און „גערויטלט מיט זייער בלוט די ווייסע שנייען פון סיביר״, — רופט זיך אָן דער גימנאַזיע־תלמיד אין דער שטיל צו זיין מוטער אין ווינקל:

— וואָס פאַרדרייט ער דאָרט אַ קאָפּ מיט אידעאַליזם? די „פּאָור־סטאַנצעס״ זענען דערנאָך געוואָרן קאַפּיטאַליסטן, פאַרכאַפּט דאָס רייכ־קייט פון סיבירישע גרובנס און עקספּלואַטירט דעם סיבירישן פּראָלע־טאַריאַט...

— ווּעסט שווייגן? — האָט די מאַמע געגעבן אַ ברום־אונטער צו אים, — ער וועט דאָך דערהערן.

דערווייל איז דער טאַטע אַריינגעקומען אין דער העכסטער באַגייס־טערונג. ער האָט שוין קיינעם נישט געזען, נאָר זאַבאַרין, און וועלכן ער האָט געוואָלט מיט איינמאָל זיין פּוילישקייט אַריינגיסן, און צוריקנ־דיק זאַבאַרים שטול צו זייגעם, האָט ער אים פאַרגעלייענט פון דער אימ־פּראָוויזאַציע פון „דזשאַדי״. דערביי האָט ער אויפגעהויבן זיין שטימע אויף דער העכסטער אָקטאַווע און ער האָט גערעדט מיט באַגייסטערטע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט פון יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט אויסנאָגן דעם גאַנצן טעם און מיין דערפון:

— הערט דאָס, פּאַניע מירקין, הערט דאָס (אין דער לערער הויסט זיך צוערשט אויס).

„...איצט האָב איך מיין נשמה אין מיין פאָטערלאַנד פאַרליבט.
מיטן לייב האָב איך די נשמה פאַרצערט.
איך און דאָס פאָטערלאַנד זענען איינס.
איך רוף מיך מיליאָן, ווייל פאַר מיליאָנען
לעב איך אין ווייטיק, יסורים.
איך קוק אויף דעם אָרימען פאָטערלאַנד,
ווי אַ זון, וואָס קוקט אויפן פאָטער, וועלכער איז געפאַנגען
אין אַ ראָד.
איך פיל די גאַנצע ליידן פון פאָלק, אַזוי ווי אַ מוטער, וואָס
פילט אין איר לייב די ווייטיקן פון איר פרוכט.
לייד איך און ווער ווילד פאַר שמערן...״

ער האָט אויפגעהערט צו לעזן און אָנגעלענט זיין קאָפּ אויף זיינע הענט, פאַרמאַכט די אויגן און ערגעץ־ווו אַוועקגעשוווּמען אין אַן אַנדער, אין אַ גייסטיק פאָטערלאַנד...

דער גימנאַזיע־תּלמיד האָט דערווייל געגעבן אַ ברום אונטערן טיש:
— איך וואָלט געוואָלט וויסן, אויב דאָס פאָטערלאַנד וועט מיר אַ פּאָר הויזן געבן, ווען איך וועל עס באַדאַרפן.
— דו באַדאַרפסט עס שוין, — האָט אים די שוועסטער צוגעוואָרפן.
— דאָס פאָטערלאַנד אָנערקענט נאָר די קינדער, וואָס האָבן דיקע בייכלעך, — ברומט דער גימנאַזיע־בחור.
— וועסט נישט אויפהערן? — האָט די מאַמע אים צוגעשריגן, — דער טאַטע זינגט דאָך „זמירות״.

***

באַלד האָט מען געקלונגען אין דער טיר, און עס איז אַריינגעקומען מיט אַ ברייטן גוט־שבת זלמן קעניגשטיין, דעם לערער הורוויצעס יוגנט־פריינט און זיין בעסטער קאַמעראַד.

כאָטש דער לערער הורוויץ איז געווען אַ פאַרברענטער קעגנער פון ציון, און יעדעס גוט וואָרט פאַר ארץ־ישׂראל האָט אים ממש אַרויסגע־בראַכט פון געדולד, האָט ער פונדעסטוועגן נישט געקאָנט לעבן אָן זיין אַלטן גוטן פריינט קעניגשטיין, וועלכער איז, פּונקט דער היפּוך פון איב,

דווקא געווען אַ פאַרברענטער חובב-ציון פון אַמאָליקע יאָרן און אַן אי־בערגעגעבענער פלאַמענדיקער ציוניסט פון היינט. זייער צוזאַמענטרעפן האָט שטענדיק געמוזט אַרויסרופן כמעט אַ קאַטאַסטראָפע, מ'האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקריגן, אין איין אַרומשלאָגן זיך מיט אַרגומענטן פאַר און קעגן. יעדעס צוזאַמענקומען האָט זיך געענדיקט באַלד מיט אַ פּערזענלעכער באַליידיקונג, נאָר צוזאַמענטרעפן האָט מען זיך געמוזט. נעכטן איז מען זיך צעגאַנגען אויף מעסער־שטעך, און היינט איז מען שוין געגאַנגען איינער צום אַנדערן באָרגן אַ בוך, אויפקלערן איינער דעם אַנדערן אַ שטיקל האַרבן פילאָזאָפישן ענין, אַרומרעדן יידישע געשיכטע, אַמאָל זיך שפּאַרן איבער אַ שטיקל „אבן עזרא", אָדער אויסרעדן זיך די האַרצער און אָנדערציילן זיך פון די נויטן, וואָס האָבן געדריקט; באָרגן איינער פון אַנדערן דאָס נויטיקסטע, וואָס מ'באַדאַרף, אָדער זיך מישב זיין מיט אַן עצה.

זייער פריינטשאַפט איז געווען רירנדיק: דאָ האָט מען זיך צעקריגט און אָנגערופן איינער דעם צווייטן מיט די ביטערסטע נעמען, מיט קולות, וואָס זענען אַרויפגעגאַנגען אין הימל אַריין. און קוים האָט זלמן פאַר־לאָזט די טיר מיט אַ קלאַפּ, האָט זיך דער לערער אָנגערופן צו דעם ווייב:

— רחל־לאה, זלמן געפעלט מיר נישט היינט: האָסטו געזען ווי ער זעט שלעכט אויס? וואָס טוט מען? — שאָקלט דער לערער מיטן קאָפּ מיט ווייטיק.

— אַז איר עסט איינער דעם אַנדערן די לעבער, איז אַ וווּנדער? — זאָגט דאָס ווייב.

נישט נאָר מ'האָט זיך געטיילט מיט די לעצטע גראָשנס, נאָר מיט די ספרים, וואָס זענען ביי ביידע טייערער ווי דאָס לעבן. אויף יום־טוב האָט איינער דעם אַנדערן געבראַכט אַ ספרל אַ מתנה. אין רואיקע מי־נוטן, ווען דאָס „ציוניסטישע משוגעת" האָט זיי אָפּגעלאָזט (ווי רחל־לאה האָט אָנגערופן זייערע חלוקי־דעות), זענען זיי געזעסן איינער נעבן דעם אַנדערן און דורכגערעדט זיך מכוח זייערע משפּחות, וועגן פּרנסה, וועגן טאָג־טעגלעכע ליידן און פריידן. זיי האָבן זיך מיט אַלעם געמוזט טיילן. און קוים איז ווען חלילה עפּעס וואָס נאָר געווען, האָט מען זיך נאָך דער ערשטער הילף געווענדט צום פריינט. פאַרן פריינט האָט מען פאַר־

טרויט זיך דאָס, וואָס מ׳האָט פאַר דעם אייגענעם ווייב נישט געוואָלט אויסזאָגן.

— גוט־שבת, — הערט זיך אַ ברייט קול, וואָס קומט־אַרויס פון נישט קיין גאַנץ געזונטע לונגען, וואָס מ׳דערקענט באַלד אין הוילן קלאַנג, און פאַרן טיש בלייבט שטיין אַ הויכער מיטל־יעריקער ייד מיט אַ שוואַרץ באַוויַיסט בערדל, איינגעהויקערט אביסל, וואָס מ׳זעט, אַז ס׳איז אים נעקומען פון זיין שטענדיקן זיצן איבערן טיש. זיין הויכער רוקן, וועלכער האָט זיך נישט אויף וואָס אָנצושפּאַרן, בייגט זיך איין ווי אַ שטרויזאַנג. צוויי רויטע „רויזן״־פלעקן בליען אויף זיינע באַקן, און עס קוקן־אַרויס דורך דער דינער הויט די קין־באַקן־ביינער פון פּנים. דאָס בערדל זיצט אַן איינגעפאַלנס און בילדעט אַ בריק איבער די צוויי האַלדז־לעכער, וואָס דריקן זיך איין אונטער זיין גאָרגל.

— וואָס הערט מען עפּעס נייעס, זלמן? — פרעגט דער לערער.

— איך האָב עפּעס פאַר דיר, שלמה, וועסט עס זען, וועסטו זיך אויך פרייען.

—קודם־כל באַקענט אייך, זלמן. דאָס איז הער מירקין פון פּעטערבורג, — זאָגט רחל־לאה.

— אָ, דאָס איז דער יונגערמאַן, וועגן וועלכן דו האָסט דערציילט, רחל־לאה? — נישט נאָר צווישן זיך, נאָר מיט די ווייבער זענען זיי אויך געוועזן אויף „דו״.

— זייער אָנגענעם, — ציט ער אויס אַ דינעביינערדיקע האַנט פון אַזאַ אומנאַטירלעכער לענג, אַז עס שרעקט. אָפּגעפּטרט זיך, זענען שוין ביידע פריינט צוזאַמען, און זלמן נעמט אַרויס פון בוזעם־טאַש אַן אויסשניט פון אַ העברעאישער צייטונג פון ארץ־ישראל און שטעקט זי אַרונטער אונטער דער נאָז מיט די ווערטער:

— נאַ, לעז עס, און ווער... — זאָגט ער מיט אַ טריאומפירנדיק ליכט, וואָס לייכט־אַרויס פון זיינע באַלעבטע אויגן.

הורוויץ זעצט־אַרויף די ברילן און לעזט דעם אויסשניט פון דער העברעאישער צייטונג, צוערשט אויף העברעאיש פאַר זיך, דערנאָך זעצט ער דאָס איבער אויף יידיש מיט אַ שפּאָטישקייט, וואָס מאַכט פריילעך זיין פּנים, פאַר די שטוב־מענטשן.

— הערט, הערט די גרויסע נייעס: „אין דאָרף חדרה האָבן זיך אָפּ־

געקעלבט צוויי קי, האָט מען איין קעלבל גערופן „השחורה" (די שוואַרצע), און דאָס צווייטע האָט מען אַ נאָמען געגעבן „הנאוה" (די שיינע). שרייבט מען דערפון אין דער צייטונג.

— דאָ גייט נישט וועגן די קעלבלעך, דאָ גייט וועגן די נעמען, — רופט־אויס מיט פרייד זלמן. — איינס הייסט „השחורה" און דאָס צווייטע הייסט „הנאוה", פאַרשטייסט. עס איז דאָך צוקער־זיס.

דער לערער הורוויץ איז געשטאַנען און געקוקט סאַרקאַסטיש אויף זיין פרייגט און געשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ מיט באַדויערן:

— זלמן, זלמן, אַזאַ אַלטער ייד און מאַכט זיך צום נאַר, אַז אין ארץ־ישראל האָבן זיך אָפּגעקעלבט צוויי קי, דאַרף כל־ישראל וויסן דערפון. וויפיל קי קעלבן זיך אָפּ אַ נאַכט אין פוילן?

— אָבער „השחורה" „והנאוה" — דו פאַרשטייסט? עס איז דאָך שיר השירים, עס איז דאָך ביבל, עס איז דאָך ישעיהו הנביאס צייטן...

— וואָס מיינט איר טאַקע, אַז עס קעלבט זיך אָפּ אַ קו אין ארץ־ישראל, באַדאַרף מען טאַקע וועגן דעם שרייבן אין די צייטונגען. עס איז טאַקע אַ וויכטיקע געשעעניש, אַז אין ארץ־ישראל קאָן זיך קעלבן אַ קו, — זאָגט דער „זשאַבלינער", וואָס איז אריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב.

— אַהאַ, דער איז שוין דאָ, — זאָגט קעניגשטיין. — און איך זאָג אייך, אַז אַ קו קעלבט זיך אָפּ אין ארץ־ישראל האָט עס אַ באַדייטונג פאַרן גאַנצן כלל־ישראל. יעדעס קעלבל אין ארץ־ישראל טראָגט אין זיך פיל מער ווערט פאַרן קיום פון יידישן פאָלק, ווי אַ סך יידן דאָ אין גלות, — זאָגט זלמן מיט אַ ברען, פון וועלכן די רויטע פלעקן אויפן פּנים צעהיצן זיך נאָך מער.

— הייסט עס, ווילסט דערמיט זאָגן, אַז אַ קעלבל אין ארץ־ישראל האָט פיל מער חשיבות ווי אַ ייד אין גלות. נאַ, זעסט, דאָס זענען די ציוניסטן, — שרייט־אויס דער לערער.

— אַהאַ, אַהאַ, עס הייבט זיך שוין אָן. אפשר וועט מען רעדן אביסל רואיקער, — דערמאָנט דאָס ווייב.

— נישט אַלע יידן, פאַרשטייט זיך, — קילט דאָס פייער זלמן, — נאָר פאַר אַזעלכע יידן ווי ער, — ווייזט ער אויפן „זשאַבלינער", — האָט עס געוויס אַ גרעסערע באַדייטונג.

— נאַ, דאַ האָסטו איינעם פון דיינע, — ווייזט דער לערער אויף מירקינען צו זלמנען, וועלכער האָט זיך באַרואיקט דורך דעם, וואָס ער האָט געוואָרפן דאָס פּעקל אויפן „זשאַכלינער", וועלכער איז געווען אין דעם הויז דאָס „כפּרה־הינדל" פאַר אַלע זינד. — ער וויל אויך אַראָפּ־פאָרן קיין ארץ־ישראל און האַקן די שטיינער, וואָרים עפּעס אַנדערש וואַקסט נישט דאָרט.

— שרעקט אייך נישט פאַר זיי, — זאָגט זלמן, אַרויפלייגנדיק זיין לאַנגע האַנט אויף זאַכאַרין, ווי קאַמעראַדן, שוין צוגעבנדיק אים מוט, — און איך זאָג דיר, אַז איר וועט נאָך אַלע קומען צו גיין צו די שטיינער. דאָס איז דאָס איינציקע אָרט, וואָס מיר פאַרמאָגן אויף גאָטס ערד. מיר האָבן נישט מער, נאָר די שטיינער. און דו וועסט קומען, און זיי וועלן קומען, — ווייזט ער אויפן „זשאַכלינער".

— מיר וועלן שוין לאָזן די שטיינער פאַר דיר, זלמן. מיר וועלן דיר אָפּשרייבן אונדזער חלק אויך — זאָגט דער לערער.

— השחורה והנאוה, — רעדט זלמן פאַר זיך און מאַכט זיך נישט הערנדיק, וואָס יענע זאָגן, און נאָגט די ווערטער מיט ליבע צווישן זיינע ליפּן.

— דאָס דאַרף מען, ברודער, פילן, — ווענדעט ער זיך צום „זשאַכ־לינער", — כדי צו פאַרשטייז וואָס דאָס מיינט השחורה והנאוה.

— יאָ, יאָ. שוואַרץ בין איך, אָבער מיאוס, — קרימט אים נאָך דער „זשאַכלינער" אין אַ חדרדיקן שיר השירים.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן צונויפצוקומען די „כאַליאַסטרע". פון „בית־המדרש" איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן, וועלכן די שטוב־מענ־טשן האָבן גערופן איטשעלע. געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך, דערפאַר האָט מען אים ביז איצט נישט געזען. ער איז געווען דער צווייטער סוב־לאָקאַטאָר, וואָס האָט באַוווינט, צוזאַמען מיטן „זשאַכלינער", דאָס „בלינדע" שטיבל ביים לערער.

דאָס איטשעלע איז שוין אויסגעווען אַ וועלט. שטודירט אין דער שווייץ, אין בעלגיע, אין פראַנקרייך און אויסגעפונען, אַז אַלץ איז בלאָ־טע. איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע און געוואָרן אַ געוועלנלעכער איינ־בינדער, אַ מלאכה, וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט פון אויסלאַנד. מיט דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַ געוועגלעכער בעל־מלאכה, האָט ער באַוויזן

אַ גרויס בריהשאַפט. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק דאַרף אים דערפאַר זיין דאַנקבאַר. ער האָט זיך גענומען דאָס רעכט יעדן איינעם צו זאָגן, וואָס ער דענקט וועגן אים ביי דער ערשטער באַגעגעניש, יעדן איינעם שיקן אין אַ ווערקשטעל, און ביי יעדן צווייטן וואַרט לאָזן צוויסן מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך — „איך בין טאַקע גאַרנישט מער נאָר אַ געווענלע־כער אַרבעטער". דערביי פלעגט ער דאָס זאָגן אין אַזאַ טאָן, ווי מען וואָלט אים דערפאַר געדאַרפט געבן אַ קניפּ אין בעקל. ער האָט אַמאָל גע־האַט גרויסע אַמביציעס, דאָס איטשעלע. ער האָט זיי נישט געקאָנט אויס־פירן דערפאַר, ווייל ער איז געווען צו יונג שוין אַ באַווייבטער און באַ־קינדלטער, ער איז אַרומגעגאַנגען אין איין באַדויערן, וואָס מען האָט אים צו פרי אָנגעטון אַ כאָמוט אויפן האַלדז. „ווען איך וואָלט נישט גע־האַט קיין ווייב מיט קינדער, וואָלט איך דאָך שוין היינט אַ דאָקטאָר געווען", פלעגט ער זיך אָפט באַרימען. מיט איטשעלען איז אַריינגעקו־מען אַ חסידישער יונגערמאַן, אָנגעטון אין אַ צעריסענער, האַלב־זיידע־נער קאַפּאָטע און נישט געוואָלט אויסטון דאָס סאַמעטענע היטל. געווען אַ פרומער חסידישער אַרבעטער. אַ גאַנצע וואָך פאַרבראַכט אין אַ פאַר־שפּינוועבט טריקאָטן־פאַבריקל ביי „בערל פאַבריקאַנט" אויפן זעלבן הויף, ווו פרוי הורוויץ וווינט. ער האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן צו רייבן צווישן די „אחדות־לייט". די אמונה אין זיין רבין האָט אָנגעהויבן צו וואַקלען, האָבן אים חברה געוואָלט איבערקערן, אָפּרייסן אים פון רבין און מאַכן פון אים אַן „אויפגעקלערטן". אַ לאַנגע צייט האָט דער יונגער־מאַן זיך נישט געלאָזט פאַרפירן, געקעמפט קעגן זיי, כאָטש זינט ער איז געוואָרן אַן אַרבעטער, האָט די אומגערעכטיקייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, צעפירט דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן ער איז געשטאַנען. ער האָט זיך צוגעקוקט צו זיינע ברידער, חסידישע אַרבעטער, צו זייער לעבן, צו זיין אייגן לעבן און געזוכט דעם תירוץ אויף דער אַלטער פראַגע פון צדיק און רשע. ער האָט געזוכט אַן אַנדערן גלויבן. אפשר ביי זיי... אי־טשעלע האָט אים שוין אַרויפגעבראַכט אַ פּאָר מאָל צום לערער אין די פּרייוואַטיקדיקע אָוונטן. דער יונגערמאַן האָט זיך צוגעהערט צו די „תורות" פון זיינע נייע רביים. ער האָט געוואָלט זיך אַראָפּרעדן פאַרן לערער, וועל־כן ער האָט געהאַלטן פאַר אַ נייעם רבין, און נישט געוואַגט זיך, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ בלאָנדזשענדיקער און צוגעהערט זיך צו די געשפּרעכן

און געטראַכט ביי זיך: „עפּעס פעלט דאָך ביי זיי; עס איז נישט ווי ביים רבין, עס פעלט שמחה. אפנים זיי האָבן קיין אמונה נישט...״

עס איז אויך אַראָפּגעקומען פון דער הויך, פון פאַן קוויאַטקאָווסקיס וווינונג, דער יונגערמאַן, וואָס הייסט גדליה — דער, פאַר וועלכן רחל־לאה איז אַרומגעלאָפן איינשאַפן אַ קוואַרטיר. עס איז אים שוין באַלד נישט געווען צו דערקענען. די באָרד און פּיאות שוין פאַרלוירן, די לאַנגע קאַפּאָטע אונטערגעהאַקט און צוגעשניטן ווי אַ „פּרינץ אַלבערט״. זיין לאַנגער האַלדז איז נאָך לענגער געוואָרן און אַרויסגעוויזן אַ קראַק, וואָס האָט געשראָקן. דער לערער הורוויץ האָט איצט געהאַלטן פון אים אַ וועלט. נאָכדעם, ווי דער יונגערמאַן האָט אים פאַרגעלעזן פון זיין שרייבעכץ, האָט אים דער לערער זייער מקרב געווען, און יעדן אָוונט אָפּגעשפּאַרט אַ האַלבע שעה פון זיין צייט און געלייענט מיט דעם יונגנמאַן די פּוילישע קלאַסיקער, וואָס ער האָט פאַרטייטשט יעדעס וואָרט און אויסגערעדט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט וועגן רש״י אָדער אַ שטיקל גמרא. איז רחל־לאה נאָך מער שטאָלצער געוואָרן אויף אים. דער יונגערמאַן איז איבערהויפּט געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן העמדל, טרפה גליק געהאַט. נישט נאָר האָט ער באַקומען ביים פּאַליאַק פּאַן קוויאַטקאָווסקין אַן אומזיסטע קוואַרטיר, נאָר חזיר צו פרעסן איבערן מויל. די גובערנאַנטקע, די שטילע פּאַני אַנטאָניאַ, האָט אין אים אַריינגעשטופּט טרפות, וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, מיט דער שטילער האָפענונג, טאָמער וועט זיך דער בחורל שמדן. דער בחור גדליה האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס טרפהנע און פלעגט יעדעס מאָל נאָכן עסן אַראָפּגיין אויף די טרעפּ און עס אָפּגעבן, — אויסגעגאַנגען נאָך אַ לעפל היימישן באָרשט, וואָס ער פלעגט זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ ביי רחל־לאהן.

די שטוב ביים לערער הורוויץ איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בית־המדרש. אַלע האָבן דיסקוטירט, גערעדט צוזאַמען און געמאַכט מיט די הענט. עס האָבן, זעט זיך אויס, געהערשט צוויי גרופּעס: איינע פון לערער הורוויץ מיט זיין פריינט קעניגשטיין, וועלכע, ווי זיי זאָגען נישט געווען צעטיילט צוליב ארץ־ישראל, זענען אָבער געווען פאַראייניקט וואָס שייך דער „השכלה״. זיי האָבן זיך נאָך געהאַלטן שטאָל און אייזן ביי דער ציוויליזאַציע און פּראָגרעס, געשעצט בילדונג העכער איבער אַלע ערדישע און הימלישע גליקן. און די צווייטע גרופּע, די נייע, וואָס איז

אַנטשטאַנען לעצטנס, דאָס איז געווען דעם „זשאַבלינערס" מיט דעם יונגנמאַן, וואָס מ'האָט גערופן איטשעלע, וועלכע האָבן געפּריידיקט אַר־בעט. די צוויי גרופּעס האָבן הארטנעקיק געקעמפּט וועגן די נייע נשמות, וואָס זענען אַריינגעפאַלן פון דער פּראָווינץ אין דער גרויסער שטאָט. די אַלטע האָבן זיי געשלעפּט צו השכלה, צו בילדונג, און די יונגע האָבן זיי פּאַרפירט אין די ווערקשטעלן. און מען קאָן ניט זאָגן, אַז איין גרופּע האָט זיך באַצויגן צו דער אַנדערער מיט גרויס טאָלעראַנץ.

דער חסידישער יונגערמאַן האָט זיך געדרייט פון איין גרופּע צו דער אַנדערער, צוגעהערט זיך צו די געשפּרעכן. פאַרן לערער הורוויץ האָט ער געהאַט גרויס יראת־הכבוד און געוואָלט ביי אים עפּעס פרעגן. נישט גע־וואַגט זיך, ביז ענדלעך האָט ער זיך געמוטיקט, צוגעגאַנגען צום לערער מיט גרויס דרך־ארץ און געפרעגט אין דער שטיל:

— זייט מיר מוחל, פּאַניע הורוויץ, איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פרעגן. איך הער זיך צו צו אייערע רייד, אוודאי איז עס שיין און רעכט. יושר איז אַ גרויסע זאַך. איך האָב אָבער געוואָלט וויסן, איך האָב גע־וואָלט פרעגן וועגן אַן ענין.

דער לערער הורוויץ, וואָס האָט צו אַלע זאַכן און מענטשן אויף דער וועלט אַרויסגעוויזן אַ באַוואונדערונגס־ווערטע געדולד פון אַ לערער, אַ חוץ צו „ציוניזם" און „ציוניסטן", האָט דעם חסידישן יונגנמאַן מקרב געווען, מוט אים צוגעגעבן.

— אדרבה, פרעגט.

— איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן איין זאַך. נאָך אייך נאָך, איך מיין, נאָך אייער אמונה, איז דאָ חלק לעולם הבא, אָדער עס איז נישטאָ? איז דאָ שכר ועונש אויף יענער וועלט, אָדער ס'איז נישטאָ? וועגן אַלעם האָב איך געהערט ביי אייך רעדן. נאָר וועגן דעם עיקר, וועגן דעם גרויסן תכלית, וועגן „באחרית הימים", האָב איך גאָרנישט געהערט ביי אייך רעדן.

דער לערער איז שטיין געבליבן. אויף אַזאַ פראַגע האָט ער זיך נישט געריכט. דער לערער האָט דעם יונגנמאַן גענומען אין אַ ווינקל אַריין, אַוועקגעזעצט זיך מיט אים, און האָט פאַר אים אויסגענוצט זיין גאַנצע לערערשע געדולד. ער איז אויך אַריינגעפאַלן אין אַ גמרא־ניגון, מיט וועלכן דעם יונגנמאַנס טאַן האָט אים אָנגעשטעקט.

— אַלץ, וואָס מיר ווייסן, — זאָגט דער לערער, — איז וועגן דער וועלט. פון דער צווייטער וועלט איז נאָך קיינער נישט צוריקגעקומען אונדז זאָגן, אויב זי איז דאָ. נאָר, יונגערמאַן, ווען מענטשן וועלן זיין אַזוי קלוג און געבילדעט, ווען די חכמה וועט זיך צעגיסן איבער דער וועלט ווי אַ ים, גלויבט מיר, וועלן מיר נישט דאַרפן ערשט גיין אויף דער צווייטער וועלט זוכן דעם גן־עדן. אַלע מענטשן וועלן זיין ווי ברי־דער; עס וועלן פאַרשווינדן די נאַציעס, אָפּגעמעקט ווערן די גרענעצן. איין מענטש וועט דערקענען דעם צווייטן. „באחרית הימים" וועט דער גן-עדן זיין אויף דער וועלט.

דער חסידישער יונגערמאַן האָט אויסגעהערט פרום דעם לערערס רייד און געשאָקלט זיך דערביי אין עקסטאַז, און דערנאָך זייער טרויעריק געוואָרן און געזאָגט צום לערער מיט אַ קרעכץ און באַדויערן:

— אַז נישט פון יענער וועלט, וואָס באַדאַרף מען ווידער דעם גאַנצן עסק? די וועלט, — זאָגט ער מיט חוזק, — איז אויך אַ וועלט, פון וועל־כער עס לוינט זיך צו רעדן?!

קאַפּיטל 11

נייע זמירות

אַמאָל אין אַנדערע יאָרן, האָט מען אין די פּרייטיקדיקע אָוונטן ביים לערער הורוויץ פאַרגעלעזן פון די פּוילישע קלאַסיקער: מיצקע־וויטשן, קראַשינסקיס תהלים. אָרזשעשקאָווא איז געווען אַ געטין. די לעצ־טע יאָרן אָבער האָבן די נייע יונגעלייט פאַרטראָגן צום לערער אין הויז די יידישע ליטעראַטור. אין די פרייטיקדיקע אָוונטן לעזט מען שוין פאַר פּרצן און אַנדערע יידישע שרייבער. פּרץ איז געוואָרן דער אָפּגאָט אַנ־שטאָט אָרזשעשקאָווא. אָבער די יידישע ליטעראַטור האָט לעת־עתה נאָר געפונען איר אָרט ביי רחל־לאָהן אין קיך. אינעם עס־צימער האָט נאָר גע־הערשט די פּוילישע ליטעראַטור. אַמאָל האָט מען אין די זונטיקדיקע אָוונטן געזונגען לידער, זענען די זינגער געווען דער אַלטער דור: דער לערער, זיין פריינט זלמן, און געזונגען האָט מען העברעאישע לידער. האָט

מען אַמאָל דערמאָנט אַ יידיש ליד, איז עס געווען אַן אַפּיקורסיש, ווו מען האָט זיך אָפּגערעכנט מיטן רבין. היינט האָבן די חברה כּאַליאַסטרע פאַר־שלעפּט צום לערער אין די פּרייטיקדיקע אָוונטן גאָר גאַנץ אַנדערע לידער, וועלכע דער עלטערער דור — דער לערער און זיין פריינט — האָבן נישט גערן. דערפאַר קלויבט מען זיך צונויף ביי רחל־לאהן אין קיך.

רחל־לאה איז אריין אין איר ריכטיקער ראָלע. זי טיילט טעפּלעך טיי מיט שטיקער קוכן, וואָס זי האָט בייטאָג, צוליב דעם דאָזיקן צוועק, אָנגע־באַקן. איטשעלע, וואָס איז אַ מזיק אויף זינגען, ברענגט יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס צו רחל־לאהן אין קיך אַן אַנדער ליד פון דער ווערקשטעטל. מען זיצט אַרום אויף קליינע קיך־בענקלעך, אַמאָל אויף דער פּאָדלאָגע (רחל־לאה מיט דער ברייטער שירץ און ליכטיקן פּנים, אין מיטן), איטשעלע הייבט אָן און אַלע העלפן־צו. עס איז דאָ דער „זשאַכליגער”, וואָס אַליין קאָן ער נישט זינגען, מאַכט ער מיטן לאָמען הענטל ווי אַ קאַפּעלמייס־טער; דער יונגערמאַן פון „פּאַן קוויאַטקאָווסקי”; היינט האָט זיך אויך פאַרקליבן מירקין; רחל־לאהס קינדער — די מיידלעך און דער גימנאַ־זיסט. דער לערער הורוויץ האָט טאַקע דערפון גרוים עגמת־נפש, וואָס דורך דעם יידיש רעדן אין זיין הויז, וואָס די יונגעלייט פאַרשלעפּן, מאַכן זיי קאַליע די קינדער דעם פּוילישן אַקצענט. נאָר העלפן קאָן ער זיך שוין נישט. ער זעט, אַז די צייט איז שטאַרקער פון אים. און ער האָט אויפגע־געבן דעם קאַמף. אַליין האַלט ער זיך אָבער שטאָל און אייזן.

איטשעלע זינגט איין ליד נאָך דעם אַנדערן. צוערשט די פאָלקס־לידער, וואָס זענען געוואָרן אַזוי פּאָפּולער ביי רחל־לאהן אין קיך; דער־נאָך די רעוואָלוציאָנערע לידער, איבערהויפּט דאָס וויג־ליד, וואָס איז געוואָרן אַזוי באַליבט אין די ווערקשטעטלן:

„דו זאָלסט, מיין קינד,
שטיין פאַר דיינע ברידער,
וועלכע גייען אין קאַמף פאַר רעכט.
דו זאָלסט, מיין קינד,
העלפן שטירצן נידער
הערשער, הענקער, אומרעכט”.

דאָס מאָל איז עס געווען אַ לאָדזשער וועבער־ליד, וואָס איטשעלע האָט מיטגעבראַכט, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם:

„רוסלאַנד, מיר וועבן
תכריכים פאַר דיר,
אַ דרייפאַכיקע קללה
אין זיי וועבן מיר.

— — — — — — — — —

מיר וועבן, מיר וועבן
תכריכים פאַר דיר איצט".

— — — — — — — — —

די לידער צינדן־אָן די געמיטער. רחל־לאה ווערט אויפגעברויזט, קאָן זיך נישט צוריקהאַלטן, און קאָמאַנדעוועט אַליין מיט די הענט. דער „זשאַבלינגער" שטייגט אויף די העכסטע אָקטאַווע, און פאַלט שטענדיק אַרויס פון טאָן און בלייבט־איבער דער לעצטער. דער גימנאַזיסט, וועלכער האָט זיך ערשט לעצטנס אויסגעלערנט יידיש, קייעט שווער די ווערטער, און דאָס וואָס ער קאָן נישט דערזאָגן, ברומט ער מיטן נגון.

דערנאָך קומט דאָס האַרצרייסנדיקע:

„פּראָלעטאַרישע שוועסטער מיינע,
ווער האָט גערויבט די ערע דיינע?
ווייל דיך האָט די נויט געטריבן,
די נויט.

— — — — — — — — — — — —

דו ביסט געגאַנגען אַרבעט בעטן,
האָבן זיי דיך געטרעטן,
אַ קרבן האָבן זיי פון דיר געמאַכט,
אוי, געמאַכט—"

— — — — — — — — — — — —

רחל־לאה קאָן זיך נישט איינהאַלטן, ווישט־אָפּ אַ טרער מיט דער שערץ.

און דאַן קומט די גרויסע נקמה. איטשעלע שטעלט־אָן — און אַלע נאָך אים:

„טראָגט־אַרוים די הייליקע פאָן
פון איר פינצטערן געצעלט,
מיר קומען צו נעמען נקמה,
צו באַפרייען די גאַנצע וועלט.

— — — — — — — — —

צו באַפרייען די אָרימע שקלאַפן,
וואָס ליידן הונגער און קעלט.
די שטראַלן פון פרייהייט
זאָל זיי דינען
פאַר דעם אָפּפער, וואָס זיי
האָבן געשטעלט".

— — — — — — — — — —

דערווייל, ווען אין דער קיך אַרום רחל־לאהן ווערן געזונגען די שרעק־לעכע ווערטער. זיצן די צוויי פריינט, דער לערער הורוויץ מיט קעניגשטיי־נען, אין ווינצימער ביי דעם שרענקעלע ספרים, וואָס זיי ביידע קוקן־דורך, און זענען פאַרנומען אין אַן ערנסטן שמועס.

— דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, שלמה, — רופט זיך אָן צו אים זיין פריינט, — איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט, באַלד נאָך פסח, אם ירצה השם, (זיי קאָנען זיך דערפון נישט אָפּגעווינען), וועל איך זיך אַראָפּלאָזן. צוערשט אַליין. — איך וועל זען, אפשר וועל איך זיך קאָנען צו עפּעס דערשלאָגן.

דער לערער קוקט־אָן זיין פריינט פאַרווונדערט. ער שפּאַרט זיך שוין נישט מיט אים. אינעם טאָן דערפילט ער די ערנסטקייט — קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט און מיט באַדויערן:

— און וואָס רעכנסטו דאָרט צו טון? דאָרט דאַרף מען נישט קיין העברעאישע לערער. עס איז אַ „טלית שכולו תכלת".

— אַ לערער, גיי, זאָל מיך גאָט אָפּהיטן. איך וועל זיך אָוועקשטעלן אויף די פעלדער, און וועל זיך נעמען צום שפּאַדל מיטן רידל!

הורוויץ קוקט־אָן זיין פריינט, ער וויל עפּעס זאָגן. נאָר באַמערקנ־

דיק די פלאַמענדיקע רויטע פלעקן אויף זיין פּנים, וואָס זאָגן-עדות אויף זיינע לונגען, דאָס הייליקע פייערל אין זיינע אויגן און די ערנסטקייט אויף זיין פּנים, האָט ער דאָס מאָל פאַרבויגן. ער האָט נאָר אַ טיפן קרעכץ געטון. עס איז געווען די ערשטע קאָנצעסיע, וואָס דער לערער האָט געמאַכט פאַר ארץ־ישראל, און דאָס נישט, חלילה, צוליב ארץ־ישראל, נאָר צוליב זיין קראַנקן פריינט, אויף וועלכן ער האָט איצט גרויס רחמנות געהאַט.

— און וואָס זאָגסטו, שלמה? — פרעגט אים דער פריינט.

דער לערער האָט זיך פאַרטראַכט, געמיט זיך אויסציגעפינען אַ וואָרט און אַ טאָן, וואָס זאָלן אַמווייניקסטן ווייטון זיין פריינט.

— און וואָס וועסטו טון מיט דיינע לונגען? איך מיין, וואָס וועלן דיינע... — ענדיקט דער לערער נישט דעם זאַץ.

— מיינע לונגען? ווער הערט זיי? נאָר איינער, אין ארץ־ישראל ווערט מען צוריק געזונט — שרייבט מיר אַ פריינט פון אַ קבוצה. סוכאָטעס דאָ געהאַט, שוין נישט געגעבן קיין צווייער פאַר אים, — געזונט געוואָרן פון דער אַרבעט. וועסט מיך נאָך זען, שלמה, וועסט מיך זען שטיין מיט אַ האַק און אַ רידל איבער די פעלדער פון יהודה, און איך וועל אויפגראָבן די ארץ־ישראל-ערד — אַט מיט די הענט. — און קעניגשטיין ציט־אויס אַ פּאָר שטעקנס, וואָס דערוועקן אַ שרעק און אַ ווייטיק מיט זייער קרענקלעכער דינקייט. — וועסט מיך נאָך זען — איך בין אַ געזונטער מענטש — — — און ער צעהוסט זיך אַזוי, אַז דער לערער מיינט, אַז ער גייט שוין אויס אונטער זיינע הענט.

דער לערער האָט געשוויגן, פאַרטראַכט געקוקט אויף זיין פריינט מיט אַ ווייטיקדיק מיטלייד, געזען זיינע שוואַכע הענט, די רויטע רויזן אויפן פּנים און געהערט דעם הוסט, וואָס האָט אים געשטיקט, געקלערט, געקלערט און זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס זאָלסטו אייגנטלעך נישט קאָנען באַאַרבעטן די ערד ווי יעדער איינער? היינט דאַרף מען נישט דווקא זיין אַ פּויער דערצו. די וויסנשאַפט האָט אויסגעפונען אַנדערע מיטלען, ווי אַזוי די ערד צו באַאַרבעטן, אַזעלכע מאַשינען, וואָס דער מענטש דאַרף דערביי גאָרנישט טון, נאָר באַנוצן זיין שכל. אין אַמעריקע באַאַרבעט מען שוין אַזוי די ערד.

— דו הערסט, שלמה, — איז קעניגשטיין אריין אין התפּעלות און שיעור זיך נישט געוואָרפן אויף זיין פריינט האלדזן, — ווען איך האָב הונדערט רובל מיין אייגנס, הונדערט רובל, לאָז איך איבער ווייב־און־קינדער, און לאָז זיך אראָפּ בלויז אָנקוקן נאָר. אז איך לעז וועגן דאָרטן, ווי זיי גייען ארויס אינדערפרי צו דער אַרבעט מיט געזאַנג, קאָן איך נישט רואיק איינזיצן. איך וואָלט עס נאָך געוואָלט דערלעבן צו זען איין־איינציק מאָל מיט מיינע אויגן, איידער איך וועל שטאַרבן. גאָט! — האָט זיך דער אפּיקורס פאַרגעסן, ארויסגעשריגן דאָס שרעקלעכע וואָרט און פאַרהאַלטן זיך מיט די הענט די אויגן.

דער לערער האָט אים געלאָזט שוין אַלץ ארויסשרייען און אים צוגעגעבן טרייסט:

— פאַרוואָס אייגנטלעך זאָלסטו דיין אידעאַל נישט דערגרייכן? וואָס, ס'ליגט הינטער די הרי־חושך? אין היינטיקע ציי‌טן, איבער אָדעס, ווי ווייט איז עס גאָר? אָבער וואָס, דו מיינסט עס טאַקע מיט אַן ערנסט?

— שלמה, איך קאָן נישט לענגער אויסהאַלטן דאָ! איך קאָן נישט. עס שטיקט מיך דער גלות!

— ווען רעכנסטו צו מאַכן די נסיעה?

— באַלד נאָך פּסח. אז איך זאָל וויסן אפילו צופוס צו גיין. איך וויל אַלצדינג פאַרקויפן.

— עס איז אויך נישט אַזאַ טייערע נסיעה, — האָט זיך שוין דער לערער איינגעאַנצן פאַרגעסן. — וואָס קאָסט זי איינגאַנצן? און דאַרפסט טאַקע פאָרן אויך. יאָ בלייבן, נישט בלייבן — כאָטש אָנקוקן. איך וואָלט נישט געפאָרן. עס איז נישט פאַר מיר. נאָר דו דאַרפסט טאַקע יאָ פאָרן.

— וואָלסט אויך געפאָרן. גלויב מיר, וואָלסט אויך געפאָרן, ווען דו וואָלסט דיר עס נאָר געקאָנט דערלויבן. אָנקוקן מעגסטו דאָך סיי־ווי־סיי.

— און אפשר וואָלט איך אויך געפאָרן, — גיט דער לערער שוין אַלץ נאָך זיין פריינט. — עס וואָלט דאָך מיך נישט טרייף געמאַכט.

— שלמה ברודער! — איז זלמן ארויף אויפן האַלדז פון זיין פריינט, — לאָמיר פאָרן, לאָמיר צוזאַמען פאָרן. דו געדענקסט, ווי מיר זענען געזעסן צוזאַמען אין בית־המדרש און מיר האָבן געלערנט פּאה, ווי מ'גיט מעשר פון די פעלדער? שלמה! עס זענען דאָך צוריקגעקומען די גמראס

צייטן. יידן באַארבעטן די ערד פון ארץ־ישראל, גיבן מעשר, האַלטן שמיטה. אין הויף לויפן דיר אַרום צוויי קעלבלעך, איינס הייסט „השחו־רה", דאָס צווייטע הייסט „הנאוה"... לאָמיר פאָרן, שלמה.

דער לערער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך אַלעמען איז ער צו־ווייט פאַרקראָכן צוליב דעם סענטימענט צו זיין פריינט. ער האָט דערפון עגמת־נפש געהאַט און פלינק זיך אַרויסגעכאַפּט פון דעם עסק:

— הער נאָר, זלמן, מיך לאָז צורו מיט דיין ארץ־ישראל. דו זאָגסט, אַז דו מוזט פאָרן און איך זע דאָך טאַקע, אַז דו מוזט פאָרן. ביסט פאַר־כאַפּט געוואָרן פון דער קליפה — פאַר דיר געזונטערהייט, ווי ווייט איך וועל קאָנען, וועל איך דיר צוהעלפן. נאָר מיך לאָז־אַרויס פון עסק. וואָס האָב איך דערמיט צו טון?

— שלמה, איך האָב מורא, אַז דו האָסט דערמיט יאָ צו טון, — מאַכט ער צו אים מיטן פינגער אויף דער נאָז, ווי ער וואָלט אים געוואָלט שרעקן.

שפּעטער, אַז דער לערער איז געבליבן אַליין מיט זיך, האָט ער גע־מאַכט אַ חשבון־הנפש, צי ער האָט, חלילה, נישט געזינדיקט קעגן דעם פּראָגרעס און צי עס איז געווען אין הסכם מיט זיין געוויסן דאָס, וואָס ער איז דאָס מאָל געווען אַזוי שוואַך קעגן זיין פריינט און נישט רעאַ־גירט אויף דעם רעאַקציאָנערן שריט, וואָס זיין פריינט גייט טון, מיט זיין גאַנצער שאַרפקייט? נאָר ווען דער לערער האָט זיך דערמאָנט אָן די רויטע פלעקן, וואָס האָבן געבליט אויף די שפּיץ־באַקן־ביינער פון זיין פריינטס פּנים, און דאָס ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע אויגן בשעת־מעשה, ווען ער האָט גערעדט וועגן „השחורה" און „הנאוה", האָט ער נגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט. דאָס איז געווען די ערשטע זינד קעגן דעם פּראָגרעס, וואָס דער לערער האָט גענומען אויף זיין געוויסן...

דערינען, ביי רחל־לאהן אין קיך, האָט מען נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין זינגען די רעוואָלוציאָנערע לידער מיט פלאַם און פייער. נאָר ווען דער לערער האָט פון זיין שטוב דערהערט די שרעקלעכע ווערטער „רוס־לאַנד" און „רויטע פאָן", האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אריין אין קיך און געפרעגט:

— אפשר אַביסעלע שטילער?

דאָס האָט איבערגעריסן דעם הויכן טאָן, און די לידער האָבן זיך

אַנגעהויבן אויסצולעשן. דערנסטמאָל האָט רחל־לאה גערופֿן אין איר ווינקל אַריין איר לעצטן פּראָטעזש, דעם בחור, וואָס וווינט ביי „פּאַן קוויאַט־קאָווסקי":

— איך האָב אייך שוין לאַנג נישט געזען. אַפּנים דער גאַספּאָדיניעס חזיר שמעקט אייך בעסער ווי מיינע באָרשטשן. — וואָס הערט מען ביי אייך?

דער יונגערמאַן איז רויט געוואָרן, נאָר ער איז שוין געווען מער דרייסטער, שוין געקוקט ווייבער גלייך אין פּנים אַריין, ווען ער האָט גע־רעדט מיט זיי.

— אַלץ וואָלט גוט געווען, — זאָגט ער אין א גמרא־ניגון. — איך האָב, ברוך־השם, א נאַכטלעגער, צו עסן אויך. זיי זענען צו מיר זייער גוט, די גויים. אָבער וואָס וועט דער תכלית זיין דערפֿון? — פֿרעגט ער א באַ־זאָרגטער.

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין מכוח לערנען. אינדערהיים איז מען כאָטש געזעסן איבער דער גמרא. גוט צי שלעכט, האָט מען געמיינט, אַז עס איז א תכלית, מען טוט עפּעס. דאָ דרייט מען זיך אַרום — צו שלאָפֿן האָט מען, צו עסן האָט מען אויך — און מכוח א תכלית זאָרגט מען גאָרנישט; אַז איך שעם זיך אַזוי אָפּט פֿאַר די גויים צו זיצן ביי זיי אין שטוב אומ־זיסט, צו געניסן פֿון זייער גוטס — אַז מ'באַלמוטשעט און מ'טוט גאָר־נישט.

— וואָס ווילט איר טון?

— איך בין דען אַהער געקומען גלאַט אַזוי צו זיין אין וואַרשע? איך בין דאָך אַהער געקומען זיך צו לערנען, עפּעס צו טון. וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איך האָב אַלץ, — אַז איך האָב נישט דעם עיקר? דער הער הורוויץ גיט מיר אַמאָל א האַלבע שעה. אוודאי איז עס זייער גוט — אָבער דעם גאַנצן טאָג פּוסט־און־פּאַסט, און טיילמאָל מיין איך, אַז איך האָב שלעכט געטון, וואָס איך בין געקומען אַהער. אינדערהיים איז דאָך כאָטש געווען די גמרא, און דאָ איז דאָך גאָרנישט. איך האָב שוין טאַקע געוואָלט רעדן מיט אייך. איר זענט אַזאַ גוטער מענטש.

רחל־לאה האָט געקלערט א מינוט, עס איז איר עפּעס איינגעפֿאַלן און זי האָט געזאָגט צום יונגנמאַן:

— וואַרט נאָר אַ מינוט.

צוגעגאַנגען צו מירקינען, אים גענומען אונטערן אָרעם, אַזוי ווי עס וואָלט פריער גאָרנישט געווען צווישן זיי, צוגעפירט אים צום יונגנמאַן און געזאָגט צו אים:

— אָט דאָ האָט איר וואָס צו טון. איר האָט מיך געפרעגט וועגן דעם. נעמט זיך אָן פאַר דעם יונגנמאַן, גיט אים לעקציעס.

— אונטער איין תּנאַי, — זאָגט מירקין.

— און דאָס?

— אַז ער זאָל מיר אויך געבן לעקציעס. איך וועל אים לערנען גויאיש, און ער זאָל מיך לערנען יידיש, — באַמיט זיך זאַכאַרי צו זאָגן די ווערטער אין יידיש.

— איר האָט געהערט? — פרעגט פרוי הורוויץ. —

— אַז דער פאַן זאָל נאָר וועלן, וועל איך אוודאי באַשטיין. פון ווען אָן?

— כאָטש פון מאָרגן — אָפגעמאַכט?

— אָפגעמאַכט.

— און דאָס איז נאָך נישט אַלץ, — זאָגט פרוי הורוויץ. — פאַניע „זשאַכלינער", קומט נאָר דאָ אַהער.

דער „זשאַכלינער" האָט זיך דערנענטערט.

— דאָ האָט איר אַ מענטש, — זאָגט פרוי הורוויץ, — וואָס האָט פיל צייט, קאָן אַ סך און וויל עפּעס טון. נעמט אים אין די הענט אַריין, — ווייזט זי אויף מירקינען.

— אַז ער זאָל נאָר וועלן, וועט זיך שוין געפינען וואָס צו טון.

— איך בין אויף אַלעם גרייט, — זאָגט מירקין.

— איך לאָז אייך אַליין און רעדט זיך דורך, — זאָגט פרוי הורוויץ, לאָזט זיי אַליין אין ווינקל און נעמט זיך צו די אַנדערע.

נאָר איידער מירקין פאַרלאָזט איר שטוב מיט די אַנדערע, קושט ער איר האַנט. זי לאָזט זיך און זאָגט צו אים אין דער שטיל, ווי אין אויער אַריין. אַ סוד פאַר אים אַליין:

— איר זענט דאָך נישט בייז אויף מיר?

— פאַרוואָס? — פרעגט זאַכאַרי דערשטוינט.

— דערפאַר, וואָס איך האָב אייך פריער אויסגעזידלט.

זאַכאַרי ווערט רויט און זאָגט פלינק:

— איר האָט מיך אויסגעהיילט, — און לויפט שנעל אַרויס פון דער שטוב.

רחל־לאה רופט אים נאָך אין קאָרידאָר:

— און זייט מיר נישט מער קיין גאַסט, אַז נישט וועל איך זיין בייז.

אַז ער איז אַראָפּגעקומען פון די טרעפּ, האָט ער פּלוצים דערזען, אַז פון אַלע פענצטערלעך פונעם הויף האָבן אַרויסגעשיינט שבת־ליכט־לעך. דער הויף פון פרוי הורוויץ, וואָס האָט אים שטענדיק אויסגעזען אַזוי אָרים, האָט זיך דעם אָוונט פאַרענדערט. דער שבת האָט אַרויסגעשיינט פון די יידישע שטובן און דעם שבת האָט ער אויך געפילט אין זיך...

קאַפּיטל 12

אַ דאָרשטיקער ביים ברונען

פאַרוואָרט מען וועמען צו וועבן זיין לעבן אין רעאַלקייט, געפינט ער אַן אַנטרינען אין פאַרבאָרגנדיקע אויסגעטראַכטקייטן, אין וועלטן, וואָס ער שאַפט זיך אַליין.

מירקין האָט אויסגעפונען, אַז אַ מענטש באַדאַרף אייגנטלעך קיי־נעמען נישט, נאָר בלויז זיין אייגן ליבּ...

עס איז געווען אַן אַנטדעקונג, וואָס האָט אים פאַרווונדערט, פאַר־וואָס איז ער שוין לענגסט נישט געקומען דערצו.

ביינאַכט, אָן שלאָף. די וועלט דרייט זיך אַרום אים. ער הערט דעם גאַנג פון איר באַוועגונג אַרום איר אַקס. ער פאַלט — ווי דורך אַ הויי־לער רער פון איין אַטמאָספער אין דער אַנדערער, — וועלטן פאַלט ער אַדורך. ווו איז דער אָפּהאַלט? נישטאָ קיין אָפּהאַלט — אַזוי וועט ער פאַלן און פאַלן, ווי אַ לויזגעריסענער שטראַל פון אַ פּלאַנעט. וואָס איז דער צוועק פון דעם פאַלן? נישטאָ קיין צוועק. אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַר ווען. ער וויל נישט פאַלן. ער וויל שטיין, פילן זיין געוויכט, און זיין צוגעפעסטיקייט. ער איז דער צענטער. — אַרום אים באַוועגן זיך די פּלאַ־נעטן און די וועלטן. ער וויל זיך אַנטדעקן.

ער מאַכט ליכט. דאָס אַרומיקע קריגט געוויכט און צוגעהעריקייט צו זייט און רוים. — און ער ווערט דער הערשער איבער אַלע וועלטן — אַזוי ווייט ווי זיי דערגרייכן אין די גרענעצן פון זיינע באַגרייפונגס־מעג־לעכקייטן...

ליגט ער ביים שיין פון מילכיק נאַכט־ליכט און באַוואונדערט זיין לייב, וואָס באַווייזט זיך אין שפּאַלטן אויף זיין בעט, צווישן ווייסע לייוונט. ווייסע לייוונט איז דאָס נאַטירלעכע מענטשן־קלייד. — ווייסע לייוונט איז די פאַרזעצונג פון אייגענער הויט. און ער געפינט זיך, ווי ער וואָלט פונאַנדערגעטרענט געוואָרן פון זיין אייגן לייב. ער איז דער איך פון אַ באַגריף. — נישט צייטלעך, נישט וועלטלעך. זיין ליב איז דאָס פּאָזיטיווע, וואָס ליגט דאָ אין בעט. און ער קאָן עס באַזיצן, באַהערשן, באַנעמען — ווי עס וואָלט געווען אָן אָפּגעטיילט „עטוואָס" פון אים. ער באַרירט מיט זיין האַנט זיין ליב. — דער לעבעדיקער פּולס פון זיינע בלוט־צעלן, וואָס צאַפּלען אונטער דער קאַלטער גלאַטער הויט, קומט אים פאַר ווי אַ פרעמד, צווייט לעבן. און ער באַצווינגט דאָס צו אַ פרעמדן געהערנדיקע לעבן, ער באַהערשט עס, ער באַזונפּט עס מיט דער באַרי־רונג פון זיין האַנט.

פּלוצים דערפילט ער, אַז זיין האַנט און זיין אייגענער קערפּער זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. זיין האַנט ווערט דער „איך" — זיין איי־גענע פּערזענלעכקייט. זיין ליב, דער בויך — די זייטן — די היפטן, זיין גלאַטיקע הויט, זיינע וואַכנדע בלוט־צעלן — דאָס באַלאַנגט צו אַ צווייטן ווילן, אַן אַנדערס וועזן — און ער באַהערשט מיט באַזאַנפטע באַרירונגען דאָס צווייטע לעבן. —

דאָס ליכט שטערט אים אין זיין אינטימיטעט. לעשט ער אויס און ווערט פאַרפאַלן אין אַן אויסגעבעטענער נאַכט, ווי צווישן די בריסטן פון אַ גרויסער אָנגעזעענער מוטער. זיין ליב ווערט פאַרוואַנדלט אין פי־לע לייבער. יעדער טייל פון זיין קערפּער — פאַרוואַנדלט זיך אין באַ־שטאַנד פון אַ צווייטער פּערזענלעכקייט. — זיין „איך" — זיין האַנט — באַזאַנפט זיי. — אויף זיינע אויגן פאַלן טויען פון קאַלטע מוטער־לייבער. ער האָט זיי איינע און איינע אין זיין באַזיץ. וועמען אַרט עס. וועמען גייט עס אָן, וואָס אַ מענטש שאַפט זיך אין זיין פאַנטאַזיע אי־לוזיעס — צו פאַרלירן זיך אין זיי פון זיין אייגענער פאַרלוירנקייט?...

אָבער שפּעטער שעמט ער זיך. פֿאַלט אין כּף־הקלע פֿון זיין אייגענער חרטה. פֿילט זיך איינגעשלאָסן אין ראַנד פֿון זיין קללה, גישט ארויסצוקומען.

וואַרפֿט ער זיך — ווי אַ רעטונג — אין אַ פֿרעמדער וועלט. די וועלט, וואָס פֿרוי הורוויץ האָט פֿאַר אים געשאַפֿן.

דורך זיין אַרבעט פֿילט ער זיך דאָך אָנגעשלאָסן אין איר...

***

ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו זיין נייער באַשעפֿטיקונג, צו לערנען מיט די יונגלייט, וואָס פֿרוי הורוויץ האָט אים צוגעשטעלט, מיט אַן אימפּעט און אַ דאָרשט, ווי דאָס וואָלט געווען די איינציקע רעטונג זיינע.

קודם־כל האָט פֿרוי הורוויץ געזאָרגט דערפֿאַר, אַז ער זאָל זיך אַרויסציען פֿון איינזאַמען האָטעל און וווינען ביי אַ פֿאַמיליע, ביי וועלכער זי האָט אָפּגעדונגען פֿאַר אים אַ צימער, און ווו ער האָט זיך געפֿילט מער באַקוועם, היימלעכער ווי אין האָטעל. זי האָט אים אויך באַזאָרגט מיט מיטאָגן אין דעם הויז און מיט אַנדערע באַדערפֿענישן, ווי: וועש וואַשן, טיי צו יעדער צייט. פֿרוי הורוויצעס גוטסקייט האָט מירקינען גערירט. זיינע שטימונגען האָבן זיך געענדערט. עס האָבן אויפֿגעהערט די וויזיעס און די שלעכטע חלומות ביינאַכט, און דאָס לעבן בייטאָג האָט שוין גיט האָט מער זינען. ער האָט אויך איינגעזען, אַז זיינע זעלבסטמאָרד־אידעען זענען אפֿשר געווען אַ רעזולטאַט פֿון זיין איינזאַמקייט אין די קאַלטע האָטעל־צימערן, אין וועלכע ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט, זינט ער האָט פֿאַרלאָזט זיין פּעטערבורגער היים.

ער האָט צוריקגעקראָגן זיין אינטערעס צום לייענען, און דאָס נייע לעבן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט, די נייע אַטמאָספֿערע, אין וועלכער ער איז אַריינגעפֿאַלן, האָבן פֿאַרגרעסערט זיין חשק צו באַקענען זיך מיט די אַלע פֿראַגן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן אינטערעסירט זיין אומגעבונג. ער האָט זיך געפֿרייט ווי אַ קינד מיט יעדן נייעם געווינס, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין קענטשאַפֿט פֿונעם יידיש לשון, פֿונעם יידישן לעבנסשטייגער, יידישן שאַפֿן פֿון די יידישע מאַסן. צוגעהערט זיך ווי אַ געטרייער תלמיד צו אַלע דיספּוטן וועגן יידישע פֿראַגן ביים לערער הור־

וויץ און אויך ערגעץ אַנדערש-ווו. ער האָט אויפגעהאַלטן דעם בחור נאָ־טע־לייב, וואָס פרוי הורוויץ האָט אים רעקאָמענדירט פאַר אַ תלמיד, גאַנצע שעהען לאַנג אויסגעפרעגט אים וועגן יידישן לעבן, וועגן יידישע יום־טובים. דאָס דייטש, וואָס ער האָט געקענט פון דער היים, איז אים צונוץ געקומען ביים לערנען די יידישע שפּראַך. נאָר נאָך מער פון יידיש האָט ער געלערנט ביים ישיבה־בחור וועגן דעם יידישן אופן דענקען, וועגן דעם יידישן לעבנסשטייגער, וואָס ער האָט באַוואונדערט און פאַרגרעסערט זייער שיינהייט און ווערט, ווי ס'איז די טבע פון יעדן „צוריקגעקומענעם".

מיט דעם בחור נאָטע־לייב האָט ער זיך איבערהויפּט זייער דער־נענטערט. דער בחור האָט אים אַמוזירט און אינטערעסירט, ווייל ער האָט דורך אים, ווי דורך אַ שויבן־פענצטער אריינגעקוקט אין יידישן מוח, ווי ער נעמט־אויף איינדריקן און באַאַרבעט זיי לויט זיין שטייגער. דער בחור נאָטע־לייב, וואָס האָט מיטגעבראַכט פון דער פּראָווינץ אַ געשלי־פענעם גמרא-שכל, האָט אים אויך געוואָלט אָנווענדן צו די נייע לימו־דים, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפּט אין דער שטאָט: געפרעגט קשיות, געדרייט אַ פּלפּול, ווי ביים פשטל אין דער היים. אַממיינסטן אָבער האָט דער בחור אַרויסגעוויזן זיין אַנטוישונג אין די נייע לימודים ביים באַקע־נען זיך מיטן ווֹעזן פון אוגדזער זונען־סיסטעם, געוויר ווערנדיק פון מיר־קינען, אַז אונדזער וועלט איז גאָרנישט אַזאַ מורנו, אַז אַפילו אונדזער זון איז נישט קיין בת־יחידה ביי גאָט, און די הימלען, וואָס מיר זעען, זענען נאָך נישט קיין ריכטיקע הימלען, אַז אינעם אוניווערס געפינען זיך אָן אַ שיעור זונען־סיסטעמען, אַרום וועלכע עס דרייען זיך גרעסערע און קלענערע וועלטן, ברענענדיקע און אויסגעלאָשענע, אַטמאָספעריקע און נישט אַטמאָספעריקע. און עס קאָן גאַנץ גוט געמאָלט זיין, אַז ער־געץ־ווו לעבן אַנדערע ברואים, ענלעך צו אונדז אָדער נישט ענלעך, צו־געפּאַסט לויט די אַטמאָספערישע באַדינגונגען פון זייערע „וועלטן", וועל־כע שטייען אפשר פיל העכער אין שכל, ווי אונדזערע „מענטשן". ער איז געבליבן אַ דערשטוינטער און אַ פאַרוואונדערטער. ער האָט געמיינט, אַז די נייע לימודים, צו וועלכע ער האָט אַזוי געגאַרט און צוליב וועלכע ער האָט אָוועקגעוואָרפן זיין קליינשטעטלדיק רואיק לעבן, וועלן אים צוריק־געבן אַ נייע אמונה, וואָס וועט אים אויפקלערן בדרך הטבע דעם סוד פון דער יצירה, — און דאָ איז ער געבליבן שטיין פאַר דעם זעלבן „אין־

סוף", ווי אין דער אַלטער אמונה, נאָר מיט דעם חילוק, וואָס נאָך דעם „אין־סוף" פון דער אַלטער אמונה איז געשטאַנען אַ גרויסער גאָט, וואָס האָט געטראָגן אין זיין האַנט דעם פונדאַמענט פון דעם אַלעם, און דאָ אונטער דעם „אין־סוף" איז אַ גרויסע פוסטקייט און אַ גרויסע אומפאַר־שטענדלעכקייט.

— וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איר האָט מיר אויפגעדעקט אַ „טפח" פון דער יצירת אלקים, אַז איך זע, אַז אַביסל ווייטער איז דער גאַנצער „אין־סוף" דאָ. דער מענטש זעט דאָך נאָר זיינע ד' אמות פאַר זיך, זיין שטיקעלע וועלט און די פאָר שטערן און די זונען, וואָס אונדזערע פאַר־גרעסערונגס־גלעזער קאָנען פאַרלויפיק דערגרייכן. ווייטער, אין דעם „אור־ניווערס", וואָס איר רופט, איז דאָך ווידער דאָ זונען און וועלטן, וואָס דרייען זיך אַרום זיי, איז דאָ דער „אין־סוף". און ווי אַזוי קאָן דער מענטש לעבן אינעם „אין־סוף" אָן אַ גאָט? ס'נעמט דאָך אָן אַ שרעק? — האָט דער בחור געפרעגט מיט פחד אין די אויגן.

אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט אים מירקין נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט אים געקאָנט זאָגן, איז געווען: אַז די וויסנשאַפט לייקנט נישט אָפּ די עקזיסטענץ פון גאָט. פאַרקערט, די וויסנשאַפט איז אַ לאָמפּ, וואָס באַלויכט די פאַרבאָרגענישן פונעם געטלעכן שאַפן, וואָס מיר רופן „נאַטור". דעם עצם „גאָט" אַליין זענען מיר זיך נישט ביכולת, מיט אונדזערע היינטיקע דערוואָרבענע חושים, אויפצוקלערן, פונקט אַזוי ווי מיר זענען נישט בכוח מיט אונדזערע ערדישע, באַשרענקטע חושים אויפצוקלערן, אָדער צו באַגרייפן דעם „אין־סוף". דער מענטש איז נאָר די אַנטוויקלטע חיה, וואָס געפינט זיך אויף דעם קליינעם שטויבעלע ערד. אפשר געפינט זיך אין דעם אוניווערס אַזאַ וועלט, וואָס איז אָן אָן ערך עלטער פון אונדזערע, און לויט די אַטמאָס־פערישע באַדינגונגען פון יענער „וועלט" געפינען זיך דאָרטן אַזעלכע אַנטוויקלטע ברואים, וואָס האָבן זיך שוין דערוואָרבן אינסטינקטן, מיט וועלכע זיי קאָנען באַגרייפן, וואָס עס הייסט „אָן־ענד", און קאָנען באַ־גרייפן, וואָס עס איז „גאָט". אונדזערע איידעלסטע חושים, דורך וועלכע מיר נעמען אויף קענטענישן און איינדרוקן, אונדזערע געהירן און נערוון זענען דאָך אויך נאָר פּראָדוקטן פון כעמישע שטאָפן, וואָס טראָגן שוין

אין זיך דעם טויטנדן סם „באַגרענצונג", וואָס עס טראָגט אין זיך די ערד, אויף וועלכער מיר לעבן.

דעם בחורס אומרואיקייט, זיין אייביק זוכן אין יעדער זאַך, וואָס ער האָט געלערנט, דעם תכלית, האָט מירקינען אויפגעקלערט זיין אייגענע אומרואיקייט און זיין אייגן זוכן. „דאָס איז דער כאַראַקטער־שטריך פון דער ראַסע", — האָט ער זיך געזאָגט. „מיר קאָנען נישט לעבן אויף הפקר, אויף דערווייל: מיר מוזן וויסן אַ פאַרוואָס און אַ פאַרוואָן".

צוליב דעם בחור האָט ער געקראָגן אַן אינטערעס צו דער יידישער פילאָזאָפיע און יידישער עטיק. ער פלעגט אַרויפקומען איצט אין די אָוונטן צום לערער הורוויץ, כדי מיט אים צו פאַרפירן געשפּרעכן איבער די דאָזיקע טעמעס, צו קריגן פון אים ידיעות און איינצושאַפן זיך דורך דעם לערער די נייטיקע ספרים פון יידישן דענקען. דער לערער, וואָס האָט ביי מירקינען געפונען אַ גינסטיקן באָדן פאַר זיינע ידיעות, האָט מיט זיין גאַנצן לערער־חשק זיך גענומען מירקינען אויפצוקלערן איבער יידישער געשיכטע און מיטל־עלטערישער יידישער פילאָזאָפיע. ער האָט אים דערציילט — וואָס מירקין האָט גערן געהאַט — איבער דעם אייגנאַרטיקן יידישן דענקען פון די שפּאַנישע און דייטשע רעליגיע־פילאָזאָפן. דער לערער האָט דאָ געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצולאָדן אַלע זיינע ידיעות, מיט וועלכע זיין לערער־חשק האָט אים גענויט זיך צו טיילן. קיין זאַך האָט הורוויצן נישט געקאָנט מאַכן מער גליקלעך און מער צופרידן, ווי צו געפינען אַ פּאָר נייע, פרישע, אומבאַרירטע אויערן פאַר זיינע קענטעניש. מירקין, פאַרשטייט זיך, האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו זיינע געשפּרעכן, אויפקלערונגען און קאָמענטאַרן, וואָס דער לערער האָט צעלייגט אויף טעלערלעך. און ווען רחל־לאה האָט הינטער דער טיר פון איר קיך דערהערט ווי איר מאַן לערנט מיט מירקינען „תורה", האָט זיך איר האַרץ אין איר געפרייט, נישט קאָנענדיק זיך דערקלערן די סיבה דערפון, און איר גאַנץ פנים האָט געשטראַלט מיט גליק, פונקט ווי עס וואָלט געווען איר אייגן קינד.

אַ חוץ מיטן בחור נאָטע־לייב, האָט נאָך מירקין געלערנט מיט עטלעכע עקסטערנעס אַלגעמיינע גימנאַזיע־לימודים. פרוי הורוויץ האָט שוין איצט צוגעשיקט צו אים יעדן בחור, וואָס האָט זיך געווענדעט צו איר.

די אַלע לעקציעס האָט ער געגעבן בײַ זיך אין צימער צו אײנצלנע אָדער צו גרופּן, וואָס זענען נישט מער באַשטאַנען ווי פון צוויי, כדי זיי זאָלן נישט אַרויסרופן קיין אויפמערקזאַמקייט מצד דער פּאָליציי, אַז מ׳גייט צופּיל צו אים.

דער „זשאַבלינער״ האָט אים אויך אין די אָוונט־שעהען אייניקע מאָל געהאַט אוועקגעפירט אויף פאַרשידענע וווינונגען. יעדעס מאָל אויף אַן אַנדערע, אין די אָרימסטע קוואַרטאַלן פון דער שטאָט, ווו ער האָט געלערנט מיט אַרבעטער־גרופּעס עלעמענטאַרע לימודים, אָדער פאָרגע־לייענט פּאָפּולערע לעקציעס איבער פיזיק, באָטאַניק און אַנדערע אַזעלכע לימודים. די לעקציעס זײַנע זענען פאָרגעקומען פאַר גרופּן, וועלכע זע־נען אַמיינסטן באַשטאַנען פון דער אַרבעטער־יוגנט, אָפּטמאָל געמישט אויך מיט עלטערע מענטשן פון ביידע געשלעכטער, מייגסטנס אין ווערק־שטעלן, בײַ אַ סטאָליער אָדער בײַ אַ בייטל־נייער, כדי אין פאַל פון אַ פּאָליציייאישן איבערפאַל, זאָלן די אָנוועזנדע זיך כאַפּן צו די מאַשינען און אַרבעטס־טישן.

דאָ און דאָרט האָבן אַרויסגעקוקט צו אים פון די קאַרג־באַלויכטענע שטיבער גלאַנצנדיקע אויגן אונטער אַ יידיש שוואַרץ היטל, וואָס האָבן געגאַרט נאָך עפּעס; אַן אַנדערש מאָל אַ פּאָר פרענגנדיקע בליקן פון אונ־טער אַ צעשויבערטן מיידלשן שטערן, וועלכע האָבן עפּעס געוואָלט דער־גיין אַ סוד. אַ טייל עלטערע, אויסגעמאַטערטע אַרבעטער זענען אײַנגע־שלאָפן אויף די ערשטע בענקלעך און הויך געכראָפּעט בײַ זײַנע לעק־ציעס. אַנדערע האָבן געקוקט אויף אים נאַאיוו. זייערע בליקן האָבן אַרויס־געוויזן מער נײַגעריקייט איבער אים אַליין איידער איבער דער עצם־זאַך, וועגן וועלכער ער האָט גערעדט. זאַכאַרי אַליין האָט געהאַט אַ דאָרשטיקן פאַרלאַנג זיך צו באַקענען מיט זײַנע צוהערער, צו קענען יעדן פון זיי באַזונדער, צו רעדן מיט זיי און אויסצוגעפינען ווער זענען דאָס די, פאַר וועלכע ער שטייט.

מ׳האָט אים קיינמאָל נישט איבערגעלאָזט מיט זײַנע צוהערער אַליין. מירקין האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, ווען און ווו ער וועט האַלטן זײַנע לעקציעס. מען איז אים געקומען נעמען, און מען האָט אָפּגעוואַרט די גאַנצע צייט פון זײַן פאָרלעזן. דערנאָך האָט מען אים אוועקגעפירט מען האָט זיך גאָרנישט געשעמט אַרויסצווייזן דעם אומצוטרוי, וואָס

מ׳האָט נאָך צו אים. פאַרקערט, מ׳האָט זיך געמיט צו געבן אים אָנצוהע־רעניש אויף שריט און טריט, אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער און באַלאַנגט צו אַן אַנדער וועלט, און מען באַנוצט זיך מיט זיין אָפּפערווילִיקייט דערפאַר, ווייל ער, מירקין, האָט דאָך סיי־ווי־סיי גאָרנישט עפּעס בע־סערס צו טון, און מ׳האַלט אים ביז מ׳וועט זיך קאָנען באַגיין אָן אים.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם אומצוטרוי, וואָס מ׳האָט צו אים, און עס האָט אים געקרענקט אויך. קודם־כל האָט מען אים געלאָזט צורו, ווען מ׳האָט נאָר געקאָנט. אַ חוץ אויף לעקציעס, האָט מען אים אין ער־געץ נישט גערופן. ער האָט באַלד אויסגעפונען — און עס איז נישט שווער געווען דאָס אויסצוגעפינען — אַז מ׳האָט עפּעס ספקות וועגן די מאָטיוון פון זיין האַנדלען. שוין דאָס רעדן צו אים איז נישט געווען ווי צו אַן איי־גענעם. מ׳האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן צוצוגעבן אים דעם טיטל „הער״ צו זיין נאָמען, און דאָס האָט זיך אָנגעהויבן פון „זשאַכלינער״ ביז צו די תלמידים זיינע. אַלע האָבן גערעדט מיט אַ געוויסן דרך־ארץ. ער האָט געקאָנט גלייך באַמערקן, אַז ער איז דער איינציקער זאַטער צווישן זיינע נייע באַקאַנטע. כמעט אַלע זיינע תלמידים זענען געקומען מיט הונגעריקע מאָגנס אויף זיינע לעקציעס. אַ סך מאָל האָט ער זיך געשעמט פאַר זיין זאַטקייט. אָבער ער האָט נישט געוווּסט, ווי זיך קעגן דעם צו העלפן.

צוערשט האָט ער זיך זשענירט פאַרצולייגן די בחורים, וואָס זענען געקומען אויף זיינע לעקציעס, אַז זיי זאָלן נעמען שטיצע פון אים, מיי־נענדיק מיט זיין נאַאיווקייט, אַז זיי וועלן זיך דורך דעם פילן באַליי־דיקט. דערנאָך, אַז ער האָט דאָס געפּועלט ביי זיך (אַנדערע האָבן אים אויף אַזוי פיל פאַרלייכטערט זיינע שוועריקייטן דורך דעם, וואָס זיי האָבן אַליין ביי אים געבעטן) — האָט ער באַלד איינגעזען, אַז די, וועל־כע ער וואָלט געוואָלט העלפן און וועלכע נייטיקן זיך אַממייניסטן, האָבן דווקא אויסגעמיטן זיין באַרייטווילִיקייט און זיך אָפּגעזאָגט, און דאָס אין אַזאַ פאָרם, אַז זיי האָבן אים קלאָר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פון אים ווילן זיי קיין הילף נישט אָננעמען. אַנדערש וואָלט געווען, ווען ער וואָלט געווען אַן אייגענער.

זיין פאָטערס וואַכיק אויג האָט מירקינען באַגלייט דורך דעם גאַנצן וועג, ווו ער איז געגאַנגען, זינט ער איז אַוועק פון דער היים. יעדן ערשטן האָט מען אים — ווו ער האָט זיך געפונען — צו וויסן געגעבן פון אַ

געוויסן ביורא, וואָס איז געווען אַ דירעקטע פּיליע פון זיין פּאַטערס געשעפט, אַז עס זענען דאָ פּאַר אים גרייט געוויסע סומעס געלט. מירקין האָט נאָר אַזוי פיל גענומען פון זיין ביורא, וויפל זיין באַשיידן לעבן האָט געפאָדערט. מ'האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, און ער האָט עס גאַנץ גוט געוווסט, אַז מ'וועט זיך נאָר פילן גליקלעך, ווען ער וועט אויסנוצן זיין גאַנצן קרעדיט, וואָס איז אָפן פאַר אים אָדער אפילו זיין קרעדיט איבערצוציען. ווי יעדער פאַרזאָרגטער מענטש, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט דאָס געפיל פון נאַקעט און הונגעריק, האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט דערפון. ער האָט אָנגענומען דעם אייזערנעם בריק, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען, און די וואַנט, וואָס באַשיצט אים, פאַר אַזעלכע פאַרשטענדלעכע זאַכן, אַז ער האָט נישט איינגעזען קיין אורזאַך, אַז צוליב דעם זאָל אים ווער קאָנען מקנא זיין, אָדער מ'זאָל צוליב דעם נישט האָבן קיין צוטרוי צו אים. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַזאַ נאַטירלעכע זאַך, ווי דער הימל איבערן קאָפּ און ווי די לופט, וואָס מ'שעפּט־איין. געוויס האָט ער זיך גאַנץ גוט אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז די אַלע, וואָס זענען ארום אים, זענען מענטשן פון דער גאַס, מענטשן אָן היימען, וואָס האָבן גאָרנישט, אַ חוץ זייער איינגעשטיקט לעבן און זייער בלויז לייב. אָבער פאַר אַזאַ איינעם האָט ער זיך דאָך אויך געהאַלטן, און ווי יעדער זאַטער, האָט ער נישט געוווסט, אַז די פיזישע פאַרזאָרגונג, וואָס זיין קערפּער האָט, זאָל אויף אַזוי פיל אויסמאַכן, זאָל אויף אַזוי פיל זיין וויכטיק, אַז צוליב דעם זאָל מען אים אונטערשיידן פון אַנדערע.

עס האָבן אָנגעהויבן ארומצוגיין ווענן אים לעגענדעס, אַז ער איז אַ מיליאָנערס אַ זון, וואָס האָט אוועקגעוואָרפן זיין פּאַטערס הויז און איז געקומען לעבן צווישן די יידישע מאַסן. מ'האָט עס נאָך באַפּוצט מיט לעגענדעס, וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע פאַרפעלט קיינמאָל נישט צו וועבן ארום אַ גינסטיקן באָדן. מ'האָט דערציילט ווענן אים פאַרשידענע מעשיות. און עס איז גענוג געווען, אַז ער זאָל זיך ערגעץ באַווייזן, ווו מ'האָט אים געקענט, און מ'זאָל אויפהערן יעדעס געשפּרעך און פילן זיך אומבאַקוועם אין זיין קעגנוואַרט. ער האָט צוליב דעם נישט געקאָנט מאַכן קיין נייע באַקאַנטשאַפט און געפילט זיך אַזוי איינזאַם, אָפּגעזונדערט, ווי פריער.

א חוץ דאָס הויז פון פרוי הורוויץ האָט ער קיין אַנדער הויז אין וואַרשע נישט געקענט. נאָר אַפילו דאָרט, ביי דעם לערער הורוויץ, האָט ער דערפילט, אַז די איינציקע, וואָס באַציט זיך צו אים איינפאַך, מוטערלעך, איז געווען די פרוי הורוויץ. אַלע איבעריקע שטוב־מענטשן, פונעם לערער ביז צו די טעכטער זיינע, און מער פון אַלע זייער ייִנגסטער זון, דער גימנאַזיסט, האָבן זיך נישט נאָר צו אים באַצויגן קאַלטלעך, נאָר מ'האָט באַשיינפּערלעך געקאָנט פילן זייער אומצוטרוי צו אים. יעדעס מאָל, ווען ער איז אַריינגעקומען און נישט געפונען פרוי הורוויץ, האָט ער נישט געקאָנט לאַנג פאַרבלייבן, אַזוי ווי די בליקן וואָלטן אים אַרויסגעטריבן. דאָס ערשטע וואָרט, מיט וועלכן מ'האָט אים מכבד געווען ביי דער טיר איז געווען: „די מאַמע וועט באַלד אַריינקומען", אָדער „די מאַמע איז נישטאָ", אַזוי ווי מ'וואָלט אים מיט דעם געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז אַ חוץ דער מוטער, האָט קיינער דאָ אין הויז נישט קיין אינטערעס פאַר אים. דער אומצוטרוי צו אים האָט אים וויי־געטון, און ער האָט זיך געפילט ווי פריער איינזאַם און אַליין.

קאַפּיטל 13

דער ערשטער „מי שברך"

איינמאָל האָט דער „זשאַכלינער" אוועקגעפירט מירקינען אויף אַ פאַרלעזונג. עס האָט געזאָלט זיין אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע לעקציע איבער סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענינים. מירקין האָט עס געזאָלט האַלטן פאַר אַרבעטסלאָזע, וואָס מ'האָט געוואָלט שטילן זייער הונגער מיט פאַרטראַגן. די לעקציע איז פאָרגעקומען ערגעץ אין אַן אַנשטאַלט, וואָס מירקין האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן וואָס דאָס איז: אַ ווערקשטעל, צי אַ נאַכטלעגער פאַר אָרימע. עס איז געווען אין אַ קעלער פון אַ סטאָלעריי, אָנגעשטעלט מיט לאַנגע ווערקשטעל־טישן, מיט מכשירים, הובלעכץ, טעפּ מיט קלעבעכץ, פון וועלכע ס'האָט זיך געפילט אַ שלעכטער ריח, אַזוי ווי פון אַ זויער־געוואָרענעם, איבערגעשטאַנענעם געקעכץ. פון אַלע ווינקלעך האָבן אַרויסגעקוקט אייזערנע בעטלעך. אַ טייל זענען געווען אויפ־

געשטעלט און באַנוצט געוואָרן פאַר בענק. אויף צווייפּלהאַפטיקע בעט-געוואַנט און טונקעלע שמוציקע קאָלדרעס זענען געזעסן פאַרשידענע מענטשן, וועלכע ער האָט נישט גוט געזען אין דעם קאַרגן שיין פון דער גאַז-באַלויכטונג, מיט ראָזעווע פּאַפּיר באַהאָנגען, וואָס האָט באַלויכטן דאָס געוועלב-קעלער.

פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין דעם קעלער, האָט מירקין גלייך דערפילט אַ שלעכט-אַנזאָגנדיקן אומצוטרוי צו אים, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַלעמענס בליקן אויף אים. מירקין האָט שוין דענסטמאָל גערעדט אַביסל יידיש, כאָטש נאָך זייער רוסיפּי-צירט, מיט פיל גרייזן. צו אַזעלכע לעקציעס האָט ער זיך צוגעגרייט און דווקא זיך געוואָלט אויספּיינען מיט זיין יידיש. אַזוי ווי ער האָט אָבער נישט געקאָנט גוט יידיש רעדן, איז זיין שפּראַך געווען אַ שלעכט דייטש (וואָס ער האָט געמיינט, אַז עס איז יידיש), געמישט מיט רוסישע ווער-טער. מירקין האָט די פאַרלעזונגען זיינע פאַר אַרבעטער גענומען זייער ערנסט און געמיט זיך צו באַלעבן זיינע ווערטער מיט ביישפּילן פון זיין אייגענער דערפינדונג. נאָר קוים האָט זיך דערהערט באַלד ביים אָנהייב זיין פאַרדייטשט יידיש, איז געוואָרן אַ געלעכטער אין די ווינקלען. דער קאָנטאַקט צווישן דעם רעדנער און די צוהערער האָט זיך פאַרלוירן. מיר-קין איז דערשטוינט געבליבן אַ וויילע, אָבער ער האָט זיך מיט אַן אומ-באַהאָלפענעם שמייכל פאַרענטפערט פאַר זיין שלעכטן יידיש און צוגע-זאָגט, אַז אין דער צוקונפט וועט ער זיך מיען אויסצובעסערן זיין לשון, און געפּרוווט ווייטער אָנגיין מיט זיין לעקציע. דער עולם אָבער האָט אים שוין נישט געהערט. מ'האָט גערעדט אין די ווינקעלעך און נאָכגע-קרימט יעדעס שלעכט-אַרויסגעזאָגט וואָרט זיינס. מירקין, וועלכער האָט געגלויבט, אַז ער טוט אַ וויכטיקע און הייליקע אַרבעט, האָט זיך געמיט נישט צו לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון דער גרינגשעצונג און אויפצוהאַלטן דעם פּאַטעטישן טאָן, וואָס ער פלעגט שטענדיק איינשלאָגן אין זיינע לעקציעס. אָבער אין די ווינקעלעך צווישן דעם צוזאַמענגעקומענעם הונ-געריקן עולם, וואָס האָט אין מירקינס אויגן אויסגעזען ווי איין מענטש מיט אַ סך גופים, האָט מען שוין גערעדט הויך. איינער האָט איבערגע-פרעגט דעם אַנדערן: ווער איז ער, דער יאָלד? און אָפּגעענטפערט עפּעס נישט זייער קיין חניפהדיקס אויף זיין אַדרעס. מירקין איז צוערשט גע-

וואָרן בלאַס, געהאַלטן אין איין אידיאָטיש שמייכלען, און נישט גע־ ווּסט ווי אַרויסצוקריכן פון דער סיטואַציע. ער האָט געפּרוווט ווייטער אָנגיין מיט זיין רעדן. פּלוצים האָט זיך אויפגעשטעלט איינער פון הינטן, וואָס איז געווען מרדכי דער הויקער, און געפרעגט שוין הויך:

— יאָך פאַרשטיי נישט. מיר האָבן געמיינט, אַז מ׳האָט אונדז דאָ צוזאַמענגעבראַכט צו הערן עפּעס אַ ריכטיק וואָרט, און דאָ האָט מען אונדז אַראָפּגעבראַכט עפּעס אַ בורזשוק, וואָס וויל טון פילאַנטראָפּישע אַרבעט צווישן די מאַסן. זאָל ער גיין אין דער יידישער גמינע אַריין אויף גזשיבאָווסקע.

— ער הערט דאָך, — ציט אים פון הינטן הענעך דער סטאָליאַר, וואָס זיין ווייך האַרץ האָט נישט געקאָנט צוזען דעם צער פון מירקינען.

— זאָל ער הערן, וואָס האָב יאָך מורא פאַר וועמען.

מירקין האָט אויפגעהערט צו רעדן: ער האָט זיך אַרומגעקוקט צע־ מישט, בלייך, מיט אַן אָפן מויל, געריבן זיך מיט די בלייכע הענט די וואָנצעלעך. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געוווסט וואָס.

די אידעאַליסטישע מאַסע קאָן זיין אַכזריותדיק ברוטאַל, ווען זי געפינט איר קרבן. צי איז דאָס געווען זיין אויסטיילן זיך פון די אַרומי־ קע מיט זיין בכבודיקער באַקליידונג צווישן דעם האַלב־אָפּגעריסענעם עולם, וואָס האָט זיי געמאַכט אַזוי ביטערלעך געשטימט קעגן אים? וואָס מער מירקין האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוווסט ווי אַרויסצוגיין פון דער לאַגע, וואָס בלייכער און אומבאַהאָלפענער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט עס גערייצט דעם אָנפאַל־אַפּעטיט פון די פאַרזאַמלטע אויף אים.

— יאָך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, ווי עס האָבן אים געשמעקט די קאָטלעטן היינט ביים מיטאָג־עסן? — זאָגט אַ בלייכער יונגערמאַן און ווייזט אַרויס זיינע ציין־פאַרלוירענע יאַסלעס אין געלעכטער.

— גלייב מיר, וואָס דאָס אַכלט־אויף אויף איין מאָלצייט, וואָלט פאַר אונדזערס איינעם גענוג געווען אויף דריי טעג.

— מיטן ווייב און קינד צוגעלייגט, — זאָגט אַ האַלב־פאַרשלאָפע־ נער, נישט ראַזירטער מיטל־יעריקער אַרבעטער, מיט רויט־באַפּאַרבטע הענט, אין אַ פלעגמאַטישן טאָן, פוילנדיק זיך אַפילו דערביי צו לאַכן.

— הערט אויף, עס איז דאָך אַ רחמנות אויף אים. זעט, ער איז אַזש בלייך געוואָרן, — זאָגט אַ דערשלאָגן מיידל.

— וואָס ברענגען זיי צו אונדז אַזעלכע יאָלדן?

שפּעטער, אַז מירקין איז אַהיימגעגאַנגען מיטן „זשאַבלינער" דורך די באַשנייטע גאַסן אין געלן ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון די עלעקטרישע לאָמפּן פון די געוועלבלעך, האָט זיי דער „זשאַבלינער" פאַרענטפערט:

— מענטשן זענען פאַרביטערט. שוין דעם צווייטן חודש, ווי עס איז קיין אַרבעט נישטאָ ביי דער לעדער־בראַנזשע, אין די טריקאָטן־שפּינערייען, צווישן די שאַבלאָן־מאַכערס. מ'דאַרף נישט פאַראיבל האָבן — זיי זענען הונגעריק.

— און אַז זיי זענען הונגעריק, וואָס בין איך שולדיק? — פרעגט דער ביטער געוואָרענער מירקין.

— איר האָט אַמאָל געהונגערט, פּאַניע מירקין? — פרעגט אים דער „זשאַבלינער", אָפּשטעלנדיק זיך אין מיטן גאַנג.

מירקין איבערלייגט זיך, קלערט אַ ווײַלע און גיט צו מיט שעמעוודיקייט:

— ניין.

— זעט איר, און זיי דערפילן דעם, וואָס האָט נישט געהונגערט.

— צוליב דעם, וואָס זיי הונגערן, איז נאָך נישט באַרעכטיקט זייער האַנדלען קעגן מיר. איך ווייס נישט, וואָס עס וועט אַרויסקומען, ווען איך וועל אויך הונגערן? נאָך אַלעם בין איך דאָך נישט געקומען צו זיי שלעכטס טון, אַז ס'קומט מיר דעריבער אַזאַ ברוך הבא.

— פּאַניע מירקין, — ענטפערט דערויף דער „זשאַבלינער", — צווישן אונדז און אייך שטייט אַן אייזערנע וואַנט, איר וועט אונדז קיינמאָל נישט קאָנען פאַרשטיין. ווי אַזוי קאָנט איר אונדז פילן, אַז איר האָט זיך קיינמאָל נישט געפונען אין דער סיטואַציע פון אונדזערס איינעם? וואָס ס'זאָלן נישט זיין די מאָטיוון, וואָס האָבן אייך געבראַכט צו אונדז, — זאָגט דער „זשאַבלינער", וועלכער האָט ליב געהאַט צו רעדן און גערעדט נאָר אויף אַ געלעגנהייט, — און איך צווייפל נישט אין דער אויפריכטיקייט פון זיי, — וועט איר קיינמאָל נישט פילן, נישט פאַרשטיין און נישט באַגרייפן אונדז. ווייסט איר פאַרוואָס? טאַקע דערפאַר, ווייל איר האָט

קיינמאָל נישט געהונגערט, ווייל איר האָט קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אָט דאָס, ווען איר שטייט איינער אַליין אין דער גאַס און פאַרמאָגט גאָר־נישט, נאָר אייער נאַקעט לייב. האָט איר אַמאָל געקלערט וועגן דעם, ווו איר וועט היינט אָוונט באַהאַלטן אייער קערפּער? האָט איר אַמאָל געהאַט דאָס געפיל צו גיין אין גאַס און צו זען הייזער און הייזער, באַלויכטענע פענצטער ארויסקוקן פון אומעטום, און נישט האָבן קיין איין טיר, ווו אריינצוגיין? עס האָט שטענדיק ערגעץ־ווו געוואַרט אַ וואַרים בעט אויף אייך. איר האָט קיינמאָל נישט מינוט געלעבט אָן אַן אדרעס. פאַר־שטייט איר, וואָס ס'הייסט ארומצודרייען זיך אין די גאַסן, אָן אַן אדרעס?... איר האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן אייערע טאָג־טעגלעכע נויטן. אייך קומט־פאַר, אַז דאָס פאַרזאָרגן מיט שפּייז פאַר אונדזער קערפּער, איז אַזאַ נאַטירלעכע זאַך, ווי די זון, ווי די לופט, ווי דער הימל איבער אונדזער קאָפּ. זאָל מען אייך אויף איין טאָג, אויף איין שעה אריינזעצן אין אַ לופט־ענגן צימער, וועט איר פון גאָרנישט קלערן, נאָר ווי אַזוי אויסצור־האַקן אַ לאָך אין דער וואַנט, כדי איר זאָלט באַקומען לופט. דאָס זענען די געדאַנקען פון אַ הונגעריקן מענטש. ער קלערט וועגן גאָרנישט עפּעס אַנדערש, נאָר פון עסן און ווו צו שלאָפן. דאָס איז די וואַנט, וואָס שטייט צווישן אונדז און אייך.

— אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט אָט די טעגלעכע זאָרגן, וואָס איר רופט־אָן דאָס זעטיקן מיינע פיזישע נויטן, איז מיין קומען צו אייך ארויסגערופן געוואָרן דורך אַ פיל העכערן אידעאַל, ווי די נויט, דורך אַן אינערלעכן טרייב, — זאָגט מירקין.

— עס איז נישטאָ קיין מער אינערלעכער טרייב, קיין מער אידעאַליס־טישער און העכערער מאָטיוו, ווי די נאַקעטע נויט. דאָס איז דער פּאַס, וואָס די מאַסן אָנערקענען — צוצולאָזן צו זיך. און דאָס איז די איינ־ציקע גאַראַנטיע, אַז דאָס קומען איז אַן אמתדיקס און אַ שטענדיקס, גע־בונדן דורך איין גורל מיט אַלעמען. וואָרים נאָך אַלעמען, וואָס האַלט אייך, אַז איר זאָלט אין אַ שיינעם טאָג נישט אַוועקגיין פון אונדז, פּונקט אַזוי ווי איר זענט געקומען צו אונדז? אייער קומען איז נישט ארויסגע־רופן געוואָרן דורך אַ נויטווענדיקייט, נאָר דורך אַ קאַפּריז, זאָל זיין אַן אידעאַלער קאַפּריז, און מאָרגן קאָנט איר האָבן אַן אַנדערן קאַפּריז. אַ

טירל שטייט שטענדיק אָפן פאַר אייך, און ערגעץ־ווו וואַרט אַ וואַרימע היים פאַר אייך.

— איז דאָס די סיבה פון אייער אומצוטרוי צו מיר, דאָס, וואָס איך בין צופעליק פאַרזאָרגט מיט מיין חיונה? איך גלויב נישט, אַז דאָס איז אַ ריכטיקע מאָס צו מעסטן מענטשן, אויב זיי זענען הונגעריק אָדער זאַט. הונגעריק ווי זאַט זענען אויסערלעכע צושטאַנדן, און דער מענטש קאָן זיין אין יעדן צושטאַנד גוט אָדער שלעכט, גערעכט אָדער אומגערעכט. איבריקנס, אַז מ׳זאָל משפּטן מענטשן דערפאַר, וואָס זיי זענען פאַרנומען נאָר מיט זייער חיונה, וואָלט מען באַדאַרפט פאַרדאַמען אַלע גאָטס באַשעפענישן. די גאַנצע גאָטס וועלט ווערט געפירט אין אַ בורזשואַזער אָרדענונג. אַלע פייגל און אַלע חיות, אַלע בלומען און געוויקסן זענען נאָר פאַרנומען מיט איין זאַך: זיי זאָרגן נאָר, ווי אַזוי זיך צו באַשאַפן חיונה און ווי אַזוי איבערצולאָזן דער שפּעטערדיקער וועלט זייער פאָרזעצונג.

— אָבער גאָטס באַשעפענישן קלייבן נישט אָן קיין ירושות, לעבן נישט פון אָנגעקליבענע פאַרמעגנס, וואָס זייערע עלטערן האָבן אָנגעזאַמלט. זיי קעמפן־אויס זייערע ביסנס מיט די נעגל, קלייבן־אָן חיונה, איינצל אָדער קאָלעקטיוו, מיט אייגענע כוחות.

— דאָס איז אונדזער עודף איבער דער בהמה און חיה. פאַרלויפיק האָבן מיר דעם אָנקלייב און דער ירושה צו פאַרדאַנקען אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע.

— אַז איר רופט דאָס אָן „ציוויליזאַציע”, ענטפערט דער „זשאַבלינער” פאַרביטערט.

— קיין אַנדערע האָט די מענטשהייט נאָך נישט אויסגעקלערט, און כל־זמן מיר האָבן נישט קיין אַנדערן אָנהאַלט, איז דאָס אונדזער ביסל אָרימקייט, אַז נישט, וועלן מיר גאָר פאַרווילדעוועט ווערן.

— איך בין נישט אַזוי געבילדעט ווי איר, — רופט זיך אָן צום סוף דער „זשאַבלינער”, — נאָר איינס ווייס איך, אַז טאַקע דאָס „אָנקלייבעניש” איז די וואַנט, וואָס שטייט צווישן אונדז און אייך, און דורך דער וואַנט וועלן מיר נישט דורכשפּרייזן.

זיי זענען זיך צעגאַנגען ברוגזלעך.

קאפיטל 14

איבערגעשניטן דעם נאפל

דערווייל האט זיך געמאכט עפעס א זאך, וועלכע האט פון אונטער מירקינען אונטערגעשניטן די צווייג, אויף וועלכער ער איז אזוי זיכער געזעסן, פיל פריער ווי ער האט עס אליין גערעכנט. ער איז א סך פריער אנגעוויזן געווארן אויף זיך אליין, איידער ער האט נאך צייט געהאט זיך צוצוגרייטן דערצו. ער איז געקומען אין קאנטאר אריין פון זיין פאטערס אגענט אין ווארשע איינצוארדענען מיט אים וועגן די געלט-אנגעלעגנ־הייטן אין דער צוקונפט. דער אגענט האט אים איבערגעגעבן א פאר־מאכטן בריוו, וואס איז אנגעקומען פאר אים.

— מיר האבן אייך ארומגעזוכט און נישט געקאנט געפינען. דער בריוו ליגט שוין פאר אייך א געוויסע צייט. אין האטעל, וואס איר האט פארלאזט, האט איר נישט געלאזט אייער אדרעס.

מירקינען האט דער בריוו אינטריגירט. ער האט דערקענט דעם פא־טערס האנטשריפט אויפן קאנווערט. זינט ער האט פארלאזט פעטערבורג, איז עס געווען דער ערשטער צייכן פון יענעם לעבן, און דאס האט אין אים אויפגעוועקט אלטע דעראינערונגען. כדי אן ענדע צו מאכן, האט ער בדעה געהאט נישט צו עפענען דעם בריוו, אפצושיקן אים אומגעלייענט. די נייגעריקייט האט אבער אין אים געזיגט, ער האט אים אויפגעעפנט און געפונען א קורצע ידיעה מיט זיין פאטערס אייגנהאנטיקער אייליקער שריפט:

„איך האב געפונען פאר נייטיק צו פארריכטן דאס שלעכטס, וואס דו האסט אנגעמאכט. לעצטן נאוועמבער האבן מיר זיך פארבונדן אין א חתונה־באנד מיט נינא סאלאמאנאווונא".

דאס בלוט האט געגעבן א זעץ אין זיין פנים. די הענט האבן אים אנגעהויבן צו ציטערן. פאר כעס האט ער זיך שארף איינגעביסן די ליפ. ער האט געבעטן טינט און פעדער און אנגעשריבן אויף זיין פאטערס אדרעס די דאזיקע ווערטער:

„איר זענט א פאדליעץ, און איך וויל גארנישט האבן מיט אייך וואס צו טון".

פאַרמאַכט דאָס שרייבן און געבעטן דעם אַגענט איבערצושיקן עס דעם פאָטער זייַנעם.

— און וואָס טון מיט דעם געלט פאַר אייך? דער פעטערבורגער קאַנטאָר באַרעכטיקט אונדז אייך אויסצוצאָלן טויזנט רובל אַ מאָנאַט. מיט די פריערדיקע געלטער, וועלכע איר האָט נישט אינגאַנצן אויסגע־נוצט, האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ היפּשע סומע.

— טוט וואָס איר ווילט, פון מייַנעטוועגן קאָנט איר זיי צוריקשיקן. געוויס, שיקט זיי צוריק צוזאַמען מיטן בריוו.

דער דירעקטאָר פון דער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט, וואָס איז געווען אין וואַרשע דער קאָרעספּאָנדענט פון זייַן פאָטערס קאַנטאָר, האָט אים אָנגעקוקט דורך זייַנע פינקלדיקע ברילן, און דער אייַנגעלייגטער שטיי־פער קאָלנער פון זייַן געפּרעסט העמד האָט זיך זייער געפינקלט. ער האָט מירקינען באַטראַכט מיט איבערלייגונג און אָפּגעענטפערט:

— יעדנפאַלס וועל איך האַלטן די געלטער צו אייער דיספּאָזיציע. מען קאָן נישט וויסן, אפשר וועט איר זיי וועלן באַנוצן.

מירקין, נישט געפינענדיק זיך קיינמאָל אין נויט, האָט נישט פאַר־שטאַנען די וויכטיקייט דערפון און דעם גרויסן חילוק, וואָס די פאַר טויזנט רובל וועלן מאַכן פאַר אים, האָט ער אים אָפּגעענטפערט:

— איך האָב אייך שוין געזאָגט — טוט דערמיט, וואָס איר ווילט.

— אייער אַדרעס בלייבט דאָך פאַרלויפיק דער זעלבער? — פרעגט דער דירעקטאָר מיט אַ ביטערן הינטער־געדאַנק.

— צו וואָס באַדאַרפט איר דען וויסן?

— איך מיין, עס קאָן זיך אַמאָל טרעפן. אפשר קאָן אָנקומען אַ בריוו פאַר אייך פון פעטערבורג.

— איך דערוואַרט נישט קיין בריוו פון פעטערבורג, — האָט מירקין אָפּגעענטפערט און פאַרלאָזט דעם דירעקטאָר מיט אַ נייַג.

— יעדנפאַלס שטייען מיר שטענדיק גרייט צו דינען. מיר וועלן זייַן גליקלעך, — האָט דער דירעקטאָר אָפּגעענטפערט, באַגלייטנדיק אים צו דער טיר.

מירקין האָט זיך געדרייט איבער די וואַרשעווער גאַסן אין פאַלנדיקן שניי מיט אַן אַרויפגעשטעלטן קאָלנער פון זייַן פאַלטאָ און געפילט זיך לייכטער ווי פריער.

פאַרנאַכט האָט ער זיך ווידער געפונען ביי פרוי הורוויץ. עס איז געווען אַזאַ פאַרשטענדלעכע זאַך צו איר צו גיין, ווי אַ קינד, וואָס גייט אַהיים. ער האָט זי געטראָפן אין קיך, ווו זי איז געשטאַנען ביי דער אויפגערוקטער פייערקע און האָט געשאַרט מיט אַן אייזן צווישן די פאַר־ברענטע קוילן, כדי אויפצולעבן דאָס פייער פון קיך. פון די צעהיצטע קוילן האָט געזעצט אַ רויטלעכער שיין און באַגאָסן דאָס שטאַרקע פּנים פון פרוי הורוויץ. זי האָט זיך אַביסל פאַרשעמט ביי זאַכאַרים אַריינקו־מען און איבערגעווישט זיך מיטן פאַרטוך דעם שווייס פון איר שטערן.

— מאַדאַם הורוויץ, איצט, צי איך וויל יאָ, צי איך וויל נישט, מוז איך מיר אַליין פאַרדינען מיין שטיקל ברויט, אַז נישט, וועט אויסקומען צו הונגערן.

— געמיינט, כאָטש מיט איינעם בין איך אויסגעזאָרגט, — זאָגט פרוי הורוויץ מיט אַ שמייכל, — וואָס איז דאָס אַזוינס געשען?

מירקין האָט נישט געענטפערט. אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט ער עפּעס געזוכט אין די טאַשן, צונויפגענומען דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך, סיי גרויס און סיי קליינס, און געגעבן אַ וואָרף אַריין אין פייער.

— משוגע דאַרף מען נישט זיין, — רופט אויס רחל־לאה, און פאַר־געסנדיק זיך, גיט זי אים אַ פּאַטש מיט איר פינגער איבער זיינע הענט.

זי האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר איר טאַט און אָנגערופן זיך מיט אַ געלעכטער:

— זייט מיר מוחל. איך האָב זיך פאַרגעסן. איך האָב געמיינט, אַז עמיצער פון מיינע קינדער טוט דאָס. — און זי האָט זיך נאָך מער גע־רויטלט איבער דעם וואָרט, ווי איבער דעם פּעטשל, וואָס זי האָט אים געגעבן.

מירקין האָט נישט געוואַגט צו קוקן איר אין פּנים אַריין, נאָר בויגנ־דיק זיין בליק אין פייער, האָט ער געזאָגט ווי צו זיך:

— איך דאַנק אייך.

דעם אָוונט איז ביים לערער הורוויץ פאָרגעקומען אַ גרויסע דיסקו־סיע וועגן דעם ציל פון לערנען און צוועק פון מענטשן, — ווידער אַרויס־גערופן דורך דעם בחור נאָטע־לייב. דער בחור איז געווען זייער אומגע־דולדיק; ער האָט קוים געהאַלטן ביים אַלף־בית פון זיין נייער תורה, און

שוין געוואָלט דערגיין דעם תכלית. דער תכלית האָט אַלץ דעם בחור נישט געלאָזט איינרוען. ווען ער איז אַנטלאָפן פון דער גמרא אין דער נייער וועלט אַריין, האָט ער געזוכט אין דער נייער תורה די צוועקלעכ־קייט און די זיכערקייט, וואָס די אַלטע אמונה האָט אים געגעבן. ער האָט עס אָבער נישט געקאָנט זען, ער האָט נאָר געפילט אַ פּוסטקייט, און ער האָט זיינע ספקות אויסגעדריקט פאַרן לערער דעם אָוונט; ס'איז אויך געווען דערביי דער „זשאַכלינער".

— דאָרט אין דער היים, אין די אַלטע ספרים, האָט זיך אַמאָל אַנט־פּלעקט ווי אַ ליכט די אויפגאַבע פון מענטשן וואָס צו טון, כּדי צו פילן זיך אַנגעבונדן אין תכלית, אין אַ צוועק. מען איז געווען פאַרזיכערט. דאָ, — זאָגט ער, — אין דער נייער אמונה, וואָס ער לערנט, איז מען אינ־גאַנצן אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. גוט, איך וועל שוין וויסן, אַז אַזוי פיל און אַזוי פיל אינדזלען געפינען זיך אויפן מיטללענדישן ים; איך וועל קאָנען אויסרעכענען אַלע טייכן פון אַפריקע, אָדער האָבן אַ ידיעה אין דער נאַטור פון דעם בלימל אָדער פון יענעם פליגעלע. דאָס איז דאָך נאָר איין קליינער פּרט אין, גרויסן כּלל. עס גייט דאָך אַריין אין חשבון פון „ששת ימי בראשית". עס זענען נאָר פּרטים. ווו געפינט זיך אָבער אין דעם נייעם לימוד דאָס גרויסע, וואָס שטייט אונטער דעם כּלל? — דעם תכלית פון דעם אַלעם? אָפטמאָל נעמט מיך אַרום אַ שרעק. עס איז אַזוי ווי די ווייבער זאָגן: „איך האָב געלאָזט פאַלן אַ דעק, און קלייב־אויף די פעדערן". מען פילט זיך ווי הפקר: מען נעמט דיך און מען שיקט דיך איינעם אַליין אַרויס אין אַ ווייטן, אומענדלעכן וועג.

דער לערער הורוויץ האָט מיט אַ לערערשער געדולד אויסגעהערט די תרעומות אויף זיין תורה פונעם ניי־אָנגעקומענעם, געשלעפּט די ברילן פון דער נאָז און שטאַרק זיי געריבן מיט דעם טיכל און אים אָפגעענט־פערט: דווקא דאָס, וואָס ער האָט געהאַט אין דער היים, איז געווען אַ שפּיל אין אַ „בלינדע קו", אַ גלויבן אויפן וואָרט. דער גרויסער תכלית ליגט דאָ, — ווייזט דער לערער אויף זיין ספרים־שראַנק. — און ווילסטו זיך אַנבינדן אָן דעם גרויסן תכלית, קאָנסטו נאָר דורך דעם כּוח פון זיי. דער פּרט קאָן זיך נאָר אויפהייבן צו יענער הויך פון גאַנצן כּלל דורך דעם כּוח פון מענטשלעכן שכל. מיט דעם, וואָס מיר באַקענען זיך מיט אַזעל־כע גייסטער ווי ספּענסער, דאַרווין. און זייערס גלייכן, ווערן מיר אַ טייל

פון זיי, אונדזער אייגענער שכל גייט-ארויס פון זיינע ענגע ד׳ אמות און שוועבט אריין אין דעם ליכט פון וועלט־גייסט. מיר בינדן זיך דורך דעם אָן דעם איינציקן און אייביקן תכלית, וואָס איז דאָס דערקענען, דאָס וויסן. צוליב דעם ווערן מיר שותפים פון „ששת ימי בראשית״. מיר זע־נען נישט קיין קליינע בלינדע קנעכט, וואָס דינען אַ געוויסן ריטואַל, — דער אַזוי, און די אַנדערע — אַנדערש, כדי דורך דעם צו געפעלן עפּעס אַן אויסגעטראַכטן כוח, וואָס יעדער שבט האָט אים געכאַפּט אין אַרענ־דע. דאָס איז געצנדינסט, דאָס איז נישט קיין תכלית. דער גרויסער תכלית איז דער פון שפּינאָזאַ: „ווען דו ווערסט אַליין אַ שותף אין ששת ימי בראשית״, און צו דעם תכלית קאָנסטו נאָר צוקומען דורך דעם, וואָס דו בינדסט דיך אָן אינעם גרויסן וועלט־שכל, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט ביי די גרויסע גייסטער. „גאָט״, אָדער די „נאַטור״ איז בלינד. דער מענטשלעכער שכל האָט אים אויגן געגעבן.

— אָבער ווער האָט באַשאַפן דעם שכל? ווער האָט באַשאַפן דעם שכל? — וויל דער בחור נישט אָפּלאָזן.

רחל־לאה איז דערביי געזעסן ביים טיש. זי האָט פאַרצערעוועט אַ זאָק ביים מילך־שיין פונעם לאָמפּ, ווען די מענער האָבן זיך געשפּאַרט. אַז די ווערטער האָבן דערגרייכט אין די הויכע הימלען, האָט זי אויפגע־הערט צו צערעווען, אונטערגעלייגט איר שטאַרקע קין אונטער איר האַנט און צוגעהערט זיך צום געשפּרעך מיט אַן איינגעקנייטשטן שטערן. און כאָטש זי האָט נישט פאַרשטאַנען ווענן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט זי אָבער אין איר גאַנצן אינערלעכן וועזן געפילט אַ דערהויבנקייט. זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף איר מאַנס רייד, ווי זי וואָלט מסכים געווען דערויף.

דער „זשאַכלינער״ האָט אָבער געמיינט, אַז דאָס זענען אַלץ בור־זשואַזע רייד.

— וואָס הייסט, זיך צו פאַרלאָזן אויפן אייגענעם שכל? — האָט ער געפרעגט. — ווו קאָן דיך דער שכל פאַרפירן? דער שכל שלעפּט דאָרט, ווו דער מאָגן וויל. דער שכל איז אויך נישט קיין אומאָפּהענגי־קער נפש. ער איז אַ טייל פונעם גוף און ער באַדינט מיט איינפאַלן און ביטרעקייט אויסצוגעפינען די זאַכן, וואָס דער גוף וויל. ביי אַ טייל ליגט דער שכל אין מאָגן, אין טאַש, ביי אַנדערע ליגט דער שכל אין די הענט

פון אַ קאַפּריז, פון אייגענע בייזע כוחות, וואָס לעבן אין מענטש. אַ מענטש קאָן נאָר דענסטמאָל ווערן אויסגעלייזט, ווען ער לייזט זיך אויף אַלס יחיד און שפּאַנט זיך איין אַלס אַ קליינער טייל פון אַ כלל. דו ווייסט, אַז דו געהערסט צו אַ כוח, וואָס שלעפּט דיך און ביסט נישט הפקר, לויפסט נישט אַרום אַליין מיט דיין נאַקעטקייט.

מירקין האָט געמוזט שמייכלען ביי די קלאָרע און פעסטע אַנט־וואָרטן, וואָס סיי דער לערער און סיי דער „זשאַבלינער" האָבן דעם בחור אָפּגעענטפערט אויף זיין אייביקער פראַגע. קיין ספקות זענען פאַר זיי נישט געווען, קיין נעפּל; זיי האָבן געזען זייער וועג קלאָר און אויף אים זענען זיי געגאַנגען.

ער האָט זיך געטראַכט:

— ווען איך וואָלט געקאָנט אַזוי גלויבן ווי זיי, וואָלט איך דאָך, אייגנטלעך, געווען אַ גליקלעכער מענטש. דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, וואָס פעלט מיר: „אַ רינג אין דער נאָז", ביי וועלכן דער מענטש זאָל געשלעפּט ווערן ווי אַן אָקס. אַלע טראָגן זיי אים — דער לערער, דער „זשאַבלינער", קעניגשטיין דער ציוניסט. נאָר ער איז הפקר. אָבער ער איז שוין מיד געוואָרן פון זיך אַליין. און אפשר איז דאָס דער דרך. דער מענטש מוז געפירט ווערן ווי דער אָקס ביים רינג. וואָס איז דער חילוק ווער עס טוט אים אָן, אַבי דער פירער פירט אויף אַ גלייכן וועג, אויף וועלכן ס'איז וועג, אַבי נאָר פון דעם זיג־זאַג אַרויס.

גערעדט אָבער האָט ער אַנדערש. ער האָט זיך געוואָגט אָנצורופן מיט אַ שמייכל:

— איר גיט דעם יונגנמאַן אַזעלכע קלאָרע אַנטוואָרטן אויף אַ פראַ־גע, וואָס איז אַזוי אַלט ווי די וועלט און וועלכע קיינער האָט נאָך נישט פאַרענטפערט. ווי קאָנען מיר ענטפערן אויף געוויס, ווען מיר באַזיצן נישט דעם גאַנצן סכום פון וויסן, וואָס זאָל אַריינדרינגען אין אַלע פאַר־באָרגענישן, כאָטש אין די, וועלכע מיר טאַפּן־אָן אין דער פינצטער, אָדער מיר דערפילן מיט אונדזערע אינסטינקטן, שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע, פון וועלכע מיר ווייסן נישט, נאָר זיי לויערן אַרום אונדז אין דער שוואַר־צער נאַכט, אין וועלכער מיר באַוועגן זיך. וואָס איז שכל? וואָס איז אפילו אינסטינקט, אָדער דער איידלסטער אינסטינקט, וועלכער דער מענטש באַזיצט, — אינטואיציע? ווי ווייט קאָן ער גאָר דערנייז? איז

דרויסן ליגן מיליאָנען וועלטן: אין דרויסן ליגט דער „אין־סוף״, וואָס דער יונגערמאַן רופט־אָן (ווייזט ער אויף דעם בחור), וועלכער איז פאַרהוילן פון אונדז מיט דער אייביקער נאַכט. און וואָס איז עפּעס דרויסן? קענען מיר זיך אַליין? ווייסט איר אַלע אייערע פאַרבאָרגעניש? און די, וועלכע איר קענט, קענט איר זיי דערקלערן? ווייסט איר, וואָס איר וועט טון אַ מינוט דערנאָך? דער „זשאַכלינער״ האָט עס זייער באַקוועם, — שמייכלט מירקין, — ער וואַרפט די אחריות אויף אַנדערע, ער־רעדט וועגן מבטל זיין זיין ווילן און אַנשליסן זיך אָן כלל. — דאָס איז זייער פּראַקטיש, און איך וואָלט עס אויך געוואָלט טון. אָבער ווער איז דער כלל? ערשטנס, זענען אין אונדזער לעבן דאָ פיל כללים. און ווער זאָגט מיר, אַז דער כלל האָט רעכט? דער כלל ווערט דאָך אויך געפירט פון מענטשלעכן שכל, פּונקט אַזוי ווי דער פּרט. אָפטמאָל איז דער כלל פיל מער אומגערעכטער ווי דער פּרט. קעגן דעם פּרט קאָן מען כאָטש נאָך אַמאָל מעיז־פּנים זיין, פּראָטעסטירן, רעוואָלוציעס מאַכן. קעגן דעם כלל קאָן מען דאָך גאָרנישט טון. מ׳טאָר דאָך נישט קעגן אים מעיז־זיין, מעג ער ווי אומגערעכט זיין.

די ווערטער האָבן געווירקט, ווי אַ באָמבע וואָלט געפּלאַצט. דער לערער האָט אין זיי געזען געפערלעכע אַנאַרכיסטישע געדאַנקען. דער „זשאַכלינער״ האָט אָבער געמיינט, אַז דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער, וויל־טעגלעכער בורזשואַזער אינדיווידועלער פּוילנצער־מיסטיציזם. אין דרויסן ליגן זיך וועלטן — זאָלן זיי זיך ליגן געזונטערהייט. וואָס גייען זיי אונדז אָן? מיר קענען נאָר דאָס לעבן און די וועלט, אין וועלכע מיר געפינען זיך, און וואָס האָבן געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גן־עדן, ווען מענטשן וואָלטן נישט אַזעלכע עגאָאיסטן געווען און געקאָנט דערפילן דאָס גליק נישט נאָר בלויז פון אייגענעם „איך״ אָדער משפּחה, נאָר פון גאַנצן קאָלעקטיוו. דער כלל איז דער, וואָס טראָגט די זאָרגן פון קאָלעקטיוו.

— לאָזט איבער די אַנדערע וועלטן פאַר די אַסטראָנאָמען, — שרייט ער אויס. — די אינערלעכע וועלטן פאַר די פּסיכאָלאָגן. איר דערפילט נאָר די וועלט און זאָרגט נאָר, אַז זי זאָל זיין אַ היים נישט נאָר פאַר איך בלויז, נישט נאָר פאַר אייער אייגענער משפּחה, נאָר פאַר

אייער חבר אויך, דענסטמאָל וועט איר דערפילן דאָס גרויסע גליק, וואָס די וועלט גיט אייך, מער פון אַלע אַנדערע וועלטן.

***

שפּעטער, ווען מירקין האָט געטראָפן דעם „ליטוואַק" אין א זייט, האָט ער געזאָגט צו אים מיט א שמייכל:

— מיינט נישט, אַז איך בין אייך נישט מקנא; גלויבט מיר, איך וואָלט אויך געוואָלט אַזוי גיין אין שפּאַן. פאַר מיר איז דאָך דאָס, אייגנטלעך, דער איינציקער אויסוועג. אפשר וואָלט איר מיך אויך מיטגענומען?

— אייך מיטנעמען? וווהין?

— אין שפּאַן.

— איר ווילט גיין אין שפּאַן? — וווּנדערט זיך דער „זשאַבלינער".

— טיילמאָל קלער איך דערפון. עס איז דאָך, אייגנטלעך, דער איינציקער אויסוועג פון זיך אַליין פּטור צו ווערן.

— מיט דעם וועג וועט איר נישט ווייט דערגיין. עס גייען נאָר אין שפּאַן די, וואָס מוזן, וואָס די נויט ברענגט זיי אין שפּאַן אריין.

— עס האַנדלט זיך נישט וועגן מוזן, עס האַנדלט זיך וועגן קאָנען, — זאָגט מירקין.

— די קאָנען, וואָס קאָנען זיך אַליין באַזיגן. דאָס איז דער ערשטער געבאָט.

— דאָס איז על כל פּנים טאַקע, וואָס איך זוך, — זאָגט זאַכאַרי, רויט ווערנדיק, — איך בעט אייך, העלפט מיר דערין.

— די טירן שטייען אָפן פאַר יעדן.

זיי האָבן זיך ביידע די הענט דערלאַנגט און זיך צעגאַנגען.

שפּעטער, ווען מירקין איז געגאַנגען פאַרלאָזן דעם לערערס שטוב, האָט אים פרוי הורוויץ געכאַפּט אין א ווינקל.

— זאָגט נאָר, יונגערמאַן, האָט איר נאָך א פּאָר גראָשן אויף א טראַמוויי? איר האָט אייער גאַנץ געלט געוואָרפן אין פייער.

מירקין איז געוואָרן דערשטוינט פון דער פראַגע. וועגן דעם האָט ער גאָרנישט געקלערט. עס איז אים עפּעס פאַרגעקומען אַזוי מאָדנע צו געפינען זיך אין אַזא לאַגע.

— קיין סך האָב איך ניש. נעמט דערווייל די פּאָר גילדן, — שטעקט זי אים אין האַנט אַריין זילבער־געלט.

— אָבער פרוי הורוויץ, — גיסט זיך מירקין אָפּ מיט רויטלעכקייט אונטער די אויערן.

— נו, אַז איר קווענקלט זיך, וועט איר גיין צופוס.

מירקין איז אַרויס פון איר קיך אַ צעטומלטער.

— אָבער פאַרגעסט נישט מאָרגן אויף מיטאָג צו קומען, וועלן מיר איבעררעדן מיטן מאַן, וואָס מ׳קאָן טון פאַר אייך. איך האָב מורא, אַז איר וועט איצט דאַרפן אויך קנעלן ווי די אַנדערע.

ווען מירקין האָט געהאַט פאַרלאָזט איר שטוב, האָט זי זיך גענומען צום „זשאַבלינער". זי האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס איז זיין קאָפּ. מן־הסתם האָט ער אין אים עפּעס אַריינגערעדט, צוליב וואָס מירקין האָט געטון אַ נאַרישקייט, און דעם יונגנמאַן וועט אויסקומען איצט צו הונגערן, איז זי איצט אָנגעפאַלן אויף אים.

— גיב נאָר אַ קוק, מיינע גאָטס סטראַפּטשעס! ער האָט עס נישט געקאָנט צוזען, טאָמער האָט איינער וואָס צו עסן. וואָס, די וועלט וועט שוין דערפון אויסגעלייזט ווערן, ווען ער וועט זיך פּייניקן ווי אונדזערס איינער? נאָך אַלעמען איז ער דאָך נישט געוווינט דערצו.

— זאָל ער זיך צוגעוווינען. פאַרוואָס איז ער מער מורנו פאַר אונדז? ווען ער וויל זיין מיט אונדז, זאָל ער פילן דאָס, וואָס מיר פילן.

— עס איז דאָך זיין געלט; ער האָט עס דאָך געירשנט פון זיין מוטער.

— וואָס הייסט געירשנט? פאַרוואָס קומט אים דאָס צו ירשענען? פאַר וועלכע מעשים טובים? און וואָס הייסט זיין געלט? גענגבעט געלט איז עס! געראַבעוועט געלט, געגזלט, פון בלוטיקן שווייס פון זיין פאַטערס אַרבעטער. אָוועקגעריסן ברויט פון קליינע קינדערס מיילער איז עס! — האָט זיך דער „זשאַבלינער" צעקאָכט. — וואָס הייסט זיין געלט? איר ווייסט ווי אַזוי מ׳זאַמלט אָן פאַרמעגנס? לייענט, לייענט און איר וועט וויסן. אָפּגעשפּאַרטע שעהען פון מענטשנס לעבן, נישט דערשלאָפענע נעכט, נישט דערלעבטע טעג. אָנגעזאַמלט מענטשן־בלוט, מענטשן־שווייס, — צעקאָכט זיך דער „זשאַבלינער".

— הערט נאָר, הערט נאָר, וואָס מיינט איר, אַז איר רעדט פאַר אַ

פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער? איך ווייס שוין. פיסקעווען קאָנט איר שוין גוט. איך וואָלט וואָלט נאָר געוואָלט זען אייך, אויב איר וואָלט זיך אויך אָפּגעזאָגט פון אַ ירושה, ווען עס וואָלט אויף אייך אָנגעפאַלן.

דער „זשאַבלינער" האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטער אירע הענט.

קאַפּיטל 15

אַ הונגעריקער ביים טיש

— נאָך אַלעמען איז דער מענטש אַמנאָענטסטן צו זיין אייגן לייב, — האָט זיך מירקין געזאָגט. — און אפשר האָט דער „זשאַבלינער" רעכט: דער איינציקער און אמתער פאַקטאָר אין לעבן איז די קאַלטע נויט.

זינט ער האָט זיך געפילט אָפּגעשניטן פון נאָפּל, — ווי ער האָט אויסגעדריקט זיין ענדגילטיק צערייסן מיט זיין פאָטער, — און איז געוואָרן אַנטקעגנגעשטעלט זיינע באַדערפענישן צו דער נאָענטסטער צייט, האָט ער פון קיין זאַך נישט געקאָנט קלערן, נאָר ווי אַזוי זיך צו פאַרזאָרגן. די פראַגע פון מאָרגן, פון נאַכטלעגער, פון מיטאָג עסן האָט אוועקגעשטויסן אַלע איבעריקע פראַגעס. עס האָט אפילו אויסגעלאָשן זיין אויפרעגונג קעגן דעם פאָטער, פאַרשטומט אַלץ, און זיין גאַנצער געדאַנק איז געווען קאָנצענטרירט אויף איין זאַך: ווו צו נעמען אויפן נאָענטסטן מיטאָג. אַלעס איבעריקס איז אָפּגעטראָטן און פאַררוקט געוואָרן אָן אַ זייט, וואַרטנדיק אויף אַן אַנדערע צייט.

ער האָט נאָך אפילו געהאַט ווו צו וווינען. פאַר דער דירה ביי דער אַלמנה פון דאָקטאָר איז געווען באַצאָלט ביז ענדע חודש. דאָך האָט ער זיך שוין געפונען ווי אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס. נישט פיזיש, נאָר גייסטיק געפילט אַ מינדערווערטיקייט און אַ געפאַלנקייט, פונקט אַזוי ווי זיין לייב און לעבן וואָלטן מיט איינמאָל געפאַלן אין פרייז און קיינער וויל זיי נישט קויפן, — כאָטש זיין לאַגע איז גאָרנישט געווען אַזאַ פאַרצווייפלטע, ווי ער האָט געמיינט. מענטשן, וועלכע זענען נישט געוווינט צו זאָרגן וועגן זייערע טעגלעכע נויטן, ווערן ביי דעם פלוצלינגן געפינען

זיך מיטן פּנים צו דער נויט, אַזוי פאַרלוירן ווי אומבאַהאָלפענע קינדער, וואָס מ'שטעלט צום ערשטן מאָל אַוועק אין מיטן אַ טייך. פריער, אַז ער האָט זיך נישט געניייטיקט, איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז אַ מיטאָג עסן איז אַזאַ וויכטיקע זאַך, אַז מ'באַדאַרף זיך אויף דעם אָפּשטעלן. ווען מ'האָט אים געבעטן מיטצועסן ביי די הורוויצעס, האָט ער עס גענומען פאַר אַזאַ נישטיקייט ווי אַ טרונק וואַסער. איצט אָבער האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עס שטייט ביי אים אויפן שטערן אָנגעשריבן, אַז ער איז הונגעריק, און קוים וועט ער גאָר אַריינקומען צו דער פרוי הורוויץ אין שטוב, וועלן אַלע שוין אַראָפּלייענען פון זיין פּנים, צו וואָס ער איז געקומען. ער האָט זיך צוליב דעם אַרומגעדרייט אין גאַס און אָפּגעוואַרט ביז אים איז אויסגעקומען, אַז דאָרט ביי די הורוויצעס האָט מען שוין לאַנג אָפּגעגעסן. קוים אָבער האָט ער געעפנט די טיר, האָט אים אַנטקעגנגעשלאָגן אַ ריח פון אַ בוריקע־באָרשטש, וואָס האָט אים געבראַכט דאָס וואַסער אין מויל אַריין. ער האָט געפונען די פאַמיליע אַרום טיש ביי דעם אָנגעצונדענעם לאָמפּ. אַלע האָבן געגעסן מיטאָג. קיינמאָל האָט פרוי הורוויצעס שטוב נישט אַרויסגערופן ביי אים אַזאַ וואַרים געפיל פון היים און צוגעהעריקייט, ווי איצט. די משפחה זיצט אַרום דעם געדעקטן טיש, וווּ דער שיין פון מילך־לאָמפּ איז געפאַלן איבער די פּנימער און איבער די שיסלען מיט די עסנס, אַ פאַמיליענדיקע וואַרימקייט האָט געהערשט אַרום דעם טיש. פרוי הורוויץ מיט איר מוטערלעך אָפן פּנים, וואָס ווייסט, דאַכט זיך, פון אַלצדינג שוין, אַז ער האָט היינט נישט געהאַט אין מויל, און אַז ער איז זייער הונגעריק, איז געזעסן אַ באַלעבאַטע אַרום איר גרויסן טעלער מיט קאַרטאָפל און קרויט און געטיילט פּאַרציעס מיט אַ גאָפּל און אַ לעפל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין אירע ענערגישע הענט. אַ געשמאַק צוזאַמען מיט אַ פאַרע זענען אויפגעגאַנגען פון די טעלער און צעלייגט זיך איבער דעם טיש, איבער דער שטוב. דער געשמאַק פון רויטן באָרשטש און מיט פלייש־זאַפט און ציבעלע־אָנגערייבעכטס באַגאָסענע קאַרטאָפלעס זענען אויך דערגאַנגען צו אים, און האָבן אויפגעוועקט און אויפגעעפנט אַלע זיינע אָדערן, און אַלע צעלן פון זיין הויט האָבן געזוכט צו טרינקען דעם געשמאַק און פאַרע פון עסן, כאָטש אַזוי אַרום זייער הונגער צו שטילן. זיין מויל איז פול געוואָרן מיט וואַרימלעכן גאַווער; זיינע נאָזלעכער האָבן זיך פאַרשפּרייט, און אַלע זיינע

חושים און געדאַנקען זענען פאַרנומען געווען מיט אַ ווילדן פאַרלאַנג אויך אַריינצושטעקן זיין גאָפּל אין דעם טעלער, פון וואַנען עס גייט אויף די פּאַרע, און איינצובייסן. מירקין האָט זיך אַזש פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ער האָט קיינמאָל גאַרנישט געוווּסט, אַז עסן איז אַזאַ וויכטיקער ענין, וואָס קאָן דיך מאַכן ווילד; אַז ברויט מיט קימל באַשאַטן, וואָס ער זעט איצט פון טיש אַראָפּ, איז אַזאַ טייערער ביסן, און אַז געפּיקלט פלייש און קאַרטאָפל, אַפילו רעשטן בוריקע-באָרשטש אין אַ שיסל, זענען אַזעלכע געשמאַקע זאַכן, אַז עס קאָן דיך אָן אַלצדינג מאַכן פאַרגעסן, און אַפילו אַ מיאוסע זאַך אָפּצוטון, אַבי זיי צו דערגרייכן.

— גוט, וואָס איר זענט געקומען, מיר האָבן געוואַרט אויף אייך מיט מיטאָג. נישט געקאָנט דערוואַרטן. קומט פלינקער אַהער צום טיש, — זאָגט פרוי הורוויץ, און מאַכט שוין גרייט פאַר אים אַ פּלאַץ, אויף וועלכן זי שטעלט שוין אַוועק אַ טעלער.

אין מירקינען האָט זיך געגעבן אַ וועק דער אַפּעטיט, ווי ביי אַ הונגעריקן הונט, וואָס דערזעט אַ ביין. ער האָט אַראָפּגעשלונגען דאָס וואַסער פון מויל און געזאָגט:

— אַ שאָד, נישט געוווּסט, אַז איר וואַרט. ערשט נאָר־וואָס אָפּגעגעסן אין דער היים.

— וואָס דערציילט איר פאַר אַ מעשיות? איר האָט דאָך אָפּגעזאָגט אייערע מיטאָגן אין דער היים. קומט אַהער צום טיש.

מירקין איז רויט געוואָרן. עס האָט זיך אים שוין איצט אויסגעוויזן, אַז זיין הונגער האָט אים פאַרראַטן פאַר אַלעמען אין די אויגן. ער האָט ווי אָנגעשריגן אויף זיינע אַפּעטיט־חושים און אָנגערופן זיך מיט אַ זיכערן טאָן:

— איך וואָלט זיך געווען געשעמט ביי אייך צו עסן, ווען איך וואָלט הונגעריק געווען? — האָט ער זיך באַמיט צו שמייכלען.

פרוי הורוויץ האָט אים אָנגעקוקט מיט איין אויג און געזאָגט צו אים מיט אַ גוטמוטיקן געלעכטערל:

— איז עס נאָר אמת?

— מאַמע, — האָט די עלטסטע טאָכטער געצויגן די מוטער ביי דער שירץ.

מירקין האָט שוין באַהערשט זיינע אַפּעטיטן און געקוקט ערנסט אויף זיינע שפּיץ פינגער.

— איך גלויב, אַז הער מירקין איז דערוואַקסן גענוג צו עסן, ווען ער איז הונגעריק, — קומט דער לערער אים צו הילף, — נאָר ווייבער זענען שוין אַזוי. זיי האָבן אַ טבע דיך צו קאָרמענען, צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט נישט, — זאָגט דער לערער, און כדי אַרויסצונעמען מיר־קינען פון דער אומאַנגענעמער סיטואַציע און כדי אַרויפצופירן דעם גע־שפּרעך אויף אַן אַנדערער טעמע, — האָט ער זיך ווייטער געווענדעט צו מירקינען:

— מיין ווייב האָט מיר געזאָגט, אַז איר ווילט זיך ווידמען אונ־דזער פּראָפעסיע.

— יאָ, איך ווייס נישט, אויב ס'איז מיין באַרוף, נאָר איך מיין, אַז איך וואָלט עס גערן געהאַט.

— דאָס איז שוין פיל, גערן צו האָבן אַ זאַך. עס וועט נישט זיין שווער. נאָך דערצו פאַר אייך, וואָס האָט געענדיקט אוניווערזיטעט. איר וועט דאַרפן אָפּגעבן אַן עקזאַמען און ווערן באַשטעטיקט פונעם אינס־פּעקטאָר, דערנאָך וועט איר קאָנען האָבן לעקציעס אין שולן.

— ער וואָלט באַלד באַדאַרפט האָבן אַ פּאָר שטונדן אין פּריוואַטע הייזער אַלס קאָרעפּעטיטאָר. דאָס איז די ערשטע זאַך, — זאָגט דאָס ווייב.

— נו, נו, איך קאָן נאָך וואַרטן אַביסל.

ער האָט זיך געריוועלט ביי די ווערטער, ווי ער וואָלט זיך מודה געווען אין עפּעס, וואָס איז נישט ריכטיק.

— איך קאָן אויך פרעגן אין די הייזער, וווּ איך קום. איך גלויב, אַז עס וועט נישט זיין שווער צו געפינען שטונדן, — זאָגט דער מאַן.

— עס איז זייער ליבנסווירדיק פון אייך. נאָר איך ווייס ווירקלעך נישט, וואָס איר האָט זיך צו מיען; אַזוי שלעכט האַלט עס נאָך נישט ביי מיר.

די לעצטע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַזאַ פאַרלוי־רענעם טאָן, אַז עס האָט פאַרראַטן זיין גאַנצע סיטואַציע, און אַלע זענען עפּעס מיט איינמאָל שטיל געוואָרן ביים טיש.

אין אַ ווײַלע אַרום, אַז אַלע האָבן שוין געשוויגן און געוואָלט שוין

איבערגיין אויף עפּעס אַנדערש, האָט זיך אָנגערופן די עלטסטע טאָכטער העלענע:

— פאַרוואָס זאָל הער מירקין נישט געבן ביי אונדז אין שולע קיין לעקציעס פון רוסיש? אונדזער רוסיש-לערער איז אַן אומוויסנדער טשי־נאָווניק. די קינדער מאַכן נישט קיין פּראָגרעס. איך מיין, אַז ווען מען זאָל אָנווענדן פּראָטעקציע, כאָטש דורך דער דאָקטאָראָווע זילבערשטיין, קאָן מען באַקומען די דערלויבעניש פון אינספּעקטאָר דערויף. מיר האָבן שוין אַ פּאָר מאָל גערעדט וועגן דעם.

— דעם רוסישן לערער האָט דער אינספּעקטאָר אַריינגעזעצט נישט פאַר לערנען, נאָר פאַר כשרקייט וועגן. איך גלויב נישט, אַז ער וועט צו־לאָזן אַן אַנדערן רוסישן לערער אין אונדזער שולע.

— מיר וועלן אים באַצאָלן זיין געהאַלט, און לעקציעס וועט געבן הער מירקין. ער וויל דאָך נישט מער סיי־ווי־סיי נאָר זיין געהאַלט, — זאָגט די יינגערע זאָשקע, וואָס איז שטענדיק געווען אין אַזעלכע זאַכן דערפינדעריש, — וועלן זיי דערפון כאָטש עפּעס האָבן, ווען מען מוז שוין לערנען די רוסישע שפּראַך.

דער לערער האָט געשוויגן. די טאָכטער האָט אָנגערירט אַ דעלי־קאַטע פראַגע. די שולע האָט זיך קוים אויסגעהאַלטן, און שטענדיק האָט מען געלעבט אין זאָרגן. נאָך נעמען אויף זיך אַן איבעריקע הוצאה, וואָלט געווען אַ שווערע זאַך.

מירקין איז די גאַנצע צייט געזעסן, ווען דאָס געשפּרעך איז אָנגע־גאַנגען וועגן אים, ווי אויף שפּילקעס. זיין גאַנץ פּנים האָט געפלאַמט. מ'האָט אָנגעזען, אַז דער יונגערמאַן קאָכט זיך אין זיין אייגן בלוט. אַלע האָבן דאָס געפילט. און דער לערער הורוויץ, כדי דערפון אַן ענדע צו מאַכן, האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט זיין משפחה וועגן הויזלעכע זאַכן.

די גאַנצע צייט, וואָס מירקין איז געזעסן און גערעדט מיט דער משפחה, האָט ער דערפילט אַ פּאָר וואַרימע אויגן, וואָס רוען אויף אים. ער איז געזעסן אין געהאַקטע צרות און פאַרגעוואָרפן זיך זיין קינדישע שוואַכקייט און פאַרלוירנקייט. ער איז דערווידער פאַרגעקומען זיך אַליין:

— טויזנטער און טויזנטער מענטשן געפינען זיך אין דער זעלבער סי־טואַציע, וואָס איך, און קיינער קומט זיך נישט קלאָגן. ער האָט זיך גע־רויטלט אין זיין שוואַרצער באָרד אַריין און געזוכט אַ וועג, ווי פון דאַנען

ארויסצוקריגן זיך מיט דעם געדאנק, קיינמאל נישט מער צוריקצוקומען, צו באשטראפן זיך אליין פאר זיין אנווארפן זיך אויף פרעמדע מענטשן.

— נאך אלעמען, ווער איז דאס מחויב אנטייל צו נעמען אין מיינע צרות? און וואס לויף איך דאס ארום און פויק זיי פאר אלעמען אויס?

ער איז זיך פארגעקומען נאך ביליקער און נאך מער געפאלן ביי זיך, ווי ווען ער איז אריינגעקומען, און נאר געזוכט א געלעגנהייט ווי אויפצוהייבן זיך פונעם טיש און ארויסצוקומען פון דאנען.

און דא איז נאך צוגעקומען דער ווארימער בליק אויף אים. ער האט דורך דער הויט פון זיין פנים דערפילט אירע ווארימע אויגן און דעם רחמנותדיקן, כמעט ווייטיקדיקן ברען פון אירע אויגן.

— וואס קוקט זי אזוי? וואס וויל זי? — האט ער זיך געשאלטן.

ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן איר איינמאל פאר אלעמאל אפצוענטפערן מיט געבייזער און שטאלצקייט. זיין בליק איז פארשטארט געווארן. עס האבן געקוקט אויף אים א פאר קלארע, אפענע, ברייטע בלויע אויגן, וואס האבן זיך אנגעהאנגען אויף א בלייך מיידלש געזיכט. איר בליק איז נישט געווען קיין רחמנות־בליק, נאר א טיף זוכנדיק, און עקשנותדיק בליקן דערפאר, ווייל זי וויל אזוי. דערביי איז איר געזיכט אזוי ערנסט געווען. וואס מער מירקין האט זי געפרואווט אפווענדן, אלץ ערנסטער און טיפער האט זי אים אריינגעקוקט אין די אויגן אריין, אזוי דירעקט און אזוי בכיוונדיק, אז ער האט זיך דערשראקן, ס'זאל נישט ארויסרופן קיין אויפמערקזאמקייט. ער האט פלינק אוועקגענומען זיינע בליקן, כאטש ער האט געמוזט שוין קוקן אין איר ריכטונג. זיין אויג האט איצט דערגרייכט ביז צו איר האלדז און איז געפאלן אויף אירע פלאכע ארים־מיידלשע בריסטן. אנגעטון אין א שווארץ־ווייס געקעסטלט קליידל, וואס האט זיך אים אויסגעוויזן אזוי היימיש און באקאנט פון ערשטן מאל נאך, ווען ער האט געזען איר מיידלשע פיגור, האט זי געשניטן אזא ארימע ליניע, אז זי האט דערוועקט רחמנות צו זיך ווי א טויב. אלץ אין איר פיגור איז געווען מיידל־ארים און נישט אנרירעוודיק. דאס געפיל פון רחמנות האט געוועקט די פלאכקייט פון איר ברוסט און אירע אראפפאלנדיקע ארעמס. מירקינען האט זיך געדאכט, אז ער האלט צווישן זיינע פינגער א דין באפעדערט העלדזל און מורא געהאט, אז ער זאל נישט ווייטון. ער האט מורא געהאט צו קוקן אויף איר, אפילו אויף איר

קאַפּטאַנדל, אַז ער זאָל זי נישט צעקאַליעטשען מיט זיינע בליקן. ער האָט זיך געמיט צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש, כאָטש וועגן עסן, וואָס וואַלגערט זיך אַרום אויפן טיש. נאָר דער אַפּעטיט האָט זיך אַצינד ווי איינגעשטילט און ער האָט געקלערט:

— פון וואַנען נעמט זיך אין אַזאַ מיידלשן שוואַכן קערפּער אַזאַ שטאַרקייט אין בליק? — און כדי אַפּצוהאַקן, האָט ער נאָר אַפּגעוואַרט ביז דאָס מיטאָג וועט זיין פאַרביי און געקליבן זיך אַוועקצוגיין.

פרוי הורוויץ האָט אים פאַרהאַלטן ביי דער טיר.

— איך וועל אייך זאָגן מיט אַן אמת, פּאַניע מירקין, אַז אַזאַ פירן זיך האָט אפשר געפּאַסט אין יענע ערטער, פון וואַנען איר קומט, ווו מ'האָט נישט געהאַט עפּעס בעסערס צו טון, נאָר צו שפּילן זיך אין צע־רעמאָניעס. שיין וואָלטן מיר געוועזן אויסגעזען, ווען מיר וואָלטן זיך איינער פאַרן אַנדערן געשעמט מיט אַזעלכע זאַכן. ווי אַזוי וואָלטן מיר געוועזן געלעבט? ווי אַזוי וועלן מיר זיך קאָנען אַמאָל ווענדן צו אייך נאָך עפּעס, ווען מיר וועלן זיך געפינען אין אַ נויט, אַז איר רעכנט זיך מיט אַזעלכע קלייניקייטן ווי אַ מיטאָג אָפּעסן? דאָס איז אפשר גוט פאַר רייכע מענטשן, מיר קאָנען זיך נישט דערלויבן אַזעלכע זאַכן.

— איר האָט רעכט, — האָט זאַכאַרי זיך מודה געווען.

— אַנומלט האָב איך געהאַט אַ פּאָר גילדן, האָט איר נישט געוואָלט נעמען. הייַנט האָב איך נישט מער ווי גראָשנס. נעמט עס און גייט אַריין אין אַ מילכיקן רעסטאָראַן און עסט אָפּ, — זאָגט זי, אַרויסנעמענדיק פון איר שערצן־טאַש קליינגעלט, און אים אַריינגעשטעקט. — איר זענט דאָך הונגעריק; איך ווייס דאָך.

מירקין האָט צוגענומען די קופּערנע מטבעות, וואָס זי האָט אים געשטעקט אין האַנט אַריין.

— אפשר דאַרפט איר עס פאַר אייך? איך וועל מיר קאָנען באָרגן ווו עס איז.

— ווו וועט איר זיך באָרגן? איך וועל זיך פלינקער אַן עצה געבן פאַר אייך.

— איך דאַנק אייך.

— שמירט אייך אויס די שיך. און נאָכאַמאָל, אַז מ'בעט צו מיטאָג

און מ'איז הונגעריק, עסט מען מיט. אַז ניִשט, לויפט מען אַרום מיט אַ הונגעריקן מאָגן.

מירקין האָט געשוויגן.

— וואַרט נאָר אַביסל. דעם עפּל קאָנסט איר מיטנעמען אויפן וועג, — זאָגט זי און דערלאַנגט אים אַן עפּל, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון איר קיך־שענקל.

זאַכאַרי האָט געשמייכלט אין זיין בערדל אַריין, און דעם עפּל באַהאַלטן אין זיין טאַש.

קאַפּיטל 16

אַרויסגעטריבן דעם מפונק

ווען מירקין איז אַראָפּגעקומען פון פּרוי הורוויצעס טרעפּ, האָט זיין פּנים געברענט פאַר בושה. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן די פּאָר האַרטע קופּערנע מטבעות, וואָס פּרוי הורוויץ האָט אים אין דער האַנט אַריינגעשטופּט. אין דער טאַש — דעם עפּל. ער איז זיך פאַרגעקומען ווי אַ בעטלער, וואָס גייט איבער די הייזער. זיין גאַנצער משפּחה־שטאָלץ האָט זיך אויפגעוועקט אין אים, און ער איז זיך פאַרגעקומען ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ שענדלעכע זאַך, וואָס שטופּט אים אַרויס פון דער ריי. פון זיין משפּחה אויף אַלע צייטן.

ער איז בייז געווען אויף זיך פאַר די געפילן. — וואָס פאַראַ מפונק בין איך דאָס? וואָס פאַר אַן איידעלער יונגערמאַנטשיק, — האָט ער זיך געזידלט. — און וואָס פאַראַ שייכות האָב איך מיט דעם, וואָס איז געווען אַמאָל?

ער האָט געוואָלט עפּעס טון אַ זאַך, וואָס עס זאָל אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּשניידן פון זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש זיך אַליין צו באַשטראָפן, אָפּצוטויטן אין זיך די גאַרישע, אומבאַדערפטיקע געפילן פון משפּחה־שטאָלץ, פון אייגענעם שטאָלץ. — וואָס איז שטאָלצקייט? — האָט ער זיך געפרעגט. — דאָס איז דאָך אַן איבעריקער פּוסטער באַלאַסט, איינגעשאָפּט זיך דורך וויל־

טאָג. וואָס איז ערע? — אַן אינסטינקט פון פּריווילעגירטע. מיליאָנען מענטשן, וואָס מוזן לעבן מיט קאַרג־נויטווענדיקס, קאָנען זיך נישט דערלויבן דאָס געפיל פון שטאָלצקייט און נישט דעם לוקסוס פון ערע. צו וואָס דאַרף איך עס? פאַרוואָס קאָן איך נישט לעבן אָן זיי, ווען איך מוז?

ער האָט געזוכט אַ מיטל ווי אַזוי זיך אַליין צו דערנידעריקן. ס׳איז ביי אים אויסגעקומען כאָטש צו גיין און אוועקשטעלן זיך אין מיטן גאַס און אויסצושטרעקן אַ האַנט און בעטן אַ נדבה. דער שכל האָט עס מחייב געווען. מענטשן לעבן אין קאָלעקטיוו, ווי אין אַטמאָספערע. איינצל, פאַר זיך, קאָן דער מענטש נישט עקזיסטירן. דאָס גיט דעם יחיד דאָס רעכט צו פאָדערן פון רבים. ס׳זענען נאָר די רייכע, וואָס לעבן ווי איינזאַמע חיות פון דעם אָנגעזאַמלטן גוטס. די אָרימע, וואָס די נויט ברענגט זיי צו זאָרגן טאָג־טעגלעך פון שעה צו שעה איבער זייער חיונה — זיי לעבן סיי־ווי־סיי דורך דער קאָלעקטיווער הילף, וואָס זיי גיבן איינער דעם אַנדערן בתורת־הלוואה, אָדער גמילות־חסד, מיט דער האָפענונג, אַז אין אַ שעה פון נויט וועט מען צוריקגעבן, אַזוי ווי פרוי הורוויץ האָט אים היינט געזאָגט. ס׳זענען נאָר די רייכע, וואָס שעמען זיך מיט זייערע נויטן איינער פאַרן אַנדערן, ווייל ס׳עקזיסטירט ביי זיי נישט דאָס געפיל פון קאָלעקטיוו. די אָרימע שעמען זיך נישט מיט זייערע נויטן איינער פאַרן אַנדערן, ווייל זיי לעבן, אומבאַוווּסט, אין אַ סאָציאַל־קאָלעקטיוו לעבן.

אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַ נדבה — וועט ער נישט. ער נייטיקט זיך נישט. ער האָט די פּאָר קופּערנע מטבעות, וואָס פרוי הורוויץ האָט אים געגעבן אויף אַ מאָלצייט. דער אָרימאַן דאַרף נישט מער זאָרגן ווי ווען נעכסטן מאָלצייט. דאָס געלט וועט אים גענוגן אויף אַ מילכיק עסן אין אַ מילכיקן רעסטאָראַן, וווּ ער איז איצט אַהינגעגאַנגען. אָבער טון דאַרף ער עפּעס, כדי צו ברעכן זיין שטאָלץ, ניין, אַרויסצושלאָגן פון זיך דעם מפונק — צו באַצווינגען זיך.

ער ווייסט, וואָס ער וועט טון. ער וועט גיין פאַרביי דער ביליקער קיך.

דאָס בלוט אין אים שטראָמט, באַוועגט זיך האַסטיקער. ער פילט ווי עפּעס אין אים וועט נישט צולאָזן, אַנטקעגנשטעלן זיך, — וועט מען דאַרפן זיך ראַנגלען.

אויפן וועג צום רעסטאָראַן געפינט זיך אַ שטאָטישע ביליקע קיך.

יעדעס מאָל, ווען מירקין האָט געזען די האַלב־נאַקעטע פּאַרפּוילטע מענטשן, ווי עס וואַלט אויף זיי שטיקער פלייש געפוילט, וועלכע וואַרטן אין זייערע רייען פאַר דער טיר פון דער ביליקער קיך, — האָט ער גע־מוזט שטענדיק אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר, כדי ער זאָל נישט דערפילן די שווייצנדיקע פּאַרע, וואָס שלאָגט פון דער קיך אַרויס, אַזוי ווי פון אַן איינגעפּאַרעטער באָד אַרויס. אין זיין מחשבה האָט ער זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן זיך אַליין אַמאָל אין די רייען פון די, וואָס וואַרטן אויף אַ ביליק מיטאָג. עס האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז ער וואָלט פריער געשטאָרבן, ווען עס וואָלט אויסגעקומען דאָס צו טון. דאָס מאָל אָבער, פאַרבייגייענדיק די קיך, איז אים איינגעפאַלן אַ קאַפּריז דווקא אַהין אַריינצוגיין, אָוועקשטעלן זיך מיט די בעטלער און אָפּעסן אַ ביליק מיטאָג פאַר זעקס גראָשן. עס איז נישט געווען בלויז דער הונגער, וואָס האָט אים געשלעפּט צו דער קיך. דער הונגער אויך. דער עפּל, וועלכן ער האָט שוין געהאַט אויפגעגעסן אין מיטן גאַס, האָט נאָר אויף אַ ווײַלע פאַרלאָשן דעם דאָרשט. אין זיין ליידיקן מאָגן האָט ער אָבער געווירקט ווי אָפּגעקאָכטער עסיג. נאָכן אויפעסן דעם עפּל האָט ער נאָך מער איצט דערפילט די פּוסטקייט פון זיין מאָגן און אַ לערקייט אין זיינע גדערים, וועלכע זענען זיך צונויפגעפאַלן; דאָס מויל האָט געוואַסערט, אַז ער האָט דערשמעקט דעם זיסלעכן שוויים־געשטאַנק, וואָס שלאָגט פון דער ביליקער קיך. נאָר ער האָט זיך איינגערעדט, אַז עס ווירקט נישט אַזוי אָפּשטויסנד און דערווידער, ווי אַן אַנדערשמאָל. פאַר־קערט, דער קיך־געשמאַק האָט גערייצט זיין הונגער. און ער האָט אָפּגע־מאַכט ביי זיך, אַז דאָס דאַרף מען טון.

מיט שרעק האָבן זיך אַלע זיינע אינסטינקטן „צוגעקוקט", ווי מיר־קין גייט־צו צו דער ביליקער קיך. ער שטופּט זיך צווישן די אָרימע. אַלצ־דינג האָט אָנגעהויבן אין אים איצט צו שרייען און צו פּראָטעסטירן. די נאָז האָט דערשמעקט די געשמאַקן. דאָס וואַסער אין מויל איז וואַרימ־לעך געוואָרן. אַ שטיקנדיקע ענגע לופט האָט אָנגעפּילט זיין האַלדז, אָבער ער האָט אויף גאָרנישט געקוקט. עס איז געווען אַן אויספּרווון זיך אַליין, אַ נויטן זיך אַליין, אַ שלעפּן זיך אַליין, אַ גערანגל מיט זיינע איינגע־בוירענע נייגונגען און צוגעווינטער באַקוועמלעכקייט. מ'מוז זיי איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל פאַרניכטן, באַזיגן און נויטן זיי צו דער דערנידערונג.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז מיט דעם, וואָס ער וועט שטיין אין איין רײ מיט בעטלערס און גאַס־מענטשן, וועט ער מיט איינמאָל אָפּשניידן מיט זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט. און אַזוי ווי אַלע זיינע חושים האָבן נאָך פּראָטעסטירט קעגן דעם אַטענטאַט אויף זייער וואויל־געבוירנקייט, וואָס ער גייט ברענגען אויף זיי, האָט ער זיי מיט גוואַלד אַריינגעשלעפּט אין דער „ביליקער קיך״. ער האָט באַצאָלט זיינע זעקס גראָשן און גענומען אַ ציננענעם טעלער און אַן אָפּגעריבענעם, שוואַרץ־פאַרדעכטיקן לעפל, וואָס ווער ווייסט, ווער עס האָט פאַר אים מיט אים געגעסן, און אוועקגעשטעלט זיך אין דער רײע. פאַר אים זענען געשטאַנען בעטלער מיט שטיקער לייבער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון זייערע שמוציקע וועש אונז קליידער, באַוואַקסן מיט בלאָטע און אַנדערע מיאוסקייטן. הינטער אים זענען געשטאַנען פאַרדעכטיקע פאַרשווינען מיט פאַרטרוקנטע פּנימער, אַרויסגעזעצטע אויגן, אָנגעשוואָלענע נעזער, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן ריחות פון שנאַפּס און פאַרלעגענעם קאַלבאַס. פון דער קיך, ווו די קעסלען מיט עסנס האָבן זיך געקאָכט, האָט געזעצט אַ פּאַרע און אַ געשטאַנק, ווי עס וואָלט זיך דאָרט נישט קיין געקעכטס געקאָכט, נאָר שמוציקע וועש און צעלאָזענע זייף. אין וואָלקן פון רויך זענען געזעסן אַרום אַ לאַנגן טיש, באַלויכטן מיט אַ רויכערנדיקן לאָמפּ, ברואים, וואָס האָבן אויסגעזען ווי דריי פערטל מענטשן, ווי האַלבע מענטשן. די אַנדערע טיילן האָבן געפעלט פון זיי... און מיט התמדה, וואָס האָט פאַרראַטן קרענקלעכקייט, האָבן זיי אויסגעלעקט מיט די לעפל די רעשטע טראָפּנס געקעכטס פון זייערע שיסלען און אויפגעשניפּט מיט די נעזער און מיילער יעדעס קרישל ברויט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן איבער זייערע קליידער.

ווען זיי האָבן דערזען אַזאַ שיין אָנגעטוענעם פריץ צווישן זיך אין דער רײ, האָבן אויף מירקינס אַדרעס אָנגעהויבן צו פאַלן פאַרשידענע באַמערקונגען און געלעכטערס. מירקין האָט זיך נישט געמאַכט דערפון; געשטאַנען מיט זיין טעלער אין האַנט און צוגערוקט זיך צו דער קיך. זיינע שכנים האָבן אָבער געקאָנט מאַכן אַזעלכע געשיקטע מאַנעווערס, אַז ער איז יעדעס מאָל אַרויסגעשלאָגן געוואָרן פון זיין פּלאַץ און פאַררוקט געוואָרן אויף הינטן. מירקין האָט אַלץ איבערגעקומען, געשטופּט זיך לייב

און לייב מיט שמוציקע גופים, ביז ער האָט ענדלעך זיך דערשלאָגן צו דער קיך.

דער קוכער, אַ גוי מיט פוילנדיקע וואָנצעס און קרענקלעך רויטע באַקן, האָט אים אָנגעקוקט מיט באַזויפנדע אויגן און מיט זיין קאַרטאָפל־נאָז, געשאָקלט דעם קאָפּ אויף אים, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר פאַרשוויגן.

ער האָט אים געגעבן אַ גרעסערע פּאָרציע זופּ און אויסגעזוכט אין קעסל אַ וואָגעדיקן ביין, געזוכט אויך אַ גרעסער שטיק ברויט און דער־לאַנגט אים. מירקין האָט זיך צוזאַמען מיט די אַנדערע, אַוועקגעזעצט ביים טיש, גענומען עסן די זופּ מיט ברויט, כאָטש ס'איז נישט געקראָכן אין מויל אריין. ער האָט זיך געגויט צו קריגן אַפּעטיט צו זיי, צו וואָס דער הונגער האָט אים אויך צוגעהאָלפן; געמאַכט זיך עסן מיט געשמאַק און זיך איינגערעדט, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. פאַרקערט, עס האָט אים זייער געשמעקט.

געשטילט זיין הונגער, איז ער געוואָרן צופרידן פון זיך ווי אַ יינגל, וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. ער האָט זיך געזאָגט: נאָך אַלעם, איז עס גאָרנישט אַזאַ שווערע זאַך צו הונגערן. דאָס זאָל עס זיין אינ־גאַנצן?

ער איז אַרויסגעקומען אין גאַס. דער פרישער, קילער ווינט האָט אים גוט געטון. ער האָט געשמאַק געאָטעמט די לופט. פּלוצים איז גע־קומען עפּעס איבער אים פון אינעווייניק אַרויס, וואָס איז שטאַרקער גע־ווען פון זיינע פילאָזאָפיעס, און מעכטיקער פון זיין קאָנטראָל. פאַר די אויגן האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען, אין מויל איז אָנגעקומען אַן אָנגעוואַרימטע שפייעכץ. ס'האָט אים אָנגעהויבן נישט גוט צו ווערן, און ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד, האָט ער צוריקגעגעבן אין מיטן גאַס אַלצדינג, וואָס ער האָט געגעסן אין דער ביליקער קיך...

מענטשן זענען פאַרביינגעגאַנגען און אָפּגעטראָטן דעם וועג פון אים, געשאָקלט אויף אים מיטן קאָפּ.

— אַזאַ פיינער מענטש, אַזוי שיין אָנגעטון און שעמט זיך נישט צו שכורן, — זאָגט אַ פאַרבייגייענדיקע יידענע.

אַנדערע פאַרבייגייער האָבן אים אויסגעמיטן אָפּטרייסלענדיק זיך.

מירקין האָט זיך פאַרשעמט, פלינק זיך געבראַכט אין אָרדענונג און אַנטלאָפן פון דעם אָרט ווי אַ גנב.

— וואָס פאַר אַ פאַרשאָלטענער מפונק איך בין דאָס? — האָט ער זיך געזידלט. — אַ נדבה נעמען געקאָנט, קהלשן אַנשטאָלט באַנוצן גע־קאָנט, נאָר נישט אויסגעהאַלטן.

אַ יאושדיק, אומבאַהאָלפן געפיל האָט אים ווידער ארומגענומען.

— וואָס קומט אונדז ארוים פון אַלע אונדזערע טעאָריעס, וואָס מיר מאַכן זיך, און פון אַלע אונדזערע באַשלוסן, וואָס מיר נעמען אָן, אַז מיר זענען אָנגעבונדן אין אונדזער חיונה, ווי די קו צו דעם גראָז? אַ ליאַדע וואָס — און מיר פאַלן ווי צום טויט־פאַראורטיילטע פליגן. אַלע זע־נען מיר אָנגעבונדן מיט אַ שטריק ערגעץ צו אַ דרענגל. מיר קאָנען פליען, לויפן איין צאָל, צוויי צאָל — אַזוי לאַנג, ווי ס'איז אין אונדז דאָ דאָס ביסל חיונה. באַלד שלעפט מען אונדז צוריק צו דעם דרענגל, צו וועלכן מיר זענען צוגעבונדן דורך אונדזערע קהלשע שטריק...

פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין פאַר דער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס איז אים איבערפאַלן, האָט ער צוגעליינט:

— אויף אַלע אופנים וועט מען דאַרפן דעם מפונק פון זיך אַרויס־שלאָגן, מיט אַ קלין ארויסשלאָגן, ווען עס וועט נישט גיין אַנדערש.

קאַפּיטל 17

איינגעקויפט זיך אין מילכיקן רעסטאָראַן

אינעם מילכיקן רעסטאָראַן האָט ער אָנגעטראָפן זיינע באַקאַנטע. עס איז געווען נאָך דער געוועגלעכער עס־שעה, נאָך דער צייט, ווען דער רעסטאָראַן איז באַזעצט מיט פרעמדע מענטשן.

עס איז שוין געווען שפּעטלעך. אין רעסטאָראַן זענען געבליבן די פּאָר אינטעליגענטן. האַלבע אָדער גאַנצע פּאָליטישע טוער, אַ פּאָר לע־רער־עקסטערנעס, אָדער גלאַט אַזוי יונגעלייט, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין ווארימע היים, קיין איינגעהייצטע שטובן און קיין ליכטיקע טישן,

אַרום וועלכע זיי זאָלן זיך באַהאַלטן פון דער גאַסנדיקער קעלט. זיי אַלע האָבן זיך באַנוצט מיט דער גאַסטפריינטלעכקייט פונעם באַלעבאָס פון רעסטאָראַן, וואָס איז אַליין געווען אַן אייגענער מענטש, אַן אינטעליגענט און אַ שטיקל ליטעראַט. אינעם רעסטאָראַן איז געווען האַלב־טונקל. אַ שאָד געווען ליכט אויסצוברענען פאַר די וויניק פּרנסה־ברענגענדיקע קונדן, האָט דער באַלעבאָס אויסגעלאָשן די אַלגעמיינע ליכט און געלאָזט נאָר ברענען די עלעקטריע אַרום טישל, וואָס איז געווען באַזעצט מיט מירקינס נייע באַקאַנטע.

דער באַלעבאָס, אַ שיינער ייד, מיט אַ ברייטער גראָער באָרד, אַ הדרת־פּנים פון אַ געלערנטן, אויף וואָס עס האָבן עדות געזאָגט זיין הויכער גלאַנצנדיקער שטערן און זיינע ברילן אויף דער נאָז, איז געווען פאַרנומען הינטערן קאַנטאָר, ביי זיין גרויס ווערק, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט אַ העלפט פון זיין לעבן. אַ ווערק, וואָס האָט געזאָלט פאַרשווינען די מענטשהייט פון מלחמות. ער האָט יעדעס מאָל אויפגעהויבן זיין בליק פון הינטער די ברייטע ברעמען, אַרויפגעשאַרט די ברילן אויפן שטערן און אַנגעקוקט די קעזלעך, די טעלערלעך סמעטענע, רעטעך, הערינג און אַנדערע עסנווארג, וואָס זענען געשטאַנען פאַר אים אויפן קאַנטאָר, ווי ער וואָלט געוואָלט פון זיי אַרויסזויגן די אידעע, דעם געדאַנק פון אייביקן שלום, פאַר זיין ווערק. אַלץ איז שוין געווען ביי אים אין בוך פּיקס־און־פאַרטיק: דאָס וועלט־געריכט, וווּ די מלוכות זאָלן זיך קענען משפּטן, די אָרגאַניזאַציע פון דער וואָלונטיר־אַרמיי, וואָס זאָל האָבן די אויפגאַבע צו נייטן די מלוכות אויסצופירן דעם פּסק־דין פונעם פעלקער־משפּט (ער האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן צו ווערבירן וואָלונטירן פאַר דער אַרמיי צווישן די אינטעליגענטן, וואָס פאַרקערן אין זיין קאַפע). עס האָט נאָר געפעלט אַ קלייניקייט — ווי אַזוי צו נייטן די פעלקער און די מלכים אָנצונעמען דעם יידנס שלום־פּראָיעקט, אַזוי ווי ער האָט אים אָנגעוואָרפן אין זיין ספר. ער האָט אַרויפגערוקט זיינע ברילן איבער דעם הויכן גלאַנצנדיקן שטערן און טיף און לאַנג זיך איינגעקוקט אין זיין מילכיקס, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, ביז ער האָט דערזען מירקינען אַריינקומען, און גוטפריינטלעך צוגעשמייכלט צו אים. מירקין, כאָטש ער האָט זעלטן זיך באַוויזן אין רעסטאָראַן, איז שוין אָבער געווען גוט באַקאַנט און גוט אָנגעזען צוליב זיין יחוס, וואָס אַלע האָבן שוין גע־

זוסט דערפון, און איבער דער געהיימניש פון זיין אויפטויכן צווישן די קרייזן.

ביים טישל איז אָנגעגאַנגען אַ הייסער וויכוח, ביי וועלכן דער באַלעבטסטער אָנפירער איז געווען דער „פילאָזאָף". דאָס איז געווען אַ זעלטענער מענטש, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט צוגעצויגן מירקינס אויפמערקזאַמקייט. ער פלעגט זיצן איינעם קאַפע־הויז און גערן האָבן צוצוהערן זיך צום „פילאָזאָפס" רייד. נישט שטענדיק אָבער פלעגט דער „פילאָזאָף" זיך אַריינלאָזן אין געשפּרעכן אָדער אָנטיילנעמען אין דיסקוסיעס, וואָס פלעגן אָפּטמאָל אין די אָוונט־שעהען זייער היים אויסדעבאַטירט ווערן אינעם רעסטאָראַן, מיטן אָנטייל פונעם באַלעבאָס. מייסטנס פלעגט ער זיצן, דער „פילאָזאָף", איינער אַליין פאַר זיך ביי אַ טישל ביי זיין וואַרים גלעזל מילך מיט אַ סוכאַרקע און אַריינקוקן אין אַ ביכל ביים קאַרגן עלעקטרישן ליכט פון זיין טישל, אָדער פאַרקלערן זיך, קוקנדיק אויף איין פונקט פונעם באַלקן שעהען־לאַנג. דער בייניקער יינגלשער גוף פון דעם מיטליאָריקן מענטש האָט זיך אין זיך אַליין איינגעקאָרטשעט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַליין אַרומנעמען. פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, — וואָס ער האָט זיי געקאָנט אַקראָבאַטיש צוזאַמענפלעכטן ווי קיין אַנדערער נישט, — אַזוי אויך אַרומגעוויקלט זיינע דאַרע שטעקלדיקע הענט אַרום זיין שמאָלן, כמעט קינדישן קערפּער, האָט ער אַזוי געקאָנט אָפּזיצן שעהען־לאַנג, פאַרקוקט אין איין פונקט ווי אַן אינדישער פרוש. דערביי פלעגט אויף זיין אויסגעבלייכט פנים אָפּשפּיגלען זיך אַ קינדישער גוטער שמייכל, וואָס ער האָט אַרויסגעהויבן פון די וועלטן, אין וועלכע ער האָט זיך איצט געפונען... אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער יאָ נעמען אַן אָנטייל אין געשפּרעך, אָבער שטענדיק מיט אַזאַ פילאָזאָפישער רואיקייט, אַז עס האָט נישט האַרמאָנירט מיט די באַלעבטע הייסע דיסקוסיעס, וואָס האָבן זיך געפירט אַרום אים, און עס האָט דענערווירט מיט דער איינגעהאַלטנקייט און נעימותקייט. קיינער האָט נישט געוווסט, פון וואָס עס לעבט דער „פילאָזאָף", וווּ ער וווינט, און פון וואָס פאַרא פאַרהעלטעניש און אומשטענדן ער קומט אַרויס. ער האָט קיינמאָל ביי קיינעם קיין קליינגעלט נישט געבאָרגט, כאָטש מ'האָט געוווסט, אַז ער נייטיקט זיך אָפּט, און ער האָט קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט, ווען עס האָט זיך וועמער געווענדעט צו אים וועגן אַ גמילות־חסד.

מ'האט נישט געוווסט, פון וואנען ער נעמט עס. מ'האט זיך אנגעשטויסן, אז ס'מוז ווער זארגן פאר אים. ווארום, ווי קליין זיינע באדערפענישן זענען נישט געווען, האט ער דאך געהאט די מעגלעכקייט אויסצובארגן קליינגעלט, ווען עס האט זיך ווער געווענדעט צו אים, — וואס האט בא-וויזן זיין אומאפהענגיקייט. דאס האט אים געמאכט פאר אן אויסנאם אינעם קרייז, און מען מוז צוגעבן — פאר נישט קיין זייער סימפאטישן אויסנאם.

דעם אוונט האט ער יא גערעדט. אין רעסטאראן, ווי געזאגט, איז כמעט, א חוץ דער קליינער גרופע, קיינער נישט געווען. אנגעלענט אויף א טישל אין א ווינקל, איז א קעלנערקע געשלאפן. די צווייטע איז גע-שטאנען, די הענט פארלייגט אין די טאשן פון איר ווייסער שערץ און זיך צוגעהערט צום געשפרעך פונעם „פילאזאף" צוזאמען מיט דער גרופע.

ביי מירקינס אריינקומען האט דער „פילאזאף" גערעדט וועגן האר-מאניע פון נשמה און גוף; אז דער מענטש איז דער פארמיטלער צווישן זיין נשמה און גוף, און ער דארף נוצן זיין נשמה, אז זי זאל זיך נישט גרויסן קעגן זיין גוף, נאר לעבן אין הארמאניע מיט אים, אונטער וואסערע אומשטענדן דער מענטשלעכער חומר זאל זיך נישט געפינען, ווייל מיינסטנס איז דאס די נשמה, וואס בריקעוועט זיך און רייסט זיך. דער גוף קאן פיל מער איבערטראגן, ווי די נשמה — סיי גוטס, סיי שלעכטס. ער אליין האט שוין געמאכט דעם גרויסן שלום אין זיך. דורך דעם האט ער נעפונען די מנוחה און הארמאניע.

— און וואס טוט מען, ווען מ'הונגערט? — האט ווער געפרעגט אויפגערעגט איבער דעם „פילאזאפס" רואיקייט.

— עס איז נישטא אזא זאך ווי הונגער, — האט דער „פילאזאף" דערקלערט געלאסן, איבערציענדיק מיט זיין דארער האנט איבער זיינע קארגע וואנסעלעך. — הונגער איז א צושטאנד פונקט אזוי ווי זאטקייט, און עס איז נישטא קיין צושטאנד, וואס דער מענטש זאל נישט זיין ביכולת צו נוצן זיין נשמה צוצוגעוווינען זיך צו אים. עס איז נישט דער גוף, וואס ליידט, עס איז די נשמה, — און די נשמה קאן מען אפ-ווענדן פונעם צושטאנד, אין וועלכן זי געפינט זיך אומבאקוועם און זי אריינארבעטן אין א העכערן צושטאנד. נעמט, למשל, הונגער. ווייסט איר, אז הונגער האט א מוזיק? יעדער צושטאנד האט א שאטן, וואס

באַגלייט אים, פונקט אַזוי ווי דער שאָטן — דעם מענטש. איך וואָלט עס אָנרופן די מוזיק פון צושטאַנד. און פונקט אַזוי ווי אָריענטאַלישע חכמים האָבן זיך באַהאַלטן פון דער זון אין שאָטן אַריין, כדי דאָרט רואיקער צו קאָנען געפינען דעם צוזאַמענהאַנג מיט דער נשמה, אַזוי דאַרף דער מענטש אַנטלויפן פון דעם צושטאַנד, אין וועלכן ער געפינט זיך — אין זיין שאָטן אַריין. וואָרום צושטאַנד איז אַ קאַפּריזיקע זאַך. עס ברענט, עס עסט דיך, עס וואַרימט דיך, אָדער קילט דיך. מיט איין וואָרט — דערקוטשעט דיר. דער שאָטן פון צושטאַנד איז שוין אָפּגעקילט. דאָרטן, אין אים, קאָנסטו מער אים תופס זיין און מער באַהערשן. די חכמים געפינען זיך קיינמאָל נישט אין עצם צושטאַנד, נאָר שטענדיק נעבן אים. דורך דעם באַהערשן זיי די אומשטענדן, אונטער וועלכע זיי זאָלן זיך נישט געפינען.

דער באַלעבאָס, וואָס איז געזעסן הינטער דעם קאָנטאָר, האָט אַרויפּגערוקט די ברילן איבערן שטערן, וואָס איז געווען אַ סימן, אַז ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן און געוואָלט עפּעס פרעגן פון זיין אָרט אַרום דעם „פילאָזאָף". נאָר עס האָט אים וועד אויסגעכאַפּט צו־פרי:

— איך בעט אייך איבער, וואָס איך וועל אייך עפּעס פרעגן, — האָט זיך דער „זשאַכלינער" געווענדעט צום „פילאָזאָף". — איר האָט שוין ווען ס'איז אַמאָל געהונגערט, אמת נעהונגערט, נישט וואָלונטעריש, נאָר דערפאַר ווייל איר האָט פשוט נישט געהאַט מיט וואָס אייער הונגער צו שטילן, איר האָט זיך אַרומגעדרייט אין גאַס און פשוט נישט געהאַט אויף קיין זעמל?

— איך קאָן אייך נישט ענטפערן אויף דער פראַגע, — האָט דער „פילאָזאָף" אָפּגעענטפערט אויף זיין רואיקן שטייגער. — איך ווייס נישט וואָס עס הייסט זאַטקייט. ווי איך האָב שוין דערקלערט, געפין איך זיך קיינמאָל נישט אין עצם צושטאַנד, נאָר אַרום אים.

— איך האָב פונקט אַזוי אַמאָל פילאָזאָפירט וועגן צושטאַנד, ווען איך בין זאַט געווען. היינט אָבער, ווייס איך, אַז ס'זענען נישטאָ קיין זייטיקע שאָטנס. ס'איז דאָ „אמתער צושטאַנד" און דאָס איז: „זאַט אָדער הונגער". און די וועלט איז צעטיילט צווישן אָט די צוויי צושטאַנדן.

מ'האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם, וואָס האָט גערעדט די ווערטער.

מ'האָט זיך די אייגענע אויגן נישט געוואָלט גלויבן — ס'איז געווען מירקין, וואָס האָט עס געזאָגט.

נאָר מירקין האָט שוין איצט אַלעמענס בליקן איבערגעטראָגן. און — ווונדער איבער ווונדער: ער האָט זיך מער נישט געריוטלט ווי אַ כּלה־מיידל. ס'האָט ביי אים גאָרנישט מער אויסגעמאַכט, וואָס מ'קוקט אויף אים. ער האָט שוין געהאַט פאַרלוירן די בושה...

דער עולם האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז עפּעס־וואָס געשען מיטן יונגנמאַן. מ'האָט זיך גענומען רעדן וועגן אַנדערע טעמעס.

נאָכן געשפּרעך מיטן „פילאָזאָף" — האָט זיך צו מירקינען צוגע־שאַרט דער „זשאַבּלינער". ער איז עפּעס געווען אויסערגעוועהנלעך פריינט־לעך צו אים. ער האָט אים געפרעגט:

— וואָס הערט מען עפּעס ביי אייך, מירקין?

מירקין האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— גאָרנישט, קיין אויסטערלישעס, — האָט ער אים אָפּגעענט־פערט מיט אַ שמייכל.

— טאַקע נישט? — וווּנדערט זיך עפּעס דער „זשאַבּלינער" און פרעגט מירקינען אין דער שטיל:

— זאָגט נאָר, מירקין, האָט איר שוין היינט געגעסן?

דאָס נאָך נישט צוגעוווינטע בלוט אין מירקינס אָדערן האָט זיך ביי דער דאָזיקער פראַגע געגעבן אַ וועק־אויף פאַר אויפרעגונג און גע־קומען צולויפן מירקינען אין פּנים אריין. אויך האָט נאָך זיין נישט גאַנץ באַזיגטער משפּחה־שטאָלץ געגעבן אַ פּראָטעסטיר אין אים. מירקין האָט זיי אָבער באַלד באַרואיקט ווי מען באַרואיקט נאָכגעגעבענע קינדער, און ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט: וואָס איז דאָ געשען? און ווי להכעיס זיי, און ווי זיי צו באַשטראָפן, צו צוגעוווינען זיי צו עפּעס, האָט ער דעם „זשאַבּלינער" אָפּגעענטפערט: יאָ, איך האָב געגעסן אין אַ שטאָטישן אַנשטאַלט.

אַ נערוו האָט אַ ציטער געגעבן אין „זשאַבּלינערס" אינערן: מירקין אין אַ שטאָטישן אַנשטאַלט, מיט בעטלערס צוזאַמען! ער האָט גאָרנישט געזאָגט, פאַרשטייט זיך, נאָר אָנגעקוקט אים פאַרוואונדערט און אַזוי ווי מירקין וואָלט פאַרשטאַנען זיין פרעגנדיקן בליק — האָט ער געזאָגט צו דעם „זשאַבּלינער":

— וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי? וואָס, דאָרט, מיינט איר, עסן נישט קיין מענטשן?

— ניין, ניין. איך ווונדער זיך נישט, — ענטפערט דער „זשאַכלי־נער". — איך האָב אייך נאָר געוואָלט פרעגן: איר זענט שוין געוואָרן פאַרגעשטעלט פאַרן באַלעבאָס פון דאַנען, פאַר דעם הער שניאורזאָן?

— ניין, — זאָגט מירקין.

— קומט, וועל איך אייך פאַרשטעלן פאַר אים. עס איז אַן אייגענער מענטש. עס וועט אייך צונוץ קומען. טאָמער וועט איר אַמאָל נישט האָבן קיין געלט, קאָנט איר נעמען אויף באָרג. מיר אַלע טוען אַזוי. פאַניע... שניאורזאָן — דאָ האָט איר נאָך אַ וואָלונטיר פאַר אייער אַרמיי פון שלום. איר קאָנט שוין אונדזער נייעם פריינט. דאָס איז מירקין, זאַכאַרי מירקין.

— אפשר פון די רייכע פעטערבורגער מירקינס? — פרעגט דער באַלעבאָס און גיט זיך מיט די פינגער אַ קעם דורך די לאַנגע שפּיצן פון זיין באָרד. געווען דער באַלעבאָס אַ גרויסער קענער פון אַלע יידישע גבי־רים פון רוסלאַנד.

— ניין, — שאָקלט זאַכאַרי מיטן קאָפּ.

— אַ, ווי קומט ער צו זיי? — זאָגט דער „זשאַכלינער". — אַן אייגענער מענטש.

— איך האָב נאָר געמיינט, — זאָגט דער באַלעבאָס.

— איר פאַרשטייט דאָך וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, פאַניע שניאור־זאָן. הער מירקין זוכט באַשעפטיקונג. לעקציעס אוודאי. ער וועט זיי קריגן היינט, מאָרגן. דערווייל, איידער ווען און וואָס, נייטיקט ער זיך אין אַביסל קרעדיט.

— מילא, וואָס קאָן מען מאַכן? — גיט דער באַלעבאָס אַ טיפן קרעכץ, לאָזט אַראָפּ די ברילן פון שטערן איבערן נאָז און נעמט זיך ווי־דער צו זיין ווערק וועגן „אייביקן שלום".

— חברטע מאַניע, דערלאַנגט דאָ אַהער אַ טעצל מיט קעז און סמע־טענע. דער באַלעבאָס ווייסט דערפון, — רופט דער „זשאַכלינער" צו דער קעלנערקע.

— ניין, אַ גלעזל טיי, — זאָגט מירקין פאַרשעמט. — איך האָב אַזאַ ביטערן טעם אין מויל.

— דאָס קומט פון לאַנגן תענית. דאָס איז דער הונגער-געשמאַק. איך קאָן אים, — זאָגט דער „זשאַבלינער" אין געלעכטער.

***

פון דענסטמאָל אָן האָט זיך זאַכאַרי איינגעקויפט אין חברה פון „מילכיקן רעסטאָראַן". ער איז דורך דעם דער חברה אָן ערך געפעלן געוואָרן. ער איז אוים מיוחס געוואָרן. מ'האָט זיך אויפגעהערט מיט אים צו אינטערעסירן און פאַררעכנט אים פאַר אַן אייגענעם.

קאַפּיטל 18

אין דער שולע

פרוי הורוויץ האָט שוין געהאַט פאַר אַלצדינג געזאָרגט. צו אירע טאָג־טעגלעכע נויטן איז נאָך צוגעקומען נאָך אַ קלאַפּאַט — דער יונ־גערמאַן פון פּעטערבורג (ווי זי האָט אים גערופן). עס איז איר געלונגען צו באַקומען פאַר אים ביי אַ בעסערן שניידער אַן אומזיסטע דירה אַלס סובלאָקאַטאָר — פאַר לעקציעס, וואָס ער האָט געגעבן זיינס אַ יינגל אַ גימנאַזיסט (ארויסהעלפנדיק אים אין רוסיש און אריטמעטיק). מיטאָגן האָט ער דערווייל געגעסן ביי איר און פון איר האָט ער אויך פּאַרלויפיק באַקומען דאָס טאָג־טעגלעכע קליינגעלט, וואָס ער האָט באַדאַרפט אויף הוצאה, ביז די ערשטע באַצאָלונגען פאַר צוויי פּריוואַט־לעקציעס, וואָס דער לערער הורוויץ האָט פאַרשאַפט, וועלן איינפליסן. דערפאַר האָט זאַ־כאַרי מירקין אויסגעפּרוווט זיינע כוחות אַלס לערער ביי הורוויצן אין דער שולע. ער איז אויך צונויז געקומען. די שולע האָט קיינמאָל נישט געהאַט גענוג לערער. די לערער, וואָס די שול־אינספּעקציע האָט באַ־שטימט אָדער אריינגעזעצט, זענען געווען מער טשינאָווניקעס און שפּיאָ־נען, ווי לערער. אַזוי ווי מירקין איז געווען אַ „געענדיקטער" מיט אַן אוניווערזיטעט-דיפּלאָם, האָט אים דער אינספּעקטאָר גאַנץ לייכט באַ־שטעטיקט מיטן תנאי. אַז דער אַלטער רוסישער לערער זאָל ווייטער באַקומען זיין געהאַלט.

ער האָט געלערנט אַלצדינג: די רוסישע שפּראַך, פיזיק, מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסנשאַפט. דער לערער הורוויץ האָט אַפילו באַמערקט, אַז מירקינען וועט אין אַנהייב זיין שווער צו באַהערשן די קינדער פון זיין שולע. ער האָט זיך נישט געהאַלטן געווינג חשוב פאַר די קינדער ביי די לעקציעס און צופיל זיך אַריינגעלאָזט מיט זיי אין דיספּוטן. דורך דעם האָט ער צעבראָכן די דיסציפּלין, וואָס דער לערער הורוויץ האָט איינגע־פירט אין זיין שול. ער האָט זיך אָפּטמאָל פאַרלוירן, ווען דער כיטראַק, משהלע „לויז", אַ יינגל אַ קונדס, וואָס איז געווען באַקאַנט איבער זיינע שטיקלעך, וואָס ער האָט אָנגעטון די לערער, האָט אים אונטערגערוקט כיטרע פראַגן. דער לערער הורוויץ האָט מירקינען אין אַן אָוונט גענומען אָן אַ זייט און אים געגעבן אַ לעקציע אין פּעדאַגאָגיק: „אַנדערש איז אַ חברישער שמועס, וואָס מ'פירט מיט דערוואַקסענע, און אַנדערש זע־נען לעקציעס פאַר קינדער". דערביי האָט פאַר אים דער לערער הורוויץ געהאַלטן אַ גאַנצן פאָרטראַג מכוח פּעדאַגאָגיק: אַז אַ לערער מוז שטענ־דיק אין אַלע פאַלן אויסקוקן ביי די קינדער אַלס אַן אויטאָריטעט. ער טאָר קיינמאָל נישט לאָזן באַמערקן זיין שוואַכקייט. קינדער זענען קליי־נע טיראַנען, וואָס וואַרטן נאָר אויף דער מינדסטער געלעגנהייט, אַז זיי זאָלן קאָנען אָנפאַלן אויף דיר און דיך אַרויסשטעלן פאַר אַ נאַר. צוליב דעם דאַרף דער לערער, אין דער קעגנוואַרט פון קינדער, שטענדיק זיין אויף דער וואַך, שטענדיק זיין באַוואָפנט. — גרייט אויף אַ קעגן־אָנגריף. — מירקין האָט אויסגעהערט, גענומען זיך אין קאָפּ אַריין, אָפּגעמאַכט ביי זיך אַזוי און אַזוי. אָבער שוין ביי דער ערשטער לעקציע, וואָס ער האָט געגעבן אַליין פאַר די קינדער, האָט ער איינגעזען, אַז ער וועט זיי נישט קאָנען באַהערשן און האָט זיך געשראָקן, אַז ער וועט זיך דערפאַר אָפּזאָגן פון זיין נייעם באַרוף און זוכן עפּעס אַנדערש.

די קינדער פון לערער הורוויצעס שולע זענען באַשטאַנען פון די אָרימסטע שיכטן פון דער אָרימסטער יידישער געגנט. אַ סך פון זיי זע־נען געוואָרן — צוליב די אָרימע אומשטענדן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען — באַפרייט פון שכר־לימוד. פאַר זיי האָט באַצאָלט אַ קאָמי־טעט, וועלכער האָט אין געהיים פונעם אינספּעקטאָר אונטערגעשטיצט די שולע, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די אָרימע יידישע שיכטן. מיט די קינדער איז נאָך געווען אַ האַלבע

צרה: נידערגעשלאָגן פון אָרימקייט, שטענדיק הונגעריקע, פרירנדיקע אין די קאַלטע היימען, האָבן זיי באַטראַכט די שול ווי אַ גן־עדן, און דער לערער הורוויץ איז פאַר זיי געווען אַ גאָט. זיי איז געווען גרינג צו באַהערשן. שווער איז אָנגעקומען מיט די האַלב־פאַרמעגלעכע. דאָס זענען געווען אומדערצויגענע קינדער פון גראָבע עלטערן, פון פיש־הענדלער און קצבים, מאַרק־זיצערינס און אַנדערע קרעמער. דאָס שכר־לימוד איז געווען זייער שווער פון זיי אַרויסצוקריגן און עס איז אָנגעקומען רחל־לאהן מיט ביטערער נויט אָפּצונעמען דאָס שכר לימוד אין נאַטור: מיט פיש אויף שבת, מיט פלייש און מיט גרינוואַרג. די עלטערן פון די קינדער האָבן געמיינט, אַז ניִשט דער לערער זיי, נאָר זיי דעם לערער טוען אַ גרויסע טובה, וואָס זיי לאָזן זייערע קינדער גיין אין שולע, און מען דאַרף זיי דערפאַר נאָך צוצאָלן. און די קינדער, דערפאַר וואָס זייערע עלטערן באַצאָלן שכר־לימוד פאַר זיי, האָבן זיך געהאַלטן פאַר פריווילעגירטער פון די אַנדערע קינדער און דערלויבט זיך פרייהייטן. עס איז נאָר אַ דאַנק דער געניטקייט און דער אומדערהערטער געדולד פון לערער הורוויץ, וואָס ער האָט געקאָנט צווישן זיי אַריינברענגען ווי עס איז דיסציפּלין און אָרדענונג.

די ערשטע לעקציעס, וואָס מירקין האָט געגעבן אין שול, זענען מער אָדער ווייניקער דורכגעגאַנגען רואיק און נאָרמאַל. די קינדער האָט נאָך גערייצט די נייגעריקייט צו באַקענען זיך מיט דעם נייעם לערער. כאָטש דאָ און דאָרט האָט די דיסציפּלין זיך שוין באַשיינפּערלעך געבראָכן דורך די ביטערע שטיקלעך פון משהלע „לויז“ און פון חיימל „מאַנדראַק“, וואָס זענען געווען די ראשי־בריונים אין דער שול. זיי האָבן אונטערגעשטעלט חזירישע פיסלעך און פאַרשידענע שטיקלעך מירקינען, — וואָס ער האָט נאָך ניִשט באַמערקט. די קינדער האָבן געלאַכט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס לאַכט מען איבער אים און ניִשט געוווּסט ווי אַזוי דאָס צו פאַרמיידן.

מירקין האָט זיין פּראָפעסיע גענומען זייער ערנסט. קודם־כל איז ער געווען אַן ענטוזיאַסט. איבערגייענדיק מיט די קינדער דאָס עלעמענטאַרע וויסן וועגן פיזיק און נאַטור־פאָרשונג, האָט ער זיך נאָך אַמאָל באַגייסטערט און איצט דערינען דערזען די דערהויבנקייט און די וווּנדער פון דער נאַטור פיל מער, ווי ווען ער האָט עס געלערנט אַליין. ער האָט

נאָך אמאָל איבערגעלעבט זיינע קינדערשע יאָרן. ביי די לעקציעס איבער הימל־קענטשאַפט האָט ער זיך אַזוי באַגייסטערט, אַז ער האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט צו טון מיט שול־קינדער, וועלכע וואַרטן נאָר אויף אַ געלעגנ־הייט אָוועקצושטעלן זייער לערער אין אַ קאָמישער לאַגע און דורך דעם זיך אויסצוברעכן פון זיין דיסציפּלין און אָרדענונג. די קינדער האָבן גערופן דעם נייעם לערער מיט אַ צונאָמען: „די טשערעפּאַכע", דערפאַר וויל מירקין האָט ליב געהאַט פאַר די קינדער צו דערקלערן נאַטור־דער־שיינונגען מיט גרויס באַגייסטערונג און אַריינגעלאָזט זיך אין ענטוזיאַזם. ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי אים עפּעס געפרעגט וועגן אַ „טשערע־פּאַכע". אין מיטן דער לעקציע וועגן דער צוציאונגס־קראַפט פון דער ערד, ווען ער האָט געהאַלטן אין מיטן בעסטן דערקלערן וועגן ניוטאָנס עקספּערימענטן, הויבט זיך אויף משהלע און שטעלט אַרויס צוויי פינגער פון דער האַנט, אַז ער האָט עפּעס צו פרעגן.

— וואָס האָסטו צו פרעגן?

— פּאַניע לערער, וויפיל פיס האָט אַ טשערעפּאַכע?

זאַכאַרי איז בלייך געוואָרן פאַר כעס. די פראַגע איז געוואָרן גע־שטעלט אַזוי אומשולדיק. משהלע האָט דערביי אַרויסגעשטאַרצט זיינע תמעוואַטע שוואַרצע אייגעלעך, אַז מ'האָט אייגנטלעך גאָרנישט געקאָנט האָבן קעגן אים. נאָר דער גאַנצער ענטוזיאַזם איבער די וווּנדערלעכע דערשיינונגען פון דער צוציאונגס־קראַפט פון דער ערד, וועגן די אַלע פאַרבאָרגענע כוחות פון דער נאַטור, אַלע אויסטערלישע וועלט־דערשיי־נונגען — אַלץ האָט געפּלאַצט מיט איינמאָל און עס איז געבליבן ליגן אויפן טיש — אַ טשערעפּאַכע.

— ווי קומט דאָ אַהער אַ טשערעפּאַכע אין מיטן דערינען? — פרעגט זאַכאַרי בייז.

— איך האָב זיך געשפּאַרט מיט חיימען וועגן דעם. איך האָב גע־זאָגט, אַז אַ טשערעפּאַכע האָט פערצן פאַר פיס און ער זאָגט נאָר אַכט פאָר — האָב איך געמיינט, אַז אַמבעסטן — איך וועל דעם לערער פרעגן.

מירקין האָט פאַרביסן די ליפּן און ווייטער זיך געלאָזט אַריין אין זיינע באַשרייבונגען וועגן די שטערן, כאָטש דער ענטוזיאַזם און די גאַנ־צע פּאָעזיע זענען שוין פאַרשוווּנדן.

— פאַניע לערער, א „כראַבאַנזש״ האָט איין קאָפּ צי צוויי קעפּ?

— האָט איצט געפרעגט חיימל, וועמענס ריי עס איז געווען, לויט דער אָפּגעמאַכטער זאַך צווישן זיך, כדי דעם לערער צו דערקוטשען.

דאָס איז שוין געווען צו פיל, מירקין האָט זיך פאַרלוירן, איז צו־געלאָפן מיט דער נאַקעטער האַנט צום יונג. דער יונג איז אַרויסגעשפּרונ־גען פון דער באַנק. אין א מינוט אַרום האָבן זיך שוין לערער און שילער צוזאַמענגעפלאָכטן אין איין קנויל, און דער גאַנצער קלאַס איז געגאַנגען באַדראַאַם.

אין צווייטן צימער, ביי די מיידלעך, האָט געגעבן פּוילישע לעקציעס די עלטערע טאָכטער העלענקע. דערהערט א גערודער אין דעם קלאַס פון די עלטערע יינגלעך (דער פאָטער איז נישט געווען), האָט זי פאַרשטאַ־נען, אַז עס איז עפּעס געשען מיטן נייעם לערער. נאָך א קליינעם ישוב־הדעת מיט זיך אַליין האָט זי איבערגעלאָזט איר קלאַס אונטער דער אויפ־זיכט פון אַן עלטסטער און איז אַריין אין קלאַס פאַר יינגלעך געוויר ווערן וואָס עס האָט געטראָפן.

פון דער גאַנצער וועלט איז זי געווען די יעניקע, פאַר וועלכע מיר־קין זאָל אַמווינציקסטן וועלן זיך נאַקעט־שטעלן אין זיין גאַנצער אומבאַ־האָלפנקייט. ווען א גרוב וואָלט אָפן געווען פאַר אים, וואָלט ער געוויס אַריינגעשפּרונגען. ס'האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן, וואָס ער האָט זיי קוים באַהערשט. ער איז געבליבן שטיין בלייך, אומבאַ־האָלפן, און נאָך א פּיל מער דערשראָקענער, ווי די קינדער אַרום אים.

— אַנטשולדיקט, — האָט מירקין געשטאַמלט בלייך.

— פאַני לערערין, פאַני לערערין, דער נייער לערער האָט אונדז געשלאָגן און דער פאַן דירעקטאָר האָט פאַרווערט אונדז צו שלאָגן, — האָבן די יונגען געשריגן.

— אויף די ערטער, די מינוט אויף די ערטער, — האָט זי קאָמאַנ־דעוועט. און א וואונדער: די יינגלעך האָבן ווי געצווימטע לייבלעך צוגע־הערט זיך צו איר באַפעל און צעזעצט זיך צוריק אויף די ערטער

זי האָט זיך געווענדעט צו דעם בלייבן, פאַרלוירענעם מירקינען מיט א באַרואיקנדיקן שמייכל און צוגעוואָרפן אים א וואָרט.

— דאָס טרעפט זיך.

— איך בין שולדיק, — זאָגט מירקין פאַרלוירן.

זי האָט געגעבן אים אַ געהיימען ווונק, אַז די קינדער זאָלן נישט זען, אַז ער זאָל נישט רעדן. דערנאָך האָט זי זיך געווענדעט צו די קינ־דער מיט אַן אויטאָריטעטן־באַפעל, וואָס מירקין האָט זיך געוווּנדערט, פון וואַנען עס נעמט זיך צו איר.

— דער גאַנצער קלאַס דאַרף דעם לערער איבערבעטן. אויפגע־שטעלט זאָל ווערן! — האָט זי געגעבן אַ קאָמאַנדע.

די ייִנגלעך האָבן זיך אויפגעשטעלט אין איין רייע.

— דעם לערער איבערבעטן! — האָט זי ווידער געגעבן אַ קאָ־מאַנדע.

די ייִנגלעך האָבן געבויגן די קעפּ צו דער ערד, און אַלע אין איין קול:

— מיר בעטן איבער דעם לערער מירקין.

— און פּאַר אַ שטראָף ווערט היינט מער נישט געלערנט. די בי־כער פּאַקן און אַהיים!

— פּאַני לערערין, מיר זענען נישט שולדיק. דאָס האָבן משהלע און חיימל געטון, נישט מיר, — האָבן זיך אַ טייל אָנגעהויבן צו בעטן. — מיר ווילן ווייטער זיך לערנען. דער לערער האָט אַזעלכע שיינע מעשיות דערציילט וועגן דער ערד און שטערן.

— נישט גערעדט זאָל ווערן, אַהיים די מינוט, — האָט זי געהייסן.

די קינדער האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ די ביכער איינגעפּאַקט און ווי קליינע גנבימלעך אַרויסגעגנבעט זיך פון שול.

מירקין איז נאָך אַלץ געשטאַנען צעדערגעשלאָגן און נישט געוווּסט וואָס צו טון. ענדלעך, ווען זיי זענען געבליבן אַליין, איז זי צוגעגאַנגען צו אים און האָט אָנגעהויבן צו קוקן אין זיינע אויגן מיט ערנסטקייט, אַזוי ווי זי האָט עס געטון ביים טיש.

— עס איז מיין שולד. איך האָב מורא, אַז איך בין נישט פּעאיק צו דער פּראָפעסיע. איך וועל מוזן אייער פאָטער זאָגן.

— דעם פאָטער זאָגט נישט.

— פאַרוואָס?

— מ'דאַרף נישט. איך וועל שוין זאָגן.

— איך האָב מורא, אַז איך וועל קיינמאָל נישט קאָנען מיט קינדער לערנען.

— איר וועט קאָנען, — זאָגט זי און שטרעקט־אויס צו אים איר האַנט און ציט אים נאָך זיך, — קומט אַריין מיט מיר אין מיין קלאַס. איר וועט זען, ווי אַזוי איך טו עס.

אָנגענומען אים ביי דער האַנט, האָט זי אים אַריינגעבראַכט אין איר קלאַס און פאָרגעשטעלט אים פאַר די קינדער.

— קינדער, דאָס איז אונדזער נייער לערער, הער מירקין. הויבט אייך אויף, קינדער!

די מיידלעך האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן מיט איינמאָל און באַגריסט זאַכאַרין.

זי האָט אים אוועקגעזעצט נעבן איר לערער־טיש און גענומען זיך ווייטער צו איר איבערגעריסענער פּוילישער לעקציע.

מירקין האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך פון דער פריערדיקער געשעעניש. ער האָט זיך געטראַכט:

— וואָס פאַרא שלים־מזל בין איך! און פאַרגעוואָרפן זיך, אַז ער טויג איבערהויפּט צו קיין זאַך נישט. — פאַרפאַלן, אויפגעצויגן אַ „באַרין" צו זיין. — דערביי אָבער האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון אַן אַנדערן איינדרוק, וואָס ער האָט ערשט נאָר וואָס איבערגעלעבט. עס איז געווען דער איינדרוק פון דעם מיידלס האַנט. ער פילט נאָך איצט די קאַלטקייט און די גלאַטיקייט, אַזוי ווי זיין האַנט וואָלט זיך געווען געוואַשן אין שניי, אין פריען ערשטן שניי.

נאָר באַלד האָט ער אַן אַלעם פאַרגעסן. פון אַלע ווינקלען האָבן צו אים אָנגעהויבן צו קוקן קינדערשע אויגן. קיין גאָטס באַשעפעניש קאָן נישט אַזוי טרויעריק, אַזוי אַן האָפענונג פאַרלוירן קוקן, ווי קינדער. עס זענען געווען מיידלעך פון די אָרימסטע יידישע שכנים, וואו הורוויצעס שולע האָט זיך געפונען — מיידלעך צווישן אַכט ביז צוועלף, ביז פערצן יאָר. אָבער ווער האָט געקאָנט ציילן יאָרן אין זיי? פאַרלוירענע אייביקייטן האָבן אַרויסגעקוקט פון זייערע שוואַכע צעקאַליעטשעטע אויגן, וואָס זענען איינגעפאַסט אין שאַרפע קינדערשע באַקן־ביינער... ווי זיי וואָלטן געטראָגן אין זייער בליק די גאַנצע אומנוצלעכקייט און אומבאַדערפעניש פון זייער געבוירן־ווערן. נאָך וואָס האָט מען זיי אַרויסגערופן פון דעם אייביקן שווייגנדיקן נישט־זיין אין דעם ליידיקן לעבן אַריין? אָבער ניין, זייער בליק האָט נישט געפרעגט. זיי האָבן געקוקט רעזיגנירט

און גלײַכגילטיק. נישט זייערע פֿאָטערס אײביק מאַטערן זיך, נישט די מוטערס אײביקע פֿאַרזאָרגטע פּנימער, נישט קיין קאַלטע היימען, נישט קיין הונגעריקע טיש און בענק, נישט קיין צרות פֿון קראַנק זײַן, אָרים זײַן און פֿאַרלאָזן, האָבן געקאָנט אַרויסברענגען די טרויעריקייטן פֿון די קינ־דישע בליקן. עס איז געווען אַ טיפֿע, אַן אײביקע, אַן אָן־סיבהדיקע טרויע־ריקייט, אַזוי ווי אויף די ראַנדן פֿון זייערע אויגן וואָלט נאָך געווען גע־האָנגען די שרעק פֿאַר דער אײביקער נאַכט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון אַן אַנדערער וועלט, פֿון וועלכער זיי זענען ערשט נישט לאַנג געקומען...

אָנגעטון אין טאַטע־מאַמעס איבערגעמאַכטע קליידער, טייל מיט פֿאַרבונדענע אויערן, געשוואָלענע הענטלעך, אַנדערע מיט קינדערשע לײַבלעך, אַרויסלאַכנדיקע פֿון אומגעלומפּערטע, קאָמיש־צוזאַמענגעשטעל־טע קליידלעך. מיט שפּילצײַג־פּיסלעך, אומבאַהאָלפֿענע פֿויגלדיקע קעפּ־לעך, רחמנות דערוועקנדיקע טויבן־העלדזלעך, ווי דאָס וואָלט זיך געבעט־טן: „ווערג מיך נישט". פּנימלעך פֿאַרשווינדן, קינדערשע לײַבלעך אין טאַטע־מאַמעס איבערגעמאַכטע קליידלעך פֿליען־אַוועק — און עס בלײַבן זיצן אָרום די לערן־בענק נאָר אויגן און אייגעלעך...

און צווישן די אויגן שטייט זי, די לערערין. זי איז פֿאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין איינע פֿון זיי. דאָס שוואַרץ־ווײַס־געקעסטלטע קליידל, אין וועלכן עס איז אַרײַנגעגאָסן איר דינער קערפּער, זעט אויך אויס ווי פֿון טאַטע־מאַמעס אַן איבערגעמאַכט מלבוש. און פּונקט אַזוי ווי איבער די קינדער, אַזוי ליגט אויך איבער איר גאַנצן קערפּער, פֿון שייטל־קאָפּ ביז צו די פּיס, — די צוויי גלײַך־האַלטנדיקע פּיס, — אַ פֿריש־מאָרגנדיקער טוי, ווי איבער אַ פֿלוים, וואָס לאָזט זיך נישט אָנרירן. איר קעפּל אויף איר דינעם האַלדז בויגט זיך אויך אַזוי הילפֿלאָז און מאַכט לאָז איין אָן אַ זײַט.

זי הייבט אָן אַרומצושפּרינגען פֿון איין אָרט צום אַנדערן, רופֿט־אָן יעדעס מאָל אַן אַנדער מיידל בײַם נאָמען. ער הערט איר היימישע לאַכנ־דיק־פֿליסענדיקע שטימע ווי אויס אַ פֿרישן, אומבאַריטן קוואַל. און מיר־קין באַמערקט שוין ווי אײַנציקווײַז פֿאַרשווינדט און פֿאַרגייט די טרויע־ריקייט פֿון די קינדערס אויגן און אָנשטאָט דעם הייבן זיך אָן אָנצוצינדן לאַכנדיקע פֿײַערלעך אין זיי. די פּנימלעך ווערן באַלעבט, רויטלעכער,

פרישער. זיי הייבן שוין אָן אויסצוזען שטיפערישער, מונטערער. די גופ־לעך באַוועגן זיך שנעלער. קינדישער, און אפילו די טאַטע־מאַמעס אומגע־לומפּערטע קליידער אויף זיי נעמען־אָן אַ קינדישן חן, ווי אַ צויבער וואָלט אַריינגעקומען צווישן זיי. דאָ און דאָרט הייבט אָן צו מורמלען אַ שטראָמל וואַסער צווישן פאַרשטעלטע צווייגלעך און באַוואַקסן גראָז. דאָס לאַכט אַ קינדישע ווייַנענדיקע שטימע: קינדישע הענטלעך הייבן־אָן אויפצו־פלאַמען ווי ליכטלעך, צעפלעכטן זיך ווי יונגע באַבלומטע צווייגן. דער גאַנצער קלאַס ווערט מיט איינמאָל אָנגעפילט מיט קינדישער פרייד און מיט קינדישן שפּיל...

— ווי אַזוי מאַכט זי דאָס? — טראַכט ער זיך, און ער זעט נישט און באַמערקט נישט ווי אין דעם כשוף־קלאַנג פון קינדישע שטימען איז ער אַליין אַריינגעכאַפּט געוואָרן, און ער אַליין לאַכט־מיט אינעם כאָר, און פאַרשפּילט זיך ווי אַ קינד. אַלע זאָרגן ווערן אויסגעלאָשן. דאָס גאַנ־צע דערוואַקסענע לעבן פאַרשווינדט ערגעץ אין אַ כף־הקלע. אויך ער זיצט אויף דער לערן־באַנק.

— ווי אַזוי מאַכט איר דאָס? ער באַמערקט נישט, ווי אָן זשענירן כאַפּט ער זי אָן ביי איר קליינער האַנט, ווען זי דרייט זיך אויס צו אים.

— וואָס מיינט איר?

— איר לאַכט, איר שפּילט, איר טאַנצט — און זיי לאַכן מיט.

— דאָס זענען מיינע פריינט, — זאָגט די לערערין ערנסט. — גי־טעלע און מרים, — ווייזט זי אויף קינדישע קעפּלעך. — חוהלע טויבענ־שלאַג און מאַטעלע פּאָמעראַנץ, — מיר קענען זיך שוין פון לאַנג, — זאָגט זי נישט אָן שטאָלץ, — פון ערשטן טאָג אָן, ווען זיי זענען אין שולע געקומען, זענען מיר באַלד גוטע פריינט געוואָרן. מיר האָבן איינע פאַר די אַנדערע קיין סודות נישט. — נישט וואָר, חוהלע? — ווינקט זי צו אַ מיידל.

אַ קינדיש קעפּל פון הינטער אַ באַנק שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אָבער ווי אַזוי מאַכט איר דאָס?

— דאָס קומט שוין אַליין פון זיך. קינדער דערפילן באַלד, ווער עס וויל זיין מיט זיי גוט־חבר און זיי שליסן באַלד פריינטשאַפט. אָט האָב איך דאָ אַ פריינדין, מירעלע, אַ מיידל פון אַכט יאָר. ווען זי איז געקומען אין שולע אַריין, האָט זי פאַר אַלעמען מורא געהאַט. מ׳האָט זי געשלאָגן

אינדערהיים. פאַר יעדער קלייניקייט האָט מען זי געשלאָגן: דער טאַטע, די מאַמע, די ברידער, די שוועסטער, און זי האָט זיך געהאַלטן שטענדיק אין איין באַשיצן מיטן הענטל פון קלעפּ. זי האָט געמיינט, אַז יעדער איינער וויל איר וויי טון. עס האָט מיר לאַנג גענומען, ביז איך האָב זי איבערצייגט, אַז איך וויל איר נישט קיין שלעכטס טון, אַז זי דאַרף זיך נישט פאַר מיר באַשיצן. זי האָט מיר אַלץ נישט געוואָלט גלויבן, ביז איינמאָל האָב איך גערעדט צו איר און געקוקט איר אין פּנימל אַריין און געזאָגט צו איר: מירעלע, איך וועל דיך נישט שלאָגן, קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט. זי האָט מיר געקוקט אין פּנים אַריין און געגלויבט מיר. און פון דענסטמאָל אָן האָב איך זי אָפּגעוווינט פון באַשיצן זיך פאַר מיר. איר ווילט זי זען? מירעלע, מירעלע, קום נאָר אַהער! — רופט זי צווישן די שפּילנדיקע, רווישנדיקע קינדער.

פון אַ קנויל קינדער שיילט זיך אַרויס איינס מיט שווערע שיך אויף דינע שטעקן־פיסלעך, גייט־צו צו דער לערערין. זי איז אָנגעטון אין אַ קאַפּטנדל, וואָס איז איבערגעמאַכט פון אַן אַלט קלייד, וואָס פאַרקליידט זי ווי אַ פאַרשטעלטע יידענע. צוערשט איז זי געגאַנגען פרייליך, נאָר קומענדיק נענטער צו דער לערערין, האָט זי דערזען דעם פרעמדן. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אין מאַמעלעכן גאַנג, ווי זי וואָלט פאַר וועמען מורא געהאַט און אויסגעשטאַרצט אירע שרעקנדיקע גרויסע אויגן פון דעם דינעם שוואַרץ־באַשאָטענעם פּנימל, אַזוי שאַרף, אַז עס האָט זיך געדאַכט, זיי בלוטיקן זיך אין זייער קוק.

— מירעלע, האָב נישט קיין מורא, קום צו מיר נענטער.

מירעלע האָט אַלץ געהאַלטן אין איין קוקן מיט אומצוטרוי אויף זאַכאַרין און זיך צוגעגרייט זיך צו באַשיצן מיט איר הענטל פאַר אַ קלאַפּ. דערבײַ האָט זי אַזוי געלענקט אירע טריט, אַז זי זאָל שטענדיק זיין נענטער צו דער לערערין. מירעלע איז געשטאַנען ביי איר לערערינס קני נאַטירלעך ווי יעדעס אַנדערע קינד, מיט די הענטלעך אַראָפּ. נאָר קוים האָט זי די לערערין געהייסן זיך באַגריסן מיט זאַכאַרין, צוגעשטופּט זי נענטער צו אים, האָט מירעלע אויפגעהויבן דאָס אָרעמל און פאַרשטעלט זיך מיטן הענטל איר באַק. אירע שוואַרצע גרויסע אייגעלעך האָבן אומרואיק אָנגעהויבן זיך צו וואַרפן, יעדן אויגנבליק געשלאָסן די הייטלעך איבער זיי, ווי זי וואָלט זיך געריכט אויף עפּעס בייז.

— מירעלע, דאָס איז אונדזער נייער לערער, און ער איז אַ גוטער מענטש. ער וועט דיך נישט שלאָגן, מירעלע. קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט. נעם־אַראָפּ דאָס הענטעלע פון באַק.

מירעלע האָט געקוקט אויף מירקינען מיט אומצוטרוי און נישט גע־טרויט זיך צו דערנענטערן זיך צו אים מיט דער אומבאַשיצטער באַק.

— מירעלע, אַז דו האָסט מיך ליב, נעם־אַראָפּ דאָס הענטעלע פון באַק, אַז נישט וועל איך זיין ברוגז מיט דיר, — זאָגט די לערערין צום קינד.

מ׳זעט, אַז דעם קינד קאָסט אָנשטרענגונג, צו געהאָרכן איר לערע־רין. זי פּרוווט צו אַנטבלויזן איר בעקל. אָבער זי האַלט איר הענטל גרייט אויף אַלע אופנים.

זאַכאַרי נעמט דאָס קינד אויף זיינע קני. דאָס קינד קוקט אים אין די אויגן אַריין, וויל אויספאָרשן זיינע אַבזיכטן, און האַלט שוין ווידער דאָס הענטל נעבן איר בעקל.

— מירעלע, דאָס איז אַ גוטער מענטש. איך האָב דיר געזאָגט, אַז ער וועט דיך קיינמאָל נישט שלאָגן, קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט. גלויבסטו מיר נישט?

מירעלע איז געשטאַנען ביי זיינע קני און געקוקט דער לערערין אין פּנים אַריין. זי האָט געגלויבט איר לערערין און אַראָפּגענומען דאָס הענטל פון איר בעקל.

— ווי אַזוי טוט איר דאָס? — רופט אויס מירקין געריִרט.

— עס איז גאָרנישט אַזוי שווער. מען דאַרף זיי נאָר ליב האָבן.

— איך פאַרשטיי אייך; איך וועל עס קיינמאָל נישט קאָנען.

— אָ, אָ, איר וועט עס קאָנען, איר קאָנט עס שוין. האָט איר זיי־דען נישט ליב אַזוי ווי איך, אַזוי ווי מיר אַלע? — קוקט זי אים אין די אויגן אַריין.

— געוויס, וואָס דען אַנדערש האָב איך אין מיין לעבן?

העלענקע קוקט אים ווידער אָן אַ לאַנגע ווײַלע מיט איר עקשנות־דיקן בליק. דאָס מאָל אַזוי ווי עס וואָלט געגאַנגען אין אַ געוועט, צי האַלט ער אויס איר בליק.

— ווער זענט איר דאָס אַזעלכעס? — פרעגט זי אים פּלוצים.

מירקין איז פאַרוווּנדערט געוואָרן פון דער פראַגע.

— איר זעט נישט, אַ מענטש! ווען מען קאָן אַזעלכן אָנרופן, — שמייכלט ער.

— עס איז עפּעס אַזאַ געהיימניש אַרום אייך, — זאָגט דאָס מיידל.

— ווי מיינט איר דאָס?

— עס קוקט עפּעס אַזעלכעס פון אייערע אויגן אַרויס, ווי איר וואָלט קיינעם נישט געהאַט אין דער וועלט, נאָר זיך בלויז אַליין.

ער איז דערשטוינט געוואָרן פון אירע רייד. ער האָט זיך געוואָלט אויפהויבן און פאַרלאָזן זי. עס איז זיך נישט געווען וואָס צו בייזערן. זי האָט עס געזאָגט מיט אַזוי פיל אָנטייל, מיט אַזוי פיל ליבע, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. ער האָט געפילט ווי ער ווערט מיט איר אַריינגעוועבט.

— פאַרוואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? — פרעגט ער זי, ווען זי האָט נישט אַוועקגענומען דעם בליק פון אים.

זי האָט אים דערויף נישט אָפּגעענטפערט. אָנשטאָט דעם, האָט זי געזאָגט צו אים:

— קומט מיט מיר שפּעטער אין גאָרטן אַריין; איך גיי דאָרט דורך אויף מיין לעקציע, יאָ?

קאַפּיטל 19

יינגליש און מיידליש

מען קאָן נישט זאָגן, אַז מירקין האָט ביז איצט געשאָנקען זייער פיל אויפמערקזאַמקייט די טעכטער פון דעם לערער. האָט ער דאָס געטון אין אַ געוויסער מאָס, וויפיל זיין צוריקגעהאַלטענע נאַטור האָט אים דערלויבט, — האָט ער עס געטון בנוגע צו דער יינגערער, צו זאָשקען. זאָשקע איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר יינגער פון איר שוועסטער, דאָך האָט דאָס ווייב שוין אַרויסגעקוואָלן פון איר קערנדיקן, אין מילך דורכגעקנעטענעם קערפּער. פאַר מירקינען האָט זי באַזיצן גאָר אַ באַזונדערן רייץ. זי האָט דערמאָנט אין איר מוטער. שוין די הויט פון איר לייב, ווי זי האָט זיך נאָר באַוויזן, האָט געשימערט פון העלקייט — ווי איר מוטערס, דער־

ביי אזוי יונג, און נאָך איינגעהילט אין זיין מיידלשן חלום.. ווו איר האַלדז האָט נישט געשטעקט — האָט ער דאָך באַזיצן יענע אויסגעבעטענע קילע ווייכקייט, אין וועלכן עס גלוסט זיך דאָס פּנים איינצונאָרען. זי איז גע־ווען נאָך אירע יאָרן אויסערגעוועגלעך אַנטוויקלט נישט נאָר אין איר מוט און כאַראַקטער, נאָר אויך ריין קערפּערלעך. די ברוסט — שטראַמף און מעכטיק, אירע הענט האָבן געלאָזט פילן זייער מוסקולירטע קראַפט ביי יעדער באַוועגונג. און נישט איינמאָל ווען מירקין האָט זי געטראָפן מיט באָרוועסע פיס וואַשן מיט נאַקעטע אַרויפגעשאַרטע אָרעמס די פּאָדלאָגע פון שטוב — האָט אים אַ שטראָם בלוט געשלאָגן אין פּנים, — וואָס דאָס אויסערגעוועגלעכע העלקייט פון די אַנטפּלעקטע טיילן פון איר נאַ־קעט לייב האָבן אויפגעוועקט אין אים...

די קליינע זאָשקע האָט, איבריקנס, נישט נאָר בלויז מיט איר אוי־סערלעכקייט דערמאָנט אין איר מוטער. זי האָט פאַרמאָגט יענעם באַ־פעלנדן טאָן — וואָס מ'האָרכט פון איר מוטער. זי האָט קיינמאָל נישט געבעטן — נאָר געהייסן. באַפוילן, — נישט נאָר אירם גלייכע, נאָר על־טערע פון איר. די מוטער איז נישט איינמאָל אויסגעקומען איר צו וויסן לאָזן, אַז הערשן קומט איר גיכער. דערפאַר אָבער האָט זי אינגאַנצן באַ־הערשט די עלטערע שוועסטער.

זי האָט די עלטערע שוועסטער געמאַכט אַרבעטן פאַר איר, — צו־גרייטן איר די אויפגאַבן פון דער שול, אויסגענוצט די שוועסטערס נאַכ־גיביקייט און צוגענומען איר די קליידלעך, אַן איבריק שטיקל בענדעלע, אָדער די בעסערע פּאָר שיך, וואָס איז געקומען לויט די יאָרן — דער עלטערער צו טראָגן.

פאַרשטייט זיך, ווי אויף יעדן שוואַכן כאַראַקטער, האָט די יינגערע שוין מיט איר ענערגיע און לעבנס־קראַפט געצווינגן זאַכאַרים אויפמערק־זאַמקייט. פאַרקערט, די עלטערע, העלענקע — האָט ער גאָרנישט באַ־מערקט.

איבערהויפּט איז העלענקע געווען פון יענע נאַטורן, וועלכע קאָנען אַדורכגיין דורך דעם לעבן אומבאַמערקט. עס זענען דאָ פּערזענלעכקייטן, וועלכע קאָנען זייער עקזיסטענץ פאַרוואַנדלען אין לופט. זיי זענען מיט אונדז — און דאָך קאָנען זיי זיך באַהאַלטן פון אונדזערע אויגן. זיי הילן זיך איין אין אַ שאָטן, וואָס באַגלייט זייערע פּערזענלעכקייטן — און

גייען־אַדורך פאַר אונדז אומבאַמערקט. אָבער טאָמער אַנטדעקט מען אַזאַ פּערזאָן און מען ווייסט אים ווי אַרויסצולאָזן פון זיין באַהעלטעניש, וואונדערט עס אונדז — ווי אַזוי איז עס געווען, אַז מיר האָבן נישט באַמערקט די פּערזענלעכקייט ביז איצט?

העלענקע האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן. באַהאַלטן זיך — אַ געפּונענע. פאַרהוילן זיך — אַ געזעענע. ערשטנס, האָט זי זיך מיט קיין זאַך נישט אויסגענומען. זי האָט געקאָנט שטיל זיין, אַז עס איז מעגלעך געווען אין איר קעגנוואַרט צו פילן זיך אַליין. אַלעס, האָט זיך געדאַכט, אין איר שלאָפט. דער שלאָף האָט געוועבט אַ הילע אַרום איר יונגן אומרייפן מיידלשן קערפּער. איר שמאָלער פויגלדיקער פּנים־קאָפּ איז געשלאָפן צווישן אירע רונדיקע פּלייצעס. נאָר אָממערסטן, האָט זיך געדאַכט, שלאָפן אירע פּלייצעס, — מען האָט געקאָנט אָנרירן דעם שלאָף, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אויף זיי. דער שלאָף ליגט אויף איר שייטל האָר. אירע הענט האָט זי געהאַלטן נעבן זיך — איינגעוויקלט אַרום זיך — ווי אַן עמבריאָן אין דער מוטערס בויך — זי האָט זיי מורא געהאַט אַרויסצושטעלן פאַר זיך. דער שלאָף איז געלעגן איבער איר דינעם בויך — איבער אירע אומאַנטוויקלטע, כמעט יינגלישע ברוסט — זי איז געגאַנגען, זי האָט זיך באַוועגן אין אַ שלאָף...

זי האָט גאָרנישט געהאַט אַזעלכעס, מיט וואָס אַרויסצורופן זאַכאַרים אויפמערקזאַמקייט אָדער וועמען עס איז אַנדערנס. דאָך קאָן מען נישט זאָגן, אַז זאַכאַרי האָט זי נישט באַמערקט — ער האָט זי, איינגעטלעך, יאָ דערזען, אָבער מען קאָן נישט זאָגן, אַז איר דערשיינונג האָט אַרויסגערופן ביי אים עפּעס חשקדיקס און דערפרייענדיקס. גיכער מורא. ער האָט אַנגסט געהאַט פאַר איר. און דאָס איז געווען דורך דעם, וואָס העלענקע האָט אים אין אַ געוויסער הינזיכט דערמאָנט אין זיין מוטער. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע, אַז זיין מוטער האָט געמוזט מיידלוויז אַזוי אויסזען, פאַרהוילן זיין אין אַ שלאָף־וואָלקן. דאָס איז אים, עפּעס צוליב נישט קיין אויפגעקלערטער אורזאַך, פאַרגעקומען אומאָנגענעם. ער האָט נישט גערן געהאַט, ער האָט פיינט געהאַט אַלצדינג וואָס האָט אים דערמאָנט אין זיין מוטער. די דעראינערונג אין זיין מוטער — האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט ביי אים אין עפּעס אומאָנגענעמעס. ער קאָן עס זיך נישט קלאָר דערקלערן, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. —

נאָר אַזוי איז עס געווען. זיין מוטערס וועזן, וואָס האָט אין זיינע קינדישע יאָרן באַהערשט זיין לעבן — האָט אַרויסגערופן אין די איצטיקע יאָרן ביי אים פאַרדריסלעכקייט און ווידערווילן — ער האָט עס געמוזט מודה זיין, אַז עס איז אַזוי... עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין זיין גורל איז שולדיק זיין מוטער. איר נאָר אַליין האָט ער צו פאַרדאַנקען דעם שוואַכן כאַראַקטער זיינעם און די אומזיכערקייט זיינע. און אַזוי ווי ער האָט זיין אייגענעם כאַראַקטער געהאַסט, אַזוי האָט ער געהאַסט זיין מוטערס וועזן איצט, און אַלעס וואָס דערמאָנט אים אין איר.

***

קיין גרויסן חשק צו באַגלייטן העלענקען דורך דעם גאָרטן אויף איר לעקציע, — ווי זי האָט אים געבעטן צו טון — האָט זאַכאַרי נישט גע־האַט. אין אַ געוויסן זין איז עס אים געווען אויך דערווידער; דאָך איז ער געגאַנגען, געצוווּנגען דורך אַן אומפאַרשטענדלעכן און מעכטיקערן כוח ווי ער איז, ווי ער וואָלט באַפוילן געוואָרן דורך זיין גורל. אומבאַוווּסט האָט ער געהאַט אַן אָנונג — ווען עס וועט אים באַשערט זיין צו טיילן מיט וועמען זיין לעבן, וועט עס נישט זיין פון די פּערזענלעכקייטן, נאָך וועלכע ער בענקט — ענלעך עפּעס צו פרוי הורוויץ, — אונטער וועמענס כוח ער זאָל אויפגיין, נאָר דווקא פון יענע נאַטורן, וואָס טראָגן אין זיך אונטערטעניקייט און שוואַכקייט, ווי ער איז אַליין — ווי זיין מוטער איז געווען. ער האָט זיך אויסגעהיטן און מורא געהאַט דערפאַר.

און דאָך איז ער געגאַנגען. ער האָט זיך, פאַרשטענדלעך, נישט אַזוי ווייט די זאַך פאַרגעשטעלט, ער האָט זיך גאָרנישט פון דעם אומשולדיקן שפּאַצירגאַנג פאַרשפּראָכן. נאָר דאָס קוקן אין די אויגן אַריין, די געהיימע בליקן — און די פאַסירונג היינט פאַר מיטאָג ביי דער לעקציע אין שול — זענען גענוג געווען, אַז ער זאָל זיך פאַר עפּעס שרעקן. ווי יעדע שוואַכע נאַטור, האָט ער דעם שאָטן אָנגענומען פאַרן קעגנשטאַנד, פיל פאַרגרע־סערט די געפאַר. — און אייגנטלעך, וואָס וואָלט געווען איינפאַכער און לייכטער, ווי פּשוט נישט אויסצופירן דעם פאַרלאַנג, וואָס אַ שוואַך מיידל האָט אים געבעטן טון? נאָר דאָך מיט פּראָטעסט און געבייזער אויף זיך אַליין — האָט ער דאָך אויסגעפירט דאָס, וואָס זי האָט אים געבעטן.

***

ווען העלענקע איז אַראָפּגעקומען פון שטוב, נאָכן עסן, צו גיין אויף אירע נאָכמיטאָגדיקע שטונדן, האָט זי שוין מירקינען אָנגעטראָפן אויפן גאַס. זי איז געווען אָנגעטון אין איר געוועגלעכן טאָג־טעגלעכן מאַנטל, וואָס האָט פאַרלוירן דעם קאָליר צוליב אַלטקייט, מיטן אויסגעקראָכענעם געלן פוקסענעם קאָלנער, אין אַ טוכענעם, ברייטראַנדיקן אַראָפּפאַלנדיקן הוט, וואָס זי האָט זיך אַליין אויסקאָמבינירט פון אַן אַלטן מענערשן טו־בענעם קאַפּעליוש. מירקין האָט זי אַזוי געזען טאָג־טעגלעך. די האָר פאַר־דעקן די אויערן, די באַלעבטע, שאַרף־אונטערגעצייכנטע ברעמען, דאָס שאַרף־אַרויסשנײַדנדיקע נעזל און די צוויי אַרויסשטאַרצנדיקע קין־באַקן — נאָר מיידליש און שוואַך. יעדן טאָג האָט ער זי געזען אַזוי. אָבער היינט איז אים דער גרויער, האָר־שטעכיקער מאַנטל פאָרגעקומען אַזוי זוי ער וואָלט אים צום ערשטן מאָל געזען. דער מאַנטל האָט געלעבט. ער האָט אין זיך געהאַט אָפּגעגאָסן אַלע באַוועגונגען פון איר מיידלשן קער־פּער, די גאַנצע מיידלשע נשמה. דער איבערגעמאַכטער מענערשער קאַ־פּעליוש איז אים פאָרגעקומען אָריגינעל. אַ מיידלשע קאָקעטישקייט, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. אפילו די וואָלענע געשטריקטע הענטשקעס אויף די הענט, מיט וועלכע זי האָט געהאַלטן אַ פּאַק ביכער אונטערן אָרעם, האָבן געהאַט דעם מיידלשן אָנבליק פון איר. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. זי האָט אים שטיל געמאַכט מיט אַן אויסטערלישן גליקלעכן בליק און אַ פליסטער אין אַן אויער.

— נישט אויף דער גאַס, קומט אין גאָרטן. איך האָב אַ האַלבע שעה צייט.

דער ווינטער האָט זיך שוין געהאַט געשטעלט. די פרעסט האָבן צו־געפרוירן די בלאָטעס אויף די טראָטואַרן און ברוקן. עס איז געווען שליט־וועגס, ווינטער פאַרנאַכטלעך. פון די געוועלבער האָבן אַרויסגעשײַנט די עלעקטרישע לאָמפּן און פאַרוואַנדלט די שניי־באַהויכטע לופט אין אַ געלן וואָלקן, אין וועלכן אַלץ האָט זיך באַוויגן און געפינקלט...

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין גאָרטן, האָט זיך אויפגעעפנט אַ נייע וועלט פאַר זיי. דאָ איז דער שניי געלעגן איבער די ביימער און אָפּגעצאַמטע פעלדער־בייטן, כמעט אומבאַרירט, אָפּגעטאָקט, אָנגעשאָטן. גאָרנישט האָט געפעלט פון זיין וואָג און מאָס, אַזוי ווי גאָט האָט אים געגעבן. אין דער פאַרנאַכטלעכער, שימערירנדיקער לופט האָט אַלץ אויס־

נעקוקט וואַר און נישט-וואַר. די עלעקטרישע לאָמפּן, באַלויכטנדיק דעם ווייסן שניי, האָבן נאָך מער צוגעגעבן אַ פאַנטאַסטיש אויסזען דער וועלט אין גאָרטן. אַ קאַלטערווינט האָט אויפגעהויבן דעם שניי־פּוך פון דער אויבערפלאַך און צעטראָגן צעפלאַשעטע שניי־שפּרינקעלעך פאַרביי די עלעקטרישע ליכטער, אין וועמענס שיין זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צעשאָטענע, פליענדיקע בריליאַנטן־נעצן. די לופט איז געווען פול אָנגעזאַפּט מיט עלעקטרישע שטראָמען, אין וועמענס געווירבל עס האָבן זיך אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן מיליאָנען קרישטאָלענע פינטעלעך, ווי גאַנצע וואָלקנס פון גלי־ווערים וואָלטן זיך געטראָגן אין דער לופטן... היימישע שטימען האָבן פריילעך אָפּגעקלונגען פון ווינטערלופט. באַלעבּטע מענטשן אין פאַרנעפּלטע אַלעען. קיין זאַך און מענטש האָט מען אָבער נישט געזען בולט. פאָרמען זענען פאַרווישט געוואָרן, נאָר טונקעלע סילועטן. מען האָט נאָר געהערט שטימען, מ׳האָט נאָר געפילט אין דער לופט זייער באַוועגונג. בוים און מענטש זענען געווען פאַרטראָגן אין שימערירנדיקע ווינטער־נעפּלען...

ער האָט דערפילט איר קאַלטע מיידלשע האַנט אין זיינער, וואָס עס האָט אים געוואַרימט. נישט קיין וואָרט אויסצורעדן, האָט זי אים פאַרפירט אין אַן אָפּגעלעגענע קליינע אַלעע, ווו זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אים אויף אַ באַנק.

עס האָט זיך אויפגעעפנט פאַר זיי, פון דעם אָרט, ווו זיי זענען געזעסן, אַ הערלעכע פּאַנאָראַמע אויפן גליטש, וועלכער איז איצט באַלויכטן געווען, און עס האָבן זיך פון אים געטראָגן פריילעכע שטימען פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געגליטשט אויף אים. ווייטע אויסגייענדיקע פריידגעשרייען, ווייט פאַרפלאָכטענע ליכט, וואָס גייט־דורך דורך זיפּן פון נאַקעטע צווייגן. די באַלייכטונג פון דעם גליטש האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו זען די רויטע קרוינען־באַשיינטע צווייגן־ביימער, וואָס האָבן פון דעם שימערירנדיקן פאַרנאַכטלעכן וואָלקן־ליכט ארויסגעקוקט • ווי פאַנטאַסטישע פאַרזילבערטע חלומות־געשטאַלטן. זיי זענען געזעסן זייט ביי זייט, געקילט צוזאַמען פון איין ווינט, באַהויכט צוזאַמען פון איין הויך: זיי האָבן זיך דורך דעם געפילט ווי זיי וואָלטן ביידע פון איין דעק געוואָרן צוגעדעקט. ער איז שוין צוריק אַ קינד געוואָרן ווי זי. פאַרגעסן וועגן אַלעם און דווקא געוואָלט וויסן, וואָס זי האָט געפונען אין זיינע

אויגן אַזעלכעס, וואָס זי האָט אין איין זוכן מיט איר בליק. דערפאַר, ווייל ער איז אַזוי נייגעריק געווען צו וויסן וועגן זיינע אויגן, האָט זי נישט געוואָלט דערפון רעדן. זי האָט געוואָלט רעדן וועגן די ביימער.

— זי האָט ליבער די ביימער, — זאָגט זי, — אין ווינטער פיל מער, ווי אין זומער. אין זומער פאַרשטעלן זיי זיך, באַבלימען זיי זיך און ווייזן נישט אַרויס זייערע פּנימער... אין ווינטער שטייען זיי נאַקעטע. עס דאַכט זיך, אַז ביימער זענען פאַרוואַנדלטע מענטשן, וועלכע מען האָט צוגעבונדן, צוגעשמידט צו זייערע ערטער אויף שטענדיק און שטענדיק. זיי שטעקן־אַרויס צום הימל זייערע פינגער. — זעט, וויפיל פינגער זיי האָבן, — ווייזט זי אים אויף די נאַקעטע צווייגן.

ער האָט געפילט איר נאַקעטע נאַענטקייט דורך דעם, וואָס ער האָט זיך צוגערירט מיט זיין נאַקעטער האַנט צו איר קאַלט־האַריק מאַנטעלע.

— צי ער ווייסט נישט, וואָס ביימער טוען ביינאַכט, ווען קיינער זעט זיי נישט? — פרעגט זי אים פּלוצים.

— ניין, ער ווייסט נישט, — שמייכלט ער.

— דער טאַטע זאָגט, אין די פרומע יידישע ספרים שטייט געשריבן, אַז ביימער דאַוונען ביינאַכט, ווען קיינער זעט זיי נישט. נאָר איר דאַכט זיך, אַז זיי רייסן זיך דענסטמאָל אַרויס פון זייערע צוגעשמידטע פּלעצער, גייען איינער צום אַנדערן מיט אַ ווייזיט, — לאַכט זי אים דערביי אין פּנים אַריין, — יעדער צו זיין באַשערטער און רעדן וועגן דעם לעבן, וואָס זיי האָבן געפירט אַמאָל. — מיינט ער נישט אַזוי?

— ער האָט קיינמאָל נישט געקלערט וועגן דעם. וואָס גייען אים ביימער אָן? דאָס איינציקע, וואָס ער וויל וויסן, איז, פאַרוואָס זי קוקט אים אַזוי טיף אין די אויגן אַריין? וואָס וויל זי דאָס דערגיין?

— זי האָט זיך ליב אַריינצוקוקן אין זיינע אויגן. ווייל זיי זענען קינדיש.

זאַכאַרי קאָן עס נישט פאַרשטיין און פרעגט אַ נאַרישע פראַגע:

— קינדיש? — פרעגט ער איבער.

— איך האָב געמיינט, אַז איר זענט אַזוי זיכער אין זיך, אַזוי ווי אייך קאָן גאָרנישט געשען. נאָר אַנומלט האָב איך געגעבן אַ קוק אויף אייך, דאָס איז געווען דענסטמאָל, ווען איר זענט אַריינגעקומען צו אונדז, ווען מיר האָבן געגעסן מיטאָג. אייערע אויגן האָבן געציטערט ביי אייך

אַזוי שוואַך, ווי ביי אַ קליין קינד, און אייערע ליפּן האָבן געציטערט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איר זענט נאָך גאָר אַ קליין קינד. וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט...

ער האָט געמוזט שמייכלען און זיין בערדל אריין ביים וואָרט „קינד". וואָס איז דאָס אין אים אַזוינס קינדיש, אַז אַלע פילן עס אַרוים פון אים?

— און איר זענט שוין אַ דערוואַקסענע? — פרעגט ער זי און נעמט איר האַנט אין זיינע.

זי קוקט אים אָן פאַרוואונדערט.

— וואָס דען בין איך, אַ קינד? איך האָב דאָך שוין אָן אייגענעם קלאַס.

— פאַרוואָס האַלט איר מיך דאָס פאַר אַ קינד? איך בין דאָך עלטער פון אייך, און מער געלעבט פון אייך.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס, — זאָגט זי, — נאָר אַז מ'קוקט אויף אייך, דאַכט זיך, אַז איר זעט־אויס ווי אַ פאַרלוירן יינגל, ווי איינע פון מיינע מיידלעך, וואָס קומען צום ערשטן מאָל אין שולע אריין, אפילו מיט אייער בערדעלע.

— זעט זיך אויס, אַז עס מוז זיין זייער פיל נאַרישעס אין מיר, אַז אַלע דערזעען אין מיר נאָר דאָס „קינד".

— קינדער זענען נישט נאַריש, — זאָגט זי ערנסט. קינדער זענען די קליגסטע גאָטס באַשעפענישן. ווען קינדער ווילן עפּעס — וועלן זיי שטענדיק באַקומען.

— איר זענט עס. — און זי נעמט איר האַנט אַרוים פון זיינע און הייבט אים אָן צו גלעטן איבער זיין פּנים.

זאַכאַרי ווערט בלייך. ער כאַפּט־אָן איר האַנט און פרעגט אין דער שטיל:

— וואָס טוט איר?

— איך ווייס נישט וואָס איך טו.

דערויף ווערן זיי ביידע שטיל.

— קינדער זענען שטאַרק, — זאָגט זי ווי פאַר זיך.

— דאָס שוין נישט, — זאָגט זאַכאַרי.

— אָ, יאָ, איך ווייס עס, זענט איר נישט שטאַרק?

זאַכאַרי שמייכלט. — איך?

— איך ווייס אַלץ וועגן אייך. איר האָט דאָך מיט אַלעמען אָפּגע־שניטן, און אָנגעהויבן פון זיך אַליין.

דאָס איז געווען אַן אַנטדעקונג פאַר אים.

— פון מיר אַליין, זאָגט איר?

— געוויס, איר האָט אַלצדינג איבערגעלאָזט נאָך זיך, און זענט אַוועק אָנצוהייבן פון זיך אַליין. פיל וואָלטן עס געטון אויף אייער אָרט?

— איך ווייס גאָרנישט, אויב דאָס איז געווען אַזאַ וויכטיקייט. מענ־טשן טוען ניט זאַכן, ווייל זיי זענען גוט אָדער שלעכט. מענטשן טוען דאָס, וואָס די אומשטענדן, די נויט צווינגט זיי צו טון.

— באַדויערט איר דאָס, וואָס איר האָט געטון? — פרעגט זי אים.

— איך באַדויער ניט, נאָר איך זע ניט די וויכטיקייט דערפון, אפשר אויך ניט דעם ציל.

ער האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן.

זי האָט איצט גענומען זיין האַנט אין אירער.

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

— איר זאָגט, איך בין אין אָנהייב, און מיר דאַכט זיך, איך בין אין ענד. אָנהייבער ווייסן וואָס זיי ווילן און גייען דירעקט צו זייער ציל. זיי האָבן קיין ספקות ניט, זיי זעען קיין שאָטן ניט. אייער פאָטער איז אין אָנהייב. זיין פריינט, דער ציוניסט, דער „זשאַבלינער", אייער מוטער — געוויס. זיי זעען אַזוי קלאָר און דייטלעך זייערע וועגן פאַר זיך. אַנדערש איז עס מיט מיר. קוים שלים איך זיך אָן צו איין זאַך, זע איך באַלד דעם שאָטן דערפון. און איך הייב אָן צו צווייפלען. מיר דאַכט זיך שטענדיק: אפשר האָט דער צווייטער אויך רעכט? ביי אייך זענען אַלע אַזוי זיכער אין דעם, וואָס זיי זאָגן. איך בין קיינמאָל ניט זיכער.

— וואָס איז דאָ שלעכטס? — פאַרקערט.

— דאָס איז אפשר גוט פאַר אַזעלכע, וואָס ווילן שטיין אָן אַ זייט, אָבער ניט פאַר די, וואָס ווילן זיך איינוועבן אין לעבן, וואָס ווילן נוצן ברענגען.

— און פאַרוואָס קאָנט איר ניט גיין אייער וועג אייגנער אַליין אַזוי, ווי איר זעט אים?

— דאָס איז גוט פאַר שטאַרקע. שוואַכלינגען מוזן האָבן אַ רינג אין

דער נאָז און אַ קאַנטשיק איבערן לייב; אַז נישט ווערן זיי פאַרשלעפּט פון זייערע אייגענע רוחות רעות, די גוטע יאָרן וויסן וווהין.

עס איז מער געוועזן דער ווייטיק אין דעם טאָן פון זיין שטימע, ווי די ווערטער אַליין, וואָס האָט איר האַרץ אַ טרייסל געגעבן. זי האָט דער־פילט דעם אומדערקלערלעכן צער, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים. זי האָט אָנגענומען זיין האַנט, צוגעטוליעט זיך צו אים מיט איר גאַנצן קערפּער און געקוקט אים אין פּנים אַריין און געפרעגט מיט בעטנדיקע אויגן.

— וואָס איז אייך? פאַרוואָס רעדט איר אַזוי?

— וואָס זאָל מיר זיין? גאָרנישט איז מיר.

— ניין, אייך איז עפּעס, פון אייך רייסט זיך אַרויס אַזאַ צער. אָפּטמאָל דערהער איך פון אייך אַזאַ ווייטיקדיקע מעלאָדיע. וואָס איז אייך? זאָגט מיר!

— אפשר זיצט אין מיר אַן אָרקעסטער, וואָס שפּילט, נאָר איך ווייס נישט דערפון? — לאַכט זאַכארי.

— רעדט נישט אַזוי, איך בעט אייך, רעדט נישט אַזוי. איר ליידט!

— עס איז זייער פיין פון אייך, נאָר איך פאַרזיכער אייך, אַז מיין לייד איז נישט ווערט אייער מיטלייד.

— פאַרוואָס רעדט איר אַזוי? פאַרוואָס רעדט איר אַזוי? — און זי האָט פּלוצים צוגעבויגן איר קאַלט פּנים צו זיינעם, און זאַכארי האָט דערפילט אויף זיין מויל, אין זיינע אויגן דעם טוי פון איר אָטעם, וואָס האָט זיך געטראָגן פון איר אָפן וואַרים מויל.

— פאַרוואָס טוט איר דאָס? — פרעגט זאַכארי דערשראָקן.

— איך ווייס נישט, איך ווייס נישט, — זאָגט דאָס מיידל מיט פאַרמאַכטע אויגן, טוליענדיק זיך צו אים און אויסשטרעקנדיק אירע פאַרחלשטע ליפּן צו זיין פּנים.

— טוט דאָס נישט, טוט דאָס נישט.

— איך וויל... איך וויל... — האָט זי געשעפּטשעט און אַלץ גע־האַלטן אויסגעבויגן אירע אָפענע פאַרחלשטע ליפּן צו זיין פּנים.

— טוט דאָס נישט.

— איך וויל!...

זאַכארי האָט געפילט די פּאַסן האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון

איר מענערשן הוט איבער אירע אויגן; ער האָט געזען דעם נאַקעטן קאַרק, וואָס האָט זיך אונטערגעהויבן פון איר פאַלנדיקן קאָפּ. ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און אַרויפגעלייגט אויף איר דינעם אַקסל.

אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן, אַזוי פריש און פייכט, ווי מען וואָלט זיי געוועז אויפגעשניטן צום ערשטן מאָל, האָבן אים געקוקט מיט ווייטיקדיקער פאַרציקטקייט אין פּנים אַריין...

קאַפּיטל 20

מיטן קאַנטשיק אויפן לייב

ווילן, צי נישט ווילן — שרעק און גלוסטונג האָט זיך אויסגעמישט צוזאַמען.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומשלעפּן און אַרומוואַלגערן איבער בלאָטיקע גאַסן, זיצן אין גאָרטן ביי פּראָסטיקע ווינטן און האַלטן זיך ביי די הענט, ווי אַ יינגל מיט אַ מיידל. מירקין איז, נישט נאָר יונג געוואָרן; מירקין איז, ווי יעדער פאַרליבטער, נאַריש געוואָרן. אַז זי איז נעגאַנגען אויף די לעקציעס, האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט, אַבי צו האָבן די געלעגנהייט צו זיין געבן איר. אויף דער נאַקעטער גאַס אָפּגעשטאַנען אַ שעה אַ לאַנגע אין אַ טויער קעגנאיבער דעם הויז, ווי זי איז פאַרשוונדן, כדי אָפּצוּוואַרטן ביז זי וועט צוריק אַרויסקומען. עס האָט נישט געהאָלפן קיין וואָרעניש פאַר פאַרקילן זיך. דאָס זיין געבן איר, זען אירע קאַלטע באַקן אַרויסקוקן פונעם פוקסענעם קאָלנער מיט דעם ווייסן מענערשן הוט, וואָס האָבן פאַרטרונקען איר פּנים, איז געווען אַזאַ הויכער, וויכטיקער ציל, אַז ער האָט פאַר דעם פאַרנאַכלעסיקט אפילו זיין באַשעפטיקונג. דאָס באַרירן איר האָריק-שטעכיקן, ווינט-אויסגעשאָרטן מאַנטל — האָט געהאָט דעם רייץ פון גלאַטיקן נאַקעטן לייב... דאָס רוען פונעם בליק אויף איר שייטל גלאַטיקן קאָפּ — דאָס גליק פון דער דערהויבנסטער שלימותדיקער האַרמאָניע...

עס איז טאַקע ביים טיש אָנגעגאַנגען אַן איבערקוקן זיך, איצט נישט אַזוי דרייסט אָפן, נאָר באַהאַלטן, גנביש. נאָכן רעגעל: „אויפן גנב ברענט

דער הוט" — האָבן זיי געמיינט, אַז אַלע באַמערקן, ווייסן און קאָנען לעזן זייערע געדאַנקען. איז דאָס קוקן אַנגעגאַנגען מיט הפסקות, מיט מורא; כאָטש דאָס האָט אַרויסגערופן מער חשד ווי פריער, און דער טאַטע איז שוין טאַקע אַמאָל אין אַ פּריוויט־צו־נאַכטס, ביי אַ פּאַרלעזן, אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דעם אָנקוקן זיך און גענומען דערנאָך די טאָכטער אויף אַ פאַרהער. רחל־לאה מיט איר קלוגן קאָפּ האָט אַרויסגעראַטעוועט פון דער סיטואַציע; זי איז אָנגעפאַלן אויפן מאַן — „וואָס טשעפּעט ער זיך צום קינד, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום שלעכטס, און צו אַן אָנשטענדיקן יונגנמאַן, וואָס ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן".

— וואָס ווילסטו, וואָס? אַ בחור מיט אַ מיידל, זיי האָבן אויגן — קוקן זיי. דו האָסט אויך געקוקט, ווען דו ביסט געווען אַ יונגערמאַן,
— האָט זי געמאַכט פון דער גאַנצער מעשה אַ חוזק און אויסגעלאַכט דעם מאַן.

ער וואָלט שוין לענגסט געווען אונטערגענומען דעם נויטיקן שריט, וואָס זיין ווילן און געוויסן האָבן אים דיקטירט צו טון און דערקלערן זיך פאַר אירע עלטערן, ווען זיין גוט־בירגערלעכע דערצויגנקייט וואָלט אים נישט געווען אונטערגעזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט דאָס צו טון. זיין גוט־בירגערלעכע דערצויגנקייט האָט אים געלערנט, אַז אַ מענטש קאָן נישט נעמען אויף זיך קיין התחייבותן, סיידן ער קאָן זיי באַצאָלן. זי, די גוט־בירגערלעכע דערצויגנקייט, וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט ביז צו די טרעפּ פון די הורוויצעס הויז, און וואָס אפילו זיין „ביליקער־קיך"־מיטאָג האָט נישט געקאָנט אַרויסשלאָגן פון אים, האָט אים געפרעגט: וואָס פאַרא רעכט האָט ער צו קלערן פון נעמען אַ ווייב, ווען ער קאָן זי נישט באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן? וואָס פאַרא רעכט האָט ער צו קלערן ווענגן גליק, ווען ער האָט נישט קיין אייגענע שטוב, ווו אַריינצוברענגען זיין גליק? קיין קאַלדרע זיין גליק צוצודעקן, און אויף קיין פּוד קוילן נישט זיין גליק אָנצוואַרימען? זיין גוט־בירגערלעכע דערצויגנקייט האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז גליק איז אָפטמאָל היימלאָז און געפרוירן, כאָטש זאַכארי אַליין האָט שוין געהאַט געמאַכט די אַנטדעקונג...

עס איז אים שפּעטער געקומען אויפן געדאַנק, אונטערגעזאָגט פון זיין ענאַאיזם, אַז ער זאָל צוריקפאָדערן דאָס, וואָס ער האָט זיך אַזוי

לייכט אָפּגעזאָגט — פון זיין מוטערס ירושה. דער געדאַנק איז נאָך נישט געווען געגנוג רייף, אַז ער זאָל אַרויסרופן די טאַט. ער איז נאָר געווען אויף אַזוי פיל רייף, וואָס ער האָט איינגעזען, אַז זיין שריט אַזוי וויל־יונגע־ריש אָפּצושיקן זיין פאָטער דאָס געלט, וואָס באַלאַנגט צו אים, איז גע־ווען איבערגעאײַלט און אַרויסגערופן פון ערשטן אימפּולס: „יעדנפאַלס איז אים, דעם טאַטן, פאַר דער מעשה, וואָס ער האָט חתונה געהאַט, נישט געקומען מיין מאַמעס זאַק געלט אין קאָפּ אַריין", — האָט ער זיך גע־זאָגט. „רעאַגירן דערויף האָב איך באַדאַרפט, נאָר אויף אַן אַנדערן אופן".

נאָר באַלד האָט זיך אין אים זיין כעס אָנגעצונדן. ער איז בייז גע־וואָרן אויף זיך, וואָס ער האָט געקאָנט וועגן דעם גאָר קלערן. אַן עקל און אַ דערווידער האָט אים אָנגענומען פאַר אַלץ, וואָס שטינקט מיט פעטער־בורג, מיט דעם הויז, פון וואַנען ער קומט, מיט זיין גאַנצער דערציאונג, מיט זיין גאַנצן פריערדיקן לעבן.

— נאָר נישט דאָס, נאָר נישט דאָס! — האָט ער זיך דערפון אָפּגע־שאָקלט מיט עקל, ווי ער וואָלט זיך געהאַט אָנגערירט אָן עפּעס נישט־אָנגענעמס.

נאָר איינמאָל איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט אים געמאַכט אַנדערש קלערן.

זייער ביז־איצטיק נאָענט באַגעגענען זיך איז שטענדיק פאָרגעקומען אויף דער גאַס, אין גאָרטן, אין קאַלטן ווינט. ער איז נישט נעענטער גע־קומען צו איר, ווי צום האַריק־שטעכנדיקן מאַנטל, וואָס כאָטש ער האָט זיך זאַכאַרין אויסגעוויזן, אַז ער טראָגט אין זיך אַלע חן־גריבעלעך און מיידל־קנייטשעלעך און לייב־געשמאַק פון העלענקעס פיגור — האָט ער אָבער אויך איינצייטיק געטראָגן אין זיך די ווינטן און די קעלט פון דער גאַס... דער אָפּגעטראָגענער, אויסגעפּליקטער געלער פוקס איז שוין געני־טער געווען. ער האָט אין זיינע צעקנייטשטע האָר געטראָגן די וואַרימ־קייט פון איר מיידל־האַלדז. נאָך נעענטער איז געווען דאָס מענערשע ווייכע קאַפּעליושל. עס האָט געהאַט אין זיך „אויגישעס" פון איר אויג און „האָ־ריקעס" פון אירע האָר. אָבער אַלץ איז געווען גאַסיש און קאַלט.

ער האָט שוין געהאַט געוווינט אין זיין נייער וווינונג, אין אַ קליין אַלקערל, פון וועלכן אַ פענצטער איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ באַלויכטע־נעם הויף, און וואָס ער האָט געהאַט באַקומען פאַר די לעקציעס, געגעבן

צו א גימנאַזיסט, א ייִנגל פון א רייכן פּריוואַט־שניידער. זיין שטיבל איז געווען קליין, נאָר גענוג זויבער און סטודענטיש געהאַלטן. זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען ביי אים. זיין גוט־בירגערלעכע דערצויגנקייט האָט אים פאַרווערט אפילו צו טראַכטן וועגן דעם...

אין א פאַרנאַכט, ווען ער איז געזעסן ביים לאָמפּ־באַלויכטענעם טיש איבער א בוך, הערט ער, ווי עס פּרעגט זיך ווער אויף אים אין קאָרי־דאָר. איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך אויפצוהויבן, באַווייזט זי זיך, אָן א קלאַפּ אין דער טיר.

זי איז געווען אָנגעטון, ווי שטענדיק, אין איר האָריק־שטעכעדיק מאַנטעלע, אינעם פוקסענעם קאָלנער און אין מענערשן הוט. אונטער איין אָרעם האַלט זי די פּאָר העפטן און לערן־ביכלעך פון דער לעקציע, אין א צווייטער האַנט — א קליין בינטל פּיילכן, פון וועלכן עס שטאַרט אויך אַרויס א שטיקעלע געלע מימאָזע.

— איך האָב געוואָלט זען אייער צימער, ווי איר וווינט, — פאַר־ענטפערט זי זיך מיט א שולדיק־מודהדיקן טאָן אויף זיין פריילעך־איבער־ראַשנדיקן בליק.

ער נעמט די ביכער און די העפטן פון איר אָרעם. די פּיילכן מיט דעם שטיקעלע מימאָזע־צווייגל האַלט זי נאָך אין דער האַנט און ווייסט נישט וואָס צו טון דערמיט. ענדלעך מאַכט זי זיך מוט און לייגט עס אַרויף אויפן אָפענעם בוך, וואָס ליגט פאַרן לאָמפּ.

קיין סך בענקלעך זענען נישטאָ אין דעם שטיבל, בלויז דאָס איינע, פון וועלכן ער האָט זיך אויפגעשטעלט. דערפאַר שטייט א בעט, איבער־געדעקט מיט א וואָלענער געקעסטלטער דעקע, וואָס ער האָט זיך מיטגע־בראַכט פון דער היים — דער איינציקער אָנדענק פון זיין רייכן הויז.

ער זעצט זיך אויפן בעט און רוקט־צו דאָס בענקל פאַר איר: צי זי קאָן נישט אויף א מינוט אויסטון דעם מאַנטל? זי וועט זיך צוקילן.

אין שטיבל איז וואַרים, און עס באַהאַלט זיך אין וואַרימען פאַר־מעט־שאָטן פון דעם גרינעם אַבאַזשור פונעם טיש־לאָמפּ.

— צי ער קאָן נישט אַריינברענגען א גלאָז אָדער א טעפּעלע מיט וואַסער פאַר דעם בינטל פּיילכן? זיי וועלן פאַרטריקנט ווערן.

ער גייט אין קיך אַריין בעטן דאָס גלאָז וואַסער. אַז ער קומט צו־ריק, געפינט ער זי שוין אינעם שוואַרץ־ווייס געקעסטלטן קליידל, אין

נאַקעטן קאָפּ, מיט די צעפּ האָר פּאַרלייגט איבער די אויערן, און — אַנשטאָט אויפן הארטן בענקל, זיצט זי אויפן בעט ביי א ווינקל און האלט זיך צו מיט ביידע הענט ביי דעם בעט־לייסטל.

ער רוקט צו דאָס בענקל צו איר, הארט ביז צו אירע קינדערשע קני.

א יינגל־מיידל — קוקן זיך אין די אויגן.

אַנשטאָט דאָס גאסן־מאַנטעלע — דאָס שטוב־קליידל; אַנשטאָט דאָס דרויסנדיקע מענערשע קאַפּעליושל — דער נאַקעטער קאָפּ מיטן גאַנצן אויפגעדעקטן פּנים, מיט די אויפגעשניטענע ווייטיק־קוקנדיקע אויגן. בלאָע קאַכנדיקע פּינטלען באָדן זיך און שווימען ארום אין בלוט־אָדערן באַצויגענע אויג־אַפּלען. קאַלטע פרישע כלהדיקע באַקן, אַן אויפגעשניטן פאַרחלשט מויל, וואָס זוכט עפּעס, און א דינער מיידלשער האַלדז, וואָס ציט זיך א נאַקעטער ארוים פונעם קליידל און בעט זיך צו האַלדזן.

א שטום יינגל־מיידליש שפּילן זיך מיט הענט, מיט פינגער, א שטום יינגל־מיידליש קוקן זיך אין די אויגן.

באַלד זוכן זיך די ליפּן און טרינקען איינס דאָס אַנדערע.

אין האַלדזן דערפילט ער איר קיילעכדיק־קנאַקנדיקן קערפּער אונ־טער דעם קליידל. ער האָט נישט געוווסט, אַז א מיידליש לייב קאָן זיין אַזוי הארט קיילעכדיק. ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז אַזעלכע דינע מיידלשע גלידער קאָנען אַזוי בחוריש מעכטיק קלאַמערן. דאָס גאַנצע אָנ־געצויגענע מיידלשע לייב שפּראָצט־ארוים זיין גלוסטונג דורכן שוואַרץ־זויים געקעסטלטן קליידל...

מיטן האַלדזן זיך רוקט זיך אראָפּ דער אויסשניט פון איר קליידל. עס אַנטבלויזט זיך א רונדיק־מיידלשע פּלייצע ווייס, טויאיק, נישט אָנ־צוריען. עס אַנטפּלעקט זיך אַן אויסגעהעפּט שטיקל העמד, וואָס זוימט־אָפּ א מיידליש בריסטן־ברעטל. פון דעם שטיקל אָפּגעזוימטן העמד אַנט־פּלעקן זיך אַן א שיעור מיידלשע סודות.

זאַכאַרי ווערט שכור און טרינקט דעם מיידל־קערפּער מיט מויל און אויג.

עס געדויערט א מינוט — אייביקייט. און לייב באַרירט לייב.

באַלד רייסן זיך פון ווילן אָנגעגאָסענע הענט. מיט שמערץ און פּיין צעשיידט זיך לייב פון לייב. און א פּאָר רויטע אויגן, אין שרעק נע־פּלאָגט, קוקן אויף איר:

— העלענקע, קום אין גאס ארויס.

אירע אויגן ווערן גרויס. איר פנים בלייך. אין דער לופטן בלייבן הענגען די מיט קראפט אָנגעגאָסענע אָרעמס.

— פארוואס, זאכארי?

דאָך טוט זי אָן געהאָרכזאם דאס האָריג מאנטעלע, וועלכעס ער האלט פאר איר.

קאַפּיטל 21

אַ וואַרשעווער פאַבריקאַנט

אין שכנות, אויפן זעלבן הויף, ווו עס האָט געוווינט פרוי הורוויץ, האָט זיך געפונען אַ טריקאָטן־פאבריקל, מיט וועלכע עס ווימלען אַלע הויפן אין ווארשע. דאָס פאבריקל איז געווען אַ חסידיש, דאָס הייסט, אַז אַלע פערזאָנען, וואָס האָבן דאָרט געארבעט, זענען געווען פרומע יידן. דאָס פאבריקל האָט באַלאַנגט צו אַ באַלעבאָס, וועמען מ'האָט גערופן אין הויף „בערל פאבריקאנט". די געשיכטע פון „בערל פאבריקאנט" איז געווען פאָלגנדיקע:

אַמאָל איז בערל געווען אַ חסידישער יונגערמאַן, געטראָגן אַ געהאַקטע ווארשעווער קאַפּאָטע און אַ ווארשעווער קליין היטעלע מיט אַ קליינטשיק, קליינטשיק דעניקל און דאשיקל, וואָס די פירמע „בריפּטרעגער" פון די נאַלעווקעס ארבעט־אויס פאר די ווארשעווער פראַנטן. דעמאָלט איז בערל נאָך געווען אַ חסידישער בחור, געקאָנט אביסל לערנען, און צוליב דעם פאָטערס שלעכטע געשעפטן איז ער געצוווּנגען געווען צו ווערן אַ בעל־מלאכה. אַ בעל־מלאכה נישט, נאָר זיך אויסגעלערנט שטריקן אויף אַ מאשין טריקאָטן, — וואָס עס איז דעמאָלט געווען זייער „מאָדערן" פאר חסידישע בחורים, וואָס ווילן זיך נישט אראָפּלאָזן און ווערן פּראָסטע „שניידערס און שוסטערס"... בערל האָט געארבעט ביי אַ ייד, וואָס האָט געהאט איינגאנצן צוויי מאשינען. אויף איינער האָט ער געשטריקט, און ביי דער צווייטער איז געווען פארנומען דעם יידס אַ טאָכטער, אַ בוגרתדיק מיידל, וואָס האָט געגאַרט, ווי איר פאָטער, אַ שידוך צו

טון. זי האָט זיך טאַקע אָנגעזאַמלט נדן דערמיט, וואָס זי האָט אויסגע־צאָלט די מאַשין, אויף וועלכער זי האָט געאַרבעט, און אַ האַלב „פאַב־ריקל" איז געווען אירס. בערל, וואָס האָט זיך ביי דעם ייד (אגב אויך אַ חסיד, — שמואל פינטשעווער, האָט געדאַווענט מיט זיין פאָטער אין איין שטיבל) אויסגעלערנט די מלאכה, איז באַלד געוואָרן דער אַרבע־טער און דער פירער פונעם פאַבריקל. בערל האָט נישט נאָר געקאָנט גוט די מלאכה; בערל האָט געוווּסט ווי אַזוי צונויפצושטעלן קאָלירן, אַז זיי זאָלן געפעלן די ווייבער...

בערל האָט באַלד איינגעשלונגען דאָס פאַבריקל און איז געוואָרן דער פירער דערפון. אויף דער טאָבטער פון דעם „פאַבריקאַנט" האָט ער גע־מאַכט אַ גרויסן איינדרוק פונעם ערשטן אויגנבליק אָן. זי איז געווען אַ פליישיקע בלאָנדינקע מיט אַ רייפן פולן האַלדז, וואָס האָט פון איר רייפן, ווייסן לייב אַרויסגעשריגן דעם באַגער נאָך אַ מאַן (און, אגב, איז שוין צייט געווען אויך...). עס האָט זיך איר אויפן פּנים, פון אויפגעקאָכטן, אויפגעוואַכטן בלוט, אַרויסגעזעצט פרישצעס און געשווירלעך.

די יונגע מענטשן האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט דורכגעווונקען, און איידער דעם ערשטן שדכן איז איינגעפאַלן וועגן דעם שידוך, האָבן זיי שוין אין די שבתדיקע פאַרנאַכטן שפּאַצירט איבער די וואַרשעווער גאַסן: ער איז, צוליב דער לאַנגער קאַפּאָטע, געגאַנגען פאָראויס און זי נאָך אים, ביז זיי זענען אַרויסגעקומען אויף די פעלדער ביים יידישן שפּי־טאָל, פאַרקראָכן אין די ראָוון און אָפּגעטון אַנדערע זאַכן אויך...

אַז דער שדכן איז אונטערגעקומען (וואָס, אגב, בערל און דאָס מיידל האָבן אונטערגעשיקט צו זייערע עלטערן) רעדן וועגן שידוך, האָבן בערלס עלטערן נישט אַנדערש געוואָלט, נאָר די צוויי מאַשינען פון פאַבריקל אין נדן, אי דער טאָכטערס (די נדן־אויסגעצאָלטע), אי דעם טאַטנס — אַזוי איז דאָס טאַקע פון חתן־כלה אָפּגערעדט געוואָרן אויף זייערע געהיימע שפּאַצירן. בחנם האָט דער טאַטע זיך געצאַפּלט אונטער בערלס הענט: „און וואָס זאָל איך טון? איך דאַרף דאָך אויך עסן". בערל האָט געהויבן מיט די אַקסלען, די כלה האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע. דער סוף איז געווען, אַז די פרומע טאַטע־מאַמע, וואָס זייער איינציקער זוונטש אין לעבן איז געווען זייער טאָכטער צו זען אונטער דער חופּה, האָבן געמוזט נאָכגעבן (אגב, האָט אים די טאָכטער אָנגעוויינט דעם קאָפּ

אויך גענוג) — בערל האָט געקראָגן אין נדןביידע מאַשינען — אי דער כּלהס און אי דעם טאַטנס, — און דער טאַטע, דער „פאַבריקאַנט", האָט זיך אָוועקגעשטעלט נאָך דער חתונה אַרבעטן אַליין ביים איידעם אויף וואַכן-געלט...

נאָך דער חתונה האָט זיך בערל גענומען „מעלקן" זיינע מאַשינען. ער האָט אַריינגענומען נאָך אַ לערן-„יינגל" — אַ דערוואַקסענעם ייד מיט אַ בערדל, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ ווייב מיט אַ קינד, און וואָס האָט זיך געוואָלט אויסלערנען די מלאכה. צוגענומען אַ פּאָר יינגלעך, וואָס האָבן געוויקלט אין די האַלבע נעכט אַריין די וואָל אויף די שפּולערס. בערל איז געווען אַ מזיק. ער האָט געקאָנט צוזאַמענשטעלן מוסטערן ווי קיינער ניִשט, געוווסט וואָס פאַרא קאָלירן עס זענען מאָדערן. בעזש מיט אָראַנזש — פאַר יונגע, און דאָס ערנסטע גראָע מיט שוואַרץ געוואָרפן — פאַר עלטערע. געוווסט אויסצוטראַכטן פאַרשידענע חנעוודיקע קעלנערלעך, פאַסיקלעך, אָפּצוזיימען מיט אַנדערע פאַרבן די קאַנטן, אָנצופּלעכטן פראַנזן, וואָס זענען ווייבער זייער געפעלן. די סחורה האָט מען ביי אים געריסן פון די הענט און באַוואָרפן אים מיט וועקסעלעך, וואָס ער האָט פאַר אַ גרויסן פּראָצענט איינקאַסירט אין אַ קליין חסידיש בענקל.

אין אָנהייב האָט ער נאָך אַליין געאַרבעט, אָנגעטריבן מיט זיין ענערגיע און אַרבעטזאַמקייט דעם אַלטן שווער, וואָס איז איצט געשטאַנען איינגעשפּאַנט צו איין מאַשין; דעם יונגנמאַן, דעם חסיד, וואָס ער האָט אַריינגענומען אויף די לער, און די לערן-יינגלעך, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די שפּולערס. ער האָט פאַר זיי „געהויבן די אויגן", מיט אַן אומדערהערטער געשיקטקייט געשפּאַנט די פערדים, צוגעוואָרפן די שפּאַ־לערס פאַרשידנפאַרביקע וואָלן, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט דורכשיסן דורכן „פאַך" מיט פאַרשידענע פאַנטאַזיעס, אַבי עס זאָל זיי נאָר פלינקער נעמען. באַלד אָבער האָט ער אַריינגעשטעלט נאָך אַ פּאָר מאַשינען אינעם קליינעם שטיבל, וואָס ער האָט איבערגענומען פונעם שווער, און צוגענו־מען נאָך אַ פּאָר חסידישע יונגעלייט אויף דער לער. ער האָט געהאַט אַ גוטן שם אין גאַס. זיין סחורה האָבן די אַגענטן, וואָס זענען געקומען איינקויפן פאַר דער פּראָווינץ, געריסן פון די הענט — האָט ער געקראָגן קרעדיט ביים מאַשינען-אַגענט, ביי די וואָל-סוחרים און אין קליינעם חסי־דישן בענקל פאַרן „אייזערנעם טויער". ער האָט שוין אויפגעהערט אַליין

צו אַרבעטן און ער האָט נאָר אַכטונג געגעבן און צוגעזאָגט זיינע לערן־יידן. ער האָט נאָר אָנגעוויזן מיט וואָס פאַרא קאָלירן צו מאַכן, וואָס פאַרא פאַנטאַזיעס צו באַנוצן. אַזוי האָט זיך בערל איצט נאָר אָפּגעגעבן מיטן געשעפט, מיט די וועקסעלעך, וואָס ער האָט שוין איצט אָנגערופן מעשה גרויס־סוחר: „מיין פּאָרטפעל". ער האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז שניידן די קאַפּאָטע און צו טראָגן געפּרעסטע קאָלנערס און אַביסל פאַר־גלייכן דאָס בערדל. היינט גייט ער שוין איינגאַנצן קורץ געקליידעט, מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער און אַ קאַפּעליוש. דאָס בערדל געשוירן מיט אַ שפּיצל „אַלאַ נאַפּאָלעאָן דער דריטער", מיט אַ פּאָר אָנגעדרייטע וואָנצע־לעך. דאָס ווייב האָט זיך באַלד נאָך דער חתונה אָנגעהויבן צו פאַר־שפּרייטן אין דער דיק. איר ווייס, פליישיק לייב, וואָס האָט ביז צו דער חתונה זיך נאָך געהאַלטן אין מיידלשע ראַמען, האָט באַלד נאָכדעם ווי זי האָט געקראָגן אַ מאַן, ווי עס וואָלט איר איצט שוין דערלויבט געווען, אָנגעהויבן אַרויסצוויוען מיט דער גאַנצער פרייהייט פון איר מיידלשן צוים... און צום מייסטן — פונעם האַלדז און פונעם ברוסטן־ברעט... פאַר יוצא-וועגן טראָגט זי נאָך אַ שייטל, אָבער עס ווערט וואָס אַמאָל מער קלענער און פאַרטרונקען אין די אייגענע האָר, וועלכע זי ווייסט אַזוי גע־שיקט אַרויפצוקעמען אויפן שייטל, אַז מען זעט עס גאָרנישט אָן. טראָגט טריקאָטאַזשן פון דער אייגענער „פאַבריק", מיט פאַנטאַזיעס, און סיי זומער, סיי ווינטער — מעשה נגידיתטע פאַר קרעדיט וועגן — אַ ברייטן קאַראַקולענעם מאַנטל...

דאָס פאַבריקל האָט אין דער חסידישער וועלט געהאַט אַ שם פאַר אַ פרומס נאָך פון שווערס צייטן אָן. קיין ווייבער האָבן דאָרט נישט גע־אַרבעט, נאָר בלויז מאַנספּערשוינען, און דער באַלעבאָס האָט געלאָזט דאַווענען מנחה אין די זומער־טעג און מנחה־מעריב אין די ווינטער־טעג. זענען דערפאַר פרומע חסידישע מענטשן, וואָס די נויט האָט געבראַכט צו דער שוועל פון אַ מלאכה, גערן דאָרט אַהין געגאַנגען אויף דער לער. אויף די אַרבעטס־בירזשעס זענען די חסידישע יידן נישט געגאַנגען, מאַרקס האָט נאָך נישט עקזיסטירט פאַר דעם „פאַבריקל" און די „חברה אחדות", די יונגען מיט די מוידן, וואָס בונטעווען זיך קעגן קייסער, האָבן דאָרט קיין צוטריט נישט געהאַט. מען האָט געאַרבעט אָן אַ צייט־רעכע־נונג, ווי לאַנג מען האָט געוואָלט. מ'איז אַנידערגעפאַלן אויף דער מאַשין,

א דרימל געכאַפּט און ווידער זיך אויפגעכאַפּט און געקלאַפּט מיט דער „קאַלבע".

היינט איז עס שוין טאַקע אַ גרויסע פאַבריק. מ'וווינט נאָך אַלץ אין שווערס דירה, צוליב מזל ברכה. ווייל דאָס געשעפט איז גוט געגאַנגען, האָט מען מורא צו בייטן די וווינונג (פאַר אַן „עין הרע"). מ'האָט צו־גענומען דאָס קיכל — דעם שווער אַרויפגעזעצט אויף אַ בוידעם־שטיבל — און עס פאַרוואַנדלט אין אַ „פאַבריקל".

צוועלף מאַשינען שטייען אָנגעשטעלט איינע אויף די אַנדערע, אַז עס איז זיך נישט אַ ריר צו געבן. צופוסנס די מאַשינען שטייען די שפּאָל־רעדלעך, ביי וועלכע עס זיצן אונטער די יידנס קאַפּאָטעס לערן־ייִנגלעך און שפּאָלן־אָן די וואָל אין דער פינצטער, באַנוצנדיק דערביי די אויגן אי פאַר זען, אי פאַר באַלייכטונג... צוועלף יידן אין לאַנגע קאַפּאָ־טעס מיט פאַרפעדערטע בערד, שטייען ווי צוגעקייטלט צו די שטריק־מאַשינען און בויגן זייערע הויכע שטעקנע קערפּערס איבער די „אויגן־אויפכאַפּערס". מ'זעט קיין פּנימער נישט, נאָר שוואַרצע פּלייצעס און שוואַרצע היטעלעך ווי שוואַרצע שאָטנס. פון ביידע זייטן רוקט זיך אַרויס אַ לאַנגער אייזערנער שטאַנג מיט העקעלעך, אַז עס דאַכט זיך, אַז דער אייזערנער שטאַנג איז אַ טייל פון דעם מענטש. האַלב מענטש, האַלב אייזערנע מאַשין — אַזוי זענען מענטשן־קערפּער און מאַשין־קערפּער צו־זאַמענגעפלאָכטן, צוזאַמענגעשמידט. פון הינטער דעם מענטשלעכן קער־פּער הערט זיך אַ ווייכער אייל־באַשמירטער מאַשין־גערויש פון צאַפּלדי־קע העקעלעך אַרויפשפּרינגען, אַראָפּשפּרינגען. אַ פּלעמל קאָלירטע וואָ־לענע שנור שיסט אַ סעקונדע דורך ווי אַ פלינק מייזל, אויפכאַפּנדיק די אויגן־העקעלעך. מענטש און מאַשין זענען אין דער טונקלקייט פון קאַפּאָ־טע און שטוב אַזוי צוזאַמענגעגאָסן, אַז עס דאַכט זיך, אַז דער אייל־באַשמירטער מאַשין־גערויש איז זיין אָטעם און די הונדערטער אויגן־העקעלעך, וואָס שפּרינגען אַרויף־און־אַראָפּ, זענען אומגעציילטע נעגל פון פינגער. אָבער אָפּטמאָל ווערט אין דער טונקלקייט איינגאַנצן פאַרלוירן די מאַשין הינטער די שוואַרצע געבויגענע רוקנס. עס דאַכט זיך, אַז יידן שטייען איינגעהויקערט איבער גמרא־מאַשינען און שאָקלען זיך ווי זיי וואָלטן געשטאַנען און געדאַוונט טעג און נעכט, אָן אָן אויפהער, אָן אַן ענד...

דאָס פּאַבריקל איז איינצייטיק אויך דער סקלאַד פאַר די סחורות און דער קאַנטאָר. איבער דעם האַלבן באַלקן פאַרהאַקט, איבער די אויבערשטע פענצטער געשטעלט, ווו נאָר אַ ווינקל, ווו נאָר אַן עק, ווו נאָר אַ שפּאַרע, שטאַרצן־אַרויס פאַרשטויבטע וואָלענע סחורות אין פּאַפּירן געפּאַקט, אויף פּאָליצעס פאַרשטעקט און הינטער די פאָרהענגלעך געררוקט. פון מאַשינען און שפּאָלערס טראָגן זיך וואָלענע פעדים, באַפּעצט מיט אייל־שמירעכץ, אין דער לופטן: זעצן זיך אויף מענטשישע פּנימער, פּלעכטן זיך איין אין בערד, פאַרקנוילן זיך אין וואָל־באַלעמס און פאַרקלעבן דעם באַלקן, די פענצטער, דאָס עלעקטרישע ליכט, יעדע שפּאַרע, יעדעס ווינקל, יעדן געזומס — פילן־אָן דעם גאַנצן חלל. אַז דו אָטעמסט, אָטעמסטו מיט וואָל־פעדים, און אַז דו עסט, עסטו די וואָל־פעדים, און אַז דו רעדסט, רעדסטו מיט וואָל־פעדים... די גאַנצע וועלט לעבט אין וואָל־פעדים.

אין דעם וואָל־שניי שטייט בערל הינטער דעם „קאַנטאָר". דער „קאַנטאָר" איז אַ קונציקער אויפטו; אַוועקגערויבט אַ שטיקל פּלאַץ פון דער טיר־עפענונג און דעם איבריקן פּלאַץ גענומען פון אַ מאַשין־באַשטאַנד, — אַזוי, אַז דו קומסט אַריין אין פּאַבריקל, פאַלסטו גלייך אַרויף אויפן „קאַנטאָר"־טיש. הינטער דעם טיש, וואָס איז אַזוי קונציק געוואָרן אַריינגעקנייטשט אין דער טיר־עפענונג, שטייט בערל מיט דעם שפּיציקן בערדל „אַלאַ נאַפּאָלעאָן דער דריטער", אינעם שטייפן קאָלנער מיט די אָפּגעבויגענע שפּיצן, צווישן וועלכע זיין דין העלדזל פּייניקט זיך, און האַנדלט־אונטער מיט די קונים פון דער פּראָווינץ, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט טיר אין קאָרידאָר. (צוליב דעם קומט־פאָר אַ שטענדיקע מחלוקת מיטן אויפזעער פונעם הויז. דער אויפזעער פונעם הויז טענהט, אַז בערל האָט נישט קיין רעכט צום קאָרידאָר, און בערל זאָגט: וואָס אַרט עס אים, אַז די סוחרים שטייען אין קאָרידאָר? עס קאָסט אים טייערער?)

ביז איצט איז דאָס געשעפט געגאַנגען גלענצנד. בערל איז געווען אַ קנאַקער אויף האַלב וואַרשע. גרעסערע פון אים האָט ער צוערשט געזאָגט „גוט־מאָרגן", קלענערע פון אים האָבן צוערשט אים געזאָגט „גוט־מאָרגן". בערל האָט געפירט אַ גרויס געשעפט. מ'האָט אים טיטולירט „פּאַניע פּאַבריקאַנט". אַרומגעטראָגן ביי זיך אַ פולן טייסטער מיט וועקסלען,

וואָס ער האָט אָנגערופן „פּאָרטפעל״, און אַזוי איז עס שוין געווען און אַנדערש האָט עס גאָרנישט געקאָנט זיין.

קומט איינמאָל בערל ברייט, אין פוטערנעם פּעלצל, אינעם חסידישן בענקל פאַרן „אייזערנעם טויער״, מיט וועלכן ער האָט געמאַכט געשעפטן, אָפּגעבן זיין „פּאָרטפעל״ וועקסלען און נעמען געלט, וואָס ער האָט באַדאַרפט אויף אויסצוצאָלן זיינע אַרבעטער. האָט אים הער גריצהענדלער, דער באַנקיר, אין דער געשניטענער באַלעבאַטישער קאַפּאָטע, מיט דער שוואַרצער געקעמטער באָרד, צוריק אָפּגעגעבן דעם „פּאָרטפעל״ און ער האָט זיך געזאָגט מיט אַ נגידיש־גלייכגילטיק נעימותדיקער מינע, זיך נישט שטערנדיק ווייטער צו רויכערן זיין אינלענדישן פינף־קאָפּיקן ציגאַר:

— פּאַניע קאָרנגאָלד (בערל האָט געהייסן קאָרנגאָלד), מיר וועלן עס נישט מאַכן.

— פאַרוואָס? — וואונדערט זיך בערל באַליידיקט. — בלויז קונדישע וועקסלען און „פּרימאַ״.

— אפילו פּאַזנאַנסקים, —'ענטפערט דער באַנקיר און מאַכט־אָפּ, מעשה נגיד, מיט דער האַנט די אַש, וואָס איז געפאַלן אויף זיין ברייטער באָרד.

— וואָס? נאָך אַ האַלבן פּראָצענט? עס וועט נישט גיין, פּאַניע גריצהענדלער. איך קאָן נישט, בגאמנות, — זאָגט, מעשה סוחר, בערל.

— אפילו פאַר צוויי נישט, — זאָגט יענער און שאָקלט ווידער מיט די פינגער איבער דער באָרד און אויף די ברייטע ברוסט־קלאַפּעס.

ווערט דאָך בערל אומרואיק.

— וואָס איז געשען?

— אַ קריזיס, נישטאָ קיין געלט.

— אָבער, פּאַניע גריצהענדלער, איך דאַרף דאָך מיינע אַרבעטער שכירות צאָלן.

— יונגערמאַן, איר זעט דאָך, אַז איך האָב קיין צייט נישט, — זאָגט שוין פּאַניע גריצהענדלער אומגעדולדיק און ווערט פאַרפאַלן צווישן די שווערע טויערן פון זיין אייזערנער קאַסע.

לויפט בערל אין אַן אַנדערער באַנק, אין אַ דריטער, באַט אַן איין פּראָצענט אַ חודש, צוויי, פינף — אומעטום דער זעלבער ענטפער:

— אַ קריזיס.

בערל וווּנדערט זיך: וואָס הייסט אַ קריזיס? ביי אים אַרבעט מען, גאָט צו דאַנקען. אַ פולער לאַגער מיט סחורה, סוחרים פון דער פּראָווינץ רייסן די טירן, שטופּן וועקסלען אין האַנט אַריין. ער פאַרשטייט נישט דעם טעם.

— וואָס איז דאָ געשען אַזעלכעס? ווער האָט עס געמאַכט?

אויף דער „שוואַרצער בערזע", ווו ער באַט אָן צען פּראָצענט און אויף משכנות, כדי זיך נאָר צו ראַטעווען פון געם חלף, וואָס ליגט אויפן האַלדז (וועקסעלעך פעליק פאַר רוי־מאַטעריאַל), דערקלערט מען אים:

— פאַרשטייסט, די גרויסע בענק האָבן צוריקגעצויגן דעם קרעדיט פון די קליינע, און אַז די גרויסע גיבן נישט, פון וואַנען האָבן די קליינע?

בערל קאָן נאָך באַין אופן נישט פאַרשטיין די „עקאָנאָמיקע".

— בין יאָך, בערל, שוין צוליב דעם גאַרנישט ווערט? מיינע וועקסלען זענען קיין וועקסלען נישט? מיין סחורה קיין סחורה נישט? מיינע מאַשינען זענען קיין מאַשינען נישט? וואָס איז דאָ געשען אַזעלכעס, צו אַלדי גוטע יאָר? — ציט זיך בערל ביים „נאַפּאָלעאָנישן" בערדל און קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין די „עקאָנאָמיקע".

בערל איז אַהיימגעקומען פון די „בענק" — ווי עס האָט שטענדיק געהייסן פאַר די קונים, ווען בערל איז געגאַנגען אין גאַס אַריין („מיין מאַן איז אין די בענק", האָט דאָס ווייב יעדעס מאָל געגעבן אַן ענטפער, ווען מ'האָט געפרעגט אויף בערלען; עס האָט געטויגט צום געשעפט). דעם טאָג איז בערל אַהיימגעקומען פון די בענק ווי אַן אָפּגעפּליקט הינדל. שוין נישטאָ די רויטע בעקעלעך. די געדרייטע וואָנצעלעך אַראָפּגעלאָזט, דאָס קאַפּעליושל, וואָס איז שטענדיק געזעסן אויפן קעפּל, אַן אַ קנייטשל (אַ גרויסער עלעגאַנט געווען, בערל), איינגעקנייטשט. ער פּאַטשט שוין נישט מיטן שטעקעלע, גנבעט זיך אַריין אין זיין אייגן פאַבריקל און זאָגט צו זיינע מענטשן, צוערשט אַביסל פאַרשעמט, מיט שולדיקייט, דערנאָך דרייסטער:

— וואָס קאָן יאָך מאַכן. אַז די בענק געבן קיין געלט נישט? יאָך קאָן נישט צאָלן קיין שכירות די וואָך.

— ווי הייסט? און וואָס וועלן מיר עסן? — פרעגט אַ חסידישע שטימע מיט אַ גמרא־נגון פון הינטער אַ מאַשין אַרויס.

— וואָס קאָן יאָך טון, אז ס'איז אַ קריזיס?

— און וואָס זענען מיר שולדיק?

— און וואָס בין יאָך שולדיק? — נאָט אייך וועקסעלעך. מ'גיט מיר וועקסעלעך — גיב איך אייך וועקסעלעך, — וואַרפט בערל אַרויס די וועקסעלעך פון זיין „פּאָרטפעל״.

— די וועקסעלעך וועלן מיר קאָכן? — פרעגט שוין דער חסידישער אַרבעטער, אָנגענומען מיט מוט, נישט אויפהערנדיק דערביי פּאָר כעס ענערגישער צו קלאַפּן מיט דער „קאַלבע״.

בערל האָט נאָך אַביסל זיך געוואָרפן, געצאַפּלט ווי אַ פיש, וואָס איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן פון די ים-וועלן אויפן זאמד־ברעג. דעם ווייבס קאַראַקולענער מאַנטל, דער גאָלדענער זייגער, אַ פּאָר לייכטער פון שטוב אַרויס, עטלעכע פעק מיט סחורה האָבן די נאָענטסטע נויטן פאַרענטפערט. באַלד איז אָבער בערל „קאַלט״ געוואָרן.

היינט שטייען שוין די מאַשינען אין די צוויי שטובן און שווייגן. קיין אָטעם הערט זיך נישט פון זיי, קיין באַוועגונג, קיין ריר, אַזוי ווי ס'וואָלט פון זיי דאָס חיות אַרויס. זיי זענען געגאַנגען אין בראָך, געוואָרן צוריק טויטע אייזנס. און די וואָלענע פעדים פאַלן ווי שניי און זעצן זיך אויף די מאַשינען און פאַרשטאָפּן די „אויגן״ און פאַרשפּינוועען די העקעלעך, ווי שפּינען טויטע פליגן.

בערל דרייט זיך אַרום אין זיין פאַבריקל, וואָס איז שטענדיק אַזוי באַלעבט געווען, ווי אין אַ טויטן-שטיבל, קוקט אויף זיינע שטילשטייענדיקע מאַשינען ווי אויף פּגרים, וועלכע מ'דאַרף אַרויסוואַרפן און אויף די גרויסע פּעק מיט סחורות, וואָס האָבן שטענדיק אויסגעוויזן אין זיינע אויגן, אַז דאָרט ליגט זיין פאַרמעגן — קוקט ער ווי אויף בערג מיט שמאַטעס, וואָס קיינער וויל נישט אין די הענט נעמען. זיין פולער „פּאָרטפעל״ מיט וועקסעלעך, וואָס זענען דאַכט זיך, אַזוי קוראַנט ווי גאָלד — שטיקער פּאַפּיר, און ער אַליין, מיט אַלע זיינע קונציקע קעלנערלעך, פּאַסיקלעך, טראָלדעלעך און מיט זיין „בעזש״ און „אָראַנזש״, נאָך וועלכע די ווייבער חלשן אַזוי — ווי אַ קליין ווערימל, וואָס איז דאָרט, אומבאַמערקט און אומגעזען, צעטראָטן געוואָרן צווישן די פיס פון קליינע און גרויסע באַנקירן.

און יעדן טאָג זעט רחל־לאה — ווען זי קומט-אַראָפּ אויפן הויף —

ווי די שוואַרצע שאָטנס שטייען אויס געוווינהייט און פרירנדיק, אין זייע־רע דינע, שוואַרצע כאַלאַטלעך — די חסידישע יידן, בערלס אַרבעטער, וואָס קומען, אויס געוווינהייט, און שטעלן זיך אַנידער אויף די טרעפּ, וואָס פירן צו בערלס פאַבריקל, שטייען־אָפּ אַ גאַנצן טאָג אין פראָסט און גייען פאַרנאַכט צוריק אַהיים.

און אַז בערל קומט אַראָפּ פונעם פאַבריקל, וואַרפט ער זיי צו אַ ביי־זערדיקן בליק:

— וואָס שטייט עטץ, וואָס?

ענטפערן זיי אים פאַרשעמטע:

— וואָס דען זאָלן מיר טון?

און אַזוי ווי ס'איז געגאַנגען בערלען אין דער טריקאָטאַזש־בראַנזשע, אַזוי איז עס געגאַנגען שמואלן אין דער לעדער־בראַנזשע, חיימען און יאָסלען אין דער קאָנפעקציע און שאַכטל־אַרבעט.

קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס עס איז געשען. פאַבריקאַנט און אַרבעטער זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַרויסגעזעצטע, דערשראָקענע אויגן. ערגעץ-ווו איז געלעגן אַ פּגר, וואָס האָט פאַרשטונקען די גאַנצע שטאָט. דעם פּגר האָט מען גערופן „דער קריזיס".

און דאָ זענען אונטערגעקומען די פרעסט, וואָס האָבן גענומען די שטאָט אין זייערע אייז־אָרעמס אַריין...

קאַפּיטל 22

אין די אָרעמס פון נויט און פראָסט

די נויט האָט באַלד מוטערלעך־געטריי אַריינגענומען אין אירע אָרעמס די אָרימע באַפעלקערונג. אין די שטובן־לעכער פון די וואַרשע־ווער הויפן, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט אַ באַשטענדיק רוישן פון מאַשינען און קלאַפּערגעצייג, איז איצט אויפגעגאַנגען אַ יללה. די גאַנ־צע יידישע פאַבריקאַציע און הויז־אינדוסטריע, וועלכע האָבן אויסגעאַר־בעט פאַר די רוסישע און אַזיאַטישע מערק גאַלאַנטעריע-סחורות, האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זיי זענען קיינמאָל נישט געווען אָרגאַניזירט. אַלץ איז

געוועז צופאל און טרעף. פון דער העלער הויט האט זיך געקאנט פלו־צים מאכן ארבעט, נישט דערפאר, ווייל מ׳האט די ארבעט באדארפט אויפן מארק, נאר דערפאר, ווייל ס׳איז געווען א געלעגנהייט צו באקו־מען ביליק קרעדיט אין די באנקן. אין מיטן דערינען האט זיך די ארבעט, ביי דעם קלענסטן מאנגל פון געלט, אפגעשטעלט.

דער קריזיס אין דער קאנפעקציע־ און לעדער־אינדוסטריען האט באלד מיטגעשלעפט מיט זיך די קליינע הויז־בעלי־מלאכות, וואס האבן געארבעט פארן היימישן געברויך: שניידערס, טישלערס, בלעכערס, טרעגערס, קאמאשן־מאכער און אנדערע בעלי־מלאכות. די שטאט איז אנגעפילט געווארן מיט ארבעטסלאזע, הונגעריקע, געפרוירענע מענ־טשן, וואס האבן זיך ארומגעשלעפט ווי קראנקע, ווי באזעסענע, מיט גרויסע ארויסגעזעצטע אויגן און פון קעלט צימערנדיקע לייבער. בלאנ־דזשענדיקע מענטשן האבן אריינגעשטעקט די נעזער אין די האלב־פאר־פרוירענע שוי־פענצטער פון די געוועלבער, לעכצנדיק מיט פארשמאכ־טע ציינגער נאך די ווורשטן, הערינגס און אנדערע עסנווארג, וואס ווער־שע האט אזוי ליב. כל־זמן די קעלט איז נאך געווען צו דערליידן, האבן זיך די אומפארהייראטע ארבעטער ארומגעדרייט אויף די „ברועס", ווו אגיטאטארן, פאליטישע פירער האבן, שפאצירנדיק, געווארפן צו זיי פארשידענע לאזונגען ווענן קאמף, ווענן שטרייקן — אין איינקלאנג מיט די פראגראמען און טעזיסן פון זייערע פארטייען. אבער ווען ס׳זענען אנגעקומען די ערשטע גוטע פרעסט, זענען זיך אלע צעקראכן אין די לע־כער, ווו מען האט צעהאקט און צעברענט די רעשט שטיקלעך מעבל, נעננבעט ברעטלעך פון פלויטן. די גאסן זענען געווארן טויט. איז די עקן האבן זיך ביי אנגעצונדענע פייערן געווארימט וועכטערס און גאסן־פרויען. פון צייט צו צייט איז דורכגעלאפן א געפרוירענע מאמע, וואס איז געווארן ארויסגעיאגט פון איר נארע דורך דער ביטערקייט פונעם פראסט, דעם קאלטן מת, וואס האט זיך אויסגעשפרייט איבער די היי־מען. פרויען מיט האלב־פארשטארטע קינדער, איינגעהילטע אין א צע־ריסענער קאלדרע, אין די ארעמס, זענען געשפרונגען פון איין פוס אויפן אנדערן, געהויכט אין די הענט, אריינגעכאפט זיך אויף א ווייל אין א געוועלב אריין א מינוט דעם אטעם צו דערכאפן, דאס פארשטארטע קינד אנצווארימען, פון וואנען די קרעמערקע האט אבער באלד ארויסגעיאגט.

רחל־לאה האָט שוין לענגסט געהאַט נביאות געזאָגט, אַז דער ווינ־טער גע‏פעלט איר נישט. זי האָט שוין געהאַט אירע סמנים.

אַזוי ווי ס'האָבן זיך נאָר געשטעלט די ערשטע פרעסט, איז אויפ־געגאַנגען אַ יללה פון די איינוווינער פון רחל־לאהס הויף.

קודם־כל איז די אַלטע חיה, וואָס וווינט מיט איר אייניקל אין אַן אַלקערל אויף אַ בוידעם, אַראָפּגעקראָכן פון איר הויך און זיך אויף אַ ראָגזשע אוועקגעזעצט אינעם טויער פונעם הויז ביים שפּייז־געוועלבל, ווו מענטשן גייען פאַרביי. זי האָט זיך אַרומגעוויקלט אין אַלטע שמאַ־טעס, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, און אויסגעשטרעקט אַ האַנט, געבעטלט ביי די פאַרבייגייענדיקע:

— גוטע מענטשן, גיט מיר אויף אַ קאָלדרע!

רחל־לאה, וואָס האָט געהאַט אַן אויג אויף אַלעם, האָט זיך אָפּגע־שטעלט ביי דער אַלטער חיה. די אַלטע חיה האָט עס ביז איצט נישט געטון. זי האָט זיך דערנערט פון דעם, וואָס זי האָט מיט אירם אַן איי־ניקל, פון אַ געשטאָרבענער טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן־פופצן (וועלכע זי האָט דערצויגן), אַרומגעטראָגן איבער די פאַבריקלעך און ווערקשטעלן פרישע בולקעס, מאָן־פּלעצלעך און אַנדערע „נאַשוואַרג" צו פאַרקויפן.

עס האָט זיך איר אויך איינגעקריצט אין דער מחשבה דאָס, וואָס חיה בעטלט נישט אויף ברויט, ווי געוועגלעך, נאָר אויף אַ קאָלדרע.

— חיה, וואָס איז דאָס? — פרעגט די לערערקע. — איר וועט דאָך דערפרוירן ווערן.

— איז דאָך בעסער דאָ. איידער אין דער שטוב. דאָרט וועט דאָך קיין מענטש נישט וויסן דערפון.

— ווו איז אייער אייניקל?

— דאָס איז דאָך טאַקע דאָס גאַנצע אומגליק. ביז איצט בין איך געשלאָפן מיטן אייניקל, האָט זי מיך געוואָרעמט. זינט זי האָט מיך פאַרלאָזט, ווער איך דאָך דערפרוירן. ווען איך וואָלט נאָר געהאַט אַ קאָלדרע, וואָלט איך שוין גאָרנישט געזאָרגט: וואָלט איך שוין אין בעט געלעגן. אַזוי טרייבט דאָך מיך די קעלט אַרויס.

— פאַרוואָס האָט אייך דאָס אייניקל עפּעס פאַרלאָזט?

— פאַרוואָס זאָל זי מיך נישט פאַרלאָזן? וואָס האָט זי געהאַט,

מ׳שטיינס געזאָגט, ביי מיר? צו ווערן געפּרווירן מיט מיר אין אַלקערל, אין מיין אָרימקייט? דערוואַקסן איז זי דאָך שוין, ווערט זי זיך שוין אַן עצה געבן אָן מיר. די שוואַרצע יאָר וועלן זי שוין נישט צונעמען.

אויפן זעלבן הויף האָט אויך חיים „פערד" געוווינט.

חיים „פערד" איז געווען אַ טרעגער. אינעם הויף האָט מען אים גערופן נישט חיים, נאָר „חיים פערד", דערפאַר, ווייל ער האָט געטון די אַרבעט פון אַ פערד. ער האָט געשלעפּט אַ וואָגן. חיים האָט געהאַט אַ שותף, אַ צווייטן „רעדנדיקן פערד" — משהלע „דראַנג", וואָס האָט מיט אים בשותפות דעם וואָגן געשלעפּט.

דאָס זענען געווען צוויי יונגען, שטאַרק ווי אייזן. אַז זיי האָבן זיך ביידע איינגעשפּאַנט מיט שטריק ביי זייער לאַסט־וואָגן, האָבן זיי גע־קאָנט איבערפירן אַ הויז. אַ גאַנצע וואָך זענען זיי אַרומגעגאַנגען איינ־געשפּאַנטע צום וואָגן, איבערגעפירט שטויסן שניט־סחורה, קאַסטנס מיט געשיר, אייזערנע שטאַנגען און וואָס נישט? צווישן קלימפּערדי־קע וועגן איבער דעם ברוק, האָבן זיי ווי פערד געצויגן מיט זייערע צע־שוויצטע העלדזער און רוקנס די שטריק פון זייער וואָגן, נאָר מיטן חי־לוק, ווען פערד שלעפּן אַ וואָגן מיט׳ אייזן דורך אַ בלאָטיקן ברוק, טוען זיי זייער אַרבעט און שווייגן; ווען חיים „פערד" און משה „דראַנג" האָבן געשלעפּט די רעדער פון דער צוגעפּרווירענער בלאָטע אַרויס, האָבן זיי זיך דורכגעשאָלטן, אָניאָגנדיק דערביי איינער דעם אַנדערן. זיי זע־נען געווען די טרייבערס און די פערד איינצייטיק.

— גיב אַ הויב מיט אַ לאַפּקע, בענקאַרט. וואָס שלאָפסטו, וואָס? דו מיינסט, אַז דו ביסט ביי חנהן אויפן שטרוי־זאַק?

— זאָל דיר נישט דער קאָפּ אויסדאַרן פאַר מיינעטוועגן: איך וועל שוין הויבן, ווען מ׳וועט דאַרפן.

— נאַ, זעסט ווי מ׳דזשווינגעט? אָט אַזוי, פּעגראַק איינער.

און דער קליינער „דראַנג" האָט זיך געגעבן אַ דרעפּטשע־אַריין מיט זיינע קורצע שטאַרקע פיס אין דער בלאָטע, ווי ער וואָלט זיך דאָרט גע־ווען אָנגעקלאַמערט אָן די שטיינער, מיטן שטאַרקן נידעריקן האַלדז געגעבן אַ ציי די שטריק און געהויבן דעם וואָגן פון זיין אָרט.

אָן אַנדערשמאָל, ווען די צוויי מענטשלעכע פערד זענען געגאַנגען אין שפּאַן, האָבן זיי זיך דורכגערעדט מכוח „פּאַשע":

— קאַרטאָפּלעס אַרויף מיט אַ צענערל אויף אַ פּוד, און קרויט אויך טייערער געוואָרן, אַז די כאָלערע זאָל עס פּאַקן! וועסט שוין באַלד נישט האָבן וואָס אין פּיסק צו נעמען.

— וואָס זאָל יאָך נאָך זאָגן, וואָס יאָך האָב אַכט פּיסקעס אָנצוּ־שטאָפּן?

דאָס מאָל האָט רחל־לאה באַמערקט, אַז חיים „פערד" גייט נישט ווי געוועהנלעך איינגעשפּאַנט אין וואָגן. דאָס „פערד" האָט זיך אַרומגע־דרייט פראַנק און פריי אויפן הויף און געמאַכט „פּייער־אָוונט". ער האָט זיך אויפגעפירט אַזוי, ווי ער וואָלט פון זיך דעם כאָמעט אַראָפּ־געוואָרפן — און שוין! אַ שיינער. פאַרשוין איז עס נישט געווען, דאָס „פערד": אָן אויג, וואָס האָט ביי אים געראָפּעט פון קליינערהייט אָן, האָט זיך אים פאַרקלעפּט און איצט איז שוין אַ פאַרטרוקנטער בלאָטער דערויף, פון וועלכן חיימס אויג שיקלט־אַרויס... אַ קורצער שטערן, וואָס רייסט זיך אַרויס מיט אַ שטיק שוואַרץ־האָריקער גזשיווע פונעם אָפּגע־ריבענעם לעדערנעם דאַשעק. ער קוקט דיך אָן פון דאַשעק, אַ פּיר מיט דעם איינעם פאַרקלעפּטן אויג און מיטן צווייטן, מיט דעם אָפענעם, מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט נאָר אָפּגעוואַרט אויף אַ געלעגנהייט דיך צו פּאַקן אין אַ ווינקל, ביים גאָרגל אָנצוכאַפּן און צו באַצאָלן דיר פאַר די נאַסע קעלערס, פאַרן שמוץ און די אָרימקייט פון זיינע קינדישע היימען, וואָס האָבן איבערגעלאָזט שפּורן אין די גרויסע שטופּלען פון זיין פּנים... חיים „פערד" זעט אויס ווי אַ חיה, וואָס האָט זיך דורכגע־ריסן אַ וועג דורך פאַרפּלאָנטערטע צווייגן און דערנער, אויסגעביסן זיך מיט ציינער און נעגל פון ברודער־חיות. קיין איין אבער איז אויף אים נישט גאַנץ: אַ צעבראָכענע נאָז, אַ געשפּאָלטן אויער און אַ צוגענייטער האַלדז פון אַ לאַנגן שניט. די הענט אין די הויזן־קעשענעס, אויפגע־פּראַלט דאָס צעריבענע שעפּסן־פעלצל, אַ קאָלירטער שאַליק איבערן ברוסט־ברעט, וואָס רייסט זיך מיט העמד און וועסט אַרויס פונעם פעלץ, — גייט ער אַזוי, וואַקלענדיק זיך אויף איין זייט ווי שכורלעך אַביסל. שכור איז ער נישט. ער קלאַפּט פאַר כעס מיט די געפּאַדקעווע־טע שטיוועלעס אינעם געפרוירענעם אייז, שעלט און שפּייט אויף וואָס די וועלט שטייט.

נאָך אים, אין אַ געוויסער דיסטאַנץ, גייט נאָך מיט מורא אין די

אויגן, באַשיצנדיק זיך פאַר אַ קלאַפּ מיט דער האַנט, זיין ווייב. פון איר שמאַטע-טוך, פון וועלכן עס שטעקט זיך אַרויס אַ שמוציק קינדער־קעפּל, הויבט זיך אַרויף, ווי אַ פולע לבנה, אַ ניין־חדשימדיקער רייפער בויך, און זי וואַרטשעט נאָך אויפן הויכן קול פאַר די איינוווינער: „חיים בענקאַרט, וואָס ווילסטו מיך פאַרהונגערן מיט מיינע קינדער?"

חיים ענטפערט נישט אָפּ. פון זיינע אויגן אונטער דעם לעדערנעם דאַשעק פינקלט עפּעס אַרויס נישט גוטס. ער גיט זיך אַ צופּ מיט זיינע נעגל אין זיין קורצער האַרטער נאָז אַריין ווי אַ קראַץ, שפּייט־אויס מיט אַ פּלעק אויפן ברודיקן שניי, און גיט אַ קאַפּע אין אַ שטיק אייז, וואָס האָט זיך אים געוואַלגערט פאַר די פיס אַזוי, אַז עס האָט געגעבן אַ פּלי און אַנגעהאַקט אין אַ טיר.

— מיר ווערן דאָך געפּרוּווירן, דאָס לעצטע בענקל שוין צעהאַקט און געפּאַקט אין אויוועלע אַריין. וואָס זאָל איך ווייטער טון? — האָט דאָס ווייב זיך געווענדעט צו די פאַרבייגייענדיקע מענטשן אינעם הויף.

— אויפהענגען זיך! — האָט אַרויסגעברומט איין וואָרט פון זיי־נע צוזאַמענגעביסענע ציין חיים „פערד".

— און די קינדער?

— מיט די בענקאַרטעס צוזאַמען.

רחל־לאה, וואָס האָט זיך געפונען אויפן הויף, איז קעגן איר ווילן געוואָרן אַריינגעשלעפּט אינעם סכסוך צווישן מאַן און ווייב דורך דעם ווייב, וועלכע האָט זיך געווענדעט צו איר.

— זאָגט אַליין, באַלעבאַסטע־לעבן, קאָן מען נישט צעזעצט ווערן? אין דער מיטנוואָך אַ יום־טוב זיך געמאַכט, אין שטוב איז קיין פייער־קויל נישטאָ, איך ווער געפּרוּווירן מיט מיינע שוואַלבן, און ער האָט גע־נומען און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם כאָמעט, ווייל נישט גיין צו דער אַרבעט.

פאַר רחל־לאהן האָבן זיי אַלע דרך־ארץ געהאַט, אפילו חיים „פערד" האָט געפונען פאַר נויטיק צו פאַרענטפערן זיך פאַר איר.

— אַז וואָס קומט אַרויס פונעם שלעפּן דעם וואָגן, פון די נאַלעווער־קעס אויף טוואַרדע און צוריק, אַז דו ווערסט אויסגעכאַליעט פון הונ־גער און קעלט, אַז די באָקעס ווערן מיר געשוואָלן. שלעפּ זיך אָן, און

אויף קיין קוילן איז נישטאָ. דאָס לעצטע בענקל שוין צעהאַקט — זאָל עס די כאָלערע פּאַקן סיי־ווי־סיי!

חיים האָט אויסגעקוקט ווי אַ צעבריקעוועט פערד. עס האָט נישט געהאָלפן רחל־לאהס מילדער בליק אויף אים, וואָס האָט געפּרווּט אים איינצושטילן און אַריינצוגאַרן אים צוריק אין כאַמעט אַריין.

— וואָס קאָן איך זיי העלפן? — נעכטן אַ גאַנצן טאָג אַרומגע־שלעפּט דעם כאַמעט, אַהיימגעבראַכט צוויי גילדן, האָט זי זיי אַריינגע־בראַקט אין קוילן. כ'הויב זיך אויף אינדערפרי, האָט זי מיר נישט צו געבן קיין שטיקל ברויט אויפן ערשטן ביסן. זאָגט אַליין, באַלעבאָס־טע־לעבן, — ווענדעט ער זיך צו רחל־לאהן, — ווי אַזוי זאָל איך שלעפּן דעם וואָגן מיט אַ ליידיקן מאָגן?

— וואָס זאָל איך טון, די קינדער ווערן דאָך געפרוירן? — פאַר־ענטפערט זיך דאָס ווייב. — וואָס האָב איך מיר געקאָנט פאַר אַן עצה געבן? אַ שטיקל קויל מוז איך דאָך קויפן. זאָל איך זיי לאָזן געפרוירן ווערן?

— זי האָט דאָך רעכט. צוערשט מוז זי דאָך דאָס לאָך דערוואַרי־מען, — מישט זיך אַריין רחל־לאה.

— אַ פערד קריגט אויך זיין „פּאַשע", אָן האָבער קאָן עס נישט שלעפּן, — זאָגט חיים. — האָב איך רעכט צי נישט?

אויף דער טענה פון דעם „רעדנדיקן פערד" האָט רחל־לאה שוין נישט געהאַט מיט וואָס צו ענטפערן. זי האָט אָפּגעקרעכצט און איז אַרויף צו זיך אין שטוב אַריין צו אירע אייגענע צרות.

נאָר דעם טיפסטן ריס אין האַרץ האָט איר געגעבן איר שכן הענעך סטאָליאַר. זי האָט אים שוין געטראָפן אין דער קיך, וואַרטנדיק אויף איר. ער האָט זיך געקראַצט אין בערדל אַריין אַ פאַרזאָרגטער און גע־שוויגן.

— וואָס איז, הענעך? — פרעגט רחל־לאה אַ פאַרוואונדערטע, דער־זעענדיק אים. הענעך האָט קיינמאָל ביי איר גאָרנישט נישט געבעטן.

— איך האָב מורא, אַז איך וועל עס מוזן טון. עס איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה, — האָט הענעך געזאָגט ווי פאַר זיך און נישט געוואַגט די אויגן אויפצוהויבן.

— וואָס איז געשען?

— איך מיין מיט דער „דלאַטע״. נעמען דאָס אייזן און אַרויסגיין מיט מיין שוואָגער צו דער נאַכט־אַרבעט.

— וואָס רעדט איר, העניך? — וואָס איז אייך געשען?

— פאַני הורוויץ, איך האָב נישט קיין אַנדערע עצה, איך וועל עס מוזן טון, — זאָגט ער אַ פאַרצווייפלטער.

רחל־לאה איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים און אים אָנגעקוקט. זי האָט העניכן במעט נישט דערקענט. דאָס שטענדיק לאַכנדיקע קינדישע פנים פונעם בעל־מלאכה, וואָס האָט געקאָנט זיין גורל טראָגן אַזוי לייכט ווי אַ קינד, האָט זיך געענדערט. עס איז געווען בייז און בלייך. ער האָט געביסן דאָס אויבערשטע וואָנצל אין זיינע ציין, און די אויגן האָבן נישט געוואָגט צו קוקן גלייך אין אַ מענטשנס פנים אַריין.

— וואָס איז געשען? — פרעגט איבער רחל־לאה נישט אָן שרעק.

— כל־זמן די קינדער זענען מיר געזונט געווען, האָב איך גאָרנישט געזאָגט, האָב איך אַלצדינג געקאָנט אַריבערטראָגן. נאָר ווען די קינדער ליגן זיך מיר ווי די פליגן, איז נישט גוט, וועל איך עס מוזן טון.

— וואָס וועט איר טון? — פרעגט רחל־לאה.

— אַזוי ווי מיין שוואָגער זאָגט: נעמען די „דלאַטע״ און אַרויסגיין — שלעסער דרייען, — קיין אַנדערע עצה איז נישטאָ.

— העניך, וואָס רעדט איר?! שעמט איר זיך נישט?! — קוקט אים אָן די לערערקע דערשטוינט.

העניך גיט זיך אַ דריי־אויס, ווי ער וואָלט געוואָלט איינגראָבן דאָס פנים אין דער וואַנט, געכאַפּט די טיר און אַ לויף־אַרויס אָן אָפּצוענטפערן אַ וואָרט.

האָט דאָך רחל־לאה איינגעזען, אַז זי מוז זיך נעמען צו טון. וואָס, האָט זי נישט געוווסט. אַז זי האָט נישט געקאָנט זיך עפּעס אויסגעפינען, איז זי געזעסן אַ פאַרזאָרגטע און געזוכט עפּעס אַן עצה. ס׳איז אַריינגעקומען דער „זשאַבלינער״. געווען לעצטנס פאַריאָגט גאַנצע טעג, מ׳האָט אים כמעט אין שטוב נישט אָנגעזען. באַוויזן זיך און פאַרשוונדן, באַוויזן זיך און פאַרשוונדן, און געענדערט זיך לעצטנס. אַז עס איז אים גאָרנישט צו דערקענען. עס איז נישט מער איר „זשאַבלינער״. גייט אַרום אַ פאַרמרהשחורהטער און שווייגט שוין. ער איז

אַריינגעקומען פּונקט דענסטמאָל, ווען רחל־לאה איז געזעסן אין איר ווינקל אין קיך און געביסן זיך די נעגל פּאַר כעס און געשאָלטן אויף וואָס די וועלט שטייט:

— אַ וועלט, אַ וועלט, אַז אויסגעבאַפּט זאָל ווערן אַזאַ וועלט, — האָט זי געהאַלטן אין איין רעדן צו זיך.

אַז עס איז איר אונטערגעקומען דער „זשאַבלינער", האָט זי אויסגעלאָזט איר בייז האַרץ צו אים:

— מייַנע פאַרזאָרגערס, פּיסקעוועו קאָנען זיי נאָר. מענטשן פאַלן ווי די פליגן און דאָס זאָל עפּעס זיך נעמען צו טון.

— וואָס צו טון? — אַוועקלייגן זיך אין די לעבער און באַליען, אַז עס זאָל פאַרשטינקען מיט די לייבער די גאַנצע שטאָט, — האָט זיך געשאָלטן דער „זשאַבלינער" און צוגעמאַכט מיטן לאָמען הענטל. — די לאַגע ווערט וואָס אַמאָל ערגער. דאָס האָבן זיי, די קאַפּיטאַליסטן, אויסגעקלערט אַ „קריזיס" דווקא אין די גרויסע פרעסט, כדי אָנצו־לערנען די אַרבעטער, — האָט דער „זשאַבלינער" אויסגעלאָזט זיין כעס צו זיין כפרה־הינדל. — די אַרבעטער קומען זיך בעטן צו אַרבעטן, אַבי זיי זאָלן נאָר האָבן ווו אָנצוואַרימען זיך, פאַר טרוקן ברויט. ביז איצט האָבן מיר זיי נאָך געקאָנט איינהאַלטן אויף דער „בערזע", אָבער זינט די קעלט איז אָנגעקומען, פאַרלירן מיר זיי אין גאַנצן פון די אויגן. קיין לאָקאַלן האָבן מיר נישט, ווו מיט זיי זיך דורכצורעדן.

— און וואָס טוט איר?

— וואָס זאָלן מיר טון? אדרבא, אפשר קאָנט איר געבן אַן עצה?

— שווי־פּענצטער דאַרף מען אויסהאַקן, אַ פּאָר בלייערנע שטיינד־לעך אין די וואַרימע שטובן אַריינשיקן, אין די רייכע האָטעלן, אין די בענק אַריינוואַרפן, נישט ווערטער.

רחל־לאה האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען איר גימנאַזיסט. ער האַלט זיין בוך אין דער האַנט, פאַרשטעלט זיך דערמיט דאָס פּנים, קוויטשעט אַרויס די ווערטער פון הינטערן בוך, אַז דער פאָטער, וועל־כער געפינט זיך אין דער צווייטער שטוב, זאָל נישט דערהערן.

רחל־לאה איז בלייך געוואָרן נישט צוליב די ווערטער, וואָס זי האָט געהערט פון איר זון, נאָר איבער זיין בלייך געזיכט און איבער די ציטערנדיקע ליפּן, פון וועלכע די ווערטער זענען אַרויסגעגאַנגען. דאָס

יינגל האָט פאַר כעס און פאַר ווייטיק געקראָגן אַ שוים אויף זיין מויל.

— הער נאָר, וואָס זענען דאָס פאַרא „פּראָקלאַמאַציעס”, וואָס דו ברענגסט אהיים? — פרעגט פּלוצים רחל־לאה אַ דערשראָקענע.

— גוטע... וואָס רופן צו מעשים, נישט צו קיין פּיסק־מלאכות, ווי אייערע יידישע פּאַרטייען, אָ! קראַנק בין איך שוין פונעם בלויזן הערן. מענטשן הונגערן, ווערן געפרוירן אין קעלט — און זיי שטייען און קלערן פון וואַנען קוילן צו נעמען?! נוצט אויס די אומצופרידנקייט פון די מאַסן, לאָזט זיי אַרויס אין גאַס, זאָל יעדער נעמען די סיטואַציע אין זיינע אייגענע הענט, — שרייט דאָס יינגל אויס פון כעס.

— הער נאָר, דו וועסט נישט אויפהערן, דו ראָצער איינער, מיט דיינע אַנאַרכיסטישע רייד? איך וויל עס נישט הערן אין מיין שטוב. איך וועל דיך אַרויסוואַרפן מיט דיינע פּראָקלאַמאַציעס אין איינעם.

— וואָס פאַר אַן אַנדערע עצה האָט איר? אפשר אַרומגיין שנאָ־רען, נדבות צונויפנעמען, ווי די מאַמע טוט שטענדיק.

— דו גייסט מיך לערנען, וואָס איך האָב צו טון, דו ראָצער. ווי וויט וועסטו דערגיין מיט דיינע רייד? — אָט אַזוי וויט, — ווייזט אים די מוטער אויפן האַלדז.

— לאָז עס. די מאַמע וועט מיך נישט אָפּשרעקן דערמיט. איך קאָן עס נישט צוזען, נישט הערן. די אייביקע שוואַכקייט און דאָס אייביקע רעדן. ווערטער, ווערטער, ווערטער — און ווייטער גאָרנישט.

— האָסט שוין געהערט אַזעלכעס? — ווענדעט זי זיך פּלוצים צום „זשאַכלינער”. — וואָס האָט ער זיך נאָך אָנגעזעצט אויף מיין קאָפּ? ווייניק האָב איך, דאַרף איך נאָך אויסהערן זיינע רייד. דו וועסט שווייגן, דו? אַז נישט פּאַטש איך דיך אויס, — און רחל־לאה האָט אויפ־געהויבן די האַנט צום יינגל.

— די מאַמע ווייסט נאָר דאָס. ווען איך האָב רעכט און די מאַמע האָט נישט וואָס צו ענטפערן, פּאַטשט זי מיך שטענדיק אויס, — זאָגט דאָס יינגל. — די מאַמע אַליין ווייסט דאָך אויך, אַז איך האָב רעכט. די מאַמע אַליין וואָלט דאָך אויך דאָס געטון!

— געוואַלט! דו וועסט נישט אויפהערן? וואָס זאָל איך מיט דעם יונג טון? וואָס האָט ער זיך נאָך אָנגעזעצט אויף מיין קאָפּ? דער טאַטע וועט עס דאָך דערהערן.

דאָס יינגל האָט צוריק אָנגעהויבן צו מורמלען זיין לעקציע, און רחל־לאה האָט זיך אוועקגעזעצט אויף איר קיך־בענקל, דעם קאָפּ אין די הענט. איר פּנים האָט זיך געקנייטשט אין אַ גרימאַסע פון וויינען. אירע ליפּן, אירע נאָזלעכער האָבן זיך ציטערנדיק באַוועגט, ווי זי וואָלט שווער געאָטעמט. פון די אויגן האָט געשלאָגן אַזאַ פייכט פייער, ווי עס וואָלט זיך דאָרט אין זיי געברענט דער צער און דער ווייטיק צוצוזען ווי מענטשן לײַדן און נישט קאָנען זיי העלפן.

פּלוצים האָט זי זיך אויפגעכאַפּט:

— איך ווייס, וואָס איך וועל טון. מ׳דאַרף צונויפנעמען אַ פּאָר צענדליק הונגעריקע אַרבעטער מיט די ווייבער און קינדער און גיין אין דער יידישער גמינע נאָך קוילן. אַז נישט, וועלן מיר שויבן האַקן.

— כאַ, כאַ, כאַ, — לאַכט דאָס יינגל.

— וואָס לאַכסטו?

— פילאַנטראָפּיע.

— העי, פאַניע סאָציאַליסט, ווענדעט זיך דאָס יינגל צום „זשאַכלינער", — גייט נעמט די הונגעריקע אַרבעטער און פירט זיי אין דער יידישער גמינע. שטעקט־אויס אַ בעטלענדיקע האַנט צו די דאַזאָרעס. דאָס פּאַסט זיך פונקט פאַר אייך.

דער „זשאַכלינער" איז בלייך געוואָרן, געביסן די ליפּן און געענטפערט:

— לאָמיך נאָר וויסן, אַז איך קאָן דערמיט עפּעס העלפן; איך וועל אפילו שנאָרען גיין פאַר אַרבעטער, וועלכע ווערן געפרוירן.

קאַפּיטל 23

אַ שטורעם אויף דער גמינע

מ׳ווייסט נישט, ווער עס האָט פאַרשפּרייט דעם קלאַנג אין די קאַלטע היימען, אַז מ׳גייט צו דער „גמינע" פאָדערן קוילן. אַלע זענען געקומען צו דעם געדאַנק, פּשוט דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען דער איינציקער אַדרעס, וווּ די אָרימקייט אין וואַרשע ווייסט זיך צו ווענדן

אין א שעה פון יגויט. ווען רחל־לאה איז מיט די שכנים פון איר הויף אָנגעקומען צו דער יידישער גמינע אויף גזשיבאָווסקע, האָט זי שוין דאָרטן אָנגעטראָפן מחנות אַרבעטסלאָזע בעלי־מלאכות פון אַלע טיילן שטאָט. דאָס גאַנצע „פאַבריקל" פון בערל „פאַבריקאַנט" איז דאָ געווען. מען איז געקומען אויך פון אַנדערע ווערקשטעטלעך. מ'האָט געשטורעמט די טירן פון דער גמינע. די צוויי דינער מיטן איינציקן סטראָזשניק, וואָס זענען דאָרטן געשטאַנען ווי די יגאַראַנים, כדי צו באַשיצן די שטאַרקע טיר פון דער פאַרמאַכטער קהילה, האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן קעגן דער מאַסע מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט זייערע געפרווירענע לייבער צוזאַמענגעקוועטשט אין איין טייג און זיך געדריקט צו דער טיר. ענדלעך, האָבן די טיר־היטערס אָפּגעטראָטן מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, און די אָרימקייט האָט זיך אַריינגעלאָזט אינעם גרויסן געמוימלעכן זאַל פון דער קהילה. אַלע טירלעך פון די פענצטער פון די באַאַמטע זענען פאַר אימה געווען צוגעקלאַפּט. אַלע טירן, וואָס האָבן געפירט צו דער דאָזאָר־שטוב, — פאַרמאַכט.

דער עולם האָט געמיינט, אַז ער דאַרף זיך נאָר אַריינרייסן אינעם זאַל פון דער גמינע, וועט ער שוין געהאָלפן ווערן. זיי זענען שוין דערינען, וואַרפן זיך צו די פאַרמאַכטע פענצטערלעך, רייסן זיך עפּעס צו אַ פאַרמאַכטער טיר, שטייען פאַר פיר נאַקעטע ווענט און ווייסן נישט וואָס צו טון: אַ געפּילדער, אַ גערויש, אַן אויסמישעכטס, אַ פאַרשליינגעכטס פון רייד און געשרייען. די מידע מוטערס, מיט די קינדער אויף די הענט, וואַרפן זיך אויף די לאַנגע בענק; אַנדערע, ווידער, מיט פאַרפרווירענע פיס פון לאַנג שטיין אין דער קאַלטער גאַס, וואַרפן זיך אויף דער ערד, דערכאַפּן דעם אָטעם מיט די ערשטע הויכן פון וואַרימקייט, וואָס שלאָגט פון גוט־אונטערגעהייצטע אויוונס. מ'שטופּט זיך צו די וואַרימע אויוונס, אַזוי ווי צו אַ זון. אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס צו טון, צו וועמען זיך צו ווענדן, מיט וועמען צו רעדן.

פון דער מאַסע אָנגעפּראָבטע לייבער רוקט זיך אַרויס רחל־לאה. מען לאָזט זי; מען טרעט איר אָפּ אַ וועג. טייל קענען זי; ביי טייל רופט זי אַרויס אַ רעספּעקט דורך דעם, וואָס זי גייט פאַרהעלטנישמעסיק בעסער אָנגעטון ווי די אַנדערע: אין אַ שוואַרצן זשאַקעט מיט עפּעס אַ פוטערנעם קאָלנער, נישט אין קיין טוך איבערן קאָפּ, ווי אַלע ווייבער,

נאָר אין אַ מין קאַפּעליוש. מ'רופט פון אַלע זייטן: „לאָזט־צו די באַלע־באָסטע, זי וועט שוין פועלן פאַר אונדז". „לאַנג לעבן זאָלט איר, באַלע־באָסטעלע, וואָס איר נעמט זיך אָן פאַר אונדזערע „קזשיוודעס". אדרבא, אדרבא, טוט־עפּעס אויף פאַר די אָרימעלייט. עס איז דאָך טאַקע סכנות־נפשות".

זי האָט מיטגעשלעפּט ביי די הענט אַ פּאָר קינדער פון דעם סוכאָט־גיטשן ווייבל. אַרום איר זענען געווען אַ פּאָר שכנים פון איר הויף, וועלכע זענען מיטגעגאַנגען העלפן. קודם־כל הענעך דער סטאָליאַר. חיים „פערד" האָט זיך אויך מיטגעשלעפּט. געהערט, אַז מ'גייט צו דער גמינע נאָך קוילן האָט ער געכאַפּט אַ דראָנג און איז מיטגעגאַנגען: „זאָל זיך נאָר מאַכן עפּעס טון". עס איז אויך מיטגעקומען מרדכי דער „הויקער", וואָס האָט ליב צו זיין אומעטום, ווו עס איז נאָר אַזאַ שטיקל חתונה. דער „זשאַכלינער" איז נישט געגאַנגען. אין די לעצטע מינוטן האָט ער חרטה געקראָגן, דערשראָקן זיך, זעט אויס, פאַרן וואָרט „פּי־לאַנטראָפּיע", וואָס דער גימנאַזיסט האָט אים צוגעוואָרפן. דערפאַר איז אויס ריינער סימפּאַטיע פון הויף מיטגעקומען וועלוול קעלבאַס. ער אַליין ברויכט עס נישט. פאַרקערט, אין די שווערע טעג האָט ער נישט איינמאָל מיט אַ וווּרשט רחל־לאהן אַרויסגעהאָלפן. נאָר ער האָט אויך געוואָלט צולייגן אַ האַנט. ערשטנס, טראָגט ער שוין פון לאַנג אַ כעס אויף דער גמינע צוליב דעם, וואָס מ'האָט אים שוין נישט איינמאָל גע־טרפעט די וווּרשטן. און צווייטנס, האָט ער זיך לעצטנס געוואָלט איינ־שאַפן עולם־הבא און העלפן אָרימעלייט, כאָטש נעכע, זיין יידענע, האָט אים געוואָרנט: „וועלוול, רוק זיך נישט, ס'איז נישט דיין עסק, זאָל גיין דער, וועמ עס באַדאַרף". וועלוול האָט איר נישט געהאָרכט, אָנגע־טון זיך דאָס פעלצל, אַרויפגעצויגן אַ קאַשקעטל און גענומען אַ שפּיץ־דוט אין האַנט אריין, וואָס איז געווען געמאַכט פון אַ פאַרטריקנטן אָקסן־עק, אַזוי ווי ער וואָלט גרייט געווען אויף אַ מלחמה. רחל־לאה האָט אויך מיטגעשלעפּט מיט זיך זעליג בעקערן, וועלכן זי האָט צוגע־כשופט מיט אַ ווונק און מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע: „זעליג, קום מיט, טאָמער וועט מען דיך דאַרפן". זעליג דער „קאַוואַליער" האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן אַ דאַמע, נאָך דערצו דער לערערקע, צו וועלכער ער האָט שוין פון לענגסט אַ שוואַכקייט. שטייען זיי אַלע, רחל־לאה אין

מיטן פון אירע „קאוואליערן" צווישן דער מאסע ארבעטסלאזע, אַרי־מעלייט, און גלאַט נאַכלויפערס. עס איז זיך נישטאָ צו ווענדן, אַלע טירן פארמאכט און פארקלאפּט, און אַלע פענצטערלעך צוגעשלאָגן. רחל־לאה קלערט נישט לאנג און הייבט אָן מיט ביידע הענט צו קלאפּן אין א פארמאכטער טיר אריין:

— קוילן, קוילן! מיר ווילן קוילן!

מער האָט מען נישט באדארפט. עס איז געוועזן ווי א צייכן. די גאַנ־צע מאסע האָט ארויסגעריסן איין יללה־געשריי פון זיך: „קוילן!" עס איז געוואָרן א האמעריי מיט די הענט אין די ווענט און די פארמאכטע פענצטערלעך, וועלכע די באַאמטע האָבן פארקלאפּט היינטער זיך פאר אימה. א טופּעריי מיט די פיס: „קוילן גיט! קוילן! מיר ווערן געפרוירן. קוילן!"

די געוואלדן און די געשרייען זענען געוואָרן וואָס אמאָל העכער. דאָ און דאָרט האָט מען שוין אָנגעהויבן צו רייסן ביי די באַאמטע־פענצ־טערלעך. א ברייט־ביינעקער ייד, ווי א שטיק מויער, האָט זיך ארויס־געשטופּט פונעם צונויפגעפּרעסטן עולם און געשריגן: „לאָזט מיך נאָר צו!" צוגעקומען צו דער פארמאכטער טיר, ביי וועלכער רחל־לאה איז געשטאנען, און זיך געגעבן מיטן גאנצן געוואָג פון זיין ברייטן קערפּער א וואַליע־ארויף אויף דער טיר. חיים „פערד" האָט געגעבן א קאָפּע מיט די פיס און וועלוול קעלבאס האָט צוגעהאָלפן מיט א לאָפּע — און די טיר האָט נאָכגעגעבן.

פון דערינען, זעט זיך אויס, האָט מען זיך געריכט אויף נישט גוטס. אַלץ איז פארשוואונדן, ווי אויסגעשטאָרבן. נאָר איינער, א מו־טיקער, האָט געוואָגט פאר אַלעמען צו באווייזן זיך אין דער אויפגע־פּראַלטער טיר מיט א מינע: „אָט בין איך דאָ, און זעט — איך האָב נישט קיין מורא פאר אייך". עס איז געוועזן א בכבודיקער ייד, אין א שיינער געשניטענער קאפּאָטע, פון וועלכער עס האָט ארויסגעשטארצט א פעט בייכל און א יידיש קליין היטעלע, פון אונטער וועלכן מ'האָט נאָר צוערשט ארויסגעזען א לאַנגע, ברייטע, געלע באָרד.

ער האָט זיך נישט דערשראָקן. די רויטקייט פון זיינע איבערגע־לאָפענע, מיט גריוונס אויסגעפּאַשעטע באַקן, איז נישט פארשוואונדן.

ער איז געשטאַנען אַ רואיקער, אַ קילער, אַנגענומען מיט זיינע פעטע פינגער די שיינע, געלע באָרד און געפרעגט גאַנץ געלאַסן:

— וואָס ווילט עטץ?

דער צודרינגלעכער עולם, וואָס האָט ערשט פאַר אַ מינוט פריער געשטורעמט די טיר, האָט ביים אָנבליק פונעם בכבודיקן דאַזאָר זיך איינגעשטילט און זיך אָפּגערוקט. אפילו דער ברייטבייניקער און ברייט־באָרדיקער ייד, וואָס האָט אַרויסגעזעצט די טיר, האָט זיך אויך דער־שראָקן, און אָפּגעטראָטן אַ טריט. אפילו חיים „פערד" און וועלוול קעל־באַס.

רחל־לאה האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין און געענטפערט פאַרוואונדערט:

— איר ווייסט נישט וואָס מיר ווילן? איר ווייסט גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אין שטאָט?

— ווער זענט איר דאָס? — ווייזט דער דאַזאָר מיטן פינגער אויף רחל־לאהן גלייך אין פנים אַריין. — אַ גבאיטע אַזעלכע? קיין אָרימע זענט איר דאָך נישט. דאָס זעט מען דאָך אָן אייך.

— און אַז אַ גבאיטע, געפעלט אייך נישט? — פרעגט זי אים.

— ניין, ניין. פאַרקערט, אדרבא, מיר געפעלט עס דווקא זייער. קומט אַריין דערינען אין דאַזאָר־שטיבל, וועלן מיר זיך דורכרעדן ביים טיש.

— פאַניע לעבן, האָט רחמנות אויף אונדז, מיר גייען דאָך אויס מיט אונדזערע קינדער פאַר קעלט, — וויינט אַרויס אַ יידענע פון עולם.

דאָס איז געווען אַ צייכן פאַר די אַנדערע.

— די בעבעכעס אין אונדזערע לייבער ווערן דאָך געפרוירן.

— עס איז דאָך ממש סכנות נפשות. מען ווערט דאָך דערפרוירן גלידערווייז, — קלאָגט פון דער מאַסע אַרויס מיט אַ גמרא־ניגון אין אַן איכה־טאָן אַ חסידישער ייד.

— דאַזאָר, אַזוי ווייטער קאָן עס נישט גיין. ס'איז „באו מים עד נפש", — מאַכט מיט דער האַנט אַ בכבודער חסידישער ייד אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע.

— וואָס רעדט ער מיט אים — קוילן! מיר האָבן נישט מיט וואָס צו הייצן — קוילן!

— מיט געשרייען וועט איר גאָרנישט מאַכן, — זאָגט דער דאָזאָר בנחת־רוח, — איר האָט דאָך דאָ אייערם אַן אייגענעם מענטש. זאָל זי אַרויפגיין מיט אונדז, זיך אוועקזעצןביים טיש, וועלן מיר זען, וואָס מיר קאָנען טון.

— גייט, גייט, גוטער מענטש, גייט, — האָבן איר שטימען צו־געגעבן מוט.

פונעם עולם האָט זיך אַרויסגערוקט מרדכי דער „הויקער". ווי נאָר מ'דאַרף אַ דעפּוטאַציע, איז ער דאָ, און רופט זיך אָן צו רחל־לאהן:

— פּאַני הורוויץ, קומט אַרויף, וואָס האָבן מיר מורא פאַר זיי?

ווען רחל־לאה און מרדכי „הויקער" זענען אַריין אין דאָזאָר־שטיבל, האָבן זיי קיינעם נישט אָנגעטראָפן. זעט זיך אויס, אַז מ'איז זיך צע־לאָפן און איבערגעלאָזט בלויז דעם מוטיקן געלן דאָזאָר. דער לאַנגער גרין־באַדעקטער טיש איז געשטאַנען ליידיק.

— און ווו זענען די אַנדערע? — פרעגט רחל־לאה.

— וואָס דאַרפט איר די אַנדערע? — איך וועל רעדן מיט אייך. זעצט אייך, — ווייזט דער דאָזאָר אָן אויף שטולן ביים גרין־געדעקטן טיש.

— זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער רעוואָלטירטער מאַסע! — רופט אויס דער הויקער מיט אַ טריאומפירנדיקער שטימע און גיט אַ טריאומפירנדיקן ווונק צו רחל־לאהן.

— פאַרוואָס זאָלן זיך זיי דערשרעקן, — וואָס, איר זענט נישט אַזעלכע יידן ווי מיר זענען? וואָס, גזלנים זענט איר? — זאָגט דער כיט־רער דאָזאָר בנחת־רוח. — זעצט אייך, יונגערמאַן, — ווייזט ער דעם הויקער אויף אַ שטול, — זיי האָבן מיך אויסגעקליבן צו אונטערהאַנד־לען מיט אייך.

— אַהאַ! — רופט ווייטער אויס דער הויקער מיט אַ פיל באַדייַ־טנדיקן ווונק צו רחל־לאהן, און צום געלן דאָזאָר גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט: „יאַך קאָן שטיין".

— אַלזאָ, וואָס וועט איר זאָגן גוטס? וואָס ווילט איר דאָס אייגנט־

לעך? — פרעגט דער דאָזאָר, אַזוי ווי ער וואָלט פון הימל אַראָפּגע־פאַלן.

ביי רחל־לאהן פּלאַצט שוין דאָס געדולד ביים אָנהייב.

— איר ווייסט נישט וואָס מיר ווילן? איר זענט אַ פרעמדער? איר ווייסט נישט וואָס ס׳טוט זיך אין שטאָט? מענטשן ווערן געפרוירן!

—נו, און אַז מ׳ווערט געפרוירן, איז וואָס? שרייט מען שוין אַזוי, מאַכט מען שוין אַזעלכע געוואַלדן, רייסט מען שוין איין אַ וואַנט? ביי מיר אין דערהיים ווערט מען אויך געפרוירן. ווער ווערט דאָס נישט גע־פרוירן אין ווינטער? ס׳איז דאָך אַ באַוווּסטע זאַך. מיר זענען דאָך מענ־טשן, נישט קיין ווילדע חיות. ס׳איז דאָך גלאַט נישט שיין פאַר גויים. געמאַכט אַן אַנגעלויף, גאָט ווייסט ווענן וואָס, — זאָגט דער דאָזאָר מוסר־רייד.

רחל־לאה איז נישט געווען קיין גוטע דיפּלאָמאַטין. ביי אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען האָט זי גלייך פאַרלוירן איר געדולד. זי האָט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן זיינע אויסגערוטע פולע בעקלעך, פון וועלכע עס האָט אַראָפּגעגלאַנצט דער שמאַלץ פון חנוכה־גריוונס. עס האָט זי געררייצט זיין רואיקער, נחתדיקער טאָן, ווי ער וואָלט גרוים הנאה גע־האַט צו הערן זיין אייגענע שטים, און דאָס קעמען זיך מיט די פינגער־לעך די געלע באָרד. זי האָט שטאַרק חשק געהאַט אָנצוכאַפּן אים אַזוי ביי דער באָרד און זי פעסט צו האַלטן אין אירע הענט און שרייען צו אים:

— איר ווייסט, וואָס עס הייסט ווערן געפרוירן פאַר קעלט? איר ווייסט?

זי האָט זיך געביסן די ליפּן, כדי זיך אַליין צו קאָנטראָלירן.

— רעדט איר מיט אים, מרדכי, רעדט; איך קאָן נישט.

— הכלל, איר וועט געבן קוילן צי ניין? — מאַכט זיך דער הויקער מוט און ווערט ווייס ווי די וואַנט.

— פון וואַנען זאָלן מיר נעמען? וואָס, מיר האָבן אייגענע קוילן־גריבער? אדרבא, נעמט איר די שליסלען פון דער קאַסע, צעטיילט איר; זייט איר דאָזאָרעס, וועלן מיר דענסטמאָל זען, אויב איר וועט אויך זיין אַזעלכע גוטע מענטשן. איר מיינט, אַז איר אַליין האָט נאָר אַ מאָנאָפּאָל אויף רחמנות? איך האָב אויך רחמנות; איך בין אויך אַזאַ גוטער

מענטש ווי איר. זיי מיינען, אז זיי אליין האָבן אויסגעכאַפּט דאָס גאַנצע גוטסקייט.

— איר ווייסט, וואָס עס הייסט צו ווערן געפּרוּוירן? — מענטשן קאָנען נישט אַרבעטן פאַר קעלט. זיי פאַרבּרענגען די לעצטע שטיקלעך מעבל פון די שטובן, האָבן זיך נישט וווּ צו באַהאַלטן, ווייסן נישט וווּ צו אַנטלויפן. איר ווייסט? איר ווייסט? — שרייט אים רחל־לאה אין פּנים אַריין.

— אוודאי ווייס איך. וואָס דען, איך ווייס נישט? אדרבא, גיט טאַקע אַן עצה דערויף, וואָס צו טון.

— וואָס, די גמינע האָט קיין געלט נישט?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, נעמט איר די שליסלען און צע־טיילט איר. זייט איר דאָזאָרעס.

— מיט אייך קאָן מען נישט רעדן. מיט אייך קאָן מען נאָר אָט וואָס... — און רחל־לאה הייבט אויף אַ פויסט און פאַרלאָזט דאָס דאָ־זאָר־שטיבל.

— אָ, דאָס איז נישט שיין. איר זענט דאָך עפּעס אַן אָרנטלעך מענטש, — זאָגט דער דאָזאָר.

דער עולם, וואָס האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען, האָט זיך דערווייל געמאַכט אילוזיעס — אַז נישט נאָר קוילן, זיי וועלן אויך באַקומען קאַרטאָפלעס, קרויט און אפילו ברויט פון דער גמינע. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דאָס ווערט איצט דאָרט דערינען פאַר זיי באַשאַפן, געצויגן פון דער ערד אַרויס. און כאָטש מיט די מיילער האָבן זיי אַנדערש גערעדט און געבּרומט: „עס וועט גאָרנישט זיין", אָבער אינעם געדאַנק האָבן זיי געהאַט פיל האָפע־נונג און באַפּייכט זייערע אויסגעליידיקטע מאַגנס מיט טעמען פון שפּייזן.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן די נידערגעשלאָגנקייט, וואָס האָט גע־הערשט אין דער ערשטער מינוט, און באַלד דערנאָך דער כעסדיקער אויסגעשריי, ווען רחל־לאה איז אַראָפּגעקומען און געוואָרפן אין די אויפ־געעפנטע אויגן און מיילער פון דער מאַסע דאָס אָפּטויטנדיקע וואָרט:

— מען קאָן גאָרנישט מאַכן, אַ האַרץ פון אַ שטיין.

דער עולם האָט אַ מינוט געשוויגן אין זיין פאַרלוירנקייט. באַלד

האָט ווער אויסגעשריגן. ס'איז געווען מרדכי דער הויקער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך רחל־לאהן:

— נאָר דאָ איין וועג: צו נעמען „בגראַנדע“ (מיט געוואַלד).

דערהערט דאָס וואָרט „בגראַנדע“, איז אַ פּלאַקער פייער אַריין אין דער אויפגערעגטער מאַסע. אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. אפילו די חסידישע יידן האָבן אָנגעהויבן צו שאָקלען זיך ווי ביי אַ פרום געבעט; געביסן די פאַרפוילטע, פאַראייזטע וואָנצעס אין די ציין, געביסן זיך ביי די בערד, געשאָקלט זיך און געברומט מיט אויפרעגונג:

— עס איז דאָך אומדערהערט.

— אַ הארץ פון אַ טאָטער, מענטשן לאָזן אונטערגיין אין אַזאַ צייט, — האָבן ווייבער געיאָמערט.

פונעם עולם האָט זיך אַרויסגערוקט חיימל „פערד“. די הענט טיף פאַרשטעקט אין די הויזן־קעשענעס, איז ער געגאַנגען באַוועגנדיק מיט די אַקסלען. זיינע אויגן, און נאָך מער דאָס האַלב פאַרקלעפּטע אויג מיטן בלאָטער, האָבן פון אונטער דעם לעדערנעם דאַשעק אָנגעזאָגט אויף נישט קיין גוטס. ער האָט זיך צוגערוקט צו רחל־לאהן און אַ ברום געטון:

— וואָס הייסט איר טון, באַלעבאָסטע?

— ווייסט נישט וואָס צו טון? — זאָגט וועלוול. — זאָל ער נאָר קומען אין מיינע הענט.

די אויפרעגונג איז וואָס אַמאָל מער געוואַקסן צווישן דעם עולם. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווען דער געלער דאָזאָר וועט זיך באַווייזן, אַזוי וועלן זיי אים צעטראָגן נאָר אויף איין ווונק, נאָר אויף איין וואָרט פון רחל־לאהן.

און דער דאָזאָר האָט זיך באַוויזן אין דער טיר. ער האָט אויסגעקוקט זייער פרום, מיט אַ כשר־חזיר־פּנים, צושאָקלענדיק זיך און רייבנדיק זיך דערביי די הענט. עס זענען געוואָרן געווענדט צו אים אויגן, פול מיט פאַספאַר־פייער, ווי אָנגעריבענע שוועבל, וואָס וואַרט נאָר אויף אַ פונק, — כאָטש דער עולם האָט דערוויי'ל געשוויגן פאַר אויפרעגונג און נייגעריקייט צו הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן. דער דאָזאָר האָט זיך אָבער גאָרנישט געמאַכט פון די בייזע מינעס און בליקן. ער האָט זיך אָנגעהויבן פרום צו שאָקלען און געפרעגט פרום:

— צי ווילט איר קוילן, צי ווילט איר עפּעס אַנדערש?

— אוודאי ווילן מיר קוילן.

— אַזוי זאָגט. די גמינע האָט שוין טאַקע געזאָרגט דערפאַר. מ'הייבט שוין אָן ארויסצוגעבן די קוויטלעך אויף קוילן.

דער עולם האָט אַנגענעם איבערראַשט אָפּגעאָטעמט.

— און קאַרטאָפלעס, פאַניע־לעבן? — האָט געפרעגט אַ פריילעך־פאַרוווּנדערטע, האָפענונגס־זינגענדיקע שטימע פון אַ מאַמען.

— און קאַרטאָפלעס וועלן מיר אויך צעטיילן, — זאָגט דער דאָזאָר, — מיט דער צייט וועלן מיר צעטיילן. וואָס דען, זיי וועלן אייך עפּעס געבן? — ווייזט ער אויף די פאַרוווּנדערט־שטייענדיקע רחל־לאהן מיטן הויקער. — זיי מיינען דען אייערע קוילן? זיי מיינען דאָך עפּעס אַנדערש... — זאָגט דער דאָזאָר ארויס דעם „עפּעס אַנדערש" מיט אַ פּיל־באַדייטנדיקן גמרא־נגון, און ווינקט־צו מיט די אויגן. — הע, הע, הע.

דער עולם וואָס איז פאַר אַ מינוט פריער, אויף איין ווונק פון רחל־לאהן, גרייט געווען דעם דאָזאָר צו צעריסן, האָט ביי די האָפענונג־געבנדיקע ווערטער פונעם דאָזאָר שוין זי אינגאַנצן פאַרלאָזט און אריבערגעגאַנגען צו אים. כדי צו געפעלן דעם דאָזאָר, האָבן זיי תיכף אויפגעכאַפּט דעם מיין פון זיין זינגענדיקן „עפּעס אַנדערש" און טייל האָבן אונטערגעכאַפּט דעם „הע, הע, הע".

רחל־לאה איז געשטאַנען אַ פאַרוווּנדערטע. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז געשען. זי האָט דערפילט ווי אַ קאַלטער ווינט וואָלט זי אַרומגענומען. לעבן איר זענען נאָך געשטאַנען אירע געטרייע באַגלייטערס: דער הויקער, הענעך סטאָליאַר, וועלוול אפילו. נאָר חיימל „פערד" האָט זיך שוין מיטן איבריקן עולם, מיט די פרומע יידן, מיט די ווייבער און קינדער, מיט גלאַט אָרימעלייט זיך געוויקלט אַרום דעם דאָזאָר, וואָס אַלע האָבן איצט אַרומגערינגלט מיט אויסגעשטרעקטע הענט. טייל האָבן געהויבן צו אים די קינדער, אַנדערע האָבן געוויזן טיילן פון זייערע נאַקעטע לייבער, די אויסגעפּראַלטע בריסטן פון די צעריסענע קליידער.

— דאָזאָר־לעבן, הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן, ווען וועט מען אָנהייבן צו טיילן?

— טאַקע באַלד, טאַקע באַלד, קיין איין מינוט נישט פאַרשפּעטיקן. וואָס דען, פון זיי וועט איר עפּעס האָבן? — ווייזט ער שוין איצט מיט

דרייסטקייט אויף דער אין ווינקל שטייענדיקער רחל־לאהן. — עס ליגט זיי, מיינט איר א סך אין זינען אייערע קוילן, אַז זיי מיינען גאָר עפּעס אנדערש. הע, הע, הע.

און פאַרכריפּעטע הייזעריקע סוכּאַטנע קולות האָבן שוין איצט משוגעדיק מיטגעלאַכט הויך אויפן קול: „הע, הע, הע — זיי מיינען גאָר עפּעס אנדערש".

— דאָזאָר־לעבן, איר זענט דאָך אונדזער איינציקער שפּייזער, — שטרעקט א יידענע א ברודיק קינד צו אים אַרויס.

— דאָזאָר־לעבן, איר זענט דאָך א פאָטער צו אונדזערע קינדער.

— גאָט צוערשט, דערנאָך ער! — ווייזן די ווייבער אויפן דאָזאָר.

רחל־לאה מיט איר קאָמאַנדע האָבן זיך אָפּגעטראָגן פאַרשעמטע.

ווען זי איז דערנאָך אַהיימגעקומען א צעבראָכענע, א קראַנקע פאַר אָנמאַכט, האָט זיך פרוי הורוויץ אַוועקגעזעצט אין איר ווינקל, אָנגע־לענט איר קאָפּ אויףביידע הענט, געביסן די ליפּ און עפּעס געמורמלט ווערטער, צעקייענדיק זיי אינעם בייסן.

פון דער צווייטער שטוב איז דער גימנאַזיסט אַרויסגעקומען. דערזען דער מאַמען אין דער שטימונג, האָט ער שוין אַלץ געוווּסט, אָנגערופן זיך מיט א שמייכל:

— איך האָב דער מאַמען באַלד געזאָגט, אַז זי זאָל זיך נישט אָפּ־געבן מיט פילאַנטראָפּיע. עס איז נאָר דאָ איין עצה...

רחל־לאה, וואָס האָט איצט דאָס זעלבע געקלערט, וואָס איר ייִנגל און מורא געהאַט עס צו דערקלערן, האָט איצט באַמערקט א נייעם רים אין זייִנע הויזן. האָט זי זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט:

— הער נאָר, דו וועסט אויפהערן? קוק בעסער אָן דיינע הויזן. איך האָב שוין מער קיין כוחות נישט צו זיי...

קאַפּיטל 24
„רחל־לאה בראָקט־איין די זופּ"

רחל־לאה איז געזעסן דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף אירע ביידע הענט. אין איר האָט זיך אַלצדינג געקאָרטשעט פאַר צער און־שאַנד. יעדעס מאָל, ווען זי קומט אין באַרירונג מיט נויט, קאָן זי עס נישט איבערטראָגן.

כאַטש עס איז איר טאָג־טעגלעך ברויט. דאָס, וואָס זי האָט זיך אָבער אָנגעהערט און אָנגעזען אין די לעצטע טעג, האָט איבערגעשטיגן אַלצדינג, וואָס ביז איצט. זי האָט זיך שוין געהאַט גוט אָנגעגעסן מיט צרות, וואָס אירע שכנים האָבן איר געגעבן צו פאַרזוכן אין די טעג. אָבער די סצענע אין דער יידישער קהילה, דאָס פאַרלוירנקייט און די דערשלאָגנקייט פון די מאַסן, דאָס כורעים־פאַלן פאַרן דאָזאָר צוליב אַן עמער קוילן, האָט זי אַזוי פאַרביטערט, אַז זי האָט פאַרלוירן איר גלויבן. עס האָט זיך אָנגע־הויבן צו וואַקלען איר שטאַרקער ווילן, וואָס זי האָט שטענדיק געהאַט אין יעדער עת־צרה. ס'איז געווען אַזוי ווי טראָפּנס בלוט וואָלטן זיך פאַר־שאַנד באַהאַלטן אין די צעלן פון איר קערפּער און נישט געוואָלט מער זיך באַווייזן אין אירע אָדערן. זי האָט נישט געזען קיין צוקונפט. יעדע האָפענונג איז פאַרווישט געוואָרן, און זי האָט זיך געטראַכט:

— אַזוי וועט עס שוין שטענדיק זיין, שטענדיק — ביז אונדזער טויט און נאָך אונדזער טויט.

דאָס פאַרוויטיקטע צוזאַמענקאַרטשען פון איר האַרץ האָט מען אָנ־געזען אויף איר פּנים. איר פּנים, וואָס איז דאָך שטענדיק געווען אָפן, פריי און לאַכנדיק, איז פינצטער געוואָרן. אירע גרויסע אויגן זענען קליין געוואָרן, איינגעקאַרטשעט באַהאַלטן צווישן די פּילע קנייטשן, וואָס האָבן זיך מיט איינמאָל באַוויזן אויף אירע באַקן.

זי האָט טיף פאַרביסן די ליפּן. פאַר כעס זענען זיי אַזש בלוי גע־וואָרן און אַ ווייס־פאַרטריקנט שפּייעכץ האָט זיך אויפגעהאַלטן אין זייע־רע ווינקלען. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקייט קללות, וואָס זי האָט עס שוין איצט געטון אָפן פאַר אַלעמען, אָן מורא אפילו פאַרן מאַן.

— און אַ וועלט זעט־צו, ווי מענטשן גייען־אויס און שווייגט. אויס־געריסן, אויסגעוואָרגן זאָל אַזאַ וועלט ווערן!

מיט איינמאָל האָבן זיך איר אַ זעץ־אַרויס געגעבן פון אירע אויגן פּילע טרערן־טראָפּנס, וואָס זי האָט אָפּגעווישט מיט איר טיכל. איר פּשוטער שכל האָט קיין אַנדערן אויסוועג נישט געקאָנט געפינען, נאָר עס זאָל עפּעס געשען, אַז זי זאָל האָבן די מאַכט און די מעגלעכקייטן פּעטש צו געבן, קלעפּ איינצוטיילן און צו באַפעלן: אַזוי און אַזוי! פאַר־וואָס האָט זי נישט די מעגלעכקייט דאָס צו טון? פאַרוואָס האָבן זי דווקא

די ערגסטע און נידערטרעכטיקסטע, וואָס דאַרפֿן זי נישט און ווייסן נישט וואָס צו טון מיט דער מאַכט.

יענעם טאָג האָט מען ביי דער לערערקע קיין מיטאָג נישט געקאָכט. דער מאַן אירער, אַז ער איז אַהיימגעקומען, האָט גאָר מורא געהאַט אין קיך אַריינצוגיין. רחל־לאה האָט געהאַט אירע קאַפּריזן און שטימונגען. איז זי געווען גוט, האָט זי געלאָזט טרעטן אויף זיך. אָפּגעהיט זאָל מען אָבער ווערן, ווען זי איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שטימונג ווי היינט. אַ טיגער איז געזעסן אין דער קיך. אַלע האָבן זיך דערנסטמאָל פון איר גע־קאָנט אויסריכטן. נישט נאָר די קינדער, אַפילו דער מאַן האָט געקאָנט אַריינכאַפּן דאָס זייניקע.

אין אַזעלכע מאָמענטן האָט מען זי אויסגעמיטן. העלענקע האָט אָפּ־געקאָכט מיטאָג פון וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. געבראָטן אייער און פאַרשטאָפּט די מיילער. אַזוי ווי עס וואָלט אין שטוב אַ גרויס אומגליק געווען געטראָפן.

— פאַרוואָס פייניקט זיך די מאַמע? ס'איז ביי דער מאַמען אַ נייעס? — טענהט צו איר איר עלטסטע טאָכטער בשעת זי שטייט ביי דער קיך און ריישט־אָן די קאַרטאָפלעס.

— איך בעט דיך, לאָז מיך אָפּ, — שרייט־אָן די מוטער.

און דער גימנאַזיסט פייפט פאַר זיך אַ לידל, קומט יעדעס מאָל אַריינצוגיין אין קיך, וווּ די מאַמע זיצט, און גיט אַ ברום, אַז דער טאַ־טע זאָל דערינען נישט הערן:

— איך האָב דער מאַמען באַלד געזאָגט, אַז ס'וועט זיך אַזוי אויס־לאָזן.

זי האָט שוין געשוויגן.

נאָר ווער ס'האָט זיך פון איר דעם טאָג אַממיינסטן אויסגעריכט, און וועמען זי האָט נישט געלאָזט אויף די אויגן — דאָס איז געווען דער „זשאַבלינער".

— מאַכערס מיינע! ביי רחל־לאהן אין קיך קאָנען זיי זיין גרויסע העלדן!

זאַכאַרי איז אַריינגעקומען און זי אָנגעטראָפן אין דער שטימונג.

ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אין וואָס עס גייט. צום ערשטן מאָל האָט ער זיך באַקענט און געזען, וואָס עס הייסט נויט, און איז לעצטנס

דערציטערט און פארשווינגן געוואָרן, געקלערט וועגן זיין שריט, וואָס ער האָט געטון אפשר צו־געאיילט.

זינט רחל־לאה האָט זיך באַקענט מיט דעם, וואָס עס קומט פאַר אין גאַס. האָט זי מירקינען כמעט נישט געזען. און ווען זי האָט אים יאָ באַמערקט, האָט זי אים באַשאָנקען מיט אַזאַ אומפּריינטלעכן בליק, אַז זאַכארי האָט זיך דערפילט אין עפּעס שולדיק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי טראָגט אויף אים עפּעס אַ בייז הארץ, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן די סיבה דערפון. ביי זיין אריינקומען האָט זי אים ווידער באַשאָנקען מיט דעם אומפּריינטלעכן בליק און געברומט ווי צו זיך:

— און דער וואָלט שוין יאָ געקענט עפּעס טון, נעמט ער און שיקט צוריק זיין רייכן טאַטן דאָס געלט, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט דאָרט האָבן ווינציק.

מירקין איז בלאַס געוואָרן. איר האָט אויך באַנג געטון פאַר די רייד, און כדי צו קילן זיך, איז זי אַנגעפאַלן אויפן „זשאַבלינער".

— דאָס אַליין זענט איר שולדיק. איר האָט אים צוגערעדט, ער זאָל זיך נישט באַנוצן מיט זיין פאָטערס געלט, און איך זאָג — אפילו פון אַ חזיר, אַז מען קאָן העלפן, זאָל מען העלפן. וואָס זענט איר אַזעלכע איידעלע מענטשן, אָפּגעהיטע צדיקים? זיי דאָרט אין דרויסן, וואָס ווערן געפּרוּווירן אין די לעבער און גייען־אויס פאַר אַ שטיקל ברויט — זיי קאָנען נישט זיין אַזעלכע פיינע לייט, ווי איר זענט. פונעם רינשטאָק װעלן זיי אויפהייבן, ווען דו וועסט זיי אהין עפּעס אריינוואַרפן. דו וואָלסט געזען ווי זיי האָבן זיך געלעקט צום געלן דאָזאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיי נאָר צוגעזאָגט אַן עמער קוילן — און איר דערלויבט זיך צו זיין אַזעלכע דעליקאַטע מענטשן.

— מאַדאַם הורוויץ, איר באַדאַרפט האָבן געלט? — פרעגט פּלוצים מירקין.

— גיט נאָר אַ קוק אויף דעם, פון הימל איז ער אראָפּגעפאַלן. ווען מיר האָבן אביסל געלט, עפענען מיר דאָך אויף אַ „ביליקע קיך", אַ טייהויז, וווּ מענטשן וואָלטן אריינגעקומען און זיך אָנוואַרימען כאָטש די בעבעכעס. ווען מיר וואָלטן געהאַט אביסל געלט, וואָלטן מיר געמאַכט איין קיך, צוויי, אַ פּאָר טיי־הייזער. דערנאָך וואָלט עס זיך שוין געשלעפּט פון זיך אליין.

דערמוטיקט דורך אירע אייגענע רייד, האָט זיך אין איר אויפגע-וועקט איר אַלטע ענערגיע. זי האָט זיך פלינק אויפגעהויבן פון איר אָרט און געזאָגט צו אירע צוויי שמשים, צום „זשאַבלינער״ און צו מירקינען:

— וואָס וועל איך רעדן מיט אייך, איר זענט אויך מענטשן? — און געכאַפּט דאָס טוך איבערן קאָפּ און געלאָזט זיך אַראָפּ אין הויף אַריין. זאַכאַרי איז נאָך איר אַוועק אין אַנדערער ריכטונג.

זי איז אַריין אין דער בעקעריי, וווּ זעליג איז געשטאַנעןביים איינגעהייצטן אויוון און איז אינגאַנצן געווען פאַרפלאַמט פון די פייערן, וואָס האָבן געשלאָגן פונעם אויפגעעפנטן פייער-טירל.

— זעליגשי, איך דאַרף דיך האָבן. מוזט איבערלאָזן דעם אויוון און גיין מיט מיר.

— איין מינוט, איך וועל נאָר די זעמל אַרויסכאַפּן. — און ער האָט אַרויסגעכאַפּט מיטן לאַנגן שאָוול דאָס ברעט מיט זעמל פון אויוון אַרויס.

רחל-לאה האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים אויוון, נישט געקוקט וואָס זי האָט איינגעשמוצט איר קלייד (דאָס איינציקע יום-טובדיקע קלייד, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, אין וועלכן זי איז היינט געווען אין דער גמינע), אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זעליגס באַמעלטע פּלייצעס און אַזוי זיך צו אים אָנגערופן:

— זעליג..דו ביסט דאָך אַ גוטער יונג, דו האָסט דאָך אַ גוט האַרץ; איך קאָן דאָך דיך. זע, אַזוי פיל מענטשן הונגערן, קאָנען נישט טון קיין שטאָך אַרבעט, ווייל ס'איז קאַלט אין די שטובן. מ'גייט-אויס פאַר אַ שטיקל ברויט.

— איר דאַרפט עס מיר דערציילן? — זאָגט זעליג אַ פאַרזאָרגטער, דאָס קאַפּל פאַררוקט אויפן שפּיץ קאָפּ און אָנגעלעגט אַ האַנט אויפן לאַנגן שאָוול. — איך ווייס עס בעסער פון אייך. די קינדער פון סובאָט-ניטשן ווייבל, פונעם סטאָליאַר, פונעם „פערד״ קומען דאָ אַהער ווי די געפרוירענע פייגל, בעטן זיך, אַז איך זאָל זיי צולאָזן צום אויוון אָנוואַרימען זיך. וואָס זאָל איך טון? איך בין אַליין אַן אָרימאַן, וואַרף איך זיי צו אַ זעמל, מער קאָן איך נישט.

— דאַרף מען דאָך עפּעס זען צו טון.

— אוודאי דאַרף מען עפּעס טון. וואָס טוט מען?

— אַ ביליקע קיך אויפעפענען!

— פון וואַנען וועט איר נעמען געלט, באַלעבאָסטע? די גרויסע וועלן נישט געבן, און די קליינע האָבן נישט.

— די גרויסע זאָלן ברענען, און אַז די קליינע וועלן נישט טון, וועט עס נישט זיין געטון. איך מיין, אַז מיר אַליין זאָלן אָנהייבן. צוערשט פאַר אונדזער הויף. אַז מיר וועלן נאָר איינפעדעמען, וועלן מיר שוין דערנאָך שלעפן פון טויט און פון לעבעדיק.

— אוודאי וואָלט עס גוט געווען... גיט מיר מעל מיט האָלץ, שטעל איך זיך אַוועק באַקן פאַר אָרימעלייט גאַנצע נעכט. איך גיב מיין אויוון. נאָר מעל און האָלץ. קיין אַרבעט וועל איך נישט זשאַלעווען. מ'קאָן דען צוזען דאָס רחמנות? דאָס האַרץ קאַרטשעט זיך סיי ווי סיי צוזעענדיק דאָס, — רופט אויס זעליג.

— זעליג לעבן, קום מיט מיר. איך האָב שטענדיק געוווּסט, אַז דו ביסט אַ גוטער יונג, — לייגט רחל־לאה אַרויף אַ האַנט אויף זיין אַקסל.

— וואַרט נאָר, פאַני הורוויץ. איך וויל נאָר דעם אויוון פאַררוקן.

זעליג האָט דעם אויוון פאַררוקט, געגעבן מיט צוויי האַנט־קלעפּ אַ שאָקל אָפּ דאָס מעל פון די הויזן און פון דער האָר־באַוואַקסענער ברוסט, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך ווילעריש דאָס פּעלצל, דאָס היטל אויף דער גזשיווע, און פרעגט:

— ווו ווילט איר דאָס מיך פירן?

— קום נאָר אַריין מיט מיר צו וועלוול קעלבאָס, — זאָגט רחל־לאה.

— גייט שוין, ער איז אַ חזיר, שלאָפט אויף אַן אָנגעשטאָפּטן שע־ניק מיט געלט. אַרויסגעוואָרפן די רייד.

— שאַדט נישט, מיט וועלוולען קאָן מען רעדן.

אַריינגעקומען אין דער וווּרשטן־מאַכעריי, האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ רויך, וואָס האָט געזעצט פון אַ רויבער־אויוון, אַז עס האָט זיי אויש פאַרפּעלט אָטעם, און אָנגעהויבן צו הוסטן.

— וועלוול, מיר קומען צו אייך מיט אַן עסק, — זאָגט רחל־לאה צו אים. — איר ווייסט, וועלוול, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן?

וועלוול, וואָס האָט מיט נאַקעטע אַרויפגעשאַרצטע הענט געקנאָטן אין צעהאַקטע פלייש, ווי אין אַ טייג, האָט אויפגעהויבן זיינע דראָטן־

הארטע אַראָפּהענגענדיקע ברעמען. פון זיי האָבן זיך אַפּערגעגנבעט אַ פּאָר אויגן און געפרעגט:

— העז

— וועלוול, איר ווייסט, וואָס עס טוט זיך אין גאַס?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן, וואָס בין איך אַ הונט? איך האָב אייך שוין אָנגעגרייט אַ פּאָר וווּרשטן מיט אַ גאַנצן זאַק אָפּפאַלעכטס. נעמט עס, פאַני.

— וואָס טויג מיר דיין אָפּפאַלעכטס? דאָ דאַרף מען עפּעס אַנדערש, גוטער ברודער. די פאַני הורוויץ וויל מאַכן אַ „טאַניע קוכניע" (אַ בילי־קע קיך). דו שלעפּ בעסער אַרויס דיינע שעניקעס און גיב אונדז די קלענ־גערס, — זאָגט דער בעקער.

שעניקעס? — נעם זיי פון מיינעטוועגן, — זאָגט וועלוול מיט אַ הייזעריקער שטימע. — נעבעכ כאַליעט אויף זיי.

— ניין, וועלוול. מיר ווילן פון אייך פלייש און ביינער — די זופּ יעדן טאָג צו פאַרפעטן, ווען מיר וועלן זיך אָוועקשטעלן קאָכן.

— פלייש? פלייש? פון וואַנען וועל איך נעמען פלייש? ביינער קאָן איך געבן וויפל עטץ ווילט, כאָטש עס קאָסט געלט.

— וואָס טויגן מיר דיינע ביינער? בייגער פּרעס אַליין, — שעלט דער בעקער. — אָרימעלייט גיט ער ביינער!

— נו, וועל איך אייך געבן אַ שטיק אָפּפאַלעכטס יעדן טאָג מיט פּעטס, — זאָגט וועלוול אין דער שטיל, אַז די יידענע זאָל נישט דער־הערן. ווייזט אויף דער אַנדערער טיר: — זי וועט מאַכן געוואַלדן, — לייגט ער צו הייזעריק. — וואָס בין איך, אַ הונט? איך ווייס דען נישט אַליין, וואָס איך האָב צו טון?

ס'איז באַלד פאַררופן געוואָרן אַ „מלחמה"־באַראַטונג ביי וועלוולען אין דער וווּרשטן־מאַכעריי. רחל־לאה האָט געשיקט נאָך העניעך דעם סטאָ־ליאַר. עס איז אויך געקומען חיימל „פערד". עס זענען מיטגעקומען ווייַ־בער און מען האָט זיך גענומען צום עסק, דורכצורעדן זיך וועגן דער ביי־ליקער קיך. העגט צו העלפן זענען געווען אַ סך. אַלע האָבן געוואָלט עפּעס טון. די ווייבער האָבן געוואָלט קאָכן. דער בעקער האָט געוואָלט באַקן. וועלוול האָט צוגעזאָגט ביינער און אָפּפאַלעכטס און בגנבה פון דעם

וויב א שטיק אָפּפּאַלעכטס מיט פּעטס. חיים „פערד" האָט גענומען אויף זיך האַלץ צוצושטעלן.

— ווען האַלץ צו ברענען זאָלסטו זיך נישט זאָרגן, — האָט חיים געזאָגט צום בעקער. — איך וועל דיר צושטעלן פּלויטן וויפיל דו דאַרפסט, און טונען פעלן אויך נישט אויפן הויף, — האָט ער צוגעלייגט, ווייזנדיק מיט א קורצן פינגער אויפן סקלאַד מיט הערינג. — און טאָמער וועט מען דאַרפן נעמען „בגראַנדע", שרעק איך זיך אויך נישט. אַז דער לעדער־סוחר האָט זיך אָנגעגרייט א פולן קעלער מיט קוילן!

ס'האָט אויפגעפלאַמט א געוואַלדיקער ענטוזיאַזם ביים עולם פּעפּעס צו טון, — וואָס רחל־לאה האָט אונטערגעצונדן. זי איז געווען אין איר עלעמענט. אַלע האָבן געוואָלט עפּעס טון. עס זענען געקומען ווייבער, אָרימע יידן. בערלס גאַנצע פאַבריקל האָט זיך צוזאַמענגעקליבן. פון זיין וווינונג איז אפילו אַראָפּגעקומען דער „פּאַן קוויאַטקאָווסקי" אויף דער באַראַטונג. ער האָט עפּעס געהערט אויבן, אַז יידן קלייבן זיך צו טון, איז ער גייגעריק געוואָרן און איז אַראָפּגעקומען. א מאָדנער גוי געווען. ווי ס'האָט זיך נאָר עפּעס געטומלט ביי יידן אין הויף, האָט ער געוואָלט זיין אין מיטן. אַז יידן נעמען זיך צו עפּעס, ווייסן זיי שוין וואָס זיי טוען. אַראָפּגעקומען איז ער מיט א געבייזער, פאַרוואָס מ'האָט אים נישט באַלד גערופן, און אַז יידן באַהאַלטן עפּעס דאָ פאַר אים.

— וואָס, בין איך נישט קיין שכן? — האָט ער געטענהט האַלב גוייִש, האַלב יידיש. — פאַרוואָס האָט מען מיך נישט גערופן? יידן האָבן שטענדיק גערן צו באַהאַלטן פאַר זיך, פאַר זיך אַליין „שבת צו מאַכן". דאָס איז נישט גוט, — האָט דער פּאַן קוויאַטקאָווסקי זיך גע־בייזערט. — אין איינעם באַדאַרף מען זיין! אַלע אין איינעם, דענסטמאָל וועט אונדזער ספּראַווע (זאַך) געווינען. איך פאַרשטיי דאָס „עסק", איך פאַרשטיי, — האָט ער געזאָגט מיט א ווונק, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט וועגן א וויכטיקער באַהאַלטענער זאַך.

— וואָס פאַרשטייסטו, פּאַניע לעבן? — זאָגן די יידן דערשראָקן.

— א „ביליקע קיך" ווילן מיר מאַכן פאַר אָרימעלייט.

— א „ביליקע קיך"? זאָל זיין א ביליקע קיך, וויל איך אויך זיין דערינען. איך בין אויך א שכן.

— פּראָשע, פּראָשע (ביטע), — זאָגן די יידן.

— און מיין גאַספּאַדיניע וועט אויך העלפן קאָכן, און וואַכן־געלט וויל איך אויך צאָלן פאַר דער „טאַניע קוכניע", ווי אַלע שכנים, נישט „מאַכן שבת פאַר זיך", — האָט דער גוי איבערגעחזרט דאָס וערטל, וואָס ער האָט געקאָנט און זייער גערן געהאַט. — איך וויל אויך זיין דערינען, איך בין אויך אַ שכן.

— פּראָשע, פּראָשע, פּראָשע, — האָבן די יידן אים איינגעלאַדן מיט פאַרגייגונג.

אָבער צו קיין געלט איז עס נישט געקומען.

די, וואָס האָבן געקאָנט צאָלן וואַכן־געלט, זענען געווען געציילטע: דער לעדער־סוחר, אַ פּאָר קרעמערס און דער „פּאַן קוויאַטקאָווסקי", וואָס האָט געהאַלטן אין איין שרייען: „וויפיל אַלע יידן צאָלן, וויל איך אויך צאָלן, איך בין אויך אַ שכן".

די אַנדערע שכנים, „פּאַבריקאַנטן", פּונקט אַזוי ווי בערל, זענען געווען קאַלט. געשטאָרבן פּונעם קריזיס, און מען האָט זיי באַדאַרפט אַליין העלפן.

איז פון די וואַכן־צאָלונגען קיין געלט נישט געווען. מ'האָט באַדאַרפט האָבן געלט אויף עטלעכע זעקלעך מעל — „איינצופּעדעמען". זעליג בעקער האָט געהאַלטן אין איין טענהן: „גיט מיר כלים צו אַרבעטן, וועל איך אַרבעטן".

מ'האָט באַדאַרפט האָבן געלט אויף גריצן, אויף קאַרטאָפליעס, אויף ברויט, אויף כלים, אויף טישן און בענק און דער עיקר אויף אַ וווינונג.

אין הויף זענען אפילו געשטאַנען ליידיק צוויי שטובן מיט אַ קיך, נאָר דער פאַרוואַלטער, צו וועלכן מ'האָט זיך געווענדעט, האָט דווקא געוואָלט פאַר דריי חדשים פאָראויס. מורא געהאַט זיי אַריינצולאָזן. חיים „פערד" און אַנדערע האָבן אפילו פאָרגעלייגט צו נעמען די וווינונג מיט געוואַלט, אויפברעכן די טיר — און אַן עק. האָט מען אָבער מורא געהאַט פאַר פּאָליציי. ווילן איז געווען אַ סך, נאָר ס'איז נישט געווען מיט וואָס די „זופּ צו פאַרבראָקן", ווי רחל־לאה האָט זיך אויסגעדריקט.

— גייט שוין, גייט. מיט אָרימעלייט קאָן מען נישט גיין צום טיש. אַז די גרויסע וועלן זיך נישט נעמען דערצו, וועלן די קליינע אוודאי גאָרנישט אויפטון, — האָבן אַלע צום סוף געזאָגט און געלאָזט פאַלן די הענט. פון דער גאַנצער „ביליקער קיך" האָט זיך שוין געזאָלט אויסלאָזן

א בוידעם. מען האָט איינגעזען, אַז מיט אייגענע קרעפטן קאָן מען גאָר־נישט מאַכן, און קיין אַנדערע זענען נישט געווען.

רחל־לאה איז שוין געהאַט צוריק אַרויפגעקומען אין איר שטוב אַריין אַן אַנטוישטע. די האָפענונג האָט זי אָבער נאָך נישט אויפגעגעבן. זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט עפּעס אויסגעפינען אַ פּאָרטל, ווו זיך איינ־צושאַפן דאָס ערשטע געלט אויף פאַרבראַקן, אָבער ווי אַזוי האָט זי נישט געוווּסט. נאָר רחל־לאה האָט געהאַט בטחון, און קוים האָט זי זיך גענומען צו אַ זאַך, האָט זי שוין נישט אָפּגעלאָזט. אירע אַלע קרעפטן האָבן זיך צונויפגענומען. אַלע טראַפּנס בלוט פון די צעלן האָבן צוגעאײַלט מיט אימפּעט אין אירע גלידער, ווי זיי וואָלטן איר אַלע געוואָלט צוהעלפן אויסצופירן איר פּלאַן. זי האָט געקלערט, געקלערט פון וואַנען דאָס ערש־טע געלט צוזאַמענצושלעפן און זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. פון דער שטוב איז גאָרנישט געווען וואָס צו פאַרקויפן, אַ חוץ דעם מאַנס ביכער, וואָס זענען שוין געווען באַשטימט פאַר אַן אַנדערער זאַך...

נאָר ווי ס'טרעפט זיך ביי רחל־לאהן, איז דאָס מאָל אויך די הילף געקומען אומגעריכט און אויף אַ מאָדנעם אופן.

ווען זי איז אַרויפגעקומען אין איר קיך, אַ באַזאָרגטע און אַן אַנ־טוישטע, איז צו איר צוגעגאַנגען אין דער טונקלקייט, וואָס האָט שוין אָנ־געהויבן אַריינצושלאַגן, זאַכאַרי מירקין, אַ פאַרשעמטער, און אַריינגע־ברומט אין זיין בערדל אַריין:

— איר האָט געזאָגט, אַז איר דאַרפט געלט. איך בעט אייך, נעמט דאָס צו, — און געלאָזט פאַלן אין אירע הענט אַ רינג.

— וואָס איז דאָס?

— איך האָב עס נאָך פון „דאָרט", — זאָגט זאַכאַרי האַלב פאַר־שעמט, רויטלענדיק זיך — און ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַר עפּעס, לייגט ער צו: — נישט געוווּסט, אַז איך האָב עס.

— איך וועל עס נישט נעמען. איר וועט עס אפשר באַדאַרפן אויף עפּעס אַנדערש.

— איך וועל עס אויף גאָרנישט באַדאַרפן.

— מען קאָן נישט וויסן, — שמייכלט שעלמיש רחל־לאה צו אים.

— איז גלייכער אויף דעם, — לייגט ער צו אַ פאַרשעמטער.

— מיר קאָנען עס גוט געברויכן, — זאָגט רחל־לאה, — און אויב

עס איז באַשערט פאַר דער, וואָס איך מיין, וועט זי זיך באַגיין אָן דעם.

— זאַכאַרי האָט רירנד געכאַפּט איר האַנט. זי האָט אים נאָר בלויז א פלינקן גלעט געגעבן איבער זיינע האָר, געכאַפּט דאָס טוך, אַראָפּ אויפן הויף, אריין צו אירע פריינט מיט א פריידיקן אויסרוף:

— קינדער, עס איז דאָ מיט וואָס די זופּ איינצוּבראָקן.

נאָך דעם ווי דער רינג איז פאַרשוווּנדן אין רחל־לאהס האַנט, האָט זיך זאַכאַרי געפילט דערלייזט. עס איז געווען דאָס לעצטע, וואָס איז אים איבערגעבליבן פון זיין מוטער...

צווייטער טייל

קאַפּיטל 1

פריִער פרילינג

אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דער וועלט. וואָס איז געשען? — מען האָט נאָך גאָרנישט אָנגעזען. אויף די טראָטוארן איז אַלץ געלעגן די בלאָטע, וואָס האָט פאַרשווערט די טריט, און איבער די ברוקן — דער טייגיקער שמוץ, אין וועלכן עס האָבן געזונקען פערד און רעדער. נאָר דאָך האָט זיך יעדערער געפילט באַפרייט פון אַ יאָך, און גליקלעך, ווי ער וואָלט וואָס געוווּנען. די וואָלענע וועש אויפן לייב איז איבערדריסיק געוואָרן. פאַרמיאוסט איז געוואָרן דער וואָכעדיקער ווינטער־הילוך. און עס האָט זיך געגלוסט צו טובלען זיך, אַ נײַ העמד איבערצוטון, און צו שוועבן איבער די גאַסן. דער הימל איז געווען טיילווײַז פאַרכמורעט און טייל־ווײַז ליכטיק — בלוי־קלאָר. אַ מינוט האָט די זון אַ שמייכל־געטון, אַ מי־נוט איז טריב געוואָרן. אַ רעגן, צי אַ האָגל, האָט צײַטנווײַז געקלאַפּט, אַ שעה זומער, אַ שעה ווינטער. אין דער לופט איז געשטאַנען אַ געראַנגל פון די עלעמענטן. דער געראַנגל איז אָבער אָנגעגאַנגען נישט בלויז אויפן הימל, נאָר איז פאָרגעקומען אויך אין האַרץ, אין געמיט פון יעדער באַ־שעפעניש. אַלץ, וואָס לעבט, האָט מיטגעמאַכט דעם קאַמף פון ווינטער און זומער, וואָס גייט־אָן אין דער וועלט.

אינעם זאַקסישן גאָרטן האָבן זיך פלוצלינג אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן פון דער געפרוירענער פלאַכטע שנײַ שטיקער שוואַרצע ערד — היימישע, פרישע, געזונטע און גוט־באַקאַנטע קלעפּעדיקע ערד. די ערד האָט זיך געשפּאָלטן, אַזוי ווי זי וואָלט הונדערט מײַלער געעפנט צו טרינקען, אַרײַנצוזויגן און אַרײַנצואָטעמען מיט אַלע געעפנטע מײַלער דעם פרי־לינגס־עטער, וואָס פליט־אַרום אין דער לופט. עס איז געווען דער ערדס

שווארץ־קלעפעדיק־היימיש פנים, וואס מ'האט געמיינט, אז מען וועט עס שוין קיינמאל, קיינמאל מער נישט ארויסזען פונעם ווייסן איבערדרים־לעבן, צום טויט פארלאנגווייליגנדן שניי. גאט, וואס פאר א פרייד האט די שווארצע, קלעפעדיקע ערד ארויסגערופן ביי די מענטשן! ביימער זע־נען געשטאנען פייכטע, פארלאזענע, פארשווארצטע מיט געשפאלטענער קארע, געציטערט און געשאקלט זיך פאר פרישקייט. נאסע ביימער, באר־וועסע און נאקעטע — קיין איין בלעטל נישט אויף זיי. זייערע צווייגן זענען שוין אבער געווען א געוועב פון פול מיט ענערגיע אנגעגאסענע גלי־דער און מוסקולן, ווי שטארקע, קערנדיקע פארצווייגטע פינגער פון א ריזן־האנט. ארום די ביימער־קעפ האבן זיך געטראגן וואלקנס רויט־פיא־לעטענע געדיכטן, וואס זיי האבן ארויסגעהויכט פון זיך. און, גאט! דורך דעם געוועב פון די פריש־אפגעצוואגענע צווייגן האט זיך צום ערשטן מאל אנטפלעקט דאס ריכטיקע פנים פון דער וועלט, דאס טיפע, אומבאפלעק־טע, געלייטערטע בלויקייט פון הימל; די היימישע רויטקייט פון דעכער, וואס זענען מיטאמאל פון ערגעץ־ווו געקומען צו שווימען פון צווישן די צווייגן ארויס. א ווייס אפגעקאלכטע וואנט, וואס מ'האט קיינמאל נישט אנגעזען, האט זיך פון ערגעץ־ווו מיט אמאל אנטדעקט. פענצטער האבן געגלאנצט. אזוי ווי די לופט וואלט געווארן באפרייט פון א בלייענער נעץ, וואס האט זיך דורך דעם לאנגן ווינטער פארשטעלט, האבן זיך מיט־אמאל באוויזן די ריכטיקע קאלירן פון יעדער זאך באזונדער. מענטשן האבן פנימער געקראגן, זאכן — קאלירן, ווי דער וועלטס פנים וואלט געווארן אויפגעדעקט פון א שלייער, וואס האט עס געהאלטן איינגעהילט דורך דעם גאנצן ווינטער.

דעם גאנצן היינטיקן טאג האבן זיך מירקין און העלענקע ארומגע־שלייכט איבער די גאסן. ווו זענען זיי נישט אויסגעווען! וועלכע בלאטעס האבן זיי שוין נישט אויסגעמאסטן! שעהען לאנג האבן זיי זיך ארומגע־שלעפט אין די אלעען, אין אויאזדאווסקי פארק, צוגעקוקט זיך צו די קאל־טע, שווארצע וואסערן פון ערשט נאר־וואס פונעם אייז־באפרייטן טייך, געדרעפטשעט אין די צעגאנגענע שנייען. זייערע פיס זענען ביז העלפט קני פארבלאטיקט געווען; ארומגעזעסן אויף נאך פייכטע בענק. זייערע קליידער זענען אויסגעשמירט געווארן מיט צעווייקטן, פארזשאווערטן גרינס. זיי האבן זיך ביי די הענט געהאלטן, אין פנימער זיך געקוקט,

אַ וואָרט נישט גערעדט — יינגליש און מיידליש. זייערע הערצער האָבן געקלאַפּט פאַר מורא. זיי האָבן געוווּסט, אַז עס וועט עפּעס־וואָס הײַנט מיט זיי געשען...

קיין שולע איז נישט געווען. מירקין האָט עס אויפגעגעבן. געזען, אַז ער איז נישט פּעאיק דערפאַר. ער האָט באַקומען באַשעפטיקונג ביי אַ באַרימטן אַדוואָקאַט אין וואַרשע, וועלכער האָט ווינציקער זיך אָפּגעגעבן מיט קרימינעלע, און מער מיט סוחרישע ענינים. מירקינען האָט מען מיטאַמאָל איבערגעגעבן אַ גאַנצע אָפּטיילונג מיט אַן אָנשטענדיקן לוין. די דאָזיקע באַשעפטיקונג האָט ער באַקומען דורך אַ צופאַל. עס האָט גע־הייסן, אַז אַן אַלטער באַקאַנטער, פון די פּעטערבורגער צייטן, האָט אים אויפגעזוכט, פאַרפירט אים אין אַ רעסטאָראַן, און אים דאָרט באַקענט מיטן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט אים באַלד פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל אַריינ־טרעטן צו אים אין ביוראָ. פאַרשטייט זיך, אַז מירקין האָט נישט גע־וווּסט, אַז דאָס אַלעס איז געווען אַראַנזשירט פון פּעטערבורג. דעם פּאַ־מערס אויג האָט אים באַגלייט פון דערווייטנס און איבער אים געוואַכט. און אפשר האָט מירקין יאָ זיך אָנגעשטויסן און ער האָט נישט געוואָלט אויף קלאָר ווייסן. צום פּאָטער האָט ער שוין קיין האַס נישט געטראָגן, זיך נישט געקאָנט מוחל זיין זיין איבערגעאיילטן שריט און זיין באַליי־דיקנדיקן בריוו צו אים.

— וואָס אַרט עס מיך, מיט וועמען ער האָט חתונה?

ער האָט אויך אָנגעהויבן צו דענקען זעלבשטענדיק און איז שוין נישט מער אַרונטערגעפאַלן אַזוי לייכט אונטער דעם איינפלוס פון „זשאַבלינער".

— איך אַליין קאָן די וועלט נישט איבערמאַכן, און אַזוי לאַנג ווי אונדזער אָרדענונג איז אַזעלכע, זע איך נישט איין, פאַרוואָס איך זאָל נישט געניסן פון דעם, וואָס דאָס מזל און דער טרעף האָבן פאַר מיר אָנ־געגרייט.

ער ווייסט, אַז קיין גוטער תירוץ איז עס נישט, און ער שעמט זיך אַביסל דערמיט. דאָס עגאָאיסטישע געפיל איז אָבער שטאַרקער פון די סקרופּולן, פון ספקן זיך, צי עס איז רעכט אַזוי. מיט איין וואָרט. ער האָט שוין דאָרט ביי זיך כשר געמאַכט, זיך גערעכטפאַרטיקט. און דער עיקר, קיין אַנדערער אויסוועג איז נישט געווען.

פיל צייט האָט ער דורך דעם געהאַט, האָט ער אָנגעהויבן באַלעמו־טשען העלענקען, זי אַראָפּצונעמען פון די לעקציעס אין העלן טאָג, זי אַרומצושלעפּן איבער די גאַסן, אין גאָרטן אַריין. דאָס מיידל האָט טאַקע יעדעס מאָל פאַרן אַרומשלעפּן זיך מיטן בחור געמוזט באַצאָלן מיט אַ פּאָרציע פּונעם טאַטן. עס האָט זיך געטון חושך. די מאַמע האָט פאַר־דעקט, פאַרשטעלט, ווי ווייט זי האָט געקאָנט, אויסגעטראַכט פאַרשידע־נע תירוצים, און נישט איינמאָל מיט איר דערפינדונגס-פאַנטאַזיע פאַר־ווונדערט און דערשטוינט דער טאַכטער און מירקינען.

ביי די הורוויצעס (און דער עיקר, דער פאָטער און דער זון) האָט מען אָנגעהויבן קרום צו קוקן אויף מירקינען. נישט געוווסט, אייגנטלעך, וואָס ער וויל. דער טאַטע האָט געמאַכט סקאַנדאַלן, פאַרגעוואָרפן דער מוטער, אַז זי איז אין אַלצדינג שולדיק. זי האָט אַריינגעפירט דעם יונגג־מאַן אין הויז. מירקין האָט אויסגעמיטן דעם לערער, אַביסל אויס שע־מעוודיקייט, אַביסל אויס מורא. דערפאַר האָט ער אָפּגעוואַרט די טאָכ־טער פאַר דער טיר, ווען זי איז געגאַנגען אויף לעקציעס נאָך די שול־שעהען. די טעג זענען אַביסל לענגער געוואָרן — האָט זי מער צייט גע־האַט. היינט האָט ער זי פשוט אַראָפּגענומען פון דער לעקציע. דער טאָג איז געווען אַ נייער, אַ יום־טובדיקער. עס האָט אים פשוט געהויבן. עס האָט זיך אים געגלוסט לויפן איבער די גאַסן ווי אַ יינגל, וואָס מען לאָזט־אַרויס פון חדר. צום ערשטן מאָל האָט ער דערפילט דעם פרילינגס-הויך. און עס האָט אים פאַר גאָרנישט באַנג-געטון. צום ערשטן מאָל האָבן אים פאַרלאָזט די זעלבסטמאָרד־שטימונגען, וועלכע האָבן באַגלייט יעדן פרי־לינג זיינעם פון זיין קינדהייט אָן. ער האָט נישט מער געפילט יענע אַנגס־טיקע אומרואיקייט, יענע נאָגנדיקע בענקשאַפט און חרטה־געפילן, וואָס זענען אים באַפאַלן יעדעס מאָל אין דער צייט, אַזוי ווי ער וואָלט גע־טראָגן אויף זיין געוויסן אַ מאָרד — זיינע פעטערבורגער שטימונגען. צום ערשטן מאָל האָט דער פרילינגס־ווינט געבלאָזן אין זיין פנים, און ער האָט אים אויפגענומען מיט יוגנטלעכער פרייד, און עס האָט אים פאַר גאָרנישט באַנג-געטון, און ער האָט אויף גאָרנישט חרטה געהאַט. פאַר־קערט, ער האָט דערפילט ווי אַ קינד, וואָס וואַרט אויף אַ יום־טוב — אַז ער איז גרייט פאַרן פרילינג.

עס האָט זיך אים געגלוסט היינט צו לויפן איבער די גאַסן, אַ גאַנצן

טאָג אונטער דעם הימל צו זיין, צו זען די שטיקער שוואַרצע, באַפּרייטע ערד, די נאַקעטעביימער, וואָס ציען אויס זייערע קרעפּטיקע צווייגן. ער האָט נישט געקאָנט זיין אַליין. עס האָט זיך אים געגלוסט צו גיין אין שאָטן פון העלענקען, צו באַרירן מיט זיין אַקסל איר אַקסל, אָנצורירן זי, צו פילן און צו טרינקען איר הויך און לופט.

ער איז פּשוט אַרויפגעקומען אין שול אונטער געפאַר אָנצוטרעפן דאָרטן דעם לערער, און אַ פּאָרציע אַריינצוכאַפּן. עס איז אַלץ ווערט געווען. ער האָט זי אַרויסגערופן אין קאָרידאָר און איר פאָרגעשלאָגן, אַז זי זאָל גיין מיט אים איבער די גאַסן, אין די גערטנער, אפשר הינטער דער שטאָט אַרויס. זי איז געווען מאָדנע געשטימט. זי האָט אויסגעמיטן זיין בליק און האָט עפּעס פאַרשוויגן פאַר אים. ער האָט עס גלייך דערפילט. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

דאָס קאָן זי אים נישט זאָגן. גיין קאָן זי אויך נישט. זי האָט שוין אַזוי אויך געַנוג סקאַנדאַלן פון פאָטער.

ער איז געוואָרן פאַרשטומט און טרויעריק. זיין פרייד, זיין חלוש־דיקער באַגער איז מיט איינמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן, און ער איז גע־בליבן שטיין אומבאַהאָלפן און טרויעריק. זי האָט נישט געקאָנט העלפן. זי האָט געקוקט אויף זיין פּנים, וואָס איז מיטאַמאָל אַזוי טרויעריק גע־וואָרן, אויף די ליפּן וואָס האָבן זיך פאַרקרומט, און זי האָט געמוזט שמייכלען. זי האָט רחמנות געקראָגן אויף אים און אים נישט געקאָנט אָפּ־זאָגן, ווי מען קאָן נישט אָפּזאָגן אַ קינד.

— גוט, זי וועט גיין. און זאָל געשען, וואָס עס וועט געשען.

זי האָט אים געהייסן וואַרטן אויף דער גאַס. ער האָט געוואַרט אַ האַלבע שעה, אַ שעה. ענדלעך איז זי דאָך אַרויסגעקומען. נאָך אין ווינ־טערדיקן זשאַקעטל, מיטן געלן פוקס. אָבער דאָס קאַפּעלושל איז שוין געווען אַן אַנדערס. דאָס הייסט, דאָס זעלבע, נאָר אַנדערש פאַרבויגן, מיט אַ נייעם באַנד. און מיט איינמאָל האָט זי זיך געענדערט, אין גאַנצן עפּעס זיך געענדערט. זי האָט זיך פאַרענטפערט, וואָס זי האָט אים געלאָזט וואַרטן, און דערביי אויסגעמיטן זיין בליק, וואָס זי האָט קיינמאָל פריער נישט געטון.

זי האָט געמוזט אָפּוואַרטן דעם רוסישן לערער, ביז ער וועט זי פאַר־טרעטן.

איבערן וועג, איבער די גאַסן, איז ער געוווּיר געוואָרן וואָס די־מעשה איז:

דער פֿאָטער האָט איר נעכטן אַ פּאַטש געגעבן. יאָ, יאָ, אַ פּאַטש. דערפֿאַר וואָס זי שלעפּט זיך אַרום מיט אים און פֿאַרנאַכלעסיקט איר אַר־בעט.

— אַ פּאַטש געגעבן? — וווּנדערט זיך מירקין.

— יאָ, ער האָט זיך שרעקלעך צעקאָכט און פֿאַרגעסן אינגאַנצן אָן זיין פּראָגרעסיוויקייט.

נאָר מירקין האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן לאַכן, היסטעריש זיך פֿונאַנ־דערגעלאַכט. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס. ער איז איר פֿאָרגע־קומען פֿרעמד.

— עס איז גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און געשלעפּט זי נאָך זיך.

שפּעטער האָט ער געזאָגט ווי פֿאַר זיך:

— דו ווייסט, אַז מיר זענען ביידע געפּאַטשטשטע? — און ער איז זייער בלייך געוואָרן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פֿאַרן וואָרט, און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

***

זי האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרוווּנדערט.

ער האָט געשוויגן...

אונטער דעם איינדרוק פֿון זיין וואָרט זענען זיי געגאַנגען דעם גאַנצן וועג אין שווייגן, פֿאַרנומען מיט זיך, ווי זיי וואָלטן זיך אין אַנדערער וועלט עפּעס אָפּגערעדט. צווישן זיך האָבן זיי זיך פֿאַרשטאַנען און זענען געקומען צו איין באַשלוס, אַז זיי מוזן איצט עפּעס טון אַזעלכעס, וואָס זאָל זיי פֿאַראייניקן אויף שטענדיק, און דאָס באַלד. היינט נאָך מוז עס געשען, איידער זיי צעגייען זיך. אַ פֿרייד, וואָס האָט אַרויסגעקוואָלן פֿון אַ פּחד, האָט זיי אַרומגענומען. זייערע הערצער האָבן האַסטיק געקלאַפּט, ווי זיי וואָלטן ביידע זיך אָפּגערעדט צו באַגיין אַ פֿאַרברעכן. זיי האָבן מורא געהאַט זיך צו טרעפֿן מיט די בליקן.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען גאַס־אויס גאַס איין, ווי צוויי אַרויסגע־וואָרפענע אין נאַקעטן פרילינג אַריין.

עס האָט זיי אָנגעהויבן צו פרירן, און מירקין האָט פאַרגעלייגט אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג. זי האָט שטילשווייגנדיק אים נאָכגעשפאַנט. וואָס ער וואָלט געהייסן, וואָלט זי שוין געטון. זי האָט שוין מער קיין אייגענעם ווילן נישט געהאַט. צום ערשטן מאָל איז זי מיט אים אין אַ פרעמדן רעסטאָראַן. עס געפעלט איר. זי עסט מיט גרויס אַפּעטיט דאָס ברויט און פּוטער, זויער־מילך, אייער, עס האָט איר קיינמאָל אַזוי נישט געשמעקט די קאַווע מיט שמאַנט. אָפּ־געגעסן, אָנגעוואַרימט זיך, לויפט מען ווידער איבער די גאַסן. ווי לאַנג איז דער שיעור? מען וועט זיך דאָך מוזן אָפּשטעלן, פאַרנאַכט געפינט מען זיך ווידער אין זאַקסישן גאָרטן, וואָס וועט דער סוף זיין? זי דער־מאָנט נישט אַהיים צו גיין. זי גייט נאָך אים שטיל. מען וואַרט אויף עפּעס. מען שרעקט זיך, און מען וואַרט, און מען ווייסט אַליין נישט אויף וואָס.

ערגעץ־ווו גייט די זון אונטער און דער אָפּשיין שפּילט אין גאָרטן, אויף דיביימער, אויף די צווייגן, און אויף דעם ווייסן שניי. די שפּיצן צווייגן ווערן מער פיאָלעטנדיק. די גאַנצע וועלט ווערט רויטלעך. לייכ־טע שאָטנס שפּרייטן זיך אויס איבערן גאָרטן, שאָטנס פון נאַקעטע ביי־מער, און זיי גייען צווישן שאָטנס אַרום.

מיטאַמאָל קומט פאַר די וועלט אַזוי פרעמד. עס הייבט אָן צו טונק־לען. די שאָטנס פאַרשווינדן. די קרוינען פון די ביימער באַהעפטן זיך מיט דער נאַכט, וואָס איז אַרום זיי. זיי, די ביימער און די נאַכט, ווערן איין מאַסע און פאַרשטעלן ווי מיט אַ באַלקן און ווענט די אַלעע. די גאַנ־צע אויסערלעכע וועלט ווערט מיטאַמאָל ווי אַ שטוב.

עס איז געווען זי, וואָס האָט געזאָגט די ערשטע:

— קום־אַרויף צו דיר. עס איז מיר קאַלט.

זייערע טריט טרעטן אין דער ריכטונג פון זיין שטיבל.

דורכן טויער, דורך די טרעפּ גנבענען זיי זיך אין שטיבל אַריין, ווי זיי וואָלטן געוווסט, אַז זיי גייען טוען אַ שלעכטע זאַך. זייערע הער־צער קלאַפּן, און די מיילער שווייגן. זיי קומען אין שטיבל און מאַכן צו די טיר הינטער זיך. אין שטיבל איז טונקל. זיי מאַכן נישט קיין ליכט. זיי

זיצןביידע אין טונקלקייט. זי אויפן בעטל, ער — אויף דער שטול, ביים טיש.

צוויי פּאָר אויגן קוקן זיך אָן, שפּיגלען זיך איינע אין דעם אַנדערנס גלאַנץ, פריידיק אויסגעמישט מיט אימה. ער מיידט־אויס דעם בליק. זי, פאַרקערט, זי זוכט אים, און זי איז די ערשטע, וואָס קוקט אים אין פּנים אַריין דרייסט, אויפפאָדערנדיק. און אַ קראַפט ליגט אינעם בליק, ווי זי וואָלט איר גאַנץ ביסל כוחות און ענערגיע אין אים אַריינגעטון. ער פאַר־שטייט און ווייסט אַלץ. דער סוד, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגערעדט אין אַן אַנדערער וועלט, ווערט אויפגעדעקט אָן געזאָגטעס... קראַמפּהאַפטיקע, ציטערנדיקע פינגער זוכן איינער דעם אַנדערן. פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ קראַפט אין אירע דינע ווייכע פינגער? פאַרשטיקטע קרעכצן שטאַרבן־אָפּ אין מיטן אַ פּחדיקן אויסגעשריי.

נאָר איידער צוויי יונגע לייבער באַרירן איינע דאָס אַנדערע — וואָס לעכצן איינס נאָך אַנדערן — רייסט מירקין מיט דער גאַנצער מענ־לעכער קראַפט זיין אָנגעצויגענעם קערפּער אָפּ פון אירן, באַרירט מיט זיינע הייסע ליפּן איר אַנגסטיקן, שטערן און ברומט ווי פאַר זיך:

— ניין, ניין, העלענקע, ניין.

אַ מיידלש געשריי ווערט פאַרשטיקט דורך טרערן אין טיפן קישן.

קאַפּיטל 2

אַ קאַפּע־געוועלב אויף דזשיקאַ גאַס

אין דער פּאַרטיי איז ער נישט אַריינגעטראָטן. מירקין האָט גלייך דערפילט די ענגשאַפט, דאָס סדום־בעטל פון דיסציפּלינירטן פּאַרטיי־דענ־קען. ער האָט זיך שוין אָבער אויף אַזוי פיל געפילט אויסגעהיילט און זיכער אין זיין באַשטאַנד, אַז ער האָט זיך געלאָזט גיין אין לעבן אָן אַ באַמעט. ער האָט מוט געקראָגן נישט נאָר בלויז צו האָבן זיין אייגענע מיינונג, נאָר זי אויך אַרויסצוזאָגן פריי, צו שטעלן זיך אויף איר און זי צו פאַרטיידיקן.

דאָס האָט אים, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַלד געבראַכט אין אַ

קאָנפליקט מיט זיין אומגעבונג. אַ גרינגשעצונג האָט זיך שטענדיק גע-פילט צו אים איבער דער נאַאיווקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, איבער זיין נעמען בלוט־ערנסט זאַכן און ווערטער. מען פלעגט אים אויסלאַכן אין די פויסטן, פאַרשפּאָטן זיין נאַאיווקייט, חוזק־מאַכן פון זיין אומשולדי־קייט און האַלטן אים פאַר אַ נאַרישן תם, וואָס מען שלעפּט זיך אַרום מיט אים, דער גוטער יאָר ווייסט פאַרוואָס.

לעצטנס איז צוגעקומען אויף אים דאָס שרעקלעכע זידל־וואָרט „קליינבירגער".

— איר ווייסט, פאַניע מירקין, איר זענט אַ טיפּישער פאָרשטייער פונעם קליינבירגערלעכן קלאַס. אייער גאַנצע פּסיכאָלאָגיע, אייער גאַנ־צער געדאַנקען־גאַנג איז אַ קליינבירגערלעכער.

ער האָט אייגנטלעך נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ שימף־וואָרט דאָס איז, פאַרוואָס איז דער קליינבירגער ערגער פון גרויסבירגער? און וואָס איז עס איבערהויפּט פאַר אַ שימף־וואָרט? נאָר דערפאַר, ווייל אַלע האָבן עס פאַר אַזעלכעס געהאַלטן, האָט ער דאָס אַזוי אָנגענומען.

נאָר נאָך מער האָט זיך דער קאָנפליקט צווישן מירקינען און זיין אומגעבונג צעפלאַקערט אַרום קאָנקרעטע פראַגן, ווי למשל, אַרום דער אַרבעט פאַר די יידישע מאַסן.

די פּאַרטיי האָט געהאַט אַ געוויסן פּראָגראַם, אַ פּראָגראַם צוגע־שניטן אויף אַן אַלגעמיינער מאָס פאַרן גאַנצן וועלט־פּראָלעטאַריאַט. און זי האָט דאָס געפּרוווט אַרויפציען אויף דעם אָרימען, צעבראָכענעם גוף פון די יידישע מאַסן. דאָס קלייד, אָבער, וואָס איז געווען אויסגענייט אויף דער מאָס פון אַ שטאַרקן מעכטיקן קערפּער, פונעם פּראָדוקטיוון וועלט־פּראָלעטאַריאַט, איז געווען צו גרויס פאַר דעם דאַרן קראַנקן יידישן גוף... יעדנפאַלס האָט די מאָס געמוזט זיין אַן אַנדערע.

וואָס מער מירקין האָט זיך צוגעקוקט צו דער יידישער נויט און איז אַריינגעדרונגען אין די באַדערפעניש פון די יידישע מאַסן, אַלץ מער איז אים אויסגעקומען לויט זיין פּראָסטן, נאַאיוון שכל, אַז דאָ געשעט עפּעס אַ טעות, קיינער זעט נישט, קיינער הערט זיך נישט איין צו דער אמתער נויט און קיינער קלערט נישט וועגן דעם, וואָס מען דאַרף.

עס האָט אים אַרומגערינגלט די יידישע נויט. זי האָט אַרויסגע־שריגן פון יעדער טיר, פון יעדן פענצטער, פון יעדן פּנים, פון יעדן לייב.

ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער געפינט זיך צווישן קראַנקע אין אַ גרויסן הקדש. צוערשט דאַרף מען דאָך זיי געזונט מאַכן, דערנאָך קאָן מען רעדן וועגן אַ תכלית פאַר זיי. אָבער זיי זענען דאָך קראַנק. אַלע, אַלע זענען קראַנק.

ער האָט געלעבט אין איינער פון די גרעסטע שטעט אין אייראָפּע, און דאָך האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט זיך געפונען אין אַ פאַרוואָרפענעם אַזיאַטישן מדבר, וואָס איז פאַרגעסן פון דער וועלט. אין דרויסן טרעט די וועלט מיט ריזיקע טריט אין דער צוקונפט אַריין, צו אַ ליכטיקערן מאָרגן, צו ציוויליזאַציע, צו פּראָגרעס און זיי האָט מען אי־בערגעלאָזט שטעקן אין אַ בלאָטע. אַ גאַנץ פּאָלק איז איבערגעבליבן אין אַ זומפּ. און מען מערט זיך און מען פּרוכפּערט זיך אין דעם זומפּ. קיינער קלערט נישט, ווי אַזוי זיי אַרויסצונעמען פון דאָרט און אָנשליסן זיי צו די גרויסע טיילן פון דער מענטשהייט, וואָס גייט מיט אַ מעכטיקן גאַנג פאָראויס. עס רייסן זיך אָפּטמאָל אַרויס איינצלנע און אַנטרינען, ראַטע־ווען זייער לעבן. אָבער די מאַסן, די גרויסע מאַסן בלייבן ווייטער אויף שטענדיק שטעקן אין זומפּ. ווי קאָן מען דאָ רעדן וועגן אָרגאַניזירן די מאַסן צו אַקטיווע טאַטן, אָנשליסן זיי צו דער איבריקער אַרבעטנדיקער מענטשהייט, ווי ער פלעגט עס אָפט הערן אין זיין אומגעבונג? וועמען וועט איר אָרגאַניזירן? כדי צו באַשאַפן, אויסצוהאַמערן פון די מאַסן איין קאָלעקטיווע כוח, מוזן דאָך די מאַסן מיט זיך עפּעס פאָרשטעלן: באַן־אַרבעטער, פאַבריק-אַרבעטער, ערד־אַרבעטער. אָבער וועמען וועט איר דאָ צוזאַמענגעמען? די קראַנקהייט, די נויט? ווער וועט עפּעס פאַרלירן, ווער וועט עפּעס אָנזען, ווען אָט די דאָזיקע מאַסע האַלב־פוילנדיקע וועט אַני־דערלייגן איר טעטיקייט?

אין וואָס באַשטייט איר טעטיקייט?

— אין רעש, אין געפילדער, אין אַרומלויפעניש, אין יאָגעניש, אין שאַכער־מאַכער. און אפילו די, וואָס זענען שוין יאָ, מ'שטיינסגעזאָגט, טעטיק ביי קליין־אינדוסטריע, זענען זיי דאָך ווי אַ פּליסיקע מאַסע, וואָס ענדערט יעדעס מאָל איר צושטאַנד... היינט איז זי ווייך און מאָרגן ווערט זי פאַרגליווערט. היינט איז מען אַן אַרבעטער, מאָרגן אַ סוחר...

צוערשט געזונט מאַכן די מאַסן, אָנשליסן זיי צו דער אַרבעטנדיקער, פּראָדוקטיווער וועלט. דאָס איז די איינציקע און מעגלעכע אויפגאַבע. אַ

לאַנגער און שווערער וועג, טריט־ביי־טריט. נאָר דאָס איז דער איינציקער וועג. נישטאָ קיין חילוק, ווער עס טוט עס און ווו מען טוט עס. אין אַלע לענדער, אין אַלע וועלט־טיילן, אויף פאַרשידענע אופנים. סיי דאָ, סיי ערגעץ־אַנדערשווו: אין אַמעריקע, אין רוסלאַנד, אין פּוילן, אין ארץ־ישראל — אומעטום, ווו עס ווערט געטון די אַרבעט געזונט צו מאַכן די יידישע מאַסן, פּרוקטבאַר צו מאַכן דאָס יידישע לעבן, סיי פאַר זיך און סיי פאַר אַנדערע — אָנצושליסן די יידישע מאַסן צו דער איבריקער אַרבעטנדיקער וועלט — דאָרט איז יידיש שאַפן, דאָרט דאַרף מען העלפן, אַ האַנט צולייגן.

ער האָט געזען דאָס יידישע פאָלק צעשפּרייט איבער דער וועלט, ווי אַ שטיק רוי, אומבאַאַרבעט וויסט פעלד, איבער וועלכן עס וואַקסן ווילדע גראָזן מיט אָפּגעשטאַנענע שימלדיקע זומפּן. פון פאַרשידענע עקן פירן גוטע הענט אַקערס אַרויס אויפצושניידן די וויסטע, פאַרהאַרטעווע־טע ערד. אַ מינוט דאַכט זיך, אַז די דאָזיקע אַקערס, געפירט פון פאַרשי־דענע הענט, פון פאַרשידענע ריכטונגען, גייען זיך פונאַנדער אויף אַנט־קעגנגעזעצטע וועגן. נאָר זיי וועלן זיך אַלע צונויפקומען... אַלע, וואָס אַקערן־אויף דאָס פעלד, פון וואָס פאַר אַן עק זיי זאָלן עס נישט אָנהייבן און מיט וואָסערע הענט דער אַקער זאָל נישט ווערן אָנגעפירט, — איז גע־בענטשט די אַרבעט.

ער האָט שוין געזען זיין וועג קלאָר, די מעטע אויף וועלכער ער דאַרף שטענדיק שטיין, דאָרט, ווו דער אַקער ווערט אָנגעפירט אויפן יידישן פעלד, אָן חילוק פון ריכטונגען. באַפרייען זיך פון אַלע אַרויפגע־וואָרפענע טעאָריעס, אויספירונגען, פּראָגראַמען אָדער אַבערגלויבנס, באַ־פרייען זיך פון פרעמדע געטער און זיין זיך אַליין, און האָבן דעם מוט צו זיין זיך אַליין.

דאָך האָבן דער „זשאַבלינער" און די אַנדערע נישט איבערגעריסן מיט מירקינען. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פאַרפאַלענעם, אָבער גע־אַמפּערט האָבן זיי זיך ווייטער מיט אים.

— ווי אַזוי וועט איר געזונט מאַכן די יידישע מאַסן?

— אין פאַבריקן זיי אַריינגעמען. זיי זאָלן פּראָדוקטיוו ווערן.

— אַדרבה, אפשר וועט איר פּועלן ביי די יידישע בורזשואַקעס, אַז זיי זאָלן צונעמען יידישע אַרבעטער אין זייערע פאַבריקן? איר זענט דאָך

עפּעס זייערער אַן אייגענער מענטש, אפשר וועט איר אַ רעד־טון מיט זיי?

— פאַרוואָס נישט? געוויס. נישט נאָר רעדן, נאָר אויך טון. איך וועל מיט פאַרגעניגן אוועקגעבן אַלץ, וואָס איך האָב, צו רעאַליזירן דעם אידעאַל.

— מיר וועלן אייך האַלטן ביים וואָרט, — זאָגט דער „זשאַבלינער".

— נישט נאָר ביים וואָרט. איך שטיי גרייט מיט אַלעם אייך צו דינען, וואָס איר וועט פון מיר פאַרלאַנגען צו טון אין דער ריכטונג.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען צו אים דער „זשאַבלינער" און האָט צו אים געזאָגט אין אַ זייער וואַזשנעם טאָן, מיט אַ וואַזשנער מינע, אַז חבר אַנאַטאָל וויל זיך מיט אים זען.

מירקין האָט שוין געהערט פון דעם נאָמען. עס איז געווען איינער פון די באַהאַלטענע פירער. ער האָט אָבער נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה מיט דעם דאָזיקן באַרימטן נאָמען, וואָס איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ לעגענדע אין זיין אומגעבונג, צוזאַמענצוקומען זיך, און ער איז זייער געשפּאַנט געווען אויף דעם טרעפן זיך מיט אים.

איינמאָל האָט אים דער „זשאַבלינער" אוועקגעפירט אין קאַפע־גנע־וועלבל צו שלמה „בחור".

דאָס קאַפע־געוועלבל האָט זיך געפונען אויף דזשיקער גאַס. שלמה „בחור" איז שוין דווקא געווען אַ באַווייבטער און אַ באַקינדלטער, נאָר דאָס האָט אים דאָס ווייב זיינס אַזאַ נאָמען געגעבן דערפאַר, ווייל, כאָטש ער איז אַ באַווייבטער און אַ באַקינדלטער, האַלט ער זיך נאָר אין איין חברן מיט בחורים, מיט דער חברה, צו וועלכער שלמה האָט באַלאַנגט אין זיינע בחורשע יאָרן. דאָרטן, אין דעם קאַפע־געוועלבל, פלעגן פאַר־קערן די סאַמע קאַרפּן־קעפּ, די מיטגלידער פון „צענטראַל־ראַט", וואָס נאָר געציילטע האָבן זיי געקענט. לעבן דעם קאַפע־געוועלבל איז געווען אַ קיכל, פון וועלכן אַ פענצטער איז אַרויסגעקומען אין הויף אַריין. דאָרטן אין קיכל, ביי די זודיקע טעפּ הייסע וואַסער און קאַווע־קענדלעך, זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן באַראַטונגען, באַשטימט געוואָרן שטרייקן און מען האָט אַרויסגעשיקט וויכטיקע לאָזונגען אויף די בערזעס, אויף די נאַלעוו־קים און נאַוואַליפּיע, אין די ערגסטע יאָרן פון דער פינצטערער רעאַק־ציע. קיין שום פּאַפּירל, וואָס האָט געקאָנט קאָמפּראָמיטירן איז נישט

דערלויבט געווען אַריינצוברענגען אין קאַפּע־געוועלבל, בכדי ביי אַן אי־בערפאַל פון דער פּאָליציי זאָל גאָרנישט אַריינפאַלן אין די פּאָליציייאי־שע הענט. די פּאָליציי האָט געהאַט אַן אויג אויף דעם קאַפּע-געוועלבל, און נישט איינמאָל האָט זי דאָ געמאַכט איבערפאַלן. אַמאָל איז געלונגען צו אַנטרינען דורך דעם קיך־פענצטערל. אַן אַנדערשמאָל איז מען טאַקע „פאַרשיט" געוואָרן. נאָר יעדעס מאָל האָט מען שלמהלע „בחור" געשלעפּט אין ראַטהויז. קיין באַווייזן קעגן אים זענען נישט געווען, האָט מען אים געמוטשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אַרויסלאָזן. נאָר אַרויסגעלאָזט פון וואַך האָט מען שלמהלען שטענדיק מיט אַ פּאָר ציין ווייניקער, מיט אַ פּאָר שוואַרצע רינגען אונטער די אויגן, מיט אונטערגעהאַקטע זייטן, מיט וואָס די פּאָליציי, אָדער קרימינעלע אַרעסטאַנטן, צו וועלכע מ'האָט אים אַריינ־געלאָזט, פלעגן אים מכבד זיין. שלמהלע „בחור" האָט זיך אָבער ווייניק־וואָס געמאַכט דערפון. אַרומגעדרייט זיך מיט אַ פאַרבונדן פּנים, פון דער באַוואָנסעטער ליפ האָט אַרויסגעשטאַרט די צעבלוטיקטע יאַסלע פון די אויסגעהאַקטע ציין, ווי אַ פענצטער אָן שויבן. אַ שיינענדיקער, אַ פריי־לעכער, ווי עס וואָלטן גאָרנישט געווען זיינע באַקן, אויף וועלכע מען האָט געפּאַטשט, פלעגט ער אונטערשמייכלען צו חברה מיט קוראַזש:

— מיר וועלן זיי נאָך ווייזן!

נאָך דעם, ווי אין ביאַליסטאָק האָט זיך, נישט אָן אַ פאַרביטערטן קאַמף, דאָך איינגעגעבן דורכצוברעכן די וואַנט און צוצולאָזן יידישע אַרבעטער אין די טעקסטיל־פאַבריקן, איז דער דאָזיקער פּרווו אויך אין לאָדזש געמאַכט געוואָרן. אין לאָדזש אָבער איז דער קאַמף געווען פיל שווערער. עס איז געווען גאָרנישט איינצובעטן די יידישע פאַבריקאַנטן, צו ווענען עס באַלאַנגען די דאַמף־פאַבריקן, אַריינצונעמען יידישע אַר־בעטער. צוזאַמען מיט די רעאַקציאָנערע פּויליש-קריסטלעכע אַרבעטער האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ שטענכדיקע צוים אַרום די פאַבריקן, און אַזוי ווי דער מלאך מיט דער אויסגעשטרעקטער שווערד געהיט די טויערן פונעם דאַמף־גן־עדן קעגן די יידישע אַרבעטער. זיי האָבן איינפאַך פאַר־אורטיילט די יידישע וועבער צו זיין זייער גאַנץ לעבן איינגעשפּאַנט אין מיטל־אַלטערישן טרעט־שטול און אונטערצוגיין און צעריבן ווערן צו־זאַמען מיט דעם אָפּגעלעבטן מיטל־אַלטערישן טרעט-שטול דורך די ציין פון דער צייט.

די יידישע אַרבעטער־פירער האָבן אָבער דעם קאַמף נישט אויפגעגעבן. און הערנדיק פונעם „זשאַבלינער" וועגן מירקינס גרייט זיין צו־צוהעלפן, האָבן זיי געשיקט אים רופן. מען האָט אויף מירקינען געלייגט אַן אומבאַרעכטיקטע האָפענונג, ווייל זיין אָפּשטאַם און די לעגענדע וועגן זיין פאָטערס רייכקייט האָבן געשפּייזט דעם גלויבן, אַז ער קאָן עפּעס טון אין דער זאַך, צום ווינציקסטן ביי יידישע קאַפּיטאַליסטן בייהילפיק זיין. מען האָט אים צוליב דעם צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט אין קרייז פון שלמה „בחורס" קאַפע־געוועלבל.

מירקין האָט שוין פון דעם דאָזיקן קאַפע־געוועלבל געהאַט געהערט. עס איז געווען אָוונט־צייט, ווען מען האָט אים אַהין פאַרפירט. אַ רעגנדיקע ראַסע, וואָס איז געקומען פון דער פאַרע און וואַרימקייט, וועלכע האָט געהערשט אינעווייניק, האָט זיך געזעצט אויף די מיט שמוציקע פאַרהענגלעך באַהאַנגענע שויבן־טירן. אינעם געוועלבל זענען, ווי אין יעדן אַנדערן קאַפע־שטיבל אין וואַרשע, געזעסן ביי נישט איבריק ריינע טישלעך, באַדעקט מיט צייטונגס־פּאַפּיר, איינצלנע מענטשן און האָבן זיך אָנגעוואַרימט ביי גלעזלעך קאַווע, ביי קאַרגע זעמל מיט הערינג, פון דער גאַס־נאַקעטקייט און דער גאַס־קעלט. הינטער דעם פון פליגן באַקלעפּטן בופעט, וועלכער איז געשטאַנען אָן אָנגעשטעלטער מיט געבעקס און צווייפלהאַפטיקע קעז־קיכלעך, איז געשטאַנען אַ הויכער ייד־יונג, מיט אַ פאַרבונדן פּנים, וואָס האָט געקאָנט זיין צוליב ציין־ווייטיק. פון די וואַנטסעס האָט אַרויסגעקוקט אַן אויסגעהאַקטער פּראָנט. פון אַ דערבייאיקן קיכל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פונעם קאַפע־געוועלבל מיט אַ שיילנדיקן טאַפּעטן ווענטל, האָט זיך געהערט אַ הויכע קריגערישע ווייבערשע שטימע. דער ייד־יונג הינטערן בופעט איז אומרואיק געוואָרן ביי מירקינס אַריינקומען און האָט אָנגעהויבן צו וואַרפן אויף אים שרעקנדיקע אויגן. ער האָט זיך באַלד אָבער איינגעשטילט, ווען ער האָט געזען — אין וועמענס באַגלייטונג ער קומט.

מירקין האָט זיך פאַרוווּנדערט. דאָס זאָל עס זיין אינגאַנצן? ער האָט זיך פאַרגעשטעלט מער ראָמאַנטיש, אין אַ קעלער, דורך טונקעלע טרעפּ. עס האָט אים באַליידיקט די גאַסיקייט און די נאַקעטקייט פונעם געוועלבל.

דער „זשאַבלינער" האָט אים צוגעפירט צו אַ טיש, אַרום וועלכן

עס זענען געזעסן עטלעכע יונגעלייט. טייל פון זיי זענען געווען אין גע-וועגלעכע אַרבעטער־קליידער. נאָר איינער פון זיי האָט אויסגעזען ווי אַן אָנשטענדיק מעקלערל פון קליינע בכבודע געשעפטן, אָדער ווי אַ היימי־שער העברעאישער לערער אין אַ משכילישׁ רייך הויז. אַ קורץ געשוירן בלאָנד בערדל, און נישט ווי די אַנדערע, אין אַ שוואַרץ העמדל, נאָר אין אַ געגנוג זויבערן פּאַרלייגטן קאָלנער. און, פאַרשטייט זיך, אין ברילן. מירקין האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער מעקלערל לויטן אויסזען איז דאָס דער באַרימטער אַנאַטאָל, דער טעאָרעטיקער, דער פירער פון דער פּאַרטיי, דער פיל מאָל פון סיביר אַנטלאָפענער, דער פיל־געזוכטער.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געשפּרעך, וואָס מען האָט געפירט אַרום דעם טיש, האָט מען ביי מירקינס דערשיינען באַלד איבערגעהאַקט. מיר־קין מיטן „זשאַבלינער" האָבן זיך, אָן צו באַגריסן, אַוועקגעזעצט נעבן שכנדיקן טיש. פונעם צווייטן טיש האָט מען איבערגעפרעגט, צי ער ווייסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און וואָס ער קאָן ביי דעם דאָזיקן ענין העלפן?

מירקין האָט פון זיין טיש אָפּגעענטפערט, אַז ער ווייסט נישט.

— איר האָט אַרויסגעזאָגט אייער גרייטוויליקייט אונדז צו העלפן אין איבערפירן די יידישע טעקסטיל-אַרבעטער פון דער פּאַרעלטערטער האַנט־אַרבעט צו דאַמף. מיט וואָס קאָנט איר אונדז דאָ העלפן?

— איך ווייס נישט. איך וואַרט פון אייך דאָס צו הערן, — האָט מירקין צוריק אָפּגעענטפערט נישט דירעקט צום פרעגער, נאָר צום „זשאַב־לינער", צו וועמען די פראַגע איז אויך פונעם צווייטן טיש געשטעלט געוואָרן.

— איר קאָנט אונדז דערביי אַ סך צוהעלפן, — האָט מען אים גע־זאָגט פונעם צווייטן טיש.

— איך בין נייגעריק צו וויסן, ווי אַזוי? איך זאָג זיך נישט אָפּ פון קיין מי. איך בין גרייט אַלץ, אַלץ צו טון, וואָס מען וועט פאַרלאַנגען פון מיר. כאָטש איך מוז אייך אין פאָראויס זאָגן, אַז מיינע מעגלעכקייטן זע־נען זייער באַגרענעצטע, — טענהט מירקין אַריין צום „זשאַבלינער", אַזוי ווי ער וואָלט אים דאָס געשטעלט די פראַגע.

— דאָס וועלן מיר זען, — ענטפערט מען אָפּ פון צווייטן טיש.

— אייערע מעגלעכקייטן זענען שוין גאָרנישט קיין באַגרענעצטע. איר קאָנט אונדז אַ סך, אַ סך העלפן. עס הענגט נאָר אָפּ פון אייך.

— זאָגט מיר, מיט וואָס און ווי אַזוי?

— אָט זיצט מיט אונדז אַ הבר פון לאָדזש. לויט ווי ער גיט איבער, איז די לאַגע קריטיש, זייער קריטיש.

— איך ווייס עס. אָבער זאָגט מיר, וואָס איך זאָל טון?

פון צווייטן טיש האָט מען זיך גענומען אים צו דערקלערן:

— עס האַנדלט זיך וועגן באַאיינפלוסן די יידישע פאַבריקאַנטן, אויסצופירן אויף זיי אַ דרוק, אַז זיי זאָלן אויפגעבן זייער קאַמף קעגן די יידישע מאַסן. און דאָס מוז קומען פון אַ גאַנץ אַנדערער זייט. דאָס מוז קומען דורך דעם יידישן גרויס־קאַפּיטאַל. עס מוז ווערן אַ מאָדע־זאַך, אויב איר ווילט, אַ נאַציאָנאַלער ענין ביים יידישן פאַבריקאַנט צו־צונעמען יידישע אַרבעטער. זאָל עס זיין צוליב וואָס פאַרא מאָטיוון זיי ווילן, אפילו נאַציאָנאַלע. אונדז איז נישט קיין חילוק, אַבי דורכצוברעכן די וואַנט. מיט די קריסטלעכע פּוילישע אַרבעטער וועלן מיר זיך שוין אַן עצה געבן. עס איז אַ פראַגע פון אויפקלערן, פון פאַרשטענדיקונג. נאָר צו די יידישע פאַבריקאַנטן האָבן מיר נישט קיין צוטריט, מוזן מיר זוכן אַנדערע וועגן. אפשר איז דאָ אַ מעגלעכקייט דורך אייער פאָטער, דורך די קרייזן פון אייער פאָטער? קאַפּיטאַל האָט גרויס דרך־ארץ פאַר קאַפּי־טאַל. און דער דרוק מוז קומען פון אויבן, פון סאַמע פּעטערבורג. אפשר וואָלט גאָר געווען אַ מעגלעכקייט צו באַוועגן אייער פאָטער אַריינצולייגן אַ געוויסע סומע געלט און אַליין אויפצועפענען אַ טעקסטיל־פאַבריק אין לאָדזש און אָנשטעלן יידישע אַרבעטער? מיט דעם זאָל ער דינען פאַר אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע. אָדער, ווען איר אַליין האָט די מעגלעכקייט דאָס צו טון. מיר דערוואַרטן נישט פון אים, אָדער פון אייך, קיין באַזונדערע הנחות. דאָס אייינציקע, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, איז — אַז עס זאָל ווער מאַכן דעם אָנהייב, צו באַווייזן, אַז יידישע אַרבעטער לאָזן זיך פּונקט אַזוי גוט עקספּלואַטירן, ווי נישט־יידישע. וועגן דעם האַנדלט עס זיך וואָס קאָנט איר אונדז דערביי העלפן?

מירקין איז דערשטוינט געוואָרן פון דער פּראָפּאָזיציע, וואָס איז אים געמאַכט געוואָרן. ער האָט זיך דורך איר געפונען אַביסל באַליי־דיקט. הייסט עס, אַז מען האַלט אים נאָך פאַר דעם נגידס זונדל?! ער,

וואָס האָט געמיינט, אַז ער איז שוין אינגאַנצן געבוירן געוואָרן אַן אַנדע־רער און איז איינער פון זיי; וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט זיין פּאַ־טערס פאַרמעגנס? אָבער צו באַליידיקן זיך איז נישט געווען אויף וועמען. דער דאָזיקער אַנאַטאָל האָט זיך צו אים געווענדעט אַזוי אויפריכטיק, אָן יעדן הינטער־געדאַנק, אַז מירקין האָט זיך געמוזט וווּנדערן וועגן דער נאַאיווער פאַרשטעלונג, וואָס זיי האָבן וועגן יידישע גבירים.

מירקין האָט זיך גערויטלט און אָפּגעענטפערט מיט פאַרשעמטקייט:

— מיט מיין פאָטער האָב איך נישט קיין שום פאַרבינדונג, איך האָב איבערגעריסן מיט אים אַלע באַציאונגען.

— דאָס איז אַ פראַגע פון טאַקטיק, — האָט אַנאַטאָל אים אָפּגע־ענטפערט מיט אַ שמייכל אין זיינע וואָנסעס אַריין. — אַז מ'האָט באַ־דאַרפט, האָט איר איבערגעהאַקט די באַציאונגען, און אַז מען וועט באַ־דאַרפן, וועט איר צוריק באַנייען די באַציאונגען.

מירקין האָט אים אָנגעקוקט פאַרווונדערט, מיט אומצוטרוי. עס האָט אים נעגרילצט דער צינישער קלאַנג. אַנאַטאָלס אויגן זענען געווען געריכ־טעט צו אים מיט אַן אָפענער פאַרשטענדלעכקייט, און יעדער בייגעשמאַק פון ציניזם איז פאַרשוווּנדן.

אַנאַטאָל, זעט־אויס, האָט געוווּסט, וואָס עס קומט־פאָר אין די געדאַנקען פון דעם דאָזיקן יונגנמאַן, און ער האָט זיך געאיילט אים צו דערקלערן.

— יעדער איינער פון אונדז העלפט דער זאַך לויט זיינע מעגלעכ־קייטן, אויף דעם אופן, ווי ער קאָן עס צום בעסטן טון. עס וואָלט דאָך זייער נאַריש געווען נאָר צוליב אַ קאַפּריז נישט אויסצונוצן די מעגלעכ־קייטן, וואָס מיר קאָנען האָבן דורך אייער פאָטערס איינפלוס, דורך זיין אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן. מיר האָבן נישט קיין צייט צו שפּילן זיך אין קינדערשע ברוגזן. מעגלעכקייטן פאַר אַנדערע זאַכן האָבן מיר פיל. אין דער דאָזיקער זאַך קאָנט איר אונדז נאָר אַליין הילפיק זיין.

— און דאָס לייגט איר מיר פאָר, איר, — אַז איך זאָל אַריינטרעטן אין קאָנטאַקט מיט מיין בורזשואַזן פאָטער? — וווּנדערט זיך מירקין.

— פאַרוואָס נישט? פון אַ גנב, אַבי צו העלפן אונדזער זאַך, — זאָגט דער חבר מיט אַ שמייכל.

מירקין קלערט נאָך אַ ווייל.

— דאָס, וואָס איר לייגט מיר פאָר, איז אינגאַנצן אין איינקלאַנג מיט מיינע געדאַנקען. דאָך, די דירעקטע פּראָפּאָזיציע, וואָס איר מאַכט מיר, צו פאַרשטענדיקן זיך מיט מיין פאָטער, — דערלויבט מיר דאָס זיך איבערצולייגן. איך וואָלט אָבער זייער גערן געוואָלט מיט אייך זיך דורכרעדן, — האָט מירקין געזאָגט כמעט אין אַ קינדישן, בעטנדיקן טאָן.

— מיט פאַרגעניגן. איך וואָלט זיך מיט אייך אויך געוואָלט דורכרעדן, און דאָס ווי צום געשווינדסטן. דער חבר, — ווינקט ער מיטן קאָפּ אויפן „זשאַכלינער", — ווייסט, ווו מען געפינט מיך. און מיר וועלן זיך דורך אים פאַרשטענדיקן, — האָט דער חבר אַנאַטאָל פאַרענדיקט און אויפגעהויבן זיך פון טיש צו גיין. ער האָט באַמערקט, אַז אַ פּאָר „אויגן" קוקן אויף אים פון אַ ווינקל אַרויס...

קאַפּיטל 3

חבר אַנאַטאָל

מירקין איז געווען פון יענע נאַטורן, וואָס נויטיקן זיך תמיד אין אַ רבין, אין אַ וועג־אָנווייזער, אַרויפצוקוקן צו אַ העכערן פון אים און פון דאָרט, פון דער הויך, צו באַקומען אַ הסכמה, צו שעפּן אַ דערמוטיקונג און אַן אָנווייז אויף זיין פירן־זיך און דענקען. אין חבר אַנאַטאָל האָט מירקין דערזען דעם יעניקן, פאַר וועלכן ער קאָן אַלע קשיות אויספרעגן, אַלע ספקות אויסשיטן, און ער האָט געגלוסט נענטער זיך צו באַקענען מיט אים.

קיין אַדרעס האָט דער חבר אַנאַטאָל נישט געהאַט. געלעבט קאָנספּיראַטיוו — ווו גענעכטיקט, נישט געטאָגט. מירקין האָט שוין עטלעכע מאָל געהאַט די געלעגנהייט זיך צונויפצוקומען מיטן חבר אַנאַטאָל, נאָר יעדעם מאָל איז דאָס זען זיך צוליב „נישט פאַראויסגעזעענע סיבות" אָפּגעלייגט געוואָרן. ביז דער „זשאַכלינער" האָט אים איינמאָל געכאַפּט און אים פאַרפירט אין אַ וווינונג פון אַן ערשט־חתונה־געהאַטן פּאָר־פאָלק.

אין נייעם מעבלירטן שטיבל האָט שוין געוואַרט אויף אים דער חבר. דער „זשאַכלינער" האָט זיי געלאָזט אַליין.

אַנאַטאָל האָט אים באַגריסט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. דעם חברס פּנים איז באַשטאַנען פון צוויי באַזונדערע טיילן: די ערשטע העלפט — די אויגן, די צווייטע — דאָס מויל זיינס. דאָס מויל איז געווען פון אַן אַלטן מאַן. די גאַנצע ביטערקייט פון זיין שווערן, מיט יסורים באַלאָדע־נעם לעבן איז געלעגן איבערן מיאוסן אויסגעקרימטן און שטענדיק ציניש־לאַכנדיקן מויל. אַז ער האָט גערעדט, אַז ער האָט געקוקט, אַז ער האָט געשוויגן — האָט ער שטענדיק געשמייכלט. מען קאָן נישט זאָגן, אַז דער שמייכל זיינער איז געווען אָנגענעם. ער איז געווען בייסיק, אַזוי ווי אויף די ראַנדן פון זיינע ליפּן און אַזוי ווי אויף זיינע גוט באַזאָרגטע, אויסגע־קעמטע בלאָנדע וואָנסעלעך וואָלט זיך אויפגעהאַלטן די פייכטע טוכלע־קייט פון פאַרמאַכטע געפענגעגנישן, אין וועלכע עס איז אים אויסגעקומען זיינע בעסטע יאָרן צו באַגראָבן. אין זיין שמייכל איז געלעגן אַ שטענ־דיקער פאָרוואורף פאַר די, וואָס טוען אים נישט נאָך. דערפאַר אָבער האָט זיך אויף דער אויבערשטער העלפט פון חברס פּנים, דאָס הייסט, אין זיי־נע אויגן, אויפגעהאַלטן אַן אייביקע קינדהייט. זיינע אויגן האָבן קיינ־מאָל נישט געהאַט דעם מוט אייך אָפן אָנצוקוקן. ווי פאַרשעמט, האָבן זיי זיך שטענדיק האַלב געהאַלטן אין די אויסגעבויגענע דעקלעך, און פון דאָרט האָבן זיי אַרויסגעקוקט מיט אַן אָנבליק פון שולדיקייט, פון אַ וויי־נענדיק רחמנות־בעטן. עס איז נישט געווען קיין גוטסקייט, וואָס איז געלעגן אין זיין בליק. עס איז געווען אַ פּשוט רחמנות־בעטן, מוחל צו זיין די ביטערקייט, וואָס דער גורל האָט אָנגעחתמעט אויף זיינע ליפּן... אַז מען האָט גערעדט מיט אים, איז מען שטענדיק אַריבערגעלאָפן פון אָנ־בליק פון זיין פאַרפאַלגנדיקן שמייכל, וואָס איז אים געלעגן אויף די ליפּן, צו דער מענטשלעכער וואַרימקייט פון זיין אויגן־אָנבליק. און דאָס האָט אויך מירקין איצט געטון.

— נו, יונגערמאַן, האָט איר אייך באַשלאָסן צו דעם שריט, וועגן וועלכן מיר האָבן דאָס פריערדיקע מאָל גערעדט?

מירקין האָט אים נישט באַלד אָפּגעענטפערט. ער איז געבליבן אין זיין שעמעוודיקייט, צוריקגעשלאָגן דורך דעם אָנבליק פון חבר אַנאַטאָל. ער, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט פאַרלוירן זיין אימבאַרירטע נייגערי־קייט צו אַלעם יידישן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער פרעמדער סביבה, פון וועלכער ער קומט, איז שוין דערשטוינט געבליבן

פאַר יעדער יידישער באָרד, אין וועלכער, עס האָט זיך אים געדאַכט, עס האַלטן זיך אויף טיפע סודות פון יידישער געטלעכער מיסטיק. ביי א באַרירונג מיטן יידישן אידעאַליזם, ווי ער מאַניפעסטירט זיך — צי אינעם אַלטן דור, צי אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון יונגן, — איז ער פּשוט דערציטערט געבליבן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שטייט ביי אַן אומאויסגעשעפּטן קוואַל, פון וועלכן ער קאָן שעפּן תשובות אויף אַלע זיינע פּייניקנדיקע פראַגן.

ער איז געשטאַנען פאַרן חבר אַנאַטאָל, ווי א תּלמיד פאַר א רבין. עס האָט גענומען א צייט, ביז ער האָט געפונען לשון.

— נישט וועגן דעם האַנדלט עס זיך, נישט וועגן דעם וויל איך איצט מיט אייך רעדן. דאָס איז דאָך א קלייניקייט. וואָס איך וואָלט געוואָלט פון אייך זיך דערוויסן, איז וועגן גאַנצן, וועגן גרויסן, — און ער האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן.

חבר אַנאַטאָל האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און געשמייכלט.

— וועגן וואָס ווילט איר מיט מיר רעדן? — פרעגט ער אים איבער אין פאַרוואונדערונג, אָבער דערביי דערמוטיקנדיק אים מיט א פריינטלעכן אָנבליק.

— וועגן דעם גאַנצן ענין — שטאַמלט מירקין.

— וואָס דריקט אייך? — זעצט זיך אַוועק חבר אַנאַטאָל ביים טיש און לייגט־אַרויף זיינע בלייכע, ווייסע הענט אויפן טישטוך. מירקין נאָך אים. — מיינט נישט, ווידער, אַז אַלץ איז שוין ביי מיר קלאָר. נו, אדרבה, לאָמיר זיך פּרוּוון דורכרעדן.

געשטאַרקט דורך דעם שוואַכן מענטשלעכן בליק, וואָס האָט גערוט אויף אים פונעם חברס אויגן, וועלכע זענען מיטאַמאָל ליכטיקער און ברייטער געוואָרן, האָט זיך מירקין אָנגערופן:

— אַזוי לייכט וועט עס מיר נישט אָנקומען. איך ווייס נישט, אויב איך וועל עס אייך קאָנען דערקלערן, אויב מיינע אפּיקורסישע געדאַנקען וועלן אייך נישט אויפרעגן. איך בין דאָס, וואָס מען רופט מיטן שימף־וואָרט: „א קליינבירגער”, צי „א גרויסבירגער”. איך האָב עס געפּרוווט אַרויסשלאָגן. עס לאָזט זיך אָבער נישט. די הויט וועסטו נישט איבערמאַכן. איך בין נישט געקומען צו אייך, געיאָגט דורך וועלכע עס איז אויסערלעכע סיבות, נאָר דורך אַן אינערלעכן דראַנג געטריבן, אַזוי ווי

פילע אַנדערע פון אונדזער דור, צו זוכן אַ נייעם אינהאַלט, אויב איר ווילט — אַ גלויבן. עס איז שווער צו לעבן אָן אים. אייך „קלאַסן־מענטשן", איז עס לייכטער. ביי אייך איז די ענדערונג פון די אומשטענדן פאַר זיך אַליין אַ צוועק. טייל אוים נקמה, טייל צוליב נוצן. פילע פון אייך פאַרלירן זיך, פאַרבלאָנדזשען אין די „מיטלען", אַז זיי זעען שוין גאָרנישט און באַדאַרפן שוין גאָרנישט עפּעס אַנדערש. מיר אָבער, קליינבירגער", וואָס מיר קומען נישט צוליב נקמה, נישט צוליב נוצן, נאָר צוליב דעם שלמות, וואָס מיר זוכן, מיר קאָנען נישט לעבן אָן דעם גרויסן צוועק, אין וועלכן מיר גלויבן, אַז ער שטייט ווי אַ שכר ביי דעם אויסגאַנג פון אַלע מיטלען. אָבער וואָס איז ער? וואָס איז ער דאָס, וואָס זאָל אונדז פאַרטרעטן די צווייטע וועלט פון אונדזערע אבות? טיילמאָל זע איך עס. נאָר טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז עס איז גאָר נישטאָ. עס איז נאָר איין לאַנגער, טונקעלער קאָרידאָר, אין וועלכן מיר קוילערן זיך, און אויף יענער זייט איז גאָרנישטאָ. מיר בלאָנדזשען נאָך פון „מיטל" צום „ציל" אָן אַ צוועק. אפשר וועט איר מיך אויסלאַכן, ווי די אַנדערע, אפשר נישט. איך קום צו אייך, ווי צו איינעם, וואָס איך גלויב, אַז איר ווייסט און זעט עס. זייט מוחל מיין נאַאיוויטעט. זאָגט איר מיר, וואָס איז דאָס, וואָס דערוואַרט אונדז ביים אויסגאַנג, כדי מיר זאָלן פון אים כוחות שעפּן דורכצודרעפּטשען דעם בלוטיקן וועג...

הבר אַנאַטאָל האָט אים געלאָזט אויסרעדן געדולדיק, און מירקין האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם טאָפּלטן שפּיל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויפן חברס פּנים ביי זיינע רייד. דעם חברס אויגן זענען געווען ערנסט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זאַפּן איין אין זיך, מיט אַנטייל און וואָרהאַפטיקייט, מירקינס דורשטיקע ווערטער. דערביי אָבער האָט נישט אויפגעהערט צו דערקוטשען דאָס צינישע שמייכעלע, וואָס האָט מיט ביטול און מיטלייד חוזק געמאַכט פון דעם יונגנמאַנס נאַאיוועע רייד.

— און וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן? ווער זאָגט דאָס, אַז מען באַדאַרף אַ „צוועק", כדי צוגעצויגן צו ווערן דורך אים אין אונדזער גאַנג? דער גאַנג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז נישט קיין אויסגעפּלאַסטערטער מיט שטיינער, באַזעצט מיט ביימער, כדי מיר זאָלן דורך אים אונדזער פילאָזאָפישן שפּאַציר מאַכן. דער וועג צו דער סאָציאַלער

רעוואָלוציע איז אַ לאַך, דורך וועלכן מיר גיסן זיך אַלע אַריין, צי מיר ווילן, צי מיר ווילן נישט, געיאָגט דורך דעם אימפּעט פון דער צייט, פון די געשעעענישן. דאָס איז נישט קיין וואָלונטירן־גאַנג, וואָס מיר מאַכן־דורך. דאָס איז אַ „מוז" — פעסטגעזעצט דורך אייזערנע געזעצן. טייל פרוּוון זיך אַנטקעגנשטעלן. זיי זענען נאַראָנים. מיר זענען נאָר אַ ביסע־לע קליגער, און מיר קומען אַליין, מיר העלפן נאָר אונטער אַביסעלע די געזעצן פון די געשעעענישן, כדי דער פּראָצעס זאָל געשען פלינקער. מיר טוען אונדזער חוב פאַר די שפּעטערדיקע דורות, פּונקט אַזוי ווי די פריער־דיקע האָבן געטון פאַר אונדז. אָבער „צוועק" — ווער ווייסט, ווער קאָן רעדן פון „צוועק"? ווער ווייסט איבערהויפּט, צי עס איז דאָ אַ צוועק?

מירקין איז געבליבן אָפּהענטיק. ער האָט אָנגעקוקט דעם חבר אַנאַ־טאָל מיט גרויסע, אויפגעריסענע אויגן, ווי אַ פאַרלוירן קינד, ביי וועלכן מען האָט אַרויסגענומען דאָס צוקערל פון דער האַנט, און ער ווייסט נישט פאַרוואָס...

— און דאָס איז אַלץ? — האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן די פראַ־גע מיט אַ זיפץ.

— יאָ, חבר, — האָט אַנאַטאָל אָפּגעענטפערט, — די אַלע גוטע זאַכן, ווי אידעאַליזם, צוועק, גלויבן — דאָס האָבן מיר נאָר אויסגע־קלערט, מיר אינטעליגענטן, אַביסל אָנצוזייפן דעם וועג, כדי ער זאָל זיין גליטשיקער צו גיין. מיר, קרענקלעכע און שוואַכע, דאַרפן האָבן אָט דעם דאָזיקן בוימאייל פאַר אונדזערע קראַנקע לייבער. די מאַסן, איך מיין די פשוטע אָרימע געדריקטע אין דרויסן, וואָס טראָגן דעם יאָך פונעם לעבן — זיי דאַרפן נישט האָבן קיין אידעאַליזם, זיי דאַרפן נישט האָבן קיין גלויבן. זיי האָבן אַ פיל שטאַרקערן און ווירקזאַמערן כוח. דאָס איז צו באַפרידיקן זייערע אייגענע נויטן, ווי עס טוט יעדע באַשעפעניש. אינעם אמתן לעבן איז נישטאָ קיין אידעאַליזם. דאָס אמתע לעבן ווערט געפירט דורך די גרויזאַמע געזעצן, וואָס די חיות האָבן אויסגעאַרבעט אינעם וואַלד דורך דער נויטווענדיקייט. איר מיינט, אַז די מאַסן ווילן פאַרכאַפּן די מאַכט צוליב גאָט־זוכעריי? דאָס איז אַן עסק פאַר אונדז, אינטעלי־גענטן. די מאַסן מאַכן רעוואָלוציע, ווייל זיי ווילן זיין די פירער פונעם לעבן און קערעווען דעם דישל אַזוי, אַז ער זאָל זיי שלעפּן פאַר אייגע־נע, עגאָאיסטישע נוצן. יאָ, יאָ, דאָס איז דער אמתער און אייביקער פּאַק־

טאָר. אַלעס איבריקס איז אַ באַלעמוטשען, אויסגעטראַכט פון אונדז לייִדיק־גייער. דער גאַנצער מענטשלעכער אידעאַליזם איז אַ באַלאַסט, אַ שפּילעכל פאַר אונדז, אינטעליגענטן. די מאַסן ווייסן נישט דערפון. זיי זענען רוי, גראָב, אָן רחמנות. אַזוי ווי זייער נויט.

אין די לעצטע ווערטער פון חבר אַנאַטאָל האָט מירקין אַרויסגעשפּילט עפּעס אַ וויטיק און אַן אומצופרידנקייט. און די דאָזיקע ווערטער האָבן אויפן יונגגמאַן געמאַכט אַן איינדרוק, ווי דער חבר אַנאַטאָל וואָלט זיין פּנים געוואָלט פאַרשטעלן הינטער עמיצנס פּאָלע, כדי זיך נישט אַרויסצווייזן.

— אָבער איר קאָנט דאָך דאָס נישט ערנסט מיינען, — זאָגט מירקין אַנטוישט, — אַז דאָס איז אַלץ אָן אַ צוועק, נאָר צוליב נויט. דורך דער רויער מאַכט פון די מאַסן? וואָס איז, אייגנטלעך, „מאַסע"? וואָס איז דער גייער אָפּגאָט, וואָס איר האָט זיך געמאַכט? דאָס איז אַן אַנאָנימער צאַר מיט אַ טויזנט־פּאַרביקן קאָפּ. די מאַסע איז נישט קיין זאַך פאַר זיך, זי איז נאָר אַ צופעליקע דערשיינונג. אין געוויסע דערהויבענע מאָמענטן האָט זי אפשר איר אייגענע פּסיכאָלאָגיע. איר האָט אָבער נאָך נישט געפונען דאָס פייער, וואָס זאָל אויסשמידן די מאַסן אַלס אייגענעם, באַזונדערן קערפּער. ביים קלענסטן נסיון צעפאַלן זיי זיך צוריק אין יחידים, וואָס באַצוועקן נאָר זייערע אייגענע עגאָאיסטישע צילן. און דאָס איז דאָך טאַקע, וואָס איך זוך, נאָך וואָס איך בין געקומען: ביי אייך פרעגן וועגן יענעם הויכן צוועק, וואָס זאָל אונדז אַלע פאַרוואַנדלען אין איין קערפּער, ווי דער גלויבן ביי די ערשטע קריסטן, פון וועלכן מיר זאָלן שעפּן די קראַפט פאַר אונדזערע מעשׂים?

— דאָס איז די נויט, — האָט דער חבר אַנאַטאָל רואיק אָפּגעענטפערט.

— אויב די פיזישע נויט איז, ווידער, די איינציקע אַרויסרופערין פון אונדזערע מעשׂים, און קיין אַנדערער מאָראַלישער כּוח איז נישטאָ. טאָ וואָס וועט זיין די טרייב־קראַפט פון אונדזערע מעשׂים ביים זעטיקן די פיזישע נויטן, ווי איר גלויבט, דורך דעם פאַרווירקלעכן פונעם סאָציאַליזם?

— זאָל די וועלט דאַן זאָרגן וועגן אַן אַנדערן פאַקטאָר. פאַר אונדזער דור וועט פאַרלויפיק זיין גענוג די נויט, — האָט זיך דער חבר

אנאטאָל באהאלטן הינטער א שפּאניש ווענטל. אָבער מירקין האָט נישט נאָכגעגעבן. ער האָט אים דווקא געוואָלט פון דאָרט ארויסבאקומען.

— אויב איר פאַרלייקנט, ווידער, יעדן אידעאליזם, דערלויבט מיר אייך צו פרעגן גאַנץ אָפן, חבר אנאטאָל. איך בעט אייך איבער, וואָס די פראגע איז א פערזענלעכע. נאָר ווי אזוי פאַרענטפערט איר אייער אייגן לעבן? וואָס טוט איר דאָ? איך קאָן אייך. איך האָב געהערט פון אייער לעבן, פון אייער פאַרגאַנגנהייט. עס איז איין קייט פון יסורים. און דאָס איז נישט געוואָרן ארויסגערופן דורך נויט, נאָר דורך עפּעס אַנ־דערש, וואָס איר האָט מורא עס אָנצורופן. מיט וואָס באַרעכטיקט איר דאָס?

— אַ, דאָס מיינט איר? — שמייכלט אנאטאָל. — מיר טוען דאָס נישט פאַר קיינעם, נאָר פאַר זיך אליין. און פאַרשידן זענען די מאָטיוון. א טייל פון אונדז זענען „פּראָפעסיאָנעלע". אין דער מענטשלעכער נאַ־טור האָט זיך אָנגעזאַמלט אַן אָנקלייבעכץ פון דורות, א נייגונג צו מאַ־ניפעסטירן העלדישקייט. די, וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט ערגעץ אנדערש־ווו צו גיין, קומען דאָ אהער. דאָס איז דער טיפּ פונעם „פּראָ־פעסיאָנעלן" רעוואָלוציאָנער, אָדער ווי עס איז דער פאַל ביי אונדז יידן. דאָ איז עס אזוים ירושה־נייגונג פון אונדזערע פאָטערס: קדוש־השם. אויך א מין אָנקלייבעכץ פון דורות. א באַדערפעניש אין אונדזער נאַטור זיך מקריב צו זיין פאַר אמונה, א מין ראָמאַנטיק. האָט מען די אלטע אמונה פאַרלוירן, באַשאַפט מען זיך א נייעם גאָט, פאַר וועמען זיך מקריב צו זיין. אָבער זייט זיכער, אז ביים ערשטן נסיון וועלן זיי זיך אָפּשטויסן, ווי די אינטעליגענטן נאָכן 1905טן יאָר. די מאַסע האָט נישט קיין צייט פאַר אַנטוישונגען. זי איז געקומען נישט צוליב ראָמאַנטישער אָנקליי־בעכץ, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין זייערע נאַטורן. די מאַסע האָט נישט קיין ירושות. זי איז געקומען צוליב דעם בלוטיקן היינט. זיי פון דער מאַסע זענען נישט קיין „פּראָפעסיאָנעלע" רעוואָלוציאָנערן. זיי ווערן געטריבן דורך די אומשטענדן, און אזוי לאַנג ווי די אומשטענדן וועלן אַנהאַלטן — — —

מירקין איז אָבער אומגעדולדיק געוואָרן, און ער האָט אים איבער־געהאַקט אין מיטן.

— דערלויבט מיר צו צווייפלען, חבר אנאטאָל, אז אייער אוועקגעבן

זיך דער באַוועגונג איז אויס נייגונג צו העלדישקייט, אָדער אַפילו אויס ירושה־אָנקלייבעניש. איך גלויב, אַז עס זענען דאָ טיפערע און ווירקזאַמערע מאָטיוון, וואָס איר האָט אפשר אַליין מורא זיך צו דערקלערן.

חבר אַנאַטאָל האָט געשוויגן אַ מינוט. ער איז פּלוצלינג געוואָרן ערנסט. דער שמייכל פון זיינע ליפּן איז פאַרשוואונדן. ער האָט האַלב פאַרגלייזט די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסמיידן אינגאַנצן מירקינס בליק, און ער האָט אים אָפּגעענטפערט:

— דאָס איז אונדזער גורל. מיר ווערן געטריבן דערצו דורך דער אמונה, וואָס מיר האָבן אין דער זאַך. אפשר האָט איר רעכט, אַז דאָס אַלץ, וואָס מיר טוען, איז נאָר אַ מיטל. אָבער איך גלויב, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער און אַן אמתער צוועק, וואָס שטייט נאָך דעם מיטל, און דאָס איז דאָס בשותפותדיקע לעבן און בשותפותדיקע שאַפן. מיר פּלאַנצן זיך דאָ איין אין דעם אייביקן לעבן דורך דעם, וואָס מיר לייזן זיך אויף אַלס יחידים און ווערן צוריקגעבוירן אין כלל אַריין. דער איינצלנער איז דורכגעגאַנגלעך. די מאַסע איז די אייביקייט. די מאַסע — דאָס איז דאָס פעלד, אויף וועלכן מיר, יחידים, וואַקסן. די זאַנגען ברייטן זיך יעדעס יאָר — דאָס פעלד איז אייביק!

חבר אַנאַטאָלס פּנים האָט זיך פאַרענדערט און איז באַגלאַנצט געוואָרן פונעם ליכט, וואָס האָט געשלאָגן פון זיינע אויגן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען ביי די פריערדיקע ווערטער, ווי אַ פרומער ייד ביים חאַוונען און זאַמלען כוונות, און ער האָט געזאָגט מיט אַ דערהויבענער ערנסטקייט:

— אָט דאָס באַוווסטזיין, אַז איך בין איינער פון פילע, באַשאַפט אַ בשותפותדיקע פרייד. מען דאַרף פילן אָט יענע מעזשטשלעכע פרייד, וואָס שטראַלט־אַרויס פון רבין. מען דאַרף זיין אַ חסיד, — לייגט ער צו מיט אַ שמייכל, — כדי דאָס צו דערפילן. מען הייבט זיך דעמאָלט אויף צו די העכסטע הויכן. דער יחיד קריגט די גאַנצע קדושה אין זיך און פילט דעם גאַנצן כוח פון רבין אין זיך און איז דערנאָך ביכולת צו טון גרויסע זאַכן. יאָ, איך גלויב, אַז אָט די דאָזיקע בשותפותדיקע פרייד קאָן אויספילן אַלע אונדזערע וועלטן און געבן אַ טעם צו אונדזער לעבן. איך קאָן אייך דאָס נישט גענוג געבן צו פאַרשטיין מיט ווערטער, נאָר מ׳באַדאַרף דאָס דערפילן.

מירקין איז געבליבן זיצן. א ציטער איז דורכגעגאַנגען דורך זיין לייב, און ער האָט געטרונקען מיט דורשט דעם חברס ווערטער.

נאָך דער חבר אַנאַטאָל, זעט אויס, האָט זיך באַלד פאַרשעמט פאַר זיינע סענטימענטן. און אַזוי ווי ער וואָלט חרטה געקראָגן אויף דעם, וואָס ער האָט זיך געלאָזט מיטרייסן פון אידעאַליזם, האָט ער צוגעלייגט מיט א ביטולדיקן שמייכל:

— אָבער זייט דערויף גרייט, יונגערמאַן, אַז אונדזער ראָלע, איך מיין די ראָלע פון די אינטעליגענטן, פון די, וואָס ווערן צוגעצויגן צום קאַמף דורך אידעאַליזם, ווי איר רופט עס — איז אַ קלענגלעכע און איז באַשטימט אונטערצוגיין. ווען דער גרויסער מאָמענט וועט קומען, וועט זי אונדז צעטרעטן, די רעוואָלוציע, ווייל מיר וועלן זיך נאָך פּלאָנטערן אונטער אירע פיס מיט אונדזער אומנוצלעכן באַגאַזש, מיט אונדזער אידעאַליזם און ראָמאַנטיק. מיר מוזן דערוויייל זיין צוגעגרייט, אַז מיר זעגען די, וואָס מען דערוואַרט פון אונדז אונדזער ארבעט, אַזוי לאַנג ווי מיר קאָנען זיין נוצלעך, און דערנאָך זיך אָפּצוטראָגן. אָבער עס זענען ביי יידן פאַראַן צדיקים, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון יעדן שכר. דאָס באַדאַרף זיין אונדזער ראָלע. מיר מוזן זיך געבן, צי מיר ווילן יאָ האָבן שכר, צי נישט. און פאַרלויפיק ווייסן מיר נאָר פונעם „מיטל", און דעם „מיטל" באַדאַרף מען זיך שענקען אינגאַנצן, אינגאַנצן מיט דער אמונה. אין דער בשותפותדיקער פרייד וועלן מיר האָבן א חלק סיי־ווי־סיי.

מירקין האָט געשוויגן א ווייל, און דערנאָך זיך אָנגערופן, אויך מיט א שמייכל:

— וואָס ווילט איר, אַז איך זאָל טון?

— פאַרט קיין לאָדזש, באַקענט זיך מיט דער לאַגע. דערנאָך וועט איר אַליין ווייסן, וואָס איר האָט צו טון.

— גוט, איך בין גרייט. צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן?

— אונדזערע חברים וועלן אייך שוין דאָרטן אָפּוואַרטן.

קאַפּיטל 4

לאָדזש

איבער די פעלדער איז נאָך אַלץ געלעגן דער שניי-דעק. נאָר דאָ און דאָרט האָט שוין די ערד, ווי אַ פריש אויסגעשלאָפענע יונגע פרוי, אַרויסגעקוקט ווי אַ געפאַנגענע פון די ריסן פון איר דעק. נאָר אויף פיל ערטער האָט זי שוין געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אייז און איז געלעגן אָן אָפּענע, אַ פרייע — ווי אַן אויפגעדעקטע פרוי, מיט איר גאַנצן לייב אין דרויסן.

וועלדער זענען געשטאַנען יונגע. צווייגן, ביימער האָבן געציטערט פאַר פרישקייט. הייזער זענען געשטאַנען, קליינע מיט שטרוי-דעכער דורכגעווייקטע דורך דעם ווינטער, און דורכן ווינטער פאַרשוואַרצטע ווענט און פּלויטן, פאַרשטעלט אין אַ געוועב פון רויטלעכע בעזימדיקע צווייגן. פּויערים אין גרויסע שטיוול האָבן אין דער פייכטער, דורכגעקנאָטענער ערד געדרעפּטשעט און צוגעקוקט זיך ווי זייערע באָרוועסע ווייבער שלעפּן פון די „זשעמליאַנקעס" קאַרטאָפל-זעק אויף זייערע פּלייצעס. טיילמאָל האָט זיך אַ וואָגן געשלעפּט איבער אַ וועג, טיילמאָל האָט מען אַ יונג פערד שפּרינגען געזען. אויף די סטאַציעס האָבן לאַנג-באַ-קליידטע יידן מיט פאַרטריקנטע, בלאַטיקע שלומפּערס, זיך געריסן מיט אימפּעט און קאָפּ אין די וואַגאָנען. ווייבער האָבן געשריגן, געוואָרפן זיך פּעקלעך פון האַנט צו האַנט. דאָס איז געווען די לאַנדשאַפט, וואָס מיר-קין האָט געזען דורך זיין וואַגאָן-פענצטער אויף זיין וועג פון וואַרשע קיין לאָדזש.

דאָס לאַנד איז געווען אַ פרעמדס. די מענטשן זענען געווען נישט קיין אייגענע. דאָך איז אַלץ געווען אייגנס. נישט געווען קיין אַנדער לאַנד, וואָס זאָל זיין זיינס. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אייגענע ערד. ער איז געווען אַ קינד פון דער שטאָט. אַ גאַס איז אַמאָל געווען אַן אייגענע, דאָרט ווייט, אין צענטראַל-רוסלאַנד. אַ שניי-שטעג אַן אייגע-נער פון שטוב אין גימנאַזיע אַריין. אָבער ערד, אַן אָנבליק פון אַ האָרי-זאָנט איז קיינמאָל נישט געווען זיינס. לאַנד, שפּראַך, פאָלק איז דעם מענטשן פרעמד, ערד — קיינמאָל נישט. יעדע ערד איז יעדן מענטשנס.

און צו יעדן פעלד נייגט זיך דער מענטש צו. די לאַנדשאַפט איז געווען זיין אייגענע, ווייל ער האָט זי פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט זי געהאַט אין זיין בלוט. ער איז געקנאָטן געוואָרן פון איר.

עס איז געווען אַ סלאַווישע ערד: דאָס לאַנד פון קאַרטאָפל, קרויט, פון בוריקעס און פון פּראָסטן מענטשלעכן ברויט. דורך דעם היימישן אַנבליק פון דעם לאַנד, דורך דעם פויערשן צעגייענדיקן שניי, דורך דעם אַנבליק פון דעם נידעריקן דורכגעווייקטן שטרוי־דאַך, דירך דער שיוואַר־צער וואַנט, דורך די בעזימדיקע, ציטערנדיקע צווייגן, ביימער, איז אים דער מענטש נענטער געוואָרן. דער פרעמדער פויער מיט די פרעמד־קאָ־לירטע הויזן, מיט דעם מאָדנעם פיר־קאַנטיקן הוט, און מיט די שטיוול אַנשטאָט די אָניעצעס.

דורך דער ערד איז אים דאָס אַלץ טייער, ליב און אייגן געוואָרן. ער איז דאָס ווען דאַנקבאַר געווען פאַר דער ליבע און דער צוגעהערי־קייט, וואָס ער האָט געפילט צו די מענטשן און צו דעם לאַנד: „מיט די נעגל וועל איך זיך אָנהאַלטן דערין און זיך נישט לאָזן אַוועקיאָגן“.

***

די גאַסן פון לאָדזש זענען אים פאַרגעקומען נאָך מער פרעמד, ווילד און וווּנדערלעך דורך זייער אייגנאַרטיקייט: נערוועזע יידן, נערוועזע גאַסן, נערוועזע געוועלבער. דאַרע ביינערדיקע, שטעקלדיקע קערפּערס, וואָס פאַלן־אַרויס פון די ברייטע און צו־לאַנגע קאַפּאָטעס. קאַפּאָטעס ווי ביידלעך, מענטשן ווי גלייכע אָפּגעהובלטע קלעצער. איין שטיק — פון קאָפּ ביז צו די פיס. וואַרפן מיט די הענט, שרייען שאָקלענדיק מיט זייע־רע בערד, פילן־אָן די גאַסן מיט אַ באַוועגלעכער אומרואיקייט. נערוועזע, אָפּגעריסענע שטיקלעך ווינט, שטיקער בערד, פאַרביילופּנדיקע, אומרו־איקע אויגן. אויגן, וואָס פרעגן, אויגן, וואָס דורשטן און זוכן עפּעס. אַ ים פון קאַשקעטלעך... אַ וואַלד פון דינע שוואַרצע יידן. טייל שלעפּן פּעק־לעך מיט באַנוול און לויפן פאַרביי, אייל־ן זיך. אַנדערע האָבן צייט. שטייען אין קרענצלעך אין די עקן, ביי די געוועלבער, פּאַטשן מיט די שטעקע־לעך. אַ פלעק פון אַ פויעריש קאָלירט טיכל, אַן אָנגענעמער פאַרביקער שיין פון אַ ספּאָדניצע און אַ פּאָר הויזן פון פויערים און פויערטעס, ווי

קאָלירטע פעלד־בלימעלעך אויף דעם גראָענדיקן, וואַכעדיקן פאָן פון שוואַרצע קאַפּאָטעס און שטאָטישע טיכער...

איבער די שמוציקע, שניי־בלאָטיקע ברוקן איז אַ הו־האַ, אַ באַוועגונג. שטויסן אויסגעאַרבעטע פויערישע טיכער אויף וועגענער. וועגענער צו פערד איינגעשפּאַנט, וועגענער צו מענטשן איינגעשפּאַנט. פּיראַמידן מיט געפּאַרבטע, נישט־געפּרעסטע, ערשט נאָר־וואָס אויסגעאַרבעטע באַנוולנע און וואָלענע סחורות. פּיראַמידן מיט קאַמגאַרנס. פּיראַמידן מיט באַנוול. און צווישן די וועגענער, מענטשן און פערד — היטלעך, שייטלעך, בערד, אויגן, פּעקלעך גאָרן, און פּעקלעך גאָרן...

אָנגעגאָסן מיט ענערגיע ווי אַ שטאַרקער אָקס, מיט מענטשלעכן פליים, באַגאָסן מיט שוויים פון אַרבעט און באַשוואַרצט מיט רויך פון ווייכן קויל, ציטערט די שטאָט אין שטענדיקן אימפּעט, אין שטענדיקן געיאָג, ווי מענטשן און ראָד וואָלטן געטריבן געוואָרן דורך דעם עלעקטרישן שטוים פונעם אַרבעטנדיקן מאָטאָר, וואָלטן געצויגן געוואָרן דורך דעם לעדער־פּאַסיק אין איין באַוועגונג, אין איין געשריי, אָן אויפהאַלט, אָן אָטעם־כאַפּ.

פאַרנאַכט, ווען דער טאָג פאַרגייט אין נעפּל פון רויך אין די שוואַרצע יידישע געסלעך, זעט זיך פון דערוווייטנס דער זונען־אונטערגאַנג איבער די לאָדזשער פלאַכן. און דאָס איז אַזוי מאָדנע פרעמד און וווּנדערלעך אין דער שטאָט. שיטן זיך די גאַסן אָן מיט פאַרשוואַרצט, פליישיק אַרבעטס־לייב. טראַמווייען זענען אָנגעיערט מיט מענטשן־קערפּערס. די שמאָלע טראָטוארן ביי די הייזער ווערן איינפאַך פאַרטרונקען פון אַהיימגייענדיקע אַרבעטער. פון זייערע לייבער הייבט אָן אויסצודאַמפּן דער ספּעציפישער גערוך פון די לאָדזשער פאַבריקן, וואָס זיי האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט דורך דעם גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט. די שטאָט ווערט אָנגעפילט מיט דעם מאַשינען־אייל און קאַמגאַרן־געשטאַנק, און אַ קראַנקמאַלישע זויערקייט פון בלייכערס לייגט זיך אויף די ראַנדן פון די מײַלער און די אויגן.

דענסטמאָל באַלויכטן זיך די שפּייז־געוועלבלעך. מוטערדיקע, טרויעריקע גראָע קאָפּ־טיכער שלייכן זיך מיט קערבעלעך פון די הויפן אַרויס. אין די עקן פון די גאַסן, געדריקט צו די שאָטנס פון די הייזער, שלייכן

זיך ביי די ווענט גאסן־פרויען מיט געקראַכמאַלעטע קליידלעך, געוואַשענע קעפּ. און פון די אָנטבלויזטע העלדזער אָטעמט ארוים מאַנסביל־געשטאַנק אויסגעמישט מיט פּעפּערדיקן פּערפום־געשמאַק.

***

פאַרנאַכט, נאָך דער ארבעט, איז געקומען צו מירקינען אין האָטעל־צימער א יונגערמאַן און האָט זיך פאָרגעשטעלט: חבר מאָטל.

מירקין האָט אים דערקענט. עס איז געווען דער זעלבער יונגערמאַן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין ווארשע זיצן מיטן חבר אנאַטאָל, אינעם קאַפע־געוועלבל. נאָר אין ווארשע איז דער חבר מאָטל געגאַנגען אָנגעטון ווי אַן אינטעליגענטער ארבעטער. ער האָט, דאַכט זיך, געטראָגן אויפן קאָפּ א ווייכן קאַפּעליוש, צי א היטל מיט א דאַשעק. יעדנפאַלס געדענקט מירקין, אַז אין ווארשע האָט דער חבר מאָטל, וועלכן מען האָט אים פאָרגעשטעלט אין קאַפע־געוועלבל, מיט גאָרנישט אויסגענומען זיך פון די אַנדערע. אָבער דאָ, אין לאָדזש, איז געשטאַנען פאַר אים א חסידישער יונגערמאַן. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז עס איז א בית־מדרש־בחור אין א לאַנגער קאַפּאָטע מיט א יידיש היטל, כאָטש די פּאות זענען ביי אים געווען ארונטערגעקעמט הינטער די אויערן.

— איר דערקענט מיך נישט? — איך בין דער חבר מאָטל. איך האָב אייך געטראָפן אין ווארשע. דאָ גיי איך יידיש געקליידעט צוליב טאַקטישע טעמים. די אומשטענדן נויטיקן מיך דערצו, — זאָגט דער שוואַרץ־ברונעטער יונגערמאַן מיט דער יונגער ארויסגעשפּראָצטער באָרד, טרוקן, צו דער זאַך, ווי א סאָלדאַט, וואָס גיט־אָפּ א ראַפּאָרט.

— איך האָב פאַנאַטישע עלטערן, מיט וועלכע די אומשטענדן נויטיקן מיך נאָך אָנצוהאַלטן באַציאונגען.

— עס מאַכט נישט, וואָס איז דער חילוק, ווי אַזוי א מענטש גייט אָנגעטון?

— עס איז יאָ א חילוק. אַז זיי זענען פאַנאַטיש, מוזן מיר באַווייזן, אַז מיר קאָנען אויך זיין אויסגעהאַלטן אין אונדזער פּרינציפּ. נאָר עס וועט נישט לאַנג דויערן, און די אומשטענדן וועלן זיך ענדערן.

דער חבר מאָטל האָט זיך אָנגערופן:

— איך האָב באַקומען דירעקטיוון אייך צו באַקענען מיט דער לאַגע.

— איך דאַנק אייך זייער.

— דער חבר וועט נעמען אַ טראַמוויי? — פרעגט מאָטל.

— איך וואָלט בעסער געוואָלט גיין צופוס. מען זעט בעסער.

— ס'איז אַ שטיק וועג, און דער „אויספיר־קאָמיטעט" וואַרט אויף אונדז, — האָט דער חבר מאָטל געזאָגט אין אַן אָפיציעלן טאָן.

געהערט אַזאַ וואָרט, ווי דער „אויספיר־קאָמיטעט", איז מירקין איינגעגאַנגען אויפצוזעצן זיך אויף אַ טראַמוויי.

דער חבר מאָטל האָט אים פאַרפירט אין דרויסן אויף „באַלוט" אַרויס, אויף אַן איינגעשטאָפּקטן הילצערנעם הייזל. פון פענצטער האָט זיך דורך די פאַרמאַכטע לאָדן געזען קאַרגע וואַכעדיקע ליכט. דורך אַ טונקעלן קאָרידאָר האָט מען אים אַריינגעפירט אין אַ נידריק שטיבל, אין וועלכן עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער באַלקן מיט די דריי דיקע בעלקעס פאַלן אויפן קאָפּ.

איידער מירקין האָט נאָך צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן אין דעם מיט שאָטן פאַרטרונקענעם שטיבל, וואָס איז געווען זייער באַשטעלט מיט עפּעס־וואָס, איידער ער האָט נאָך דערזען אַ מענטשלעך פּנים, האָט אים וועמער מכבד געווען פון אַ ווינקל־אַרויס:

— נאַ, נאַ דיר אַ ניי קאַלב געבראַכט אין שטאַל אַריין. ווען וועט מען דיך שלעפּן אין שלאַכט־הויז אַריין?

— זאָל דער חבר נישט רעאַגירן. דאָס איז אַ משוגענער. ער רעדט צו אַלעמען אַזוי. צוליב פּאָליציייאישע סיבות מאַכן מיר דאָ די פאַרזאַמלונגען.

דער חבר מאָטל האָט אים צוגעפירט צו אַ טיש, ביי וועלכן עס האָבן שוין אויף אים געוואַרט אַן אַרבעטער אין אַ רעקל, אין אַ העמד, וואָס איז, זעט־אויס, ערשט אַוועקגעגאַנגען פון דער וועב־שטול, און אַ צווייטער יונגערמאַן, וועלכער האָט געהאַט אַן אינטעליגענט פּנים. דאָס איז געווען דער „אויספיר־קאָמיטעט".

— זיי מיינען, אַז זיי וועלן עפּעס אויפטון. איר וועט גאָרנישט אויפטון. אַ סטאַדע בהמות, אָקסן, קי, קעלבער, און כּיי ווי סיי וועט מען

אייך אלעמען שלעפן אין שעכט־הויז אריין. ווען פריער און וועמען שפעטער.

— ס׳איז א משוגענער. זאל עס דעם חבר נישט ארן, — באַרו־איקט מען מירקינען ווידער. און איינער פונעם „אויספּיר־קאָמיטעט״ האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען אין א ווינקל אריין איינשטילן דעם משוגענעם.

מירקין האָט פון דערשטוינען גאַרנישט געקאָנט זאָגן. ער האָט זיך ארומגעקוקט און האָט דערזען, אַז אויף א בענקל ביי א וועב־שטול, מיט וועלכער דאָס גאַנצע שטיבל איז געווען פארנומען, איז געזעסן א געשפּענסט פון הויט און ביינער, מיט א פארקרימט מויל, פון וועלכן עס האָט זיך גאָווער געגאָסן, און א פּאָר אויסטערליש באַלעבטע אויגן האָבן אויף אים געקוקט קראַנקהאַפטיק און פארשנדיק.

— מיט וואָס וויל זיך דער חבר באַקענען? — מיט דער אַלגעמיי־נער לאַגע פון די טעקסטיל־ארבעטער, אָדער מיט דער ספּעציעלער פּראַ־גע, וואָס אינטערעסירט אים? וועגן די באַדינגונגען פון איבערפירן די יידישע טעקסטיל־ארבעטער פון האַנט־ארבעט אויף דאַמף? — פרעגט דער יונגערמאַן מיטן אינטעליגענטן פּנים מירקינען אין א זאַכלעכן טאָן.

— חברים, איך בין א פרעמדער. איך קום זיך צום ערשטן מאָל צו־נויף מיטן יידישן ארבעטער, מיט דער יידישער אָרימקייט. איך זע דאָס צום ערשטן מאָל. איך בעט אייך, רעדט נישט צו מיר אין אזא אָפיציעלן טאָן. איך וויל זיך מיט אַלצדינג באַקענען, מיט אַלצדינג. איך וויל אַלצ־דינג וויסן, — בעט זיך מירקין ביי זיי.

— וואָס וויל דער חבר וויסן? — פרעגט ווייטער דער אינטעלי־גענטער יונגערמאַן.

— וואָס איז עס פאַר א שטוב, אין וועלכער מיר געפינען זיך? — פרעגט מירקין.

— די שטוב, אין וועלכער איר געפינט זיך, חבר, באַלאַנגט צו א יידישן וועבער. דאָ וווינען צוויי פאַמיליעס, און דריי פאָטערס ארבעטן אויף די וועב־שטולן, וואָס געפינען זיך דאָ: א פאָטער מיט א פארהיי־ראַטן זון און אַן איידעם. דער פאָטער זיצט אָט דאָרט. ער כאַפּט א דרימל אויף די אויפגעשפּאַנטע פאַכן, איידער די נאַכט־ארבעט הייבט זיך אָן, — ווייזט דער פרעמדער יונגערמאַן אָן מירקינען אויף א גראָ באַבערדיקט

פּנים, וועלכעס אַנטפּלעקט זיך ערשט איצט אינעם שיין פון דער נאַפט־לאָמפּ, וואָס הענגט אויף אַ שטריקל פונעם באַלקן אַראָפּ איבער דער שטול. אויף דעם קער־ברעט לענט־אָן אַ ייד זיין פּנים און שלאָפט. דער חבר דערציילט ווייטער:

— אין שטיבל קאָנען זיך נאָר געפינען צוויי וועב־שטולן. משפּחות זענען דאָ דריי — לעזט דער טאַטע אָפּ דעם זון אויף דער נאַכט־אַרבעט. דער זון איז אָט דער יונגערמאַן, וואָס זיצט מיט אונדז. דער איידעם איז געגאַנגען אַהיימברענגען די רויע סחורה. די פאַמיליעס האָט מען דערוויל אַוועקגעשיקט צו שכנים, ווייל מיר האָבן זיך באַדאַרפט מיט אייך זען. וואָס ווילט איר נאָך וויסן, חבר? — פרעגט ענערגיש דער אינטעליגענ־טער יונגערמאַן.

— דאָ האַלטן זיך אויף, זאָגט איר, צוויי משפּחות אין דעם שטי־בעלע? — וואונדערט זיך מירקין. — ווו שלאָפן זיי?

— אויף די שטולן, אונטער די שטולן, איר זעט די ברעטער דאָרט ביים קיכל? — דאָרט האַלט זיך אויף איין משפּחה, אַ מאַן מיט אַ ווייב און צוויי קינדער. און דאָ ביים טישל רוקט מען ביינאַכט אַרום דעם טיש אין קאָרידאָר אַריין און מען שטעלט אויף אַ בעט, און עס שלאָפט אַ צווייטע משפּחה. אַזוי ווי ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַרן טאַטן ביינאַכט צו שלאָפן, כאַפּט ער אַ דרימל בייטאָג. דערפאַר אָבער קאָן ער זיך פאַר־דינען אַ פּאָר גילדן, אַרבעטנדיק ביינאַכט אויף די ליידיק־שטייענדיקע שטולן. — וואָס ווילט איר נאָך וויסן, חבר? — האַלט דער יונגערמאַן אַלץ איין זיין ענערגישן, ביטערן טאָן.

— און ווער איז דער משוגענער?

—דאָס איז נישט קיין משוגענער, דאָס איז אַ קאַליקע, אַ פּאַראַלי־זירטער, פון אַ שלעכטער געבורט — זייערס אַ זון. קעגנאיבער פון דאָ־נען געפינט זיך דער אָקסן־ און שעפּסן־מאַרק. בייטאָג פירט מען אים אַרויס פון שטוב אויף דער גאַס אַרויס. ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אים אין שטוב. זעט ער, ווי מען פירט אַ גאַנצן טאָג אָקסן און שעפּסן אין שעכט־הויז אַריין, האָט ער זיך איינגערעדט, אַז מענטשן זענען נאָר אָקסן און שעפּסן. אַז ער זעט אַ לוויה, זאָגט ער: אַהאַ, דאָ פירט מען שוין אַן אָקס פון שעכט־הויז אַרויס.

— וואָס ווילט איר נאָך וויסן, חבר?

מירקין איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— נו, איצט ווייסט איר שוין?

— יאָ, איצט ווייס איך שוין, — ענטפערט־אָפּ מירקין, — און ער האָט אויך רעכט, — לייגט ער צו.

— ווער? — פרעגט דער יונגערמאַן.

— אָט דער, — ווייזט מירקין אויף דעם פּאַראַליזירטן, וואָס גלאָצט אידיאָטיש פון ווינקל אַרויס מיט זיינע אויגן.

— ניין, נאָך ערגער פון אַן אָקס. אַן אָקס איז כאָטש באַזאָרגט מיט חיונה ביים לעבן, און אַז נישט, גיט ער שלעכט פליש נאָכן שעכטן. די ווע־רים אין קבר קאָנען זיך נישט אזא לוקסוס דערלויבן אויסצופּאַשן זייערע בהמות. עס גייט ביי זיי דאָרט צו אין קבר, ווי ביי אונדז מענטשן אויף דער ערד. די רייכע קריגן די פעטע בהמות, און אַ טייל מוזן זיך באַגנוגע־נען מיט דאַרע הויט און טרוקענע ביינער, — לאַכט דער אינטעליגענט.

***

ווען זיי זענען אַראָפּגעקומען אויפן הויף, איז מירקין פּלוצים שטיין געבליבן.

פון פאַרמאַכטע לאָדן פון אַ שטיבל אַרויס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טרויעריק־פרייליך חסידיש געזאַנג, אַ פּאַטשן מיט הענט און אַ טאַנץ צום טאַקט.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט מירקין זיין באַגלייטער אַ פאַרוווּנ־דערטער.

— אַ חסידיש שטיבל, פרייען זיך. נישטאָ וואָס צו זען. ווילדע פּאַ־נאַטיזם „דערווישן". אַ געשוויר אויפן יידישן קערפּער.

— דאָך, איך וויל עס זען, איך בעט אייך.

זיי עפענען די טיר פונעם שטיבל. אַ טונקלע דומפּיקייט שלאָגט זיי אין די נעזער, ווי אויס אַ מקוה. אַ קרענצל שוואַרץ־געקליידטע יידן האַלטן זיך ביי די פּלייצעס ווי גרויסע קינדער און גייען אַ רקודל. ביי אָנגעצונדענע ליכט זיצן איינצלנע בלייכע פּנימער ביי אָפענע גמרות. טייל לערנען מיט התמדה, טייל שלאָפן. איינער אַ ייד מיט אַ פּאָר דאַ־רע ביינערנע הענט גייט־אַרום צווישן די שלאָפנדיקע, וועקט זיי אויף און טיילט לעקעך און בראָנפן.

פון דערווייטנס, אין אַן אומענדלעכער פּינצטערניש, טוקט זיך איין־איינציק ליכטל. עס זעט־אויס ווי אַ נשמה־ליכטל, וואָס ברענט זיך צוקאָפּנס פון אַ גרויסן בר־מנן, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן חלל פונעם אומענדלעכן שאָטן.

— ברוך, וואָס איז די שמחה? — פרעגט דער באַגלייטער מיטן אינטעליגענטן פּנים דעם ייד, — וואָס טיילט לעקעך און בראָנפן. זעט זיך אויס, גוט באַקאַנטע. — וואָס איז די סיבה?

— גראָבער יונג, דו ווייסט נישט — דעם רבינס יאָרצייט. וואָס, מען באַדאַרף דען האָבן אַ סיבה משמח זיין זיך?

— גלאַט אַזוי, און גלאַט אַזוי, אָן אַ סיבה, — ענטפערט אים אָפּ אַן אַנדערער ייד מיטן קאָפּל פאַרדרייט „נאַבאָק", מיטן גלעזל אין די ביינערדיקע הענט.

— איך האָב צו אייך אַ בקשה, — ווענדעט זיך פּלוצים מירקין צו זיין באַגלייטער מיט אַ בעטנדיקער שטימע:

— וואָס איז?

— איך וויל דאָ וווינען. שאַפט מיר אַ וווינונג דאָ.

— דאָ, אין דער אָרימקייט?

— יאָ, יאָ. דאָ אין דער אָרימקייט מיט זיי. איך וויל זיי קענען, איך וויל זיי קענען, — שרייט אויס מירקין מיט בעטנדיקע אויגן, אָנכאַפּנדיק דעם יונגנמאַנס האַנט.

— גוט, מיר וועלן זען.

קאַפּיטל 5

לאַדזשער הויף

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שוין מירקין געוווינט אין וועבער־הויף, דרויסן אויפן „באַלוט". דער חבר מאָטל האָט אים פאַרשאַפט אַ קוואַרטיר אין דער וווינונג אויפן ערשטן שטאָק, וואָס איר גאַניקל איז אַרויס־געגאַנגען אויפן הויף אַרויס. די וווינונג איז געווען די ריינסטע און באַקוועמסטע אין גאַנצן הויז. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שוין מירקין

נעשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט די שכנים, און איז געווען אויסגעקאָכט מיט זיי.

דאָס איז געווען אַ געוועלעך הילצערן איינשטאָקיק הויז אויפן „באַלוט”, קעגנאיבער דעם גרויסן אָקסן- און שעפּסן־מאַרק, וווהין מען האָט צוגעפירט פון גאַנץ פּוילן דאָס נויטיקע פעטס פאַר די לאָדזשער אַרבעטער. בייטאָג האָט מען געהערט אין די שטיבער אַ קוויטשעריי פון חזירים, אַ מרוקען פון אָקסן און אַ מיאַען פון פאַרבייגעטריבענע שעפּסן, וועלכע האָבן אַזוי פרעמד אָפּגעקלונגען אין דעם ברודיקן שטאָטישן הויף. זייערע בהמהשע, רחמנות־דערוועקנדיקע קולות האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אין שטאָטישן הויף אַריין די גרינע לאָנקעס, די פייכטע גראָזן און האַרבסטיקע נעפּלען. דאָס הויז איז געווען אַ הילצערנס, אַן איינשטאָקיקס, ווי מען געפינט עס אין דער פּראָווינץ. דערפאַר איז דער הויף געווען אַ לאַנגער און פאַרדרייטער. באַבויט מיט הילצערנע קאַמערן, מיט אַלקערלעך, מיט באַזונדער־שטייענדיקע שטיבער. זיי האָבן אויסגעזען — די אַלע איינס־אויפן־אַנדערן אָנגעשטעלטע געביידעס — ווי צונויפגעקלאַפּט אויף דערווייל. דער באַלעבאָס האָט קיין געלט נישט געהאַט צו פאַרענדיקן, האָט ער דערווייל אַריינגעבאַפּט אַ „אונטן” און אים פאַרדונגען, איידער דער אויבערשטער שטאָק איז נאָך באַדעקט געווען. די שלעכטע מאַטעריאַלן, פון וועלכע די געביידעס זענען געווען געבויט, האָבן זיך געקרישלט, צעלייגט. די ווענט האָבן זיך געשפּאָלטן, די דעכער געשיילט...

און די אַלע אומפאַרענדיקטע, האַלב־צוגעדעקטע שטיבלעך זענען אָנגעשטעלט מיט אומהיימלעכע, אומגעלומפּערטע הילצערנע וועב־שטולן, וועלכע פאַרנעמען האַלבע שטיבער ביז צו די באַלקנס.

ביי די שטולן זענען, ווי אין אַ קאַטאָרגע־תפיסה, מענטשן צוגעשפּאַנט צו זיי דורך טעג און נעכט. די שטולן זענען שפּינען, און ווי אַ פליג געפאַנגען אין זייער שפּינוועבס, זיצט דער אָנגעבויגענער מענטש אין דעם אָנגעשפּאַנטן „פּאַך”, האַלב אַ נאַקעטער מיט אַ האָר־באַוואַקסענער ברוסט אין דרויסן, און טרעט אַ גאַנצן טאָג מיט די נאַקעטע פיס אויפן טריט־שימעל און האַלט אין איין דורכשיסן דאָס שיפעלע מיטן אָנגעשפּאַנטן פאָדים דורך די שיצן פון פּאַך, פאַרקלאַפּט דאָס געוועב מיטן „בלאַט־צוקלאַפּער”. נעבן די שטולן, אויף קליינע בענקלעך, זיצן זייערע

הילף־יינגלעך, מינדעריאָריקע קינדער, און האַלטן אין איין אָנשפּאָלן דעם דרים-פּאָדים אויף די שפּאָלערס. די ווייבער און די עלטסטע טעכטער פלעכטן שוין די קאָליר־שנורן פאַר די מער „פאַנטאַסטישע” טיכער. א גאַנצן טאָג האַלטן „מענטשן־פערד” אין איין צוברענגען אין די הויפן אַריין, אויף שלעפנדיקע וועגענער, שטויסן מיט רויען שטאָף: פאַרשידן־פאַרביקע וואָלן, גאַרן און באַנוול און אויף די זעלבע וועגענער, איינגע־שפּאַנט צו די מענטשן־פערד, ווערן פון הויף אַרויסגעפירט אויסגעאַרבע־טע, אייל־שמעקנדיקע רויע טיכער צו די פּרעס-מאַשינען, צו די מאַגאַ־זינען, פון וואַנען זיי ווערן צעשיקט איבער די ברייטע, ווייטע מערק פון דער גרויסער אימפּעריע.

אויף די געלע פּנימער פון די האַנט-וועבער שוועבט אַ שטענדיקע זאָרג, אַזוי ווי אַ טויט־אורטייל וואָלט געוועזן צוגעקלאַפּט צו די פלייי־צעס פון יעדן אַרבעטער. וואָס אַמאָל מער הויבן זיך די הויכע קוימענס אַרום די ניי־אויסגעבויטע שטעט אויף די ברייטע לאָדזשער פעלדער. וואָס אַמאָל מער ברענגען די באַנען צו דער לאָדזשער סטאַציע טיילן פון שפּינערייען. אָבער נישט פאַר זיי ווערן געבויט די הויכע קוימענס, נישט פאַר זיי ווערן געבראַכט די אייזערנע שפּינערייען. זיי האָט מען אויף אייביק פאַרמשפּט צו זיין איינגעשפּאַנט צום הילצערנעם שטול, כדי אין איינעם מיט אים צו גיין אין ניוועץ אַריין. דער אַלטער דור טראַכט זיך: פאַר אונדז וועט עס געננען. ווי ווייט איז עס גאָר צום קבר? דער יונגער דור, וואָס הייבט ערשט אָן, קלערט וועגן עמיגראַציע. זיי האַלטן איך איין אָנזאַמלען גראָשנס, אָפּגעשפּאָרט פון נויטיקסטן, אויף שיפס־קאַרטן, און חלומען פון די וועבערייען אין ווייטע לענדער.

נישט אין אַלע שטיבער הערט זיך דער טויבער הילצערנער קלאַפּ פון די וועב־שטולן, וואָס דערמאָנט אין אַ ברעטער-קלאַפּעריי. אין אַנדערע שטיבער, פון אַנדערע פענצטער אַרויס הערט זיך דאָס חוצפּהדיקע לויפן פון ניי־מאַשינען. פון צעקריכנדיקע גראָבע סחורות, — אָפּפאַלעכטס פון פאַבריקן, — ווערן אויסגעאַרבעט ווינטער־מאַנטלען, אָנצוגן, הויזן פאַר די פּויערים אויף די מערק. אַ גאַנצן טאָג האַלטן זיי אין איין שפּאַנען, די ניי־מאַשינען, אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אין איין לויפן צו אַ מעטע און קאָנען נישט דערלויפן... אין אַנדערע שטיבער זיצן שוסטערס, היטל־מאַכער, פּעלצן־נייער. כמעט יעדע טאָכטער האָט אַ מאַשינדל צו שטאָפּן

זאַקן. יעדע מאַמע וויקלט גאָרן אויף אַ שפּאַלער. יעדער זון איז אַ וועבער אָדער טאַנדייט־שניידער.

אַזוי האָלט דער הויף אַ גאַנצן טאָג אין איין שפּאַנען. פון אַלע פענצטער הערט זיך דאָס קלאַפּן אַרויף־און־אַראָפּ. אַ טרעט אַהין, אַ טרעט אַהער. פון אַנדערע פענצטער הערט זיך דאָס יאָגן פון מאַשינען, ווי די מאַשינען וואָלטן איינע די אַנדערע געוואָלט איבעריאָגן. פון אַלע פענצטער אַרויס טראָגט זיך דער פאַרלעגנער געשטאַנק פון אַלטע סחורות: פון וואַטע, פון קאַמגאַרנס, אַזוי ווי דער הויף וואָלט געאָטעמט אין אייל, אין שוויים, און טראָגט פון זיך דעם זויערן געשטאַנק פון שוויצנדיקע מענטשלעכע לייבער, פון איבערגעשטאַנען עסן, פון פייכטע מאַטראַצן. נאָר די אַלע געשטאַנקען ווערן פאַרטרונקען, ווערן פאַרלוירן אין דעם ספּעציעלן לאָדזשער געשמאַק — אינעם געשמאַק פון דעם נישט־קאַנאַליזירטן לאָדזשער הויף...

דער ייד, ביי וועלכן מירקין וווינט, הייסט משה פּאָקזשיווע (שטעכנדיק גראָז). מען ווייסט נישט, צי איז עס אַן אייגענער נאָמען זיינער, צי גלאַט אַזוי אַ צונאָמען, וואָס מען האָט אים געגעבן. און נישט בחנם: דער ייד גייט־אַרום אַ גאַנצן טאָג און שטעכט זיך. אינדערהיים האָלט ער אין איין יאָדען דאָס ווייב, די טעכטער. קיין זאַך געפעלט אים נישט. און קומט ער אויפן הויף אַראָפּ, טשעפּעט ער זיך צו קליין און גרויס. זעט ער אַ ייִנגל שפּילן זיך אויפן הויף, איז עס זיין עסק.

— פאַרוואָס גייסטו נישט אין חדר אַריין?

ער לויפט אין מיטן טאָג אין בית־המדרש אַריין און קאָנטראָלירט די בחורים, צי זיי עסן נישט בחנם טעג. אפילו מיט גויים טשעפּעט ער זיך: שטייט אַ פויערשע פור פאַר דער טיר, ווערט ער אַ סטראַזשניק:

— דו ווייסט נישט, אַז מ'טאָר דאָ נישט שטיין?

דאָס ביטערקייט איז אים געקומען צוליב זיינע טעכטער.

משה „פּאָקזשיווע" האָט פיר טעכטער, ראוי חתונה צו האָבן. און כאָטש ער לעבט פון די טעכטער (אַליין טוט ער נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער, ער האָט פּרנסה פון דעם, וואָס די טעכטער זענען נייטאָרינס), האָט ער אָבער דאָך פאַרדרוס, וואָס זיי בלייבן זיצן אין גראָען צאָפּ אַריין. משה ווייסט, אַז ווען די טעכטער וועלן חתונה־האָבן, וועט דאָך אים אויסקומען צו נעמען אַ טאָרבע און גיין איבער דער מדינה. אָבער משה

וויל בעסער בעטלען גיין, אַבי די טעכטער זאָלן חתונה האָבן. היינטיקע יונגעלייט ווילן אָבער נדן. זיצן די טעכטער און פאַרזױנקען אין אויסגייעכטס און פאַרצוקערן זיך די צייט מיט ראָמאַנען.

די עלטסטע איז אַ מלאך. גיטעלע איז אַן אויסגעדאַרטע, איינגעשרומפּטע צדיקת. דאָס פּנים איז בלויז אויגן. אויגן און אַ האַלדז ווי ביי אַ פויגל. זי האָט ליב ראָמאַנען, אַ שרעק. איר גאַנץ לעבן ליגט אין פרעמדע לעבנס. האַלבע נעכט איז זי אויף ביי די ביכלעך, וואָס זי נעמט אויסצולעזן אין בוכהאַנדל פאַר אַ זעקסער אַ וואָך. זי קאָן איינשלינגען אַ בוך אַ טאָג. ווי אַזוי זי מאַכט דאָס? זי לייענט ביים עסן, זי לייענט אַפילו גייענדיק. זי גייט און לייענט, זי שטייט און לייענט. דער פאָטער האָט געמאַכט פון איר אַ תל — פּשוט זי אויפגעגעסן. זי איז די איינציקע אינדערהיים, וואָס האָט דרך־ארץ פאַרן פאָטער. זי שאַנעוועט אים און ענטפערט אים נישט אָפּ. גיסט ער טאָקע אויס אויף איר דאָס גאַנצע ביטער האַרץ, וואָס ער האָט קעגן די אַנדערע. ער האַלט זי אין יאָדען אַ גאַנצן טאָג, וואָס דער שוואַרצער סוף אירער וועט זיין און צי זי ווייסט, אַז ביי יידן זענען נישטאָ קיין מאַנאַשקעס?

זי שווייגט. זי וויינט שוין אַפילו נישט. די קאַליקע מאַמע, מיט וועלכער דער טאַטע, — כאָטש אַזאַ „פּאָקזשיוועס" ווי ער איז — גיט זיך אָפּ ווי מיט אַ קליין קינד, די מאַמע ליגט אין בעט. דער מאַן דערלאַנגט איר עסן, ער וואַשט זי און טוט איר אָן די ברילן און גיט איר דעם „קרבן־מנחה" סדור אין דער האַנט אַריין. די מאַמע די קאַליקע קרעכצט־אַרויס פון בעט.

— וואָס פייניקסטו זי? וואָס ווילסטו פון איר? וואָס איז זי שולדיק?

נאָר דער טאַטע מיינט, אַז אין אַלעם איז זי שולדיק. נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די אַנדערע. צוליב איר קאָנען די אַנדערע קיין כלות נישט ווערן (תנאים זענען שוין געווען אָנגעגרייט פאַר זיי), די אַנדערע מוידן לאָזן זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע. די צווייטע, שרה די פליישיקע, האָט איר אויסרעכענונג. אַזוי זאָגט זי. זי האָט אַ יידישן זעלנער, וועלכער וואַרט נאָר, ביז ער וועט באַפרייט ווערן. זי ווערט פאַרפאַלן מיט אים, מיטן זעלנער, אויף גאַנצע שבתים. דער זעלנער קומט אין שטוב אַריין, עסט ביי זיי יעדן שבת, נאָר פון קיין חתן ווערן רעדט ער

נישט. די אַנדערע צוויי טוען דאָס אָן אויסרעכענונג. זאַטליקען זיך אַרום מיט די וועבער-יונגען, מיט די שניידער־יונגען גאַנצע שבתים און ימים־טובים אין העלענאָווער גאָרטן, ווערן פאַרפאַלן אויף האַלבע נעכט און אַז דער טאַטע מאַכט אַ גוואַלד: „משה פאַקזשיוועס טעכטער זאָלן אויסגיין אויף אַזאַ סוף!" — ענטפערן זיי אים אָפּ פּראָסט פּשוט:

— האָסט אַן אַנדערע עצה? גיב אונדז חתנים, וועלן מיר כלות ווערן.

משה „פאַקזשיוועס" איז אַן ערלעכער ייִד, אַ חסיד. קומט־אַרויס פון אַ שטיקל יחוס, עפּעס אַ רבינס אַ ווייטער קרוב. קאָן ער נישט איבערטראָגן, אַז זיינע טעכטער זאָלן זיך אַזוי אויפפירן. צוערשט האָט ער געפּרווט מאַכן גוואַלדן, האָט מען אים איבערגעשריגן. אַ ייִד אַ כעסן געווען — האָט ער אַמאָל געפּרווט כאַפּן אַ פּלעט־אייזן, האָבן זיך אויפגעהויבן די טעכטער און זענען אַוועק פון דער היים, פאַרפאַלן געוואָרן. האָט דאָס אָרימע ווייב, די קאַליקע, אין בעט געוויינט:

— ווער וועט אונדז פּרנסה געבן?

דער טאַטע אַליין האָט זיך געשראָקן: „טאָמער וועט זיין נאָך ערגער". איז מען געלאָפן זיי זוכן. איינע איז טאַקע פאַרפאַלן געוואָרן, נישט געוואָלט מער צוריקקומען, אין געהאַקטע וווּנדן ערגעץ-ווו; מען זאָגט צו די „שוואַרצע מענטשעלעך" אין בוענאָס־איירעס. די צווייטע איז צוריקגעקומען. פון דענסטמאָל אָן שטיקט דער טאַטע אין זיך. ער זעט אַלע צרות צו און שווייגט. אַז עס קומט פאַרנאַכט, שמירט מען זיך אָן, מען וואַרפט עפּעס אַרויף אויף זיך און מען גייט צו די יונגען, וואָס וואַרטן שוין אין דרויסן. איינע מיטן זעלנער, די צווייטע גלאַט אַזוי, אָן חשבון: הייננט מיט דעם, אָן אַנדערש מאָל מיט אַן אַנדערן. שטייט דער טאַטע און קוקט. זיין פּנים ווערט נאָך שפּיציקער, ווי עס איז, די נאָז ווערט אַזוי שאַרף, ווי ער וואָלט זי געוווען אויסגעשליפן... די באָרד שפּיציק, און אַלע קנאָכן פונעם לייב הייבן־אָן אַרויסצושטאַרן פון דער צעריסענער זשופּעצע מיט זייערע אויסגעשאַרפטע שפּיצן. כאַפּט ער דאָס שפּיץ־בערדל אין מויל אַריין און קייעט עס, קייעט עס, ביז ער קומט צוריק אין שטוב אַרויף און גיסט־אויס זיין כעס אויף דער עלטסטער, אויף דער טויב, וואָס לאָזט זיך: „אַז אין אַלעם איז זי שולדיק!" קוקט זי אים אָן, די עלטסטע, מיט אירע גרויסע אויגן פונעם איינגעשרומפּענעם פּנים אַרויס, מיטן לאַנגן פויגל־

דיקן האַלדז, מיט אַזאַ בליק, וואָס צערייסט דאָס האַרץ. קרעכצט די מאַמע פונעם קראַנקן־בעט אַרויס:

— משה, משה קום נאָר אַהער.

גייט ער צו:

— וואָס ווילסטו, נעבעך?

בויגט זי זיך איין און רוימט אים אין אויער אַריין:

— משה, וואָס טוסטו? וואָס פאַרגיסטו איר בחנם דאָס בלוט? דער־פאַר ווייל זי איז אַ טויב?

זעט דאָך משה „פּאָקזשיוועע", אַז דאָס ווייב האָט רעכט, ווערט זיין האַרץ ווייך איבער דער טאָכטערס מזל. וואָס פאַרא „טאַטעריש" האַרץ האָט ער? ווייל ער איר זאָגן אַ גוט וואָרט, קאָן ער נישט. אַזאַ נאַטור האָט שוין משה „פּאָקזשיוועע". גיט ער אַ לויף־אַראָפּ אין בית־מדרשל אַריין און כאַפּט דעם ערשטן בעסטן ספר און הייבט זיך אָן דעריבער צו שאָק־לען מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ גוואַלט, אַז ער פאַרטומלט אַלע...

נאָר דערפאַר, אַז עס קומט שבת נאָכמיטאָג, האָט שוין גיטעלע אַ פאַרגעלטונג פאַר אַלע צרות און פּורעניות. דער טאַטע שלאָפט אויפן חומש, די מאַמע מיט די ברילן אויף די אויגן אין בעט ביים צאינה וראינה, די שוועסטער, ביזן האַלבן לייב מיט שמעקעדיקן זייף אָפּגעוואַשן, אַרויס מיט די יונגען שפּאַצירן. אַרום איז גן־עדן־שטיל. הילט זיך גיטעלע אין איר טיכל איין און זעצט זיך אויף דעם הילצערנעם באַלקאָנדל, וואָס גייט אויפן הויף אַרויס. דאָ איז איר „גילדן טורעמל" און זי ווערט פאַר־וואַנדלט אינגאַנצן אין דער איידעלער „רעבעקאַ" און וואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף רודאָלפן, וואָס באַדאַרף קומען פון גניעזנאָ מיט אַ „שטרויס בלומען" אין זיין האַנט...

פון דער אַנטקעגן־געלעגענער אָפּיציגע, ווו עס געפינט זיך די וועב־שטול, פירט דער אַלטער טאַטע אַרויס דעם שלאַקריוודיקן יונג און זעצט אים אַוועק אויף דער שוועל פאַר דער טיר צו כאַפּן לופט. דער שלאַק־ריוודיקער יונג האָט אַ ביטער מויל. דער הויף זאָגט אויף אים: „ווען אַ קאַץ האָט זכרון און דער יונג קאָן גיין, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט".

אַזוי שלאַקריוודיק ווי ער איז, און אַזוי ווי ער זיצט איבעראַנאַנד, ווייס ער אַלצדינג, וואָס ביי וועמען טוט זיך אין טאָג און איז אויסגע־

קאַכט מיט אַלע געשעענישן אין הויף. אויף אַלעמען האָט ער אַ בייטש, און קיינעם לאָזט ער נישט דורך אַ טרוקענעם, ווער עס באַווייזט זיך נאָר אין שטח ערד, ווו זיין מויל קאָן דערגרייכן. נאָר גיטעלע איז דער איינציקער מענטש, פאַר וועלכן דער שלאַקריוודיקער יונג האָט אַ וואַרים געפיל. אז ער דערזעט זי, איר גלאַטיק געקעמטן שייטל־קאָפּ און די שאַר־פע, גרויסע אויגן אַרויסקוקן פון איר בלייך־לענגלעך פּנים, ווערט אים אין האַרץ אַזוי וואַרים, אַז גאַוועד הייבט אים אָן צו רינען פון מויל און ער קאָן אים נישט קאָנטראָלירן. ער וויל איר דענסטמאָל זאָגן אַ גוט וואָרט — אַ וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן אָט דאָס וואַרימע געפיל, וואָס איז גע־וואָרן רייף אין זיין האַרץ צו איר. און שטענדיק קומט עס אַרויס קאַפּויר. אַנשטאָט דעם גיט ער איר אַ שטאָך. ער וויל עס גאָרנישט, נאָר עס איז ווי ס'וואָלט ווער דאָס גוטע וואָרט פון מויל אַרויסגענומען און אַריינגע־געבן דאָס שלעכטע. ווי ער וואָלט עס נישט געקאָנט קאָנטראָלירן, פּונקט ווי דעם גאַווער איצט, אויף וועלכן גיטעלע מוז קוקן און עקלען זיך. האַלט ער זיך איין און זאָגט גאָרנישט. נאָר קוקט מיט זיינע אויגן אויף איר. גיטעלע פילט דעם וואַרימען בליק זיינעם, וואָס שמאַכט־אַרויס אומהיל־פיק פון זיינע אידיאָטישע אויגן און לאָזט זיך וואַרימען פון זיינע בליקן. וואָלט אַלצדינג געווען גוט, ווען דער שלאַקריוודיקער יונג וואָלט נאָר גע־קאָנט שווייגן. קאָן ער זיך אָבער דאָך נישט איינהאַלטן, טראַכט ער, טראַכט ער וואָס צו זאָגן, און ער געפינט:

— גוט־שבת, גיטעלע.

ענטפערט אים גיטעלע אָפּ פונעם בוך אַרויס:

— גוט־שבת, דוד.

פרייט ער זיך, דער שלאַקריוודיקער יונג, איבער דעם, וואָס ער האָט געקאָנט זאָגן אַ גוט וואָרט און איז צופרידן: גוט געווען — טראַכט ער זיך — און מיט זיך און וואַגט זיך ווייטער, ווי אַ קינד פרוווט שטעלן אַ טריט.

— עפּעס אַ שיין מעשה־ביכעלע, וואָס זי לעזט? — פרעגט ער פון דער שוועל אויפן הילצערנעם באַלקאָנדל אַרויף.

— יאָ, דוד, אַ שיין ביכל. אַ ראָמאַן צווישן אַ גראַף מיט אַ גרע־פין.

פּרייט ער זיך ווידער. גוט געווען. און ווי ער פּרייט זיך אַזוי אויף זיין דערפאַלג, פּלאַצט ער פּלוצים אַרויס:

— דיינע שוועסטער פירן ראָמאַנען און דו לייענסט ראָמאַנען. הע, גיטעלע. — רופט ער אויס מיט אַן אידיאָטיש לאַכן, וואָס קומט־אַרויס פון זיין פאַרקרימט מויל, ווי אַ יאַכץ פון אַ חיה לייגט זיך אים אויפן פּנים.

גיטעלע הייבט זיך אויף פונעם באַלקאָנדל און זאָגט אים נישט קיין וואָרט, גייט־צוריק אין שטוב אַריין.

דער שלאַקריוודיקער יונג העקלט זיך אין איר איין מיט זיין בליק, ווי ער וואָלט זי געוואָלט צוריקהאַלטן. נאָר ער קאָן עס נישט טון. פּונקט אַזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט קאָנטראָלירן דאָס ביטערע וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל אָן זיין ווילן.

ער האָט פאַרטשעפּעט זיין שטומען בליק אין דער ליידיקער וואַנט, וואָס איז אים געשטאַנען אַנטקעגנאיבער זיין פּנים, האָט אויסגעדריקט אַ הילפלאָזע אידיאָטישע מינע, פּונקט אַזוי ווי אַ קינד, וואָס לערנט זיך שטעלן טריט — און איז געפאַלן אומבאַהאָלפן.

קאַפּיטל 6

„דער אָרימער גאָט"

אויפן הויף שטייט אַ צוזאַמענגעקלאַפּטע געביידע פון נייע ברעטער מיט אַלטע שינדלען, ווי אַ גאַנץ־יאָריקע סוכּה. דאָרטן וווינט דער אָרימער גאָט פון די איינוווינער פון הויף. זיין הויז איז נישט רייכער פון זייערס. עס צייכנט זיך נישט אויס מיט קיין מער ריינקייט, ווי די הייזער פון זיינע גלויבנדיקע. איבערן אָרון־קודש הענגט אַן אָרים ציצן־פּרוכתל. אַן אַלטעגלעך „והוא רחומדיק" עמודל, אויף וועלכן עס ברענט זיך אין אַן אָפּגעבראָכענעם לייכטער אַ ליכט. איבער טישן זענען גמרות פאַרשפּרייט. און פּונקט אַזוי ווי דאָס קלאַפּן אין די וועב־שטולן, דאָס הודזשען פון די ניי־מאַשינען, — הערט זיך פון דאָרט דאָס טאָג־טעגלעכע בית־מדרש־ניגונדל פון אָרימע ישיבה־בחורים, באַזאָרגטע קעסט־לייטלעך

און טרויעריקע יידן, — דאָס גמרא־נגונדל וואָס דערמאָנט אין קאַלטע „והוא רחומס”, אין האָפענונגסלאָזע לעבנס.

שטייט ער, מירקין, אין מיטן הויף און קוקט זיך צו דער אָרימקייט צו, וואָס רינגלט אים אַרום. ער גייט־אַריין פון צייט צו צייט צום „אָרי־מען גאָט” אין בית־מדרשל און קוקט זיך צו די יידן צו. הערט זיך איין צו זייער געבעט, צו זייער דאַווגען און לערנען. ער פילט עפּעס אַן אומ־דערקלערבאַרע שוואַכקייט צום „אָרימען גאָט”, וואָס וווינט אויפן הויף. ער ווייסט גישט, צי ער מעג יאָ, צי ער טאָר נישט. דאָך טוט ער עס. ער, אַ ראַדיקאַל, אַ מענטש, וואָס גלויבט אין פּראָגרעס, און וואָס האַלט זיך פאַר אַ שטיקל סאָציאַליסט, כאָטש ער באַלאַנגט נישט צו קיין אויס־געשפּראָכענער פּאַרטיי, ער פאַראינטערעסירט זיך מיט אַזעלכע זאַכן! ער האָט געמוזט צוגעבן, אַז עפּעס וואָס האָט אים געצויגן צום „אָרימען גאָט”. ער איז געווען נייגעריק צו באַקענען זיך מיט אַלעם, וואָס עס טוט זיך דאָרט מיט די בחורים, וואָס לערנען דאָרט מיט ווילדע געזאַנגען. ער פלעגט אין די אָוונטן אָפּטמאָל אַריינקומען און אוועקזעצן זיך אין אַ ווינקל און צוקוקן זיך ווי אַ פרעמדער, איינהערן זיך אין די פאַרנאַכטן צו דעם דאַווגען פון די פּראָסטע אָרימע יידן, וואָס קומען־אַריין אין שו־לעכל אין זייערע גאַסן־קליידער, אַראָפּ פונעם האַנדל, פון דינגען זיך, פון שעלטן. אויף די פּישערס הענט האָבן נאָך געקלעפּט די שופּן פון די פיש, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט אין מאַרק. די קצבים פון דעם דערבײ־איקן שעפּסן־מאַרק זענען אַריינגעקומען נאָך אַרומגעוויקלט מיט די שטריק, מיט וועלכע זיי האָבן געפירט זייערע בהמות. די גאַרבערס, די שוסטערס זענען שוואַרץ געווען פון דער אַרבעט, נישט אָפּגעוואַשן. און די קרעמערס זענען געקומען אין גאָטס הויז אַריין אין זייערע באַמעלטע קאַפּאָטעס און באַמעלטע היטלעך. פעדים האָבן געשטעקט אין די פאַר־פלאָנטעוועטע בערד פון די שניידערס. זיי האָבן זיך אין מיטן דערינען אוועקגעשטעלט — אַן יעדן צוגרייט, אַן יעדער הכנה, — אַזוי ווי זייער גאָט וואָלט געווען איינער פון זיי. מען באַדאַרף זיך גאָרנישט מיט אים צערעמאָניעווען. ער פאַרשטייט זיי אויפן ווונק. מען מאַכט־אָפּ מיט אים אַ געשעפטל אויף דער פלינק. איינער פון זיי כאַפּט־אַרויף אויף זיך אַ שמוציקן טלית, שרייט־אָפּ עפּעס מיט אַ הייזעריקן געבייזער אַ שמונה־עשרה, די אַנדערע יאָגן אים נאָך און קאָנען אים נישט דערכאַפּן...

אָפּגעדאַווּנט, אויסגעשפּיגן, אָפּגעגעבן דעם גאָט דאָס זייניקע — און אַנטלאָפן. אַ פּאָר בטלנים, אַלטע יידן, אַזעלכע, וואָס האָבן נישט וואָס בעסערס צו טון, בלייבן־איבער, האַלטן זיך אויף אַ דערווייל — מורמלען אַ קאַפּיטל תהלים ביי אַ קאַרג באַלויכטן ליכטל פון שטענדער אַראָפּ. דאָ און דאָרט שלומערט אַ ייד מיט דער באָרד פאַרשפּרייט אויף אַ חומש. אַ קאַלטער, הונגעריקער בחור מיט אַ פּון בלוט אויסגעזויגט פּנים, שאָקלט זיך שטום איבער אַ גמרא. לאַנגע פּאות ציטערן. דער מיט חשק, מיט ברען, אַן אַנדערער — אָפּגעלאָזן, פאַרלאַנגווייליקט.

אין אַ ווינקל ביי אַ ליכט זיצט אַ ווייס באַבאָרדעטער ייד. זיין גרוי־סער שטערן גלאַנצט־אַרויס פון אונטער דעם היטל, און ער שאָקלט זיך פרום איבער אַ ספר. אין אַ ווינקל דאָ און דאָרט, אין טונקלקייט פאַר־שטעלט, שטייט אַ משה „פּאָקזשיווע", אָדער אַ חיים „קלאָפּאָט". זיי לענען־אָן זייערע פּנימער אויף דער קאַלטער וואַנט פונעם בית־מדרש און ברומען: „טאַטע אין הימל, העלף מיר!" ביי דער טיר, ביים קאַסטן שמות, זיצט אַ קליינטשיק ווייבעריש יידל מיט אַ טוך פאַרבונדן דאָס פּנים, פון וועלכן עס שטאַרצט־אַרויס אַ קליין ווייס בערדל, אַ פּאָר קינדישע בלאָע אויגן. ער זעט־אויס ווי אַ קינד, אין וועלכן די מאַמע האָט פאַרגעסן. ער האַלט זיך אַ קליין ליכטל אין דער האַנט און לייכט זיך אַליין צו אין תהילימל. ער קאָן גאָרנישט מער, נאָר תהלים זאָגן. און אַלט איז עס, און שטאַרבן וויל עס — גרייט עס זיך אָן „אַ טרוקן שטיקל ברויט". אַבי נישט מיט לייזיקע הענט צו קומען אויף יענער וועלט...

מירקין האָט זיך צוגעקוקט צו די דאָזיקע סצענעס, און אַ מאָדנע געפיל האָט אים אַרומגענומען. ער האָט גרויס רחמנות געקראָגן נישט נאָר אויף די מענטשן, נאָר אויך אויף דעם גאָט, וואָס וווינט דאָ. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער יידישער גאָט, וואָס וווינט דאָ, איז איי־נער פון זיי. אַן אָרימער ייד פּונקט אַזוי ווי זיי. ער האָט איבערגעלאָזט זיין גלאָריע אין הימל און האָט זיך אַריינגעצויגן מיט די דאָזיקע יידן אין זייער אָרימקייט אויף דעם שמוציקן, שטינקענדיקן הויף. דאָ, צווישן די וועבערס, שוסטערס, שניידערס, קצבים און פישער־יידן, דאָ האָט ער אויפגעעפנט זיין שולעכל. זיי האָבן אָנגעהאָנגען אויף זיין ארון־קודש אַ שמוציק, אָרים ציצענעם פּרוכתל, — אַ קלייד פון זייער קלייד. זיי צינדן־אָן פאַר אים אַן אָרים ליכטל, — דאָס ליכט פון זייער הויז. זיי טיילן

זיך מיט אים מיטן אָרימען טעגלעכן ברויט וואָס זיי עסן. ווען זיי האָבן צייט, קומען זיי אַריינצולויפן אין זייערע וואָכנדיקע קליידער און זאָגן־אָפּ אויף דער שנעל אַ לויב־געזאַנגל, אַ קדושהלע, — און לויפן־אַרויס.

ער פאַרשטייט זיי. זיי האָבן, נעבעך, קיין צייט נישט. די פּרנסה פאַרן ווייב און קינדער איז שווער. דער יידישער גאָט ווייסט, ווי שווער עס קומט דעם יידן אָן דאָס ביסעלע חיונה. ער גייט מיט זיי אויף די מערק. ער שטייט מיט יעדן ייד הכנעהדיק ביי דער טיר פון פּריץ — אַ סאָד דינגען, אַ פיש־סטאַוו אָדער אַ קיעלע איינצוהאַנדלען. און אַז דעם פּריץ פאַרווילט זיך, גיט ער אַ צופּ דעם ייד ביי דער באָרד, צופּט ער שוין איינצייטיק דעם „יידישן גאָט" אויך ביי דער באָרד. און דער גאָט לאָזט זיך. ער איז הכנעהדיק, אַזוי ווי דער ייד. און אַז עס האַלט שוין גאָר שלעכט, אַז דער ייד גייט־צוריק פון דאָרף מיט אַ ליידיקן זאַק, — דער פויער האָט נישט געוואָלט פאַרקויפן דאָס קעלבל, — זאָגט ער צום גאָט, וואָס גייט נעבן אים:

— נו, וואָס וועלן מיר איצט טון?

ענטפערט אים אָפּ דער יידישער גאָט:

— זאָרג דיך נישט, מיין שותף. עס וועט בעסער ווערן.

מירקין האָט פון קינדהייט אָן געהאַט אַן עקל צו שמוץ. ער האָט עס ממש פיזיש נישט געקאָנט איבערטראָגן. אַז ער האָט דערזען אומזויבערקייט, האָט אים אָנגעהויבן צו גאָגן און צו נודזשען. וויפיל ער זאָל נישט אַרבעטן איבער זיך לעצטנס, עקשנותדיק נויטן זיך „אַרויסצושלאָגן דעם מפונק", האָט ער עס דאָך נישט געקאָנט איבערטראָגן. געוויס, ער האָט זיך שוין צו געוויסע זאַכן צוגעוווינט. אָבער אַרום אים האָט געמוזט זיין ריינקייט — אין דער גרעסטער אָרימקייט. אָפּטמאָל האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אַז פיזישע אומריינקייט וואָלט געווען די איינציקע סיבה, וואָס וואָלט אים געקאָנט ברענגען צו זעלבסטמאָרד.

אין דער וווינונג, וווּ ער האָט געוווינט אויפן לאָדזשער הויף, איז געווען מער אָדער ווייניקער ריין. צי דערפאַר, ווייל עס האָבן זיך געפונען פיר מוידן, צי אפשר אויך דעריבער, וואָס די עלטסטע, די בוגרת איז ביים ערשטן אָנבליק, ווי זי האָט דערזען מירקינען, נישט געווען גלייכגילטיק צו אים (די דאָזיקע שוואַכקייט האָט זי אַרויסגעוויזן צו יעדן יונגנמאַן, יעדן בחור, מיט וועלכן עס איז איר אויסגעקומען זיך צו

טרעפן; צוליב די פילע ראָמאַנען, וואָס זי האָט געלעזן, האָט זיך איר פאַנטאַזיע צעשפּילט, טאָמער איז עס דער בן־מלך). האָט זי, די עלטסטע, געהאַלטן זיין שטיבל אין אַ מער אָדער ווינציקער ריינעם צושטאַנד. מיר־קין האָט באַמערקט, יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען אין זיין שטיבל אַריין, אַן אויפמערקזאַמקייט: אַ קאָקעטיש בענדל, פאַרבונדן אין אַ שלייף איבער דעם לאָמפּ, אַ פּאַפּירן בלימל אַרויפגעלייגט אויפן קליינעם קישנדל פון בעט.

דער הויף אָבער און אַלצדינג אַרום זיין שטיבל זענען געזונקען אין שמוץ. צום מייסטן אָבער דאָס בית־מדרשל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן הויף. פּונקט אַזוי ווי זייערע שטובן, האָבן זיי אויך דאָס הויז פון זייער גאָט נישט באַשאָנקען מיט אַ באַזונדערער ריינקייט. אַ שטענדיקע בלאָטע איז געווען אויף דער פּאָדלאָגע אַרום דעם פאַס פון הענט־וואַשן. די ווענט, די טישן, די גמרות האָבן זיך געקלעפּט פון שמוציקייט.

אַז מירקין האָט עטלעכע מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט זיינע באַגליי־טער אויף דער אומריינקייט, וואָס הערשט אין יידישע שטובן, און פאַר־וואָס מען טוט גאָרנישט וועגן דעם, — האָבן זיי אויף אים געשאָקלט מיט די פּלייצעס, נישט פאַרשטייענדיק:

— מיט וואָס פאַרא געדאַנקען ער טראָגט זיך אַרום!

די איינציקע, וועלכע האָט דאָס פאַרשטאַנען, איז געווען די פרוי הורוויץ, אָבער זי האָט אויך גאָרנישט געקאָנט העלפן. דער „זשאַכלינער״ האָט אים אָפּגעשיקט צו דער צייט, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען. אַלע וועלן דענסטמאָל לעבן אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זיי וועלן במילא שוין זיין ריין. די איינוווינער, זיינע שכנים, האָבן אים אויף דער דאָזיקער פראַגע אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם:

— אייער זאָרגן אויף מיר געזאָגט געוואָרן. גיט אונדז אַ פּאָר דינסטן, וועלן מיר זיין ריין, — האָט מען אים דערויף אָפּגעענטפערט.

מירקין האָט עס נישט געקאָנט אויסהאַלטן. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק שטיקט זיך און טונקט זיך אין איין גרויסער בלאָטע, ער האָט באַ־שיינפּערלעך געזען, ווי אַרום אים וואַקסט דער שמוץ ווי אַ מבול.

איינמאָל איז אים עפּעס איינגעפאַלן. אַ משוגענער געדאַנק איז אים געקומען אויפן זינען. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַלץ הענגט אָפּ פון ריינקייט. צוערשט, גאָר צוערשט, באַדאַרף מען די בלאָטע אַפּריי־

ניקן, דאָס איז דער ערשטער חוב. און ער, ער באַדאַרף זיך נעמען דערצו.

איינמאָל, אַז ער האָט עס שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן, איז ער אַראָפּ אויפן גאַס און געקויפט אַ בעזים, — יאָ, געקויפט אַ בעזים אין אַ געוועלבל, — און אַריין אין שמוציקן בית־מדרש, און זיך אוועקגע־שטעלט אויסקערן די פּאָדלאָגע. — קאָן מען זיך פאָרשטעלן דעם אָנ־געלויף פונעם גאַנצן הויף אַרום דעם בית־מדרשל, אויפן בייזן וווּנדער, ווי דער „משוגענער ליטוואַק" וואָס וווינט אין הויף, שטייט און קערט דאָס בית־מדרש.

ס'איז געוואָרן אַ געלויף, אַ בייז געלעכטער אַרום אים. מירקין שטייט מיט אַ פאַרביסענער עקשנות אין וואָלקנס שטויב, וואָס האָבן זיך אויפגע־הויבן פון דער פּאָדלאָגע אַרום די באַוועגונגען פון זיין בעזים, פון די שמוציקע ווינקלען, פון די ווענט — אַז ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער וועט אַליין באַלד דערטרונקען ווערן אין דעם שטויב און מיסט — ביז ס'האָט אים ווער אַרויסגענומען מיט אַ בלייך שמייכעלע דעם בעזים פון דער האַנט.

— גייט שוין, גייט. ס'איז דען פאַר אייך אַזאַ אַרבעט?!

ס'איז געווען משה „פּאַקזשיוועס" בלייכע טאָכטער, גיטעלע, וואָס האָט אים אַרויסגענומען דעם בעזים פון דער האַנט און זיך גענומען דאָס איבריקע צו טון.

— ער האָט דען נישט רעכט? — קרעכצט אַ יידענע אין הויף.

נאָר סיי ווי סיי האָט מען פון דענסטמאָל אָן מירקינען געהאַלטן אויפן באַלוטער הויף פאַר אַ „משוגענעם ליטוואַק".

***

נאָר איין־איינציק מאָל האָט ער דערזען דעם „אָרימען גאָט" אין זיין גלאָריע. דאָס איז געווען פרייטיק־צו־נאַכטס. דער גאַנצער הויף האָט מיטן פאַרנאַכט אויפגעהערט צו קאָכן. די וועב־שטולן האָבן אָפּגעשטעלט זייער וואַכנדיק, לאַנגווייליק קלאַפּן און די שניידער־מאַשינען — זייער נעיענ. דער הויף איז געוואָרן אויסגעקערט, דער מיסט־קאַסטן באַשמירט מיט ווייסן קאַלך — און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פון די שטובן אַרויס קינדערלעך. מיידלעך מיט אָפּגעצוואָגענע קעפּלעך, מיט

סטענגעס פאַרפּוצטע, איינגעפאַלאַכטענע הערלעך, און יינגלעך מיט אָפּגע־וואַשענע פּנימער און גאַנצע קאַשקעטלעך, וואָס דאָס איז געווען אזא נייַ־קייט, אז ס'האָט באַלד פאַרענדערט דעם הויף. פון די שטובן ארויס האָט זיך אָנשטאָט דעם וואָכנדיקן מאַשין־אייל־גערוך, דערפילט דער פעפער־דיקער געשמאַק פון געקאָכטע פיש. אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן פון די געהאַקטע ציבעלעס. מיט דער אויסגעשטערנטער בלייכער נאַכט האָבן זיך אין די פענצטער אָנגעצונדן ליכט אין גלאַנצנדיקע מעשענע לייכטערס, אויף שבתדיק געגרייטע טישן, און מיט דער פערלדיקער באַ־לייכטונג פון אָוונט־הימל זענען מיטאַמאָל די ווענט פון די הייזלעך פאַר־ענדערט געוואָרן. זיי האָבן אויסגעקוקט אויסטערליש פרעמדאַרטיק, ווי א געמעלדל פון א ביכל אַרויס.

אויבן אויפן הילצערנעם גאַניקל האָט זיך אויך באַוויזן דער שבת. ליכט האָבן געברענט אין די פענצטער. און אויפן הילצערנעם גאַניקל האָט זיך באַוויזן דאָס בלייכע פּנים פון גיטלען מיטן בוך אין דער האַנט. איר קאָפּ איז אויך געווען ווי די קינדערס — געצוואָגן, און די האָר שייטל־אַרטיק פאַרקעמט, אין צוויי לאַנגע צעפּ. האָט זיך געדאַכט, אז אויבן אינעם שטיבל איבערן גאַניקל, פון וואַנען עס ברענען די ליכט אין פענצטער דורך די אויסגעשניטענע פּאַפּיר־פאַרהענגלעך, וווינט נישט א ייד, וואָס הייסט משה „פּאַקזשיווע" און האָט א „זמאַרטוויענע" מיט טעכטער, נאָר עס זיצט איינגעשלאָסן אויבן אין איר טורעמל א בלייכע בת־מלכה, שלמה המלכס טאָכטער. און אָדלער ברענגט איר צו שפּייז לויטן באַפעל פונעם קיניג. און עס דאַכט זיך, אז גיטלס שוואַרצע אויגן קוקן פונעם בלייכן פּנים אַרויס אויף דעם בן־מלך, איר באַשערטן, וואָס דער אָדלער באַדאַרף ברענגען אויף זיינע פליגל צו איר געפלויגן...

און דאָס בית־מדרשל הייבט זיך איינציקווייז אָן אָנצופילן מיט בערד־באַוואַקסענע יידן. עס פילט זיך דער געזונטער געשמאַק פון דזשע־געכץ און זייף. פון די האָר, באָרד און פּאות רינען נאָך די טראָפּנס פון דער מקוה, און די געוואַשענע העמדער קוקן אַרויס פון די קאַפּאָטעס מיט זייערע ברייטע פאַרלייגטע קאָלנערס. אַלע הענג־לאָמפּן זענען באַקליידט מיט ליכט. פון דער פּריש געוואַשענער פּאָדלאָגע גייט נאָך אויף דער דאַמף פון דער פייכטקייט. איבערן ארון־קודש הענגט דאָס נייע פּרוכת־ל און א ייד מיט א העלער שטימע זינגט האָפּערדיק דעם „לכה דודי".

מירקין שטייט אין א ווינקל. א פארוואונדערטער און א דערשראָקע־נער קוקט ער זיך צו צו דער ענדערונג. א געהיימע שיין באַלייכט דאָס אַלץ און נעמט עס אַרויס פון דער וואָכנדיקער אָרימקייט און פאַרפירט עס אין א פאַנטאַסטיש־שוועבנדיקער וועלט. עפּעס איז אַלצדינג יאָ רעאַל און נישט רעאַל — אָט די ברייט־ביי־ניקע יידן אין די נייע קאַפּאָטעס מיט די רויע, רויטע פּנימער, און דער אָרימער גאָט דאָרטן אויבן, א באַ־לויכטענער אין נייע ליכט, א גלאַנצנדיקער אין רויטן, רויען סאַמעט. עס דאַכט זיך אים, אז דער אָרימער גאָט זיצט א גאַנצע וואָך אין דער אָרי־מער שול און וואַרט, וואַרט, אז עס זאָל קומען דער שבת. שבת עפנט ער אויף א שפּאַלט פון זיינע שמאַטעס און ער באַווייזט דאָס מלכותדיקע קלייד, וואָס ער טראָגט אונטער זיי...

קאַפּיטל 7

דער יידישער פאַבריקאַנט

מירקין איז געזעסן קעגנאיבער דעם באַרימטן יידישן טעקסטיל־פאַבריקאַנט הענעך פלאַקס, אין זיין גרויסן אומהיימלעכן ביוראָ, וואָס ער האָט לעבן זיין שטאָט־פאַבריק. דער פאַבריקאַנט האָט אים אויפגענומען אינעם זכות פון זיין פאָטערס באַרימטן נאָמען, וואָס האָט פאַר מירקי־נען אַלע טירן אויפגעעפנט.

מירקין האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז ער וועט אָנטרעפן אויף א האַרטן, שטאַרקן מענטש, א מענטש, וועלכער האָט מיט זיין אייגענער ענערגיע אויסגעבויט אַן אינסטיטוציע, אַרום וועלכער עס לעבן א גאַנצע שטאָט מיט אַרבעטער. אַזא מענטש האָט געוויס אַן אומבאַצווינגלעכן כאַראַק־טער, וואָס שרייט־אַראָפּ פון זיין פּנים.

פאַר מירקינען איז אָבער געזעסן א חסידישער ייד. ער האָט גע־קאָנט אויסזען ווי א רב, וואָס איז געגנויט צוליב עפּעס א גזירה צו אָנטון זיך „דייטש", — מיט א גאַנץ איידל פּנים, וואָס האָט אפילו אויסגע־דריקט גייסטיקייט און יידישע דערשראָקנקייט. א זאַרגפעלטיק אויסגע־קעמטע, שוין מיט גראָע האָר באַזייטע, שוואַרצע באָרד — האָט נאָך מער געמילדערט זיין דעליקאַט בית־מדרש־פּנים מיטן הויכן רבנישן

שטערן. פון די שוואַרצע באַוועגלעכע אויגן, וואָס ער שטילט־איין, האָט אַרויסגעשיינט אַן אומרואיק שוואַרץ פייערל, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף באַהאַלטענע כוחות. זיינע „דייטשע” קליידער, דער שטייפער קאָל־נער, דער פיין געשניטענער, אייראָפּעאישער אַנצוג — זענען נישט גע־זעסן גוט אויף אים, אַזוי ווי ער וואָלט זיך נאָך נישט געהאַט צוגעוווינט צו זיי. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אויסברעכן די איידעלע חסידישע לאַנגע פינגער פון דער האַנט, געהאַלטן אין איין אויסקנאַקן זיי, און נישט געלאָזט מירקינען קומען צום וואָרט.

מירקין האָט זיך געווענדעט צו אים, ווי צום גרעסטן יידישן פאַברי־קאַנט אין דער שטאָט, וואָס האָט באַשאַפן איינע פון די גרעסטע טעקס־טיל-פאַבריקן אין לאַנד און באַשעפטיקט טויזנטער, טויזנטער אַרבעטער, — כדי בייַ אים זיך צו דערוויסן די סיבה, פאַרוואָס ער לאָזט נישט צו אין זיין פאַבריק קיין יידישע אַרבעטער. מירקין איז זיך געקומען מישב זיין מיט אים, וואָס מען קאָן טון אין דער דאָזיקער, פאַר יידן לעבנס־וויטיקער פראַגע, — וועגן אַן אייגענער דאַמף־פאַבריק, וואָס זאָל העלפן אַריבערפירן די יידישע וועבער־אַרבעטער פון האַנט־אַרבעט צו דאַמף.

אויף דער עצם פראַגע האָט דער פאַבריקאַנט גאָרנישט אָפּגעענט־פערט. עד האָט מירקינען נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און געהאַלטן אין איין פאַררעדן. דערציילט מיט רירנדיקע איינצלהייטן וועגן דער קאַ־לאָסאַלער אַרבעט, וואָס ער האָט אויפגעטון, וועגן דער געשיכטע פון זיין פאַבריק, וועגן די קאַטאַסטראָפעס, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, וועגן די געפאַרן, וועלכע ער האָט געהאַט אויסצושטיין, וויפיל מאָל ער האָט זיך שוין געטרונקען און אַרויסגעשווומען צוריק. דערבייַ אָבער האָט ער די פאַרדינסטן זיינע קיינמאָל נישט צוגעשריבן צו זיינע אייגענע פעאיקייטן, צו זיין אייגענער חכמה, נאָר צו אַ העכערער, מיסטישער, געטלעכער מאַכט, וואָס האָט אַלעם געלאָזט שטיין, און זיך אָפּגעגעבן מיט אים אינ־דיווידועל. אַט ווי דער מלך דוד וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און דער־ציילט וועגן זיינע מלחמות, וואָס ער האָט געפירט מיט די פּלישתּים. דערבייַ האָט ער פּסוקים פון קעניג דודס תהלים אין יעדן זאַץ אַריינגע־פלאָכטן און אויסגעטייטשט דעם מלך דודס תהלים אויף זיינע אייגענע מלחמות, אויף זיינע אייגענע נצחונות. ער האָט דערבייַ פרום די אויגן פאַרגלאָצט און מיט אַ רבנישן זשעסט די לאַנגע האָר פון זיין באָרד זיך

געגלעט, דעם פסוק אזוי געטייטשט און אזוי צוגעשניטן, אזוי ווי דער מחבר וואָלט אים ספּעציעל פאַר זיינעטוועגן אָנגעשריבן אויף באַשטע־לונג. ער האָט דערציילט וועגן די איינצלהייטן פון דער אַנטשטייאונג פון זיין פאַבריק מיט אַזאַ דערהויבענער וויכטיקייט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך נישט געווען געהאַנדלט וועגן אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג, נאָר וועגן אַ זאַך פון אַ העכסטער וועלט־געשעעניש, פון וועלכער עס הענגט־אָפּ דער שלום פון דער וועלט. ער האָט דערציילט, אַזוי ווי אַ גענעראַל דערציילט וועגן זיינער אַ וועלט־שלאַכט.

— וואָס בין איך מ׳שטיינס געזאָגט? אַ שוואַך מענטשל, אַ חסי־דישער יונגערמאַן נאָר. אַלצדינג האָט גאָט געמאַכט.

נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט פון אַלע זיינע דערפאָלגן דער־ציילט, מיט אַלע איינצלהייטן, האָט אים מירקין צוגעדריקט צו דער וואַנט וועגן דער פראַגע פון צונעמען יידישע אַרבעטער.

מירקין האָט גערעדט מיט אַ ווייטיקדיקן פּלאַם, וואָס זיינע לעצטע דערפאַרונגען אין לאָדזש, זיין לעבן צווישן די אָרימע יידישע וועבער, האָבן אַרויסגערופן ביי אים. ער האָט גערעדט וועגן דעם טויט־אורטייל, וואָס הענגט אויף די יידישע מאַסן, וועגן דעם, וואָס זיי ווערן אַרויסגע־שטופּט מחוץ־למחנה, וועגן איבערלאָזן זיי ביים מיטל־אַלטערישן האַנט־שטול, כדי זיי זאָלן אין איינעם אונטערגיין מיט אים. ער האָט גערעדט וועגן דער רשעות פון פרעמדע און דער גלייכגילטיקייט פון די אייגענע, וועגן דעם פאַרברעך, וואָס מען וויל באַגיין קעגן אַ מאַסע, נאָר דערפאַר, ווייל זי באַלאַנגט צום זעלבן פאָלק וואָס ער, דער פאַבריקאַנט. ער האָט גערעדט וועגן דער נויטיקייט אָנצוקניפּן די יידישע מאַסן אין דעם גאַנג פון גרויסן וועלט־לעבן, וועגן אַרויסשלעפּן זיי פון מיטלאַלטער און אַריינ־וועבן זיי מיט דעם מאָדערנעם לעבן. זיי דאַרפן ווערן אַ טייל פון דער אַרבעטנדיקער, שאַפנדיקער וועלט־קראַפט — האָט ער געטענהט — און נישט איבערבלייבן אין דעם גוססדיקן יידישן שמוציקן הויף, ווו די וועלט וויל אונדז האַלטן, ביז מיר וועלן דאָרט קראַפּירן, און מען וועט אונדז אויסקערן מיטן אַלגעמיינעם שמוץ.

דער גרויסער פאַבריקאַנט האָט זיך יאָ צוגעהערט און נישט צוגע־הערט צו מירקינס רייד. יאָ צוגעהערט זיך, ווייל, זעט־אויס, אַז אינע־ווייניק דאָרט אין האַרץ האָט אים יאָ עפּעס אָנגערירט; און נישט צוגע־

הערט זיך, װײל ער האָט מורא געהאַט צוצוגעבן, אַז עס אינטערעסירט אים, כדי ער זאָל נישט דאַרפן געבן אַ קאָנקרעטע תשובה, אויפדעקן די קאָרטן, אָדער זיך מיט עפּעס װאָס אַנגאַזשירן, װאָס ער װאָלט אַלס געני־טער סוחר געװאָלט פאַרלויפיק אויסמײדן. ער האָט אָפּגעװענדעט מיר־קינען מיט אויסמײדנדיקע װערטער.

— נו, גײט שױן גײט, — האָט ער זיך פאַרנײגט מיט אַ חסידיש העיװיהלע. — איז דאָס פאַר ײדן אַ געשעפט צו װערן פאַבריק־אַרבעטער? יעדער ייד האָט ליב צו זײן אַ באַלעבאָס פאַר זיך, צו אַרבעטן בײ זיך אין שטוב, אַז קײנער זאָל אים קײן דעה נישט זאָגן. מיר זענען בני־מלכים, — האָט ער צוגעשמײכלט, — מיר קאָנען נישט זײן קײן שקלאַפן... און װאָס װעט איר טון מיטן שבת? מילא, מיר זענען יחידים, מיר זענען גע־צװוּנגען דערצו. גיבן מיר זיך אַן עצה, װי װײט מען קאָן, באַנוצן מיר זיך מיט אַ שבת־גוי. כאָטש מײן פוס שטעקט נאָך נישט אין פאַבריק אַרײן שבת, פאַר אַ מיליאָן נישט, און איך האָב נאָך נישט אויפגעעפנט אַ בריװ אָדער אַ דעפּעש אין שבת. מעג עס זיך האַנדלען אין אוצרות, — אָבער דאָך װײס איך, אַז איך בין נישט אין אָרדענונג. מײן פערד אַר־בעט אין שבת. מיר װאָלטן אויך אַנדערש נישט געקאָנט עקזיסטירן, — אַ װעלט־פירמע! דער װעלט־מאַרק הענגט־אָפּ דערפון. אָבער אַ גאַנצע יידישע עדה? װער קאָן נעמען די אחריות אויף זיך? ניין, ניין, יונגערמאַן, עס איז נישט אַזױ אײנפאַך, װי איר מײנט. מיר זענען אַן אויסגעװײלט פאָלק. מיר זענען באַשאַפן פאַר עפּעס בעסערס. בני־מלכים, איר פאַר־שטײט? מוזן מיר באַצאָלן דערפאַר.

ענדלעך האָט מירקין עס מער נישט אויסגעהאַלטן, און איז אַרויס מיט אַ פּערזענלעכן אָנקלאָג קעגן דעם פאַבריקאַנט.

— װער האָט עפּעס פון אײער ענערגיע, אַ חוץ איר אַלײן?! אַ פאָלק מוז לעבן יאָרן און יאָרן, ביז עס װאַרפט אַרויס פון זיך אַזאַ ענער־גישע, שעפערישע קראַפט, װי איר זענט. בײ אַנדערע פעלקער, װען עס באַװײזט זיך אַזאַ קראַפט, שלעפּט עס מיט מאַסן: עס שאַפט פאַבריקן, בױט שיפן, בילדעט איבער אַ נאַציע, באַשאַפט אַרבעט פאַר טױזנטער. װאָס האָבן מיר פון אײער קראַפט? און װער האָט עפּעס דערפון?

דער פאַבריקאַנט איז טרויעריק געװאָרן בײ דער פראַגע. ער האָט

געזאָגט מיט אַ שטים, אין וועלכער מירקין האָט דערפילט די טראַגעדיע פון פאַרלוירענעם יחיד:

— איר מיינט, עס איז טאַקע מיין פאַבריק? אַז איך קאָן טון אין איר וואָס איך וויל? ניין, ניין, עס איז נישט מיין פאַבריק. עס איז דעם אינספעקטאָרס פאַבריק. איך בין דער שוואַרצער נעגער, וואָס באַדאַרף נאָר טון מיין אַרבעט און — שווייגן.

— דאָס איז דערפאַר, ווייל איר זענט איינער אַליין. די יידישע מאַסן זענען די אַרויסגעשטויסענע, די איבערגעבליבענע. דער יידישער פאַבריקאַנט געפינט זיך נאָך אין אַן ערגערער לאַגע. דערלויבט מיר צו זאָגן: דער יידישער פאַבריקאַנט אָן יידישע אַרבעטער־מאַסן — איז ווי אַ דאַר צווייגל אין דער ערד אַריינגעשטאָכן אָן אַ וואָרצל. איר זענט דאָך עלנט. און ווי אייער ענערגיע זאָל נישט זיין שעפעריש, וועט זי אַלץ פאַר־שריגן ווערן פאַר פאַראַזיטיש עקספּלואַטאַטאָריש, דערפאַר ווייל איר שטייט איינער אַליין. דורך דעם האָט איר קיין קראַפט נישט.

די דאָזיקע ווערטער זענען געווען ווי שפּילקעס אין אַ מכּה אַריינ־געשטאָכן. דעם פאַבריקאַנטס איידל פּנים איז פּלוצים בלייך געוואָרן. די לאַנגע, אויסגעקעמטע האָר פון זיין באָרד האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן, פונקט אַזוי ווי די שיין געשניטענע שאַרפע נאָזלעכער פון זיין לאַנגער, ביינערדיקער נאָז. די אויבערשטע דעליקאַטע ליפּ האָט זיך באַוועגט, און זיינע ביינערדיקע פינגער האָבן נערוועז געבאַמבלט איבערן טיש, און פון די אויגן זיינע האָט זיך מיטאַמאָל געשאָטן אַזאַ פייער, אַז מירקין האָט דערזען, ווי דורך אַ טיכל, ווי עס זאַמלען זיך אָן כּוחות, וואָס האַלטן זיך אויף אין דעם שוואַכן בויגעוודיקן, ביינערדיקן קערפּער.

דער פאַבריקאַנט האָט אַ לענגערע צייט געקוקט מיט אַ דורכדרינג־לעכן בליק אויף מירקינען. די אויבערשטע דעליקאַטע ליפּ זיינע האָט זיך פאַרקרימט, ווי אין אַ גרימאַסע צו וויינען, און ער האָט אָפּגעענטפערט:

— אפשר האָט איר רעכט. געוויס האָט איר רעכט. עס איז זיך נישטאָ וואָס צו פאַרשטעלן. מיין לאַגע, די לאַגע פון אַ יידישן פאַברי־קאַנט, איז נאָך טויזנט מאָל ערגער, ווי די לאַגע פון די אַרויסגעשטוי־סענע מאַסן. זיי זענען מאַסן, מיר זענען איינצלנע. איר זעט מיין טיש, ווי ער שטייט ביי דער וואַנט? די פענצטער פון מיין קאַבינעט זענען פאַרהאַקט מיט אייזערנע לאָדן. איך זיץ בייטאָג ביי עלעקטרישע ליכט.

דאָס איז נישט דערפֿאַר, וואָס איך האָב אַזוי פּיינט די זון, נאָר דערפֿאַר, ווייל איך האָב מורא, אַז אין איין שיינעם טאָג זאָל מיר נישט אין רוקן אַ קויל אַרײַנפֿליען הינטן־אַרום פֿון הויף, דורכן פֿענצטער. יאָ, איך זיץ מיטן רוקן צו דעם הויף פֿון מיין פֿאַבריק, פֿון מיין שטאָט, וואָס איך האָב אויפֿגעבויט, און איך האָב מורא, אַז פֿון הינטן זאָל מיך ווער נישט שיסן. איך בין געווען אַן אָרימער בית־מדרש־בחור. מיין פֿאָטער איז געווען אַן אַגענט פֿון דער פֿאַבריק. און איך האָב זיך אַרויפֿגעאַרבעט, אויפֿגעבויט איינע פֿון די גרעסטע טעקסטיל־פֿאַבריקן אין לאַנד, אין דער וועלט. מיט גאָרנישט, נאָר מיט מיינע פֿינף פֿינגער. ענגלאַנד גיט מיר מאַשינען אויף קרעדיט בלויז אויף מיין וואָרט. אַמעריקע און עגיפּטן — פֿלאַקס. יאָר־איין, יאָר־אויס וואַקסט די שטאָט. איך נעם אַרויס טויזנטער אומגליקלעכע פּויערים אַן ערד פֿון די דערפֿער, וואָס זענען פֿאַראורטיילט צו הונגערן, און איך גיב זיי באַשעפֿטיקונג. איך שיק־אַרויס רייזנדע איבער אַלע עקן וועלט, אין אַלע ווינקעלעך. איך האָב פֿאַר אונדזער לייוונט אויפֿגעעפֿנט די מערק פֿון סיביר, פֿון טורקעסטאַן, פֿון בוכאַרע, און ברענג צוזאַמען ענגלישע מאַשינען, אַמעריקאַנער פֿלאַקס און פּוילישע הענט. איך באַקלייד אַ האַלבע מדינה מיט העמדער, שלאָפֿנצייג. מיט גאָרנישט האָב איך עס געמאַכט, נאָר מיט מיין ענערגיע. און איך זיץ דאָ, ווי אַ פֿאַרברעכער. איך האָב מורא אַרויסצוגיין אויפֿן הויף פֿון מיין פֿאַבריק, וואָס איך האָב געבויט. און קוים דערוועג איך זיך, אונטער באַגלייטונג, יאָ אַמאָל אַרויסצוגיין, דערפֿיל איך די בליקן אויף מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ גנב, אַ רויבער. וואָס בין איך?! איך בין דאָך אַליין אַ געפֿאַנגענער. אַ געפֿאַנגענער אין מיין אייגענער שטאָט, אַ געפֿאַנגענער צווישן די מענטשן, פֿאַר וועלכע איך זיי און שנייד ברויט. זאָגט, קאָנט איר מיר אַן עצה געבן?

— יאָ, — רופֿט אויס מירקין מיט פֿייער. — נעמט צו אין אייער פֿאַבריק אויך יידישע אַרבעטער. זייט נישט אַליין, שטייט נישט אַליין. קריכט־אַרויף צוזאַמען מיט די יידישע מאַסן אויפֿן וועלט־וועג. דורך אייער מאַכט וואָלט איר טויזנטער יידישע משפּחות געקאָנט אָנקניפּן אין לעבן פֿון דער מדינה, און דורך דעם — אין דעם וועלט־לעבן. און איר וואָס טוט? — איר זענט אַליין אַנטלאָפֿן. די מורא איז שטענדיק דער שבר פֿון פּחדן. זייט מיר מוחל פֿאַרן וואָרט. דער דרייסטער לעבט מיט

אַלע, אָדער שטאַרבט מיט אַלע. איר האָט גענוג דרייסטקייט און מוט גע־האַט פאַר זיך אַליין אַרויפצוקלעטערן אויף דער לייטער. מיט אייערע עלנבויגנס האָט איר זיך אַ וועג אויסגעקעמפט צווישן שונאים. פאַרוואָס האָט איר נישט דעם מוט און די דרייסטקייט מיט אייער אויסגעשטרעק־טער האַנט אייערע ברידער צו העלפן אַרויפצוקריכן אויף דעם וועלט־וועג, ווו איר שטייט?

— יידישע אַרבעטער? — שמייכלט מיט זיין איידעלער ליפּ דער פאַבריקאַנט. — יידישע אַרבעטער? — שמייכלט ער נאָך אַמאָל איראָ־ניש. — און מיט זיי בין איך יאָ זיכער? מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך האָב דאָ יידישע אַרבעטער ביי מיר אין פאַבריק, וואָלט דער ערשטער שטאָך אין רוקן געקומען פון אַ יידיש מעסער.

— דערפאַר וואָלט עס אָבער נישט געווען קיין יידישער שטאָך, איר פאַרשטייט? — נאָר עס וואָלט געווען אַ קלאַסן־שטאָך. די וועלט שטייט אין קאַמף. אָבער די קוילן פון דרויסן, פאַר וועלכע איר שרעקט זיך, זענען באַשטימט נישט בלויז פאַרן פאַבריקאַנט, נאָר אויך פאַרן ייד.

— וואָס איז דער חילוק, מיין יונגער פרייגנט, פון וואָס פאַרא האַנט זי קומט, און וואָס זי באַצוועקט?

— יאָ, עס איז יאָ אַ חילוק, און איר ווייסט עס גאַנץ גוט: דער שטאָך פון יידישן אַרבעטער וואָלט געווען באַשטימט בלויז פאַרן פאַברי־קאַנט. דער ציל פון דער קויל איז אָבער אין האַרץ פון גאַנצן יידישן פאָלק.

— דאָס האָט איר רעכט, — האָט דער פאַבריקאַנט צוגעגעבן מיט טרויעריקייט. — אַזוי צי אַזוי, איך בין מאַכטלאָז. איך קאָן דאָ לחלוטין גאָרנישט טון, — האָט דער פאַבריקאַנט געזאָגט מיט רעזיגנאַציע.

— צי איר וועט אונדז יאָ העלפן, צי נישט, — האָט מירקין אויס־גערופן, — מיר וועלן זיך נישט לאָזן איינשליסן אין אַ נייעם געטאָ. די יידישע מאַסן וועלן קעמפן פאַר זייער וועלט־באַפרייאונג. מיט די נעגל וועלן מיר זיך אַריינגראָבן אין לעבן אריין, מיט די ציין וועלן מיר זיך אַריינבייסן און אָנהאַלטן זיך אינעם גאַנג פון דער וועלט. מיר וועלן זיך נישט לאָזן צוריקשטויסן און באַגראָבן אינעם שמוציקן יידישן הויף. מיר וועלן לעבן — צי איר וועט אונדז יאָ צוהעלפן, צי נישט, — להכעיס אַלע אונדזערע שונאים, סיי די אויסנדיקע, סיי די אינעווייניקדיקע. מיר וועלן זיך מיטכאַפּן אויפן וואָגן, אויף אַלע פעלדער, ווו עס וועט זיך נאָר

לאַזן: אין די פאַבריקן, אויפן פעלד. סיי דאָ ביי אונדז, סיי ערגעץ אַנ־דערשוואו. אַזוי לייכט וועלן מיר זיך נישט אונטערגעבן. די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך אויפגעכאַפּט צום לעבן, און זיי וועלן לעבן, טראָץ אייך אַלעמען, — האָט מירקין אויסגעשריגן מיט פייער.

דעם פאַבריקאַנט האָט אינטערעסירט און אַמוזירט מירקינס יוגנט־לעכער ברען. ס'איז אים אפילו געווען סימפּאַטיש דער גלויבן, וואָס שרייט אַרויס פון דעם יונגנמאַן, און ער האָט אומאָנגענעם זיך דעריבער געפילט, וואָס ער, ביי זיך אַליין, האָט נישט מער דעם גלויבן פאַר אַן אידעע און האָט נישט געפילט די וויכטיקייט דערפון. ער האָט איבער זיך אַליין פאַרדרוס געהאַט, ווייל דער פאַבריקאַנט האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מענטש, וואָס האָט דערגרייכט, — צוזאַמען מיט זיין דערפאָלג, — די העכסטע מענטשלעכע טוגענדן. און וויפיל זיין אייגנליבע האָט אים נישט פאַרשטעלט די אויגן, האָט ער דאָך דערזען די נאַקעטקייט, אין וועלכער ער שטייט, און ער האָט מיט איינמאָל דערפילט אַן עלענדישע פּרויעדדיקייט און אַ בענקשאַפט נאָך אַ גלויבן אין אַ זאַך, ווי עס האָט דער יונגערמאַן, וואָס זיצט קעגנאיבער אים.

— און וואָס וועט זיין, אַז די וועלט וועט אייך נישט צולאָזן? — האָט דער פאַבריקאַנט געפרעגט מיט אַ באַהאַלטענעם להכעיס־שמייכל אין זיינע ווייכע ליפּן.

— און זאָל אונדז טאַקע באַשערט זיין אונטערצוגיין, וועלן מיר די וועלט מיטשלעפּן מיט אונדז!

— ווי אַזוי?

— פּשוט: יעדע ענערגיע זוכט זיך אוים איר אויסוועג פאַר טעט־טיקייט. נוצט מען זי נישט אויס פאַר אַ בויענדע — פאַרוואַנדלט זי זיך אין אַ ווילדע, צעשטערנדע קראַפט, — זאָגט מירקין מיט אַ שמייכל.

וועגן די זאַכן האָט דער פאַבריקאַנט נישט געוואָלט הערן, זיי האָבן אים דענערווירט. און עס איז אים אויך נישט געפעלן מירקינס שמייכעלע דערביי. דעם שמייכל דערפילט ער הינטער זיין רוקן, אפילו דורך די פאַרהאַקטע פענצטער פון זיין קאַבינעט, וואָס שיינט אַרויס צו אים פון דער פאַבריק — דורך דער וואַנט אַדורך...

— נו, אויף היינט וועט עס דערווייל גענוג זיין. — מיר וועלן שפּעטער פאַרענדיקן אונדזער שמועס. ווילט איר נישט אָנקוקן זאַוויע־

רוכאָוו? איר וועט האָבן וואָס צו זען. דערנאָך וועלן מיר פאַרענדיקן אונ־דזער שמועס. אפשר וועט זיך עפּעס לאָזן מאַכן. — און ער האָט אָנ־געקלונגען אין זיין פּריוואַטן טעלעפאָן.

ס'האָט זיך באַוויזן אַ הויכער שלאַכטשיץ, אַ מאָגער פּנים מיט אַ מאָנאָקל אין אַן אויג, וועלכן דער פאַבריקאַנט האָט געהאַלטן ספּעציעל פאַר רעפּרעזענטאַנץ־צוועקן.

— באַקענט זיך. דאָס איז כראַביע זאַריצקי, אונדזער סוב־אינטענ־דענט, — זאָגט דער פאַבריקאַנט אין אַ גלייכגילטיקן טאָן, און נעמט דערביי אַ פּאַפּיר פון זיין טיש און גראָבט־איין זיין פּנים אין דעם.

— פּאַניע כראַביע, איר וועט אַזוי גוט זיין וויזן אונדזער באַזוכער זאַוויערוכאָוו. אַלצדינג וועט ער, פאַרשטייט זיך, נישט קאָנען זען, — זאָגט דער פאַבריקאַנט מיט אַ זעלבסטצופרידענעם שמייכל, וואָס ער האָט ווי אַ חסד געשאָנקען דעם כראַביע, אַרויסנעמענדיק זיין פּנים פון דעם פּאַפּיר. — נאָר די צוויי וויכטיקע אָפּטיילונגען וואָלט איך מיר גע־וווּנטשן, אַז ער זאָל באַזוכן: די שפּינערייען און די מאַשין־גיסעריי. און איך וויל דערנאָך אַ באַריכט הערן. גוט אַזוי? — האָט ער מיט אַ לייכטן שמייכל צוגעלייגט, וואָס איז באַלד פאַרלוירן געוואָרן אין דער ערנסט־קייט פון זיין באַגראָטער באָרד, און האָט איינגעגראָבן זיינע אויגן ווידער אינעם פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין פּנים מיט זיין ווייסער, דעליקאַטער, ציטערנדיקער האַנט.

קאַפּיטל 8

די אייזערנע שטאָט

איבער אַ גרויסן פלאַכן שטח ליגט אויסגעשפּרייט אַ שטאָט. דער מיטלפּונקט איז דער ברייטער פּלאַץ, ווו עס הויבן זיך אויף די גרויסע קוימען־טורעמס פון די אָוווּנס. אָרים זענען די גאַסן, לאַנגע, אומהיימ־לעכע; נישט קיין בלעטל גרינס, נישט קיין קינדער־שטים, נישט קיין ווייבלעכער שאָטן זעט זיך אין די גאַסן — ערנסט שטייען די פאַרקאַלכ־טע הייזער, אַלע אָפּגעפאַרבט אין איין רויטלעכן אוניפאָרם־קאָליר. נישט

קיין מענטשלעך לעבן הערט זיך פון זיי, נישט קיין הויזלעכע היימלעכ־קייט קוקט אַרויס פון די פענצטער און טויער. — די גאַנצע שטאָט איז צוגעדעקט מיט אַ דינעם קאַלך־שטויב, ווי נישט צעגאַנגענער שניי. אין דער לופט פּילט זיך אַ זווערער קראַכמאַלענער קאַרבאָל־גערוך פון בלייך־הייזער אַרויס.

קיין מענטשלעכע שטימען הערן זיך נישט אין דער ריזיקער פּוס־טער שטאָט. דערפאַר אָבער איז דער גאַנצער חלל פאַרנומען מיט אומ־מענטשלעכע שטימען פון אומגעזעענע חיות, — וואָס שטייען ערגעץ־ווו געפאַנגענע אין שטייגן. אַ באַשטענדיק אומהיימלעך טיק־טאַק־אָטעמען פון ווייט־געלעגענע מאָטאָרן, אַ סווישטשען פון אַפּגיסנדיקס זודיקס. אַ באַשטענדיק אַרבעטן פון איבערוואַנדלדיקע וואַסערן אין פּאַרעס. אַ רוישן פון איבערגעפילטע קעסלען — אַ קלאַפּן פון די אייזערנע וואַגאַנדלעך פון די טראַנספּאָרט־באַנען. אַ כאָרכלען פון די קייטן־גאָרגלען פון די „הויב־האַקנס", וואָס טראָגן באַלן פלאַקס ווי קינדער־שפּילן, און צעפירן זיי אין ערטער וווהין מען באַדאַרף, אַ פייפן פון די הויכע קעסל־טורעמס. אַזוי ווי די שטאָט וואָלט באַוווינט געווען פון אויסטערלישע, נישט די־וועלטיקע אייזערנע ברואים, וואָס אָטעמען מיט קייטענע לונגען און באַוועגן זיך מיט אייזערנע הענט און פיס...

צוערשט האָט מען מירקינען באַוויזן די מאָטאָרן־אָפּטיילונג, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צוצופירן פון דער צענטראַלע עלעקטרישע כוחות צו די וועב־מאַשינען. ווי אייזערנע הינט זענען געלעגן אין לעבער איינגעשפּאַנט די מאָטאָרן און אויף אַ מענטשנס באַפעל, וואָס איז גע־שטאַנען איבער זיי — אַ באַלעדערטער און באַאיילטער — האָבן זיי גע־האַלטן אין איין דרייען די לעדערנע פּאַסקעס ווי בלינדע שמשונים — די מיל־שטיינער. לאַנגע קאָרידאָרן האָבן זיך געצויגן מיט די פאַרשקלאַפטע אייזערנע הינט, צוגעשפּאַנט צו זייערע אייביקע רעדער, וואָס האָבן גע־טון זייער אַרבעט מיט אימפּעט, מיט געיעג — אָן אָפּשטעל, אָן אָטעם־כאַפּ. פאַרשאָלטענע געשמיסענע הינט. אַרום זיי האָבן זיך געדרייט די באַלעדערטע מענטשן ווי אָקסן־אָנטרייבערס, ווי וועכטער איבער געפאַנ־גענע, מיט גרויסע קאַנען שמיר־אייל, און דאָ און דאָרט אַ פאַרחלשטן מיט אַ טראָפּן דאָס חיות דערכאַפּט.

פון דעם מאָטאָרן־קאָרידאָר צו די גרויסע וועבער־האַלעס האָבן זיך

געצויגן — פאַרוואָרפן איבער די בעלקעס — לעדערנע פּאַסקעס און אָנגעטריבן די וועב־מאַשינען. די אייזערנע ברואים זענען געשטאַנען, די פּעלאָראַפּגעצויגן פון זיך, מיט זייערע אינגעווייניקס אין דרויסן, און מען האָט געקאָנט זען דעם גאַנצן געבוי פון זייער דעליקאַטן מעכאַניזם, — זייערע מעטאַלענע שפּרונג־נירן, דעם געוועב פון זייער „נערוון־סיסטעם". שטאָלענע און דראָטענע מוסקולן האָבן זיך געצויגן פון אַ פּאַרבאָרגן האַרץ און האָבן אָנגעפירט מיט די באַוועגונגען פון די אבֵרים. און אבֵרים האָבן זיי געהאַט ווי מענטשן, נאָר מיט פאַרצענפאַכטע טעטיקייטס־מעגלעכקייטן.

פון צייט צו צייט האָט אַזאַ אומהויטיקער מאַשינען־קערפּער אויסגעצויגן — ווי אויף קאָמאַנדע — מיט אַ פאָילנדיקער לאַנגזאַמער באַוועגונג, אייזערנע אָרעמס מיט צענדליקער פינגער. אויף זיין יעדן פינגער־נאָגל האָט געהאָנגען אַ קוים־אָנזעעוודיקער דעליקאַטער העקל, מיט וועלכן ער האָט אויפגעכאַפּט דעם אומאויפהערדיקן פּאָדעם־שטראָמל, וואָס די מאַשין האָט געהאַלטן אין איין אַרויסציען פון אירע בעבעכעס. דער אָרעם האָט זיך געגעבן אַ מענטשלעכן באַוועג און די פינגער אַ בויג, און די העקלען האָבן פאַרקניפּט דעם פּאָדעם, פאַרבונדן אים מיט די „אויגן" פון דעם גאַנצן לייוונט־געוועב, וואָס עס האָט געהאַלטן אין איין שפּייען פון זיך, ווי אַ גרויסע, טויזנטפאַכיקע שפּין, דער אָפּגעשונדענער אייזערנער גוף. דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים, איז נאָר געווען זיין באַדינער, כדי אים אָפּצוהיטן ווי אַן אָפּגאָט... ווי כוהנטעס האָבן די בלייבע מיידלעך געהאַלטן אין איין צוטראָגן שפּאָלערס ביינוולעסן פאַר דער מאַשינס מאָגן, געהאָלפן פאַרקניפּן אַ פּאָדעם, וואָס איז צופעליק איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם גאַנג פון דער מאַשינס קאָמפּליצירטן מעכאַניזם. פאַר איר — פאַר דער מאַשין — איז געשטאַנען איר כוהן־גדול, דער מייסטער, וועלכער האָט נאָר פון צייט צו צייט מיט דער ערנסטקייט פון עבודה גלייכגעמאַכט דעם „פאַד", קאָנטראָלירט אַ שרייפל, אָפּגעווישט מיט אַ טוך — ווי אַ געטרייע מוטער — דעם אייל־שווייס, וואָס האָט אַרויסגעזעצט פון דער מאַשינס פאַרבאָרגענע געדערים, אָדער אַ שטרענגן בליק געוואָרפן צו דער כוהנטע — צו דעם מיידל, וואָס האָט אים באַדינט, — צי זי טוט איר אַרבעט בשלמות.

אַזוי האָבן זיך געצויגן די אייזערנע אומהיימלעכע קערפּערס, וואָס

באַשטייען בלויז פון מעטאַלענע גערעדערים, איבער האַלעס און האַלעס, שטאַקן און שטאַקן, הייזער און הייזער. איינס נאָכן אַנדערן זענען זיי געשטאַנען ווי אויסגעמושטירטע סאָלדאַטן. און ווען מירקין האָט דערזען ווי די מעכאַנישע באַשעפענישן שטרעקן אייניצייטיק, — לויט אַ קאָמאַנדע — זייערע דאַרע אייזערנע אָרעמס, — איז אים אַ שווידער אַדורכגעגאַנגען איבער די ביינער. דער מענטש, דער אַרבעטער — איז געווען דאָ די טויטע מאַשין; די מאַשין — דער מענטש.

אין אַלע אָפּטיילונגען האָט ער געזען ווי אייזערנע פינגער פירן-אויס די איידעלע, קאָמפּליצירטע מענטשלעכע אַרבעט — און דער מענטש שטייט נאָר נעבן דער מאַשין, כדי זי צו באַדינען.

אין די שפּין-פאַבריקן האָט ער געזען, ווי הונדערטער אייזערנע פינגער גראַבלען זיך אַריין אין באַלעמס ביינוול און ציען אַרויס פון דאָרטן פעדים, פירן זיי אַליין אַדורך דורך זייערע אייגענע גערעדערים, וואָס אַמאָל דינער, דינער — ביז זיי באַווייזן ענדלעך די גרויסע קונץ-שטיק — און לאָזן דעם פאָדעם אַדורכלויפן דורך אַ פייערדיקן פלעמל, כדי אָפּצוסמאַליען די קוים מיטן אויג צו דערכאַפּן הערלעך אויפן דרים. דער פאָדעם ציט זיך אַדורך דורך אַ פייערל און אַליין ווערט ער נישט פאַרברענט...

אויווענס האָבן געפלאַקערט ווי גיהנומדיקע פייערן און באַגאָסן מיט רויטע פלאַמענדיקע ליכט מענטשלעכע פּנימער און גלאַנצנדיקע, פון שווייס אויסגעשמירטע, נאַקעטע לייבער. מענטשן האָבן נישט דערוועגט צו גיין נאָענט פון דעם ברענענדיקן גיהנום, און אייזן-שלעפּערס האָבן מיט אַ קייטן-כאָרכל אַראָפּגעלאָזט אייזערנע אָרעמס אין פייער אַריין, אָנגעכאַפּט מיט זייערע צוואַנגען-הענט אַ גליענדיקן שטאַנג, וועלכער האָט געשפּריצט מיט פונקען-צונגען, צוגעטראָגן זיי צו אַ ווערקשטעל, אַרום וועלכן די אייל-גלאַנצנדיקע מענטשן-לייבער האָבן ווי מילבן געקליבן זיך.

אין די בלייך-הייזער האָט ער געזען ווי די שטראָמען לייוונט קומען-אָן אַריינצוגיסן זיך פון די וועב-הייזער און וואַרפן זיך קאַסקאַדיש, ווי פאַלנדיקע טייכן, אין די אומהיימלעכע קאַלך-באַליעס, אין די קראָכמאַל-טונען — און פון דאָרט וויקלען זיי זיך אַליין אַרויס — און גייען צו די טריקן-הייזער, קריכן אין די פּרעס-מאַשינען. אַזוי האָט זיך דער שטראָם לייוונט געהאַלטן אין איין גיסן אָן אויפהער, אָן אָפּהאַלט... ווי זיי וואָלטן געוואָלט די וועלט פאַרטרינקען אין לייוונט...

מעכטיק־ריזיש האָט אויסגעזען די מאַשין, אָרים און קליין די מענטשן, די ווי פון שוויים גלאַנצנדיקע מילבן, וואָס קריכן אַרום די מאַ־שינען. אין די בלייך־שטויבן האָט ער געזען מענטשן־לייבער, וואָס זענען פון די כעמישע שטאָפן וואָטעוודיק געוואָרן, באַצויגן מיט אַן אומנאַטיר־לעכער בלויקייט. איינגעשרומפן, ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט אויס דעם זעלבן שטאָף, וואָס די לייוונט. די לייבער פון די גוס־אַרבעטער זע־נען געווען באַשפּרינקלט מיט שרויט־שפּריצן, באַגאָסן מיט אַ מעטאַלע־נעם שוויים. ווי גליענדיקע ווערים האָבן זיי אויסגעזען ביי די פלאַמענ־דיקע אויוונס, ביי די כאַרכלדיקע הענגערס. ווי נישטיק זענען די באַדין־מיידלעך געשטאַנען אַרום די פליסיקע, אַרבעטזאַמע שפּאָלער־מאַשינען און וועב־אָרעמס!

מירקינען האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַ פאַנטאַסטישער, פאַרכשופטער שטאָט, ווו עס לעבן אויסטערלישע ברוי־אים. טויזנטער מענטשלעכע לעבנס און ענערגיעס, פאַרשטאַנד און גע־פיל זענען דורך אַ כשוף־שפּרוך אַרויסגענאָגט געוואָרן פון לעבעדיקע קערפּערס און אַריינגעשפּריצט געוואָרן אין טויטע אייזנס. די דאָזיקע אייזנס האָבן אָרעמס, פינגער, אויגן און שכל — און טוען מענטשלעכע אַרבעט. און דער מענטש שטייט אַ פאַרשטיינערטער נעבן זיי. דער מכשף איז דאָרט יענער חסידישער יידל, וואָס זיצט מיטן רוקן צו דער וואַנט פון זיין ביוראָ ביי די אייזן־פאַרהאַקטע לאָדן, באַלויכטן נאָר מיט עלעק־טרישער ליכט, אין אַ שטענדיקער מורא, אַז ס׳זאָל נישט עפּעס קומען צעפליען צו אים פון הינטן. ער באַווייזט זיך קיינמאָל נישט אויף דער ליכטיקער שיין, אויס מורא פאַרן גולם, וואָס ער האָט אַליין געשאַפן.

און צו דעם מכשף איז ער געקומען בעטן פאַר זיינע ברידער: נאַ, נאַ דיר לייבער, מענטשלעכע הערצער. צי־אַרויס פון זיי דאָס היות און בלאָז עס אַריין אין נייע מאַשינען.

נישטיק און קליין, איינצל און פאַרלוירן האָט גאָר אויסגעזען דער מענטש אינעווייניק ביי דער מאַשין. באַלד אָבער האָט ער דערזען דעם מענטש אין זיין גאַנצער קראַפט און באַדייטונג.

פון די קוימענס האָבן זיך געשניטן פייפן. עס איז געקומען די שעה פון אָפּלעזונג. פון אַלע טירן און טויערן האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען מענטשן און אָנגעפילט די גאַסן פון דער פאַבריק־שטאָט, ווי אויף אַ

זונטיקדיקן מאַרק. דורך דעם גרויסן אייזערנעם פאַבריק־טויער, אַרום וועלכן עס שטייען די היטערס און נאַכט־וועכטערס — גיסן זיך אַריין נייע שטראָמען מענטשן פון דער גאַס. מענלעכער און ווייבלעכער כוח טרעפן זיך און מיידן זיך אויס. איינע אַריין, די צווייטע אַרויס.

עס זענען נישט מער קיין וואַטעוודיקע לייבער, קרענקלעכע, בלויע, איינגעשרומפּענע פון די בלייך־הייזער אַרויס, מילבן־פיגורן פון די גי־סערייען. עס איז אַ שטראָם פון מענטשלעכן כוח און ווילן. אין אים ליגט די מעגלעכקייט פון אַלעם. פאַר אים איז אַלץ געשאַפן — און ער האָט איבער אַלעם צו באַפעלן. מיט זיין ווילן שלאָגן די מאָטאָרן, דרייען זיך פּאַסקעס איבער רעדער, ציען אויס די טויטע מעכאַניזמען זייערע בלייערנע, קנאָכנדיקע אָרעמס, הייבן די שלעפּ־האָקנס מיט זייערע צוואַנ־גען־הענט דאָס אייזן פונעם פייער. און אַז ער וויל, זענען דאָס בית־עולמס, די מאַשינען — מעכאַנישע בר־מננס, און דאָס גאַנצע כשופדיקע שפּיל, וואָס דער מכשף האָט דאָרט אויסגעטראַכט, צעפאַלט זיך ווי אַ קינדער־שפּיל. דאָס איז דער אמתער, לעבעדיקער, באַוועגלעכער, דענ־קענדיקער כוח, מיט ווילן באַשאַנקען, מיט נשמה איינגעטיילט.

ער האָט געמוזט קלערן וועגן די איינגעהויקערטע קערפּערס פון די יידישע וועבער־אַרבעטער. ער האָט זיי געזען זיצן ווי געפאַנגענע, איינ־געוועבטע אין „פּאַך" פון „אויסגעשפּאַנטן בוים", אַזוי ווי פאַרימאַדיקע פליגן אין שפּינען־נעצן, און זיי אַנטקעגנגעשטעלט דעם כוח, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר זיינע אויגן.

זיין האַרץ איז איינגעשנורט געוואָרן אויס רחמנות. מען האָט אין זיי פאַרגעסן. און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז נישט נאָר בלויז די יידישע וועבערס פון לאָדזש זיצן דאָרט, צום אונטערגאַנג פאַראור־טיילטע ביי זייערע וועב־שטולן, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז מיט זיי געפאַנגען. אָט אין די וועב־פאַכן. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז אָנ־געשמידט צום האָלצערנעם וועב־שטול, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק זיצט דאָרט פאַרגעסן — פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג...

מיט קנאהדיקע אויגן האָט ער געקוקט אויף דעם מענלעכן און ווייב־לעכן כוח, וואָס האָט זיך געגאָסן פון דער פאַבריק אויף דער גאַס — און אויף דעם שטראָם צוריק. בחנם האָט ער געזוכט צווישן די פנימער אַ פנים פון זיינע ברידער.

ער האָט גאָרנישט געהאַט קעגן די מענטשן. פאַרקערט, ער האָט באַגלייט זייערע טריט מיט ברכות און האַרציקייט. עס איז דער גאַנג פון די גערעכטע און די מעכטיקע. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם קנאה־געפיל, וואָס האַלט אים אַרומגענומען אויף זיי. אַלץ געהערט זיי: דאָס פעלד אין דרויסן, סיי ווינטער, סיי זומער; דער אַקער און דער סערפּ, די בהמה אויף דער לאָנקע, דער גרינער וואַלד, די פליסנדיקע טייכן, און אויך די גרויסע, שטומע מאַשינען. זיי האָבן צו באַפעלן איבער די מאָטאָרן, איבער די מעכטיקע, גבורות־ווייזנדיקע געשרייען, איבער די איידעלע וועבערייען, איבער די שפּינערייען. אַלץ באַלאַנגט צו זיי! פאַר אונדז האָבן זיי איבערגעלאָזט די נאַקעטע, הפקרדיקע גאַס, אויף יענער זייט טויער.

דאָס האַרץ איז אים אויפגעפרעסן געוואָרן פון קנאה, און מער יוי פריער נאָך האָט אים אָנגענומען דער ווילן — מיט אַלע חושים אַריינצופלעכטן אונדזער לעבן אַט אין דעם וועלט־כוח.

אַז מירקין איז אַריינגעקומען צום פאַבריקאַנט, זיך מיט אים געזעגנען, האָט ער אים ווידער געטראָפן, ווי דאָס פריערדיקע מאָל, זיצן הינטער זיין גרויסן שרייבטיש. ערשט איצט איז מירקינען אויפגעפאַלן דאָס עלעקטרישע ליכט, און די נאַכט, וואָס הערשט אין זיין קאַבינעט (ער האָט עס גאָרנישט פריער באַמערקט). די לאָדן זענען פאַרמאַכט מיט אייזערנע שטאַנגען און זיין פּנים — באַלויכטן פון דעם גרינעם עלעקטרישן באַשיינער — האָט אָנגענומען אַ פאַרמעט־קאָליר. זיינע אויגן זענען געזעסן נאָך טיפער אין די אויגן־לעכער ווי דאָס פריערדיקע מאָל און זענען געווען אויסגעקערט מיט זייער זעענדיקער זייט אין אים. דער פאַבריקאַנט האָט אים אויפגענומען מיט אַ ווייך שמייכעלע אויף זיין האַלב פאַרקרימטער ליפּ, גלעטנדיק זיך מיט דער איידעלער האַנט איבער דער באָרד — האָט זיך מירקינען אויסגעוויזן, אַז עס זיצט קעגנאיבער אים נישט קיין מענטש, נאָר עפּעס אַ מיסטישע פּערזענלעכקייט; אַ כשופֿמאַכער אַזעלכער, וואָס האָט געלאָזט אַ גולם גיין אין גאַנג, און ער האָט מורא איצט, אַז ער זאָל נישט דערגיין צו אים... און מיט זיין גאָרצער מעכטיקייט האָט ער אַרויסגערופן צו זיך אַ רחמנות־געפיל, ווי מען פילט צו אַ מענטש, וואָס טראָגט אַ פאַרבאָרגן אומגליק.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי מירקינען וועגן דעם

איינדרוק פון זיין באַזוך אין זיין פאַבריק־שטאָט — האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

— איך האָב זיך — דורך דער צייט, וואָס איר האָט באַזוכט מיין פאַבריק — איבערגעלייגט. איך האָב שטענדיק געמיינט, אַז דער ייד איז צו עפּעס העכערס באַשאַפן געוואָרן, ווי צו זיין אַ משרת ביי אַ מאַשין. איך האָב געמיינט, אַז יעדער ייד איז אַן אייגענע מאַשין אַליין. איר פאַרשטייט מיך? נאָר אייערע ווערטער האָבן מיך נישט געלאָזט אָן אַן איינדרוק. אין אונדזערע פאַבריקן, וואָס מיר האָבן געשאַפן — איז אומ־מעגלעך אַדורכצופירן אייער פּלאַן. עס הענגט נישט אין אונדז אָפּ. מיר זענען אויך נישט מער ווי באַדינער פון מאַשינען. הכלל, איך בין אָבער גרייט זיך צו פאַראינטערעסירן וועגן אַ ספּעציעלער פאַבריק, וואָס זאָל באַשאַפן ווערן אויסשליסלעך פאַר יידישע אַרבעטער, מיט שבת־רו טאָ־קע, — ווען איר, אָדער אייער פאָטער וועט שאַפן דעם נייטיקן קאַפּיטאַל דערצו. איך קאָן נאָך איצט נישט זאָגן, אונטער וואָס פאַרא באַדינגונ־גען, דאָס וועט באַדאַרפן ווערן אויסגעאַרבעט דער פּלאַן און סדר. נאָר ווען אייער פאָטער וועט זיך וועלן פאַראינטערעסירן מיט אַזאַ ענין — בין איך גרייט צו שענקען דערצו מיינע דערפאַרונגען, און מיין ענער־גיע, — און איך האָף —

מירקין האָט פאַר באַגייסטערונג נישט געלאָזט אים ענדיקן. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם פאַבריקאַנטס האַנט און מיט גלאַנצנדיקע אויגן, — ווי ער וואָלט דערזען אַ רעטונג — אויסגערופן:

— פּאַפּעשקע וועט זיך געוויס פאַראינטערעסירן, — איך קאָן אים — און איר וועט באַשאַפן. — איר ווייסט וואָס דאָס הייסט? איר ווייסט? — מיר וועלן ווערן אָנגעשלאָסן אינעם כּוח פון דער וועלט...

קאַפּיטל 9

פון זון צום פאָטער

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט ער געשריבן צו זיין פאָטער:

„פּאַפּעשקע!

„אין אַ מינוט פון משוגעת האָב איך דיך באַליידיקט: אין אַ מינוט

פון אַן אָנפאַל, וואָס דיין טאַט האָט אַרויסגערופן ביי מיר. אָבער וואָס איז אַ מאָמענטאַלער, אַ דורכגייענדיקער, אויפפלאַמענדיקער אויסברוך קעגן די תמיד-דויערנדיקע, איינגעוואָרצלטע געפילן, וואָס זענען איבערגעגעבן דורך ירושה פון דורות אין מיין בלוט?

„פּאַפּעשקע, פאַרגעס, אויב דו קאָנסט עס. אַז נישט, דענק נישט אָן דעם איצט. איצט, איך בעט דיך, ווען אַלץ, וואָס איז געשען דאָרט אין פּעטערבורג, איז אַזוי ווייט, אַזוי ווייט פון מיר און גייט מיך נישט אָן און געהערט נישט מער אין מיין לעבן. דאָס קליינע, ענגע ראָד פון מיין איינענעם איך, אין וועלכן איך האָב געלעבט, האָט געהאַט פאַרשטעלט פאַר מיר אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, און טויזנטפאַך פאַרגרעסערט, וויכטיק און ערנסט געמאַכט יעדע קליינינקייט פון מיין איינענער נישטיקייט. יעדעס שטויבעלע האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ באַרג. וואָס שטייט אין מיין וועג, פאַרפילפאַכט די סכנות. ווי קליין און נישטיק זעט דאָס אַלץ אויס ביי מיר! דאָס, וואָס עס האָט זיך מיר אַמאָל געדאַכט, אַז דאָס זענען די ווענט פון דער קאַרעטע, אין וועלכער מיין לעבנס-וועג לויפט.

„ניין, פּאַפּעשקע. איך קאָן עס אָנרופן איצט ביים נאָמען, אָן האַרץ-קלאַפּן, אָן בלייך אָדער רויט ווערן. איך בין נישט בייז און נישט גוט אויף דיר איבער דעם שריט, וואָס דו האָסט געמאַכט. אַזוי האָט אוודאי באַדאַרפט זיין. און עס איז אָן עגין, וואָס געהערט זיך אָן בלויז מיט דיר. איך קאָן איצט מיט אַ ריין געוויסן, אָן יעדער ליידנשאַפט, נאָר בלויז מיט אַ נאַטירלעכן דראַנג, זען דיך גליקלעך, ווינטשן דיר דאָס בעסטע ביי דיין שריט. און דאָס זעלבע גילט אויך פאַר יענער פערזאָן. איך פאַרזיכער דיך, אַז די געפילן, וואָס איך האָב שטענדיק פאַרמאָגט צו איר, זענען געוועזן פון די איידלסטע און ריינסטע, וואָס איך האָב געקאָנט געפינען אין מיר. און אַזוי איז עס אויך איצט. איך פאַרשטיי, אַז עס וועט איר זיין זייער אומאָנגענעם צו זען מיין פּנים. אַז נישט, וואָלט איך זיך געאיילט קיין פּעטערבורג און איר געצאָלט דעם כבוד און אַכטונג, וואָס קומט איר אַלס דער פרוי פון מיין פאָטער.

„איצט קאָן איך עס זאָגן, וואָרים איצט זע איך עס ערשט ריכטיק איין, אַז מיינע געפילן צו דער דאָזיקער פערזאָן האָבן קיינמאָל נישט באַלאַנגט צו יענע, אויף וועלכע מען איז אייפערזיכטיק. אַ חוץ פריינטשאַפט

און טיפע אַכטונג, האָב איך קיין אַנדערע זאַך פאַר איר נישט פאַרמאָגט. איר אינטואיציע האָט עס גלייך אַרויסגעפילט. און עס איז געקימען דאָס, וואָס האָט געמוזט קומען — פאַרן גליק פון אונדז אַלע. זע, איך רעד דער־פון איצט גאַנץ אָפן, און איך פאַרזיכער דיך, אַז מיין האַרץ קלאַפּט נישט דערביי, און מיין פעדער ציטערט נישט. איצט קאָן איך עס זאָגן, וואָרים אויך פאַר מיר האָט דער גורל געהאַט אַנגעגרייט מיין טייל און דאָס — צווישן אַזעלכע מענטשן, אין אַזאַ קרייז, וואָס איך האָב נישט געקענט, און האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז זיי עקזיסטירן.

„פּאַפּעשקע, ווינטש מיר גליק. איך האָב געפונען דאָס, וואָס איך האָב קיינמאָל דערפון נישט געחלומט, וואָס איך האָב געמיינט, אַז עס איז אויף שטענדיק שוין פאַרשלאָסן פאַר מיר. איך האָב געפונען מיין לעבנס־פרייד. איך בין פול מיט ענערגיע און ווילן. איך פיל אַזוי ווי איך וואָלט ערשט איצט אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ פינצטערער נאַכט, וועל־כע האָט מיך געהאַלטן אין איר שוים פון מיין קינדהייט אָן. איך זע ווי קינדיש און שוואַך איך בין געווען. פאַרגעס נישט, פּאַטער, מיין דער־ציאונג, מיין שטענדיקע מוטער־בענקעניש: עס האָט געהאַט פעלן. בהנם איז געווען אייער ווערן: „צייט אַ מאַן צו זיין". איך האָב מורא צו זאָגן, אַז איך בין קראַנק געווען. איך פאַרטרוי עס פאַר דיר. איך האָב געמיינט. אַז דאָס געפיל, דער פראַסטער, נאַטירלעכער אינסטינקט פון מאַן צו ווייב, וואָס די נאַטור האָט באַשאַנקען דערמיט יעדעס לעבן, איז פאַרשלאָסן פאַר מיר אויף אַלע אייביקייטן; אַז צוליב מיין מוטערלאָזער קינדהייט, אָדער צוליב אַן אַנדער סיבה. עפּעס איבער אַן אומפאַרגאַנגענער זינד, ליגט אַ שטענדיקע קללה אויף מיר, וואָס בינדט מיר די הענט און די פיס, ציט אַ בלינד הייטל איבער מיין האַרץ און לאָזט נישט דערצו צו די שטראַלן פון מענטשלעכער פרייד... ווי נאָענט בין איך געווען צום טויט! וויפיל מאָל האָב איך צוגעוואַנדערט האַרט צו זיין גרעניץ! און ווען איך האָב נישט געמאַכט דעם לעצטן שריט, איז עס נישט געווען דערפאַר, ווייל עס האָט מיך עפּעס צוריקגעצויגן אין לעבן אַריין, נאָר פּשוט אויס געמיינער פּחדנות, אויס קינדישער שוואַכקייט און אומבאַהאָלפנקייט. איצט בין איך געזונט. איך קאָן עס אָפן זאָגן און שרייען אין דער וועלט אַריין: „איך בין געזונט!" איך פיל עס אין מיר. איך בין פול מיט לעבנס־פרייד, איך פאַרנעם די אַלע ניואַנסן פון פליסנדיקער פרייד. מיין האַרץ,

מיינע נערוון, מיינע אינסטינקטן און געפילן וויברירן, ציטערן־אויף, קוואַלן זיך ביי דער באַרירונג מיט מענטשלעכן לעבן. איך בין פול מיט ענערגיע און שאַפונגס-לוסט. איך וואָלט, דאַכט זיך, וועלטן געקאָנט איי־בערקערן. יאָ, איצט זע איך, אַז איך בין קראַנק געווען, און איך בין געז־זונט געוואָרן. זע, פאָטער, ווי אָפן איך בין מיט דיר. און מיין געזונט האָב איך געפונען דאָרט, וווּ איך האָב געפונען דעם אינהאַלט פון מיין לעבן, די אידעע פון מיין זיין, דעם שטאָף פאַר מיין שאַפונגס-וועזן — צווישן די אומגליקלעכסטע פון די אומגליקלעכע, צווישן די פאַרלאָזנסטע פון די פאַרלאָזענע — צווישן די יידישע מאַסן.

מיין נישט, פאָטער, אַז מיין גליק איז בלויז אַן אידעע. עס באַשטייט פון אַ רעאַלער זאַך — אין אַ מיידלשן דינעם קערפּער, וואָס פאַלט־אַרויס פון אַ קליידל, אין אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן און האָר איבערגעלייגט איבער די אויערן; אין מיידלשע רונדע אַקסלען, און אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס באַלאַנגען דערצו. זיי מוחל, פאָטער, פאַרן ציניזם. דו וואָלסט זיך עם קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ קליינע, פּיצלדיקע צאַפּל־קייט זאָל פאַרמאָגן אַזוי פיל פרייד און זאָל קאָנען אַרויסשטראַלן פון זיך אַזוי פיל גליק. פון וואַנען נעמט זיך עס? אָפטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אינעווייניק אין איר האָט זיך באַזעצט די פרייד, און זי גייט־אַרום און שענקט זי אַלע, וואָס רירן זיך אָן אין איר.

„די שטוב, פון וועלכער זי קומט, איז אָרים. אָבער זי איז ליכטיק, פאָטער. זי איז די שטוב פון די גערעכטע. דו קענסט נישט קיין פרייד, אויב דו קענסט נישט די דאָזיקע שטוב. אַזוי איז אויך די גאַס, פון וועל־כער זי קומט. דאָס לעבן, וואָס ווערט דאָרט געפירט, שלעפּט־אַרויס דעם מענטש פונעם אייגענעם, קראַנקן, פאַרעיפּושטן מיסט־טאָפּ, אין וועלכן ער זיצט, און הויבט אים אויף צו שעפערישקייט. עס איז נישט דאָס קורצע, דורכגייענדיקע לעבן פון דער אייגענער נישטיקייט, נאָר עס איז דאָס אייביקע שעפערישע, דאָס אייביקע פליסנדיקע לעבן פון כלל. דאָס לעבן — כאָטש אַ קייט פון צרות — דערהויבט עס איבער די מאַטער־נישן דורך די פריידיקע דערגרייכונגען...

„צוזאַמען מיט מיין גליק האָב איך געפונען מיין אידעאַל, אָדער דורך דעם אידעאַל — מיין גליק. דאָס זענען די יידישע מאַסן. פאָטער! איך ווייס צווישן נויט און יידישער פאַרלאָזנקייט, אָבער אין דער נויט

איז דאָ די פֿרייד. און פֿון דאַנען קוק איך אַרויס, און איך זע די אומפּאַר־געבליבענע עוולות, וואָס די וועלט באַגייט קעגן אונדז. און מער פֿון אַלע — מיר אַליין. די, וואָס האָבן געקענט און געדאַרפֿט באַגרייפֿן וואָס מיר זענען. די דאָזיקע זינד ליגט ווי אַ שטריק אויף אונדזער האַלדז. די ענד פֿונעם שטריק האַלטן די באַוואָלהטע און געקרענקטע אין זייערע הענט, און זיי וועלן אַמאָל די שטריק ענג איבער די העלדזער פֿאַרציִען... עס איז נישט קיין אָפּשרעקן, וואָס איך זאָג דיר — עס איז אַ נאַטירלעך געפֿיל, וואָס רייסט זיך אַרויס ביי יעדן איינעם, ווער עס פֿילט דעם צער, די נויט, און זעט־צו די פֿאַרברעכערישע גלייכגילטיקייט צו די נויטן פֿון די, וואָס קאָנען און וואָלטן יאָ געדאַרפֿט עפּעס טון. פּאַטער! די יידישע מאַסן ווערן טאָג־טעגלעך געגליט אויף די שייטערהויפֿנס. עס איז אַ לעבן פֿון איין לאַנגער קייט פֿון מאַטערניש, פֿון פֿאַרלאָזנקייט. מיין נישט, אַז איך וויל ווייזן אַ יאַקאָבינישע פּויסט. אַזוי ווייט האַלט עס נאָך נישט מיט מיר. נאָר איך וויל דיר זאָגן, אַז לעבנדיק איצט צווישן דער אָרימ־קייט, צוקוקנדיק זיך צו זייערע טאָג־טעגלעכע מאַטערנישן, פֿאַרשטיי איך די ווילדע אויסברוכן פֿון אכזריותדיקע מעשים מצד די פֿאָלקס מאַסן אין אַ צייט פֿון רעוואָלוציעס און איבערקערענישן. זיי שטאַמען נישט פֿון פֿינצטערע, אומפֿאַרשטענדלעכע כוחות, וואָס רוען ערגעץ דאָרט אין די טיפֿענישן פֿון די מענטשן. עס איז נאָר אַ קליינער אָפּצאָל פֿאַר דעם לאַנגן, אומאונטערבראָכענעם נקמה־אַקט, וואָס די רייכע פֿירן־אויס קעגן די אָרימע טאָג־טעגלעך, דורך לאַנגע דורות, פֿון לאַנגע יאָרן.

„אָבער נישט די שרעק פֿאַר דער נקמה ברענגט מיך צו זיי. מיך האָט געפֿירט צו זיי מיין ליבע און אַ נויטווענדיקייט. — אַ נויטווענדי־קייט עפּעס צו טון, עפּעס צו געפֿינען אין לעבן — אָנבינדן זיך אין לעבן. און איצט בין איך צוגעבונדן צו זיי אויס דאַנקבאַרקייט. יאָ, אויס דאַנק־באַרקייט, ווייל דורך זיי בין איך אויסגעלייזט געוואָרן פֿון מיין נידער־טרעכטיק לאַנגווייליק לעבן. פּונקט ווי איך בין דורך מיין ליבע אויס־געהיילט געוואָרן פֿון מיין קרענק. איך פֿיל, ווי מיין לעבן ווערט באַזאַפּ־טיקט און פֿול מיט אינטערעס און מוטיקייט, ווייל עס באַלאַנגט צו זיי. פֿאַר זייער וווילזיין — וויפֿיל איך קאָן און וואָס איך קאָן — וויל איך זיך אוועקשענקען צו זיי. נישט פֿאַר זיי, נאָר פֿאַר מיין אייגן גליק. דורך זיי ווער איך דערלייזט.

„נאָך אַ לאַנגן און טיפן שטודירן די לאַגע פון אינעווייניק בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איינס פון די אומגליקן, וואָס איז באַפאַלן אונדזערע פאָלקס־מאַסן, איז דאָס, וואָס זיי זענען אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון שעפעדיש לעבן. זיי זענען פאַרגעסן געוואָרן און איבערגעלאָזט געוואָרן הינטערשטעליק: די ענערגיע, טאַלאַנט און די אויסערגעוויי[..]בע שטרעבונגס־לוסט, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס, אַן צוויפל, יחידים פון אונדז, קומען לחלוטין נישט צונוץ די ייִדישע מאַסן. ביי יעדן אַנדערן פאָלק ווערן אויך די אַרומיקע באַפּרוכפּערט פון דער שאַפונגס־פעאיקייט, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס יחידים. ביי אונדז טראָגן די באַגאַבטע [..] די ברכה פון זייער באַגאַבונג צו אַנדערע, און אונדזערע לאָזט מען ווייטער פוילן אין זייער פאַרגעסנקייט. איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן דאַרף זיין לויט מיין מיינונג, געזוכט צו מאַכן די ייִדישע מאַסן, ווי צום שנעלסטן זיי אַנצוקניפּן אין דעם פאָרשריטלעכן גאַנג פון וועלט־שאַפונג. מען מוז ווי צום שנעלסטן פון זיי מאַכן אַ שעפערישע קראַפט אומעטום, ווו זיי געפינען זיך. אַריינברענגען זיי אינעם כאַמעט פונעם וועלט־וואָגן, כדי זיי זאָלן אויך מיט דער צייט קאָנען קערעווען דעם וואָגן אויף זייער זייט. איך וויל דער דאָזיקער אויפגאַבע שענקען מיין גאַנצע טעטיקייט. איך בין נישט פעאיק צו קיין גרויסע זאַכן און איך צייכן זיך מיט גאָרנישט אויס, וואָס זאָל מיך אַרויסשטעלן פאַר אַ פירער. נאָר איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז יעדער איינער פון אונדז קאָן מיט דעם ביסל מעגלעכקייט, וואָס ער פאַרמאָגט, צוהעלפן דער גרויסער זאַך. קליין אָדער גרויס — איך וועל טון מיין חוב, אין וועלכן איך געפין מיין אינהאַלט און מיין גליק. און אַ פאַבריק צו פאַרוואַלטן, גלויב איך, וועל איך זיין פעאיק.

„קאָנקרעט שטעלט זיך די זאַך פאַר אַזוי: איך וויל אויפעפענען אַ טעקסטיל־פאַבריק אין לאָדזש, אַ מוסטער־פאַבריק, וועלכע זאָל זיין אַ פאָרלויפער און העלפן אַריבערפירן ייִדישע אַרבעטער פון האַנט־וועבערייַ צו דאַמף. עס געפינען זיך דאָ אין דער שטאָט טויזנטער און טויזנטער ייִדישע האַנטוועבער, וועלכע זענען פאַראורטיילט אונטערצוגיין צוזאַמען מיט זייערע וועב־שטולן, אויף וועלכע זיי אַרבעטן־אויס זייער סחורה מיט האַנט און פוס ווי אין מיטלאַלטער, צוליב דעם גאַנץ איינפאַכן גרונט, ווייל מען לאָזט זיי, אויס רשעות פון פרעמדע און צוליב דער גלייכגיל־

טיקייט פון די אייגענע, נישט צו צו דער דאַמף־אַרבעט, כאָטש אַ העלפט פון די דאַמף־פאַבריקן געהערן דאָ צו די יידן. אַלע זעען־צו, ווי אַ גאַנצע יידישע מאַסע פּלאָגט זיך אין שמוץ, אין נויט, און ווערן מיט יעדן טאָג אַרויסגעשטופּט פון די רייען פון אַרבעטנדיקע מענטשן אויף דער גאַס אַרויס, און זיי שווייגן. און די, וואָס אינטערעסירן זיך שוין יאָ מיט זייער גורל, זעען נאָר דעם טויטן פּרינציפּ און נישט דעם לעבעדיקן מענטש. דורכצוברעכן די וואַנט פון גלייכגילטיקייט, מוז באַשאַפן ווערן אַזאַ דאַמף־פאַבריק, וואָס זאָל אויפנעמען יידישע אַרבעטער. דער פּלאַן איז נישט אַזוי פאַנטאַסטיש, ווי עס איז דערוואַרטן פון מיר. איך האָב זיך — צוליב דעם דאָזיקן צוועק — געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער ערשטער פירמע אין לאַנד, וואָס דער הויפּט פון איר שטאַמט פון די פאַרוואַרלאָזטע מאַסן. די זאַך ליגט אין געניטע, ערשט־קלאַסיקע הענט, וואָס האָבן דערגרייכט גרויסע רעזולטאַטן. עס מוז זיך דאָך געפינען פאַר מיר אַ געוויסע סומע געלט — די ירושה פון מיין מוטער, פון וועלכער דו פלעגסט מיר אַמאָל זאָגן. איך האָב ביז איצט נישט געזען קיין אורזאַך, צוליב וואָס איך זאָל אויסנוצן דאָס דאָזיקע געלט. איצט גלויב איך, אַז דער פאָנד, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, און אפשר דיין הילף, ווען איך זאָל מיך דערוועגן צו האָפן, קאָן מיר שאַפן די מעגלעכקייט צו רעאַליזירן אַן אונטערנעמונג, וואָס וועט טון פיל נוטס פאַר אַנדערע, פיל מער נאָך, אַבער, פאַר מיר".

קאַפּיטל 10

אַ באַגעגעניש

איידער מירקין האָט פאַרלאָזט לאָדזש, איז אים נאָך אַמאָל אויסגעקומען צו זיין אין דעם קליינעם בית־המדרש, וואָס האָט זיך געפונען אויף זיין הויף. ער האָט נישט געליטן צוליב דער יידישער אמונה, ווי דער „זשאַבלינער" און אַנדערע, אַז ער זאָל טראָגן אַ באַזונדערן האַס. פאַרקערט, ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען, ווי יעדער נייער צוריקגעקומענער, פון אַ געוויסן פּיעטיזם פאַר דער אוראַלטער אינסטיטוציע,

וואָס האָט דעם יידישן פֿאָלק דורך אַזוי פֿיל לאַנגע דורות קרבנות געקאָסט. אין די פֿאָרמען פֿון דער יידישער אמונה און אירע אינסטיטוציעס האָט ער דערזען אַ יידישע פֿאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט אים געריצט מיט איר בולטער כאַראַקטעריסטישקייט פֿון יידישן שטייגער.

אין וואַרשע האָט ער קיין געלעגנהייט ניט געהאַט צו באַזוכן יידישע שולן און בתי־מדרשים. ער האָט דערפֿאַר אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס עס האָט זיך אים געמאַכט אין לאָדזש, צו האָבן אַזוי נאָענט אונטער דער נאָז דאָס חסידישע בית־מדרש. קיין שומרים האָט ער אויך איבער זיך נישט געהאַט, וואָס זאָלן שטיין איבער זיין נשמה. פֿלעגט ער אין די אָוונטן אריינקומען אומבאַמערקט אין דעם בית־מדרש אריין, אוועקזעצן זיך אין טונקלקייט און באַטראַכטן מיט אָפֿענע אויגן און אויערן אַלץ, וואָס קומט דאָרט פֿאָר, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אין זיך אויפֿנעמען די אַלע סודות פֿון דער יידישער נשמה, צו וועלכער ער האָט נישט באַקומען קיין צוטריט דורך זיין דערציאונג, און אַלץ וואָס ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין פֿון יידישער פּסיכיק, — איינזאַפּן אין זיך דורך דער אוממיטלבאַרער באַרירונג מיט איר.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אין אַן אומבאַמערקט, פֿאַרשאָטנט ווינקל און צוגעקוקט זיך פֿון דערווייטנס צו די יידן און בחורים, וואָס זענען געזעסן ביי די אָפֿענע גמרות, געשאָקלט זיך אין עקסטאַז, אָדער געשטאַנען אין קופּקעס און גערעדט צווישן זיך. אָבער מער ווי צו די לעבעדיקע יידן, האָט שטענדיק געצויגן זיין אויפֿמערקזאַמקייט צו דעם אַנדערן האַלבן בית־מדרש, וואָס איז געלעגן איינגאַנצן פֿאַרבאָרגן אין פֿינצטערניש. אין דער פֿינצטערער נאַכט האָבן געטונקען זיך ווי זינקנדיקע שיפֿן איינצלנע ליכטער פֿונעם נר־תמיד פֿאַרן ארון־קודש מיט איין אָדער צוויי יאָרצייט־ליכט. די יאָרצייט־ליכט, וואָס האָבן געברענט פֿאַר נשמות פֿון געשטאָרבענע, האָבן נאָך מער פֿאַרוועבט דאָס ווינקל, אַזוי ווי די ליכט וואָלטן נישט געלויכטן מיט שיין, נאָר ארויסגעהויכט פֿון זיך פֿינצטערניש און געוועבט שאָטנס... מירקין האָט, ווי יעדער פֿרעמדער, דערפֿילט אַן אומפֿאַרשטענדלעכן פּחד פֿאַר דער פֿאַרבאָרגנקייט, וואָס הילט־אַרום דאָס טונקעלע ווינקל, אַזוי ווי דאָרט, הינטער דער פֿאָרהאַנג פֿון שאָטן און נאַכט, וואָלט זיך פֿאַרבאָרגן דער גאַנצער מיסטיציזם פֿון דער יידישער אמונה. דאָרטן האַלט זיך אויף דער סוד פֿון דער יידישער נשמה,

דער געראַנגל מיט דעם מזל פון דער וועלט, וועלכן ער פירט פון ערשטן טאָג אָן.

געפילן און געדאַנקען, וועלכע זענען געלעגן איינגעוויקלט אין די פאַרבאָרגענע צעלן פון זיין בלוט, האָבן אויפגעוואַכט און זענען צוריק־געקומען צום לעבן אין אים, אָן זיין וויסן, ווי איבער זיין קאָפּ, — גע־פילן און געדאַנקען, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט. ער האָט זיך מיט איינמאָל דערשפּירט אָנגעקניפּט צו כוחות, וועלכע גרונטעווען אין אומענדלעכע ווייטקייטן, אין די ערשטע אָנהייבן; כוחות, וואָס פליסן־ארויס פון אַלטע ספרים, וואָס ער האָט פון זיי קיינמאָל נישט געלערנט; כוחות, וואָס ער האָט נישט געוווּסט פון זייער עקזיסטענץ. ער איז אַ טראָפּן אין ים, און דער ים איז אומענדלעך; ער דערגרייכט ביז צו יענע אָנהייבן, ווו עס הייבן זיך אָן זיינע ארויספלוסן. ער האָט זיך מיט איינ־מאָל געזען אַזוי נאָענט צו די יידישע פּאַטריאַרכן, צו אברהמען, צו יעקבן, צו משהן, ווי זיי וואָלטן געוועזן געלעבט אין זיין דור, אין זיין צייט, און ער וואָלט זיי געקענט פּערזענלעך. דורות, דורות פּאַרזונקענע אין אייבי־קער פאַרגאַנגענהייט, זענען אויפגעשטאַנען פאַר אים און ארום אים לע־בעדיקע. און נישט נאָר די פאַרגאַנגענהייט, נאָר די דורות פון דער צו־קונפט, ביז צום לעצטן אויסגאַנג. אַלע זענען לעבעדיק אין דעם דור, אין זיין צייט, אין דעם מאָמענט ארום אים. עס איז אַן אומענדלעכקייט, און אַלע מעשים שפּיגלען זיך אָפּ פאַר אים, אין אים. אויף אַ פעלד, פאַר־באָרגן אין אַ וואָלקן, שטייט אברהם מיט גאָט. אויפן צווייטן פעלד, אין אַן אויסטערלישער פאַרנאַכט־שיין, ראַנגלט זיך יעקב מיט אַ מלאך. אין אַן אַנדערער אומענדלעכקייט, אויף אַ באַרג, שטייט משה מיט דער תורה. אומעטום, ווו ער קוקט זיך ארום, זעט ער וויזיעס פון אַלטע און יונגע־לייט; גייסטער פון אַלע דורות, וואָס ער קען און קען נישט, שטייען אין אַ לעבן. און דאָס דאָזיקע לעבן איז נישט פון דער וועלט, און נישט פון קיין אַנדערער וועלט, אַזוי ווי דאָס ליכט, וואָס באַלייכט, איז נישט פון דער וועלט און נישט פון אַן אַנדערער וועלט. אַ וויזיע פון אַן אייביקן זיין...

ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע געדאַנקען און נישט געוואָלט דערקוקן ביז צום לעצט. ער האָט אוועקגענומען זיינע אויגן און זיין פּנים פון דעם פאַרבאָרגענעם ווינקל פון ארון־קודש און זיך

ארומגעקוקט אויף די לעבעדיקע יידן, וואָס זיצן אויף דער באַנק, ביים מיטן לאָמפּ באַלויכטענעם טיש, און שאָקלען זיך איבער ספרים...

אָבער וואָס זעט ער?

פון די יידן שניידט זיך אַרויס איינער, וועלכן ער קען. ער קען אים גוט. ער האָט אים ערגעץ־ווו אַמאָל געזען, צי אויף דער וואָר, צי אין אַ חלום. דאָס לאַנגע, כמעט אומגאַטירלעך גרויסע פּנים, אַ פּנים ווי אַ ריז, מיט דעם הויכן שטערן און די אויגן באַשירעמטע מיט ברעמען, — די שווערע, טיף אין טאָרבעלעך אַריינגעזעצטע אויגן; די אויגן, וואָס האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט אַלע יידישע אויגן צוזאַמען; די אויגן פון אומענד־לעכער שרעק און פון אומדערשיטערטן גלויבן. ווו האָט ער געזען דעם שטערן און די לאַנגע באָרד? צי חלומט ער, צי איז עס אויף דער וואָר? ניין, עס איז אויף דער וואָר. דאָ זיצט ער, מירקין, אַ לעבעדיקער, אַ וואַכנדיקער אויף אַ באַנק אין בית־מדרש, און דאָרט ביים טיש, אַ טריט צען פון אים, זיצט אַ ייד, וואָס ער קען, וואָס ער האָט ערגעץ־ווו געזען.

איין אויגנבליק דאַכט זיך מירקינען אויס, אַז די צען טריט צווישן אים און דעם טיש דאָרט, ביי וועלכן עס זיצט דער ייד, איז אַ מהלך פון יאָרן, פון לעבנס גאַנצע. דאָ זיצט ער, מירקין, דער היינטיקער מענטש, אַ לעבעדיקער, — און דאָרט זיצט אַן אילוזיע.

ניין, עס איז נישט קיין אילוזיע. עס איז אַ לעבעדיקע דערשיינונג. און מיט אימפּעט כאַפּט ער זיך אויף, לויפט כמעט צו צו דעם ייד, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנכאַפּן די אילוזיע מיט דער האַנט, איידער זי האָט צייט צו פאַרשווינדן.

— איך קען דאָך אייך, רב ייד! — זאָגט מירקין אין אויפרעגונג, פון שרעק און פרייד.

אויף אים הויבן זיך אויף אַ פּאָר שווערע אויגן־הייטלעך. שווער באַפרייען זיי זיך פון די גרויסע ברעמען־שירעמס און קוקן אים אָן פרעמד און באַלד אין אַ פריינטלעכער איבעראַשונג:

— איך קען אייך אויך, פון פעטערבורג.

— אַהאַ! דאָס זענט איר. וואַרט אַ מינוט, וואַרט אַ מינוט, — ווויל זיך מירקין דערמאָנען.

— כאָמסקי, דער יושב־ראש פון דער טאָלסטינער קהילה, — קומט אים צו הילף דער ייד.

— יאָ, ר׳ ברוך כאַמסקי.

— און איר זענט מירקין, דער הילפס־אַדוואָקאַט, — זאָגט דער ייד.

— וואָס טוט איר דאָ? — וווּנדערט זיך מירקין.

— מילא, וואָס איך טו, איז קיין וווּנדער נישט. איך בין אַ ייד אַ סוחר, געקומען צו פאָרן קיין לאָדזש איינקויפן סחורה. אין אָוונט האָט מען נישט וואָס צו טון, כאַפּט מען זיך אַריין אין אַ בית־מדרש אַ בלאַט גמרא לערנען. אָבער וואָס טוט איר דאָ? ווי אַזוי נעמט איר זיך דאָ אַהער? אין אַ בית־מדרש? — וווּנדערט זיך דער ייד.

— אויך וועגן אַ יידישן עסק, — שמייכלט מירקין.

עס ווערט אַרום זיי אַ רעדל פון נייגעריקע. בחורים וואַרפן־אַרויף די טיכלעך אויף די גמרות און קומען און שטעלן זיך אַרום זיי.

— אפשר וועלן מיר אַביסל אַרויסגיין, וועלן מיר שמועסן? — זאָגט דער ייד צו דעם נאָך אַלץ דערשטוינטן מירקין, כדי אויסצומיידן דעם געדראַנג פון די נייגעריקע.

— יאָ, קומט־אַרויס. איך וויל אויך מיט אייך רעדן.

אַז זיי זענען אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, האָבן זיך ביידע אַביסל באַפרייט פונעם ווידער־זיך־טרעפן אויף אַזאַ וווּנדערלעכן אָרט. דער ייד איז געווען ווייניקער פאַרוווּנדערט, איידער מירקין. ער האָט עס אָנגענומען ווי אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, אַזוי ווי ער וואָלט ערשט זיך געווען געטראָפן מיט מירקינען אויף די פּעטערבורגער גאַסן, און נישט אין בית־מדרש, וואָס דאָס האָט מירקינען זייער דערשטוינט.

— און איר, הער כאַמסקי, זענט גאָרנישט איבעראַשט מיך צו געפינען אין אַ בית־מדרש? — פרעגט אים מירקין.

— געוויס, — זאָגט דער ייד. — אונדזער איינער געפינט אין בית־מדרש זיין פאַרגעניגן. אָבער אַ יונגערמאַן ווי איר! כאָטש ווידער אַרום, ווער קאָן אָפּשאַצן אַ יידישע נשמה — שמייכלט דער ייד.

— איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פרעגן, — זאָגט פּלוצים מירקין, — איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט ביי קיינעם ביז איצט דאָס זיך צו דערוויסן. איך קען די היגע יידן נישט. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן האָט איר פון אייער לערנען, אַ חוץ דעם שכר, וואָס איר האָפט צו באַקומען דערפאַר אויף יענער וועלט? און אַז איר האָט עפּעס אַ באַ־

זונדער פארגעניגן, אָן עולם־הזהדיק, אין אייער לערנען — זעט מען דאָך אָן אין אייך. איר זיצט און שאָקלט זיך מיט אזא באַגייסטערונג, מיט אזא התלהבות, ווי איר וואָלט פשוט געהאַט א פיזישע באפרידיקונג. איך האָב עס קיינמאָל נישט געקאָנט פארשטיין. וואָס לערנען זיי דאָס דאָרט? נאָך אַלעם איז עס דאָך טרוקענע סכאָלאַסטיק, פּלפּולדיקער, לאַנג־ווייליקער קאָפּ־מעכאַניזם. וואָס פארא פארגעניגן האָט איר דערין, אחוץ, פארשטייט זיך, די אויסזיכט פאר שכר אויף יענער וועלט?

— איר זענט זיך טועה, יונגערמאַן, — זאָגט דער אַלטער ייד. — איך ווייס נישט ווי ביי אַנדערע, פאר מיר א בלאָט גמרא לערנען איז דאָס זעלבע און אפשר נאָך א פיל גרעסער פארגעניגן ווי ביי אייך אין א טעאַטער גיין. איך קום אין אָוונט, ווען איך האָב צייט, אין בית־מדרש אריין נישט דערפאר, ווייל איך האָף דערפון שכר צו באקומען, — דאָס אוודאי אויך, — נאָר פשוט פארן אייגענעם פארגעסן זיך, פאר אייגענער פרייד. מיר האָבן נישט קיין אייגן לאַנד, לערן איך וועגן די דינים און מנהגים, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אונדזער אייגן לאַנד. א ייד האָט נישט קיין פעלד, קיין אייגענעם גאָרטן, לערן איך ווי מיר האָבן זיך אויפ־געפירט, ווען מיר האָבן באארבעט אונדזערע אייגענע פעלדער. און גלויבט מיר, בשעת איך לערן די דינים פון מעשר, פון פאה און כדומה, דאכט זיך מיר, אַז איך בין דורך די צוויי, דריי שעה צום ווינציקסטן אין ארץ־ישראל. איך פיל דעם געשמאַק פון די תבואות, פון די פירות, וואָס וואַקסן אויף מיינע פעלדער. איך גיב מעשר, איך לאָז־איבער פאה. איך זאָג אייך, אַז בשעת איך זיץ און לערן, דאכט זיך מיר, אַז איך גע־פין זיך בפועל ממש אין יענער צייט, אין יענעם לעבן. וואָס גייט מיך דענסטמאָל אָן די רשעות, אין וועלכער מיר שטייען פארטונקט ביז אי־בער די אויערן? די וועלט מיט איר גאַנצן שלעכטס עקזיסטירט נישט פאר מיר. איך בין אין א גאַנץ אַנדער לעבן. גלויבט מיר, דאָס איז אַזא פארגעניגן, וואָס איך קאָן עס אייך גאָרנישט איבערגעבן מיט ווערטער. מען באדאַרף זיין א ייד, ליידן ווי א ייד, כדי צו זיין ביכולת דאָס צו פילן. דאָס אַליין, גלויבט מיר, איז שוין דער גרעסטער שכר פארן לער־נען, מען באדאַרף שוין קיין אַנדערן נישט. נו, דאָס איז מיט מיר די מעשה. אָבער ווי אַזוי קומט איר אהער קיין לאָדזש? און וואָס טוט איר אין א בית־מדרש?

מירקין האָט דעם ייד דערציילט בקיצור וועגן זיין טון אין לאָדזש, וואָס ער פּלאַנט דאָ, און ווי אַזוי ער איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין בית־מדרש אַריין, און וועלכן ער איז אַריינגעקומען אויס הוילער נייגע־ריקייט (ער האָט זיך געשעמט צוצוגעבן, אַז אויך עפּעס אַנדערש האָט אין דעם מיטגעשפּילט).

דער ייד האָט אים אויסגעהערט מיט אַנטייל און אינטערעס און דערביי מיט דער האַנט אויסגעגלייכט זיך זיין באָרד און יעדעס מאָל געברומט צו זיך: „זייער גוט. זייער שיין". דערנאָך, אַז מירקין האָט געענדיקט, האָט זיך דער אַלטער אָנגערופן צו אים אַזוי:

— עס איז נישט מיין וועג און נישט דער וועג פון אונדז, דעם אַלטן דור, נאָר עס איז אויך אַ דרך. איך פאַרשטיי עס, מיינע אייגענע קינ־דער זענען אויך אויף אים אַוועק. איך האָב דערפון זייער גרויס צער, אָבער אויך נחת. טוט עפּעס. וואָס איז פאַראַ חילוק, אויף וואָס פאַר אַן אופן מען דינט גאָט, אַבי מען שטייט נישט איינער אַליין ווי אַ גזלן אין אַ וואַלד.

— ווי מיינט איר דאָס? — פרעגט אים מירקין אַביסל אַנטוישט.

— עס וועט מיר נישט געלינגען?

— איך מיין וועגן אייער פּלאַן, וואָס איר האָט מיר דערציילט. איר גייט זיך דאָך אונטערנעמען אַ גרויסע זאַך. עס איז דאָך אַ וועלט־ענין, וואָס איר ווילט אויפטון. זאָל אייך גאָט העלפן דאָס אויסצופירן! נאָר עס קאָן זיך דאָך, חלילה, מאַכן, אַז איר זאָלט עס נישט ביכולת זיין אויסצופירן. עס הענגט דאָך נישט בלויז פון אייך אַליין אָפּ. זאָלט איר זיך, מיין איך, נישט מיאש זיין. זעט מען מיט עפּעס אַנדערש צו ברענגען נוצן דעם כלל. און גלויבט מיר, עס וואַלגערן זיך אַרום זאַכן אויפצוטון, וואָס זענען אַזוי וויכטיק, ווי גרויסע מעשים. וואָרים פון וואָס באַשטייט דען אונדזער לעבן? — פון אונדזער טאָג־טעגלעכן טון! דאָס טון פון יעדן מענטש ווערט מצרף צו איין גרויסן וועלט־לעבן. די חוקרים זאָגן, אַז אין יעדן טראָפּן פון ים געפינען זיך שוין אַלע נאַ־טורן פון גאַנצן ים. וואָרים פון זיי, פון די טראָפּנס באַשטייט דאָך דער ים. אַזוי איז עס אויך מיט אונדזערע מעשים. אין יעדער קליינער מעשה, וואָס אַ מענטש טוט, וואָס דאַכט זיך פון אויבן־אויף, אַז עס איז אַ

גארנישט, ליגן שוין דערין אלע איינגנשאפטן פון דער גרעסטער העלדנ־טאט.

מירקין האט געשוויגן, ער האט זיך נאך נישט געקאנט אפגעבן קיין קלארן חשבון, צי דאס, וואס ער הערט, קומט־פאר אויף דער וואר, צי אין א וויזיע. אפשר זיצט ער ווייטער אויף דער באנק אין קליינעם בית־מדרש. ער קוקט אין שאטן, און פון דארט, פון שאטן, אין וועלכן דער ארון־קודש איז איינגעהילט, הויבט זיך ארויס די געשטאלט פון אלטן ייד און עס הערט זיך זיין שטימע. און אזוי ווי ער וואלט מורא געהאט צו צעשטערן די אילוזיע, האט ער זיך מיט קיין איין ווארט נישט אנ־גערופן און געלאזט אויסרעדן דעם אלטן.

— און דער־עיקר, — זאגט דער אלטער ווייטער, — איז, אז דאס, וואס מ׳טוט, טוט מען מיט אמונה. גאט איז נישט קיין חילוק אויף וואס פארא אופן דו גלויבסט אין אים. אבי נאר דו גלויבסט, אז עס איז דא א גוטער כוח, וואס פירט אונדזער וועלט, און דו שפאנסט דיך איין אין אים, כדי צו טון זיין רצון. דו לייגסט צו א האנט צו העלפן דעם כוח. דורך דעם ווערסטו א טייל פון „ששת ימי בראשית" פון דער יצירה און דורך דעם בינדסטו דיך אן אין דער אייביקייט, אין דעם צומארגנס נאך דיין טויט. — דו ווערסט א טייל פון דער טבע. ווארים וואס איז דען טבע? די טבע אליין איז דאך אמונה, ווארים אז נישט, קאנען מיר דאך גארנישט פארשטיין. וואס איז די טבע? די טפשים מיינען, אז גאטס נסים באשטייען אין זאכן, וואס זענען מחוץ לדרך הטבע, און די נארי־שע פילאזאפן מיען זיך אויפצווייזן, אז אלע נסים געשעען בדרך הטבע. זיי ווייסן נישט, אז דער גרעסטער גאטס נס איז טאקע די טבע אליין. נישט די מאנדלען, וואס וואקסן אויפן שטעקן אין משה רבנוס האנט, נאר די מאנדלען, וואס וואקסן אויפן בוים, דאס איז גאטס נס; דאס, וואס די זון קומט־צוריק צו איר אויסגעזעצטער צייט. זעט איר דאך שוין איין, אז טבע איז אמונה. דער מענטש מוז גלויבן, אז יעדן טאג, וואס ער לעבט, איז אנגעגרייט פאר אים זיין חיונה. נישט בלויז צו־דערהאלטן זיין נפש, נאר אויך די נשמה. יעדן טאג ווערט רייף דיין פרוכט, וואס גאט האט שוין פארזייט פאר דיר העט, העט אויף לאנגע יארן פאראויס. דו ווייסט נישט דערפון, און דיינע פעלדער בליען שוין פאר דיר, דיינע ביימער וואקסן שוין פאר דיר, און דו וועסט רייסן די פרוכטן אין דער

צייט... אַז די צוויי זאַכן, אמונה און בטחון, האָבן אונדז יידן אויפֿגעהאַלטן און אַריבערגעטראָגן איבער אַלע פֿייערדיקע ימים, און די צוויי זאַכן, אמונה און בטחון, מוז יעדער ייד האָבן, נישט קיין חילוק אויף וואָס פֿאַראַ פֿעלד ער שטייט, וואָס ער טוט. האָסטו די צוויי זאַכן, אמונה און בטחון, ביסטו אַ ייד. און נישט נאָר אַ ייד, נאָר יעדער ערלעכער מענטש אַזוי. וואָרים אָן די צוויי אַנלען־שטעקעלעך קאָן דער מענטש נישט גיין אויפֿן גלייכן וועג און מוז אַריינפֿאַלן אין כּף־הקלע אַריין פֿון זיינע אייגענע ספֿקות...

מירקין האָט אים יאָ געהערט און נישט געהערט — מירקין האָט נאָך אַלץ געשטעקט אין זיין אילוזיע. און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס קומט פֿאַר מיט אים עפּעס אומוואָרשיינלעכעס, אומנאַטירלעכס. ער האָט פּלוצים אָנגעכאַפּט דעם ייד ביים אָרבל און אויסגערופֿן אַ דערשראָקענער:

— ווער זענט איר? זאָגט מיר — פֿון וואַנען האָט איר זיך גענומען דאָ? וואָס איז עס? ווו געפֿין איך זיך?

— וואָס טוט זיך מיט אייך? — וואונדערט זיך דער אַלטער. — איר זעט מיך נישט צום ערשטן מאָל — און — ווער איך בין — וואָס איז אייך דער חילוק? איר קענט מיך פֿאַר דעם, וואָס איך בין. לאָמיר נישט רעדן פֿון מיר, איך בין אַן אַלטער ייד — וואָס איז דער חילוק — ווער איך בין — איך בין שוין באַלד נישטאָ. זעט איר, ווער איר זענט, איז יאָ אַ חילוק — און אַ גרויסער. ווייל איר הייבט ערשט אָן. דורך דעם פֿריי איך זיך. איך פֿריי זיך זייער און זייער, וואָס איר האָט זיך אַרויסגעריסן. דאָך זיך אַרויסגעריסן, אָ וואָ, גאָט צו דאַנקען דערפֿאַר!

— איר האָט מיר געהאָלפֿן דערצו, — זאָגט מירקין.

— נישט איך — נאָר דער אויבן, — ווייזט דער ייד אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל. — גייט, יונגערמאַן, אויף דעם וועג, וואָס גאָט האָט אייך געשטויסן. און אויף די גוטע לעצט וויל איך אייך זאָגן, אַז טאָמער, חלילה, וועט איר נישט בכוח זיין אינגאַנצן אויסצופֿירן דאָס, וואָס איר ווילט — זייט נישט פֿאַרצווייפֿלט. — אונדזערע חכמים זאָגן: „לא עליך לגמור" — דו דאַרפֿסט נישט ענדיקן. מיר דאַרפֿן נאָר שטופּן דעם וואָגן. דורך דעם שטיקל צייט, וואָס איז אונדז באַשערט צו לעבן, מוז יעדער פֿון אונדז אַ האַנט צולייגן. אָבער ענדיקן זענען מיר גאָרנישט

ביכולת... און אפשר איז גאָר קיין ענד נישטאָ, ווי טייל חוקרים ווילן.

ווען דער אַלטער האָט אים איבערגעלאָזט אַליין, איז ערשט מירקין אויפגעוואַכט געוואָרן פון זיין חלום. עס איז אים אויפגעפאַלן, ווי ענלעך דעם אַלטנס געדאַנקען זענען זיך צונויפגעקומען מיט דעם חבר אַנאַטאָלס פון וואַרשע, נאָר מיט אַנדערע ווערטער. און אפשר צוליב דעם, וואָס דער אַלטער האָט דערמאָנט זיינע אייגענע קינדער, וואָס גייען אויף דעם וועג, איז מירקין געקומען צו דער גאַנץ אומבאַגרינדעטער החלטה, אַז דער געהיימנישפולער חבר אַנאַטאָל באַדאַרף זיין איינער פון דעם אַלטנס קינדער, וועגן וועלכע דער ייד האָט דערמאָנט. ער האָט דערנאָך אַליין געלאַכט פון דעם אייגנאַרטיקן געדאַנק, וואָס איז אים איינגעפאַלן.

קאַפּיטל 11

פון פאָטער צום זון

דער פאָטער האָט נישט געלאָזט וואַרטן אויף אַן ענטפער. נאָכדעם ווי מירקין איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָט ער שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום דערהאַלטן אַ בריוו, ווי שטענדיק, דורך דער פירמעס אַגענט. דער ענטפער איז געווען אַ זאַכלעכער, אָן אָפּנייגונגען און איבריקע באַלעמוטשענדיקע סענטימענטן, ווי דער פאָטער שרייבט שטענדיק. דאָך האָט מירקינען געוווּנדערט דער רואיקער טאָן פונעם בריוו און די זיכערקייט, וואָס האָט אַרויסגעשריגן פון זיינע ווערטער. זיי האָבן מער דערציילט וועגן די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין זיין פאָטערס לעבן, ווי דער עצם בריוו אַליין.

דאָס שרייבן האָט אין זיך אַנטהאַלטן מער אָדער ווייניקער פאָלגנדעס:

ער, דער פאָטער, איז זייער צופרידן (צופרידן — און נישט מער) צו פאַרנעמען, אַז עס גייט איצט דעם זון בעסער אין געזונט, און ער, זאַכאַרי, זעט דאָס איצט אַליין איין, אַז ער איז טאַקע מיט אַן אמת קראַנק געווען, און אַלע זיינע אומפאַרשטענדלעכע מעשים, וואָס ער האָט אָפּגעטון דאָס לעצטע יאָר, זענען געווען אַ פאָלגע פון זיין אומגליקלעכער

און אומפאַרשטענדלעכער קראַנקהייט. ער, דער פאַטער, האָט עס שוין לאַנג געוווּסט. נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געשווינט דעם זון, האָט ער עס אים נישט אויסגעזאָגט. דעריבער האָט ער זיך נישט באַליידיקט און נישט צום האַרצן גענומען דאָס שרעקלעכע וואָרט, וואָס דער זון האָט אים נישט לאַנג געוואָרפן אין פּנים אַריין. אַלץ איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיין, זאַכאַריס, צושטאַנד. דאָס וואָס דער זון איז זיך איצט אַליין מודה דערין, איז דער בעסטער באַווייז, אַז ער איז שוין ווירקלעך גע־היילט געוואָרן. אַלס פאָטער, פילט ער אַן אומבאַגרענעצטע דאַנקבאַר־קייט צו יענער פּערזאָן, וועגן וועלכער דער זון דערמאָנט אין זיין בריוו, און וועלכע האָט דאָס וווּנדער באַוויזן; זי, נאָר זי אַליין, האָט מיט איר גוטן איינפלוס, וואָס זי האָט אויסגעאיבט אויף זאַכאַרין, דאָס געקאָנט אויפטון. און עס איז אים נישט קיין חילוק, צו וואָס פאַרא קלאַס מענ־טשן זי געהערט, אָרים אָדער רייך. קוים האָט זי דאָס וווּנדער באַוויזן, איז עס דער בעסטער באַווייז, אַז זי איז זיין באַשערטע, און ער איז זייער צופרידן דערפון (ווידער דאָס קאַלטע וואָרט „צופרידן"), און איז גרייט זי צו אַנערקענען פאַר אַ טאָכטער און אויפצונעמען אין דער משפּחה.

איצט איז ער שוין אַן אויסגעהיילטער, אויף וואָס זיין בריוו זאָגט עדות. וועט ער, דער פאָטער, זיך דערלויבן צו רעדן מיט זיין זון אָפן, ווי מאַן צו מאַן, און נישט דאַרפן זיך איינהילן אין ווייבערשע סענטימענ־טאַליטעטן, מיט וועלכע ער, זאַכאַרי, איז געוווינט געווען, אַז מען זאָל מיט אים אַרומגיין דאָס גאַנצע לעבן. און ער זאָגט אים אַרויס גאַנץ אָפן: ער, דער פאָטער, האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין גליקלעך לעבן מיט זיין מוטער. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מזל צו דער, וואָס „רוט אין פרידן". פאַרן זון באַדאַרף עס אויך נישט זיין קיין סוד. ער וויל נישט אויף קיינעם לייגן די שולד. ער וויל נעמען אַלצדינג אויף זיך, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז די גרעסטע העלפט פון זייער צוזאַמענלעבן זענען זיי געווען צעשיידט: די מוטער — אין אויסלאַנד, און ער, דער פאָטער, — האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין די גרויסשטאָטישע האָטעלן. ער האָט אייגנטלעך קיינמאָל נישט געקאָנט דאָס איינפאַכע גליק פון פאַמיליען־לעבן, צו וועלכן יעדער אַרבעטנדיקער מענטש איז באַרעכטיקט. און ער האָט שטענדיק געבענקט נאָך דעם. די האָפענונגען, וואָס ער האָט געלייגט

אויף זיין זון, האָבן זיך נישט פאַרווירקלעכט. ער וויל דאָ נישט נאָך אַמאָל איבערחזרן וואָס ס'איז געשען, ווען מענם שולד עס איז (דער זון זעט עס איצט אַליין איין), נאָר דאָס, וואָס האָט געטראָפן, איז נישט געווען אָן אַ העכערער באַשטימונג, און אַזוי האָט עס געוויס באַדאַרפט זיין. אַנדערש קאָן ער זיך, דער פאָטער, גאָר נישט ז'ערקלערן דעם גאַנג פון די געשעענישן. ער איז זייער ווייט דערפון געווען אָנצוהייבן, אין זיינע יאָרן, אַ ניי פאַמיליען-לעבן. ער איז געווען זיכער, אַז זיין, דעם פאָטערס, אייגן פאַמיליען-גליק האָט זיך געענדיקט, און זיין איינציקע האָפענונג און ווונטש איז נאָר געווען צו קאָנען זיך אָנוואַרימען ביי דער זייט פון זיין זונס גליק. ער, דער היימלאָזער, האָט געוואָלט איבערלעבן די פרייד און נחת, וואָס אַ פאַמיליע גיט — דאָס וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט), נישט דורך זיין אייגנס, נאָר דורך דעם לעבן פון זיין זון. דער זון האָט עס נישט געוואָלט. ער האָט צעשטערט די האָפענונג, וואָס אָן אַלטער מאַן האָט געגעסט אין זיין ברוסט פאַר זיינע אַלטע טעג. רוי אָוועקגעשטופּט אים פון דער טיר פון זיין היים. ערשט דענסטמאָל, ווען דאָס איז געשען. האָט אַ שטימע געערדט אין זיין האַרץ: „הייב אָן פון דיר אַליין". און אויך נאָך דענסטמאָל האָט ער געקעמפט קעגן דעם כשופדיקן רייץ, און געווערט זיך קעגן דעם גליק, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר אַזוי שפּעט. נישט דערפאַר ווייל עס האָבן אויסגעפעלט כוחות און גלויבן אין זיך. פאַרקערט, ביי זיין זונס פאַרלאָזן אים האָט גאָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט נייע יונגטלעכע קרעפטן. נייע קוואַלן פון ענערגיע האָבן זיך אויפגעעפנט אין אים, ווי גאָט וואָלט אים געוואָלט באַלוינען, און נישט פאַרלאָזן אויף זיינע אַלטע טעג. נאָר דאָך האָט ער געקעמפט קעגן דעם, קעגן זיין אייגן גליק און לעבן, צוליב דעם זונס-וועגן, און צוליב דער וועלט, אַז מען זאָל נישט שלעכט אויס-טייטשן זיינע מאָטיוון. אָבער בחנם איז געווען זיין קאַמף קעגן זיין אייגן גליק. אַלע וועגן האָבן געפירט דערצו.

און נאָך אַ טיפן איבערקלערן, ווען ער האָט געמאַכט אַ חשבון מיט זיך אַליין, און גוט אונטערזוכנדיק זיין געוויסן, „בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איך האָב נישט קיין רעכט געהאַט אוועקצושטויסן די האַנט פון הילף, וואָס גאָט האָט אויסגעשטרעקט צו מיר, אַרויסשלעפן מיך פון מיין איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט. און איך האָב אָנגענומען

מיט דאַנק דעם חסד, וואָס די געטלעכע איינזעעניש האָט נאָך געהאַט באַהאַלטן פאַר מיר אויף מיינע אַלטע טעג. און גאָט אַליין האָט צוגע־שטימט צו אונדזער פאַראייניקן זיך, כדי איך זאָל פאַרשווינט ווערן צו שטאַרבן אויף פרעמדע, געדונגענע הענט. די געטלעכע באַשטימונג איז גוט געווען צו אונדז און האָט געבענטשט אונדזער צוזאַמענזיין מיט האָ־פענונג, אויף וועלכער מיין פרוי און איך קוקן־אַרויס מיט דאַנקבאַרקייט און לויב צו גאָט פאַר דעם אומפאַרדינטן חסד, וואָס ער האָט אונדז באַ־וויזן..."

מירקין איז ביי דעם אָרט שטיין געבליבן. נאַרישע געפילן האָבן אָנ־געהויבן צו באַהערשן אים. געפילן, פון וועלכע ער האָט זיך פאַרשעמט און איז אויף זיך בייז געוואָרן...

ער האָט זיך גענומען ווייטער לעזן דעם בריוו.

„איך וויים נישט, — שרייבט דער פאָטער ווייטער אין זיין בריוו, — אויב דו און דיין היינטיקע סביבה, אין וועלכער דו געפינסט זיך, וואָס האָבן געוויס זייער איינפלוס אויף דיר, וועלן מיך פאַרשטיין, אַז נישט נאָר איר, ניהיליסטן, — (איך בעט דיך איבער פאַרן וואָרט, — ווי איך פאַרשטיי געהערסטו איצט צו זיי) — האָט אייערע אידעאַלן, וועלכע ראַטעווען אייך פון די קליינינקייטן און נישטיקייטן פון לעבן, וועגן וועלכע דו שרייבסט, — וואָס איך פאַרזיכער דיך, עס פרייט מיך זייער; נאָר אויך מיר, בורזשועס און סוחרים, האָבן אויך אונדזערע אידעאַלן, צו וועלכע מיר ווידמען אונדזער ענערגיע, אונדזער פעאיקייט, און אַז דו ווילסט — אונדזער לעבן. און דאָס מאַכט אונדז אויך פאַרגעסן אין נאַ־רישקייטן און קליינינקייטן, הויבט אונדז אויף און גיט אונדז אַן אומבאַ־גרענעצטן חשק און ווילן צו אַרבעטן. דיין זיידע און איך, מיר האָבן זיך געמיט און אָפּגעגעבן אונדזערע פעאיקייטן און ענערגיע צו אונדזער פירמע, נישט בלויז צוליב דעם געלט, וואָס דאָס געשעפט ברענגט אונדז אַריין. ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די צוציענדיקע קראַפט פון געלט, די מאַכט וואָס זי גיט אונדז, — וואָלט זי אָבער נישט געווען בכוח צו נע־מען אין באַזיץ אונדזער גאַנצן שאַפונגס־פּראָצעס, ווען נישט דער אי־דעאַל, וואָס באַלייכט דאָס געשעפט. דער אידעאַל פון יעדער פירמע איז צו שאַפן אַ הערשאַפט פאַר אַ דינאַסטיע (אויב איך קאָן זיך אַזוי אויס־דריקן). יאָ, איך האָב שטענדיק געחלומט צו באַשאַפן אַ דינאַסטיע מיר־

קינס. אזוי ווי עס זענען די מאַראַזאָווס, די גינצבורגס און אַנדערע גרויי־סע פירמעס. דאָס איז געווען דער ווילן פון דיין זיידן. איך האָב אים אי־בערגענומען און ווייטער אים פארשטאַרקט, פאַרברייטערט לויט מיינע כוחות, און געמיינט, אז איך וועל איבערגעבן מיין זון א פעסט־באַגרינ־דעטע פירמע, וואָס וועט פארשטאַרקן אונדזער דינאַסטיע אויף דורות און דורות. דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט דערפון און האָסט זיך אויסגעקליבן אַן אַנדערן וועג. עס באַגלייטן דיך אויף דעם וועג דיין פאָטערס בעסטע ווונטשן. גאָט אָבער האָט באַפּרוכפּערט מיט האָפענונג מיינע אַלטע טעג. אַט דער „האָפענונג" וויל איך ווידמען די רעשט פון מיין לעבן. איך וויל אים געבן די דערציאונג, וואָס איז מיר נישט באַשערט געווען צו געבן דיר: אים צו מאַכן פעאיק און פּאַסיק איבערצונעמען די פרוכט פון דיין זיידנס און מיין אייגענער אַרבעט, כדי צו באַגרינדן די „דינאַסטיע" מירקין".

צום סוף פון בריוו איז דער פאָטער געקומען צו דעם, וואָס האָט מירקינען צומייניסט אינטערעסירט, און וואָס איז געווען די סיבה פון זיין ווענדן זיך צו זיין פאָטער, — וועגן דער טעקסטיל־פאַבריק פאַר יידישע אַרבעטער, וואָס ער, מירקין, וויל גרינדן.

דער פאָטער האָט אים אָפּגעראָטן דערפון, נישט צוליב דעם געלט, וואָס שטייט געווים צו פאַרלוירן ווערן. דאָס אויך. געלט איז טייער און וויכטיק, נישט בלויז מיט דעם ווערט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר, נאָר צוליב דעם פרינציפּ פון געלט. ביים סוחר איז געלט ווי די פידל, אויף וועלכער עס שפּילט דער מוזיקאַנט. געשעפט פאַרן סוחר — איז ווי קונסט ביים קינסטלער. און קיין קינסטלער קאָן נישט דערלויבן, אז ער זאָל האָבן א דורכפאַל. דער פּלאַן וועגן א פאַבריק פאַר יידישע אַרבע־טער קלינגט אפשר זייער פילאַנטראָפּיש, אָבער נישט געשעפטסמעסיק.

ער האָט שטענדיק געהאַט א פרינציפּ, די צוויי זאַכן — געשעפט און פילאַנטראָפּיע — צו האַלטן אָפּגעשיידט דורך אַן אייזערנער וואַנט. געשעפט אין זיין אייגענעם ווערט איז פאַר זיך אַליין אַן אידעאַל, — לערנט אים דער פאָטער. „און איך גלויב נישט, — לייגט ער צו, — אז דיינע פעאיקייטן ליגן אויף דעם וועג. דו האָסט קיינמאָל נישט אַרויס־געוויזן קיין נייגונג צו געשעפט. און וועגן דיין סביבה, אין וועלכער דו געפינסט זיך, גלויב איך אויך נישט, אז זי איז פּאַסיק דערפאַר".

דער פּאַטער מיינט, אַז ער וועט זיך דאַרפֿן זוכן אַן אַנדערן באַרוף, אַ באַרוף אפשר פֿון אַ געלערנטן. ער זאָל זיך נעמען צו שטודירן. צום בעסטן וואָלט געווען, — ראָט אים דער פּאַטער, — ער זאָל ווי צום שנעלסטן חתונה האָבן און זיך באַזעצן ערגעץ־ווו אין אויסלאַנד, אין אַן אוניווערזיטעט־שטאָט, אין דער שווייץ צי אין דייטשלאַנד, און זאָל זיך אינטערעסירן מיט בילדונג, וואָס איז מער צוגעפּאַסט פֿאַר זיין טעמפּע־ראַמענט... וואָס שייך וועגן באַזונדערע פֿאָנדן, — לייגט דער פּאַטער צו, סאַמע צו לעצט, — וואָס דו דערמאָנסט פֿון אַ ירושה פֿון דיין מוטער, געפֿינט זי זיך נישט אין פּאַטערס הענט. ער האָט אים שוין איינמאָל גע־לאָזט וויסן, אַז זיין מוטער האָט קיין באַזונדערע פֿאַרמעגנס נישט גע־האַט פֿון דער היים. אַ חוץ דער קלייגער סומע, וואָס ער האָט איר אַמאָל פֿאַרשריבן און אַ קעסטעלע צירונג, פֿון וועלכער ער האָט אים דאָס בעס־טע שטיק, די פּערל, שוין אָפּגעשיקט. און דאָס איבעריקע שיקט ער אים צו מתנות פֿאַר זיין כלה. אויך שיקט ער אים די קליינע סומע געלט פֿון אַ פּאַר טויזנט רובל, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דער מוטערס רשות בעת איר טויט. אָבער, — לייגט ער, דער פּאַטער, צו — זעלבסטפֿאַרשטענד־לעך, נעמט ער, דער פּאַטער, אויף זיך צו באַזאָרגן אים מיט אַ לעבנס־לענגלעכער פּענסיע פֿון דער פֿירמע, — וואָס וועט מירקינען געבן אַ מעג־לעכקייט מיט זיין פֿרוי און מיט זיינע קינדער (ווען אַזעלכע וועלן קו־מען, פֿאַרשטענדלעך, — פֿאַרגעסט נישט דער פּאַטער צוצולייגן, — פֿון וואָס מירקין לייענט אַרויס עפּעס אַ רייצן זיך מיט אים) — צו פֿירן נישט קיין זייער רייכלעך, אָבער אַן אָנשטענדיק לעבן. דער פּאַטער האַלט עס פֿאַר זיין חוב דאָס צו טון. אַ חוץ דעם בעט ער דעם זון צו קויפֿן פֿאַר דער ספּעציעלער סומע, וועלכע ער לאָזט אים אויסצאָלן פֿון זיין אַגענט, — אַ געשאַנק פֿון אים און זיין פֿרוי פֿאַר זיין זונס כלה, און צו באַגריסן און צו דאַנקען איר, אין זייער נאָמען, פֿאַר דעם גליק, וואָס זי האָט זייער זון געשאָנקען.

נאָך דער אונטערשריפֿט איז צוגעקומען אַ פּאָסט־סקריפּטום: ער באַדויערט זייער, וואָס ער דאַרף דאָס אַלץ אַרויסשרייבן. געווים וואָלט בעסער געווען, ווען זיי קאָנען זיך זען און זיך דורכשמועסן. נאָר עס איז נישט ראַטזאַם, אַז מירקין זאָל איצט אויפֿטויכן אין פּעטערבורג, צוליב

זיין פרוים איצטיקן דעליקאטן צושטאנד. אנדערשווו קאָן ער אים נישט עמפּפאנגען אין דער היים, און ער איז גענויט דאָס אַלץ צו שרייבן.

מירקין האָט געהאַלטן דעם פאָטערס בריוו אין דער האַנט און דער ערשטער אויסברוך איז געווען אַ גרויס געלעכטער. ער האָט זיך קיין דין-וחשבון דעריבער נישט געקאָנט אָפּגעבן. עס האָט זיך אַרויסגעריסן ספּאַזמיש פון אים:

— ווי ער רעדט דאָס מיט גאָט, ווי אַ פּאַטריאַרך! מיין פאָטער אין דער ראָלע פון אַן אברהם!

ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי יעדער מאָל, ווען ער קומט אין באַרירונג מיט זיין פאָטער, — נאָך פון קליינערהייט אָן — אַזוי ווי אַ קינד, וואָס וויל אָננעמען אַ באַלעם, וואָס איז צו־גרויס פאַר אים, און קאָן אים נישט אָנגרייפן מיט זיינע קליינע הענטלעך. און דאָס אומדערקלערטע און אומבאַקאַנטע אין זיין פאָטער האָט אים ווידער באאומרואיקט:

— ווער איז ער? אייגנטלעך קאָן איך אים דאָך גאָרנישט. ווו זענען זיינע גרענעצן? — און ווי יעדן שוואַכן פּאַר אַ שטאַרקן, האָט מירקינען אַרומגענומען אַ מאַכטלאָזער גרימצאָרן אויף זיין פאָטער, און ער האָט אויסגעשריגן אין זיך הויך: „טייוול אַזעלכער, צו אַלדי גוטע יאָר!"

וואָרים אַ קאָמיש געפיל האָט באהערשט מירקינען — אַ געפיל, וואָס ער האָט נישט געקאָנט קאָנטראָלירן. ער איז אייפערזיכטיק געוואָרן אויף זיין פאָטער.

אייפערזיכטיק איבער זיין פאָטערס אויספיר־קראַפט, זיין גלויבן אין זיך. און ווו ער קאָן שוין נישט נעמען אויף זיין אייגענער אחריות, שלעפּט ער די געטלעכקייט אַראָפּ פון הימל, אַז זי זאָל אַוועקלייגן אַלע אירע געשעפטן, וואָס זי האָט אין אַלע וועלטן, און אָפּגעבן זיך מיט זיינע פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן. ווי ער האָט דאָס גאָט אַליין גענומען אין שותּפות אַריין! — אַ פּאַטריאַרך, — האָט מירקין געלאַכט היסטעריש. — מיין פאָטער אין דער ראָלע פון אַ פּאַטריאַרך! גאָט אַליין באַזאָרגט אים מיט אַ יורש אויף זיינע אַלטע יאָרן.

ער האָט געוווּסט, אַז דאָס לאַכן איז נישט שיין, און עס איז געקומען אויס אייפערזוכט איבער זיין פאָטערס שטאַרקייט אויסצופירן די זאַכן, וואָס ער געפינט פאַר נויטיק, מיט אַן אייזערנער האַנט, אויף גאָרנישט צו קוקן, איבערצולאָזן דער צייט צו פאַרענטפערן אין דער צוקונפט

דאָס, װאָס ער געפֿינט פֿאַר נײטיק צו טון אין דער קעגנװאַרט. ער האָט זיך אַלײן אַנטקעגנגעשטעלט, זיך מיט זײַנע שװאַכקײטן, מיט זײַן גריבלען זיך, מיט זײַנע ספֿקות, זײַן אײגענער באַציאונג צו העלענקען. פֿאַרװאָס האָט ער נישט דעם כּוח צו טון דאָס, װאָס זײַן פֿאָטער האָט געטון? װאָס האַלט אים צוריק? אים קומט עס דאָך מער צו!

װי יעדער בן־יחיד, איז ער געװען אײפּערזיכטיק אױך אױף דעם נײעם, װאָס דאַרף קומען, װעגן װעלכן זײַן פֿאָטער רעדט אין בריװ. ער האָט זיך דורך דעם מער דערפֿילט איבערגעשניטן פֿון זײַן נאָפּל, אין װעלכן ער האָט דאָך געהאָנגען. און ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפֿרײַען פֿון אַ װײל־יונגערישער הפֿקרותקײט, װאָס איז אים אַזױ פּלוצלינג באַפֿאַלן דורך דער ידיעה װעגן זײַן „קאָנקורענט", אױף װעמען דער פֿאָטער האָט בדעה אַריבערצוטראָגן זײַן גאַנצע צוגעהעריקײט. ערשט איצט זעט ער אײַן, אַז נאָך אַלעם איז ער געבליבן הענגען מיטן נאָפּל אין זײַן אַלטער װעלט, בשעת עס האָט זיך אים אױסגעדאַכט, אַז ער פֿליט־אַרום אַ באַפֿרײַטער. דאָס לעצטע געפֿיל אָבער איז גענוג שטאַרק געװען צו דערמאָנען מירקינען, װי מיט אַ קלאַפּ אין קאָפּ, די ייִנגלישע סיטואַציע, אין װעלכער ער שטעלט זיך צוריק אַרײַן. — היתּכן? צוליב דעם האָט ער געקעמפֿט איבער זיך אַלײן די גאַנצע צײַט, אַז ער זאָל אױסגעפֿינען, אַז ער איז געבליבן דער זעלבער אומבאַהאָלפֿענער שװאַכער בן־יחידל, פֿון װעלכן ער איז אַנטלאָפֿן? מיט דער קראַפֿט פֿון זײַנע אײגענע כּוחות, װאָס ער האָט זײ שױן געהאַט דערצװיגן אין זיך, האָט ער זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ שאָקל־אָפּ, אַ טרײסל־אַװעק פֿון זיך, װי אַ מענטש, װעלכן עס באַפֿאַלן אין שלאָף שלעכטע רוחות.

— װאָס געהער איך מיך אָן מיט דעם אַלעם? װאָס איז עס, אײגנטלעך, מײַן עסק?

און ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיק־גוטמוטיק געלעכטער איבער זיך אַלײן.

— נײן, נײן! זיך מער נישט לאָזן אװעקרײַסן פֿון אַ היסטערישן סענטימענט, װי אַמאָל. אַז איר זענט נישט סענטימענטאַל, זענען מיר אױך נישט. מיר באַנוצן זיך מיט אײַערע װאָפֿן, — האָט ער צו װעמען גערעדט, — און מיר האָבן מער רעכט אױף זײ, װי איר, װײַל מיר באַנוצן זײ נישט פֿאַרן אײגענעם, געמײנעם עגאָאיזם צו באַשאַפֿן „די-

נאַסטיעס", נאָר צו דינען דורך זיי אַ העכערן צוועק, מענטשן הילפיק צו זיין. אַז איר זענט ביטרע, זענען מיר אויך ביטרע. אייער געלט, פּאַ־פּעשקע, וועט אונדז זייער צונוץ קומען. וועט עס נישט ברענגען די הילף, וואָס מיר האָבן דערוואַרט פון אייער ברייטהאַרציקייט, וועט עס ברענגען אַנדערע הילף. די פרוי הורוויץ וועט שוין וויסן וואָס דערמיט צו טון. און אַנאַטאָל און דער „ליטוואַק" אויך, און דאָרט, אין לאַנד, וועט עס אויך צונוץ קומען. ניין, פּאַפּעשקע, — האָט ער אויסגערופן צו זיך מיט אַ גע־לעכטער, — זעט, ווי מיר זענען שוין אויסגעהיילט, מיר זענען נישט סענטימענטאַל מער. מיר וואַרפן אייך נישט אייער געלט צוריק אין פּנים אַריין מיט אַ ברייטן, קינדערשן זשעסט, ווי איר האָט עס אפשר דער־וואַרט. מיר נעמען עס מיט דאַנק צו, און מיר וועלן עס אויסנוצן אַזוי ווי מיר פאַרשטייען. און מיר זענען אייך נישט מער מקנא, פּאַפּעשקע, מיט אייער שטאַרקייט און פעסטקייט, און מיר באַדויערן נישט מער, וואָס מיר זענען נישט אַזוי ווי איר און גייען נישט אַזוי קלאָר באַוווּסט צום ציל, ווי איר. מיר האָבן אַנדערע מעטאָדן, און מיר האָבן ליב צו זיין שוואַכע. דאָס גיט אונדז אונדזער לעבנס־פרייד.

— אַדיע, פּאַפּעשקע! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים אַ געשריי, פאַר וועלכן מירקין האָט זיך אַליין דערשראָקן. וואָרים עס האָט געהאַט אין זיך דאָס געשריי, וואָס מען רופט נאָך אַ טויטן.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן דעם פאָטער אַ זאַכלעכן, קאָרעקטן בריוו, אין וועלכן ער האָט אַקצעפּטירט, מיט דאַנק, אַלצדינג, וואָס דער פאָטער האָט פאָרגעלייגט, ביז צו זיין רייזע אין אויסלאַנד, וועלכע ער האָט צוליב פאַרשידענע אויסגעטראַכטע סיבות אָוועקגערוקט אין דער צוקונפט. ספּעציעל אָבער האָט ער אים געדאַנקט פאַר דעם אינ־טערעס, וואָס דער פאָטער האָט אַרויסגעוויזן אין בריוו צו זיין געזונט־ווערן, און פאַר דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער האָט געשאָנקען זיין כּלה. ער פאַרזיכערט אים, אַז פאַר דעם געלט וועט ער קויפן אַ ווערט־פולע מתּנה און וועט עס איבערגעבן זיין כּלה אין פאָטערס נאָמען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך מירקין באַגעגנט מיטן חבר אַנאַ־טאָל, וועלכער האָט געוואַרט אויף דעם רעזולטאַט פון מירקינס דורכ־שרייבן זיך מיט זיין פאָטער וועגן דער אונטערנעמונג פאַר די לאָדזשער

יידישע וועבער. מירקין האָט זיך געווענדעט צו אים מיט אַ פאַרשעמטן, מחילה־בעטנדיקן שמייכל:

— געלט אויף בויען האָבן מיר נישט. ער האָט אונדז אָפּגעזאָגט. איך גלויב אָבער, אַז געלט אויף צעשטערן וועלן מיר יאָ האָבן, און דאָ האָט איר דאָס ערשטע! — און מירקין האָט אים איבערגעגעבן די סומע, וועלכע דער פאָטער האָט אים צוגעשיקט פאַר העלענקעס כלה־מתנה.

חבר אַנאַטאָל האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

— צעשטערן איז אויך אַ טייל פון אונדזער פּראָגראַם. די, וואָס זענען נישט פעאיק צו בויען, וועגדן מיר אָן פאַר צעשטערן. אויב אַזוי, וועלן מיר אייער פאָטער פאַררעכענען פאַר דער צווייטער העלפט פון אונ־דזער פּראָגראַם.

— צווישן אונדז און זיי שטייט אַן אייזערנע וואַנט. איך בין נאַריש געווען גענוג, געמיינט, אַז איך קאָן זי דורכשפּרייזן. איך זע איין, אַז אַ חוץ די נאָז זיך צו צעקלאַפּן וועט גאָרנישט דערפון מער אַרויסקומען, — זאָגט מירקין ערנסט.

— איך בין צופרידן, וואָס איר האָט עס ענדלעך אויסגעפונען. דאָס האָט איר אייער רבי־געלט. יעדנפאַלס, קאָן איך אייך פאַרזיכערן, אַז מיר וועלן אייער פאָטערס האַרט־פאַרדינטע גראָשנס ערלעך און געטריי אויסנוצן. איר קאָנט אים אין דעם פאַרזיכערן...

קאַפּיטל 12

אונטער אַ בוים

אויפן הויף, ווו דער לערער האָט געוווינט, האָט זיך געפונען אַן אַלטער קאַשטאַן־בוים, אַ פאַרגעסענער פון אַמאָליקע ציימן. ווי אַזוי דער קאַשטאַן־בוים האָט זיך דערהאַלטן אינעם הויף דורך די אַלע יאָרן און דערגרייכט זיין טיפן עלטער, איז אַ רעטעניש פון דעם באַשאַפער. דער קאַשטאַן־בוים איז געווען ווי אַ געטרייער אַלטער הונט, וועלכן מען האַלט אין איין קאַפּען, אין איין אַרויסיאָגן אויף דער גאַס אַרויס, אין איין אויסהונגערן, און ער טוט זיך דאָס זייניקע, היט געטריי און בילט

אויף פרעמדע. געשטאַנען איז ער אַ רונדיק יאָר אין אַ מיסטקאַסטן, ווינ־טער — פאַרהאַרטעוועט אין אייז, זומער — אַ באַוואָרפענער מיט שטיי־נער, מיט ציגל און אַלע אַנדערע אָפּפאַלעכטס, און דאָך האָט ער געלעבט. ער איז געווען, קאָן מען זאָגן, דאָס כפרה־הינדל פון הויף. משהלע „דראַנג" האָט צו אים אָנגעבונדן דעם וואָגן, ווען ער איז געקומען פון גאַס. זעליג בעקער האָט אויף אים דורכן גאַנצן יאָר אויסגעקלאַפּט די זעק פון מעל. נאָטע וואַלקאַזש האָט אויסגעשטעלט אַרום אים די ברעטער מיט די אויפ־געצויגענע כאַלעוועס, אַזוי, אַז די פּאָר קאַשטאַנעס, וואָס האָבן זיך פאַר־קליבן צום ענדע זומער אויף זיין שפּיץ, האָבן געהאַט דעם זעלבן יוכ־טאָוון געשטאַנק, ווי דאָס לעדער. און דאָך האָט ער געזשיפּעט. דער בוים האָט געדינט אויף אַלץ. ייִנגלעך האָבן זיך געלערנט אויף אים שניצן. אַלע קינדער פונעם הויף האָבן געפונען פאַר נויטיק צו פאַראייביקן פאַר דור־רות זייערע נעמען מיט זייערע צונעמען אין זיין קאָרע. ווייבער האָבן דאָ אויסגעהאַנגען אין די הארבסטן די טוכענע קליידער צו לופטערן. מען האָט געקלאַפּט אויף אים בעטגעוואַנד. און טאָמער האָט אין ווינטער ביי אַ שכן אויסגעפעלט אַ שטיקל האָלץ, פלעגט מען גיין קלויבן „שפּענער" צום בוים.

און דאָך, אַז עס קומט דער פרילינג, טוט זיך דער בוים דאָס זוי־ניקע און הייבט גאָר אָן צו בליען מיט גרויע, קערנדיקע בלעטער. אַז מ'האָט געזען ווי דער בוים, פון דער אויפגעפרעסענער, פון שטריק און וועגענער אויסגעריבענער קאָרע גיט־אַרויס פון זיך לעבעדיקע בליעכץ, איז מען געקומען אָנקוקן אויף וווּנדער: ווי דער פון אַלטקייט און אויס־געאַרבעטקייט איינגעבויגענער און איינגעהויקערטער דראַנג שפּרייט־אויס איבער זיך אַ באַגרינטן שירעם מיט בלעטער און טראָגט דאָרט אויפן שפּיץ, וואָס קוים צו דערגרייכן, אַ דריי־פיר ליכטן־בליעכטס, ווי אַ זכרון נאָך פון אַמאָליקע כוחותדיקע יאָרן. אַז דער בוים האָט געבליט, האָט מען אים אין הויף אָנגעהויבן צו שאַנעווען, ווי כמעט אַ טראַגנדי־קע יידענע. משהלע „דראַנג" האָט פאַרזיכטיק צוגעשטעלט צו אים דעם וואָגן, און דער בעקער האָט מיט „דעליקאַטקייט" געקלאַפּט אין אים די מעל־זעק. און טאָמער איז ווער שלעכט אומגעגאַנגען מיטן בוים, האָט מען אָנגעהויבן צו שרייען פון אַלע פענצטער אַרויס: „לאָז געמאַך דעם בוים!" מיט איין וואָרט, דער בוים האָט אָנגעהויבן צו דינען, צו וואָס

ער איז באַשאַפן געוואָרן. ער איז געוואָרן דער „סאַד", דער „לוסט־גאָרטן", דער „וואַלד" פונעם הויף. די קינדער פון צווייטן שטאָק האָבן אַראָפּגעפירט די סוכאָטשיטשע מוטער אויפן הויף און אויסגעבעט פאַר איר מיט קישנס און אַוועקגעזעצט אונטער אים די שוואַר־אַטעמדיקע סוכאַטשיטשע מאַמע, אַז זי זאָל „פרישע לופט" כאַפּן. אין די פאַרנאַכטן פלעגן זיך אויך די אָפּגעהעשעטע ווייבער פון די הייסע שטובן פאַר־קלייבן אונטערן בוים, — האָט ער געדינט פאַר אַ „זומער־וווינונג". קינ־דער האָבן פון אים בלעטלעך געריסן און געשפּילט „גרינס". מיט איין וואָרט — דער בוים איז געוואָרן דער איינציקער פאַרטרעטער פון דער נאַטור פאַר די איינוווינער אין הויף...

אַז עס איז געקומען דער פרילינג, פלעגט העלענקע אַרויספירן די קינדער פון איר קלאַס אין שול אויף „גרינס". די קינדער זענען געווען צו אָרים אָנגעטון, אַז מען זאָל זיי אַריינלאָזן אין אַ שטאָטישן גאָרטן, וואָס איז צו יענער צייט געווען נאָר רעזערווירט פאַר „אייראָפּעאיש" און „אָנשטענדיק" געקליידעטע. פלעגט זי אַראָפּפירן די קינדער אויפן הויף צום „בוים".

איינמאָל, ווען מירקין איז אַריין אין ברייטן טויער און געוואָלט אַרויף צו די הורוויצעס אַראָפּצונעמען העלענקען אין גאָרטן, האָט ער דערהערט אַ קינדיש פריילעך רויש, ווי דאָס גיסן פון אַ פריש וואַסער קומט־אָן צושווימען פון ערגעץ. אַז ער איז אַריין אין הויף, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס איז גאָרניִשט די אַלטע, באַקאַנטע, וואָכעדיקע גראָקייט, וועלכע ער איז געוווינט געווען שטענדיק צו זען. דער הויף איז פאַר־שטעלט געוואָרן, ווי אויף אַ יום־טוב. קראַנצן קינדערלעך האַלטן זיך ביי די הענטלעך און טאַנצן אַרום דעם בוים. צווישן די שרייענדיקע שכנים, קלאַפּנדיקע וועגענער האָבן די קינדער דאָך געקאָנט פאַרטויבן אַלצדינג מיט זייער קינדישער פרייד. אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געווען געפונען אין אַ וואַסער, אַזוי האָבן זיי געשווומען מיט די הענטלעך, נישט מיט די פיס־לעך. ער האָט דערזען אַ ווייסן, זוניקן פלעק פון אַ בלישטשענדיק קאָפּ־טנדל, וואָס האָט אים הײמלעך אָנגערירט. אַן אים אָנגייענדיקער שוואַר־צער מיידלשער קאָפּ שווימט־אַרוים און טונקט זיך אונטער צווישן די קינדערשע קעפּלעך. דאָ טויכט־אויף דאָס נאָענטע, וואַרימע, ווייסע

קאַפּטנדל און דאָ ווערט עס פאַרשוווּנדן, ווי עס וואָלט געשוווּמען צווי־שן די קינדערשע לייבעלעך.

ער איז געבליבן שטיין אין אַ ווינקל און צוגעקוקט זיך צו דער סצענע: העלענקע אין מיטן פון אַ וועלדל קינדערלעך, — די קינדערלעך פון איר קלאַס. די באַקאַנטע פּנימלעך פון אירע פרײַנדינס. צו זיי האָבן זיך נאָך צובאַהאַפּטן די קינדער פון הויף: דער סוכאַטשניטשעס קינדער, משהלע „דראַנגס" און פון אַנדערע שכנים. (עס איז איבערהויפּט שוין געווען אײַנגעפירט אין „הויף", אַז קוים האָט אַ מאַמע נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט אירע קינדערלעך, האָט זי זיי געשיקט צו דער „לערער־קע": „גיי צו דער לערערקע!" אַזוי ווי העלענקע וואָלט געווען אַ קהלישער אַנשטאַלט און באַלאַנגט צו אַלעמען). טייל טראָגן נאָך אויף זיך ווינ־טערדיקע, שווערע מלבושימלעך, אויסגעקרימטע שיכעלעך. נאָר איין טייל פון זיי האָט בעסער און קליגער געטון: זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אי די קליידער, אי די שיך, און זענען געבליבן באָרוועסע. (ווער באַ־מערקט דאָס שמוץ אויף קינדערלעך? קינדער, דאַכט זיך, זענען שטענדיק ריין, און שמעקן אַרוים פון דער בלאָטע.) זייערע פּנימלעך זענען נישט געווען איבריק געוואַשן — נאָר ווער האָט עס באַמערקט! זיי זענען גע־ווען פרילינגס־בלומען. לעבעדיקע, באַוועגלעכע, פריילעכע מיט שווימענ־דיקע, גאַקעטע הענטלעך, מיט פליסנדיק־רוישנדיקע, ווי וואַסער־קוועלעכ־לעך, קולעכלעך און געלעכטערלעך.

קינדער קאָנען אַ רינשטאָק פאַרוואַנדלען אין אַ קוואַלנדיקן טײַך, אַ מיסט־קאַסטן — אין אַ בלומען־גאָרטן און אַ וויסטן, גראָען, שמוציקן הויף, באַלייגט מיט קאַסטנס און טונען, באַשטעלט מיט פורן און האַנט־וועגענער, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ שאָטנדיקן, אָטעמדיקן וואַלד, אין אַ שמעקנדיק פעלד. זיי אַליין זענען געוואָרן קליינע נימפן, וואַסער־גלעק־לעך, וואַסער־ליליען, וואַסער־קוויטשערס. זי, העלענקע, איז געווען די גע־טין צווישן זיי. זי האָט געבונדן קרענצלעך קינדער, געפירט זיי אַרום בוים, אָנגעהאַלטן זיך בײַ די הענט, געטאַנצט אַרום דעם בוים און געזונגען עפּעס אַ קינדער־ליד, וואָס האָט געקלונגען דורך דעם פרילינג, פון קאָ־טאַר באַפרייטע, קינדערשע קעלעכלעך, ווי גלעקלעך וואָלטן געקלונגען אין וואַסער. און דער אַלטער בוים אין מיטן, מיט זיין צו דער ערד גע־בויגענער טשופרינע, האָט געלאָזט טון מיט זיך, וואָס די קינדער האָבן

געוואָלט. זיי זענען געקראָכן אויף אים, זיי האָבן געצויגן זיינע צווייגן, זיי האָבן געריסן זיינע בלעטער און געבונדן זיך קראַנצן אויף די קעפּ. ווי אַן אַלטער, געטרייער הונט, האָט ער פּאַרקוקט אויף זיינע אַלטע יאָרן, און ווי ווייט ער האָט געקאָנט, האָט ער געדינט.

מירקין איז געשטאַנען און האָט באַטראַכט די סצענע. ער האָט געזען העלענקען. זי האָט אים אָבער נישט באַמערקט. זי איז געווען אַזוי אַריינגעטון אין שפּיל מיט די קינדער, אַז זי איז אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינער פון זיי. זי איז אַוועק פון זיך און איז איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער לעבן. ער איז געשטאַנען און האָט זי באַטראַכט מיט וווּנדער, ווי עפּעס נישט דאָ־וועלטיקס וואָלט דערשינען פאַר אים, ווי עס וואָלט אים ווער געוואָלט אַ צייכן געבן. ער האָט זיך אַזוי קלאָר דערמאָנט אָן דעם אַלטן יידס רייד. ער האָט געזען ווי די מענטשלעכע אויפגאַבן זענען אַזוי איינפאַך, און אַזוי לייכט צו דערגרייכן, זיי וואַלגערן זיך דאָך אַרום אונטער די פיס. מען דאַרף זיי נאָר קאָנען אויפהויבן...

און ווער זאָגט, אַז עס זענען דאָ גרויסע און קליינע אויפגאַבן אין לעבן? ס'איז נישטאָ קיין „קליין" און קיין „גרויס" אין אונדזער טון. עס זענען נאָר דאָ אויפגאַבן און דערפילונג. יעדער אייגער שטייט אויף זיין אָרט און טוט דאָס, וואָס איז פאַר אים באַשטימט. אַלע רעזולטאַטן קומען זיך צוזאַמענצולויפן צו איין סך־הכל. דאָס איז אונדזער וואַקסן, דאָס איז אונדזער שטייגן פון מדרגה צו מדרגה — צו די העכסטע הויכן. נישט דאָס אַריבערשפּרינגען זיך אַליין, איבער די אייגענע כוחות, איילט־צו דעם פּראָצעס פון אונדזער וואַקסן. דאָס איז אַן אויספּוצן זיך מיט פעדערן, אַ גלאַנץ פון דרויסן. אַזוי ווי עס איז דאָ אַ גלאַנץ פון געלט, איז אויך דאָ אַ גלאַנץ פון אידעאַל.

— איך בין נישט קיין העלד, — האָט ער זיך געזאָגט, — און איך וויל אויך נישט זיין. איך וויל זיין אַן איינפאַכער בויער. אַ ציגל־טרעגער, אַ לאַסט־שלעפּער און אַ פּאָדעם־דרייער. דער עיקר איז נאָר דאָס וועבן, געטריי צו שטיין ביים וועב־שטול, וואָרים סוף־כל־סוף — וועבן מיר דאָך אַלע איין קלייד...

ער האָט איר נישט געוואָלט שטערן און איז אַרויס פון הויף, אַז זי זאָל אים נישט באַמערקן.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די מיט פרילינג און זון באַגאַ־

סענע גאסן א גליקלעכער און א רייכער, ווי ער וואָלט געוועץ געפונען עפּעס א גרויסע מציאה.

שפּעטער, ווען מירקין האָט אָנגעטראָפן העלענקען אין דער שולע אליין, האָט ער איר עפּעס אין האַנט אַריינגעשטעקט. העלענקע האָט עס גענומען און געזען א פּראָקלאַמאַציע, וואָס רופט די יידישע אַרבעטער צו א מאַניפעסטאַציע אויף דעם ערשטן מאַי צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַרבעטער.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט העלענקע.

— דאָס איז כלה־מתנות, וואָס מיין פאָטער האָט דיר געשיקט.

— וואָס? — פרעגט־איבער העלענקע. נישט פאַרשטאַנען — וואָס ער רעדט.

— דאָס איז פאַר דעם געלט, וואָס מיין פאָטער האָט געשיקט, אַז איך זאָל קויפן פאַר דיר א כלה־מתנה. דו האָסט דאָך גאָרנישט קעגן אַזאַ געשאַנק.

— געוויס האָב איך נישט, — ענטפערט־אָפּ העלענקע. — נאָר פאַר־וואָס האָט ער דאָס עפּעס געשיקט פאַר מיר א כלה־מתנה?

— אָ, דו ווייסט נישט. איך האָב דאָך אים געשריבן, אַז מיר זענען פאַרקנסט, מיר גייען חתונה האָבן.

— וואָס, — פרעגט אַלץ העלענקע, און א פייער ברענט אין איר פּנים.

— נו, געוויס. — איך וויל טאַקע היינט מיט דיין טאַטן רעדן וועגן דעם.

העלענקע קוקט אים אָן און צוויי גרויסע טרערן שפּריצן־אַרויס פון אירע אויגן.

— דיין טאַטן האָסטו שוין געשריבן דערפון, מיט מיין פאָטער ווילסטו רעדן, נאָר מיר האָסטו גאָרנישט געזאָגט דערפון.

מירקין שטייט א דערשטוינטער, — שמייכלט נאַריש, קאָן נישט גע־פינען קיין וואָרט און חזרט־איבער פאַר זיך.

— טאַקע אַזוי, דיר האָב איך גאָרנישט געזאָגט דערפון.

העלענקע קוקט אים אָן מיט א געבעט אין אירע אויגן:

— פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט, — שמייכלט מירקין.

אין אַ ווײַלע אַרום שטאַמלט ער אַרויס:

— ווײַל איך גלויב, אַז דיר באַדאַרף איך גאָרנישט זאָגן, — דו ווייסט אַלעס.

העלענקע בלײַבט שטיין אַ פֿאַרשטײנערטע. איר פּנים ווערט בלײַך. און זי קוקט אים מיט חוצפּהדיקער עקשנות אין די אויגן אַרײַן.

— און פֿאַרוואָס אַנטלויפֿסטו פֿון מיר? —

מירקין גיט אַ ציק, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט אַדורך דורך זײַן קערפּער. זײַנע פֿינגער קורטשען זיך אײַן — און ער קוקט איר אויך אַ בלײַכער אין פּנים אַרײַן:

— ווײַל איך האָב מורא געהאַט פֿאַר דיר.

— פֿאַר מיר?

— יאָ. — דו ביסט אַזוי ענלעך צו מײַן מוטער, און איך האָב געוואָלט אַנטלויפֿן דערפֿון.

— פֿאַרוואָס? פֿרעגט העלענקע, און איר עקשנותדיקער בליק פֿאַרוואַנדלט זיך איצט אין אַ ווײ־גרימאַסע.

— איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, איך קאָן עס דיר נישט דערקלערן.

— און דאָך ווילסטו מיט מיר חתונה האָבן?

— יאָ.

— פֿאַרוואָס?

— ווײַל מײַן מזל איז שוין אַזעלכער, — זאָגט מירקין פֿלינק — און נעמט־אַוועק זײַן בליק פֿון איר.

— איך האָב געמיינט, אַז איך בין דײַן גליק — און איך זע נישט איין, פֿאַרוואָס איך זאָל פֿאַרבינדן מײַן לעבן מיט אַ מזל, וואָס איז יעדנפֿאַלס נישט מײַנער, — זאָגט העלענקע און וויל פֿאַרלאָזן דאָס צימער.

— זעסטו נישט, אַז אָן דיר וועל איך פֿאַרלוירן גיין, — זאָגט ער ווי פֿאַר זיך און בלײַבט ווידער שטיין ווי ער שטייט, נישט צו מאַכן דעם מינדסטן שריט זי צוריקצוהאַלטן.

עס איז מער געווען זײַן איינזאַם פֿאַרלוירן־שטיין — ווי זײַנע ווערטער, וואָס האָבן זי צוריקגערופֿן. זי איז צוגעגאַנגען גאָענט צו אים — און האָט אים געקוקט אין פּנים אַרײַן — און געזאָגט צו אים די ווערטער:

— דו האָסט מיך נישט ליב. — פאַרוואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר דעם קרבן.

מירקין האָט געבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און אָפּגעענטפערט:

— דו ביסט געוווינט דערצו, דיין מזל איז אַזעלכער.

די טרערן האָבן געשפּראָצט פון אירע אויגן — און געשטיקט אין איר קעל.

— אָבער דו אַנטלויפסט דאָך פון מיר!

ער האָט איינגעגראָבן זיין פּנים אין איר קאַלטן האַלדז, און געברומט אין איר לייב אַריין:

— דאָס איז אויס ליבע, העלענקע!...

קאַפּיטל 13

ציוניסט און אַסימילאַטאָר

קעניגשטיין, דער העברעאישער לערער, הורוויצעס פּריינט, האָט זיך טאַקע געקליבן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, אויף אַ רעכטן אמת. קיינער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי ער וועט דאָס אויספירן. נישט נאָר האָט ער נישט געהאַט קיין געלט אויף דער רייזע, נאָר וואָס וועט ער טון מיטן ווייב און קינדער, וואָס ער לאָזט איבער? אָבער קעניגשטיין האָט אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן זיינע לעקציעס. ער האָט זיך אָפּגעלאָזט און איז געוואָרן אויס מענטש. אין די אָוונטן פלעגט ער זיצן ביים קאַרגן ליכט פונעם טיש־לאָמפּ, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף אַ האַנט און אַריינגעקוקט אין לשון־קודשדיקע ביכלעך, אין פאַרשידענע לוחות, אין וועלכע עס זענען געווען באַשריבן די הייליקע ערטער פון הייליקן לאַנד, און האָט אויסגערעכנט יעדע חיה און בהמה, וואָס האָבן זיך געפונען אין די געציילטע יידישע קאָלאָניעס, און ער פלעגט קרעכצן מיט קנאה. זיינע אויגן זענען פאַרגלייזט געווען ווי זיי וואָלטן אַרומגעבלאָנדזשעט אין אַ וואָלקן, און אַ הייליקער, לייכטנדיקער וואָלקן איז געלעגן אויף זיין בלייכן פּנים, פון וועלכן ס'האָבן זיך, ווי געווענלעך, אַרויסגעהויבן די רויטע פלעקן אויף די שפּיצן פון די באַקן־ביינער. אין דער ענגער, טונקעלער שטוב

האָבן זיך אומגעדרייט, אַ חוץ קלײנוואַרג, אַ טאָכטער, אַ בוגרת, אַ קאַ־פּעליוש־פּיצערין, וואָס איז שוין דעם צווייטן חודש אָן אַרבעט, און קאָן נישט אַרויסגיין פון שטוב דערפאַר, ווייל זי האָט נישט קיין פּאַסיקן ווינטער־מאַנטל. דאָ איז אויך די מאַמע, וואָס האָט אַמאָל געמוזט זיין אַ שיינע, וואָרים אירע מיידליש־חנעוודיקע גריבעלעך און וואָרצעלעך פון איר שאַרף־געשניטענעם ברונעטן פּנים, וועלכע האָבן אַמאָל אַזוי קעניג־שטיינס האַרץ געפאַנגען, שמייכלען נאָך אַרויס פון דעם פּריצייטיק־רו־אינירטן פּנים. דאָס גאַנצע לעבן פון קעניגשטיינס הויז, זעקס און צוואַנ־ציק יאָר לעבן, שטייט אָנגעשריבן אויפן פּנים פון קעניגשטיינס ווייב: אַלע ווינטערס, אַלע דירה־געלט־צאָלונגען, אַלע קינדער־קראַנקהייטן האָבן איבערגעלאָזט יעדער זיין קנייטש אויף איר פּנים; נאָר דעם טיפסטן קנייטש אַרום דעם מויל און די לעכער אַרום די אויגן האָט אינעם ווייבס פּנים אויסגעקנאָטן די פינף און צוואַנציק יאָריקע בוגרת. איר האָט זי אויך צו פאַרדאַנקען די פּאַסן גרויע האָר, וואָס רייסן זיך אַריין אין דעם געדיכטן ברונעטן קאָפּ פון דער פרוי.

זיצט זי, די פרוי קעניגשטיין, לאה, ביי דער צווייטער זייט טיש פון איר מאַן און העלפט־צו, ביים שיין פון לאָמפּ, איר יינגערע טאָכטער איינצופעדימען האָר, וואָס קומען פון אָפּגעשווירענע כלה־קעפּ, צו פלעכטן שייטלעך פאַר יונגע ווייבלעך. זי וואַרפט פון צייט צו צייט אַ בליק אַרויס פון איר אַרבעט אויף איר שלימזלדיקן מאַן, ווי ער זיצט אַזוי מיט דער באַק אָנגעלענט אויף דער האַנט — פּאָרטראַכט אין די ביכלעך וועגן ארץ־ישראל. זי פילט, אַז זיין נשמה גייט אויס נאָך די הייליקע ער־טער פונעם הייליקן לאַנד, און זעט ווי די רויטע סוכאָטניטשע פלעקן גליען ווי רויזן אויף זיינע באַקן. הייבט לאה אָן צו שאָקלען מיטן קאָפּ אויף איר אומגליק און זאָגט מיט אַן איכה־טאָן, אויסגעמישט מיט קרעכצן, ווי צו קבר־אבות ביי דער מאַמעס קבר אויפן לענטשיצער בית־עולם:

— ביסט גוט משוגע געוואָרן, מיין מאַן. נאַדיר אַ ניי אומגליק, — ארץ־ישראל! האָט איר שוין געהערט, מענטשן, פון אַזאַ בראָך?

— וואָס האָט דיר ארץ־ישראל שלעכטס געטון? — פרעגט דער מאַן אין אַ גלייכגילטיקן גמרא־נגון, נישט פאַרגינענדיק דערביי דעם ווייב אַ בליק פון די ביכלעך אַרויס.

— וואָס ארץ־ישראל האָט מיר געטון? דו זיצסט איבעראַנאַנד. אַ

וואנדער, וואָס מען זאָגט דיר אָפּ די לעקציעס? דיין קאָפּ שטייט דען עפּעס צום לערנען? אַז דו ליגסט אינגאַנצן אין ארץ־ישראל?

— וואָס מיינסטו, מיין ווייב, אַז אין ארץ־ישראל איז שלעכט צו ליגן? נישט איין גוטער ייד וואָלט זיך דאָס געוואונטשן, — וויצלט זיך דער מאַן.

— יאָ, אַז מען ליגט שוין! וואָס טוט מען אָבער, אַז מען האָט נאָך נישט די זכיה ביי גאָט און מען באַדאַרף נאָך די זינדיקע נשמה דער־האַלטן? דו ברענגסט דאָך שוין זייט וואָכן קיין גראָשן נישט אין שטוב אַריין. און ווען נישט דאָס קינד מיט די שייטלעך, וואָלטן מיר דאָך פאַר הונגער אויסגעגאַנגען. איך עס דאָך זי אויף לעבעדיקערהייט. האָסטו גאָר קיין האָרץ נישט? גאָר קיין „סומיעניע״ נישט?

— אין ארץ־ישראל ליגט מען נישט. אין ארץ־ישראל לעבט מען. אין ארץ־ישראל אַרבעט מען. אין ארץ־ישראל בויט מען! — האָט זיך דער מאַן אויפגעהויבן פון זיין שטול, און עס האָט זיך דעם אָרימען ווייב אויסגעדאַכט, אַז ער איז העכער געוואָרן. די קראַנקע רויטע בלומען אויף די באַקן האָבן זיך נאָך מער צעבליט און די שוואַרצע אויגן זיינע האָבן געלויכטן, אַזוי אַז דאָס ווייב האָט — ווי יעדעס מאָל ווען עס האָט אים „אָנגעכאַפּט״ — אויך דאָס מאָל זיך פאַר אים דערשראָקן, אַז ס'זאָל אים חלילה נישט עפּעס געשען, און עס האָט איר שוין אינגאַנצן באַנג געטון, וואָס זי האָט אָנגעהויבן. זי האָט עס געוואָלט איינשטילן. דאָס האָט זי געפּרוווט טון מיט די באַוועגונגען מיט דער האַנט, אָבער עס האָט שוין נישט געהאָלפן. קעניגשטיין איז ווי אַ ריטער געשטאַנען, אָנגעלאָדן מיט אַלע כלי־זיין צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פון זיין פאַרשעמט־געוואָרענער מלכה, קעגן זיין אָרים ווייב.

— און איך זאָג דיר, מיין ווייב, אַז דאָ ליגט מען ניין טיפע קלאַפּ־טער. אין דר'ערד ליגט מען דאָ, אין גלות, ביי די באַלעבאַטים, ביי די אָנגעפּרעסענע יונגען, די תלמידים, וואָס שטופּ זיי כאָטש די תורה דורכן פינגער אַריין; ביי די פאַרשטויבטע שייטלעך, ביי וועלכע דו פאַר־שוואַרצסט דיינע נעכט, ביי די קאַפּעליושן, ביים גאַנצן לייב און לעבן. וואָס איז עס ווערט, מ'שטיינס־געזאָגט? אַ ביטערער, אַ פינצטערער, אַ שוואַרצער גלות. און פאַרוואָס און פאַרוועןִ? וואָס פאַראַ האָפענונג האָסטו? אויף וואָס וואַרטסטו? אויף וואָס וועסטו אויסזיצן?

דאָס ווייב האָט געלאָזט פאַלן דעם קאָפּ אונטער זײַנע ווערטער, ווי פון קלעפּ, צו דער ערד. און אַזוי האָבן אויך געטון די קינדער. איר טיפע, שווארצע נאַכט האָט ער אויפגעדעקט פאַר איר.

— געוויס, געוויס. יאָ, יאָ, מײַן מאַן. אָבער וואָס האָסטו פאַר אַן אַנדערע עצה? קאָנסטו מיר אפשר זאָגן?

— קיין ארץ־ישׂראל גיין. ערד באַאַרבעטן, פעלדער פאַרזייען. דעם שופל אין האַנט נעמען, אונטערן פרייען הימל לעבן. מיט דער נאַטור, מיט דער מאַמען ערד, ווי אונדזערע עלטערן האָבן געטון. אויפעטעמען, אויפלעבן. איך, דו, די קינדער. מיר וועלן נייע מענטשן ווערן. מיר וועלן האָבן אייגענע מילך פון אונדזערע קו. פאַרנאַכט פון פעלד אַהיימקומען מיט געזאַנג. אַ מידער פון אַרבעט, אין אייגענעם גערטנדל זיך אוועקזעצן. אייגענע פּירות עסן. אייגענע ביימער.

— אָבער, גאָט מײַנער, פון וואַנען וועסטו אויף הוצאות נעמען? אויף הוצאות! — קאָן זיך שוין דאָס ווייב נישט אײַנהאַלטן און שרײַט איבער דעם מאַן. — וואָס טוט מען מיט אים! איך זאָג שוין נישט אויף אייגענע ביימער און קי, נאָר פּראָסט אויף הוצאות!

— אויף הוצאות? אויף הוצאות? — שטייט פּלוצים קעניגשטיין, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער פונעם ווייבס מאָנענדיקע ווערטער, און קוקט זיך אַרום ווי אַ פאַרלוירן קינד, אַן אַרויסגעטריבענער פון זײַן גן־עדן, און שטאַמלט פאַר זיך אומבאַהאָלפן די אומפאַרענטפערטע קשיא:

— אויף הוצאות, פרעגסטו? — מיט ער זיך צוריק אויפצוהייבן זיך אין דער הויך. — וויל נאָר פאָרן, וועלן מיר שוין קריגן אויף הוצאות.

דאָס ווייב האָט אים געוואָלט נאָך עפּעס אָפּענטפערן, נאָר זי האָט געקוקט אויף די רויטע פלעקן, אויף די שפּיצן באַקן־ביינער, און זיך דערשראָקן פאַר זיי. זיי האָבן זיך צעגליט אין פייערן. אַ רחמנות האָט זי אַרומגענומען צו אים, און זי האָט געגעבן אַ טו־אַריין איר פּנים אין די פלעכטן פון ברונעטע לאַקן האָר, וועלכע זענען געפאַלן פון כּלות קעפּ צו פלעכטן שייטלעך פאַר יונגע ווייבלעך.

זי האָט פאַרשוויגן און קעניגשטיין האָט צוריק אָנגעהויבן צו וואַנדלען צווישן די שטעגן צו די הייליקע ערטער אין זײַן ביכל.

און אַזוי איז געוועזן אָוונט נאָך אָוונט.

איינמאָל איז קעניגשטיין געקומען צו זיין פריינט, דעם לערער הור־וויץ און האָט צו אים געזאָגט אַזוי:

— באו מים עד נפש! לענגער קאָן איך עס שוין נישט אויסהאַלטן. שלמה, וואָס טוט מען? דאָס לעבן דאָ איז מיר נמאס און מיאוס געוואָרן. עס ליגט מיר אַ כאָמעט אויפן האַלדז, און איך ווייס נישט פאַרוואָס איך טראָג אים. מיין איינציקע האָפענונג איז נאָך ארץ־ישראל. איך ווייס, אַז איך וועל זיך דאָרט צו עפּעס דערשלאָגן. אויב נישט — איז כאָטש אי־בער די גאַסן זיך אַ הונגעריקער ארומצודרייען, אַבי דאָרט צו זיין, אַבי אַן אַנדערע לופט צו שעפּן. דאָרט וועל איך וויסן פאַרוואָס איך לעב, פאַרוואָס איך לייד, פאַרוואָס איך טראָג דעם יאָך. דאָ וועל איך אונטער־גיין. איך פיל, איך גיי אונטער. כאָטש נאָר אַ סוף צום אייגענעם לעבן צו מאַכן.

הורוויץ האָט אים אויסגעהערט; דאָסמאָל האָט ער נישט אויסגע־לאַכט זיין חלום, ווי תמיד. ער האָט זיך אויך נישט געוויצלט. ער האָט געזען, אַז זיין פריינט ליידט, ליידט צוליב אַן אידעע, און דער לערער הורוויץ האָט זיך די לעצטע צייט צו פיל זאַכן צוגעווינט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט טון אין די יונגע יאָרן. זיין אייגן לעבן, דאָס לעבן פון זיין הויזגעזינד, האָט אים דערצו געבראַכט.

— דו האָסט כאָטש אַן אידעע, דו האָסט כאָטש אַ שטרעבן נאָך עפּעס. דיר איז גוט. וואָס טוט מען, אַז מען האָט דאָס אויך נישט? — זאָגט דער לערער מיט אַ קרעכץ.

— וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איך האָב אַ שטרעבן, אַז איך האָב נישט די מיטלען עס אויסצופירן? איך זע עס פאַר מיר, עס שטייט פאַר מיינע אויגן. אָבער, ווי קומט מען דערצו? וואָלט איך נאָר בלויז אויף הוצאות געהאַט!

דער לערער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, פאַרטראַכט זיך, דערנאָך האָט ער אים געפרעגט:

— גוט. זאָגן מיר, אַז דו האָסט שוין אויף הוצאות. וואָס וועסטו מיט דעם הויזגעזינד טון? וועמען וועסטו זיי לאָזן?

— וואָס האָבן זיי פון מיר, אַז איך בין דאָ? אַז איך פאַרדין סיי ווי סיי נישט. זיי דערהאַלטן זיך ווי זיי קאָנען, פון שייטלעך פלעכטן. פאַר־

קערט, אַז איך װאָלט אָפּגעפֿאָרן, װער װײסט, אפשר װאָלט איך זיי מיט דער צייט אויך געקאָנט אַראָפּנעמען.

דער לערער האָט אים דאַרויף גאָרנישט אָפּגעענטפֿערט, געגעבן די האַנט, און זיי זענען זיך צעגאַנגען.

אין אָװנט, נאָכדעם װי די קינדער האָבן שוין געמאַכט די לעקציעס און רחל־לאה האָט פֿאַרבראַקט איר טאָג אַרבעט מיט שטאָפּן שקאַרפּעט־קעס ביים אויװן, האָט דער לערער הורװיץ זיך גענומען נישטערן ביי זיין ביכער־שענקל. עס איז איר גאָרנישט איינגעפֿאַלן. עס איז געװען אַ געװײנלעכע זאַך, אַז אין אָװנט, נאָך דעם טאָג לעקציעס, זאָל דער מאַן זיך פֿאַרקלייבן אין ביכער־שענקל און מען זאָל אים פֿון דאָרטן נישט קאָנען אַרויסציען. מיט אַ מאָל דערזעט רחל־לאה, װי שלמה נעמט אַרויס גאַנצע שטויסן ביכער, באַקוקט זיי צוערשט, צערטלט זיי אַ מינוט אין זיין האַנט, װי ער װאָלט זיך געװען עפּעס איבערגעלייגט, און בינדט זיי צונויף אין פּעקלעך, עפּעס װי אַװעקצוטראָגן. האָט עס איר געגעבן אַ שניט אין האַרץ. די זאַך איז איר פֿאָרגעקומען פֿרעמד. װאָס פּאַקט ער עפּעס די ביכער? װאָס װיל ער מיט זיי טון? װאָס פֿאַרא נויט עס האָט זיך ביז איצט נישט פֿאַרקליבן אין הורװיצעס שטוב, איז זי נישט געװען גרויס גענוג צו פֿאַרטרייבן די ביכער פֿון שויבן־שענקל. די נויט האָט גע־קאָנט מאַכן דאָס לעצטע מלבוש אַװעקצוטראָגן אין שטאָטישן לאָמבאַרד, אָבער די ביכער זענען ביז איצט פֿאַרשװינט געבליבן. עס האָט איר קיינ־מאָל נישט געקאָנט קומען אויפֿן געדאַנק, ביי װאָס פֿאַר אַן אומגליק עס זאָל זיך נישט מאַכן, אפֿילו דענסטמאָל װען זי האָט זיך געניייטיקט אין הוצאות צו פֿאָרן קיין פּעטערבורג, בשעת איר זונס אַרעסט, צו פֿאַר־זעצן די ביכער. זיי זענען געװען דאָס הייליקסטע, דאָס אומבאַרירבאַרסטע פֿון שטוב. װאָס האָט געקאָנט אַזעלכעס געשען, װאָס האָט אים געמאַכט זיך צוצורירן צו די ביכער? רחל־לאה האָט זיך דערשראָקן. דאָך האָט זי נישט געװאַגט דעם מאַן צו פֿרעגן. זי האָט געפֿילט זיינע ליידן, אַז ער האָט דאָס געקאָנט ברענגען איבער זיך. זי האָט אַװעקגעלייגט דאָס שטאָ־פּעכטס און האָט אָנגעקוקט איר מאַן אַ פֿאַרװוּנדערטע, אַן װערטער.

הורװיץ האָט שוין דערפֿילט דעם װייבס בליק. ער האָט זיך אויפֿ־געהערט צו צערטלען מיט די ביכער, פֿאַרבונדן די פּעקלעך איצט מיט

עקשנות, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט נישט אין זיינע ביכער, נאָר אין עפּעס אומנוצלעכע שמאַטעס, און געזאָגט:

— ביי זלמנען איז זייער שלעכט. ער האָט זיך היינט געקלאָגט פאַר מיר. איך האָב מורא, ס'זאָל מיט אים נישט פּאַסירן עפּעס שלעכטס.

— אַז ער האָט זיך איינגערעדט אַ קרענק אין בויך, אַז ער מוז דווקא פאָרן קיין ארץ־ישראל, אַז נישט וועט די וועלט אונטערגייז — ווער איז אים שולדיק?

— ס'איז נישט מיין אידעאַל, אָבער עס איז פאָרט אַן אידעאַל, — זאָגט דער לערער.

רחל־לאה האָט געוואָלט אָפּענטפערן, נאָר זי האָט — לויט איר גע־וווינהייט — פאַרביסן מיט אַ שאַרפן ביס פון אירע ציין אויף די ליפּן, און זיך גענומען שטאָפּן איר זאָק מיט אַזאַ ענערגיע, אַז זי האָט זיך אַזש אַ שטאָך געגעבן מיט דער נאָדל אין פינגער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער לערער הורוויץ נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט זיך געמיט נישט צו וואַרפן זיך אויף די זייטן, כדי רחל־לאה זאָל נישט הערן, און אויפכאַפּן זיך, וואָס זי האָט עס סיי ווי סיי געטון. זי האָט שוין געהערט יעדן קרעכץ זיינעם און יעדן וואָרף זיינעם. נישט איבער די ביכער האָט ער זיך געוואָרפן. געוויס, זענען די ביכער אים גע־ווען אַ שאָד. יעדעס ספר איז געוואָרן איינגעשאַפּט מיט ווייטיק, מיט צער, מיט פאַרזאָגן דעם ווייב אַ פּאָר שיך, זיך אַן איבעריק שטיקל וואַרימע וועש. מ'האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ נייער לאַטע, מיט אַ קינדס אַ העמדל, מיט דעם יונגס אַ פּאָר הויזן. יעדעס בוך איז געווען אַ שטיק האַרץ אַרויסגעריסן. יעדעס בוך איז געווען אַ זיג איבערן דלות, אַ קאַמף מיט דער נויט און אַ שפּרונג איבער די טאָג־טעגלעכע זאָרגן. יעדעס ספר האָט געטראָגן אַ ישועה, אַ שטיק אמונה אין פּראָגרעס. יעדעס ספר איז געווען אַ חלום און אַ וואָרהייט: טען און ספּענסער, רוסאָ און דאַרווין, מילער און קראָפּאָטקין — ווי מלאכים זענען זיי געשטאַנען פאַר אים, וואָס פירן אַריין אין גן־עדן פון דער נאַטור. די ספרים האָט ער שוין באַ־זינגט. דאָס איז נישט געווען קיין שאָד. מילא, וועט מען זיך מוזן לאָזן באַגנוגענען מיט אַ געבאָרגט בוך. וואָס אים האָט באַאומרואיקט און באַ־רויבט זיין שלאָף, איז געווען: צי ער, אַ מענטש, וואָס גלויבט אין פּראָ־גרעס, אין זיג פון דער ציוויליזאַציע איבער אַלעם שלעכטן, אין פאַרברי־

דערונג פון אַלע מענטשן — קריסט, ייד און הייד — זאָל צולייגן אַ האַנט צו אַזאַ רעאַקציאָנערן שריט, צו העלפן זיין פריינט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, וואָס איז נאָר אַ פאַרשטאַרקן די רעאַקציע און אַ סעפּאַראַטיזם. באַרואיקט האָט אים אָבער דער געדאַנק פון „אויטשיזנאַ" (פאָטערלאַנד), וואָס איז מיט דעם אידעאַל פאַרבונדן. „אויטשיזנאַ" האָט אַלצדינג גע־כשרט. ער האָט זיך דערמאָנט אין נייעם דור, אין זיינע אייגענע קינ־דער. זיי האָבן שוין נישט דעם אידעאַל פון „פאָטערלאַנד" (דער לערער האָט דעריבער ביטער אָפּגעקרעכצט און געזען דערין אַ סימן פון מאַטע־ריאַליזם, אין וועלכן דער נייער דור ווערט פאַרזונקען), און ער האָט זיך געזאָגט:

— צי ארץ־ישראל, צי אַן אַנדער לאַנד — עס איז דער אידעאַל פון „פאָטערלאַנד". די ייִנגערע האָבן עס שוין נישט. מיר, די אַלטע, זענען די לעצטע ריטער, און מיר דאַרפן שטיין איינער ביים אַנדערן, צי עס איז יאָ מיין אידעאַל, צי נישט.

צומאַרגנס האָט ער אָװעקגעטראָגן די בינטלעך ביכער אינעם מש־בילשן ביכער־געוועלבל, צו ישראל אַהרנזאָן, אויף טוואַרדע־גאַס, ווו עס קומען זיך צונויף די משכילים יעדן פרייטיק נאָך מיטאָג, רויכערן פּאַפּי־ראָסן און פירן וויכוחים וועגן דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. נאָך אַ לאַנגן דינגען האָט ער פאַר זיינע בינטלעך ספרים אַרויסבאַקומען פון דעם קאַרגן, געשרויפטן בוכהענדלער גענוג געלט, וואָס האָט געקלעקט פאַר אַ דריטן קלאַס שיפס־בילעט קיין יפו, איבער אדעס. ער האָט אַוועק־געטראָגן דאָס געלט מיט גרויס פרייד צו זיין פריינט קעניגשטיין און איבערגעגעבן די פאָר צענדליק רובל מיט אַ פּנים־יפות און געזאָגט אַזוי:

— אַן אידעאַל איז עס. נאָר אַ משוגעת סיי ווי סיי. פאָר געזונ־טערהייט!

קאַפּיטל 14

דער ערשטער מאַי

עס איז געקומען דער פרילינג, און ווי יעדעס יאָר, צוזאַמען מיטן גרינעם גראָז, מיטן בליען פון דיביימער און מיט די דערלייכטערטע,

אויפלייזנדיקע ווינטן, האט זיך אנגעהויבן דער סעזאן פון רעוויזיעס און ארעסטן.

ווארשע איז געווען אין א באלאגערונגס־צושטאנד. קיינער האט נישט געוווסט, צי ער איז זיכער מיט זיין פרייהייט. מען האט פלוצלינג, אין מיטן העלן טאג, געמאכט אן „אבלאווע" אויף קאפע־הייזער. פאטרולן האבן זיך געדרייט אין די גאסן, אפגעשטעלט די דורכגייענדיקע און גע־פרעגט אויף פעסער, צוגענומען די מענטשן און געפירט אין צירקל אריין, אדער איבערגעפאלן אין א שיינעם העלן טאג א הויז און אוועקגעפירט די מענטשן אין ראטהויז.

מען האט זייער אפט געזען, ווי פאטרולן פירן דורך די גאסן ארעס־טירטע גרופעס ציוויל־געקליידעטע מענטשן, מענער און פרויען, יידן און קריסטן. ביינאכט איז גאר געווען א שרעק ארויסצוגיין אין גאס. אויף די עקן זענען געשטאנען „רעוויראוועס" און ציוויל־געקליידעטע שפיצלען, און מען האט יעדן פארבייגייער אפגעשטעלט און אוועקגעפירט. עס איז געווען אן אימה צו שלאפן אין די אייגענע היימען. יעדע פארדעכטיקטע שטוב האט מען ביינאכט אויפגעוועקט דורך א שטארקן קלימפערן אין טיר־גלאק מיט דעם באקאנטן שפרוך: א „טעלעגראם!" מ'האט שוין גע־וווסט, וואס דאס מיינט.

דורך די שטילע אויסגעשטארבענע גאסן האט זיך געהערט אן איינ־זאם רעשן פון דראזשקע־רעדער אויפן שטיינערנעם ברוק. דאס האט מען געפירט, צווישן אויפגעשטעלטע זעלנערישע ביקסן, ארעסטירטע איינ־ווינער, צוגענומענע פון די בעטן.

ביי די הורוויצעס האט מען זיך גערעכט יעדע נאכט. ווי אין יעדן פארדעכטיקן הויז, אויף א רעוויזיע. רחל־לאה, וועלכע איז שוין געווען א געפרוווטע, האט געמאכט א „בדיקת חמץ" און איבערגעקערט די קע־שענעס פון איר יינגל, דעם גימנאזיסט, יעדן אוונט, איידער זי האט זיך שלאפן געלייגט. נישט איינמאל האט זיך די מאמע אויף עפעס־וואס גע־ריכט. נאר אזוי ווי מען וואלט רחל־לאהן פארגעסן. ביי אלע באקאנטע האט מען שוין געמאכט נאכט־וויזיטן. רחל־לאהן האט מען אויסגעמיטן, אזוי ווי מען וואלט זי געוואלט פארשעמען.

— עפעס האבן זיי הייי־יאר אן אונדז פארגעסן, — זאגט דער לע־

רער אַמאָל צו זיין משפחה ביים טיש, — ביי באַקאַנטע זענען זיי שוין געווען.

— עס געפעלט מיר נישט זייער שטילשווייגן, — האָט דאָס ווייב אין נאָכדענקען געענטפערט.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער ערשטער מאַי, און די גאַנצע פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. פון דער אַרומיקער געגנט האָט מען אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן מיליטער אַרום דער שטאָט, און עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער שרעקלעכער וואָלינער פּאָלק, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מערדערישער אכזריות קעגן דער באַ־פעלקערונג, האָט באַקומען טאָפּלטע אַמוניציע, מיטן באַפעל צו שיסן אין דער באַפעלקערונג ביים קלענסטן ווידערשטאַנד. דאָך האָט דאָס נישט אָפּגעשראָקן די מאַניפעסטאַנטן. פאַרקערט, עס איז געווען אַ פאַרמעסטן זיך מיט די כוחות, אַ שטיל געוועט, ווער וועט וועמען מנצח זיין.

צום ערשטן מאַי איז פון פרימאָרגן אָן אַלץ געווען אויף דער גאַס.ביידע צדדים האָבן זיך געשטעלט. די ברייטע ברוקן האָבן פאַרנומען פּאַטראָלן, „רעוויראָוועס" מיט פּאָליציסטן, איינצלנע גרופּעס קאָזאַקן אויף פערד, באַוואָפנט מיט נאַגייקעס אין די הענט און מיט שיס־געווער אין זייערע באַהאַנגענע טאָרבעס, פון וועלכע עס האָבן זיך געצויגן די רויטע שנורן פון זייערע רעוואָלווערן.

די טראָטואַרן, ווידער, האָט פאַרנומען אַ יום־טובדיק באַקליידעטע, אַ יום־טובדיק שטראַלנדיקע באַפעלקערונג, אַ געמיש פון פאַרשידענע שיכטן און קלאַסן. אָן ערנסטע, טונקל־באַקליידעטע אַרבעטער־מאַסע, צוזאַמען מיט אַן אויסמישעכץ פון אינטעליגענטן, גוט־געקליידעטע הערן און רייך־אָנגעטוענע דאַמען. אין אַ טייל קלאַפּעס האָבן זיך געררויטלט קליינע, רויטע בענדלעך. ביי די גוט־באַקליידעטע אינטעליגענטן מיט די ווייכע היט האָט מען פון די קלאַפּעס געזען אַרויסגליען רויטע נעלקן. דאָ און דאָרט האָט אַן עלעגאַנטע יונגע דאַמע גאָר קאָקעטירט מיט אַ בונט רויטע מאַן־בלימעלעך, וועלכע זי האָט זיך אַריינגעשטעקט אין איר הוט, וואָס האָט אַרויספאָדערנדיק אַרויסגעגליט פון די גרוי־באַקליידעטע, ערנסטע און שווער־באַוועגלעכע, געדיכטע אַרבעטער־מאַסן...

צוערשט איז דער געראַנגל אָנגעגאַנגען אין דער שטיל, אָן ווערטער און מעשים. די פּאָליציי האָט זיך געטון דאָס אירינקע, און די מאַסן —

דאָס זייעריקע. די גאַסן זענען געווען יום־טובדיק אויסגעראַמט פון טראַמ־ווייען און דראָזשקעס, ווי מען וואָלט איבערגעלאָזט אַ פרייען פּלאַץ פאַרן קאַמף, וואָס דאַרף זיך אין זיי באַלד אָפּשפּילן. די געוועלבער פון די הויפּט־גאַסן זענען געווען פאַרמאַכט. דאָ און דאָרט האָט אַ פּאָליציסט געקלאַפּט אין די פאַרמאַכטע טירן פון די געוועלבער מיט דער שייד פון זיין שווערד, אַז מען זאָל זיי עפענען.

די זייטן־גאַסן, וואָס פירן צו דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, וועלכע איז געווען דאָס טראַדיציאָנעלע אָרט פון ערשטער־מאַי־מאַניפעסטאַציעס, זענען געווען אָפּגעשלאָסן דורך פּאָליציסטן און זעלנערשע פּאַטרולן. אַזוי אויך דער איינגאַנג צום זאַקסישן גאָרטן, כדי ניש צוצולאָזן די מאַסן פון די אַנדערע טיילן שטאָט צו קאָנצענטרירן זיך אויף דעם מאַניפעס־טאַציע־פּלאַץ.

אָבער די מאַסן האָבן געטון דאָס זייעריקע. ווי צודרינגלעכע וואַ־סער־שטראָמען, וואָס רייסן זיך אַרויס פון אַן איבערגעפּולטער קאָריטע, האָבן זיך די מאַסן אויסגעבויערט וועגן מיט זייער צודרינגען צו דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס דורך הויפן, דורך פּלויטן און דורך זייטיקע גאַסן, וואָס די פּאָליציי האָט פאַרגעסן צו פאַרשפּאַרן. אַזוי, אַז שוין אין די ערשטע שעהען פון טאָג זענען די טראָטואַרן פון דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס געווען איבערגעשוועמט פון גרוי־געקליידטע אַרבעטער, שטאָטישע סוביעקטן און אָנגעשטעלטע, מחנות בלייכע, ווייס־געקליידעטע, מיט רויטע בענדער באַפּוצטע אַרבעטער־מיידלעך, ווי אויך מיט עלעגאַנט אויס־זעענדיקע דאַמען.

די מאַרשאַלקאָווסקע גאַס אַליין איז געווען אָפּגעשלאָסן פון אַלע זייטן. ביי קרולעווסקע, פאַרן זאַקסישן גאָרטן, איז געשטאַנען אַ שווער־באַוואָפנטער, מיט קאָזאַקן־רייטער פאַרשטאַרקטער פּאַטרול. אַזוי אויך ביים צווייטן עק, ביים ווינער באַנהויף. אַלע זייטן־גאַסן, וואָס פירן אַריין און אַרויס פון דער מאַרשאַלקאָווסקע, זענען געווען פאַרמאַכט מיט פּאַטרולן. אַזוי אויך די רייען פון די הייזער. די אויפזעערס האָבן באַ־קומען אַ שטרענגן באַפעל צו האַלטן די הויפן און די קאָרידאָרן פאַר־שלאָסן. אין פילע הויפן זענען געווען פאַרשטעקט פאַרשטאַרקטע פּאַטרולן פון קאָזאַקן אויף פערד, מיט נאַגייקעס אָדער קאַלט געווער אין די הענט.

די געוועלבער זענען געשטאַנען פאַרמאַכט. די שטומע, מיט ברע־

טער פאַרהאַקטע שויפענצטער, אָפּגעשלאָסענע טירן און טויערן האָבן געבילדעט די אייזערנע ווענט פון דעם לאַנגן טורמע־קאָרידאָר, אין וועלכן די ברייטע גאַס האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט. זי האָט געהאַלטן געפּאַנגען צווישן אירע ווענט די יום־טובדיקע מאַסע, וואָס האָט שוין נישט געהאַט קיין אַנטרינונג, און אויף די פּנימער פון די מענטשן האָט אָפּגעשיינט די אומרואיקייט, די דערוואַרטונג און אויך די קאַמף־לוסט, וואָס יעדער איינער האָט געפילט אין זיך.

פאַרשטענדלעך, האָט זיך פון פרימאָרגן־אָן געפונען אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע רחל־לאה מיט די איריקע. דער ערשטער מאַי איז שוין געווען אַ טראַדיציאָנעלער פאַמיליען־יום־טוב ביי די הורוויצעס אין שטוב. דער מאַן, האָט, פאַרשטייט זיך, נישט מיטגעמאַכט. פאַרקערט, ווי יעדעס יאָר, האָט ער געבורטשעט און תרעומות געהאַט. נאָר צו שטערן צו גיין אין דער ערשטער־מאַי־מאַניפעסטאַציע — איז שוין געווען נישט פאַר זיינע כוחות. ער האָט איר שוין געלאָזט טון, וואָס זי האָט געוואָלט, ווייל ער האָט געוווסט, אַז ער וועט סיי ווי סיי זיך גאָרנישט קאָנען העלפן אנטקעגן זיין ווייב.

דעם אָוונט פריער האָט זי זיך אַליין געוואַשן און געריבן אין דער שיסל מיט מולענעס, געצוואָגן די קעפּ פון אירע טעכטער, ווי אויף אַ גרויסן יום־טוב, הייגט פּלאָטערן רויטע בענדער אין די צעפּ פון העלענקעס און זאָשקעס פאַרקעמטע האָר. רחל־לאה איז שוין צו אַלט פאַר רויטע סטענגעס. אָבער זי איז אויסגעקליידט יום־טובדיק, אין דעם בעסטן, וואָס זי האָט, אין דעם שוואַרצן זשאַקעטל, און אויפן קאָפּ — דאָס קליינע היטעלע מיט דער גרויער פעדער, וואָס די עלטסטע טאָכטער, העלענקע וועלכע איז אַ בריה אויף די זאַכן, נייט איר איבער און ריכט עס איר אוים מיט אַ נייעם שוואַרצן באַנד אויף יעדן ערשטן מאַי.

דערפאַר אָבער האָט זי זיך אַריינגעשטעקט אין איר בוזעם די רויטע נעלקע, וועלכע מירקין האָט איר געבראַכט לכבוד דעם יום־טוב, אַז מען זאָל דערקענען איר קאַליר. דער גימנאַזיסט, וועלכן זי האָט אַ נאַכט פריער אויסגעריכט די הויזן און אָפּגעשמירט די שיך, כדי צו פאַרשטעלן די לעבער, איז אָנגעטון אין אַ ווייכן הוט, אַנשטאָט אין זיין גימנאַזיסטישן קאַשקעטל, כדי מען זאָל אים נישט דערקענען.

אירע לייט, דער „זשאַבלינער״, איטשעלע, מוזן זיך דאָ אויך געפינ־

נען, נאָר זיי זענען ערגעץ־ווו פאַרשטעקט אין זייערע גרופּעס. אַזוי איז אויך איר זון, דער גימנאַזיסט. ער איז ערגעץ־ווו פאַרפאַלן געוואָרן. זי גייט מיט אירע צוויי טעכטער, און מירקין שלעפּט זיך נאָך פון הינטן אַ באַרוישטער און נייגעריקער, וואָס עס וועט דאָ זיין.

דערווייל הערשט אַ טויטע שטילקייט אין גאַס. די מאַסן באַוועגן זיך אַהין און צוריק אויף די טראָטואַרן, ווי זיי וואָלטן שפּאַצירט, און וואַגן נישט אַראָפּצוגיין אויפן ברוק צו פאַרנעמען די פרייע גאַס, אויף וועלכער עס געפינען זיך די פּאָליציסטן און די פּאַטרולן. אַזוי אויך די פּאָליציי. שיטער צעוואָרפן איבער דער שבת־רוענדיקער, שטילער, גלאַנצנדיקער גאַס, באַפאַלט זיי אַן אינערלעכער פּחד פאַר דער פּוסטקייט פון דער גאַס, און אַן אומבאַוווּסטקייט קוקט־אַרויס פון זייערע אויגן און פּנימער. „רעוויראָוועס" מיט די בלוט־אָנגעגאָסענע קאַרקן און העלדזער, שטייען באַאומרואיקטע מיט צעפלאַמטע פּנימער, און עס דאַכט זיך, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט אַזאַ שווער שטיק פלייש, אין רעוויראָווע־מונדיר, אומפאַלן פון אַפּאָפּלעקסיע, פאַר אויפרעגונג.

די געווענלעכע פּאָליציסטן שטייען מיט אימהדיקע, צוגעדריקטע, באַזאָרגטע פּנימער מיט אַ מינע פון תמעוואַטע אָקסן, וואָס מען שלעפּט אין שעכטהויז אַריין. די זעלנערשע פּאַטרולן גייען פאַרלאַנגווייליקטע מיט הילצערנע, האַרטע טריט איבער די שטיינער. מיט זעלנערשער גלייכגילטיקייט קוקן זיי זיך צו צו די באַוועגלעכע מאַסן און שמייכלען מיט זייערע ווייסע ציין פאַרשעמטע. אַזוי וואַגט זיך נישט איין צד דעם אַנדערן אָנצוגרייפן און אַרייַנצוטרעטן אין זיין איינגענומענער טעריטאָריע.

באַלד אָבער בילדן זיך געדיכטע שיכטן פון מאַסן אויף איין שטיק טראָטואַר. עס ווערט שוואַרצער און אָנזעענדיקער אויף דעם אָרט. פון די טיפענישן פון פאַרטרונקענע לייבער און קעפּ וויקלט ווער פון זיין ברוסט אַ רויט שטיקל טוך אַרויס און מיט אַן ערנסט געזאַנג, ווי צו אַ לוויה, מיט קולות פון שרעקנדיקע, אויפגערעגטע קעלער און הערצער, — הייבט זיך אָן די געדיכטע מאַסע אַראָפּצוקוילערן אויפן פרייען שטיק ברוק. הענט פלעכטן זיך אין הענט, אָרעמס אין אָרעמס. לייבער קנעטן זיך צו לייבער, ווי מען וואָלט געוואָלט געפינען שוץ איינער ביים אַנדערן.

„און די קאָליר זיינע איז רויט —
וואָרים אויף אים איז אַרבעטער־בלוט".

פון די טראָטואַרן אַראָפּ גיסט זיך שוין איצט די מענגע צעבערעסווייז אין דער געדיכטער מאַסע, פון וואַנען עס הערט זיך דאָס געזאַנג, כדי אַנצושליסן זיך אין די רייען. עמיצער וויקלט־אויף ביים לויפן אַ צווייטע רויטע פאָן און מיט אַן אומפאַרשטענדלעך געזאַנג, וואָס איז מער ענלעך צו שרייען, — לאָזט מען זיך וואָס שנעלער, איבער די קעפּ פון דער פּאָליציי און פּאַטרולן, צו די מאַניפעסטאַנטן.

אָבער די פּאָליציי און די פּאַטרולן האָבן זיך פלינקער צוגעאײַלט. פון אַ הויך שפּרינגען זיי אַרויס, איינער נאָכן אַנדערן. קאָזאַקן וואַרפן זיך אַריין מיט די אין אימפּעט געיאָגטע פערד אין די מאַסן. שרעקנדיקע הייבן־אָן צוריקצולויפן אויף די טראָטואַרן. אין דער געדיכטער רייע ווערט אַ מהומה. עס פאַלן־אָפּ די אויבערשטע שיכטן, אַזוי ווי מען וואָלט אָפּ־געשיילט אַ קאַרטאָפל, פיל אַנטלויפן פון ברוק צוריק אויפן טראָטואַר.

ביי די מאַניפעסטאַנטן איז געבליבן אַ קליינע קופּקע מענטשן, וואָס האָבן זיך צוליב דער געפאַר נאָך ענגער צוגעדריקט און צוגעקנעטן איינער צום אַנדערן. און וואָס נעגטער עס קומען־אָן די מיט שוים שפּריצנ־דיקע קאָזאַקן מיט די פּאָכנדיקע נאַגייקעס אין די הענט, אַלץ האַרצרייסנ־דיקער, אַלץ שרייענדיקער ווערט דאָס געזאַנג:

„און די קאָליר זיינע איז רויט".

שוין קלאַפּן די נאַגייקעס איבער די קעפּ, ווי אַ פייערדיקער רעגן. די צעווילדעוועטע פערד וואַרפן זיך אַריין אין דער מענגע, ווי אין אַ שטורעמדיקן טייך. דאָ און דאָרט זעט מען אַ נאַקעטע האַנט אויפשווינ־גען אין דער הייך איבער די קעפּ און פּרווט פאַרהאַלטן אַ צעיאָכמערט פערד. דאָ און דאָרט זעט מען, אַ ווייבערשער קאַפּעליוש פליט־אַראָפּ פון אַ קאָפּ, אַ מענער־הוט וואַלגערט זיך איבערן ברוק. ער ווערט געטראָגן פון דעם ווינט. די רויטע פאָן פאַרשווינדט אין דעם ים פון לייבער. און די מענגע צעפאַלט זיך, ווי באַזונדערע טראָפּנס. זיי שטויסן זיך צוריק. מישן זיך אוים מיט די מאַסן, וואָס געפינען זיך אויף די טראָטואַרן.

אָבער באַלד חזרט זיך איבער דאָס שפּיל אויף אַן אַנדערן עק גאַס.

אויף אַ צווייטן עק, וואָס איז אויף אַ ווײַלע באַפרייט געוואָרן פון פּאַטרולן און פּאָליציי, בילדן זיך רייען. און ווידער הויבט זיך אויף אין דער זון, איבער די קעפּ, אַ רויטער פלעק. אַרום אים גרופּירן זיך מענ־גען. עס שליסן זיך רייען, וואָס בילדן זיך פון די צוגעפליגענע, צוגעלאָ־

פענע מאסן פון אַלע טראָטוארן. די רייען ווערן ברייטער, די מענגע געדיכטער, פאַרנעמען וואָס אַמאָל מער אַ גרעסערן שטיק שטח פון גאַס.

מיטן בליק פון אויג וואַקסט די מאַסע. אַלץ לויפט צו איין פונקט: דאָרט, ווו עס האָט זיך אויפסניי געבילדעט די מאַניפעסטאַציע. יעדער איינציקער ווערט אַ טראָפּן וואַסער. יעדער טראָפּן פאַרגרעסערט, פאַרברייטערט דעם שוואַרצן טייך. עס איז שוין נישט מער איין רויטע פאָן, נאָר מערערע פענער שווימען שוין אַרויף איבער די קעפּ פון פאַרשידענע גרופּקעס, מיט פאַרשידענע אויפשריפטן. פאַרשידענע געזאַנגען אין פאַרשידענע שפּראַכן מישן זיך צוזאַמען און ווערן איין שרייענדיק מעכטיק קול פון איין קול אַרויס:

„און די קאָליר זיינע איז רויט —
וואָרים אויף אים איז אַרבעטער-בלוט".
און הינטער אים קלינגט ווי אָפּ, ווי פאַרשעמט, ווי צוריקגעהאַלטן:
„מיר שווערן מיר שווערן —
אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן".

עס נעמט אַ שטיקל צייט, ביז די פּאָליציי כאַפּט זיך, וואָס דאָ איז געשען. זי האָט אַ שטיקל וועג צו לויפן צו די ניי־געבילדעטע רייען. דערווייל וואַקסט די מאַניפעסטאַציע. זי צעגיסט זיך וואָס אַמאָל ברייטער. הענט שליסן זיך ווידער אין הענט, אָרעמס צו אָרעמס. קערפּערס קניפּן זיך אין קערפּערס, און עס ווערט איין שטאַרקע, סאָלידע וואַנט, מיט רויטע, שרייענדיקע פענער איבער די קעפּ, מיט שרייענדיקע געזאַנגען, וואָס צינדן זיך אָן וואָס אַמאָל מער מיט באַגייסטערונג און פלאַם. און ווען די שווער־אָטעמדיקע „רעוויראָוועס" מיט די נאַקעטע שווערדן אין די הענט און די פּאָליציסטן מיט די ביקסן נאָך זיי, קומען צולויפן, טרעפן זיי שוין אָן אויף אַ געדיכטער, אויסגעהאַמערטער, אייזערנער וואַנט פון ברוסטן, פנימער, וואָס באַוועגט זיך מיט שטאַרקע פוס־טריט פאָראויס, פאָראויס.

די „רעוויראָוועס" מיט די סטראַזשניקעס ווערן אַ מינוט דערשראָקן און קוקן זיך אום אומבאַהאָלפן אויף די קאָזאַקן, וועלכע זענען אויף יענער זייט גאַס נאָך פאַרנומען מיטן צעטרייבן די מאַסן. זיי מאַכן אַ טריט צוריק. דאָס גיט דער מענגע מוט. זי גייט־איבער צו אַן אָנגרייפנדן שריט. די געזאַנגען ווערן פרייער, שטאַרקער, און פאַרלירן שוין דעם פאַרצווייפלטן שרעק־מאָטיוו און ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ טריאומפירנ־

דיק, זיגרייך געשריי. דאָ און דאָרט ציט זיך אויס אַ האַנט און גיט אַ שלעפּ-אַריין אַ „רעוואָלווער” צי אַ פּאָליציסט אין די רייען אַריין, און ער ווערט דאָרט באַלד דערטרונקען, ווי אַ שטיינדל אין טייך. די איבעריקע פּאָליציסטן לויפן צוריק מיטן גאַנצן כוח און רופן מיט זייערע שרעקעדיקע געשרייען צו די קאָזאַקן.

נאָר די קאָזאַקן רירן זיך נישט, כאָטש מען קאָן זיי גוט זען פון דער ווייטנס. זיי שטייען מיט זייערע פערד ווי צוגעשמידט צו זייערע פּלעצער. קיינער ווייסט נישט, וואָס עס איז געשען. עס גייען־אַרום בשׂורות: „די קאָזאַקן האָבן זיך צעבונטעוועט. זיי ווילן נישט שיסן אין די מאַסן”.

אַן אומדערהערטע באַגייסטערונג פלאַמט־אויף צווישן דער מענגע. די שטימען ווערן העכער. טריאומפירנדיקער. עס וואַקסט דער וואַלד פון רויטע פענער און דעקט די קעפּ צו. די גאַנצע מאַרשאַלקאָווסקע ווערט פריי און ברייט פאַר די זינגענדיקע. פון אַלע פענימער שטראַלט־אַראָפּ באַגייסטערטע פרייד. אויגן ברענען, הענט שטרעקן זיך אין דער לופטן און די מאַסע טרעט פאָראויס. זי טרעט־אַריבער גרענעצן, וואָס קיינער זעט נישט, נאָר זיי זענען דאָ. זי ברעכט־אויף פאַרשלאָסענע טירן, וואָס האָבן פאַרצוימט וועלטן, וועלכע קיינער זעט נישט, — נאָר זיי זענען דאָ. זי טרעט אין אַנדערע וועלטן אַריין און טראָגט מיט זיך באַפרייאונג און דערלייזונג, נישט נאָר פון צאַרן און טיראַנען, נאָר אויך פון אינערלעכע צווימען, וואָס האָבן זי באַענגט, — ווי אַן אייז־באַפרייטער טייך, וואָס טראָגט זיך פון זיין געפאַנגענער קאָריטע איבער פרייע פרילינגדיקע פעלדער און פלאַכן.

קאַפּיטל 15

אין אַ מייז-פאַסטקע

נאָר באַלד איז פאַר די לויז־געוואָרענע וואַסערן אויסגעוואַקסן אַן אייזערנע, מיט פייער-שפּייענדיקע טאַמע. קיינער האָט נישט געזען, ווי אַזוי עס איז געשען, — ווי עפּעס דורך אַ מאַגישער האַנט אַרויסגערופענע, זענען אויפגעשטאַנען פנים צו פנים, פאַר דער יום־טובדיקער,

שוועבנדער מאסע, א ריי אייזערנע זעלנער. שיטער צעשאָטן, אָפּגערוקט איינער פונעם אנדערן, — איין ריי נאָך דער אנדערער. די ביקסן — נישט אויף די אָרעמס, נאָר ווי ביים יעגער אויפן גע̇יעג — אין די הענט, מיט די שפּיצן פון די שפּיזן געווענדעט צו די ברוסטן פון די מענטשן.

זיי האָבן זיך נישט געאיילט, נישט געלאָפן מיט אימפּעט, נאָר טריט ביי טריט, ווי זיי וואָלטן זיכער געווען מיט זייערע קרבנות, האָבן זיך די שרעקלעכע רייען זעלנער גענענטערט צו זיי. א שטילער און א טויט־לעבער ערנסט האָט מיט אמאָל ארומגעכאַפּט אי די מערדער, אי די קר־בנות. דאָס טריאומפירנדיקע, זינגענדיקע געשריי איז אין די ערשטע רייען אין מיטן אויסגעלאָשן געוואָרן, און אין די טיפערע האָט מען נאָך געזונגען. נאָר באַלד האָט זיך די שרעק אריבערגעטראָגן אויך אין די טיפענישן אריין. א פּאַניק האָט די מאַסן ארומגעכאַפּט. אזוי ווי זיי וואָלטן דערזען נישט קיין געוועלטעכס. אלע הערצער זענען שטיין געבליבן, די פּנימער בלייך, די פּיס אונטערגעשניטן, און די אויגן האָבן אָנגעהויבן פון איינעם אין אנדערן אריינקוקן, ווי זיי וואָלטן הילף געזוכט. איין שרעקלעך וואָרט האָט געוואַנדערט, ווי א שד, און געשלאָגן איבער די קעפּ:

— די וואָלינצעס!

אין דער מענגע איז פּלוצלינג געוואָרן אן ענגשאַפט. דאָס האָבן די אויסערלעכע רייען זיך צוזאַמענגעקוועטשט און געשטויסן אויף צוריק. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין אינעווייניק, באַהאַלטן, באַדעקן זיך מיט לייבער. די מענגע איז איצט געוואָרן ווי איין שטיק פּאַרגליווערטער קער־פּער. לייבער זענען געוואָרן ענג צוזאַמענגעשמידט. נאָר דאָך האָט מען זיך נישט אָפּגעשטעלט. צוגעצויגן דורך דעם מלאך המות, וואָס שטייט פאַר די אויגן, איז די מאַסע געטראָטן ווייטער, כאָטש מיט אונטערגע־שניטענע קני, וואַקלענדיק זיך ווי שכור. ווי א שלאַנג, וואָס האַלט פעסט איר קרבן מיט דעם מאַגנעט פון אירע אויגן, אזוי איז געוואָרן די מאַסע צוגעכשופט פון די זעלנערשע ביקסן, און זיי זענען געטראָטן אין פייער אריין, שרייענדיק שוין איצט מיט שרעק־אָנגעשטעקטע שטימען, וואָס האָבן זיך ווי דראַאונגען געריסן פון זייערע הערצער:

— „און זיין קאָליר איז רויט". —

פון דער צווייטער זייט האָט ווער א קאָמאַנדע געגעבן. אָן ווערטער, נאָר א מאַך פון א שווערדל, און די ביקסן, וואָס זענען שלאַבריק געהאָנ־

גען אין די הענט פון די סאָלדאַטן, זענען איצט געוואָרן אויסגעשטייפט, מיט די לופט־רערן געווענדעט צו דער וואַנט פון מענטשן-הערצער, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר זיך. די סאָלדאַטן זענען בלייך געוואָרן, און דאָס האָט עדות געזאָגט אויף דער ערנסטקייט פון מאָמענט.

און אַ וווּנדער: איצט האָט קיין פּאַניק מער נישט באַהערשט די מענגע מענטשן, נאָר אַן אומדערהערטע שטילקייט. די געזאַנגען האָבן אויפגעהערט, די מענגע איז שטיין געבליבן, און ווי פון אַלע לייבער וואָלט איין לייב געוואָרן, פון אַלע לעבנס איין לעבן. עס איז געווען ווי די אַלע לעבנס פון די איינצלנע יחידים וואָלטן זיך צוזאַמענגעגאָסן, ווי פייער מיט פייער, אינסטינקטיוו זיך ביי די הענט אָנגעכאַפּט, ווי איינער וואָלט דעם אַנדערן געוואָלט דורך דער האַנט זיין לעבן אַריינגיסן.

פּלוצלינג איז עפּעס געשען: פון דער העלער הויט האָט זיך אַ יינגל באַוויזן איבער די קעפּ פון אַנדערע. מען האָט נאָר געזען אַן אויסטערליש בלייך געזיכט מיט גראָבע, ציטערנדיקע נאָזלעכער, וואָס האָבן פלינק, אָן אָפּהאַלט אָטעם געשעפּט. ער איז געשטאַנען אויף עמיצנס אַן אַקסל, צי אויף הענט אין דער ערשטער ריי, פּנים צו פּנים מיט דער זעלנערשער וואַנט. אויסגעשטרעקט אַ פּאָר בלייבע הענט אַנטקעגן די אָנגעצילטע ביקסן, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן אין רוסיש מיט אַ שטימע, וואָס איז געווען כמעט אומפאַרשטענדלעך פאַר אויפרעגונג:

— ברידער וואָלינצעס!...

נאָר איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט פאַרענדיקן דעם ערשטן זאַץ, האָט אַ טויבער זאַלפּ אַרויסגעקנאַלט פון די ביקסן אין די מאַסן אַריין. דער שאָס איז געווען אַזוי טויב, אָן רעש, אָן רויך, אַז מען האָט גאָרנישט געוווּסט, וואָס עס איז געשען. עס האָט גענומען אַ ווײַלע ביז מען איז געקומען צום באַוווּסטזיין, אַז מען שיסט. ביז דענסטמאָל אָבער איז די מאַסע געבליבן שטיין ווי אַ פאַרגליווערטע און זיך נאָר געוווּנדערט, וואָס דאָ און דאָרט האָבן זיך איינצלנע מענטשן אונטערגעטונקט, אַראָפּגעבויגן זיך צו דער ערד, אָדער זענען געפאַלן אויף פרעמדע פּלייצעס.

נאָך דעם ערשטן זאַלפּ זענען די זעלנער אויך שטיל געבליבן, ווי דערשראָקן. צי עס איז געווען אַ צווייטע קאָמאַנדע, צי נישט, יעדנפאַלס האָבן זיי נישט אויסגעפירט. זיי זענען געשטאַנען ווי פאַרגאַפט, אין דער

אין חלוש פארבליבענער מענגע, וועלכע רירט זיך נישט פון ארט, נישט פאראויס, נישט צוריק. דאס האט געדויערט א מינוט, — אן אייביקייט. יעדנפאלס, האט דורך דער צייט דאס בלייכע יינגל, וואס איז נאך אלץ געזעסן אויף עמיצנס פלייצעס, מיט די ציטערדיקע, שוואר־אטעמדיקע נאז־לעכער, באמערקט די געלע, שיין־געקרייזלטע וואנצעלעך פון דעם יונגיטשקן אפיציר, וואס האט מיט א נאקעטער שווערד געגעבן די קאמאנדע צו שיסן. דאס יינגל איז העננגען געבליבן מיט זיין בליק אין די לייכטנדיקע הערלעך, אין די בלויע שיינע אויגן פון דעם יונגן אפיציר. איין אויגנבליק האבן זיי זיך ביידע אנגעקוקט. דאס יינגל האט יעדנפאלס גוט געזען דעם אפיציר, דערנאך אויך נאך געדענקט זיין פנים. מיט דער געשווינדקייט פון געדאנק האט דאס יינגל ארויסגעכאפט א רעוואלווער פון זיין טאש און אויסגעשאסן אין די געלע הערלעך פון דעם שיינעם אפיציר.

דער שאס פון דעם יינגל איז געווען א סיגנאל. דער שאס האט אויפגעוועקט די פארגליווערט־געבליבענע מענגע און די סאלדאטן.

ווי ווילד־געווארענע האבן זיך די סאלדאטן געגעבן א לאז־אריין אין דער מענגע און געשאסן אויף רעכטס און אויף לינקס. אנגעשטעקט מיט היסטערישער פאניק, האבן זיי זיך געווארפן אויפן ערשטן בעסטן.

די מאסע, וואס איז ערשט מיט איין אויגנבליק צוריק פארקנאטן געווען אין איין גוף, האט זיך געגעבן א צעשיט, ווי א מעכטיקער ווינט צעשיט א פייער אויף פונקען, אדער ווי א מעכטיקער בלאזער צעשפריצט א וואסער. מען איז געשפרונגען איבער די קעפ, געטראטן איבער לייבער, אויסגעביסן זיך מיט די ציין אן אנטרינונג. היסטערישע, נאקעטע געשרייען האבן אנגעפילט מיט אימה די גאס. און נאך זיי האבן בלייבע זעלנער, מיט פון כעס און שרעק ארויסגעזעצטע אויגן און צינגער, געהאלטן אין איין ווילד־געווארענעם שיסן.

אין איין ווייל איז די מארשאלקאווסקע גאס אויסגעליידיקט געווארן פון מענטשן. א טויטלעכע פוסטקייט און שטילקייט האט זיך געלייגט איבער דעם ליידיק־געווארענעם ברייטן, אויסגעפלאסטערטן ברוק. נאר דא און דארט האבן זיך פאראיינזאמטע, ווי פארגעסענע, ארומגעוואלגערט גופים. זיי האבן אויסגעזען, אזוי ווי זיי וואלטן זיך אליין געוועזן אוועקגעלייגט ווי קינדער, אין מיטן דער גאס.

די מיט פּאַניק אָנגעשטעקטע מענגע האָט געזוכט אַן אַנטרינונג פון דער ווילדער שיסעריי. די טראָטואַרן אויף ביידע זייטן גאַס זענען גע־וואָרן אָנגעשטופּט מיט מענטשלעכע לייבער. מען האָט זיך אַ וואָרף גע־געבן אויף די טויערן פון די הויפן. אָבער אומזיסט. די אייזערנע טויערן זענען געווען פאַרהאַקט, פאַרריגלט פון אינעווייניק. פאַרצווייפלט, מיט יללות און געוואַלדן, האָבן מענטשן אוממעכטיק געריסן די קליאַמקעס, געקאָפּעט מיט די פיס אין די אייזערנע טירלעך. אַלץ איז געווען פאַר־האַקט, פאַרקלאַפּט. איינצלנע מענטשן האָבן געפּרוווט ווייטער לויפן, אין אַ צווייטן הויף פּרוווו זייער גליק. זיי זענען אָבער באַלד צוריקגעטריבן געוואָרן פון דעם בלייענעם רעגן, וואָס האָט געבלאָנדזשעט אין גאַס.

די גאַנצע מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, אַזוי לאַנג און ברייט, ווי זי איז געווען, איז געוואָרן איין טויטע מייז־פּאַסטקע; די מענטשן — פאַר־פאָלגטע הויז-טירן. עס איז נישט געווען קיין אַנטרינונג. די טויערן פון די הייזער זענען געווען פאַרהאַקט, און אין די זייטן-געסלעך זענען גע־שטאַנען אין געדיכטע געשלאָסענע רייען קאָזאַקן־פּאַטרולן אויף די פערד, פאַרשטאַרקט מיט באַוואָפנטער פּאָליציי, און מיט אייזערנע נאַגייקעס, מיט נאַקעטע שווערדן און מיט אָנגעווענדטע פּיסטאָלן־רערן צוריקגעיאָגט די אַנטרינענדיקע מאַסע, וואָס האָט געשטראָמט צו די זייטן־גאַסן, צו־ריק אין דעם טויטן מייז־קאַסטן, וואָס עס האָט איצט געבילדעט די מאַר־שאַלקאָווסקע גאַס.

אין דער אַנטלויפנדיקער מענגע האָט זיך אויך געפונען רחל־לאה מיט אירע טעכטער. ווען עס איז געוואָרן די בהלה, האָט זי זיך נישט פאַרלוירן. זי האָט אַ כאַפּ געטון אירע קינדער ביי די הענט, מיט מיר־קינען הינטער איר, און איז אַנטרונען, ווי די אַנדערע, אין אַ ראָם פון אַ טויער: געמיינט, אַז עס וועט איר געלינגען צו באַהאַלטן זיך אין הויף. דאָס טויער פון הויף איז אָבער ווי אומעטום געווען פאַרשלאָסן. אומ־זיסט האָבן אָדער-געשוואָלענע הענט פאַר אימה און אויפרעגונג געריסן אומבאַהאָלפן ביי די קליאַמקעס פון טויער. דאָס טויער איז געווען באַ־האַקט מיט אייזן, און פון אינעווייניק האָט זיך נישט געהערט קיין מענטש־לעך קול, ווי די וועלט וואָלט געווען אויסגעשטאָרבן. וואָס אַמאָל מער, דרינגען זיך אַנטרונענע מענטשן פון דער געפערלעכער גאַס אין ראָם פון טויער, וואָס ווערט אין איין מינוט איבערגעשווומען. מענטשלעכע קער־

פּערם וואַרפן זיך אויפן טויטן טויער. נאָר דאָס טויטע, אייזערנע טויער איז שטאַרקער פון די לעבעדיקע לייבער.

פון דער גאַס דערטראָגן זיך אַהער די טויבע קנאַלן פון די שאָסן, וועלכע פליען דעם הויז אַזוי ווי ווינטן פאַרביי. יעדן אויגנבליק קאָנען אָנקומען צום הויז צעווילדעוועטע זעלנער און אַלעמען צעשיסן ביי דער וואַנט פון טויער. רחל־לאה קוקט זיך אַרום און זעט, אַז זי איז פאַרזונקען אין אַ ספּאַזמירטער, אויפגערעגטער מאַסע. זי מוז זיך פון דאַנען ראַטעווען, אָבער זי וואַגט נישט אַרויסצוקומען אויף דער גאַס. איינס איז פאַר איר קלאָר: כדי זיך צו ראַטעווען, מוז מען זיך דורכרייסן דורך די קאָרדאָנען פון די קאָזאַקן, וואָס שטייען אין די זייטן־גאַסן. עס איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן. אומזיסט קוקט זי זיך אַרום, ווער עס וועט וואַגן צו גיין נאָך איר. זי זוכט מיט די אויגן. זי זעט נאָר די פאַרחלשטע, מיט שרעק אָנגעשטעקטע מאַסע. און דאָ ברענגט דער שטראָם צו טראָגן צום טויער אַן אָנגעלויף מיט אַנטרינענדיקע מענטשן. זי דערזעט, ווי עס לויפט־אַרויס אַ בלייך יינגל אָן אַ הוט, מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט.

— ווייַ איז מיר! — גיט זיך אַ רייס־אַרויס אַ געשריי פון איר האַרץ.

רחל־לאה גיט אַ שטופּ מיט אירע עלנבויגנס די צוזאַמענגעקנאָטענע לייבער אַרום איר, אַ נאָרע אַדורך זיך, נאָכשלעפּנדיק ביי די הענט אירע טעכטער, אַ פאַל־צו צום יינגל, אַ פּליאַסק אין פּיסק, אַ רייס־אַרויס דעם רעוואָלווער פון דער האַנט. זי גיט אַ שלעפּ אַ טיכל פון איר האַלדז און דערמיט אַ פאַרדעק דעם קאָפּ פונעם יינגל, אַ געשריי צו דער צעשראָקענער מאַסע:

— וואָס וועט זיין פון שטיין!? זיי וועלן אונדז דורכזייען מיט קוילן, ווי די פאַרסמטע מייז אויסראָטן. נאָך מיר! מיר מוזן זיך דורכרייסן דורך די קאָזאַקן. דאָ, אויף עק זלאָטע.

זי גיט אַ שטופּ דעם יונג מיטן צוגעדעקטן קאָפּ און פּנים פאַראויס פאַר זיך, אַ כאַפּ די טעכטער ביי די הענט, און די מאַסע, ווי נאָך אַ מאַגנעט, נאָך איר אַ לויף־אַרויס אין גאַס, געבויגן די קעפּ פון די קינדער מיט אירע הענט צו דער ערד, אַדורך דאָס שטיקל גאַס, און — אַ לאָז־אַריין זיך צום אויסגאַנג פון דער זלאָטע.

— וווהין? וווהין? צוריק! צוריק! — קומט איר אַנטקעגן צולויפן אַ צעיושעטער „רעוויראָווע" מיט אַ נאַקעטן רעוואָלווער אין דער האַנט.

— נאַ, שיס, שטעך! מאָרדעט, גזלנים! גיט זי אַ שפּרונג־אַריין אין זיין פון שרעק פאַרכאַפּטן פּנים, ווי אַ צערייצטע חיה. — איינעם האָט איר שוין געהרגעט, — ווייזט זי מיט אַ זשעסט פון איר האַנט אויפן באַ־דעקטן יונג מיטן טוך. — נאַט, הרגעט מיך, גזלנים! אייער טאָג וועט אויך קומען! — שטרעקט זי אַ געביילטע פויסט אין זיין פּנים אַריין.

דאָס מיט בלוט־איבערגעלאָפענע פּנים פון דעם „רעוויראָווע" דער־שרעקט זיך, און אינסטינקטיוו כאַפּט ער עס אַוועק פון איר פויסט. ער האָט געמיינט, אַז דער פאַרדעקטער יונג, וואָס זי פירט ביי דער האַנט, איז אַ פאַרוווּנדעטער, און ער האָט אויס שרעק צוריקגעטרעטן.

נאָך רחל־לאהן האָט זיך באַלד געגעבן אַ גאָס אַ מאַסע היסטעריש־שרייענדיקע ווייבער און אויך אַלץ גרייטע מענער. די מענגע, געיאָגט דורך די שיסנדיקע ביקסן, האָט דורך איר רעטונגס־אינסטינקט דערפילט דאָס לאָך, וואָס רחל־לאה האָט מיט איר קערפּער אויסגעגעבערט, דורך וועלכן זיי קאָנען אַנטרינען ווערן פון געפאַר, און די מאַסע האָט זיך גע־געבן אַ לאָז־אַרויס מיט דעם גאַנצן אימפּעט און שטראָמיקייט פון פאַרן טויט אַנטלויפנדיקע מענטשן, — נישט געקוקט אויף די פליענדיקע נאָ־גייקעס, וואָס זענען געפאַלן איבער זייערע קעפּ, פון די צואיילנדיקע, רייטנדיקע קאָזאַקן.

אַז רחל־לאה איז אַהיימגעקומען, איז די ערשטע זאַך געווען אַראָפּ־צוציען די הויזן און די מאַרינאַרקע פונעם יונג. זי האָט זיי צעפּליקט אויף שטיקער, אַריינגעוואָרפן אין אַן עמער מיט וואַסער, אויסגעדרענגט די שמאַטע און אַוועקגעשטעלט זיך מיט דעם יונגס אָנצוג די פּאָדלאָגע וואַשן.

— וואָס טוט די מאַמע? דאָס זענען דאָך די נייע הויזן.

— זיי וועלן דיך דערקענען אין די געלאַטעטע אויך.

קאַפּיטל 16

אַ מוטערס געשריי

נאָך דער מאַי-געשעעניש האָט זיך דער „זשאַבלינער" אַרויסגע-צויגן פון פרוי הורוויצעס „בית-מדרש". ער איז גאָר נישט אַהיימגעקו-מען נעכטיקן. אויפן צווייטן טאָג האָט ער געשיקט אַן אומבאַקאַנט יינגל נאָך די זאַכן, און פון דעמאָלט אָן איז ער פאַרשוואונדן, ווי אין וואַ-סער אַריין.

האָט רחל-לאה פאַרשטאַנען, אַז זי האָט זיך אויף עפּעס צו ריכטן, אַז זי מוז עפּעס טון מיטן יינגל. אָבער וווהין קאָן זי אים שיקן, אַז דאָס פאַר-שווינדן פון דער שול קאָן ערשט רעכט ווערן פאַרדעכטיק? און דאָ טאָר דער טאַטע גאָרנישט וויסן דערפון. האָט זי אים איבער נאַכט, מיט עפּעס אַ תירוץ, געשיקט שלאָפן צו מירקינען. ווי עס זאָל נישט זיין, זאָלן זיי אים קודם-כל נישט געפינען אין דער היים, און ווען די ערשטע פאָר נעכט זענען דורכגעגאַנגען און עס האָט גאָרנישט פּאַסירט, און דער טאַטע איז אויפמערקזאַם געוואָרן, וואָס דאָס יינגל נעכטיקט נישט אין דער היים, איז ער צוריק אַהיימגעקומען. נאָר ערשט דעמאָלט, ווען ער איז צוריק אַהיימגעקומען, האָט רחל-לאה געהאַט ביינאַכט אומגעבעטענע געסט. מען האָט דורכגענישטערט דאָס הויז פון ווינקל צו ווינקל, אַרויסגעיאָגט דורך פאַרשידענע קונצן די מיידלעך פון די בעטן, געזוכט אין די שעניקעס, אויפגעריסן די פּאָדלאָגע, דורכגעוואָרפן אַלע טעפּ, ראָנדלעס און טעלער פון קיך. צום סוף האָבן זיי געפונען אין דעם יינגלס ראַניעץ, צווישן די ביכער, אַ פּעקל מיט פּראָקלאַמאַציעס. דאָס יינגל האָט זיך באַלד מודה געווען, אַז עס באַלאַנגט צו אים, און זיי האָבן פאַרנומען דאָס יינגל מיטן פאָטער, דעם לערער, מיט זיך.

אַז זיי האָבן געהייסן דורן זיך אָנטון מיטצוגיין מיט זיי, האָט רחל-לאה צו איר פאַרביטערונג נאָך באַמערקט, אַז די הויזן, וואָס דוד טראָגט, זענען אין אַזאַ מעמד, אַז ער קאָן זיך גאָרנישט אין זיי ווייזן פאַר מענ-טשן. זי האָט בדעה געהאַט צו נעמען אַ נאָדל מיט פאָדעם און צו פאַר-ריכטן זיי אויף אים. נאָר רחל-לאה איז מיטאַמאָל אָפּהענטיק געוואָרן. אַ יאוש איז זי באַפאַלן, און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס לוינט

זיך שוין נישט מער. עס איז געווען צום ערשטן מאָל, ווען רחל־לאה האָט רעזיגנירט.

נאָר פּלוצים איז איר באַפאַלן אַ כעס, און זי איז גרייט געווען דאָס יינגל כאָטש אויסצופּאַטשן, איידער ער פאַרלאָזט איר שטוב. און איר לעצט וואָרט צו אים איז געווען אַ געבייזער:

— דו סמאַרקאַטש! וואָלסט עס מיר כאָטש געווען געגעבן צו באַ־האַלטן. אין ראַניעץ האָט ער עס אַריינגעשטעקט!

עס איז איר געווען גאַנץ גלייך, וואָס די זשאַנדאַרן און שפּיאָנען, וואָס זענען געווען דערביי, האָבן געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט.

— אין ראַניעץ האָט ער עס געשטעקט! — האָט זי אים נאָכגעשריגן אויף די טרעפּ.

אויף מאָרגן איז העלענקע געלאָפן צו מירקינען געוווּיר ווערן, וואָס עס הערט זיך מיט אים. אויף אים, זעט־אויס, איז קיין פאַרדאַכט נישט געווען, און מען האָט אים געלאָזט צו רו. ער איז געקומען צו די הור־וויצעס, און דאָס ערשטע מאָל האָט ער געטראָפן פרוי הורוויץ אַ פאַר־צווייפלטע, אין רעזיגנאַציע. זי איז געזעסן אויפן בענקל ביים אויוון מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און געוואָרפן משוגענע בליקן אַרום זיך און גע־האַלטן איין ברומען צו זיך:

— און איצט דער צווייטער.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן פאַר זיך:

— פאַרוואָס האָב איך זיך נאָך געבייזערט אויף אים? — האָט זי זיך געהאַלטן אין איין פאַרוואַרפן. אָבער באַלד האָט זי עס באַרעכטיקט מיט אַ פאַרביסנקייט:

— קאָן מען דען נישט פּלאַצן? אין ראַניעץ האָט ער עס געשטעקט! וואָלט ער עס כאָטש מיר געווען געגעבן צו באַהאַלטן! אַזאַ סמאַרקאַטש!

שפּעטער זענען געקומען באַאַמטע פון שול-אינספּעקטאָר, אַהיימגע־שיקט די קינדער און פאַרחתמעט די טירן פון דער שולע.

דעם לערער הורוויצעס הויז האָט געהאַלטן אין אונטערגיין.

דענסטמאָל האָט זיך אַן אומגעוועגלעכע ענערגיע דערוועקט אין זאַכאַרי מירקין. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די ערשטע און וויכטיקסטע זאַך איז — צו ראַטעווען די שולע, די אַרבעט פון לערער הורוויץ זאָל נישט גיין אין ניוועץ. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט אים אויסגעוויזן פאַר

אזוי וויכטיק, אז ער איז גרייט געווען זיין לעבן פאר איר אוועקצוגעבן, אזוי ווי עס וואלט זיך געהאנדלט מיט דער איינער שולע די וועלט צו ראטעווען.

ער האט געהאלטן אין איין אפשלאגן די טירן פון דער ווארשעווער שול-אינספעקציע. ער האט זיך באנוצט מיט אלע מיטלען, נישט אכטנ־דיק קיין זאך. דארט, ווו מען האט געדארפט געבן כאבאר, האט ער גע־געבן כאבאר. דארט, ווו מען האט באדארפט באנוצן פראטעקציע, האט ער זיך געשאפן פראטעקציע.

אלס געענדיקטן אדוואקאט, א מענטש מיט אוניווערזיטעט־בילדונג, איז אים געלונגען שוין אין א קורצער צייט ארויסצוקריגן א קאנצעסיע אויף זיין אייגענעם נאמען. ער האט צוריק געעפנט דעם לערער הורוויצעס שולע, א פארגרעסערטע און אן אויסגערייניקטע. ער האט אנגע־שטעלט לערער און אליין זיך געשטעלט אין דער שפיץ. די נויט האט אים דיקטירט די ריכטיקע האלטונג צו די קינדער און צו די לערער. ער האט באקומען אן אויטאריטארן טאן און אן עקזעקוטיוון זשעסט, וואס האט נישט פארפעלט אויסצואיבן זיין איינפלוס נישט בלויז אויף די קינדער, נאר אפילו אויף העלענקען און אויף איר מוטער. ער איז אריין אין דעם לערער הורוויצעס ראלע, אויף וועמענס פאסטן ער האט זיך געשטעלט.

ער האט זיך גענומען צו ארגאניזירן די פארטיידיקונג. מען האט נישט געוווסט, אין וואס מען באשולדיקט דאס יינגל. צי זיי האבן אויס־געפונען די ראלע, וואס דאס יינגל האט געשפילט בעת דער מאי־דעמאנ־סטראציע? מען האט קיינעם נישט צוגעלאזט צו די ארעסטירטע, נישט קיין אדוואקאט, נישט קיין משפחה. מירקין האט געהאלטן אין איין טרייסטן די מוטער, אז דאס, וואס מען האט זיי אריינגעזעצט אין „פאוו־יאק", נישט אין ציטאדעל, איז דער בעסטער באווייז, אז זיי ווייסן נאך גארנישט, און די אונטערזוכונג קעגן יינגל האלט זיך נאך אין אויספארשן. זיי זענען גארנישט אויף דער שפור פון דער מאי־געשעעניש. מען האט צוגעלאזט צו זיי עסן. פאטער און זון זענען געזעסן אין איין צעל.

באלד אבער האט זיך מירקין דערוווסט, אז דעם יינגלס עסק גע־פינט זיך נישט אין געווענלעכן, נאר אין קריגס־געריכט. דער גורל פון דעם יינגל איז אין די הענט פון דעם ווארשעווער גענעראל־גובערנאטאר, דעם גרויזאמען סקאלאן, וואס קאן, לויט זיינע פולמאכטן פון צאר און

לויט די אויסנאַם־געזעצן, וואָס הערשן אין לאַנד פאַר אַ לאַנגער צייט, אַוועקשיקן דאָס יינגל צום טויט אָן יעדן משפּט.

מירקין האָט שוין פון דעם פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען געקומען אויף דער שפּור פון דער מאַי־געשעעניש. ער האָט געוווסט מיט וואָס דאָס שמעקט. ווי ווייט מעגלעך אָבער, האָט ער באַהאַלטן דעם אמת פון דער משפּחה. ער האָט זיי אָפּגענאַרט, אַז דער ענין האַלט זיך נאָך אין אויספאָרשן, און קיין זאַך איז נאָך נישט קלאָר. יעדן פרימאָרגן האָט ער מיט האַרץ־קלאַפּן גענומען די צייטונג אין דער האַנט אריין און געזוכט צווישן די קליינע אָפיציעלע ידיעות. ער האָט אָנגעזאָגט העלענקען, אַז מען זאָל פון דער מוטער אויסבאַהאַלטן די צייטונגען, כדי זי זאָל פּלוצלינג נישט פאַלן אויף איבערראַשונגען...

דערווייל האָט רחל־לאה געקאָכט יעדן טאָג מיטאָגן און געטראָגן אין „פּאַוויאַק" אריין, וואָס איז, אגב, נישט געווען ווייט פון איר וווינונג. זי האָט זיך געשטעלט מיט אַנדערע מוטערס און ווייבער פון פּאָליטישע און קרימינעלע אַרעסטירטע אָפּוואַרטן, ביז עס וועט קומען איר ריי, און זי וועט אירע טעפּ און טעלער דערלאַנגען דורכן קליינעם פענצטערל אין אייזערנעם טויער.

יעדעס מאָל ווען זי איז אָנגעקומען צום „פּאַוויאַק", האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז פון אַן אויבערשטן פענצטערל פוכערט אַ האַנט צו איר דורך דער אייזערנער גראַטע. זי האָט נישט געוווסט, אויב די האַנט פון אונטער דעם אייזערנעם דעכל איז פון אירע אייגענע, אָדער אַ פרעמדע. יעדנפאַלס איז איר די דאָזיקע האַנט געוואָרן נאָענט. ביים ערשטן אויגנבליק, ווען זי איז אָנגעקומען פאַרן „פּאַוויאַק", האָט זי געזוכט די האַנט, און אַז זי האָט דאָרט אויבן באַמערקט די פינגער ארויסשטעקן (די גאַנצע האַנט איז געווען אוממעגלעך ארויסצושטעקן), איז איר לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן און זי האָט געהאַט אַ צייכן, אַז אַלץ איז נאָך דערווייל גוט...

איינמאָל, ווען זי איז אָנגעקומען מיטן עסן פאַרן „פּאַוויאַק", האָט זי אָנגעטראָפן אויף אַ גרעסער געשטיי פון מענטשן. אויך אויף די טראָטואַרן, אין די אַרומיקע געסלעך, פון די מיט דער תפיסה שכנהדיקע פענצטער קוקן פרעמדע, נייגעריקע מענטשן. איר האַרץ האָט אָנגעהויבן הויך צו קלאַפּן, און אַנגסטן האָבן זיך איר געזעצט אויפן קורצן שטערן, אויף

וועלכן עס האָבן זיך לעצטנס אָנגעהויבן צו קלעבן שטייפע, גראָע האָר.

אַז זי איז צוגעקומען נענטער, האָט זי איבערראַשט אַן אוממענטש־לעך מוראדיק געשריי, וואָס האָט זיך געהערט פון איבערן מויער פון „פּאַוויאַק”, אַ געשריי, ווי עס וואָלט געקומען פון העלדזער פון געשטיק־טע הינט. די מוטערס, די אַלטע פּאַטערס, שוועסטער און כּלות, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דעם טויער, האָבן אוממעכטיק געקוקט איינער דעם אַנדערן אין פּנים אַריין. דאָ און דאָרט האָט אַ מאַמע זיך די טרערן געווישט אין דער שטיל מיט אַן עק פון קאָפּ־טוך, און פון די אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט אַן אוממעכטיקער כּעס־גלאַנץ, ס'האָט זיך דערהערט אַן אוממעכטיק ברומען, אַ שילטן אין די פויסטן אַריין און אַ געמורמל:

— מען שלאָגט אין „פּאַוויאַק”!

רחל־לאה האָט זיך איינגעקוקט אַרום זיך מיט אַ פאַרפרעמדטן בליק. זי האָט אין ערשטן אויגנבליק נישט געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און געהאַלטן אין איין פרעגן: וואָס איז געשען?

אָבער קיינער האָט איר נישט געענטפערט. אָן די פון רחמנות און צער איינגעקאָרטשעטע פּנימער פון די אָנגעהעריקע, אָן די אָטעם־פאַר־כאַפּנדיקע מוראדיקע ווייען פון די ווייבער און דעם שאָקלען מיט די קעפּ, האָט זי אַלץ דערפילט, נישט פאַרשטייענדיק, נישט באַוווּסטזיניק, וועגן וואָס דאָ גייט. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַלע דערינען אויף יענער זייט מויער זענען פאַרלייבט געוואָרן אין איר קינד, און איר מאַן — און זיי שלאָגט מען.

זי האָט אַ וואָרף־געטון פון די הענט די שיסלען מיט די טעפּ עסן, אַ שטופּ־געטון זיך דורך דעם מורמלדיקן עולם, אַ וואָרף־געגעבן זיך מיט איר גאַנצן קערפּער אויפן אייזערנעם טויער, גענומען האַקן מיט אירע פויסטן אין דער טיר און געשריגן מיט אַ הייזעריק געוואָרענער, מענטש־לעך־פאַרלוירענער און חיהש־גלייכער שטים:

— גזלנים, מערדער! איר שלאָגט אונדזערע קינדער! באַנדיטן! גזלנים! גזלנים!

איר קול האָט אָנגעשטעקט, און באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ קלאָ־געדיק געיאָמער, ווי עס וואָלט ווער אַן אויסלייז געגעבן צו די ביז איצט פאַרשטיקטע געוויינען.

אַז אוממענטשלעך גוואַלד האָט זיך אויפגעהויבן, זיך דורכגעטראָגן מיט אַ שטורעם פון נאָענטע און פרעמדע:

— גזלנים! מערדער! גזלנים!

עס איז געוואָרן אַן אַנגעלויף פון די אַרומיקע גאַסן, ווי אויף אַ פלאַנג פון אַ שׂרפה. באַלד איז שוואַרץ געוואָרן פאַר דעם אייזערנעם טויער פון „פּאַוויאַק" מיט גראָענדיקער מענטשלעכער באַקליידונג. אַלע האָבן זיך איינגעקנאָטן אין איין ריזיק לייב, און אַ שטורעמדיקער טייך פון מאַסן לייבער האָט זיך געהאַלטן אין איין וואַרפן אויף דעם אייזערנעם טויער, אויף דער אַרומיקער מויער פון געפענגעניש:

עפנט! עפנט! עפנט!

פון די מאַסן לייבער האָט אַרויסגעשטאַרט אַ ווייבערשער מוטער־קאָפּ. שוואַרצע, שטייפע, מיט גראָ אַדורכגעוואָרפענע האָר האָבן זיך געריסן פון איר טוך, געפלויגן פון ראַשיקער באַוועגונג אַרום איר, ווי שפּיזן. אירע אויגן האָבן געברענט אַרויס פון איר שוואַרץ געוואָרענעם פּנים. אירע הענט זענען לענגער און העכער געוואָרן און דערהויבן זיך איבער אַלעמענס קעפּ. די נאַקעטע, ביינערדיקע הענט, אַרויסשטאַרנדיק פון די שוואַרצע אַרבל האָבן ווי פייער־פלאַקער, ווי אויפגעהויבענע פענער איבער דעם ים קעפּ, געפירט, אויפגעברויזט די מאַסן. באַלד האָבן מער הענט זיך באַוויזן. אַ וואַלד פון הענט האָבן געהאַמערט אין דעם אייזערנעם, קאַלטן טויער. פינגער האָבן זיך אין קרעמפּן געקאָרטשעט אין אומברחמנותדיקן שטאָל. נאָר מער נאָך ווי די הענט און נעגל האָבן געהאַמערט אין פאַרשלאָסענעם טויער די ווילדע מענטשלעכע געשרייען:

— גזלנים, עפנט! מען שלאָגט אונדזערע קינדער!

דערינען, זעט־אויס, האָבן געמוזט דערגיין די מענטשלעכע קולות פון דער גאַס באַלד האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקטער עכאָ פון אינעווייניק. די קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער טורמע, זענען געווען ווי זיי וואָלטן דורכגעוואַנדלט דורך פייכטע, קאַלטע קאָרידאָרן, דורכגעריסן זיך דורך פּעטליעס פון תּליות, דורך בעסטיאַלישע פינגער. די קולות זענען געווען האַלבע, צעריסענע, פאַרשטיקטע. נאָר צוליב דעם טאַקע האָבן זיי אַרויסגערופן דעם ווילדסטן אויסברוך; זיי האָבן געוועקט דאָס רחמנות ביי די מענטשן — צו משוגעת, און דעם כּעס און צער — צו ווילדקייטן:

— גזלנים! הענקער! זיי שעכטן אונדזערע קינדער!

די קולות האָבן אַזוי אויפגעפלאַקערט, אַז מען האָט געמוזט רעאַגירן פון דערינען. די אייזערנע טיר פון אומברחמנותדיקן טויער, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט פון די גוואַלדן ווי אַ פאַרשטיינערטער שומר, האָט זיך פּלוצים געעפנט, און אַ קליינער באַאַמטער, באַגלייט מיט באַוואָפנטע היטערס, האָט זיך באַוויזן. נאָר איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיין מויל אויפצועפענען, איז רחל־לאה אים געשפּרונגען אין פּנים אַריין מיט אירע פינגער:

— גזלן!

אַ קלאַפּ מיט אַ קאָלבע פון אַ ביקס האָט זי צוריקגעשלאָגן. רחל־לאה האָט זיך געגעבן אַ וואַקל מיט איר גאַנצן קערפּער. ווי אַ הילצערנע סטאַטוע האָט זי זיך געגעבן אַ שאָקל אַהין און אַ שאָקל אויף צוריק, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי וועט אומפאַלן. נאָר זי האָט זיך געמיט און איז נישט אומגעפאַלן, געבליבן שטיין אין איר גאַנצער הויך. זי האָט מיט אירע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן די שטראָמלעך בלוט, וואָס זענען איצט געפלאָסן פון איר געדיכטן קאָפּ האָר, אָנגעקוקט איר פייניקער. נאָר דער בליק האָט געמוזט זיין אַזאַ פרירנדיקער, אַזאַ אומהיימלעכער, אַז דער באַאַמטער מיט די שומרים, וואָס זענען אַרויס באַרואיקן דעם עולם, האָבן זיך דערשראָקן פאַר איר, אָפּגעטראָטן הינטערוויילעכטס פון איר, ווי מען טרעט־אָפּ פאַר אַ דערשיינונג און זענען אַנטרונען געוואָרן געשווינד צוריק אין דעם אייזערנעם טויער אַריין.

רחל־לאהן האָט מען שפּעטער אַהיימגעפירט. די קינדער האָבן זיך דערשראָקן פאַר איר אויסזען, זי אויסגעטון און געלייגט אין בעט. מירקין איז געלאָפן ברענגען אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אויסגעפונען, אַז די וווּנד, כאָטש אַ טיפע, איז אָבער נישט געפערלעך. מען האָט אָפּגעוואַשן דאָס בלוט און די וווּנד פאַרבונדן.

די קינדער האָבן שוין מער די מוטער נישט געלאָזט גיין מיטן עסן צום „פּאַוויאַק". מען האָט אויך שוין נישט געדאַרפט. אויפן צווייטן טאָג האָט מען פּאָטער און זון איבערגעפירט אין ציטאַדעל. דאָרטן האָט מען נישט צוגעלאָזט נישט אויף קיין זעאונג און נישט קיין עסן.

זיי זענען געווען טויט פאַר דער לעבעדיקער וועלט אין דרויסן.

קאַפּיטל 17

אין דער שטייג

טאַטן און זון האָט מען צוערשט אַרייַנגעזעצט אין איין צעל, אין „פּאַוויאַק". אויפן פאַרהער האָט מען זיי גענומען באַזונדער. מיטן פאָטער האָט מען נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות. נאָך צוויי־דריי מאָל אויספאָרשן האָט מען אים צו רו געלאָזט. דאָס יינגל אָבער האָט מען גע־האַלטן אין איין שלעפּן פון איין זשאַנדאַרמעריע צו דער אַנדערער, גע־שיקט אים צוריק אין צעל און פּלוצלינג ווידער גערופן, אָפטמאָל אין מיטן דער נאַכט אַראָפּגעשלעפּט פון געלעגער. יעדעס מאָל, ווען דאָס יינגל איז צוריקגעקומען פון פאַרהער, איז ער געווען אויסערגעוויינלעך מיד און אָפּגעשוואַכט, דאָס פּנים בלייך, טונקל, פאַרביסן די ליפּן. נאָך די אויגן זענען געווען באַלעבט און רויט. די ווייסל־בעלעמס אָנגעלאָפן מיט בלוט, און די אויגן־הייטלעך ווי צוגעשוואָלן. ער פלעגט זיך נאָך יעדן פאַרהער אַרויפוואַרפן אויפן שעניק און באַלד איינשלאָפן, שלאָפן מיט אָפענע אויגן, און שווער אָטעמען מיט זיינע גרויסע נאָזלעכער. אַזוי ווי דאָס יינגל האָט נישט געזאָגט, אין וואָס מען באַשולדיקט אים, האָט אים דער פאָטער נישט געפרעגט. דער לערער הורוויץ איז נישט געווען פון די, וואָס זענען אומגעדולדיק אַרויסצוווייזן זייער נייגעריקייט, אפילו אין דעם פאַל.

דער לערער הורוויץ האָט באַלד אין דער צעל, ווו זיי זענען געזעסן, איינגעפירט אַ רעזשים, וואָס זאָל זון און פאָטער האַלטן באַשעפטיקט אַ גאַנצן טאָג. עס זענען געווען אויסגעטיילט שעהען פון פאַרשידענע לי־מודים. אין די פאַרמיטאָג־שעהען האָט דער לערער גענומען ביי זיין זון לעקציעס אין אַלטע שפּראַכן, גריכיש און לאַטייניש, וועלכע דער לערער האָט זיך אונטערגענומען אויסצולערנען דורך דער צייט פון זיין געפאַנ־גענשאַפט. נאָך מיטאָג האָט דער פאָטער פאָרגעלייענט פאַרן זון גאַנצע פּרקים פון „פּאַן טאַדעאוש" און פון אַנדערע פּוילישע קלאַסישע ווערק, וואָס ער האָט געקאָנט אויף אויסנווייניק; אָדער ער האָט אים געגעבן אַ שיעור פון יידישער מיטלאַלטערישער פילאָזאָפיע. פון צייט־צו־צייט האָט זיי אַן אויג באַאָבאַכטעט דורך דעם „יודאַש־פענצטערל". זיי זענען

באַלד אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צו דעם אייביקן אויג, וואָס האָט זיי באַ-אַבאַכטעט פון דרויסן, אַז עס האָט זיי מער נישט געאַרט, אַזוי ווי דער, וואָס אין דרויסן וואָלט נישט געווען קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר עפּעס אַ הויז־חיה, פאַר וועלכער מען שעמט זיך נישט אפילו נאַקעט צו שטיין...

די לעקציעס האָבן אָבער נישט לאַנג געקאָנט אָנהאַלטן. מען האָט איצט דאָס ייִנגל אַלץ אָפטער גערופן אויף די אויספאָרשונגען. גאַנצע טעג פלעגן זיי אים ערגעץ־ווו אָפּהאַלטן, אָפטמאָל אַרויסשלעפּן ביינאַכט, און אַז ער איז צוריקגעקומען צום פאָטער אין דער צעל אַריין, איז ער געווען אַזוי מיד, אויסגעמוטשעט, אַזוי שוואַרץ אונטער די אויגן, און זיינע נאָזלעכער האָבן אַזוי שווער און לאַנג געאָטעמט, אַז עס האָט נישט געהאָלפן דעם ייִנגלס באַמיען זיך צו שמייכלען און כלומרשט אויפפאָ־דערן דעם פאָטער אָנצוהייבן אַ נייעם לימוד.

— איך וועל די ערשטע הונדערט סטראָפן פון „אָדיסעאַ" אין אָרי־גינאַל פאַרלייענען. זאָל דער טאַטע עס אין דער פּוילישער איבערזעצונג נאָכזאָגן.

— ביסט איצט מיד, לייג זיך שלאָפן.

און דאָס ייִנגל איז טאַקע תיכּף אויפן שעניק אַוועקגעפאַלן אין אַ שווערן שלאָף.

דער פאָטער האָט זיך אַרויף און אַראָפּ איבער דער צעל געדרייט און געברומט פאַר זיך:

— וואָס טוען זיי דאָס דאָרטן מיט אים אַזעלכעס? וואָס טוען זיי מיט אים? — און ער פלעגט אָנהייבן ברומען פאַר זיך נגונים פון די אַמאָליקע בית־מדרש־בחורשע יאָרן, לאַנג אַרויף און אַראָפּ שפּרייזן און זיי ברומען פאַר זיך מיט אַזאַ האַרץ־נאָגנדיקער טרויעריקייט, אַז ער האָט זיך דורך זיי אַריינגעאַרבעט אין אַן אַנדערער, גייסטיקער וועלט, און פאַרגעסן די צרות, און ער איז געטרייסט געוואָרן.

איינמאָל, בעת דער פאָטער האָט זיך אַזוי ווי אַ טרויעריקער וואָלף אַרויף און אַראָפּ געדרייט איבער דער צעל, דער זון איז געלעגן אויפן שעניק און האַרט געשלאָפן (עס איז געווען נאָך אַ פאַרהער), האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן הויך פון שלאָף. דאָס ייִנגל האָט דאָס עמיצן געשאָלטן מיט מיאוסע אויסדרוקן, וואָס געפינען זיך אין דעם רוסישן לשון. מייס-טנס אָבער האָט ער גערעדט „דאָס תּפיסה־דאָקטאָרל, אים אָנגערופן מיט

אַזעלכע נעמען, וואָס האָבן דעם פּאָטער שאָקירט און געוווּנדערט, פון וואַנען עס קומט צו זיינס אַ קינד אַזאַ שפּראַך...

ער איז צוגעגאַנגען צום שעניק דאָס יינגל אויפצוּוועקן. אין דער צעל האָט געהערשט אַן אייביקע פאַרנאַכטיקע שאָטנקייט. די זון איז איינ־געהאַלטן געוואָרן ביים פענצטערל דורך דעם גרויען אָפּגעפאַרבטן איי־זערנעם דאַך־לאָדן, וואָס איז געהאָנגען איבערן פענצטערל. ער איז געווען אַ קורצזיכטיקער, דער לערער, האָט ער דעם שעניק נישט גוט געזען און איז גאַנץ נאָענט צוגעגאַנגען צום בעט, איינגעבויגן זיך איבערן זון. דורך אַ צופאַל האָט ער באַמערקט, ווי דורך דעם יינגלס צעריסענע הויזן רייסן זיך שטיקער רויטע אויפגעפלאַמטע פאַסן לייב, ווי פייערדיקע שנורן... עס האָט זיך אים גאָרנישט געקאָנט לייגן אויפן שכל, אַז אויף אַ לעבע־דיקן מענטשנס לייב זאָלן זיך ציען אַזעלכע אומנאַטירלעכע פלאַמענדיקע שנורן, אָנגעלאָפן מיט בלוט־געשווילעכץ. דעם פאָטער האָט זיך אויס־געוויזן, אַז דעם זונס לייב איז נאָך אין אַ פיל ערגערן צושטאַנד, ווי זיינע הויזן.

ער האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט זיינע הענט. ער האָט דעם זון מער נישט געוועקט. ער האָט זיך קוים צוגעוואַקלט צום פענצטער, אַרויפ־געקראָכן אויף אַ בענקל און אָנגעלענט זיין קאָפּ אויפן פענצטער־לייסטל. אַזוי איז ער אָפּגעשטאַנען אַ לאַנגע צייט.

אַז דער זון האָט זיך דערנאָך אויפגעכאַפּט (ווען מען האָט זיי פון דרויסן עסן געבראַכט), האָט ער שוין אויסגעזען מונטערער און אויפגע־רוימט, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. ער האָט געמאַכט עפּעס אַ שפּאַס מיטן פאָטער. (דורך דער צייט פון זייער זיצן זענען צווישן זיך פאָטער און זון נענטער געוואָרן און חברישער. און דער זון האָט זיך שוין דערלויבט אַ שפּאַס צו טון מיטן פאָטער, וואָס ער וואָלט נישט געטון אויף דער פריי.) הורוויץ איז דאַן צוגעגאַנגען צום זון, וואָס איז נאָך האַלב געלעגן אויפן שעניק. דער פאָטער האָט איצט פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס דער זון זיינער ליגט אַזוי אָפּט און זיצט קיינמאָל נישט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן יינגלס שטערן, וועלכער איז אין שלאָף פייכט געוואָרן פון אַנגסטן. ער האָט געהאַלטן די האַנט אויפן זונס שטערן און ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

דער זון איז רויט געוואָרן אויפן פּנים, ווי עס וואָלט אינעווייניק

אין אים א שרפה געברענט. ער האָט לייכט אראָפּגענומען דעם פּאָטערס האַנט פון זיין שטערן און געפרעגט פאַרוואונדערט:

— וואָס איז דעם טאַטן?

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט דערציילט, וואָס זיי טוען דאָרט מיט דיר ביים פאַרהער? — האָט דער פאָטער פאַרשטעלט מיט די הענט זיינע אויגן.

דאָס יינגל איז איין אויגנבליק בלייך געוואָרן, טונקל-בלייך, אַזוי ווי די שוואַרצע ראַנדן אַרום זיינע אויגן־רייפן וואָלטן איינגעשלונגען אין זיך דאָס רויטע פייער, וואָס האָט נאָר־וואָס געברענט אויף זיינע באַקן. ער האָט א טיפן אָטעם געגעבן מיט זיינע נאָזלעכער. דאָס האָט נאָר גע־דויערט איין מינוט. באַלד האָט א געצוווּנגענער שמייכל באַגאָסן זיינע גרויסע אויגן־לעפּער, און ער האָט זיך אָנגערופן מיט א לייכטקייט:

— דאָס מיינט דער טאַטע? איך האָב זיי געזאָגט, וואָס איך קלער וועגן זיי, און זיי האָבן מיר דערפאַר אביסל די הויט צעקראַצט.

— פאַרוואָס טוסטו דאָס? — האָט דער פאָטער אָנגעכאַפּט דעם זון ביי דער האַנט.

— זעט דער טאַטע, דאָס תפיסה־דאָקטאָרל האָט אַזאַ פאַרשיווע אינטעליגענט־געזיכטל, אַז עס גלוסט זיך מיר דערין אַריינצושפּייען יע־דעם מאָל, ווען איך זע אים! פענסנע טראָגט ער.

דער פאָטער האָט שוין געשוויגן.

***

די נאַכט, איידער מ'האָט פאָטער און זון צעשיידט, האָט שוין דאָס יינגל געוווּסט וועגן זיין גורל. מען האָט אים דעם פּסק־דין פאָרגעלייענט ביי'טאָג ביים פאַרהער, אָן א משפּט, לויט די ספּעציעלע פולמאַכטן, וואָס דער גענעראַל־גובערנאַטאָר באַזיצט דורך א דעקרעט פון צאַר. מען האָט אים געשיקט אין דער בשותּפותדיקער צעל אַריין צום פאָטער — זיך גע־זעגענען מיט אים — האָבן זיי אים געזאָגט.

דעם טאָג האָבן זיי אים נישט געפייניקט, און דאָס יינגל איז נישט געווען אַזוי פיזיש מיד, ווי אַן אַנדערש מאָל, ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער אויספאָרשונג.

ווען ער איז צוריקגעקומען צום פֿאָטער אין דער צעל, איז ער געווען אויסערגעוועגלעך באַלעבאַט. ער האָט זיך נישט, ווי אַן אַנדערשמאָל, אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן שעניק, נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו גיין מיט פֿלינקע טריט אַהין און צוריק, ווי אַ יונגער לייב אין אַ שטייג.

דער פֿאָטער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז היינט איז עפּעס געשען מיט זיין זון אויסערגעוועגלעכס. ער האָט אַלץ געוואַרט, ביז דער זון וועט אים זאָגן. דער זון האָט אים נישט געזאָגט.

פֿיר שעה איז ער געזעסן מיטן פֿאָטער צוזאַמען. דורך דער צייט האָט ער פֿאַרן פֿאָטער געלייענט הונדערט סטראָפֿן פֿון „אָדיסעאַ" אין גריכיש פֿון אויסווייניק מיט אַ באַטאָנונג און באַלעבונג. וואָס האָט דעם פֿאָטער געוווּנדערט. דער פֿאָטער האָט אַלץ געוואַרט אויף נייעס, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

נאָר אין מיטן דערינען איז ער געגאַנגען אַ העמד איבערוועקסלען. ער האָט זיך באַהאַלטן אינעם טונקלסטן ווינקל פֿון דער צעל און געשטעלט זיך אין אַ שאָטן אַריין, אַז דער פֿאָטער זאָל זיין נאַקעט לייב נישט זען. האָט זיך דער פֿאָטער פֿאַרוווּנדערט און אים געפֿרעגט:

— וואָס עפּעס אין מיטן דערינען אַ העמד אין מיטן דער וואָך?

— זיי וועלן מיך אוודאי היינט צונעמען פֿון טאַטן. זיי האָבן וועגן דעם געהערט אויפֿן פֿאַרהער. זיי ווילן מיך אין „צענטן פּאַוויליאָן" אַריבערפֿירן.

דער פֿאָטער האָט זיך האַסטיקער אָנגעהויבן איבער דער קאַמער צו דרייען און זיין גמרא־ניגון, וואָס ער האָט נישט אויפֿגעהערט צו ברומען אין תּפֿיסה, איז געוואָרן טרויעריקער און ערנסטער.

— אַז זיי פֿירן איבער אין „צענטן פּאַוויליאָן", איז בעסער. עס הייסט, אַז די אויספֿאָרשונג איז געענדיקט, און מען וועט וויסן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— יאָ, האָסט אפֿשר רעכט.

פֿאָטער און זון האָבן געשוויגן.

נאָר לאַנג האָבן זיי ביידע די שטילקייט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן.

— זאָל דער טאַטע מיר עפּעס זאָגן וועגן יענעם יידישן פֿילאָזאָף, וועגן וועלכן דער טאַטע האָט מיר נעכטן דערציילט.

— דו מיינסט וועגן שלמה בן גבירול און זיין אויפפאַסונג פון דער געטלעכקייט?

דער פּאָטער האָט לאַנג גערעדט מיט אַ לערערישער גערולדיקייט און גענויקייט וועגן שלמה בן גבירולס פילאָזאָפישער שיטה און זיין סיסטעם וועגן דער געטלעכקייט.

— און דער טאַטע גלויבט אין לעבן פון דער נשמה נאָכן טויט?

דער פּאָטער איז בלייך געוואָרן.

— וואָס אינטערעסירט דיך דאָס צו וויסן?

דאָס יינגל איז אויך בלייך געוואָרן.

— איך מיין, ווי עס איז לויט דער יידישער רעליגיע? איז דאָ אַ צווייטע וועלט? דאַכט זיך, אין אַלטן טעסטאַמענט, אין דער ביבל, איז פון אַ צווייטער וועלט גאָרנישט דערמאָנט. איז עס נישט אַזוי, טאַטע?

דער פּאָטער האָט אים דערקלערט די אויפפאַסונג פון אַ צווייט לעבן אין דער יידישער רעליגיע, ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט שפּעטער אין גלות בבל און געקומען צו איר הויך אונטער דעם דרוק פון די רוימער ביים צווייטן בית־המקדש. ער צעלייגט עס אויף טעלערלעך.

נאָר עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער זון הערט אים נישט.

— וועגן וואָס קלערסטו דאָס, אייגנטלעך? — פרעגט אים דער פּאָ־טער.

— מיר דאַכט זיך, — ענטפערט דער זון פּלוצלינג מיט פייער, — אַז וועגן טויט, וועגן לעבן פון דער נשמה אין אַ צווייטער וועלט, קלערן נאָר מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט וואָס צו טון, רייכע און פאַרמעגלעכע און שטאַרקע. נאָך אַלעמען, איז דאָך דאָס אַ לוקסוס־זאַך צו קלערן וועגן טויט, וועגן נשמה, אַ מין באַלעמוטשען. אַן אָרימער מענטש קאָן זיך דאָס גאָרנישט פאַרגינען. ער נעמט דעם טויט, ווען ער קומט, אַזוי ווי ער איז, פאַר אַ נויטווענדיקייט, אַזוי ווי ער נעמט זיין לעבן. נאָך אַלעמען, וואָס איז דער טויט פאַר די, וואָס גלויבן, אַז זיי זענען באַהעפט אין לעבן מיט טויזנטער און מיליאָנען אַנדערע לעבנס, וועמענס צילן און צוועקן עס זענען די זעלבע? די גראָבן־אונטער די אַלטע פאַרפוילטע וועלט און שטרעבן צו באַשאַפן אַ בעסערע און אַ שענערע וועלט פאַר אַלע מענטשן. ווען איך גיי־אונטער, ווער פאַרניכטעט. לעב איך דאָך טויזנט מאָל אין די דאָזיקע טויזנטער און מיליאָנען, וואָס טראָגן ווייטער מיין באַנער און

ווילן, מיין קאַמף, מיין אַלץ, וואָס איך האָב צו דערגרייכן יענעם ציל. מורא האָבן פאַרן טויט האָבן נאָר מורא די איינזאַמע מפונקים, די ני-דערטרעכטיקע ליידיקגייער, וואָס האָבן גאָרנישט אין זייער לעבן, נאָר זיך אַליין. אַ מענטש, וואָס באַלאַנגט צו אַן אידעאַל, וואָס האָט עפּעס אין לעבן, ער לעבט ווייטער, פיל שטאַרקער און מעכטיקער צוזאַמען מיט זיין אידעאַל אין לעבן.

נישט די ווערטער, נאָר דער באַלעבאַטער טאָן, די פלאַקערדיקע אויגן פונעם יינגל, האָבן דעם פאַטערס האַרץ צעטרייסלט. עס איז געווען אַזוי ווי דאָס יינגל וואָלט זיך געווען געווערט קעגן עמיצן, און מיט די ווער־טער האָט ער זיך אַליין געטרייסט, זיך געוואָלט מוט געבן, זיך אַליין שטאַרקן.

דער פאַטער האָט טיף געבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און אים גאָר־נישט אָפּגעענטפערט.

שפּעטער, אַז זיי זענען געקומען נאָך אים, האָט ער פון קישן אַראָפּ־גענומען אַ ריין־געוואַשן האַנטוך, וואָס מען האָט אים געהאַט פון דער היים אריינגעשיקט און צוגעלייגט זיך עס אונטער דער קלאַפּע פון זיין גימנאַזיסטן־מונדיר אויף זיין העמד.

— וואָס נעמסטו עפּעס מיט בלויז אַ האַנטוך? — פרעגט אים דער פאַטער.

— די איבריקע זאַכן וועט איר מיר קאָנען צושיקן.

ער האָט דעם פאַטער די האַנט דערלאַנגט.

— און ווען וועל איך דיך ווידער זען? — האָט זיך דער פאַטער מער נישט געקאָנט קאָנטראָלירן.

— מיינט דער טאַטע, אַז זיי קאָנען אונדז האַלטן לאַנג צעשיידט? עס וועט דען זיי קלעקן צעלן דאָרויף?

דער פאַטער האָט נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס מיינסטו, דוד?

— אין דרויסן זענען דאָ מיליאָנען, וואָס וועלן ווייטער קומען נאָך אונדז, ווען מיר וועלן שוין נישט זיין, — האָט ער דעם פאַטער צוגע־וואָרפן, און איז פלינק אַרויס נאָך די זעלנער, וואָס זענען געקומען נאָך אים.

נאָכן יינגלס אַוועקגיין האָט דער פאַטער ווי אַ רוח געשפּרייזט מיט

אימפּעט אַרויף און אַראָפּ איבער דער צעל, און מיט אַ דערהויבענער שטים איצט געברומט זיין טרויעריקן גמרא־נגון, ווי אַמאָל ביים לערנען, אַזוי, אַז „דער אין דרויסן" האָט אים דורך דעם „יודאַש-לעכל" אויפגעפּאַדערט צו זיין שטיל.

קאַפּיטל 18

אין מאָרגן-טוי

דער הימל איז געווען אויסערגעווענלעך בלוי, ווען מען האָט דודן פון זיין טויט־שטילער קבר־צעל אויפן הויף פונעם „צענטן פּאַוויליאָן" אַרויסגעפירט. יונגט קאָן גאָרנישט טויטן, אפילו נישט דער טויט אַליין. דאָס פאַנטאַסטישע פרילינג־מאָרגן־ליכט, וואָס האָט באַלויכטן די וועלט, וועלכע דאָס יינגל האָט שוין זינט וואָכן נישט געזען, האָט אים פאַרשכורט און געמאַכט צו פאַרגעסן אין דער סיטואַציע, אין וועלכער ער געפינט זיך. ער האָט זיך באַין אופן נישט געקאָנט פאַרשטעלן דעם טויט אין אַזאַ פרילינג־מאָרגן, און נישט געקאָנט גלויבן, אַז די זעלנער פירן אים איצט צו זיין עקזעקוציע.

נאָך מער איז דאָס דאָזיקע געפיל געווען ווייט פון אים, ווען זיי האָבן אים אַרויסגעבראַכט פון הויף אַרויס אויף דער אָפענער גאַס. דאָס שטיקעלע וועג פון „צענטן פּאַוויליאָן" צו דעם עקזעקוציע־פּלאַץ האָט זיך ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנג לעבן. ער האָט טויזנטער געפילן איבערגעלעבט אין אַ מאָמענט. אויף יעדן שריט און טריט האָט ער עפּעס אַנדערש באַמערקט, פון וועלכן זיינע לעבעדיקע, געזונטע חושים זענען געוואָרן באַצויבערט: דער געשמאַק פון די ביימער, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אין דעם פרילינג דערפילט, דער פייכטער טוי, אין וועלכן ער טרעט אויף זיין וועג צום טויט, די אויסטערלישע בלויע באַלייכטונג, וואָס הילטאיין די וועלט. אַ פרישקייט האָט אים אַרומגענומען. ער איז געטובלט געוואָרן אין מאָרגן־ריינקייט און געפילט זיך ווי ער וואָלט נייַ געבוירן געוואָרן. באַלד ביים ערשטן איינהויכן אין זיך דעם פרילינג־ווינט פון פרישקייט האָט ער שוין אין אַלעם געהאַט פאַרגעסן. די וועלט, די ביימער,

די הייזער, וואָס זענען נאָך געשטאַנען פאַרחלומט אין דעם נאַכט־שלאָף — אַלץ איז אים געווען אַזוי נײַ, אַזוי אומבאַקאַנט, און דאָך באַקאַנט...

ער אַליין האָט זיך דורך דעם קורצן וועג פון דער טורמע צו דעם עקזעקוציע־פּלאַץ געפונען אין אַ חלום. אַזוי ווי דער פרילינג־מאָרגן וואָלט אים איינגעשלעפערט. ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף איצט קלערן וועגן עפּעס אַנדערש, אַז באַלד וועט מיט אים געשען אַזעלכעס, וואָס וועט אַן ענדע מאַכן צו אַלעם דעם, וואָס איז געווען ביז איצט, און עס וועט זיך אָנהייבן גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש. נאָר דאָס אַנדערע, פון וועלכן ער דאַרף איצט קלערן, צוגרייטן זיך, איז געווען ווי אַן אומאָנגענעמער חוב, אָן וועלכן מען וויל פאַרגעסן. ער האָט דעם חוב געהאַט אינערלעך אין זיך אַרײַנגעשטעקט, ווי אַ מעסער אין לעבעדיקן לײַב אַרײַן. און דאָך האָט ער געלעבט מיט דעם מעסער אינעם לײַב... ער האָט דורך די פּאָר מינוטן אַרײַנגענומען אין זיך די גאַנצע וווּנדערבאַרע וועלט פונעם פריען טויאיקן פרילינג־מאָרגן.

נאָר אין מיטן איז עס אָפּגעהאַקט געוואָרן, ווי אַ ניגון, וואָס רײַסט זיך פּלוצים איבער. מען האָט אים צוגעפירט צו אַ טויער. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז די מעטע, — די לעצטע גרענעץ. דורך דעם טויער וועט ער אַרײַנגיין, נאָר ער וועט שוין נישט צוריק אַרויסגיין. און ער דערפילט מיט איינמאָל דעם גאַנצן שטעכעדיקן ווייטיק פונעם קאַלטן מעסער אינעם לעבעדיקן לײַב.

נאָר ווען דאָס טויער האָט זיך אויפגעעפנט אים אַרײַנצולאָזן, איז ער געבליבן שטיין אויף דער שוועל. נישט געוווּסט — האָט ער מיט דער האַנט זיך אָן וועמען אָנגעלענט, כּדי נישט אומצופאַלן. זײַנע חושים זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַן אויסערגעוויינלעך בילד, וואָס האָט זיך אויפגעעפנט פאַר זײַנע אויגן. זײַנע פּיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן זײַן באַפעלנדיקן מאַרך. די זעלנער, וואָס האָבן אים באַגלייט, האָבן אים נאָכגעגעבן, ווי מען גיט נאָך אַ קליין קינד, וואָס איז זייער קראַנק. נישט אי־בערגעקלערט, זענען זיי מיט אים אויך שטיין געבליבן אויף דער שוועל געמיינט, אַז ער שרעקט זיך פאַרן טויט. עס האָט נאָר געדויערט אַ מי־נוט דאָס פאַרהאַרן, — אָבער עס איז געווען אַן אייביקייט.

פאַר זײַן פּנים האָט זיך אויפגעעפנט אַ ווונדערלעכע פּאַנאָראַמע. די גאַנצע וועלט איז געלעגן פאַר אים. ער האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז

די וועלט קאָן זיין אַזוי ברייט און גרויס. מיילן ווייט האָבן זיך געקווי־לערט גרינ באַטויכטע פעלדער, אויף וועלכע עס זענען געשפּרונגען קזשאַ־קעס און ביימער, ביז זיי האָבן דערגרייכט צו דער ווייסל. דער בליש־טשענדיקער קאַרק פון דער ווייסל האָט פון די באַשאָטענע בּרעגן אַרויס־געפינקלט, ווי אַ קאַרק פון אַ פאַנטאַסטישן פיש, וואָס וואַרפט מיט פּערל־דיקע שופּן. דער פיש איז געווען פאַרגליווערט, ווי אויסגעגאָסענער מע־טאַל. נאָך אים האָבן זיך ערשט גענומען ציען לאָנקעס און לאָנקעס, ביז זיי האָבן זיך פאַרלוירן אין דעם נעפּל פון אומענדלעכע ווייטקייטן. אין דעם פריען מאָרגן זענען די פייכטע פעלדער פול געווען מיט לעבן. הייזער האָבן געווימלט אויף זיי, ביימער, — שטעטלעך גאַנצע. אומענדלעך, אומ־ענדלעך, — אַ וועלט אַ גאַנצע.

און איבער דער וועלט האָט זיך געקוילערט אַ הימל-וועלט, אַ העג־גענדיקער ים מיט וואָלקן-אינדזלען, וואָס זענען געווען רויט אָפּגעגאָסן ביי זייערע ברעגן פון נאָך נישט געזעענע ליכטער.

דוד האָט זיך נישט געקאָנט באַוועגן: — פאַרוואָס האָב איך עס נישט געזען ביז איצט? — האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן. נאָר אַ זעל־נערשער אָרעם האָט אים אָנגענומען און איבערגעהאַקט דעם געדאַנק אין מיטן.

— קום, יינגל! האָסט געדאַרפט מורא האָבן פריער, איצט איז שוין צו שפּעט.

ער האָט געשפּרייזט שוין מיט שטייפע הילצערנע פיס... ער האָט נישט געזען דעם „באַגלייט", וואָס מען האָט אים געגעבן: די אָפיצירן, טשינאָווניקעס און זעלנער, וואָס האָבן געוואַרט אויף אים ביי דער מע־טע. ער איז נאָך אַלץ געווען אין אָנבליק פון דער וועלט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים. פּלוצים האָט ער דערפילט וועמענס בליקן אויף אים, בליקן, וואָס האָבן אים געשטאָכן ווי שפּילקעס אונטער די נעגל. ער האָט באַמערקט צווישן דעם באַגלייט דאָס טורמע-דאָקטאָרל, וואָס האָט עפּעס מורא געהאַט פאַרצוקומען אין דער שיין און האָט זיך באַהאַלטן הינטער וועמענס רוקן. דוד האָט אין איין אויגנבליק פאַרגעסן אָן אַלע־מען און מיטאַמאָל דערפילט זיין גאַנצע לאַגע. די גאַנצע ביטערקייט פון דער מינוט האָט אים געשטיקט אין מויל. ער האָט געהאַט אַ געפיל, ווי דאָס דאָקטאָרל באַלעקט זיך און וואַרט אויף עפּעס. און ווי אויף להכעיס

זיך אַליין, האָט ער איצט אויף קיינעם נישט געקוקט, נאָר געזוכט מיט זיינע אויגן דאָס דאָקטאָרל.

דאָס טורמע־דאָקטאָרל האָט געהאַט אַ צעקנייטשט קליין געזיכט, ווי אַ מאַלפּע, וואָס איז נישט אַנטוויקלט, אַ דינע נאָז, ווי אַ פינגער, און אויף דער דינער נאָז האָט זיך שוואַך געהאַלטן אַ פּענסנע, וואָס האָט יעדן אויגנבליק געציטערט, נאָר אַראָפּצופאַלן, און דאָס דאָקטאָרל פלעגט יעדן אויגנבליק דערכאַפּן די פּענסנע מיט די פינגער.

דער אָנבליק פון דאָקטאָרל האָט דודן אַריינגעבראַכט אין טרויעריקייט. ער האָט אָבער איצט נישט געוואָלט זיין טרויעריק. ער איז געווען גוט ביים זינען און געמיט זיך נישט צו זיין טרויעריק און געפאַלן. ער האָט אָוועקגענומען זיינע אויגן פונעם דאָקטאָרל און ווידער געקוקט אויף דער אומענדלעכער וועלט, וואָס מען האָט געזען פונעם בערגל, אויף וועלכן ער איז איצט געשטאַנען. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז ווען מען לאָזט אים איצט, וואָלט ער זיך אַראָפּגעקייקלט איבער אַלע פעלדער און קזשאַקעס און גלייך אין ווייסל אַריין. פאַרוואָס האָט ער עס קיינמאָל נישט געטון? נאָך איינמאָל וואָלט ער זיך געוואָלט באָדן אין דער ווייסל, איצט פאַרן טויט וואָלט ער שוין גאָר רואיק געווען. און ער האָט זיך גענומען אין זינען צו קלערן וועגן באָדן זיך אין דער ווייסל, ווי ער ליגט אַ נאַקעטער אין וואַסער, פּלעטשעט זיך אין וואַסער. יאָ, מיט דעם דאָזיקן געדאַנק וועט ער שטאַרבן.

נאָר דאָס דאָקטאָרל האָט אים ווידער געשטערט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס דאָקטאָרל איז אַ טמאדיקער שרץ, און מען האָט דעם דאָזיקן שרץ אַריינגעוואָרפן צו אים אין וואַסער אַריין. ער מוז פלינק אַרויסלויפן. ער וועט זיך נישט קאָנען באָדן.

דערווייל האָט מען עפּעס גערעדט, — מען האָט עפּעס געלעזן און דאָס ייִנגל איז ווידער צוריקגערופן געוואָרן צו זיין טויטן־אַנגסט. דער חשק צו באָדן זיך אין דער ווייסל איז גאָר געווען, נאָר ער האָט שוין געזען, אַז ער וועט עס נישט אויספירן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי ער האָט דאָס אייגענע געפיל, ווי דענסטמאָל, ווען ער איז אַ קינד געווען: ער וויל אַ באַרנע, נאָר די מאַמע וועט זי אים שוין נישט געבן.

און מיטאַמאָל איז די גאַנצע סיטואַציע זיינע געשטאַנען פאַר אים. ער האָט שוין געזען, אַז ער וועט אונטערגיין, און עס האָט זיך אים אויס־

געוויזן, אַז די גאַנצע וועלט, די פעלדער, די ווייסל, וועלן מיט אים צו־זאַמען אונטערגיין. איצט איז אים די וועלט אַ שאָד געווען, מער ווי זיך אַליין.

מען האָט אים אוועקגעשטעלט אויף אַ בערגל, אונטער אַ בוים. ער איז געשטאַנען, און פון דאַנען האָט ער איצט ערשט נאָך בעסער געזען די וועלט, וואָס ציט זיך אויס פון יענער זייט שטיינערנעם פלויט. און אייגנטלעך איז גוט געווען צו שטיין אויך. ס׳איז זיך געשטאַנען זייער באַקוועם, און מען האָט פון דאַנען אַזוי גוט געקאָנט זען די ווייסל.

נאָר באַלד איז ווער צוגעגאַנגען און האָט אים פאַרשטעלט פאַר זיי־נע אויגן דעם אָנבליק פון דער וועלט. די פעלדער מיט די הייזער און די ווייסל — אַלץ, אַלץ. נאַכט איז געוואָרן. ער האָט געביסן מיט די ציין, עפּעס געשריגן און געריסן די הענט. ער האָט ערשט איצט דערפילט, אַז די הענט זיינע זענען געבונדן אַרום דעם בוים. ער האָט אָבער געשריגן:

— אוועק מיטן טוך, אוועק!

אַ געמורמל איז געוואָרן.

ענדלעך האָט מען דאָס טוך אַראָפּגענומען פון זיינע אויגן, און ער האָט שוין איצט גאַנץ גוט געוווּסט, ווו ער איז, און וואָס עס גייט זיך טון מיט אים. נאָר די וועלט, וואָס ער זעט, וועלן זיי נישט אונטער־ברענגען: נישט די פעלדער, נישט די ביימער, נישט די ווייסל — קיין־מאָל נישט. עס וועט לעבן, לעבן און זיין נאָך אים. און דאָס האָט אים גוט געטון. ער האָט איצט געהאַט אַזוי פיל האָפענונג אויף איר. זי וועט לעבן גליקלעך, — אָט די גרויסע וועלט, די גרויסע פעלדער, און די מענ־טשן, וואָס וווינען דאָרט אין די הייזלעך, די מענטשן, וואָס וועלן זיך פירן שיפלעך אויף דער ווייסל; די מענטשן, וואָס וועלן זיך דאָרט באָדן אפשר נאָך אין היינטיקן טאָג.

ער האָט ליב געקראָגן די מענטשן. ער האָט ליב געקראָגן די וועלט און קלאָר געוווּסט, פאַרוואָס ער שטאַרבט איצט. דאָס האָט ער דאָך גע־וואָלט. דאָס איז זיין שטרעבן געווען, — אַז זי, די וועלט, זאָל לעבן נאָך אים גליקלעך. צוליב דעם האָט ער דענסטמאָל דעם טיראַן געשאָסן. און דערפאַר שיסט מען אים אַצינד.

ער האָט אויפגעעפנט זיינע אויגן ברייט און גרויס און אָנגעקוקט די הענקערס אַרום מיט אַן אַרויספאָדערנדיקן, טראָציקן, ייִנגליש־שקצדיקן

בליק. אַ להכעיס־שמייכל האָט זיינע גראָבע ליפּן פאַרקרימט. זיינע גראָבע נאָזלעכער האָבן שווער געאָטעמט. און כאָטש זיין פּנים איז איצטער, מער ווי תּמיד, שוואַרץ־גרוי געווען, דאָך האָט ער געלאַכט פריילעך, ווילד־יינגלעריש געלאַכט און אויסגערופן מיט אַן אוממענטשלעך הייזעריקער שטימע, ווי דענסטמאָל צו די זעלנער אויף דער מאַי־מאַניפעסטאַציע:

— מיך וועט איר אונטערברענגען, אָבער דאָס לאַנד, די וועלט וועט איר קיינמאָל נישט אונטערברענגען!

ער האָט נישט פאַרענדיקט. עס האָט אַ טויבער קנאַל געטון. ווי אַ שטומע חיה האָט ער פאַרוווּנדערט שטום אָנגעקוקט מיט הילצערנע אויגן. דאָס מויל איז אָפן געבליבן, אַזוי ווי אַ ביין וואָלט אים אין דער קעל שטעקן געבליבן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ נעגל פון די פיס, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט קוקן. אין דעם האָט ער זיין קאָפּ געגעבן אַ פאַרלייג אויף דער פּלייצע. די אויגן־הייטלעך האָבן זיך אים געגעבן אַ דריי־אויס אויף דרויסן. באַלד האָט ער מיט זיין גאַנצן קערפּער געגעבן אַ זינק צו דער ערד. פאַלן האָט ער נישט געקאָנט, ווייל ער איז הענגען געבליבן מיט זיינע דינע הענט אַרום דעם בוים.

די ווייסל האָט איצט ברייטשיייניק געפינקלט מיט איר שופּן־רוקן. די זון איז אַרויס פון הימל און האָט זי באַלויכטן.

**
*

די נאַכט, ווען מען האָט איר זון דערמאָרדעט, האָט רחל־לאה אַ חלום געהאַט, וואָס זי האָט מורא געהאַט פאַר די איריקע צו דערציילן. עס האָט זיך איר געחלומט, אַז זי וויל דעם יינגל די הויזן פאַרריכטן, און זי געפינט בשום אופן נישט קיין שוואַרצן פאָדעם, נאָר ווייסן.

— מען קאָן דאָך נישט אַ מלבוש פון אַ לעבעדיקן מיט אַ ווייסן פאָדעם נייען? — האָט זי גערעדט אין איר שלאָף.

קאַפּיטל 19

אויף נייע וועגן

נאָכן יינגלס טויט האָט מען שוין דעם פֿאָטער נישט לאַנג געהאַלטן. קענען אים האָט מען קיין פּראָצעס נישט געמאַכט. מ׳האָט אים נאָר דער־פאַר פאַרנומען, ווייל מ׳האָט דעם פֿאָטער געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין מינדעריעריקן זון.

דער לערער, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט נישט געקאָנט קאָמו־ניקירן מיט זיין משפחה, האָט נישט געוווּסט פון זיין יינגלס טויט, ביז ער איז נישט אַרויסגעקומען אויף דער פריי. ער האָט אויך געמיינט, אַז דורך דער צייט פון זיין פאַרשפּאַרונג איז די שולע אונטערגעגאַנגען. נישט געוווּסט, וואָס ער וועט אָנהייבן. די שולע אָבער איז נישט אונ־טערגעגאַנגען. פאַרקערט, ער האָט זי נאָך געפונען פאַרברייטערט און פאַרגרעסערט. די שטובן אויפגעפרישט, גאַנצע בענקלעך מיט טישלעך, און פאַרזען מיט אַ גוטן לערער־פּערסאָנאַל. ער איז גערירט געוואָרן. האָט באַלד געביטן זיין מיינונג וועגן דעם „רוסישן" יונגנמאַן. אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט ברענגען איבער זיך צו זאָגן זיין אייגן קינד אַ קאָמפּלימענט — אַזוי האָט ער אויך דאָס נישט געקאָנט טון פאַר מיר־קינען, וועלכן ער האָט שוין אויך באַטראַכט פאַר זיין אייגן קינד.

מירקין אָבער האָט זיך מיט דער שולע אַליין נישט אָפּגעגעבן. די שולע איז געוואָרן געפירט דורך העלענקען, אונטער זיין פירמע. ער האָט זיך נישט געפונען פּעאיק אַלס פּעדאַגאָג און איז צוריקגעגאַנגען צו זיין באַשעפטיקונג.

ער האָט שוין איצט געאַרבעט אין אַ ביוראָ פון אַ באַקאַנטן פּוילישן ליבעראַלן אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט פּאָ־ליטישע פּראָצעסן. ער האָט געענדערט זיין מיינונג, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט וועגן דער ראָלע פון פאַרטיידיקונג אינעם צאַרישן רעזשים. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען מוז קעמפן מיטן צאַרישן גע־ריכט מיט אַלע מיטלען. איצט האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אינגאַנצן אין דעם עסק פונעם לערער הורוויצעס עלטסטן זון, וואָס איז אַדמיניסטראַ־טיוו פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. איצט געפינט ער זיך ערגעץ אין

טראַנספּאָרט, דעריבער לאָזט ער נישט הערן פון זיך. ער האָט זיך געזעצט אין פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיי-חברים, די פּוילישע סאָציאַליסטן, צו װעלכע הורװיצעס עלטסטער זון האָט געהערט, און צוזאַמען מיט זיי האָט ער גענומען אָרגאַניזירן — דורך די באַקאַנטשאַפטן, װאָס ער האָט געהאַט אין סיביר נאָך פון זיינע גימנאַזיע־יאָרן, — אַן אַנטרינונג פאַר דעם פאַרשיקטן, װען ער װעט קומען אויף זיין אָרט.

דאָס „בית-מדרש" אין רחל־לאהס שטוב איז אויסגעליידיקט געװאָרן. דער „זשאַכלינער" איז נאָך די געשעענישן פונעם ערשטן מאַי ערגעץ־װוּ פאַרשװוּנדן. און כאָטש ער האָט איצט װידער אויפגעטויכט אין װאַרשע, — האָט אים רחל־לאה נישט מער אַריינגענומען צו זיך. זי האָט געדאַרפט האָבן די שטוב פאַר אַן אַנדערן... איטשעלע, דער אינטעליגענטער אַרבעטער, איז אַראָפּ קיין אַמעריקע. ער האָט סוף־כל־סוף געהאַט געענדערט זיין מיינונג און געװאָלט װייטער שטודירן. אין אַמעריקע, האָט ער געהערט, קאָן אַן אַרבעטער האָבן די געלעגנהייט, אין די פרייע אָװנטן, צו גיין אין אינסטיטוט. אין „בית־מדרש" האָט זיך איצט אַריינגעצויגן מירקין. דער לערער הורװיץ האָט שוין גאָרנישט געהאַט קעגן דעם. ער האָט אים שוין באַטראַכט פאַר זיין איידעם... און מירקין און העלענקע האָבן זיך שוין נישט געדאַרפט אַרומטראָגן מיט זייער ליבע איבער די גאַסן און איבער די שטאָטישע גערטנער. זייער ליבע איז געװאָרן אוים היימלאָז...

װי געזאָגט, האָט דער לערער נישט געהאַט געװוּסט פון זיין זונס טויט ביז צו זיין באַפרייאונג. און זיין ערשט װאָרט איז געװען צום װייב, װען ער איז אַהיימגעקומען פון „פּאַװיאַק", — װעגן דעם יינגלס הויזן:

— רחל־לאה, מען דאַרף שיקן דורן אין תפיסה אַריין אַ פּאָר הויזן. ער גייט אין אַזאַ הולך, אַז עס איז אַ חרפה אויף דער אויספאָרשונג זיך צו באַװייזן.

רחל־לאה האָט אַ זיפץ געגעבן און דערויף אָפּגעענטפערט:

— זיי װעלן אים שוין מוזן נעמען אין דעם הולך, װי ער גייט.

אַז דער לערער איז געװויר געװאָרן, װאָס מיט דעם יינגל איז געשען, — כאָטש ער האָט זיך געריכט דערויף, — איז ער אין די ערשטע פאַר טעג געװען אַזאַ צעבראָכענער, אַז מען האָט געמיינט, דאָס עס עקט זיך מיט אים, און ער װעט שוין צו קיין אַרבעט נישט טויגן. דאָך האָט

ער זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום באַרואיקט. ער איז טאַקע עלטער געוואָרן מיט יאָרן דורך די פּאָר טעג, און דאָס בערדל איז מיטאַמאָל גראָ געוואָרן. אָבער ער האָט באַלד צוריקגעפונען זיין אינטערעס אין לעבן, וואָס ער האָט געהאַט פאַרלוירן. זיין חשק צו בילדונג האָט זיך ווידער באַנייט. און מער ווי פריער האָט ער זיך איצט אַריינגעלאָזט אין זיין אַרבעט אין דער שולע, אין בילדונג פאַר זיך אַליין. אַן אומפּאַרווּסטלעכע יונגנטלעכקייט, וואָס ער האָט געהאַט מיטגעבראַכט פון זיינע בחורשע יאָרן פון בית-מדרש און חסידים-שטיבל, האָט אים געהאָלפן אַריבערצושווימען איבער אַלע צרות.

אַנדערש אָבער איז עס געווען מיט רחל-לאהן. זי האָט נישט געוויינט, ווען זי איז געוואָרן פונעם אומגליק. קיין טרער אין איר אויג האָט זיך נאָך נישט באַוויזן ביזן היינטיקן טאָג. נאָר אַ ביטערקייט האָט זיך געזעצט אויף די ראַנדן פון איר מויל, אויסגעדריקט אין אַ גרימאַסע, וואָס מ'האָט נישט געוווּסט, צי איז עס אַ שמייכל אָדער אַ געוויין. אירע ליפּן האָבן באַקומען אַ בלאָלעכן קאָליר, וואָס האָט אָנגעזאָגט אויף נישט גוטס... אירע אויגן האָבן זיך טיפער אַריינגעזעצט אין די לעכער, און די טונקעלע רעדער אַרום — זיי האָבן זיך פאַרגרעסערט. און כאָטש מען האָט קיין טרער נישט געזען פון זיי — דאָך האָבן זיי זיך, די גרויסע שוואַרץ-אַפּלען, געהאַלטן אין איין וואַשן אין אַ פייכטן גלאַנץ, וואָס האָט שטענדיק אָנגעפילט רחל-לאהס גרויסן אויגן-אויסשניט. איר נידעריקער שטערן איז נאָך נידעריקער געוואָרן און איינגעקנייטשטער. אירע האָר זענען געבליבן שוואַרץ און געדיכט ווי פריער, נאָר איין פּאַס איז איבער נאַכט גראָ געוואָרן, און געלייגט זיך פון אויבן אויף איר שייטל קאָפּ.

אויך אין איר געמיט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. ערשטנס, איז אַריינגעטראָטן אַ שטילקייט אין איר, וואָס מ'האָט ביז איצט נישט באַמערקט. זי פלעגט פּלוצים, אין מיטן דער בעסטער אַרבעט, ביי׳דער קיך אָדער ביים וועש וואַשן, אַלץ לאָזן שטיין און זיך אָוועקזעצן מיט פאַרלייגטע הענט. אירע אויגן האָבן ערגעץ-ווו געקוקט, ווי זיי וואָלטן געזען זאַכן, וואָס זענען געווען פאַרהוילן פון די אַנדערע.

אַזוי פלעגט זי זיצן האַלבע און גאַנצע שעהען לאַנג, ביז איינס פון די קינדער, אָדער דער מאַן, פלעגן זי אויפוועקן:

— רחל-לאה — וואָס זיצסטו?

— האָ? — פלעגט זי זיך אויפוועקן, ווי פון אַן אַנדערער וועלט.

זי איז אויך גלייכגילטיקער געוואָרן צו געוויסע זאַכן, אין וועלכע זי איז דאָך געווען פאַרברענט, ווי, למשל, צו דער באַוועגונג. זי האָט כמעט פאַרלוירן איר אינטערעס צו דעם לעבן אַרום איר. די צוזאַמענ־קונפטן אין די פּריוואַט־צו־נאַכטסן האָבן אויפגעהערט, כאָטש דער „זשאַבלינער" און נאָך אַ צוויי־דריי פלעגן ווייטער אַרויפקומען. נישט אַזוי אָפט ווי פריער, נאָר פון צייט צו צייט. אָבער זיי האָבן איצט מער מיטן לערער און מירקינען גערעדט, ווי מיט איר. זי פלעגט אָפטמאָל ביים אויוון (אויס געוואוינהייט) צוהערן זיך און עס האָט זיך געדוכט, אַז זי איז ערגעץ־ווו אין אַן אַנדער וועלט.

נאָר צו איין זאַך האָט זי נישט געהאַט פאַרלוירן איר אינטערעס — צו די שכנים פון איר הויף. פאַרקערט, זי האָט זיך איצט מער אָפּגע־געבן מיט די שכנים, ווי פריער. און דער עיקר האָט זי איר גאַנצע טע־טיקייט געשאָנקען דעם סובאָטניטשן ווייבל און אירע קינדערלעך.

זי פלעגט אויף גאַנצע טעג פאַרפאַלן ווערן. די קינדער האָבן שוין געוווסט ווו זי צו זוכן; דאָס איז געווען אויבן אין דער הויך ביים סובאָט־ניטשן ווייבל, ווו זי איז געשטאַנען ביים קיכל און געקאָכט אַן עסן פאַר די קינדער, — פון די פּראָדוקטן, וואָס זי האָט געזאַמלט „אין נאַטור" אין די געוועלבלעך און ביי וועלוול קעלבאַס. אַמאָל האָט זי זיך אויך אוועקגעשטעלט ביי דער באַליע, אויסוואַשן אַביסל וועש פאַר די קינ־דער. איצט איז זי באַשעפטיקט דערמיט, וואָס זי לויפט אַרום צו די שכנים זאַמלען געלט, אַרויסצושיקן די „סובאָטניטשע" אויף אַ סעזאָן קיין אָטוואָצק...

פון איר באַציאונג צו מירקינען האָט זי אויך פיל פאַרלוירן. זי איז עפּעס צוליב אַן אומבאַוווסטער סיבה קילער געוואָרן צו אים. זי האָט אים באַטראַכט פאַר דעם חתן פון איר טאָכטער, וועלכער וועט באַלד איר איידעם ווערן, אָדער איז שוין איר איידעם — און זי האָט געפילט, אַז ער דאַרף זי נישט מער. ער האָט איצט וועמען אַנדערש. ס'איז נישט גע־ווען קיין אייפערזוכט, וואָס האָט רחל־לאַהס סימפּאַטיעס אָפּגעקילט צו מירקינען. אפשר דאָס אויך (ווער קאָן שאַצן אַ ווייבערישע נשמה?). זי האָט אים גוי אַביסל מקנא געווען, נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אירע קינ־

דער, פאַר דעם, וואָס ער פאַרנעמט דאָס אָרט אין איר שטוב, אין האַרץ פון אירע פאַרלוירענע זין.

דערפאַר אָבער האָט זי זיך זייער אָנגענומען פאַרן ישיבה־בחור, וואָס איז איצט אַ שרייבער, וועלכן זי האָט אַמאָל געפונען הינטער דער טיר פון איר שטוב. כאָטש דאָס „בית־מדרש" איז שוין געווען אויפגע־לייזט (אין דער שטוב האָט זיך אַריינגעצויגן העלענקע, וועלכע אַלע האָבן שוין אָנערקענט פאַר מירקינס כלה), האָבן זיך, דער „זשאַבלינער" און דער בחור, דער שרייבער, זיך געקלעבט אַרום דעם לערער הורוויץ און פלעגן אַרויפקומען אין די אָונטן. מייסטנס אָבער האָט זיך איצט רחל־לאה פאַראינטערעסירט מיט דעם בחור, דעם שרייבער.

ווי אַמאָל איבער מירקינען, האָט זי איצט געזאָרגט איבער דעם פרעמדן בחור. זי פלעגט זיצן גאַנצע אָוונטן און זיין וועש אויספאַרריכטן, אָדער די שקאַרפּעטקעס שטאָפּן. זי האָט אים אויך מיט אַנדערע זאַכן פאַרזאָרגט. דער בחור איז איצט געווען אַ גאַנצער בן־בית ביי די הור־וויצעס. ער האָט אין די יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן, וואָס זענען דענסטמאָל דערשינען אין וואַרשע, זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָדוקטן פאַרעפנטלעכט, וואָס האָבן געצויגן אויפמערקזאַמקייט אויף אים. אויך האָט אַ באַרימטער יידישער שרייבער אין וואַרשע, אַרום וועלכן עס האָבן זיך געדרייט די יונגע שרייבער, געהאַלטן פון אים. ער האָט איצט פאַר־קערט אין די ליטעראַרישע קרייזן. זיין נאָמען איז געוואָרן באַקאַנט אַלס אַ באַגאַבטער יידישער פּראָזאַאיקער, אויף וועלכן מ'האָט געלייגט האָפע־נונג.

דער יונגערמאַן פלעגט זייער אָפט אין די אָוונטן אַריינקומען צום לערער און פאַרלעזן פון זיינע שאַפונגען. דער לערער האָט געהאַלטן פון אים אַ וועלט — און זיך מער געווידמעט זיין בילדונג. ער פלעגט אים באָרגן ביכער און לערנען מיט אים אין די אָוונטן געוויסע קענגשטאַנדן. צוליב דעם יונגנמאַנס איינפלוס האָט זיך די באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך געענדערט אינעם לערערס הויז, אי ביים לערער אַליין, אי ביי זיינע טעכטער...

שוין אין די לעצטע יאָרן האָט דער „זשאַרגאָן" אָנגעהויבן אַריינ־צודרינגען אין די הורוויצעס שטוב אַריין, צוזאַמען מיט דער „רעוואָלוצ־יע", צום פאַרדרוס פונעם לערער, כאָטש דער „זשאַרגאָן" איז געהאַלטן

געוואָרן אין דער קיך, ביי רחל-לאהן, ווו מ'האָט אין די פּריוואַט־צוזאַמענקונפטן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. אָבער זינט דעם לערערס אַרעסט, — האָט דער „זשאַרגאָן" אַריינגעצויגן זיך פון דער קיך אין דער שטוב, און כמעט באַהערשט דאָס גאַנצע הויז, צוזאַמען מיט דער שולע. די טעכטער, וועלכע זענען צוגעוווינט געווען, אַז ליטעראַריש אויסדריקן זיך קאָן מען נאָר אינעם פּוילישן לשון (דער פאָטער האָט נאָך צוגעלאָזט דעם „זשאַרגאָן" פאַר אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די פינצטערע מאַסן), — זענען דורך די ליטעראַרישע שאַפונגען פון זייער שיצלינג געוואָרן פאַמעלעך פאַר דער יידישער שפּראַך. דורך דער צייט, וואָס דער לערער האָט זיך געפונען אין „פּאַוויאַק", און מירקין האָט רעאָרגאַניזירט די שולע, זענען מיט דעם בחור-ליטעראַטס הילף, איינגעפירט געוואָרן געוויסע ענדערונגען. מ'האָט איינגעפירט קורסן פאַר דער יידישער שפּראַך אין די העכערע קלאַסן. אין די נידעריקע איז מען גאָר איבערגעגאַנגען אויף די קינדערס מוטער־שפּראַך. אַלע האָבן זיך געשראָקן פאַרן לערער, ווען ער וועט אַהיימקומען פון תפיסה און געפינען די דאָזיקע ענדערונג. נאָר צו אַלעמענס איבערראַשונג האָט דער לערער הורוויץ, נאָך זיין באַפרייאונג — נישט נאָר אַקצעפּטירט די רעפאָרם, וואָס איז געוואָרן איינגעפירט, אָן זיין וויסן, אין זיין לעבנס־ווערק, נאָר ער האָט זי געפונען פאַר וויכטיק און נויטווענדיק און ער האָט זיך איר געווידמעט.

זעט זיך אויס, אַז אויך אינעם לערער האָט זיך עפּעס געענדערט.

***

יאָ, צו יענער צייט, ווען מ'האָט דעם לערער הורוויץ אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, האָבן די צייטונגען געטומלט וועגן אַן אַטענטאַט, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אויף אַן עסטרייכישן פּרינץ אין אַ סערבישער אָדער בולגאַרישער שטאָט.

דער פאַקט אַליין איז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען, אַ חוץ די לייזיקגייערס, וואָס האָבן נישט מער וואָס צו טון, נאָר אָפּצוגעבן זיך מיט צייטונגען לעזן, — האָבן טייל באַדויערט דעם פּרינץ און אַנדערע האָבן געזאָגט:

— אַ שיינע ריינע כפרה אויף אים, זאָל ער נישט קריכן דאָרט,

ווו מען בעט אים נישט. — נאָר גערעדט האָט מען, אַז ס'קאָן דערפון אַרויסקומען אַ מיאוסע מעשה.

באַלד אָבער האָט מען אין דער גאַנצער געשיכטע פאַרגעסן. יעדער איינער האָט געהאַט זיינע אייגענע זאָרגן און איז געווען פאַרנומען מיטן שטיקעלע ברויט, און איבערגעלאָזט די פּאַסירונג פאַר די צייטונגען — זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין דער וואַנט — און פאַר לײדיקגײערס, וואָס האָבן נישט וואָס בעסערס צו טון, נאָר אָפּצוגעבן זיך מיט פּאָליטיק.

ביי די הורוויצעס אין הויז איז קיינעמס קאָפּ איצט נישט געשטאַנען צו פּאָליטיק, און מען האָט דער גאַנצער פּאַסירונג נישט געשאָנקען די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט.

קאַפּיטל 20

דער שטראַל אין וואַלד

נאָך אין די בית־מדרש־יאָרן האָט דער לערער הורוויץ געהאַט די געוווינהייט זיך צו באָדן זומער־צייט אין קאַלטע טייכן. די תפיסה, און אויך נישט זיין זונס טויט, האָבן נישט געקאָנט די דאָזיקע לוסט אָפּטויטן ביי אים, אַזוי ווי זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּטויטן זיין בחוריש געמיט. ווי אַ גוטער ייד פאַרפעלט נישט צו דאַווענען, אַזוי האָט דער לערער הורוויץ נישט פאַרפעלט אין די זומער־פאַרנאַכטן זיך צו באָדן אין דער ווייסל.

אַמאָל האָט ער געשלעפּט זיינע זין צום באָדן, איצט האָט ער מירקינען געפירט יעדן פאַרנאַכט אויפן ווייסל־ברעג.

איינמאָל אין אַזאַ זומער־פאַרנאַכט, ווען זיי זענען ביידע אַהיימגעגאַנגען פון באָדן, אָפּגעקילטע און פרישע, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף זייער באַלעבטע גאַסן. די גאַסן זענען געווען ממש פאַרטרונקען פון מענטשן. אין אַלע ווינקלען זענען געשטאַנען קופּקעס, רעדלעך מענטשן, געהאַלטן די נאָר־וואָס געקויפטע „עקסטרעס" אין האַנט, און מיט שרעק אין די אויגן וועגן עפּעס־וואָס דיסקוטירט.

ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די געשעעניש, וואָס האָט זיך פאַר־

לאָפן פאַר אַ טעג אַכט צי צען, און וועלכע מ׳האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, די געשעעניש פון דעם אַטענטאַט אויף אַן עסטרייכישן פּרינץ אין אַ סערבישער אָדער בולגאַרישער שטאָט (די גוטע יאָר ווייסן, וואָס פאַרא מדינה דאָס איז), — האָט געבראַכט פּאָלגן. עסטרייך האָט געשטעלט סערביען אַן אולטימאַטום, — און די צייטונגען האָבן אויסגעדריקט די מורא, אַז מען שטייט פאַר אַ וועלט־פייער.

ווען מירקין און דער לערער זענען אַרויפגעקומען אין שטוב אַריין, האָט פּונקט רחל־לאה שבת־געמאַכט. דאָס הייסט, זי האָט נאָר וואָס גע־האַט די פּאָדלאָגע געוואַשן, מיט זאַמד אויסגעשייט און ברייט די פּענצ־טער געעפנט. העלענקע, אַ באָרוועסע, מיט נאַקעטע, אויפגעשאַרצטע הענט, האָט דער מאַמען צוגעהאָלפן אויסקילן די שטובן. די ווייבער האָבן צוערשט נישט געוואָלט די מאַנספאַרשוינען אַריינלאָזן אין שטוב, ביז די פּאָדלאָגע וועט זיך נישט אויסטריקענען. דערהערט די נייעס, אויף וואָס מ׳ריכט זיך, האָט רחל־לאה דאָס מאָל פאַרקוקט, אַריינגעלאָזט די מאַנס־פאַרשוינען אין דעם געוואַשענעם צימער מיט אַ באַמערקונג:

— מיר איז עס שוין אַלץ איינס, וואָס עס וועט געשען.

מ׳האָט נישט געקאָנט וויסן, צי זי מיינט דאָס אויף דעם וועלט־פייער, וואָס שטייט־פאָר, צי אויף איר געוואַשענער פּאָדלאָגע, — און אפשר אויףביידע.

נאָר באַלד איז דער „זשאַכלינער״ אויך געקומען אַנצולויפן מיט אַן „עקסטראַ״.

ער איז געווען אויסערגעוויינלעך אויפגערוימט, כמעט פריילעך קאָן מען זאָגן. אַן אומפאַרשטענדלעך און אומבאַקאַנט ליכט האָט געברענט אין זיינע אומרואיקע שוואַרץ־אַפּלען, און אַזוי ווי זיינע אויגן, אַזוי האָט ער אויך אַליין געצאַפּלט. געהאַלטן אין דער געזונטער האַנט די „עקסטראַ״, האָט ער מיט דער קראַנקער עפּעס אַ טריאומפירנדיקן זשעסט געמאַכט.

— איר האָט׳ס שוין געלעזן?

דער לערער און מירקין זענען פון די נייעס זייער ערנסט געוואָרן, דאָס גאַנצע הויז האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט אַן אַנגסט פאַר דעם אומ־באַוווּסטן, און אַלע זענען געווען דעפּרימירט און נידערגעשלאָגן און האָבן אַנגעקוקט דעם „זשאַכלינער״ פאַרוואונדערט איבער זיין אויפגע־רוימטקייט.

— ס׳קאָן זיין, אַז איצט, ווי מיר זיצן דאָ, שפּרייזן שוין אַריבער די עסטרייכישע סאָלדאַטן די סערבישע גרענעץ, די האַרמאַטן קלאַפּן שוין. און ביי אונדז וועט עס זיך אויך באַלד אָנהייבן, — זאָגט דער „זשאַכלינער” צו די שווייגנדיקע מאַנספּאַרשוינען.

— און וואָס איז אויף אייך די שמחה? — פרעגט דער לערער אַ דערשטוינטער.

— וואָס איז אויף מיר די שמחה? — דער פּסק־דין האָט זיך אָנגעהויבן! — שרייט־אויס דער „זשאַכלינער” און אַן אומפאַרשטענדלעכע, טריאומפירנדיקע פרייד זעצט אים אַרויס פון די אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט כאַטש געוועזן דער, וואָס האָט דאָס געבראַכט אויף דער וועלט:

— דער פּסק־דין, — שרייט ער אויס, — פאַר די זינד, פאַר דעם מערדערשן פאַרברעכן. אַ מבול, אַ מבול וועט קומען איבער דער וועלט און וועט זי געבן אַ וואַש־אָפּ. אוי, וועט ער זי געבן אַ וואַש־אָפּ! אַ מבול, וואָס זיי האָבן אַליין געבראַכט אויף זיך מיט זייערע פאַרברעכערישע זינד.

— איך פאַרשטיי אַלץ נאָך נישט די פרייד, וואָס איר האָט דערפון? — פרעגט ווידער דער לערער אַ דערשטוינטער.

— די פרייד? — איר פאַרשטייט נישט. ס׳ברעכט אַלץ צוזאַמען, די גאַנצע ליגנערישע וועלט, די פאַרברעכערישע, אין איר פונדאַמענט, מיטן דאַך אויף די ווענט — ווי אַ קאַרטן־הויז. די זונהדיקע, מיאוסע וועלט — זאָל זי פאַלן. זאָל זי באַגראָבן ווערן אונטער די זינד, וואָס זי האָט געבראַכט אויף זיך. דערנאָך, ווען זי וועט שוין ליגן אַ חרובע, אַ פאַרברענטע, — וועלן מיר, מיר פון אונטער אירע חורבות אַרויסקריכן — און מיר וועלן זי אויפבויען אויפסניי, אויף גאַנץ אַנדערע יסודות, אויף גערעכטע, אויף מענטשלעכע. עס וועלן מער נישט זיין קיין אונטערדריקטע און קיין אונטערדריקער. אַלע, אַלע — וועלן מיר זיין — — — —

נאָר דער לערער האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן זיין פּאַטעטישע רעדע. דער לערער איז פאַר אויפרעגונג בלייך געוואָרן, און קעגן זיין געוווינהייט איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, צוגעלאָפן צום „זשאַכלינער”, אים אָנגעכאַפּט ביי די פּלייצעס און אָנגעהויבן צו שאָק-

לען. מען האָט געמיינט, אַז ער וויל אים דערשטיקן. אַזוי האָט עס אויס־געזען.

דער לערער האָט געהאַט איין וואָרט גרייט אין זיין מויל:

— אַרויס פון מיין שטוב! אייער געביין זאָל זיך דאָ נישט געפי־נען! — נאָר אַנשטאָט דעם האָט ער געזאָגט ציטערנדיק, אַ בלייכער. און צעקריצנדיק יעדעס וואָרט אין זיינע ציין:

— אויף בלוט ווילט איר בויען אייער וועלט?! ניין, ניין. — דאָס בלוט, וועט אייך אַליין פאַרשווענקען, איר אַליין וועט באַגראָבן ווערן אונטער די חורבות! פון קיין שלעכטס — קאָן קיין גוטס נישט אַרויס־קומען, — האָט זיך דער לערער אָנגעהויבן צו באַרויקן נאָכן ערשטן זעטיקן זיין כּעס. ער האָט אָפּגעלאָזט דעם „זשאַבלינער", אַביסעלע פּאַר־שעמט פאַר זיין אויסברוך — און זיין שטים איז געוואָרן מער נאַטיר־לעך.

— איר פאַרשטייט, וואָס איר האָט געזאָגט? — מענטשלעכע לעבנס שטייען אין קאָן. טויזנטער און טויזנטער יונגע אומשולדיקע נפשות וועלן פון דער וועלט גיין. מענטשן וועלן צוריק חיות ווערן, איינער וועט דעם אַנדערן פרעסן, — און איר ווילט דערפון אַ וועלט בויען? — ניין, ניין! איך וועל אייך זאָגן, וואָס עס וועט ווערן, — האָט זיך שוין דער לערער איינגאַנצן באַרויקט און צוריק אַוועקגעזעצט זיך אויף זיין אָרט:

— מיר וועלן צוריקגיין דורך דער בלוט־באָד אין מיטלאַלטער אַריין, מיר וועלן אויסמעקן יעדע שפּור פון ציוויליזאַציע און פּראָגרעס. מיר וועלן זיך אַ רוק טון, — אָווא, ווי ווייט. די וועלט וועט פול ווערן מיט שנאה, מיט גיפט. די וועלט וועט ווערן אַ ווילדער וואַלד, וואָס איין מענטש וועט אויפן אַנדערן אין געיעג גיין. איך וויל גאָרנישט טראַכטן, וואָס וועט ווערן, — פאַרשטעלט זיך דער לערער די אויגן, און רעדט מיט אַ ווייטיקדיקער שטימע, ווי פאַר זיך אַליין: — געמיינט, אַז וואָס — וואָס, נאָר צו דעם וועלן מיר שוין נישט דערגיין; אַז דער מענטש־לעכער פּראָגרעס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, דאָס זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט אָנכאַפּן זיך אין דעם דאָזיקן באַרבאַרישן מיטל. ס'איז דאָך באמת צו פאַרצווייפלען! עס דאַכט זיך דאָך טאַקע אויס, אַז מיר בלאָנדזשען ערגעץ אין אַ וויסטן חלל. ס'איז נישטאָ קיין לאָגיק אין אונדזער געשיכ־טע, נישטאָ קיין פּראָגרעס אין אונדזער אַנטוויקלונג, נאָר מיר מאַכן אום־

זיניקע זיך־זאגן. ווו איז דער אינהאלט? ווו איז דער באווייז, אז מיר גייען טאקע פאראויס; אז אזא מענטש, ווי ער, — ווייזט ער אויפן דערשטווינטן „זשאבלינער“, — א סאציאליסט ניבע־טא, אן אידעאליסט, א קעמפער פאר גערעכטיקייט, פאר אונטערדריקטע, — בווט זיין צו־קונפטיקע וועלט אויף א פונדאמענט פון בלוט און מענטשלעכע פגרים! — ווי וועט אויסזען די וועלט, וואס וועט שטיין אויף אזא פונדאמענט?

— נישט קיין וועלט וועט עס זיין, נאר א גיהנום, איר פארשטייט?

— שרייט־אויס דער לערער. — א גיהנום, אנגעפילט מיט חיות. א חיה האט דאך איצט גערעדט, נישט קיין מענטש, נישט קיין סאציאליסט. און אז ער רעדט אזוי, — וואס זאלן שוין אנדערע זאגן? — ניין, די חיה שטעקט אין אונדז אלעמען, און מיר גייען צוריק אין שווארצן, מערדע־רישן וואלד אריין, אן אן אויסוועג און אן א האפענונג.

א שטילקייט האט געהערשט נאכן לערערס רייד. דער „זשאבלי־נער“ האט מורא געהאט דאס מויל צו עפענען. נישט דערפאר, ווייל ער האט נישט געהאט קיין ארגומענט צו ענטפערן, נאר ער האט זיך דער־שראקן פארן לערערס אויפרעגונג.

נאר רחל־לאה, זיצנדיק אין איר ווינקל ביים אויוון (כאטש זומער, אויס געוווינהייט) מיט טעפל טיי אין האנט, האט מיט איין האנט פארלייגט זיך א פאס גרויע האר, וואס האבן זיך ארויסגעריסן פון איר שייטל און זיך אנגערופן אין א שטילן, רואיקן טאן:

— מיין מאן, — דו קאנסט מיר טון, וואס דו ווילסט, נאר איך וועל דיר זאגן, אז דער „זשאבלינער“ האט רעכט. איידער אזא וועלט — איז שוין טאקע גלייכער א שווארצער וואלד.

דאס האט דעם „זשאבלינער“ צוגעגעבן מער מוט, און ער האט צו־געלייגט מיט א ביטערע שמייכעלע:

— ווארים די מלחמה האט זיך דען איצט אנגעהויבן? — די מל־חמה האט זיך דאך שוין לענגסט אנגעהויבן. וואס איז דער חילוק צי אין דער פארם, צי אין אן אנדערער? מ'דארף נאר וויסן, אויף וועלכן צד מען שטייט.

— ער האט דען נישט רעכט? — זאגט רחל־לאה פון איר ווינקל־ארויס. — בלוט גיסט זיך דאך סיי ווי סיי. ביז איצט האט זיך עס גע־

גאַסן באַהאַלטענערהייט, קיינער האָט נישט געוווסט דערפון, — איצט זועלן אַלע זען.

דער לערער האָט זיך אַרומגעקוקט הילפלאָז, ווי ער וואָלט ביי ווע־מען הילף געזוכט. ער איז פאַרצווייפלט געוואָרן, און אוממעכטיק די הענט אַראָפּגעלאָזט, פאַרבייסנדיק די ליפּן אין אַ יאושדיקער גרימאַסע.

נאָר דאָ איז אים אומגעריכט מירקין געקומען צו הילף.

מירקין, וועלכער איז געזעסן אין אַ ווינקל מיט העלענקען און ערנסט צוגעהערט זיך צו דעם אויפרעגנדיקן געשפּרעך, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין שטוב, האָט האַרטנעקיק געשוויגן, ווי עס וואָלט אים שווער געווען אויסצואַרבעטן זיך אַ מיינונג פאַר זיך. מ׳האָט שוין געמיינט, אַז ער וועט זיך באַגנוגענען מיט צוהערן. אומגעריכט האָט ער גענומען אַ וואָרט. און ווייל זיין שטימע איז געווען אַ נידעריקע און זיין טאָן אַן אויסער־געוויינלעך רואיקער, האָט עס אין דער אויפברויזונג, וואָס האָט געהערשט פון דער פייערדיקער דיסקוסיע, געמאַכט פון אָנהייב־אָן אַן איינדרוק, און אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו אים אויפמערקזאַם.

— מיר דאַכט זיך, — האָט מירקין זיך אָנגערופן, — אַז איר האָט ביידע אַ טעות. אי הער הורוויץ (יעדעס מאָל ווען עס איז מירקינען אויסגעקומען זיך צו ווענדן צום לערער, איז ער געקומען אין אַ פאַר־לעגנהייט. ער האָט נישט געוווסט ווי אים צו טיטולירן, מחותן צי שווער, — האָט ער באַנוצט דעם נאָמען, נאָר אין אַ שטילן טאָן), אי דער חבר „זשאַבלינער". ביידע האָט איר נישט אין באַטראַכט גענומען דעם וויכ־טיקסטן פאַקטאָר אין די טרויעריקע געשעענישן. — ווער מאַכט די מל־חמה? — די מלחמה מאַכן מענטשן. און איך גלויב אין מענטשן. דאָס מענטשלעכע גייט־מיט מיט דעם מענטשן אומעטום, וווּ ער געפינט זיך. עס קאָן פאַרשטומט ווערן, פאַרטרונקען ווערן דורך העץ־מיטלען, דורך אויפגערייצטע ליידנשאַפטן אויף איין טאָג, אויף צען, אויף אַ יאָר. — נאָר דאָס מענטשלעכע וועט זיך אין אים אויפוועקן און בייקומען אַלע ליידנשאַפטן און אַלע זינד. איך ווייס נישט, אויף ווי לאַנג עס גייט דער מענטש אין שוואַרצן וואַלד אריין, — האָט מירקינס שטימע ביי די דאָזיקע ווערטער געציטערט פאַר ערנסטקייט. — איך ווייס אויך נישט, וואָס עס דערוואַרט אים אויף יענער זייט וואַלד, צי וועט ער טאַקע געפי־נען די צווייטע וועלט, וועגן וועלכער חבר „זשאַבלינער" רעדט. איך גלויב

אויך, ווי דער העך הורוויץ, אז אויף קיין בלוטיקן פונדאמענט קאָן מען נישט בויען. נאָר איך גלויב אויך נישט, אז דער מענטש וועט איבער־בלייבן בלאָנדזשען אין וואלד. ווייסט איר פאַרוואָס? — דערפאַר, ווייל דער מענטש נעמט־מיט מיט זיך אין דעם שווארצן וואלד אריין זיין מענטשלעכן אינסטינקט, און דער דאָזיקער אינסטינקט וועט אים ראַטעווען, ווי ער האָט אים ביז איצט דערהאלטן און צוגעפירט אים צו דער מדרגה, ווו ער געפינט זיך... דאָס מענטשלעכע אין מענטשן וועט זיך באלד אָנהייבן בונטעווען קעגן דעם וואלד. דער מענטש וועט ארויס־קומען פונעם וואלד מיט פארבלוטיקטע נעגל פון ברודער־מאָרד, — אָבער א שעמעוודיקייט וועט ליגן אויף זיין פנים און א געלייטערטקייט אין זיין הארץ, ווי א קינד, וואָס האָט זיך איינגעריכט אין בלאָטע און קומט־צוריק צו זיין מוטער מיט פארשמירטע הענט. א פינצטערע נאכט רוקט זיך אויף אונדז, נאָר איך האָב נישט קיין מורא, איך האָב פארטרויען צום מענטש, ער וועט ארויסשפרייזן פון אַלע וועלדער און נעכט, וואָס ליינן זיך אויף זיין וועג. ווי זיג־זאַגיש דאָס זאָל זיך נישט אויסווייזן, איז דאָ א לאָגיק אין זיין גאנג, און א ציל אין זיין וועג...

א טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין שטוב נאָך מירקינס ווער־טער. דער לערער האָט געבויגן זיין קאָפּ צו דער ערד, אָנגעלענט אויף זיינע הענט. אזוי האָט אויך געטון דער „זשאבלינער". עס האָט אים אָפּגענומען דער חשק צו דעם ענטפער, וואָס איז געווען פארטיק אויף זיין צונג. דאָס זעלבע דער לערער. זיי האָבן דערפילט, אז נישט קיין ווערטער זענען דאָ גערעדט געוואָרן, נאָר עס האָט זיך אנטפּלעקט פאַר זיי א הייליקער גלויבן פון א מענטשן.